ב״ה

# אין ליכט
# פון תורה

מסכת

# חולין חלק א׳

עם פירוש אידיש
כפי רש״י ומלבי״ם ז״ל
וגם בלשון הקודש

**477**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ״ו לפ״ק

בעזרת השם יתברך

# מסכת
# חולין
## חלק ראשון

עם פירוש אידיש כפי רש"י ומלבי"ם ז"ל,
וגם הפירוש בלשון הקודש כפי מלבי"ם ז"ל

הפירוש הזה יחוה צפונות, ויגלה פליאות, ויפתור חידות, ויברר כי כל דברי תורה שבעל פה הלא הם כתובים באצבע אלקים בתורת הכתב ויתן אות ומופת על אמתת תורה שבעל פה ועל גודל חכמתה וקדושתה.

מלוקט ומעובד מנאי

שלמה בן בצלאל דריליך
שנת תש"ד לפ"ק, ניו יארק.

❖

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ"ו לפ"ק

# מסכת חולין

## מן תלמוד בבלי

### חלק ראשון

## עם פירוש יידיש
## כפי רש"י ומלבי"ם ז"ל.

### וגם הפירוש בלשון הקודש כפי מלבי"ם ז"ל

הפירוש הזה יהוה צפונות ויגלה פליאות ויפתור חידות, ויברר כי כל דברי תורה שבעל פה הלא הם כתובים באצבע אלקים בתורת הכתב ויתן אות ומופת על אמתת תורה שבעל פה ועל גודל חכמתה וקדושתה.

מלוקט ומעובד מנאי

## שלמה בן בצלאל דריליך

הספר הזה נדפס בעזרתם של
ר' שלמה מארץ וגיסו מר אוירווינג בונים, ה' עליהם יחיו

שנת תש"ח לפ"ק
ניו-יורק

לזכר נשמת אבי מורי ז"ל

ר' בצלאל בן ר' יחזקאל ז"ל

נ' י"ד טבת, תש"א

ולזכר נשמת אמי מורתי ז"ל

סערל גיטל בת ר' יהושע ז"ל

שבודאי נפלה בידי הרשעים הנצים ומתה
על קידוש השם על עמה ותורתו

ת נ צ ב " ה

Copyright, 1946

כתבת המחבר:
RABBI SOLOMON DRILLICH
86 Morton Street
Brooklyn 11, N. Y.

נאכדרוק, סאי אינגאנצען, סאי טיילווייז, איז פארבאטען
אהן די ערלויבעניש פונ'ם מחבר.

## הכרת תודה

הנני בזה להביע תודה וברכה להמנדבים הנכבדים מר שמחה מארין
וגיסו מר יצחק בונים נ"י, שבתמיכתם הכספית נדפס הספר הזה.
יתברכו בכל הברכות האמורות בתורה.

בדפוס האחים טברסקי

# מסכת חולין

**הכל** שוחטין ושחיטתן כשר׳, חוץ מחרש שוטה וקטן, שמא יקלקלו את שחיטתן, וכולן ששחטו ואחרים רואין אותן שחיטתן כשר׳: **גמ׳** הכל שוחטין לכתחיל׳, ושחיטתן כשרה דיעבד? א״ל רב אחא בריה דרבא לרב אשי, וכל הכל לכתחיל׳ הוא? אלא מעתה הכל ממירין אחד האנשים ואחד הנשים, ה״נ דלכתהיל׳ הוא, והא כתיב (ויקרא כ״ז) לא יחליפנו, ולא ימיר אותו טוב ברע, או רע בטוב? התם כדקתני טעמא, לא שהאדם רשאי להמיר, אלא שאם המיר מומר, וסופג את

---

**משנה** „הכל שוחטין ושחיטתן כשרה חוץ מחרש שוטה וקטן שמא יקלקלו את שחיטתן, אלע זענען ווירדיג צו מעגען שעכטען און זייער שחיטה איז כשר, אויסער א טויבשטומער און א ניט פארשטענדיגער און א קטן וואס איז נאך צו יונג, ווייל טאמער וועלען זיי קאליע מאכען זייער שחיטה, „וכולן ששחטו ואחרים רואין אותן שחיטתן כשרה", און די אלע וועלכע האבען געשאכטען נאר אנדערע האבען אויפגעפאסט אויף זיי איז זייער שחיטה כשר. די גמרא וועט ווייטער באשיידען אויף וועמען די ווערטער געהן ארויף.

גמ׳ פרעגט די גמרא „הכל שוחטין לכתחילה ושחיטתן כשרה דיעבד"? די ערשטע ווערטער הכל שוחטין מיינען דאך דאס אלע מעגען פריי שעכטען, און באלד ענדיגט זיך דער זאץ דאס זייער שחיטה איז כשר, דאס מיינט אויב זיי האבען שוין געשאכטען איז זייער שחיטה כשר, אבער אנפאנגס געהן שעכטען טארען זיי ניט, וויאזוי איז דא? „אמר ליה רב אחא בריה דרבא לרב אשי וכל הכל לכתחילה הוא? אלא מעתה הכל ממירין אחד האנשים ואחד הנשים הכי נמי דלכתחילה הוא"? האט רב אחא דער זוהן פון רבא געזאגט צו רב אשי אין א פראגע־וועג, זענען דען אלע הכל׳ס אין א מיינונג דאס זיי מעגען אנפאנגס טוען אזוי? לויט דעם געדאנק נאך, וואלט דאך שוועריין די משנה אין תמורה, זי זאגט דארט דאס אלע מעגען טוישען א בהמה פון חולין אויף קודש, זאגענדיג „זו תמורת זו", דאס די חולין זאל זיין אין אנשטאט די קודש, סיי מענער סיי פרויען קענען דאס טוהן, וועסטו דען דארט אויך אזוי זאגן דאס זיי מעגען אנפאנגס אזוי טוהן? „והא כתיב לא יחליפנו ולא ימיר אותו טוב ברע או רע בטוב"? דער פסוק זאגט דאך, ער טאר איהם ניט בייטען און ניט טוישען ניט גוטס פאר שלעכטס און ניט שלעכטס פאר גוטס? מוז דאך זיין די מיינונג פון הכל ממירין דאס אלע זענען אין דעם דין צו קענען טוישען, אזוי אויך דא, דאס אלע זענען אין דעם דין און תורה פון שחיטה דאס אויב זיי האבען געשאכטען איז זייער שחיטה כשר, אבער דאס מיינט נאך אליין ניט דאס זיי מעגען אנפאנגס פריי שעכטען, וואס דען פרעגסטו אזא קשיא? ענטפערט די גמרא, „התם כדקתני טעמא לא שאדם רשאי להמיר אלא שאם המיר מומר וסופג את הארבעים",

הארבעים, אלא הכל מעריכין ונערכין נודרין ונידרין הכי נמי דלכתחיל׳, והא כתיב (דברי׳ כ״ג) וכי תחדל לנדור לא יהי׳ בך חטא וכתיב (קהלת ה) טוב אשר לא תדור משתדור ולא תשלם ותניא טוב מזה ומזה שאינו נודר כל עיקר דברי רבי מאיר, רבי יהודה אומר טוב

---

דאָרט אין תמורה איז דאָך ווי די משנה אליין לערנט דעם טעם וואָס זי מיינט, נעמליך, איך מיין ניט דאָס א מענטש מעג לכתחילה געהן און בייטען, נאָר איך מיין דאָס אויב ער האָט געטוישט איז געטוישט און ביידע זענען הייליג און דער טוישער נעמט אריין פערציג מלקות פאַר עובר זיין דעם לאו. אָבער וואו די משנה קלערט ניט אויף איהר מיינונג, איז־דאָך רעכט צו זאָגען דאָס הכל מיינט לכתחילה, וואָרים אויב ניט, וואָלט דאָך די משנה דאָרט ניט דאַרפען אויפקלערען, קומט דאָך צוריק די קשיא וועגען אונזער משנה? פרעגט די גמרא ווייטער „אלא הכל מעריכין ונערכין נודרין ונידרין הכי נמי דלכתחילה? והא כתיב וכי תחדל לנדור לא יהיה בך חטא, וכתיב טוב אשר לא תדור, משתדור ולא תשלם"? איז דאָך ווייטער שוועער פון דער משנה אין ערכין, אַלע מעגען נודר׳ן לויט די שאַצונגען וואָס זענען אויסגעזעצט אין דער תורה, מעריכין מיינט, ער קען זאָגען ערכי עלי אויף זיך, דאָס ער שנדר׳ט די געלד פאַר זיך לויט ווי ער איז געשאַצט נאָך זיינע יאָהרען נאָך, אין דער תורה, ער קען אויך זאָגען ערך פלוני עלי, איך נעם אויף מיר די שאַצונג פון דעם און דעם, צו געבען די געלד פאַר׳ן הקדש, נערכין מיינט אַלע אפילו א קרעציגער קענען ווערען געשאַצט דורך יעמאַנדען, און מיר זאָגען ניט, דאָס אזוווי אויף צו פאַרקויפען אַלס עבד איז ער דאָך גאָרניט ווערטה, זאָל ער פאַר ערך אויך ניט גילטיג זיין, זאָגען מיר ניט אזוי, אַלע קענען אויך איינפאַך נדר׳ן זאָגענדיג אויף זיך דמי עלי, איך נעם אויף מיר צו באַצאָהלען די געלד וויפיל איך האָב די ווערטה צו ווערען פאַרקויפט אין מאַרק, אָדער דמי פלוני עלי, אויף יענעם, אפילו אויף א קינד וועניגער פון א חודש אַלט, האָטש אַלס ערך זענען די ווערטער ניט גילטיג לויט דער תורה, אָבער אַלס איינפאַכען געלד־ווערטה קען מען יאָ שנדר׳ן, דען ביי ערך זאָגט די תורה אַרויס, ואם מבן חדש, נאָר פון אַלס חודש אַלט, נודרין איז ניט געברויכט צו זאָגען, נאָר צוליב נידרין וואָס איז מרבה אַפילו א קינד וועניגער פון א חודש, זאָגט ער אויך שוין נודרין, הייסט ביי דעם הכל ווערסטו אפשר אויך זאָגען דאָס ער מיינט לכתחילה דאָס ער מעג פריי נדר׳ן? דער פסוק זאָגט דאָך אויב דו ווערסט דיך צוריקהאַלטען פון צו נדר׳ן ווערסטו ניט האָבען קיין זינד, און נאָך א פסוק איז דאָ, עס איז בעסער זאָלסט ניט נדר׳ן איידער צו נדר׳ן און ניט באַצאָהלען, „ותניא טוב מזה ומזה שאינו נודר כל עיקר דברי ר׳ מאיר, ר׳ יהודה אומר טוב מזה ומזה נודר ומשלם", און מיר האָבען געלערנט אויף דעם פסוק דאָס עס איז בעסער פון, דעם און דעם פון נדר׳ן און באַצאָהלען און נדר׳ן און ניט באַצאָהלען, איז בעסער אינגאַנצען ניט צו נדר׳ן, אזוי האַלט ר׳ מאיר, און ר׳ יהודה זאָגט עס איז בעסער פון ניט באַצאָהלען און ניט נדר׳ן, צו יאָ נדר׳ן און באַצאָהלען,

מזה ומזה נודר ומשלם, ואפילו ר׳ יהודה לא קאמר אלא באומר הרי זו, (דף ב ע״ב) אבל אמר הרי עלי לא? וכל הכל לאו לכתחיל׳ הוא? אלא הכל חייבים בסוכה הכל חייבין בציצי׳ הכי נמי דלאו לכתחיל׳? חייבין לא קאמינ׳, אלא מעתה הכל סומכין אחד האנשים ואחד הנשים, הכי נמי דלאו לכתחילה, והא כתיב (ויקרא א) וסמך ידו ונרצה? אין, איכא הכל לכתחיל׳ ואיכא הכל דיעבד, אלא הכל דהכא ממאי דלכתחיל׳ הוא, דתיקשי לך, דילמא דיעבד הוא, ולא תיקשי לך? אמר ליה אנא

---

„ואפילו רבי יהודה לא קאמר אלא באומר הרי זו, אבל אמר הרי עלי לא", און אפילו ר׳ יהודה זאָגט אויך ניט אויף יאָ, נאָר ביי נדבה וואו ער ברענגט צוערשט דעם קרבן און זאָגט הרי זו דאָס די בהמה זאָל זיין הייליג פאַר אַ קרבן ער קען דאָך שוין אַנדערש ניט מאַכען, האָב איך ניט קיין מורא ער וועט ניט באַצאָהלען, אָבער אַז ער זאָגט אַ נדר הרי עלי, איך נעם אויף מיר, צו ברענגען אַ קרבן, איז דאָך דאָ אַ געפאַר ער זאָל ניט ברענגען, איז ר׳ יהודה אויך מודה, דאָס אס איז בעסער ער זאָל איינגאַנצען ניט נדר׳ן זעהסטו דאָך גוט דאָס דער הכל מעריכין ונודרין מיינט ניט לכתחילה דען לכתחילה איז דאָך גלייכער ניט צו נדר׳ן, ערך איז דאָך אויך אַ נדר און בעסער ניט צו טאָהן, קען דאָך זיין אונזער משנה הכל שוחטין זאָל אויך ניט מיינען לכתחילה און שווער זיין אויפ׳ן שחיטתן כשרה, (איי וואָס ר׳ יהודה זאָגט נודר ומשלם, אויב ער מיינט נדבה, וואָלט ער דאָך דאַרפען זאָגען נודב ומשלם? די גמרא אין נדרים דף יוד ענטפערט טאַקע דאָס מען זאָל לערנען דעם טעקסט פון ר׳ יהודה נודב ומשלם ער זאָל ברייננגען בעפאָר און זאָגען הרי זו). יעצט פרעגט די גמרא צוריק „וכל הכל לאו לכתחילה הוא? אלב הכל חייבין בסוכה הכל חייבין בציצית הכי נמי דלאו לכתחילה"? און לויט דיין אויספיהר, איז דען קיין הכל ניט לכתחילה? מר זעהן דאָך הכל ביי סוכה ביי ציצית, וועסטו דען אויך זאָגען אַז זיי מיינגען ניט לכתחילה, דאָרט זיכער אַז דו קענסט אַזוי ניט זאָגען? ענטפערט די גמרא „חייבין לא קא אמינא", דאָ וואו עס שטעהט חייבין זיי זענען פאַרפליכטעט, דאָ זאָג איך ניט אַזוי, פרעגט די גמרא ווייטער, „אלא מעתה הכל סומכין אחד האנשים ואחד הנשים הכי נמי דלאו לכתחילה, והא כתיב וסמך ידו ונרצה"? נאָך דעם געדאַנק נאָך, וואָס דו מאַכסט אַן אויסנאַהם ביי חייבין, איז דאָך די קשיא ביי הכל סומכין, דאָרט שטעהט שוין ניט חייבין, וועסטו אויך זאָגען, דאָס ער מיינט ניט לכתחילה, דער פסוק זאָגט דאָך אַ מצוה ער זאָל אָנלעהנען אויפ׳ן קרבן? ענטפערט די גמרא „אין" יאָ, „איכא הכל לכתחילה ואיכא הכל דיעבד", יאָ פאַראַן הכל לכתחילה און פאַראַן דיעבד, דעריבער פרעג איך די משנה דאָ, דער הכל איז דאָך וואַרשיינליך אויך לכתחילה, איז דאָך שווער אויפ׳ן שחיטתן כשירה וואָ מיינט דיעבד? פרעגט די גמרא צוריק „אלא הכל דהכא ממאי דלכתחילה הוא דתקשי לך דלמא דיעבד הוא ולא תקשי לך"? אָבער דער הכל דאָ פונוואַנען נעמסטו צו זאָגען דאָס ער מיינט לכתחילה אום עס זאָל דיר שווער זיין, פיליכט איז ער דיעבד און עס זאָל דיר ניט שווער זיין,

שחיטתן כשירה קשיא לי, מדקתני שחיטתן כשרה, דיעבד, מכלל דהכל לכתחיל' הוא, דאי דיעבד, תרתי דיעבד למה לי? אמר רבה בר עולא הכי קתני, הכל שוחטין ואפילו טמא בחולין, טמא בחולין, מאי למימרא? בחולין שנעשו על טהרת הקדש, וקסבר חולין שנעשו על טהרת הקדש כקדש דמו, כיצד הוא עושה? מביא סכין ארוכה ושוחט בה, כדי שלא יגע בבשר, ובמוקדשים לא ישחוט, שמא יגע בבשר, ואם שחט ואומר ברי לי שלא נגעתי, שחיטתו כשר', חוץ מחרש שוטה וקטן, דאפילו בחולין גרידי דיעבד נמי לא, שמא ישהו

---

מיינענדיג צו זאָגען, עס איז דאָך מעהר סברה צו האַלטען דעם הכל דאָ פאַר א דיעבד און ניט צו אויפשטעלען א קשיא? „אמר ליה אנא שחיטתן כשרה קשיא לי, מדקתני שחיטתן כשרה דיעבד, מכלל דהכל לכתחילה הוא, דאי דיעבד תרתי דיעבד למה לי"? האָט ער צו איהם געזאָגט מיר איז דער שחיטתן כשרה שווער געווען, ווען איך זעה איהם אַלס דיעבד, איז דאָך געדרינגען דאָס הכל שוחטין מיינט לכתחילה, דען אויב דיעבד, איז דאָך די קשיא צו וואָס טויג צוויי מאָהל דיעבד? „אמר רבה בר עולא הכי קתני הכל שוחטין ואפילו טמא בחולין", האָט רבה בר עולא געזאָגט הכל שוחטין מיינט טאַקע לכתחילה, דאָס אַלע מעגען שעכטען, ווייל די משנה וויל מרבה זיין, דען אויב ניט מרבה צו זיין וואָלט זי געלערנט דעם טעקסט השוחט שחיטתו כשרה, בעסער געזאָגט, זי וואָלט לערנען אַזאַ טעקסט עס זאָל ניט מרבה זיין, אָבער זי לערנט הכל שוחטין צו מרבה זיין, זאָגט רבה די סברה אַז די משנה מיינט צו מרבה זיין, דאָס אפילו א טמא'ער מענש מעג אויך שעכטען חולין, פרעגט די גמרא באַלד טמא בחולין מאי למימרא? אויב א טמא זאָל מעגען שעכטען חולין, וואָס פאַר א נייעס איז דאָ? ענטפערט די גמרא, „בחולין שנעשו על טהרת הקדש וקא סבר שהם כקודש דמוי", עס שמועסט דאָ ביי חולין וועלכע ווערען צוגעגרייט אויף ריינקייט ווי קודש, פאַר די מענשען וועלכע עסען חולין מיט טהרה, אום צוצוגרייטען זיך ווי צו עסען קדשים, און ער האַלט דאָס מדרבנן זענען זיי ווי קדשים, „כיצד הוא עושה? מביא סכין ארוכה ושוחט בה כדי שלא יגע בבשר", וויאַזוי זאָל דער טמא טוהן? ער בריינגט א לאַנגען מעסער און שעכט דערמיט, אום ער זאָל ניט אָנריהרען מיט זיין האַנד די פלייש, „ובמוקדשין לא ישחוט שמא יגע בבשר, ואם שחט ואומר ברי לי שלא נגעתי שחיטתו כשרה", און קרבנות טאָר ער אינגאַנצען ניט שעכטען אַלס טמא, טאָמער וועט ער אָנריהרען די פלייש, און אויב ער האָט שוין געשאָכטען, און ער זאָגט איך בין זיכער, דאָס איך האָב ניט אָנגעריהרט, איז זיין שחיטה כשר, אַזוי אַרום איז אויסגעהאַלטען דער הכל שוחטין אויף לכתחילה אויף א טמא בחולין, און דער שחיטתן כשרה אַלס דיעבד איז אויף קדשים, „חוץ מחרש שוטה וקטן דאפילו בחולין גרידי דיעבד נמי לא שמא ישהו שמא ידרסו ושמא יחלידו, אויסער א חרש שוטה און א קטן, דאָס אפילו ביי חולין אַליין און אפילו ווען זיי האָבען שוין

שמא ידרסו ושמא יחלידו, וכולן ששחטו אהייא? אלימא אחרש שוטה וקטן עלה קאי, ואם שחטו מיבעי לי'? אלא אטמא בחולין, הא אמרת לכתחילה נמי שחיט? ואלא אטמא במוקדשי', בברי לי סגי? דליתי' קמן דנשייליה, האי טמא במוקדשי' מהכא נפקא, מהתם נפקא? כל הפסולין ששחטו שחיטתן כשירה, שהשחיט' כשרה בזרים, בנשים, ובעבדים, ובטמאים, ואפילו בקדשי קדשי' ובלבד שלא יהו טמאין נוגעין בבשר? הכא עיקר, התם איידי דתנא שאר פסולין, תנא נמי

---

געשאָכטען, איז אויך ניט גוט, ווייל טאָמער וועלען זיי קאַליע מאַכען די שחיטה, די משנה זאָגט יקלקלו אַ צוקונפט וואָרט, (זי וואָלט דאָך דאַרפען זאָגען קלקלו אַלס אַ פאַרגאַנגענהייט) צו לאָזען הערען דאָס זיי זענען אַזוי געוואוינט אימער צו קאַליע מאַכען, ישהו מיינט צו פאַרזאַמען אביסעל צווישען הין און צוריקשניט ביי דער שחיטה אַ געוויסען שיעור וויפיעל עס נעמט אַ גאַנצע שחיטה, און ידרסו מיינט ער וועט ניט מאַכען קיין הין און צוריק שניט נאָר ארונטערפּרעסען דעם סכין און יחלידו מיינט אריינשטעכען דעם מעסער און ארויפשעכטען אָדער אפילו ווען אראָפּשניידען, און שמא יגרמו און שמא יעקרו רעכענט די גמרא ניט, ווייל זיי דערקענט מען אפילו ווען מען שטעהט ניט ביי זייער שחיטה, דען יגרמו מיינט מען אוועקדרייען דעם מעסער ארויס פון די רינגען זייטווערטס צום קאָפּ צו, וואו עס ענדיגט זיך די לופטרעהר, דאָס מיינט שעכטען ניט אין פּלאַץ פון שחיטה, און עיקור מיינט איינרייסענדיג אַ רוב אין קנה, אָדער אפילו עפּעס אין ושט, דאָס איז קענטליך אויך נאָך דער שחיטה, פרעגט די גמרא, „וכולן ששחטו אהייא? אילימא אחרש שוטה וקטן עלה קאי? ואם שחטו מיבעי ליה"? דער וכולן ששחטו אויף וועמען געהט ער ארויף? וועסטו אפשר זאָגען אז ער געהט ארויף אויף חרש שוטה וקטן, פון וועלכע ער געהט ערשט אוועק, איז דאָך די קשיא, ער וואָלט דאַרפען זאָגען ואם שחטו, און אויב זיי האָבען געשאָכטען, דען ערשט אוועקגעהענדיג פון זיי דאַרף ער דאָך ניט איבערהאַקען מיט'ן וואָרט וכולן וואָס מיינט אויף נאָך זאַכען? „אלא אטמא בחולין? הא אמרת לכתחילה נמי שחיט"? זאָל איך ווידער זאָגען אז עס געהט אויך ארויף אויף טמא בחולין? זאָגסטו דאָך אָבער אז ער מעג שעכטען אפילו לכתחילה? „ואלא אטמא במוקדשין? בברי לי סגי"? און צו זאָגען ווידער אז עס געהט אויך ארויף אויף'ן טמא שעכטענדיג קדשים? זאָגסטו דאָך אָבער אז אויב ער זאָגט, איך בין זיכער דאָס איך האָב ניט אָנגעריהרט, איז שוין גענוג גוט און מען דאַרף ניט יעמאַנד זאָל שטעהן ביי זיין שחיטה? ענטפערט די גמרא, „דליתיה קמן דנשייליה", עס שמועסט וואו דער יעניגער וועלכער האָט געשאָכטען איז ניטאָ פאַר אונז, מיר זאָלען איהם אויספרעגען, פרעגט די גמרא, „האי טמא במוקדשין מהכא נפקא? מהתם נפקא? כל הפסולין ששחטו שחיטתן כשרה, שהשחיטה כשרה בזרים בנשים ובעבדים ובטמאים, ואפילו בקדשי קדשים, ובלבד שלא יהיו טמאין נוגעין בבשר"? דו זאָגסט דאָס טמא במוקדשין לערנט מען פון דער משנה? מען לערנט דאָך עס ביי קדשים אין

טמא במוקדשים, ואיבעי׳ אימא התם עיקר, דבקדשי׳ קאי, הכא איידי דתנא טמא בחולין, תנא נמי טמא במוקדשי׳, האי טמא דאיטמא במאי? אילימא דאיטמי במת, בחלל חרב אמר רחמנא, דף ג ע״א) חרב הרי הוא כחלל, אב הטומאה הוא, לטמייה לסכין, ואזל סכין

---

זבחים? די אלע וועלכע זענען פסול צו שעכטען איז פונדעסטוועגען דיעבד זייער שחיטה כשר, דען די שחיטה ביי קדשים איז כשר דורך ניט קיין כהן דורך פרויען און קנעכט און אומריינע, און אפילו קדשי קדשים, נאר עס מוז זיין זיכער דאס די טמאין זאלען ניט אנריהרען די פלייש, איז דאך דער דין דארט געלערנט? ענטפערט די גמרא, „הכא עיקר, התם איידי דתנא שאר פסולין תנא נמי טמא במוקדשין, ואי בעית אימא התם עיקר דבקדשים קאי, הכא איידי דתנא טמא בחולין תני נמי טמא במוקדשין״, דא איז דער הויפט פלאץ צו לערנען דעם דין פון טמא ביי שחיטה, און דארט אין קדשים ווייל ער לערנט אנדערע וועלכע זענען פסול צו שחיטה, לערנט ער שוין אויך וועגען טמא ביי קדשים, און אז דו ווילסט וועל איך דיר זאגען דאס דארט איז דער הויפט פלאץ צו לערנען וועגען טמא ביי קדשים, דען עס איז דאך קדשים, און דא ווייל ער לערנט שוין וועגען טמא ביי חולין, לערנט ער אויך שוין וועגען טמא ביי קדשים, לעולם וואלטען די אמוראים באלד פרעגען אויף דער משנה, וואס דער הכל שוחטין קומט מרבה צו זיין, ווי זיי פרעגען עס אין אלע מסכתות, דען אלע מיינט דאך נאך יעמאנדען, וואס איך וואלט מיינען אז ער טאר ניט שעכטען, ניט מעהר די אמוראים האבען זיך געלערנט דעם שחיטתן כשרה אלס א בעשייד אויף הכל שוחטין, דאס נאר דיעבד, אויב ער האט שוין געשאכטען דאמאלסט איז כשר, ניט לכתחילה, איז שוין ניט געוועזען אין פלאץ די פראגע, ביז די אמוראים האבען אויסגעפונען דאס הכל שוחטין איז א פאל אלס בעזונדער, און ער מיינט לכתחילה טאקע אויף מרבה צו זיין ווי רבה בר עולא פיהרט אויס. פרעגט די גמרא, „האי טמא דאיטמא במאי? אילימא דאיטמא במת? בחלל חרב אמר רחמנא, חרב הרי הוא כחלל אב הטומאה הוא, לטמייא לסכין, ואזל סכין וטמיתיה לבשר״? דער טמא דא, אין וואס פאר א טומאה איז ער טמא געווארען? זאל איך זאגען אז ער איז טמא געווארען אין א מת? האט דאך די תורה געזאגט בחלל חרב או במת, אז איינער וועט טמא ווערען פון א דערשטאכענעם פון א שווערד אדער פון א מת, וואס איז אן אונטערשייד פון א שווערד צו אזוי א מת? ניט מעהר דער פסוק מיינט, ער איז טמא געווארען דערשטעכענדיג איינעם מיט זיין שווערד ניט באריהרענדיג דעם מת אליין נאר בלויז די שווערד וואס איז מעטאל, אדער ער האט באריהרט דעם מת אליין, און דער פסוק לאזט אונז הערען, דאס מעטאל ווערט טמא ווי דער מת אליין אלס אן אבי אבות הטומאה, איז ער דאך אליין באריהרענדיג א מת, אן אב הטומאה, איז ער דאך מטמא דעם מעסער אלס מתכת, און מאכט איהם אויך אלס אב הטומאה, און אויב די הענטל איז געוועזען פון האלץ, ניט באריהרענדיג דעם מעטאל, ווערט דאך דער מעסער וועניגסטענס אן ערשטע טומאה, און

וטמיתיה לבשר? אלא דאיטמי בשרץ, ואי בעית אימא לעולם דאיטמי במת, וכגון שבדק קרומית של קנה ושחט בה, דתניא בכל שוחטין בין בצור, בין בזכוכית, בין בקרומית של קנה, אביי אמר הכי קתני, הכל שוחטין ואפילו כותי ,במה דברים אמורים? כשישראל עומד על גביו, אבל יוצא ונכנס לא ישחוט, ואם שחט חותך כזית בשר ונותן לו, אכלו מותר לאכול משחיטתו, לא אכלו אסור לאכול משחיטתו, חוץ מחרש שוטה וקטן, דאפי' דיעבד נמי לא, שמא ישהו, שמא ידרסו, ושמא יחלידו, וכולן ששחטו אהייא? אילימא אחרש שוט' וקטן עלה קאי, ואם שחטו מבעי ליה? אלא אכותי הא אמרת כשישראל עומד

---

נאכהער איז דאָך דער מעסער מטמא די פלייש אלס א צווייטע טומאה? היינט ווי אזוי קען דער טמא שעכטען? „אלא" זאָגט די גמרא „דאיטמא בשרץ, ואי בעית אימא לעולם דאיטמא במת וכגון שבדק קרומית של קנה ושחט בה", עס שמועסט ער איז טמא געוואָרען פון א שרץ און איז געוואָרען א ראשון און ער קען דעריבער ניט מטמא זיין דעם סכין אלס כלי ווייל א כלי קען ניט טמא ווערען נאָר פון אן אב הטומאה, און אז דו ווילסט וועל איך דיר זאָגען דאָס לעולם שמועסט, ער איז טמא געוואָרען פון א מת איי וואָרום איז ער ניט מטמא דעם סכין? נאָר עס שמועסט ער האָט בודק געווען און אונטערזוכט עס זאָל זיין גלאַט, אזא הויט פון א שטעקען וואָס איז שאַרף און דערמיט געשאָכטען, די קרומית הייסט שוין ניט קיין כלי נאָר איינפאַך א שטיק האָלץ וואָס נעמט ניט צו קיין טומאה, „דתניא בכל שוחטין בין בצור בין בזכוכית בין בקרומית של קנה", דען מיר האָבען געלערנט דאָס מיט אלדינג קען מען שעכטען סיי מיט א שטיין סיי מיט גלאָז סיי מיט א קרומית פון קנה, „אביי אמר הכי קתני הכל שוחטין ואפילו כותי במה דברים אמורים כשישראל עומד על גביו, אבל יוצא ונכנס לא ישחוט, ואם שחט חותך כזית בשר ונותן לו, אוכלו מותר לאכול משחיטתו, לא אכלו, אסור לאכול משחיטתו". אביי לערנט אזוי איין די משנה דאָס אלע שעכטען אפילו א כותי (כותים האָבען אָנגענומען א סך אידישע מצות צווישען זיי אויך שחיטה), ווען זענען די רייד געזאָגט, אז א איד שטעהט איבער איהם, אָבער ווען דער איד דרעהט זיך בלויז אריין און ארויס, זאָל ער ניט שעכטען, און אויב ער האָט געשאָכטען, שניידט מען אָפּ א שטיק פלייש די גרויס פון א כזית, און מען גיט איהם, עסט ער איהם אויף, מעג מען עסען פון דער שחיטה, עסט ער איהם ניט אויף, עסט מען ניט פון דער שחיטה, און ניט צו געבען יענעם קיין נבילה, האַלט דער כותי ניט, „חוץ מחרש שוטה וקטן, דאפילו דיעבד נמי לא, שמא ישהו שמא ידרסו שמא יחלידו", אויסער א חרש שוטה און קטן דאָס אפילו דיעבד איז זייער שחיטה אויך ניט גילטיג, ווייל וואַרשיינליך האָבען זיי קאַליע געמאַכט די שחיטה, דעריבער ווערט געזאָגט ישהו אלס א צוקונפט וואָרט, ווייל זיי זענען אין שטיינער צו קאַלע מאַכען, „וכולו ששחטו אהייא? אילימא אחרש שוטה וקטן עלה קאי? ואם שחטו מיבעי ליה? אלא אכותי הא אמרת כשישראל עומד על גביו שחיט אפילו לכתחילה"?

על גביו שחיט, אפילו לכתחילה? קשיא, אמר רבא ויוצא ונכנס לכתחילה לא? המניח עכו"ם בחנותו וישראל יוצא ונכנס מותר? התם מי קתני מניח, המניח קתני דיעבד, אלא מהכא אין השומר צריך להיות יושב ומשמר, אלא אע"פ שיוצא ונכנס מותר? אלא אמר רבא הכי קתני, הכל שוחטין ואפילו כותי, בד"א? כשישרא' יוצא ונכנס, אבל בא ומצאו ששחט, חותך כזית בשר ונותן לו, אכלו מותר לאכול משחיטתו, לא אכלו אסור לאכול משחיטתו, חוץ מחרש שוטה וקטן, דאפילו דיעבד נמי לא, שמא ישהו שמא ידרסו, ושמ' יחלידו, וכולן ששחטו

---

און דער וכולן ששחטו אויף וועמען געהט ארויף? זאָל איך זאָגען אויף חרש שוטה וקטן פון וועלכע ער געהט ערשט אוועק? וואָלט דאָך די משנה דארפען זאָגען ואם שחטו ניט וכולן? זאָל איך ווידער זאָגען דאָס ער געהט אויך ארויף אויף כותי? זאָגסטו דאָך אז א ישראל שטעהט איבער איהם מעג ער שעכטען אפילו לכתחילה? „קשיא", בלייבט א קשיא, „אמר רבא ויוצא ונכנס לכתחילה לא? והתנן המניח עובד כוכבים בחנותו, וישראל יוצא ונכנס מותר"? האָט רבא געפרעגט דו זאָגסט אז א יוצא ונכנס איז ניט גוט אויף לכתחילה, מיר האָבען דאָך געלערנט אין א משנה, אז איינער לאָזט איבער א גוי אין זיין געוועלב, און ער דרעהט זיך אריין און ארויס, זענען די זאַכען אין געוועלב מותר, ווייל איך זאָג דער גוי האָט מורא עפּעס צו טוהן, דער איד זאָל ניט אָנקומען. און דאָ קומט דאָך אויס דאָס דער כותי טאָר ניט שעכטען, ווערענד דער ישראל איז יוצא ונכנס? ענטפערט די גמרא, „התם מי קתני מניח, המניח קתני, דיעבד", לערנט דען די משנה דאָרט מניח וואָס מיינט זיכער לכתחילה, ער לערנט דאָך המניח, און המניח מיינט טאַקע דיעבד אז ער האָט איהם שוין איבערגעלאָזט, ווי עס איז דער דין, „אלא" זאָגט די גמרא, „מהכא אין השומר צריך להיות יושב ומשמר, אלא אף על פי שיוצא ונכנס מותר"? נאָר פונדאַנען איז א בעוויז אפילו אויף לכתחילה דען די משנה לערנט דאָרט אין דער סיפא א רבותא דאָס ניט אזוי בדיעבד נאָר אפילו לכתחילה דאַרף דער היטער ניט זיצען און היטען, נאָר אפילו ווען ער דרעהט זיך אריין און ארויס איז אויך מותר, וואָס דען לערנט איין אביי נאָר אויף דיעבד? „אלא אמר רבא הכי קתני הכל שוחטין ואפילו כותי במה דברים אמורים כשישראל יוצא ונכנס, אבל בא ומצאו ששחט, חותך כזית בשר ונותן לו, אכלו מותר לאכול משחיטתו, לא אכלו, אסור לאכול משחיטתו", נאָר האָט רבא געזאָגט אזוי מיינט די משנה צו לערנען דאָס הכל שוחטין איז מרבה אפילו א כותי, ווען זאָג איך דאָס? אז א ישראל דרעהט זיך אריין און ארויס, אָבער ווען א ישראל קומט אָן און טרעפט איהם דאָס ער האָט שוין געשאָכטען, שניידט ער אָפּ א שטיק פלייש פון א כזית און גיט איהם, עסט ער איהם אויף, עסט מען פון דער שחיטה. עסט ער איהם ניט אויף, עסט מען ניט פון דער שחיטה, „חוץ מחרש שוטה וקטן דאפילו דיעבד נמי לא שמא ישהו ידרסו יחלידו", אויסער זיי ווייל זיי מאַכען קאַליע די שחיטה, „וכולן ששחטו אהייא? אילימא אחרש שוטה וקטן עלה קאי, ואם שחטו

**אהייא? אילימא אחרש שוט' וקטן עלה קאי? ואם שחטו מיבעי ליה? אלא אכותי, הא אמרת אפי' יוצא ונכנס שחיט לכתחילה? קשיא, רב אשי אמר הכי קתני, הכל שוחטין ואפי' ישראל מומר, מומר למאי? לאכול נבילות לתיאבון, וכדרבא, דאמר רבא ישראל מומר אוכל נבילות לתיאבון, (דף ג ע"ב) בודק סכין ונותן לו, ומותר לאכול משחיטתו, אבל לא בדק ונתן לו, לא ישחוט, ואם שחט, בודק סכינו אחריו, נמצאת סכינו יפה, מותר לאכול משחיטתו, ואם לאו, אסור לאכול משחיטתו, חוץ מחרש שוטה וקטן, דאפילו דיעב' נמי לא, שמא ישהו, שמא ידרסו, ושמא יחלידו, וכולן ששחטו אהייא? אילימא אחרש שוטה וקטן עלה קאי, ואם שחטו מיבעי ליה? אלא אישראל מומר, אי דבדק סכין ונותן לו, הא אמרת שוחט לכחילה? אלא דלא**

---

מיבעי ליה? אלא אכותי, הא אמרת אפילו יוצא ונכנס שחיט לכתחילה? קשיא", און דער פאל וכולן אויף וועמען געהט ארויף? זאל איך זאגען אויף א חרש שוטה וקטן, פון וועלכע ער געהט ערשט אוועק, וואלט ער דאך דארפען זאגען ואם שחטו אנשטאט וכולן? זאל איך ווידער זאגען אויפ'ן כותי, זאגסטו דאך דאס אפילו ביי א יוצא ונכנס מעג ער אויך שעכטען לכתחילה? בלייבט די קשיא, „רב אשי אמר הכי קתני הכל שוחטין ואפילו ישראל מומר", רב אשי זאגט די משנה מיינט צו מרבה זיין א ישראל מומר, פרעגט די גמרא באלד „מומר למאי? לאכול נבילות לתיאבון וכדרבא דאמר ישראל מומר אוכל נבילות לתיאבון", געגען וועלכע מצות איז ער א מומר ניט האלטענדיג זיי? ענטפער: צו עסען אפילו נבילות ווען עס קומט איהם אן דער הונגער צו עסען, און ווי רבא האט געזאגט, דאס א ישראל מומר צו עסען נבילות ווען דער חשק קומט איהם אן, איז דער דין געגען שחיטה, „בודק סכין ונותן לו, ומותר לאכול משחיטתו, אבל לא בדק ונתן לו, לא ישחוט, ואם שחט בודק סכינו אחריו", דאס מען איז בודק דעם סכין פון א פגם און מען גיט איהם צו שעכטען, ווייל אליין וועט ער ניט נאכזוכען נאך א גוטען חליף, און אז מען גיט איהם צו דער האנד וועט ער ניט קאליע מאכען, און מען מעג עסען פון דער שחיטה, אבער אז ער האט ניט בודק געווען דעם מעסער, זאל ער ניט שעכטען, און אויב ער האט יא געשאכטען, דארף מען בודק זיין דעם מעסער נאך איהם, „נמצאת סכינו יפה מותר לאכול משחיטתו, ואם לאו, אסור לאכול משחיטתו, חוץ" אויסער „מחרש שוטה וקטן דאפילו דיעבד נמי לא שמא ישהו וכוי'", איז געפונען געווארען זיין מעסער איז גוט, מעג מען עסען פון דער שחיטה, און אויב ניט איז אסור צו עסען פון דער שחיטה, אויסער א חרש שוטה וקטן דאס אפילו דיעבד אויך ניט, ווייל זיי זענען גרינג צו קאליע מאכען, „וכולן ששחטו אהייא? אילימא אחרש וכוי עלה קאי ואם שחטו מיבעי ליה"? און דער פאל וכולן אויף וועמען באציהט זיך? זאל איך זאגען אויף חרש שוטה וקטן, פון וועלכע ער געהט ערשט אוועק, וואלט ער דאך דארפען לערנען ואם שחטו? „אלא אישראל מומר, אי דבדק סכין ונותו לו, הא אמרת שוחט לכתחילה"? נאר וועסטו אפשר זאגען אז ער באציהט

בדק, אי דאיתיה לסכין, ליבדקיה השתא? ואי דליתי׳ לסכין, כי אחרים רואין אותו מאי הוי, דילמא בסכין פגומה שחיט? קשיא, רבינא אמר הכי קתני, הכל שוחטין, הכל מומחין שוחטין, מומחין ואע״פ שאין מוחזקין, בד״א? שיודעין בו שיודע לומר הלכות שחיטה, אבל אין יודעין בו שיודע לא ישחוט, ואם שחט, בודקין אותו, אם יודע לומר הלכות שחיט׳, מותר לאכול משחיטתו, ואם לאו אסור לאכול משחיטתו, חוץ מחרש שוטה וקטן, דאפי׳ דיעבד נמי לא, שמא ישהו, שמא ידרסו, ושמא יחלידו, וכולן ששחטו אהייא? אילימא אחרש שוטה וקטן עלה קאי, ואם שחטו מיבעי ליה? אלא אשאין מומחים, בבודקין אותו סגי? דליתיה לקמן דליבדקיה, ואיכא דאמרי, רבינא אמר הכי קתני, הכל שוחטין הכל

---

זיך אויך אויף ישראל מומר, איז דאָך אז מען איז בודק פאַר איהם דעם סכין, זאָגסטו דאָך, ער מעג שעכטען לכתחילה? „אלא דלא בדק אי דאיתיה לסכין ליבדקיה השתא״? האָט ער ווידער ניט בודק געווען דעם סכין, איז דער סכין דאָ, לאָז ער איהם יעצט בודק זיין? „ואי דליתיה לסכין, כי אחרים רואין אותו, מאי הוי, דלמא בסכין פגומה שחיט? קשיא״, איז דער סכין ווידער ניטאָ, און אז אנדערע זעהן צו די שחיטה, וואָס טוהט דאָס דען אויף, טאָמער האָט ער טאַקע געשאָכטען מיט א סכין פגום וואָס איז ניט גלאַט געשאַרפט? בלייבט די קשיא, „רבינא אמר הכי קתני הכל שוחטין הכל מומחין שוחטין, מומחין ואף על פי שאין מוחזקין, במה דברים אמורין שיודעין בו שיודע לומר הלכות שחיטה, אבל אין יודעין בו שיודע, לא ישחוט״, רבינא לערנט אזוי איין די משנה, דאָס הכל שוחטין באַציהט זיך אויף געלערנטע אין הלכות שחיטה, און דער הכל איז מרבה אפילו די וועלכע האָבען נאָך ניט פראַקטיצירט צו שעכטען, ווען זאָג איך, זייער שחיטה איז כשר, אויב מען קען איהם, דאָס ער ווייס הלכות שחיטה, אָבער אויב מען קען איהם ניט, דאָס ער ווייסט הלכות שחיטה, זאָל ער ניט שעכטען, „ואם שחט בודקין אותו אם יודע לומר הלכות שחיטה, מותר לאכול משחיטתו, ואם לאו אסור לאכול משחיטתו חוץ מחרש שוטה וקטן דאפילו דיעבד נמי לא שמא ישהו וכוי״, און אויב ער האָט געשאָכטען, איז מען איהם בודק, ווייס ער הלכות שחיטה מעג מען עסען פון דער שחיטה, ווייס ער ניט הלכות שחיטה, טאָר מען ניט עסען פון זיין שחיטה, אויסער חרש שוטה און קטן וואָס אפילו דיעבד, איז זייער שחיטה אויך ניט כשר, ווייל זיי זענען גרינג צו קאַלע מאַכען די שחיטה, וכולן ששחטו אהייא? אילימא אחרש שוטה וקטן עלה קאי, ואם שחטו מיבעי ליה? אלא אשאין מומחין בבודקין אותו סגי״? און דער פאַל וכולן אויף וועמען באַציהט זיך? זאָל איך זאָגען אויף חרש שוטה וקטן, דאַרף ער דאָך לערנען ואם שחטו אנשטאַט וכולן? נאָר וועסטו דאָך זאָגען אז דער וכולן באַציהט זיך אויך אויף די וועלכע זענען ניט באַוואוסט אַלס מומחין, זאָגסטו דאָך, דאָס אויב מען איז איהם בודק איז גענוג? ענטפערט די גמרא „דליתיה לקמן דליבדקיה״. עס שמועסט וואו דער שוחט איז מעהר ניט פאַר אונז מיר זאָלען איהם בודק זיין, „ואיכא דאמרי רבינא אמר הכי הכל

מוחזקין שוחטין, מוחזקין אע״פ שאין מומחין, בד״א ששחטו לפנינו ב׳ וג׳ פעמים ולא נתעלף, אבל לא שחט לפנינו ב׳ וג׳ פעמים, לא ישחוט, שמא יתעלף, ואם שחט ואמר ברי לי שלא נתעלפתי, שחיטתו כשרה, חוץ מחרש שוטה וקטן דאפילו דיעבד נמי לא, שמא ישהו, שמא ידרסו, ושמא יחלידו, וכולן ששחטו אהייא? אילימא אחרש שוטה וקטן עלה קאי, ואם שחטו מיבעי ליה? אלא אשאין מוחזקין, והאמרת בברי ליה סגי? דליתיה קמן דלשייליה, רבינא ורבה בר עולא, כאביי ורבא ורב אשי לא אמרי, משום דקשיא להו וכולן, כולהו כרבה בר עולא לא אמרי, להך לישנא דאמרת, הכא עיקר, אדרבה התם עיקר, דבקדשי׳ קאי, להך לישנא דאמרת התם עיקר, והכא איידי דתנא

---

שוחטין הכל מוחזקין שוחטין, מוחזקין אף על פי שאין מומחין, במה דברים אמורים? ששחטו לפנינו בי וגי פעמים ולא נתעלף אבל לא שחט לפנינו, לא ישחוט שמא יתעלף״, און טייל זאָגען דאָס רבינא זאָגט, אז די משנה מיינט אזוי, אלע מעגען שעכטען מיינט מען נאָר די וועלכע האָבען שוין פּראַקטיצירט און הכל איז מרבה אפילו די וועלכע האָבען ניט געלערנט הלכות שחיטה, און ווען זאָג איך דאָס זייער שחיטה איז כשר? אויב זיי האָבען געשאָכטען א צוויי דריי מאָהל פאַר אונז און איז ניט פארשוואכט געוואָרען פון דער שחיטה, אָבער אז ער האָט פאַר אונז ניט געשאָכטען, זאָל ער ניט שעכטען, ווייל טאָמער וועט ער פארשוואכט ווערען פון שעכטען, ניט קענענדיג צוזעהן א שחיטה, „ואם שחט ואמר ברי לי שלא נתעלפתי שחיטתו כשרה, חוץ מחרש וכוי דאפילו דיעבד נמי לא, שמא ישהו וכוי״, און אויב ער האָט געשאָכטען און ער האָט געזאָגט איך בין זיכער דאָס איך בין ניט געווען פארשוואכט פון שחיטה, איז זי כשר, אויסער פון א חרש שוטה און קטן, וואָס אפילו דיעבד איז זייער שחיטה אויך ניט כשר ווייל זיי זענען גרינג צו קאַליע מאכען, „וכולן ששחטו אהייא? אילימא אחרש וכוי? ואם שחטו מיבעי ליה? אלא אשאין מוחזקין, והאמרת בברי לי סגי? דליתיה קמן דנישייליה״, אויף וועמען באַציהט זיך דער וכולן? זאָל איך זאָגען אויף חרש שוטה און קטן, וואָלט דאָך די משנה דאַרפען לערנען ואם שחטו? נאָר זאָל איך אפשר זאָגען, דאָס ער באַציהט זיך אויך אויף דעם וועלכער האָט נאָך ניט פּראַקטיצירט, זאָגסטו דאָך, דאָס מען פאַרלאָזט זיך אויף איהם אויב ער זאָגט נאָר, איך בין זיכער, איך האָב ניט פאַר׳חלש׳ט? ענטפערט די גמרא אז עס שמועסט, דער שוחט איז מעהר ניטאָ פאַר אונז מיר זאָלען איהם פרעגען, זאָגט די גמרא „רבינא ורבה בר עולא כאביי ורבא ורב אשי לא אמרי, משום דקשיא להו וכולן״, רבינא און רבה בר עולא זאָגען ניט ווי אביי און רבא און רב אשי, צוליב דער קשיא אויף זיי פון וכולן, דען זיי זענען אָפּגעפרעגט געוואָרען און ניט געענטפערט אויף וואָס דער פאַל וכולן ששחטו באַציהט זיך, און אויף רבינא און רבה בר עולא איז די קשיא פאַרענטפערט, „כולהו כרבה בר עולא לא אמרי, להך לישנא דאמרת הכא עיקר אדרבה התם עיקר דבקדשים קאי״, און די אלע אמוראים וואָס האָבען איינ־

טמא בחולין, תנא נמי טמא במוקדשין, טמא בחולין גופיה לא איצטריכא ליה, דחולין שנעשו על טהרת קודש, לאו כקדש דמו, כולהו כרבינא לא אמרי, להך לישנא דאמר מומחין אין, שאין מומחין לא, רוב מצויין אצל שחיטה מומחין הן, להך לישנא דאמר מוחזקין אין, שאין מוחזקין לא, לעלופי לא חיישינן, רבא לא אמר כאביי, כי קושייה, אביי לא

---

איינגעטייטשט די משנה ווארום זאָגען זיי ניט ווי רבה בר עולא דאָס הכל איז מרבה אטמא ביי חולין? נאָך דעם לשון וואָס דו ענטפערסט אויבען, דאָ איז דער הויפט פּלאַץ צו לאָזען הערען ועגען טמא ביי חולין, איז עס גאַנץ פּארקערט, דאָרט איז דער עיקר צו לאָזען הערען ועגען אפילו חולין וואָס ווערען געמאכט אויף טהרת הקדש, ווייל דאָרט איז דאָך דער פּלאַץ פּאר קדשים, דעריבער קענען זיי דאָ ניט מרבה זיין טמא ביי חולין אויף טהרת הקודש און טמא ביי מוקדשין, „להך לישנא דאמרת התם עיקר והכא איידי דתנא טמא בחולין תנא נמי טמא במוקדשין, טמא בחולין לא איצטריכא ליה, חולין שנעשו על טהרת הקודש לאו כקדש דמי״, און נאָך דעם צווייטען לשון וואָס ענטפערסט, דאָס דאָרט איז דער עיקר ווייל ס׳איז קדשים, און דאָ ווייל ער לערנט שוין ועגען טמא בחולין, לערנט ער אויך שוין ועגען טמא ביי קדשים, איז דער ענטפער, דאָס טמא ביי חולין אליין איז ניט געדאַרפט צו לאָזען הערען, ווייל זיי אַלע האַלטען, דאָס חולין וועלכע זענען צוגעגרייט אויף טהרת הקודש זענען ניט ווי קודש, די חכמים האָבען ניט ארויפגעלייגט אַ פליכט צו היטען זיי ווי קודש, „כולהו כרבינא לא אמרי, להך לישנא דאמר מומחין אין, שאין מומחין לא, רוב מצויין אצל שחיטה מומחין״, אַלע זאָגען ניט ווי רבינא, נאָך דעם ערשטען לשון וואָס רבינא זאָגט דאָס מומחין יאָ און ניט קיין מומחין, ניט, זאָגען זיי ניט ווי ער, ווייל זיי האַלטען דאָס די מעהרייט וועלכע געפינען זיך ביי שחיטה זענען באהאוועגט אין הלכות שחיטה, און מען דאַרף זיי ניט בודק זיין, דעריבער קענען זיי ניט איינזעצען די משנה, להך לישנא דאמר מוחזקין אין, שאין מוחזקין לא, לעלופי לא חיישינן״, און נאָך דעם לשון, דאָס רבינא זאָגט אַז נאָר ווען זיי זענען פּראַקטיצירט, איז יאָ, און אויב ניט פּראַקטיצירט, איז ניט, טאָרען זיי ניט שעכטען ווייל מיר באַזאָרגען, ער וועט פארשוואַכט ווערען. איז דער ענטפער, דאָס זיי האַלטען, דאָס אויף פארשוואַכט ווערען האָבען מיר ניט צו באַזאָרגען, עס איז ד׳רויף קיין קלער, „רבא לא אמר כאביי כי קושיה״, רבא זאָגט ניט ווי אביי, עס זאָל דאַרפען זיין, ווער עס זאָל שטעהן איבער איהם, צוליב זיין קשיא אויף איהם דאָס אַ יוצא ונכנס איז אויך גוט, „אביי לא אמר כרבא, התם לא נגע הכא נגע״, אביי זאָגט ניט ווי רבא צו פאַרלאָזען זיך אויף בלויז יוצא ונכנס, ווי ביי דעם געוועלב פון וויין, וואו די משנה זאָגט דאָרט בפירוש ארויס דאָס דער איד מוז ניט שטעהן און היטען, דען אריין און ארויס איז אויך גענוג, ווייל אביי האַלט דעם אונטערשייד פון דאָרט ביז דאָ, דאָס דאָרט באַרירט דאָך ניט דער גוי דעם וויין ווערענד דער איד פאַרלאָזט איהם,

אמר כרבא, התם לא נגע, הכא נגע, רב אשי לא אמר כתרווייהו, קסבר כותים גרי אריות הן, אביי לא אמר כרב אשי, לא סבירא ליה הא דרבה, אלא רבא מ"ט לא אמר כשמעתיה? לדבריו דאביי קאמר, וליה לא סבירא ליה: ת"ר שחיטת כותי מותרת, בד"א? כשישראל עומד על גביו, אבל בא ומצאו ששחט, חותך כזית בשר ונותן לו אכלו,

---

אָבער דאָ טוהט ער דאָך מיט זיינע הענד די שחיטה און מיט'ן אויגענבליק קען ער דאָך קאַליע מאַכען די שחיטה, דעריבער מוז ער איינ־טייטשען וואו איינער שטעהט איבער איהם, „רב אשי לא אמר כתרווייהו קסבר כותים גרי עריות הן", און רב אשי קען ניט זאָגען ווי אביי מיט רבא צו איינלערנען ביי אַ כותי, ווייל ער האַלט כותים זענען געצוואונגענע גרים דורך די לייבען וועלכע האָבען זיי פאַרציקט, ניט קיין אמת'ע גרים, דעריבער טאָרען זיי ניט שעכטען פאַר אַ אידען, „אביי לא אמר כרי אשי, לא סבירא ליה הא דרבא", אביי זאָגט ניט ווי רב אשי צו איינזעצען ביי אַ ישראל מומר, לויט רבא'ס סברא דאָס אַ ישראל מומר אויב מען גיט איהם אַן אונטערזוכטען סכין איז זיין שחיטה כשר, ווייל ער האַלט ניט די סברה פון רבא, „אלא רבא מאי טעמא לא אמר כשמעתיה", אָבער רבא וואָס זאָגט אַז אַ ישראל מומר מעג שעכטען לכתחילה אויב מען גיט איהם אַן אונטרזוכטען מעסער, וואַרום זאָגט ער ניט ווי רב אשי לויט זיין אייגענער הלכה, צו איינטייטשען די משנה ביי אַ מומר, און לכתחילה זאָל ער מעגען שעכטען וואו מען האָט איהם געגעבען אַן אונטערזוכטען חליף, און דיעבד זאָל זיין כשר די שחיטה, וואו ערשט נאָכ'ן שעכטען מען זאָל דאַרפען בודק זיין? ענטפערט די גמרא „לדבריו דאביי קאמר וליה לא סבירא ליה", רבא האַלט טאַקע ניט זיין איינטייטש אויף דער משנה נאָר ווי רב אשי ביי אַ ישראל מומר, נאָר רבא זאָגט דעם איינטייטש זיינעם נאָך אביי'ס רייד נאָך, צו אַפּווענדען איהם, דו זעצט איין ביי אַ כותי און דעם לכתחילה ביי אַן עומד על גביו און דעם דיעבד ביי אַ יוצא ונכנס, און ווילסט ניט איינזעצען ביי אַ מומר ווייל דו האַלסט ניט מיין סברה, וועניגסטענס זעץ חאָטש איין דעם לכתחילה ביי אַ יוצא ונכנס און דעם דיעבד וואו ער האָט איהם געטראָפען ווי ער האָט שוין געהאַט געשאָכטען, ניט מעהר אביי האָט שוין דערויף געענטפערט ערשט בעפאָר, דאָס עס איז פאַראַן אַן אונטערשייד צווישען חנות מיט וויין וואו ער אַלס יוצא ונכנס האָט איבערגעלאָזט אַ גוי שטעהענדיג, און צווישען דעם כותי ביי דער שחיטה: רבא חאָטש ווייטער דף י"ז זעצט ער איין אַ צווייטען הכל צו מרבה זיין אויך אַ מומר? איז דאָ אָבער די פראַגע געווען אויף רבא וואַרום זעצט ער ניט איין דעם ערשטען הכל פון דאַנען ביי א מומר?: „תנו רבנו שחיטת כותי מותרת, במה דברים אמורים? כשישראל עומד על גביו, אבל בא ומצאו ששחט, חותך כזית בשר ונותן לו, אכלו מותר לאכול משחיטתו, ואם לאו אסור", די רבנן האָבען געלערענט די שחיטה פון אַ כותי איז מותר, ווען זענען די רייד געזאָגט? אַז אַ ישראל שטעהט איבער איהם, אָבער אַז ער האָט איהם געטראָפען ווי ער האָט שוין געהאַט געשאָכטען, איז דער דין דאָס ער שניידט אָפּ אַ שטיק פלייש די גרויס

מותר לאכול משחיטתו, ואם לאו, אסור לאכול משחיטתו, כיוצא בו מצא בידו (דף ד ע"ב) דקוריא של ציפרין, קוטע ראשו של אחד מהן, ונותן לו, אכלו, מותר לאכול משחיטתו, ואם לאו, אסור לאכול משחיטתו, אביי דייק מרישא, רבא דייק מסיפא, אביי דייק מרישא, טעמא דישראל עומד על גביו, אבל יוצא ונכנס לא, רבא דייק מסיפא, טעמא דבא ומצאו ששחט, אבל יוצא ונכנס שפיר דמי, ולאביי קשיא סיפא? אמר לך, יוצא ונכנס נמי בא ומצאו קרי ליה, ולרבא קשיא רישא? אמר לך, יוצא ונכנס נמי כעומד על גביו דמי, כיוצא בו מצא בידו דקוריא של צפרין, קוטע ראשו כו' אמאי? ליחוש דילמא האי הוא דהוה

---

פון א כזית און ער גיט איהם צו עסען, עסט ער אויף, מעג מען עסען פון דער שחיטה, עסט ער ניט אויף, טאר מען ניט עסען פון דער שחיטה, „כיוצא בו מצא בידו דקוריא של צפרים, קוטע ראשו של אחד מהן ונותן לו, אכלו, מותר לאכול משחיטתו ואם לאו אסור לאכול משחיטתו", אזא גלייכונג ווי דאס, אז מען האט געטראפען ביי איהם א שנירעל מיט געשאכטענע פויגלען, האקט מען ארונטער איין קעפעל פון איינעם און מען גיט איהם, עסט ער איהם אויף, עסט מען פון זיין שחיטה, עסט ער ניט אויף טאר מען ניט עסען פון דער שחיטה, „אביי דייק מרישא, רבא דייק מסיפא, אביי דייק מרישא טעמא דישראל עומד על גביו, אבל יוצא ונכנס לא, רבא מסיפא, טעמא דבא ומצאו ששחט, אבל יוצא ונכנס שפיר דמי", אביי האט זיין סברא געדרינגען פון דער רישא און רבא פון דער סיפא, אביי פון דער רישא וואו עס איז געזאגט וועגען אן עומד על גביו, גוט וואו עס איז פאראן אן עומד על גביו, אבער אז מען דרעהט זיך אריין און ארויס, טאר מען ניט עסען פון זיין שחיטה, דעריבער האט ער געמוזט איינזעצען די משנה ביי עומד על גביו, און רבא דרינגט פון דער סיפא, גוט וואס ער איז געקומען און איהם געטראפען ווי ער האט שוין געהאט געשאכטען, דאמאלס מוז ער איהם געבען צו עסען אויף פראבע, אבער ווען ער דרעהט זי אריין און ארויס איז גוט גענוג. דעריבער האט רבא איינגעטייטשט די משנה ביי יוצא ונכנס, פרעגט די גמרא ולאביי קשיא סיפא? „אמר לך יוצא ונכנס נמי בא ומצאו קרי ליה", נאך אביי נאך איז דאך שווער די סיפא, וואס דרינגט גאנץ פארקערט ווי ער לערנט איין? נאר ער קען דיר אזוי ענטפערן דאס א יוצא ונכנס רופט די ברייתא אויך אן אלס בא ומצא אז ער האט איהם געטראפען ווי ער האט שוין געהאט געשאכטען. „ולרבא קשיא רישא? אמר לך יוצא ונכנס נמי כעומד על גביו דמי", און נאך רבא נאך איז דאך שווער די רישא, ער זעצט איין די משנה ביי יוצא ונכנס און פון דער רישא דרינגט זיך דאך דאס נאר עומד על גביו איז כשר? נאר ער קען דיר אזוי ענטפערן דאס יוצא ונכנס איז אזוי גוט ווי עומד על גביו, „כיוצא בו מצא בידו דקוריא של צפרים קוטע ראשו כו'", איז דאך די קשיא „אמאי? ליחוש דילמא האי הוא דהוה שחיט שפיר"? ווארום זאל די פראבע פון קעפעל זיין געלטיג פאר אלע, עס איז דאך א קלער טאמער איז נאר איין פויגעל גוט געשאכטען? „אמר רב

שחיט שפיר? אמר רב מנשה (סימן מכני"ס איזמל בזכרים) במכניסן תחת כנפיו, ודלמא סימנא הוה יהיב ליה בגויה? אמר רב משרשיא דמממסמס ליה מסמוסי, ודילמא קסברי כותים אין שחיטה לעוף מן התורה? וליטעמיך שהייה דרסה חלדה הגרמה ועיקור מי כתיבן? אלא כיון דאחזיקו בהו אחזיקו בהו, ה"נ כיון דאחזיקו אחזיקו, ואחזוק ולא אחזוק בדלא כתיבא תנאי היא, דתניא מצת כותי מותרת, ואדם יוצא בה ידי חובתו בפסח ר"א אוסר לפי שאין בקיאין בדקדוקי מצות כישראל, רשב"ג אומר כל מצוה שהחזיקו בה כותים, הרבה מדקדקין בה יותר מישראל, אמר מר מצת כותי מותרת, ואדם יוצא בה ידי חובתו בפסח, פשיטא? מהו דתימא לא בקיאי בשימור? קמ"ל, ר"א

---

מנשה במכניסן תחת כנפיו", האט רב מנשה געזאגט עס שמועסט וואו ער האט זי גענומען אונטער זיין פאלע. פראגע, „ודילמא סימנא הוה יהיב ליה בגויה? אמר רב משרשיא דממסמס ליה מסמוסי", פיליכט האט זיך דער כותי געמאכט א סימן ביי דעם פויגעל? האט רב משרשיא געזאגט, ער האט זיי צומישט, פרעגט די גמרא, „ודילמא קא סברי כותים אין שחיטה לעוף מן התורה"? טאמער האלטען די כותים דאס מן התורה דארף מען קיין עוף ניט שעכטען? פרעגט די גמרא „וליטעמך שהייה דרסה וחלדה הגרמה ועיקור מי כתיבן? אלא כיון דאחזיקו בהו אחזיקו בהו, הכא נמי כיון דאחזיקו אחזקו", און נאך דיין סברה נאך, די פיערערליי איבערפיהרונגען פון דער שחיטה ביי בהמות, שטעהן דען ארויס אין דער תורה? ניט מעהר, וואס זיי האבען אנגענומען, האבען זיי אנגענומען, אזוי אויך דא ביי שחיטה פון עופות וואס זיי האבען אנגענומען דאס האלטען זיי, און זיי האלטען פון שחיטה ביי עופות, „ואחזוק לא אחזוק בדלא כתיבא תנאי הוא", און די זאך וואס זיי האלטען פאר אנגענומען, האטש די זאך איז ניט פאראן בפירוש אין דער תורה, צי איז דאס פאר אונז ניט אנגענומען, דאס מיינט צי מיר פארלאזען זיך ניט אויף זיי, עס זאל זיין גילטיג זייער טוהן אויך פאר אונז, אין דעם קריגען תנאים, „דתניא מצת כותי מותרת ואדם יוצא בה ידי חובתו בפסח, ר' אליעזר אוסר לפי שאין בקיאין בדקדוקי מצות כישראל", דען מיר האבען געלערנט דאס מצה פון א כותי איז מותר און א מענש איז יוצא מיט איהר זיין פליכט אין פסח, ר"א אסור'ט, ווייל זיי זענען ניט באהאווענט אין די פינקטליכקייטען פון די מצות ווי א ישראל, „רבן שמעון בן גמליאל אומר כל מצוה שהחזיקו בה כותים הרבה מדקדקים בה יותר מישראל", רבן שמעון זאגט דאס אלע מצות וועלכע כותים האבען אנגענומען זענען זיי מעהר פינקטליך, אויף איהר ווי א ישראל, „אמר מר מצת כותי מותרת, ואדם יוצא בה ידי חובתו בפסח", פרעגט די גמרא „פשיטא"? עס איז דאך א געוויס, אויב זי איז מותר דאס מען איז יוצא מיט איהר? ענטפערט די גמרא, „מהו דתימא לא בקיאי בשימור? קא משמע לן", איך וואלט מיינען דאס זיי זענען ניט באהאווענט אין היטען איהר פאר מצות מצה, וואלט מען דעריבער ניט יוצא זיין מיט זיי די ערשטע נאכט, ווי א שמייגער מעהל און טייג פון

אוסר לפי שאין בקיאין בדקדוקי מצות, קסבר לא בקיאי בשימור, רשב"ג אומר כל מצוה שהחזיקו בה כותים הרבה, מדקדקין בה יותר מישראל, היינו ת"ק? איכא בינייהו דכתיבא ולא אחזיקו בה, ת"ק סבר כיון דכתיבא אף על גב דלא אחזיקו בה, ורשב"ג סבר אי אחזוק אין, אי לא אחזוק לא, אי הכי כל מצוה שהחזיקו בה כותים, אם החזיקו מיבעי ליה? אלא איכא בינייהו, דלא כתיבא ואחזיקו בה, תנא קמא סבר כיון דלא כתיבא, אע"ג דאחזיקו בה נמי לא, רשב"ג סבר כיון דאחזוק אחזוק, גופא אמר רבא ישראל מומר אוכל נבילות

---

א גוי וואו מיר האָבען געזעהן דאָס זיי זענען ניט געוואָרען קיין חמץ, איז דאָך דער דין דערביי, זיי זענען מותר, און פונדעסטוועגען איז מען ניט יוצא מיט זיי אלס מצות מצה, אזוי אויך דאָ וואָלט איך מיינען מען איז ניט יוצא מיט זיי? לאָזט אונז הערען די ברייתא דאָס זיי זענען יאָ בקי צו היטען אויפ'ן נאָמען מצה, „ר"א אוסר לפי שאין בקיאין בדקדוקי מצות, קא סבר לא בקיאי בשימור", ר' אליעזר וואָס אסור'ט ווייל זיי זענען ניט בקי אין דקדוקי מצות, ער האלט, די כותים זענען ניט באוואוסט אין היטען די מצוה טייג פון זויער ווערען, רבן שמעון בן גמליאל אומר כל מצוה שהחזיקו בה כותים הרבה מדקדקים בה יותר מישראל", איז דאָך די קשיא „היינו תנא קמא"? זאָגט ער דאָך דאָס אייגענס פון ערשטען תנא? ענטפערט די גמרא „איכא בינייהו דכתיבא ולא אחזיקו בה", דער אונטערשייד צווישען זיי איז אזא מצוה וואָס שטעהט בפירוש ארויס אין דער תורה, נאָר מיר זענען ניט זיכער צו די מצוה איז ביי זיי אָנגענומען, עס איז א קלער אז ניט, „תנא קמא סבר כיון דכתיבא אף על גב דלא אחזיקו בה, ורבן שמעון סבר אי אחזוק אין, אי לא אחזוק לא", דער ערשטער תנא האלט אזוויי די מצוה איז בפירוש ארוים אין דער תורה, האָטש אונז דאכט זיך דאָס זיי האָבען איהר ניט אָנגענומען, פארלאָזען מיר זיך אויך ביי דער מצוה אויף זיי, און רבן שמעון האלט דאָס אויב אונז איז באוואוסט, דאָס זיי האָבען די מצוה אָנגענומען איז יאָ, אויב ניט אָנגענומען איז ניט, פרעגט די גמרא, „אי הכי כל מצוה שהחזיקו בה כותים, אם החזיקו מיבעי ליה? אויב אזוי דאָס זיי קריגען נאָר אין אזא מצוה וועלכע איז בפירוש ארויסגעזאָגט אין דער תורה, איז דאָך די קשיא וואָס עפעס זאָגט רבן שמעון כל מצוה שהחזיקו, ער דארף דאָך זאָגען בלויז אם החזיקו, כל מצוה מיינט דאָך נאָך מצות? „אלא איכא בינייהו דלא כתיבא ואחזיקו בה, תנא קמא סבר כיון דלא כתיבא אף על גב דאחזיקו בה נמי לא, רבן שמעון בן גמליאל סבר כיון דאחזוק אחזוק", נאָר דער אונטערשייד איז פאראן צווישען זיי, אזא מצוה וועלכע איז ניט ארויסגעשריבען נאָר די כותים האָבען איהר אָנגענומען, דער ערשטער תנא האלט אזוי ווי זי איז ניט בפירוש ארויסגעזאָגט אין דער תורה ווי מצה, האָטש זיי האָבען איהר אָנגענומען איז זייער טוהן פאר אונז אויך ניט גילטיג, נאָר אזא שטייגער ווי מצה פארלאָזען מיר זיך אויף זיי, און רבן שמעון האלט וויבאלד זיי האָבען איהר אָנגענומען איז אָנגענומען, אזוי איז ביי אלע מצוות,

לתיאבון, בודק סכין ונותן לו, ומותר לאכול משחיטתו, מאי טעמא? כיון דאיכא היתירא ואיסורא, לא שביק היתירא, ואכיל איסורא, אי הכי כי לא בדק נמי? מיטרח לא טרח, אמרו ליה רבנן לרבא, תניא דמסייע לך, חמצן של עוברי עבירה, אחר הפסח, (דף ד' ע"ב) מותר מיד, מפני שהן מהליפין, סברוה הא מני? רבי יהודה היא, דאמר חמץ אחר הפסח דאורייתא, וקתני מפני שהן מחליפין, אלמא לא שביק היתירא, ואכיל איסורא, ממאי, דילמא ר"ש היא, דאמר חמץ אחר הפסח דרבנן, וכי מקילין בדרבנן, בדאוריית' לא מקילינן, ותיהוי נמי ר"ש? מי קתני שאני אומר החליפו, מפני שמחליפין קתני, דודאי

---

האסטו די מחלוקת וועגן אחזוק ולא אחזוק, „גופא אמר רבא ישראל מומר אוכל נבילות לתיאבון בודק סכין ונותן לו, ומותר לאכול משחיטתו", פרעגט די גמרא, מאי טעמא"? וואס איז די סברה פון רבא? ענטפער: „כיון דאיכא התירא ואיסורא, לא שביק התירא ואכיל אסורא", אז עס איז פאראן גרייט א היתר און א איסור, וועט ער ניט צוריקלאזען דעם היתר און עסען דעם איסור, פרעגט די גמרא „אי הכי כי לא בדק נמי? מיטרח לא טרח", אויב אזוי, קען דאך די סברה אויך געהן, וואו מען איז ניט בודק פאר איהם דעם סכין, ער קען דאך אליין געפונען אן אונטערזוכטען חליף? ענטפער: באמיהען זיך וועט ער ניט געהן, „אמרו ליהרבנן לרבא תניא דמסייע לך חמצן של עוברי עבירה אחר הפסח מותר מיד, מפני שהן מחליפין", האבען די רבנן געזאגט צו רבא, מיר האבען געלערנט אזא זאך וואס וועט זיין א בעוויז פאר דיר, דער חמץ פון די וועלכע זענען עובר האלטענדיג איהם איבער פסח — איז מותר באלד נאך פסח פאר א איד, חאטש עס איז נאך ניט אריבער גענוג צייט צו קענען אנבאקען פרישע ברויט, איז ער דאך זיכער נאך פון פסח, איז ער פונגדעסטוועגען מותר, ווייל עס איז באוואוסט צו אונז, דאס זיי טוישען זיך מיט'ן ברויט מיט א גוי, חאטש דאס טאר מען אויך ניט, פיהלט אבער פונדעסטוועגען דער בעל עבירה א בעפרידיגונג דערמיט, ווי ווייט מעגליך צו געפינען מעהר היתר ווי איסור, „סברוה הא מני? ר' יהודה היא דאמר חמץ אחר הפסח דאורייתא וקתני מפני שהן מחליפין, אלמא לא שבק היתירא ואכיל איסורא", די רבנן האבען פארשטאנען די ברייתא זאגענדיג ווייסטו ווי ווער זי קומט אויס? ווי ר' יהודה, וואס זאגט דאס חמץ נאך פסח איז אסור פון דער תורה, און אויף דעם איז געלערנט דאס זיי טוישען דעם חמץ, זעהסט דאך גוט דאס אפילו ביי דאורייתא פארלאזען מיר זיך דערויף דאס א מענטש לאזט ניט צוריק קיין היתר, און עסען אן איסור. פרעגט די גמרא „ממאי דילמא ר' שמעון היא, דאמר חמץ אחר הפסח דרבנן, וכי מקילין? בדרבנן,, בדאורייתא לא מקילינן"? פונוואנען ווייסטו אז די ברייתא איז ווי ר' יהודה, פיליכט איז ווי ר' שמעון וואס זאגט דאס חמץ נאך פסח איז נאר דרבנן, און וואו קענען מיר פארגרינגערן צו פארלאזען זיך אויף מחליפין? נאר ביי דרבנן, אבער ביי דאורייתא קענען מיר ניט פארגרינגערן? ענטפערט די גמרא „ותיהוי נמי ר' שמעון, מי קתני שאני אומר החליפו? מפני

מחליפין, ומה בדרבנן לא שביק היתירא ואכיל איסורא, בדאוריית' לא כ"ש? לימא מסייע ליה, הכל שוחטין ואפי' כותי, ואפי' ערל, ואפי' ישראל מומר, האי ערל ה"ד? אילימא מתו אחיו מחמת מילה, האי ישראל מעליא הוא? אלא פשיטא מומר לערלות, וקא סבר מומר לדבר אחד, לא הוי מומר לכל התורה כולה, אימא סיפא ואפי' ישראל מומר, האי מומר ה"ד? אי מומר לדבר אחד היינו מומר לערלות? אלא לאו מומר לאותו דבר וכדרבא, לא, לעולם אימא לך מומר לאותו דבר לא, מ"ט? כיון דדש ביה כהיתירא דמי ליה, אלא מומר לעכו"ם

---

שמחליפין קתני? דוודאי מחליפין", לאָז זיין אפילו ווי ר' שמעון, איז אויך גוט, ווייל לערנט ער דען „החליפו", דאָס איך זאָג די סברה זיי האָבן איבער־נעטוישט, ער לערנט דאָך „מחליפין" אַלס אַ זיכערע זאַך, דאָס זיי טוישען, קען מען דאָך שוין זאָגען אַ קל והומר, „ומה בדרבנן לא שבק התירא ואכיל איסורא, בדאורייתא לא כל שכן? מיידאָך ביי דרבנן זאָגען מיר, אַ מענטש לאָזט ניט צוריק אַ היתר, און צו עסען גיכער אַן איסור, איז דאָך ביי דאורייתא געווים ניט אנדערש נאָר אזוי? זאָגט די גמרא „לימא מסייעי ליה הכל שוחטין ואפילו כותי ואפילו ערל ואפילו ישראל מומר", וועט פיליכט די ברייתא אויך זיין אַ בעוויז צו רבא? דען מיר האָבן געלערנט אַלע מעגען שעכטען אפילו אַ כותי אפילו אַן ערל און אפילו אַ איד אַ מומר, פרעגט דערויף די גמרא „האי ערל היכי דמי? אילימא מתו אחיו מחמת מילה? הא ישראל מעליא הוא? אלא פשיטא מומר לערלות, וקא סבר מומר לדבר אחד, לא הוי מומר לכל התורה כולה", דעם ערל דאָ ווי מיינט מען? זאָל איך זאָגען, אַז עס מיינט אַזאַ ערל, וואָס זיינע ברידער זענען געשטאָרבען ווייל מען האָט זיי מל געווען, דעריבער האָט מען איהם שוין ניט גע'מל'ט, דער הייסט דאָך אַ ריכטיגער ישראל? נאָר געווים דאָס מען מיינט אַזאַ ערל וואָס האַלט ניט פון דער מצוות מילה, און ער האַלט, דאָס דעריבער מעג ער שעכטען, ווייל ער האַלט דאָס אַ מומר אויף איין זאַך, ווערט ניט קיין מומר אויף דער גאַנצער תורה, „אימא סיפא ואפילו ישראל מומר, האי מומר היכי דמי? אי מומר לדבר אחד, היינו מומר לערלות? אלא לאו מומר לאותו דבר וכדרבא"? זאָגזשע די סיפא וואָס זאָגט און אפילו אַ מומר, דער מומר וואָס פאַר אַ סאָרט מיינט מען? זאָל איך זאָגען ער איז אַ מומר אויף איין זאַך, ניט וועלענדיג האַלטען איין מצוה? איז דאָך עס דאָס זעלבע וואָס ערל? נאָר מוז זיין עס מיינט, ער איז אַ מומר טאַקע צו דער זאַך אליין, צו עסען נבילה ניט געשאָכטען, און ווי רבא זאָגט עס דאָס אַ מומר צו עסען נבילה, אבי זיך צו זעטען, מעג מען עסען פון זיין שחיטה, זעהסט דאָך גוט דעם באַווייז צו רבא, זאָגט די גמרא, „לא" ניין, „לעולם אימא לך מומר לאותו דבר לא, מאי טעמא? כיון דדש ביה כהתירא דמי ליה, אלא מומר לעבודת כוכבים, וכדרב ענן", לעולם קען איך דיר זאָגען, דאָס אַ מומר צו דער אייגענער זאַך, צו עסען ניט קיין געשאָכטען פלייש, איז זיין שחיטה ניט כשר, וואָרום? ווייל אַזוי ווי ער איז שוין אַזוי איינגעוואוינט, איז עס ביי איהם גלייך ווי אַ היתר.

וכדרב ענן, דאמר רב ענן אמר שמואל ישראל מומר לעכו"ם, מותר לאכול משחיטתו, גופא אמר רב ענן אמר שמואל ישראל מומר לעכו"ם, מותר לאכול משחיטתו, שכן מצינו ביהושפט מלך יהודה שנהנה מסעודת אחאב, שנאמר (ד"ה ב י"ח) ויזבח לו אחאב צאן ובקר לרוב, ולעם אשר אתו, ויסיתהו לעלות אל רמות גלעד, ודלמא מיזבח זבח, מיכל לא אכל? ויסיתהו כתיב, ודלמא בדברים? אין הסתה בדברי', ולא? והכתי' (דברי' י"ם) כי יסיתך אחיך? באכילה ובשתיה, והכתי' (איוב ב) ותסיתני בו לבלעו חנם? למעלה שאני, ודלמא משתא אשתי מיכל לא אכיל? מ"ש שתייה, דאמרינן מומר לעכו"ם לא הוה מומר

---

איי איז דאָך א קשיא וואָס דען פאַר א מומר מיינט מען דאָ צו כשר'ן זיין שחיטה? נאָר עס מיינט א מומר צו דינען די עבודה זרה און אזויווי רב ענן זאָגט, „דאמר רב ענן אמר שמואל, ישראל מומר לעבודת כוכבים מותר לאכול משחיטתו", דען רב ענן זאָגט אין נאָמען פון שמואל דאָס א מומר צו עבודה זרה, מעג מען עסען פון זיין שחיטה, „גופא אמר רב ענן אמר שמואל ישראל מומר לעבודת כוכבים מותר לאכול משחיטתו, שכן מצינו ביהושפט מלך יהודה שנהנה מסעודת אחאב, שנאמר ויזבח לו אחאב צאן ובקר לרוב ולעם אשר עמו, ויסיתהו לעלות אל רמות גלעד", די זאַך גופא פון רב ענן דאָס מען מעג עסען פון דער שחיטה, דען אזוי געפינען מיר ביי יהושפט דעם קעניג פון יהודה, וואָס איז געווען א צדיק, דאָס ער האָט נהנה געווען און געגעסען פון דער סעודה ביי אחאב דעם קעניג פון ישראל, וואָס האָט געדינט די עבודה זרה, דען דער פסוק זאָגט, אחאב האָט געשאָכטען פאַר איהם און זיין פאָלק מיט איהם אסאך שאָף און רינדער, און ער האָט איהם איבערגערעדט צו גען מיט איהם אויף א מלחמה צו רמות גלעד, פרעגט די גמרא, „ודילמא מיזבח זבח מיכל לא אכל? פיליכט שעכטען האָט ער טאַקע געשאָכטען, אָבער עסען האָט יהשפט ניט געגעסען? ענטפערט די גמרא, „ויסיתהו כתיב", עס שטעהט דאָך אז ער האָט איהם איבערגערעדט, און דאָס נעמט דאָך צייט, און ווערענד דער סעודה איז איהם געלונגען איהם צו איבעררעדען. פראַגע: „ודילמא בדברים"? טאָמער האָט ער איהם איבער־גערעדט בלויז מיט רייד? ענטפער: „אין הסתה בדברים", מען קען ניט איבעררעדען בלויז מיט רייד ווייל עס פעהלט דער אויסדויער צו ענטוויקלען דעם איינפלוס, פרעגט די גמרא „ולא? והכתיב כי יסיתך אחיך"? דו זאָגסט אז ניט, דער פסוק זאָגט דאָך אז דיין ברודער וועט דיך איבעררעדען? ענטפער: „באכילה ושתיה", דאָרט מיינט אויך ביי א סעודה, „והכתיב ותסיתני בו לבלעו חנם"? דער פסוק זאָגט דאָך ביי איוב דאָס ג־ט האָט געזאָגט צום שטן דו האָסט מיך איבערגערעדט וועגען איהם צו פאַרדאַרבען איהם אומזיסט? ענטפער: „למעלה שאני", אויבען איז אנדערש, דאָרט זענען גאַנץ אנדערע באַגריפען, אָבער ביי מענטשען ווערט אזאַ זאַך דורכגעפיהרט נאָר ביי א סעודה־געלעגענהייט. פרעגט די גמרא, „ודילמא מישתא אישתי מיכל לא אכל"? פיללייכט האָט ער נאָר געטרינקען אָבער עסען האָט ער ניט געגעסען? ענטפער:

לכל התורה כולה, אכילה נמי מומר לעכו"ם לא הוי מומר לכל התורה כולה? הכי השתא שתייה סתם יינן הוא, ועדיין לא נאסר יינן של עכו"ם, אבל אכילה אימא לך, מומר לעכו"ם, הוי מומר לכל התורה כולה, איבעית אימא לאו אורחיה דמלכא משתיא בלא מיכלא, ואיבעית אימא ויזבח ויסיתהו כתיב, במה הסיתו? בזביחה, ודלמא עובדיה זבח? לרוב כתיב, עובדיה לא הוה ספיק, ודלמא שבעת אלפים זבוה, דכתיב (מלכים א' י"ט) והשארתי בישראל שבעת אלפים, כל הברכים אשר לא כרעו לבעל וגו? טמורי הוה מיטמרי מאיזבל, ודלמא גברי דאחאב הוו מעלו? לא ס"ד, דכתיב (משלי כ"ט) מושל מקשיב על דבר שקר, כל משרתיו רשעים, ודלמא גברי

---

„מאי שנא שתייה? דאמרינן מומר לעבודת כוכבים לא הוי לכל התורה כולה, אכילה נמי"? ווארום זאָגסטו איז טרינקען אנדערש? ווייל מיר זאָגען אז א מומר צו עבודה זרה, הייסט ניט קיין מומר אויף אַלעמען, איז דאָך עסען אויך אזוי? „הכי השתא, שתייה סתם יינו הוא ועדיין לא נאסר יינו של עובד כוכבים, אבל אכילה אימא לך מומר לעבודת כוכבים הוי מומר לכל התורה כולה"? וואָס פאר א גלייכונג איז דאָס יעצט, ביי טרינקען קען איך זאָגען דאָס זיי האָבען געטרינקען איינפאכען וויין ניט געגאָסענעם צו דער עבודה זרה, און אזא וויין איז נאָך דאמאָלס ניט גע'אסור'ט געווען, אָבער ביי עסען וועל איך טאקע זאָגען אז א מומר צו עבודה זרה איז א מומר צו דער גאַנצער תורה און זיין שחיטה איז נבילה, היינט קען דאָך זיין, דאָס עסען האָט ער טאקע ניט געגעסען נאָר בלויז געטרינקען? ענטפער: אי בעית אימא לאו אורחיה דמלכא מישתי בלא מיכלא, ואי בעית אימא ויזבח ויסיתהו כתיב, במה הסיתו? בזביחה", אז ווילסט וועל איך דיר זאָגען, עס איז ניט דער שטייגער ביי א קעניג א סעודה מיט בלויז טרינקען אָהן עסען, און אז דו ווילסט וועל איך דיר זאָגען דער פסוק זאָגט דאָך אין איין גאנג, ער האָט געשאָכטען און ער האָט איהם איבערגערעדט. מיט וואָס האָט ער איהם איבערגערעדט? מיט דער זביחה, פרעגט די גמרא, „ודילמא עובדיה זבח"? פיליכט האָט עובדיה וואָס איז געווען א צדיק — געשאָכטען? ענטפערט די גמרא, „לרוב כתיב, עובדיה לא הוה ספיק", דער פסוק זאָגט ארויס „לרוב", דאָס מען האָט אסך געשאָכטען, און עובדיה אליין וואָלט ניט קענען געניגען, פראַגע: „ודילמא שבעת אלפים זבוה, דכתיב והשארתי בישראל שבעת אלפים כל הברכים אשר לא כרעו לבעל"? פיליכט האָבען די זיבען טויזענד געשאָכטען, וואָס דער פסוק זאָגט אויף זיי, איך וועל איבערלאָזען צווישען די אידען די זיבען טויזענד, די אַלע קניה וועלכע האָבען ניט געקניהט צו דער עבודה זרה? ענטפער: „טמורי הוו מיטמרי מאיזבל", זיי זענען געווען אויסבאהאַלטען פון איזבל, וועלכע האָט אויסגע'הרג'ט אַלע געגנער פון דער עבודה זרה, פראַגע: „ודילמא גברי דאחאב הוו מעלי"? פיליכט זענען אחאב'ס מענשען געווען גוט, ניט דינענדיג די עבודה זרה? ענטפער, „לא סלקא דעתך דכתיב מושל ומקשיב על דבר שקר, כל משרתיו רשעים", עס קען ניט ארויף אויפ'ן

דיהושפט נמי לא הוו מעלו? זבוח גברי דאחאב אכול גברי דיהושפט, זבוח עובדיה אכל יהושפט? לא ס״ד, מדמושל מקשיב על דבר שקר, כל משרתיו רשעים, הא לדבר אמת, משרתיו צדיקים, ודלמא זבוח גברי דאחאב, אכל אחאב וגבריה, זבוח גברי דיהושפט, אבל יהושפט וגבריה? (דף ה ע״א) לא הוה מפליג נפשיה מיניה, מנלן? אילימא מדכתיב (מלכים כ״ב) כמוני כמוך כעמי כעמך, אלא מעתה כסוסי כסוסיך, הכי נמי? אלא מה דהוי אסוסיך תיהוי אסוסי, ה״נ מה דהוי עלך ועילוי עמך, תיהוי עלי ועילוי עמי, אלא מהכא (שם) ומלך ישראל ויהושפט מלך יהודה יושבים איש על כסאו, מלובשים בגדים בגורן פתח שער שומרון, מאי גורן? אילימא גורן ממש,

---

געדאנק אזוי, דען דער פסוק זאָגט אַ געוועלטיגער און אָננעמער אויף ליגענד, זענען אַלע זיינע באַדינער רשעים, פראַגע: „ודלמא גברי דיהושפט נמי לא הוו מעלי, זבוח גברי דאחאב אכול גברי דיהושפט זבוח עובדיה אכל יהושפט״? פילייכט זענען די מענשען פון יהושפט אויך ניט גוט געווען, האָבען דאָך שוין די מענשען פון אחאב געקענט שעכטען פאַר די מענשען פון יהושפט, און עובדיה אַליין וואָס האָט געשאָכטען, האָט געגעסען יהושפט? ענטפער: לא סלקא דעתך, מדמושל ומקשיב על דבר שקר כל משרתיו רשעים, הא לדבר אמת, משרתיו צדיקים״, עס קען ניט אַרויף אויפ׳ן געדאַנק אַזוי, דען ווען איך זעה אַז אַ מושל איבער שקר, זענען אַלע רשעים, איז געדרינגען, דאָס אָבער איבער אמת, זענען זיינע באַדינער אַלע צדיקים. פראַגע: „ודלמא זבוח גברי דאחאב, אכל אחאב וגבריה, זבוח גברי דיהושפט אכל יהושפט וגבריה״? פילייכט וואָס די מענשען פון אחאב האָבען געשאָכטען, האָבען געגעסען אחאב און זיינע מענשען, און וואָס די מענשען פון יהושפט האָבען געשאָכטען, האָבען געגעסען יהושפט און זיינע מענשען? ענטפער: לא הוה מפליג נפשיה מיניה״, ער וואָלט זיך ניט אָפּזונדערן פון איהם, „מנלן? אילימא מדכתיב כמוני כמוך כעמי כעמך״? פון וואַנען נעמסטו דאָס, דאָס ער וואָלט זיך ניט אָפּזונדערן? זאָל איך זאָגען, ווען איך זעה דער פסוק זאָגט, אַזוי־ווי מיר זענען אַזוי ביזטו, אַזוי־ווי מיין פאָלק ווי דיין פאָלק, מיינענדיג דאָס אַלע האָבען מיר צוזאַמען אַיינער צום אַנדערן? איז דאָך די קשיא, „אלא מעתה כסיסי כסיסיך הכי נמי״? נאָך דעם געדאַנק נאָך, זאָגט ער דאָך אויך מיינע פערד ווי דיינע פערד, וועסטו אויך אַזוי טייטשען? „אלא״ מוזטו דאָך זאָגען, מה דהוי אַסיסיך תהוי אסיסי, הכא נמי מה דהוי עלך ועלוי עמך, תהוי עלי ועילוי עמי״? אַז ער האָט געמיינט אַזוי צו זאָגען וואָס עס וועט זיין און טרעפען אויף דיינע פערד, וועט זיין אויף מיינע פערד, אַזוי אויך דאָ, האָט ער געמיינט, וואָס עס וועט טרעפען אויף דיר און דיין פאָלק וועט אויך זיין אויף מיר און אויף מיין פאָלק? אָבער אַלץ ניט וועגען פערזענליכען צוטרויען? „אלא״ זאָגט די גמרא „מהכא, ומלך ישראל ויהושפט מלך יהודה יושבים איש על כסאו מלובשים בגדים בגורן פתח שער שומרון, מאי גורן? אילימא

אטו שער שומרון גורן הוה? אלא כי גורן, דתנן סנהדרין היתה כחצי גורן עגולה, כדי שיהו רואין זה את זה, לימא מסייע ליה? (שם י״ז) והעורבים מביאים לו לחם ובשר בבקר, ולחם ובשר בערב, ואמר רב יהודה אמר רב מבי טבחי דאחאב? על פי הדיבור שאני, מאי עורבים? אמר רבינא עורבים ממש, א״ל רב אדא בר מניומי ודילמא תרי גברי דהוי שמייהו עורבים? מי לא כתיב (שופטים ז) ויהרגו את עורב בצור עורב, ואת זאב וגומר, א״ל איתרמאי מילתא דתרוייהו הוה שמייהו עורבים? ודילמא על שם מקומן, מי לא כתיב (מלכים ב ה) וארם יצאו גדודים, וישבו מא״י נערה קטנה, וקשיא

---

פסוק זאָגט, דער מלך פון ישראל און יהושפט דער מלך פון יהודה זענען געזעסן יעדער אויף זיין שטוהל אָנגעטוהן אין קעניגליכע קליידער אין שייער פון הויפּטפּלאַץ אין שומרון, איז דאָך די פראַגע וואָס מיינט דאָ גורן? זאָל איך זאָגען טאַקע איינפאַך אין שייער וואו מען האַלט די תביעות, איז דאָך די פראַגע, איז דען דער הויפּטפּלאַץ פון שומרון געווען אַ שייער? „אלא כי גורן, דתנן סנהדרין היתה כחצי גורן עגולה כדי שיהו רואין זה את זה״, נאָר עס מיינט ווי אַ שייער, דען מיר האָבען געלערנט אין אַ משנה דאָס די סנהדרין זענען געווען אויסגעזעצט ווי אַ האַלבער שייער האַלב־רונד, אום אַלע זאָלען זיך זעהן איינער דעם אַנדערן, מיט דעם באַמערקט דער פסוק דאָס זיי זענען געזעסן מיט ליבשאַפט און פולען צוטרויען ווי די סנהדרין, וואו איינער אויף דעם אַנדערן האָט קיין שום פערזענליכען מיסטרויען ניט, זעהסט דאָך גוט דאָס אַ מומר צו עבודה זרה הייסט ניט קיין מומר אויף אַלעמען? זאָגט די גמרא, „לימא מסייע ליה, והעורבים מביאים לו לחם ובשר בבקר ולחם ובשר בערב, ואמר רב יהודה אמר רב מבי טבחי דאחאב״? פיליכט איז אַ סברה צו זאָגען דאָס דער מאמר זאָל זיין אַ בעוויז צו רב ענן, דען מיר האָבען געלערנט דאָס די עורבים האָבען געבראַכט פאַר אליהו ווען ער איז געווען באַהאַלטען פאַר אחאב, ברויט און פלייש אין דער פריה און ברויט און פלייש אין אָבענד, האָט אויף דעם געזאָגט רב יהודה אין נאָמען פון רב דאָס די פלייש איז געווען פון שלאַכטהויז פון אחאב, און זיי זענען דאָך געווען מומרים צו עבודה זרה, און אליהו האָט געגעסען פון דער פלייש, איז דאָך אַ באַווייז דאָס אַ מומר צו עבודה זרה איז ניט קיין מומר צו דער גאַנצער תורה ווי רב ענן? ענטפערט די גמרא, „על פי הדיבור שאני״, לעולם זאָג איך דאָס אַזאַ מומר איז אַ מומר צו דער גאַנצער תורה, איי איז דאָך די קשיא וויאַזוי האָט אליהו געגעסען פון דער שחיטה? ניט מעהר דורך אַן אָנזאָג פון ג־ט איז אַנדערש, ווי דער פסוק זאָגט איך האָב געבאָטען די עורבים זיי זאָלען דיך שפּייזען, „מאי עורבים? אמר רבינא ממש״, וואָס מיינט עורבים? האָט רבינא געזאָגט מען מיינט איינפאַך עורבים אַזוינע פויגלען וואָס הייסען ראָבען, „אמר ליה רב אדא בר מניומי, ודלמא תרי גברי דהוי שמייהו עורבים, מי לא כתיב ויהרגו את עורב בצור עורב ואת זאב וגוי״? האָט רב אדא געזאָגט צו איהם, פיליכט זענען געווען צוויי לייטע וועלכע האָבען געהייסען

לך קרי לה נערה, וקרי לה קטנה? וא"ר פדת קטנה דמן נעורן? אם כן עורביים מיבעי ליה? לימא מסייע ליה הכל שוחטין ואפי' כותי, ואפי' ערל, ואפי' ישראל מומר, האי ערל ה"ד? אילימא שמתו אחיו מחמת מילה, האי ישראל מעליא הוא? אלא פשיטא מומר לערלות, אימא סיפא ואפי' ישראל מומר, ה"ד? אי מומר לדבר אחד, היינו מומר לערלות? אלא לאו מומר לעכו"ם וכדרב ענן, לא, לעולם אימא לך מומר לעכו"ם לא, דאמר מר חמורה עכו"ם, שכל הכופר בה כמודה בכל התורה כולה? אלא מומר לאותו דבר וכדרבא, מיתיבי (ויקרא א)

---

עורבים, שטהט דען ניט קיין פסוק דאָס גדעון'ס מענשען האָבען געפאַנגען און געטויטעט איינעם מיט'ן נאָמען עורב אין עורב צור, און א צווייטען וואָס האָט געהייסען זאב וכו'? „אמר ליה איתרמאי מילתא דתרווייהו הוה שמייהו עורבים"? האָט ער צו איהם געזאָגט, האָט זיך געטראָפען דאָ א זאַך וואו ביידע זאָלען הייסען מיט די נעמען עורבים? פראגע: „ודלמא על שם מקומן, מי לא כתיב וארם יצאו גדודים וישבו מארץ ישראל נערה קטנה, וקשיא לן קרי לה נערה וקרי לה קטנה? ואמר ר' פדת קטנה דמן נעורין"? פילייכט מיינט מען דאָ עורבים אויפ'ן נאָמען פון לאַנד אראַביע, איז דען ניט פאַראַן א פסוק, דאָס פון ארם זענען ארויס סאָלדאַטען און געפאַנגען פון ארץ ישראל א נערה א קליינע, איז אונז שווער געווען, ער רופט איהר נערה וואָס מיינט שוין א גרעסער מיידל, און רופט איהר א קליינע? האָט אויף דעם ר' פדת געזאָגט אז מען מיינט א קליינע פון פלאַץ נעורן, ער רופט איהר נערה צוליב'ן פלאַץ? ענטפער: „אם כן עורביים מיבעי ליה", אויב צוליב'ן פלאַץ, האָט דער פסוק געדאַרפט זאָגען עורביים, „לימא מסייע ליה, הכל שוחטין ואפילו כותי ואפילו ערל ואפילו ישראל מומר, האי ערל היכי דמי? אילימא שמתו אחיו מחמת מילה, האי ישראל מעליא הוא? אלא פשיטא מומר לערלות, אימא סיפא ואפילו ישראל מומר, היכי דמי? אי מומר לדבר אחד היינו מומר לערלות? אלא לאו מומר לעבודת כוכבים וכדרב ענן"? פילייכט איז א סברה צו באַווייזען פונדאַנען אויף רב ענן? דען מיר האָבען געלערנט אַלע שעכטען אפילו א כותי אַן ערל און א ישראל מומר, ווי מיינט מען דאָ דעם ערל? זאָל איך זאָגען צוליב זיינע ברידער וועלכע זענען געשטאָרבען צוליב מילה, דאָס הייסט דאָך א ריכטיגער איד? נאָר געוויס עס מיינט א מומר וואָס בריקעט אין דער מצוה פון מילה, יעצט זאָג די סיפא, אפילו א ישראל מומר, ווענען מיינט מען דאָ? זאָל איך זאָגען א מומר נאָר אויף איין זאַך, איז דאָך דאָס זעלבע וואָס מומר געגען ערלות? נאָר געוויס ניט אַנדערש ווי א מומר צו עבודה זרה, און ווי רב ענן? ענטפערט די גמרא „לאַ ניין, לעולם אימא לך מומר לעבודת כוכבים לא דאמר מר חמורה עבודת כוכבים שכל הכופר בה, כמודה בכל התורה כולה, אלא מומר לאותו דבר, וכדרבא", לעולם זאָג איך דיר דאָס אזא מומר ניט, דען דער תנא האָט געזאָגט, דאָס עבודה זרה איז אזוי האַרב ביז אז אויב איינער לייקענט אין איהר איז גלייך ווי ער וואָלט מודה זיין אין דער גאַנצער תורה. פאַרשטעהט מען

מכם, ולא כולכם, להוציא את המומר, מכם בכם חלקתי, ולא באומות, מן הבהמה להביא בני אדם שדומים לבהמה, מכאן אמרו מקבלין קרבנות מפושעי ישראל, כדי שיחזרו בהן בתשובה, חוץ מן המומר,

---

דאָך שוין דאָס פּארקערטע, איי וואָס מיינט דאָ ואפילו מומר? נאָר עס מיינט א מומר צו דער זאַך צו עסען נבילות ניט געשאָכטען, און ווי רבא זאָגט, זאָגט די גמרא „מיתיבי מכם ולא כולכם להוציא את המומר, מכם, בכם חלקתי ולא באומות", איך וועל דיך א קשיא פרעגען דער פסוק זאָגט „אדם כי יקריב מכם, מן הבהמה וכו'" וואָלט דאָך געדאַרפט שטעהן אדם מכם כי יקריב, אז א מענש פון אייך וועט מקריב זיין א קרבן, דען דער וואָרט „מכם" שטעלט דאָך פאַר דעם וואָרט „אדם" און קומט דעריבער צו שטעהן באַלד נאָך איהם ווי א שטיינער איש מזרעך, איש איש מבית ישראל, דער וואָרט איז אָפּגערוקט געוואָרען נאָך כי יקריב, צו לאָזען הערען, דאָס נאָר א טייל פון אייך איז ראוי און ווירדיג צו מקריב זיין, ניט קיין מומר, און נאָר ביי אידען האָב איך אונטערשיידעט צווישען א מומר און ניט קיין מומר אָבער ביי פעלקער אויב זיי ווילען שיקען א קרבן אין אונזער בית המקדש, קענען דאָס אַלע טוהן קיין אונטערשייד צו ער איז מודה אין זיינע זיבען מצות, צו ניט, מן הבהמה להביא בני אדם שדומים לבהמה מכאן שמקבלין קרבנות מפושעי ישראל כדי שיחזרו בתשובה", דאָס וואָרט אדם אין דער תורה איז געמיינט צו מעהרסטענס א מענש וואָס פיהרט זיך לויט דער תורה, דאמאָלסט ווערט זיין גוף געפיהרט לויט זיין נשמה, בחירה, און פאַרשטאַנד, און צו מאָהל ווערט ער אויך אָנגערופען מיט'ן נאָמען אדם קערפּערליך אַלס א מין אדם ניט קיין בהמה אָדער אנדער מין באַשעפעניש, א כלל איז פאַראַן ביי דער תורה דאָס זי פאַרשטעלט ניט איהרע רייד, מען זאָל ניט קענען אויס־געפונען וואָס פאַר א סאָרט אדם דער פסוק מיינט, איז א כלל דערביי, דאָס וואו נאָר די תורה שטעלט דעם וואָרט אדם אין קאָנטראַסט מיט בהמה, איז א בעווייז אז זי יעדט פון א אדם קערפּערליך אַזוויי פון דער בהמה, די גמרא פרעגט טאַקע אין יבמות דף ס"א אויף ר' שמעון בן יוחאי וואָס זאָגט אז א גוי איז ניט גערופען מיט דעם נאָמען אדם אין דער תורה, עס שטעהט דאָך ביי דער מלחמה מיט מדין וואו זיי האָבען געפאַנגען בהמות מיט מענטשען, ונפש אדם ששה עשר אלף, זעכצעהן טויזענד מענטשען, זעהסט דאָך גוט, דאָס אפילו גוים רופט דער פסוק אויך אָן אדם? ענטפערט דאָרט די גמרא משום בהמה, דאָס דער נאָמען איז גערופען אין דעם פסוק דאָרט צוליב בהמה, מיינענדיג, דו זעהסט דאָך דער פסוק דאָרט רעכענט אדם אין קאָנטראַסט מיט בהמה, איז פאַרשטענדליך דאָס עס איז געמיינט קערפּערליך, (אָדער אז עס שטעהט מיט א ה' האדם וואָס מיינט דער מין מענש, אָדער ווען אדם איז אין קאָנטראַסט מיט אל, ואתה אדם לא אל), אָט דאָס איז די מיינונג דאָ, דער פסוק זאָגט אדם כי יקריב מן הבהמה, אז א מענש וועט ברענגען א קרבן א בהמה זי זאָל געהן אַלס כפרה פאַר איהם, איז דאָך געדרינגען פון מן הבהמה וואָס איז אין קאָנטראַסט צו אדם, דאָס דער פסוק

ומנסך את היין, ומחלל שבתות בפרהסיא, הא גופה קשיא, אמרת מכם ולא כולכם, להוציא את המומר, והדר תני מקבלין קרבנות מפושעי ישראל? הא לא קשיא, רישא מומר לכל התורה כולה, מציעתא מומר לדבר אחד, אימא סיפא חוץ מן המומר ומנסך את היין, ומחלל שבת בפרהסיא, האי מומר ה"ד? אי מומר לכל התורה כולה, היינו רישא? ואי מומר לדבר אחד קשיא מציעתא? אלא לאו ה"ק חוץ מן המומר לנסך את היין, ולחלל שבתות בפרהסיא, אלמא מומר לעכו"ם הוה

---

רעדט נאָר פון אזא אדם אלס קערפערליך, א מין אדם ניט קיין בהמה, דאָס איז מרבה און ברייננט צו אזוינע מענשען וועלכע זענען גלייך צו א בהמה וואָס פיהרען זיך ניט על פי תורה, פון דאנען האָבען די חכמים געזאָגט דאָס מען נעמט צו קרבנות אפילו פון זינדיגער ביי אידען אום זיי זאָלען תשובה טוהן דורך די קרבנות, ווען מען וואָלט אויך מאכען אַן אונטערשייד ביים גוי צווישען א מומר און ניט קיין מומר, וואָלט מען דארפען האָבען צוויי פסוקים אויף צו מרבה זיין א גוי, דאָס מען נעמט צו ביי איהם קרבנות, איין פסוק איש וואָס די גמרא איז טאַקע מרבה פון איהם א גוי, וואָלט געהן אויף א גוי ניט קיין מומר, און דעם מן הבהמה וואָס ווייזט אויף אדם, וואָלט איך מוזען אָנלייגען אויף א גוי א מומר, דען דאָס איז דאָך זיכער דאָס קיין גוי איז ניט אין כלל אדם, נאָר אזוי ווי פון פסוק איז געדרינגען דאָס מיר אונטערשיידען ניט ביי א גוי צווישען מומר און ניט מומר, איז דאָך שוין ניט געברויכט דער פסוק פאַר א גוי, אזוי מוזען מיר איהם אָנווענדען ביי א פושעי ישראל, „חוץ מן המומר ומנסך את היין ומחלל שבתות בפרהסיא", אויסער א מומר און איינער וואָס גיסט וויין צו דער עבודה זרה און איינער וואָס פאַרשוועכט שבת, טוהענדיג א מלאכה אין שבת אין דער נעגענוואַרט פון אידען, פרעגט די גמרא „הא גופא קשיא, אמרית מכם ולא כולכם להוציא את המומר והדר תני מקבלין קרבנות מפושעי ישראל"? די ברייתא אַליין איז דאָך אין זיך שווער, ערשט זאָגסטו מכם ניט פון אַלע, צו ממעט זיין א מומר, און באלד דערנאָך לערנט ער, מען נעמט צו קרבנות פון פושעי ישראל? ענטפערט די גמרא „הא לא קשיא רישא מומר לכל התורה כולה, מציעתא מומר לדבר אחד". דאָס איז ניט קיין קשיא דער ערשטער פאַל שמועסט פון א מומר גענען דער גאַנצער תורה און דער מיטלער פאַל שמועסט וועגען א מומר נאָר צו איין זאַך, „אימא סיפא חוץ מן המומר ומנסך את היין ומחלל שבת בפרהסיא, האי מומר היכי דמי? אי מומר לכל התורה, היינו רישא, ואי מומר לדבר אחד קשיא מציעתא"? זאָגזשע די סיפא אויסער א מומר און מנסך וויין און מחלל שבת, וואָס פאַר א סאָרט מומר מיינט מען דאָ? זאָל איך זאָגען א מומר גענען דער גאַנצער תורה, איז דאָך דאָס זעלבע אין דער רישא? און אויב נאָר גענען איין זאַך, איז דאָך א קשיא פון מיטעלען פאַל, וואו ער זאָגט, דאָס מען נעמט יאָ צו קרבנות פון איהם? „אלא לאו הכי קאמר חוץ מן המומר לנסך את היין ולחלל שבתות בפרהסיא", נאָר געוויס איז ניט אנדערש, דאָס די ברייתא מיינט אזוי צו זאָגען אויסער

מומר לכל התורה כולה, תיובתא דרב ענן? תיובתא, והא מהכא נפקא, מהתם נפקא? (דף ה ע״ב) (ויקרא ד) מעם הארץ פרט למומר, ר״ש בן יוסי אומר משום ר״ש (שם) אשר לא תעשנה בשגגה ואשם, השב מידיעתו, מביא קרבן על שגגתו, אינו שב מידיעתו, אינו מביא קרבן על שגגתו, ואמרי׳ מאי בינייהו? וא״ר המנונא מומר לאכול חלב, והביא קרבן על הדם, איכא בינייהו, הדא בחטא׳, וחדא בעולה,

---

א מומר צו גיסען וויין צו עבודה זרה און צו מחלל שבת זיין עפענטליך, „אלמא מומר לעבודת כוכבים הוה מומר לכל התורה כולה ותיובתא דרב ענן? תיובתא"? זעהסט דאך גוט דאס א מומר צו עבודה זרה הייסט א מומר צו דער גאנצער תורה, איז דאך א קשיא אויף רב ענן, בלייבט די קשיא, פרעגט די גמרא, „והא מהכא נפקא? מהתם נפקא"? די זאך אז מען נעמט ניט צו קרבן פון א מומר לערנט מען דען פונדאנען? מען לערנט דאך ארויס פון דארט? „מעם הארץ פרט למומר, ר׳ שמעון בן יוסי אומר משום ר׳ שמעון לא תעשינה בשגגה ואשם, השב מידיעתו מביא קרבן על שגגתו אינו שב מידיעתו, אינו מביא קרבן על שגגתו", מיר האבען געלערנט דער פסוק זאגט ואם נפש אחת תחטא מעם הארץ? דען די ווערטער מעם הארץ זענען דאך א בעשייד אויף נפש אחת, דארפען זיי דאך געשריבען זיין באלד נאך נפש אחת? דאס קומט אנלערנען דאס מעם הארץ זאל זיך באציהען אויף תחטא, דאס די נפש וואס ועט זינדיגען און דארפען בריינגען א קרבן, זאל זיין פונ׳ם פאלק, ניט קיין מומר וואס איז ווי אפגעריסען פונ׳ם פאלק, ר׳ שמעון בן יוסי זאגט פון ר׳ שמעון וועגען דער פסוק זאגט אשר לא תעשינה בשגגה ואשם או הודע, אז די נפש וועט זינדיגען און טוהן א זאך אומגערן וואס דארף ניט געטוהן ווערען, און ער וועט פארשולדיגט זיין, אדער ער וועט נאכהער באוואוסט ווערן וואס ער האט געטוהן, טייטש איך, השב מידיעתו, אויב ער בערייעט און טוהט תשובה דורך זיין באוואוסט ווערען פון זיין טאט, דארף ער בריינגען א קרבן אויף זיין שגגה, אויב ער באריעט ניט פון זיין ידיעה הייסט ער דאך אן אפיקורים, בריינגט ער ניט קיין קרבן אויף זיין שגגה, דאס מיינט מען נעמט פון איהם ניט צו, קיין קרבן, ר׳ שמעון האלט דאס אן איינצעלנער מענש אז ער טוהט א זינד עסענדיג חלב אומגערן אויפ׳ן אויסזאגען פון בית דין איז חייב, דעריבער דרש׳ענט ער דעם מעם הארץ, דאס אפילו די מעהרהייט אדער אפילו דאס גאנצע פאלק זינדיגט דורך די ענטשיידונג פון בית דין הגדול איז חייב, און דער ערשטער תנא וואס איז סתם ספרא (אהן א נאמען) ווי ר׳ יהודה, ער האלט אז אן איינצעלנער אויפ׳ן אויסזאגען פון בית דין איז פטור, קען דאך דער מעם הארץ ניט באציהען זיך אויפ׳ן רוב אדער גאנצען פאלק, דעריבער דרש׳ענט ער איהם צו ממעט זיין א מומר, „ואמרינן מאי בינייהו? ואמר רב המנונא מומר לאכול חלב והביא קרבן על הדם איכא בינייהו", און מיר האבען געפרעגט וואס איז דער אונטערשייד צווישען זיי, ער מיינט צו פרעגען דא אויב עס איז פאראן עפעס אן אונטערשייד אויך אין דין צווישען זיי? און רב המנונא האט

וצריכי, דאי אשמעינן חטאת משו' דלכפרה הוא, אבל עולה דדורון הוא, אימא ליקבל מיניה? ואי אשמעינן עולה משו' דלאו חיובא הוא, אבל חטאת דחיוב הוא, אימא ליקבל מיניה? צריכא, וכל היכא דכתיב בהמה גריעותא היא, והכתיב (תהילים ל"ו) אדם ובהמה תושיע ה', וא"ר יהודה אמר רב אלו בני אדם שהן ערומין בדעת, ומשימין עצמן כבהמה? התם כתיב אדם ובהמה, הכא בהמה לחודיה כתיב,

---

גענטפערט אז א מומר צו עסען חלב און געבראכט א קרבן אויף דם איז צווישען זיי, נאך ר' שמעון נאך, נעמט מען צו ביי איהם דעם קרבן ווייל ער איז דאך ניט קיין מומר אויף דם, דען ווען ער וואלט וויסען אז עס איז דם, וואלט ער זיך געווען צוריקציהען, הייסט ער השב מידיעתו, און נאכ'ן ערשטען תנא הייסט ער א מומר, ווייל א מומר אויף חלב הייסט שוין אויך א מומר אויף אנדערע פארבאטענע עסענווארג, און דער מומר שמועסט דאך וועגען דער גאנצער תורה, מוז מען איינלערנען נאך רב המנונא דאס אויסנאהמליך איז ער א שוגג אויף דם, היינט, איז דאך א מומר ארויסגעלערנט פון אנדערען פסוק ניט פון מכם? ענטפערט די גמרא „חדא בחטאת וחדא בעולה וצריכי",ביידע פסוקים זענען געדארפט איינער פאר עולה און איין פסוק פאר חטאת, „דאי אשמעינן חטאת משום דלכפרה הוא אבל עולה דדורון הוא, אימא ליקבל מיניה", דען ווען דער פסוק וואלט לאזען הערען בלויז ביי חטאת פון מעם הארץ, דאס מען נעמט ניט אן פון איהם קיין קרבן חטאת, וואלט איך זאגען ווייל חטאת איז צו אפווישען די זינד, דאס גיט מען איהם ניט, אבער עולה וואס איז אלס א מתנה וואס א מענש גיט אין בית המקדש, וואלט איך מיינען צו יא צונעמען פון איהם, לאזט ער מיך הערען ביי עולה, „ואי אשמעינן עולה משום דלאו חיובא הוא, אבל חטאת דחיובא הוא אימא לקבל מיניה? צריכא", און ווען דער פסוק וואלט לאזען הערען בלויז ביי עולה פון מכם, וואלט איך ווידער זאגען, דאס מען נעמט ניט צו פון איהם, צוליב דער קרבן איז ניט קיין מוז, אבער חטאת איז דאך א מוז און א חיוב צו ברייגנען, וואלט איך מיינען, דאס מען נעמט יא צו פון איהם? לאזט אונז די תורה הערען ביידע פסוקים, פרעגט די גמרא „וכל היכא דכתיב בבהמה גריעותא הוא? והכתיב אדם ובהמה תושיע ה', ואמר רב יהודה אמר רב אלו בני אדם שהם ערומים בדעת ומשימין עצמן כבהמה"? דו דרש'ענסט אויבען פון מן הבהמה וואס שטעהט נעבען אדם, דאס אדם איז דעריבער ערגער און מיינט איינפאך א מין מענש אין קערפערליכען זין, מיר זעהן דאך ביי אזא פסוק וואו אדם מיט בהמה שטעהן צוזאמען, אדם ובהמה תושיע ה', מענש און בהמה זאלסטו העלפען אה ג-ט, און רב יהודה האט געזאגט אין נאמען פון רב, דאס דער אדם מיינט גרויס, אזוינע מענשען וועלכע זענען קלוג מיט וויסען, נאר ביי זייערע קערפערליכע וואונשען מאכען זיי זיך ווי א בהמה ניט נאכצולויפען נאך וואוילטאג, זעהסט דאך גוט דאס אדם נעבען בהמה ווערט ניט ערגער? ענטפערט די גמרא „התם כתיב אדם

**וכל היכא דכתיב אדם ובהמה מעליותא היא, והא כתיב (ירמיה ל"א) וזרעתי את בית ישראל, זרע אדם וזרע בהמה? התם הא חלקיה קרא, זרע אדם לחוד, וזרע בהמה לחוד, (סימן נקלף) א"ר חנן א"ר יעקב בר אידי א"ר יהושע בן לוי משום בר קפרא, ר"ג ובית דינו נמנו על שחיטת כותי ואסרוה, א"ל רבי זירא לרבי יעקב בר אידי שמא לא**

---

ובהמה, הכא בהמה לחודיה כתיב", דאָרט שטעהט אדם ובהמה איז די וואו ביי בהמה אַ בעשיידער ווי אַ שטייגער יין ושכר, אַזאַ וויין וואָס מאַכט שיכור, ויענך וירעיביך, ער האָט דיך געפייניגט מיט דעם וואָס ער האָט דיך געמאַכט הונגעריג, מבעה והבער, מבעה מיינט הבער אין אָנהויב בבא קמא, אָבער דאָ איז דאָך מן הבהמה אָפּגעזונדערט. קען דאָך ניט זיין קיין קלעהר אויף דעם, פרעגט די גמרא צוריק „וכל היכא דכתיב אדם ובהמה מעלייתא היא? והכתיב וזרעתי את בית ישראל זרע אדם וזרע בהמה"? און וואו עס שטעהט אדם ובהמה מיט אַ וואו מיינט גוט? עס שטעהט דאָך איך וועל זייען דעם בית ישראל און בית יהודה ווי מען זייעט, זאָמען, וואָס צוערשט ווערט דאָך די זאָמען פאַרפוילט אום זי זאָל צוריק באַנייט ווערען און אויפוואַקסען שטאַרקער אַזוי אויך די אידען, חאָטש אין גלות ווערען זיי דאָך פאַרטווערענד ווייניגער, דאָך וועט דאָס זיי בריינגען צו ווערען אַ גרויס פאָלק, און דאָס וועט זיין סיי ביי זרע אדם וואָס איז אַ משל אויף די גרויסע מענשען, סיי ביי זרע בהמה וואָס איז אַ משל אויף די קלענערע, וועלכע זענען געגליכען צו בהמה, אַזוי זאָגט ג־ט, זעהסט דאָך גוט דאָס די וואו איז ניט קיין באַשייד אויף אדם? ענטפערט די גמרא „התם הא חלקיה קרא זרע אדם לחוד וזרע בהמה לחוד", דאָרט האָט דאָך דער פסוק זיי צוטיילט זרע אדם אַלס באַזונדער און זרע בהמה אַלס באַזאַנדער, זעהט מען דאָך דעם משל בפירוש אַרויס אַלס צוויי געגענשטענדע, און אַז בהמה דאָרט שטעלט מיט זיך פאָר די פאָלקס מענשען וועלכע האָבען גאָרניט געלערנט, פאַרקערט פון זרע אדם, אָבער דאָ שמועסט דאָך דער פסוק בלויז פון אדם אַז ער געהט מקריב זיין אַ בהמה איז דאָך אַ בעוויז דאָס דער פסוק רעדט אין זין פון מין מענש, וואָס געהט זיך מתכפר זיין מיט אַ מין בהמה, איבערהויפּט איז דער מן הבהמה דאָ גליַיך ווי איבריג, דען נויטיג דאָ איז נאָר מן הבקר מן הצאן, ווייל אָהן זיי וואָלט מען ניט וויסען, אָבער מן הבהמה איז ניט נויטיג, איי וואָס ער ווערט גענוצט אַלס מיעוט צו ממעט זיין אַ רובע און נרבע (געפּאָרט מיט אַ מענש) דאָס נאָר פון די בהמות, ניט אַלע זענען ווירדיג צו מקריב זיין? אויף דעם מיעוט אַליין, האָט דער פסוק געקענט איהם שטעלען אין אַ וויטערע פרשה וואו ער רעדט אויך וועגען בהמות אַלס קרבנות? ער האָט איהם געשטעלט דאָ אויף צו קלאָר מאַכען פון וואָס פאַר אַ סאָרט אדם דער פסוק רעדט דאָ, „אמר ר׳ חנן אמר ר׳ יעקב בר אידי אמר ר׳ יהשיע בן לוי משום בר קפרא, רבן גמליאל ובית דינו נמנו על שחיטת כותי ואסרוה", ר׳ חנן האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יעקב בר אידי, דאָס ר׳ יהשיע בן לוי האָט געזאָגט פון בר קפרא וועגען, דאָס רבן גמליאל און זיין בית דין

שמע רבי, אלא בשאין ישראל עומד על גביו? א"ל דמי האי מרבנן כדלא גמירי אינשי שמעתא, בשאין ישראל עומד על גביו למימרא בעי? קבלה מיניה או לא קבלה מיניה? ת"ש דאמ' ר"נ בר יצחק א"ר אסי אני ראיתי את ר' יוחנן שאכל משחיטת כותי, אף רבי אסי אכל משחיטת כותי, ותהי בה רבי זירא לא שמיעא להו, דאי הוה שמיעא להו הוו מקבלי לה, או דילמא שמיעא להו ולא קבלוה? הדר פשיט לנפשי', מסתברא דשמיע להו ולא קבלוה, דאי ס"ד לא שמיע להו, ואי הוה שמיע להו הוו מקבלי לה, היכי מסתייעא מילתא, למיכל איסורא? השתא בהמתן של צדיקים אין הקב"ה מביא תקלה על ידן, צדיקים

---

האבען זיך געצעהלט וועגען שחיטה דורך א כותי און איהר גע'אסור'ט, „אמר ליה ר' זירא לר' יעקב בר אידי שמא לא שמע רבי אלא בשאין ישראל עומד על גביו"? האט ר' זירא געזאגט צו ר' יעקב בר אידי טאמער האט דער רבי ניט געהערט דאס, נאר וואו א ישראל שטעהט ניט איבער איהם? „אמר ליה דמי האי מרבנן כדלא גמירי אינשי שמעתא, בשאין ישראל עומד על גביו למימרא בעי"? האט ער צו איהם געזאגט עס קוקט אויס ווי גליך דער פון רבנן וואלט קיינמאהל ניט געלערנט קיין הלכה, וואו א ישראל שטעהט ניט איבער איהם דארף ער מיר דערצעהלען? פראגע: „קבלה מיניה או לא קבלה מיניה"? האט ער עס אנגענומען פאר גוט, אדער האט ער ניט אנגענומען? „תא שמע דאמר רב נחמן בר יצחק אמר ר' אסי, אני ראיתי את ר' יוחנן שאכל משחיטת כותי, אף ר' אסי אכל משחיטת כותי", קום איך וועל דיר אויפקלערען, דען רב נחמן בר יצחק האט געזאגט אין נאמען פון ר' אסי, איך האב געזעהן ווי ר' יוחנן האט געגעסען פון דער שחיטה פון א כותי, און ר' אסי האט אויך געגעסען פון זייער שחיטה, „ותהי בה ר' זירא, לא שמיעא להו, דאי הוה שמיעא להו, הוו מקבלי לה, או דלמא שמיע להו ולא קבלוה"? האט זיך ר' זירא פארוואונדערט דארויף און געפרעגט צו זאג איך, זיי האבען ניט געהערט אז די שחיטה פון א כותי איז פארבאטען, דען ווען זיי וואלטען הערען, וואלטען זיי עס אנגענומען, אדער פיליכט האבען זיי יא געהערט נאר זיי האבען עס ניט אנגענומען? „הדר פשיט לנפשיה מסתברא דשמיע להו ולא קבלוה, דאי סלקא דעתך לא שמיע להו, ואי הוה שמיע להו הוו מקבלי לה, היכי מסתייע מילתא למיכל איסורא"? דערנאך האט ער זיך אליין אויפגעקלערט דאס די סברה גיט מיט אז זיי האבען יא געהערט נאר זיי האבען ניט אנגענומען ווארים אויב דו וועסט דענקען אז זיי האבען ניט געהערט פון דעם איסור, און ווען זיי וואלטען הערען, וואלטען זיי איהם אנגענומען, וואלט דאך שווער זיין, ווי אזוי האט זיך עס צוגעפיהרט זיי זאלען עסען א פארבאטענע זאך? „השתא בהמתן של צדיקים אין הקב"ה מביא תקלה על ידן, צדיקים עצמן לא כל שכן"? מיידאך די בהמות פון צדיקים, ברייננט ג-ט ניט קיין שטרויכלונג דורך זיי, זענען דאך די צדיקים אליין געוויס ניט אנדערש נאר אזוי? נאר מוז זיין זיי האבען געהערט און ניט

עצמן לא כל שכן? (דף ו ע״ב) ואי סלקא דעתיך לא קבלה מיניה, לישני ליה כאן כשישראל עומד על גביו, כאן כשאין ישראל עומד על גביו? אלא לאו, ש״מ קבלה מיניה, ש״מ, ומ״ט גזרו בהו רבנן? כי הא דר״ש בן אלעזר, שדריה ר״מ לאתויי חמרא מבי כותאי, אשכחיה ההוא סבא א״ל (משלי כ״ג) ושמת סכין בלועך, אם בעל נפש אתה, הלך ר״ש בן אלעזר וספר דברים לפני ר״מ וגזר עלייהו, מאי טעמא? אמר רב נחמן בר יצחק דמות יונה מצאו להן בראש הר גריזים, שהיו עובדין אותה, ור״מ לטעמיה דחייש

---

אנגענומען, „ואי סלקא דעתיך לא קבלה מיניה, לישני ליה כאן כשישראל עומד על גביו, כאן כשאין ישראל עומד על גביו״, און אויב דו וועסט דענקען דאָס ר׳ זירא האָט ניט אָנגענומען וואָס ר׳ יעקב בר אידי האָט איהם געזאָגט וועגען איסור פון רבן גמליאל, וואָס דען האָט ער זיך פאַרוואונדערט און געפרעגט ווי אַזוי זיי האָבען געגעסען, ער האָט דאָך געקענט פאַרענטפערן, דאָס דאָ וואו זיי האָבען געגעסען, שמועסט אַז אַ ישראל שטעהט איבער איהם, און רבן גמליאל האָט גע׳אסור׳ט וואו אַ ישראל שטעהט ניט איבער איהם, ווען ער האָט אַזוי ניט געענטפערט, מוז זיין דאָס ער האָט אָנגענומען וואָס ר׳ יעקב בר אידי האָט איהם געזאָגט דאָס אָהן אַ ישראל שטעהענדיג איבער איהם האָט רבן גמליאל ניט געדאַרפט אסור׳ן, „אלא לאו שמע מיניה קבלה מיניה, שמע מינה״, נאָר געווים ניט אַנדערש אַז עס איז גערדינגען דאָס ער האָט אָנגענומען, איז גוט גערדינגען, „ומאי טעמא גזרו בהו רבנן״? און וואַרום האָבען די חכמים גוזר געווען אויף זיי? „כי הא דרי שמעון בן אלעזר שדריה רי מאיר לאתויי חמרא מבי כותאי, אשכחיה האי סבא אמר ליה ושמת סכין בלועך אם בעל נפש אתה״, ווי די פאַסירונג פון ר׳ שמעון בן אלעזר וואו ר׳ מאיר האָט איהם געשיקט צו ברייננען וויין פון די כותים, האָט איהם אָנגעטראָפען דער סבא (אַלטער) האָט ער צו איהם געזאָגט דעם פסוק פון משלי, אויב דו ביסט אַ פרומער זאָלסטו טוען אַ מעסער צווישען דיינע באַקען צוריקצוהאַלטען זיך פון עסען אָדער טרינקען, „הלך רי שמעון וספר דברים לפני רי מאיר וגזר עליהם״, איז ר׳ שמעון צוריקגעגאַנגען און דערצעהלט די ווערטער פון דעם סבא פאַר ר׳ מאיר, האָט ר׳ מאיר גוזר געווען אויף זיי, „מאי טעמא? אמר רב נחמן בר יצחק דמות יונה מצאו להם בראש הר גריזים שהיו עובדין אותה״, וואַרום האָט ר׳ מאיר גוזר געווען אויף זיי? האָט רב נחמן געזאָגט אַ בילד פון אַ טויב האָט מען ביי זיי געפונען אויפ׳ן באַרג גריזים, וואו זיי האָבען צו איהר געדינט, (מען קען אפשר צוגעבען אַ געדאַנק, וואָס עפּעס האָבען זיי דאָ געדינט צו אַ דמות יונה, ווערענד מיר געפינען אין ערגעץ ניט אַז די גוים האָבען געזאָלט דינען צו כרובים. דער געדאַנק איז דאָ אַזוי, די כותים האָט דער מלך אשור, ווען ער האָט אַרויסגעטריבען די אידען — געבראַכט קיין ארץ ישראל און זיי באַזעצט דאָרט אנשטאָט די אידען, האָבען זיי די לייבען פאַרטווערענד פאַרציקט, ביז דער מלך אשור האָט צו זיי געשיקט איינעם פון די אידישע כוהנים צו לערנען זיי ווי צו

למיעוטא, וגזר רובא אטו מיעוטא, ורבן גמליאל ובית דינו נמי כר״מ סבירא להו, פשטיה דקרא במאי כתיב? בתלמיד היושב לפני רבו, דתני רבי חייא (שם) כי תשב ללחום את מושל, בין תבין את אשר לפניך, ושמת סכין בלועיך, אם בעל נפש אתה, אם יודע תלמיד ברבו, שיודע להחזיר לו טעם, בין, ואם לאו, תבין, את אשר לפניך, ושמת סכין בלועיך אם בעל נפש אתה, פרוש הימנו, ר׳ יצחק בן יוסף,

---

פירכטען פאר ג״ט, זאגט ווייטער דער פסוק דארט, דאס אלץ האבען זיי זיך ניט געקענט אפרייסען פון זייער עבודה זרה, צו דער זעלבער צייט ווען זיי האבען געטוען די מצות פון לאנד ווי דער כהן האט זיי געלערנט, האבען זיי אויך געדינט זייער עבודה זרה, פון די כותים זענען א סך אינגאנצען אויס־געמישט געווארען צווישען אידען דורך דער צווייטען בית המקדש פיריאדע און א סך זענען נאך פארבליבען אלס באזונדערע סעקטען אפהיטענדיג מעהר אדער ווייניגער פון זיי אנגענומענע מצות, אבער זייער שורש און אפשטאם האט זיי פארט געצויגען צו זיך צו דער עבודה זרה, און דא איז נאך אין זיי געווען איינגעוואוינט די שרעק און מורא פאר די לייבען, זוכענדיג א וועג ווי אזוי זיך צו באפרייען פון די מצות וואס זיי פלעגען נאכטוהן, זענען זיי געפאלען אויף דער עצה, אזוויי די אידען זענען געגליכען צו א יונה וועלען זיי אנפאנגען דינען צו דער יונה און מיט דעם יוצא זיין די מורא פאר ג״ט, ניט טוענדיג קיין שום־אנדערע מצות, אזוי ארום זענען זיי צוריקגעקומען צום שורש פון די עובדי עבודה זרה). „ורי מאיר לטעמיה דחייש למיעוטא וגזר רובא אטו מיעוטא, ורבן גמליאל ובית דינו נמי כרי מאיר סבירא להו״, און ר׳ מאיר געהט נאך זיין סברה נאך, וואו ער זארגט אויך פאר דער מינדערהייט, האטש די מעהרהייט כותים זענען ניט פון דער געגענד ביים הר גריזים, איז ער פונדעסטוועגען גוזר אויף דער מעהרהייט צוליב זייער מינדערהייט, און רבן גמליאל דער זוהן פון רבי מיט זיין בית דין האלטען אויך ווי ר׳ מאיר, פרעגט די גמרא „פשטיה דקרא במאי כתיב? בתלמיד היושב לפני רבו, דתני רי חייא כי תשב ללחום את מושל בין תבין את אשר לפניך, ושמת סכין בלועך אם בעל נפש אתה״, דער איינפאכער פשט פון פסוק ביי וואס שמועסט? ביי א תלמיד וואס זיצט פאר זיין רבי׳ן, דען ר׳ חייא האט געלערנט דער פסוק זאגט אז דו וועסט זיצען ביי א סעודה מיט א גרויסען מאן א רעגירער, זאלסטו פארשטעהן ווער עס זיצט פאר דיר, זאלסט ניט עסען צו פיעל, אז עס קומט דיר אן דער חשק, זאלסטו אריינטוהן דעם מעסער צווישען דיינע באקען אום זיך צוריקהאלטען. א סעודה פון ברויט איז אויך א משל אויף לערנען, ווי דער פסוק זאגט, לכו לחמו בלחמי, געהט עסט מיין ברויט די תורה, טייטשט דא ר׳ חייא „אם יודע תלמיד ברבו שיודע להחזיר לו טעם בין, ואם לאו תבין את אשר לפניך ושמת סכין בלועך אם בעל נפש אתה פרוש הימנו״, אויב דער תלמיד וויים אין זיין רבי׳ן, דאס ער ווייסט איהם צו ענטפערן א טעם, זאל ער וויסען און פארשטעהן וואס צו טוען, דאס מיינט פרעג און אויב ניט זאלסטו וויסען ווער עס זיצט פאר דיר,

שדריה רבי אבהו לאתויי חמרא מבי כותאי, אשכחיה ההוא סבא, א״ל לית כאן שומרי תורה, הלך רבי יצחק וספר דברים לפני ר׳ אבהו, והלך ר׳ אבהו וספר דברים לפני ר׳ אמי ורבי אסי, ולא זזו משם, עד שעשאום עכו״ם גמורין, למאי? אי לשחיטה ויין נסך, מהתם גזרו בהו רבנן? אינהו גזור ולא קבלו מינייהו, אתו ר׳ אמי ור׳ אסי גזרו וקבלו מינייהו, מאי עכו״ם גמורין? אמר ר״נ בר יצחק לבטל רשות וליתן רשות. וכדתניא ישראל מומר משמר שבתו בשוק, מבטל רשות ונותן רשות, ואינו משמר שבתו בשוק, אינו מבטל רשות ונותן

---

זאָלסט דיך איינהאַלטען און איהם ניט פאַרשעהמען אויב דו ביזט אַ בעל נפש, דו האָסט אַזאַ נעפיל וואָס נויט דיך צו פאַרשען, זאָלסטו דיך אפשיידען פון איהם, „רבי יצחק בן יוסף שדריה רבי אבהו לאתויי חמרא מבי כותאי אשכחיה האי סבא, אמר ליה לית כאן שומרי תורה? הלך ר׳ יצחק וספר דברים לפני ר׳ אבהו, והלך ר׳ אבהו וספר דברים לפני ר׳ אמי ור׳ אסי, ולא זזו משם עד שעשאום עובדי כוכבים גמורים“, ר׳ יצחק בן יוסף, האָט איהם ר׳ אבהו געשיקט צו ברייגנען וויין פון די כותיים האָט איהם גזנטראָפען דער סבא, האָט ער צו איהם געזאָגט זענען דאָ טאקע ניט פאַראַן קיין היטער פון דער תורה? איז ר׳ יצחק צוריקגעגאַנגען און דערצעהלט די רייד פאַר ר׳ אבהו, און ער איז געגאַנגען און דערצעהלט ווידער די ווערטער פאַר ר׳ אמי און ר׳ אסי, און זיי האָבען זיך שוין ניט אַוועקגעריקט פון פלאַץ ביז זיי האָבען די כותים געמאַכט פאַר רעכטע גוים, פרעגט די גמרא „למאי? אי לשחיטה ויין נסך מהתם גזרו בהו רבנן“? געגען וועלכע זאַך האָבען זיי די כותים געמאַכט פאַר גוים? זאָל איך זאָגען שחיטה און יין נסך, איז דאָך די קשיא געגען די צוויי זאַכען האָבען דאָך די רבנן שוין לאַנג גוזר געווען, ר׳ מאיר אויפ׳ן וויין און רבן גמליאל אויף שחיטה? ענטפערט די גמרא „אינהו גזור ולא קבלו מינייהו אתו רבי אמי ור׳ אסי גזרו וקבלו מינייהו“, זיי האָבען גוזר געווען און מען האָט ניט אָנגענומען פון זיי, זענען געקומען ר׳ אמי און ר׳ אסי און גוזר געווען און מען האָט אָנגענומען פון זיי, פרעגט די גמרא, „מאי עובדי כוכבים גמורין? אמר רב נחמן בר יצחק לבטל רשות וליתן רשות“, וואָס מיינען זיי מיט די ווערטער רעכטע גוים? האָט רב נחמן בר יצחק געזאָגט געגען צו אויפגעבען זיין רשות אָדער צו געבען זיין רשות, אויב אַ כותי וואוינט אין אַן ארומגעצוימער גאַס, מוז מען ביי איהם דינגען זיין רשות, מען זאָל מעגען טראָגען און באַוועגען זאַכען אין דער גאַס, אפילו ווען ער שענקט זיין רשות הייסט עס אַלץ ניט אויפגעגעבען ביז מען דינגט ביי איהם, דער זעלבער דין וואָס איז ביי אַ גוי, „וכדתניא ישראל מומר משמר שבתו בשוק, מבטל רשות ונותן רשות, ושאינו משמר שבתו בשוק אינו מבטל רשות ונותן רשות“, אַזוי־ווי מיר האָבען געלערנט, אַ ישראל וואָס איז אַ מומר פאַר זיך, נאָר שבת היט ער אָפענטליך, אַז ער וואוינט מיט אַנדערע אידען אין אַזאַ גאַס אָדער חצר, קען ער זיין אין געמיינשאַפט מיט׳ן ערוב מיט זיי, צו מבטל זיין, זיין רשות, יעדער פון זיי זאָל קענען

רשות, מפני שאמרו ישראל נותן רשות ומבטל רשות, ובעכו״ם עד שישכור כיצד? אמר לו רשותי מבוטלת לך, קנה ואינו צריך לזכות, ר׳ זירא ורב אסי איקלעו לפונדקא דיאי, אייתי לקמייהו ביצים המצומקות ביין, ר׳ זירא לא אכל, ורב אסי אכל, ולא חייש מר לתערובת דמאי? א״ל לאו אדעתאי, א״ר זירא אפשר גזרו על התערובת דמאי, ומסתייעא מילתא דרב אסי למיכל איסורא, השתא בהמתן של צדיקים אין הקב״ה מביא תקלה על ידן, צדיקים עצמן לא כל שכן? נפק רבי זירא דק ואשכח, דתנן הלוקח יין לתת לתוך המוריים, או לתוך האלונתית, כרשינין לעשות מהן טחינין, עדשים לעשות מהן רסיסין, חייב משום דמאי,

---

באוועגען זאכען דאָרט, או אויב ער באַטייליגט זיך ניט אין דעם ערוב איז געגוג ווען ער שענקט זיין רשות, און אויב ער היט ניט דעם שבת אָפּענטליך, קען ער ניט אויפגעבען זיין רשות און ניט שענקען זיין רשות, דאָס מיינט מען באַטייליגט איהם ניט צום עירוב און ער קען אויך ניט שענקען זיין רשות סיידען מען קויפט ביי איהם דעם רשות, „מפני שאמרו ישראל נותן רשות ומבטל רשות, ובעובד כוכבים עד שישכור, כיצד? אמר לו רשותי קנויה לך רשותי מבוטלת לך קנה, ואינו צריך לזכות״, ווייל די חכמים האָבען געזאָגט אז א ישראל קען געבען רשות און בטל מאַכען זיין רשות און ביי א גוי ביז מען דינגט ביי איהם פאַר געלד, וויאַזוי ווערט דאָס געטוען? אז ער האָט צו איהם געזאָגט מיין רשות זאָל זיין קונה צו דיר, מיין רשות זאָל זיין אויפגעגעבען פאַר דיר, האָט ער דעם רשות קונה געווען, און ער דאַרף ניט מאַכען קיין קנין מיט א כלי צו זוכה זיין, „ר׳ זירא ורב אסי איקלעו לפונדקא דיאי, אייתי לקמייהו ביצים המצומקות ביין, רבי זירא לא אכל ורב אסי אכל״, רבי זירא און רב אסי האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען אין א גאַסט־הויז אין יאי, וואו אַלע זענען געווען עם הארצ׳ים אונגעלערנט אין אידישקייט, האָט מען געבראַכט פאַר זיי געבראָטענע אייער צוריבינע אויסגעמישטע מיט וויין, ר׳ זירא האָט ניט געגעסען און רב אסי האָט געגעסען, „אמר ליה ר׳ זירא לרב אסי, ולא חייש מר לתערובת דמאי״? האָט ר׳ זירא געזאָגט צו רב אסי, דער האַר זאָרגט גאָרניט, פיליכט איז אריינגעמישט דמאי, טאָמער איז דער וויין ניט געווען גע׳מעשר׳ט? „אמר ליה לאו אדעתאי״, האָט ער צו איהם געזאָגט איך האָב ניט געדענקט צו היטען זיך פון דעם. „אמר ר׳ זירא אפשר גזרו על התערובת דמאי, ומסתייעא מילתא דרב אסי למיכל איסורא, השתא בהמתן של צדיקים אין הקב״ה מביא תקלה על ידן, צדיקים עצמם לא כל שכן״? האָט ר׳ זירא געזאָגט צו זיך, איז דאָס מעגליך אז די חכמים האָבען געזאָלט גוזר זיין אויף תערובת פון דמאי, און די זאַך זאָל זיך צופיהרען צו דעם אז רב אסי זאָל עסען אַן איסור, מיידאָך דורך בהמות פון צדיקים ברייגגט ניט ג־ט קיין אומשטאַנד, איז דורך צדיקים אליין געווים ניט אַנדערש נאָר אזוי? ווי קומט דאָס, דאָס רב אסי האָט געגעסען? „נפק ר׳ זירא דק ואשכח דתנן הלוקח יין לתת לתוך המורייס או לתוך האלונתית כרשינין לעשות מהן טחינין, עדשים לעשות מהן רסיסין חייב משום דמאי״, איז ר׳ זירא ארוים

**ואין צריך לומר משום ודאי, והן עצמן מותרין, מפני שהן תערובת, ולא גזרו על תערוכת דמאי, והתניא הנותן לשכנתו עיסה לאפות, וקדירה לבשל אינו הושש לשאור ותבלין שבה, לא משום שביעית, ולא משום מעשר, ואם אמר לה עשי לי משליכי הושש לשאור ותבלין שבה משום שביעית ומשום מעשר? שאני התם דכיון דקאמ׳ לה עשי לי משליכי, כמאן דעריב בידים דמי, רפרם אמר שאני שאור ותבלין**

---

געזוכט און געפונען דאס די חכמים האבען ניט גוזר געווען אויף תערובת דמאי, דען מיר האבען געלערנט אין א משנה אז איינער קויפט ווין ארייג־צוגעבען אין מורייס אדער אלונתית וועלכע זענען אזוינע געטראנקען וואו דער ווין ווערט אריינגעמישט, אדער ער קויפט אזוינע ארבעסען צו מאכען פון זיי גרייפעלעך איז ער חייב אויף זיי צוליב דמאי, דאס הייסט אזוווי די זאכען קומען אין זיין האנד אלס באזונדער, דארף ער זיי מעשר'ן, „ואין צריך לומר משום ודאי, והן עצמן מותרין, מפני שהן תערובת״, און מען דארף ניט זאגען ער זאל זיי מעשר'ן צוליב זיכערן טבל, דהיינו וואו דער עם הארץ אליין זאגט איהם, דאס זיי זענען זיכער ניט גע'מעשר'ט, האטש די אלע זאכען ווערען דאך ניט געגעסען אלס באזונדער נאר אין אויסמישונג מיט אנדערע זאכען, איז אבער אז ער קויפט זיי אלס באזונדער דארף ער זיי מעשר'ן, און די פארטיג אויסגעמישטע עסענווארג אויב ער קויפט פונ'ם עם הארץ זענען מותר, ווייל זיי קומען צו איהם שוין אלס תערובת, דען טחינין און גריסין ווערען נאר גענוצט אלס אריינצוגעבען א טעם אין אנדערע עסענס, זעהסטו דאך, דאס די חכמים האבען ניט גוזר געווען אויף תערובת דמאי, פרעגט די גמרא, „ולא גזרו על תערובת דמאי והתניא הנותן לשכנתו עיסה לאפות וקדירה לבשל אינו חושש לשאור ותבלין שבה לא משום שביעית ולא משום מעשר״, און דו זאגסט די חכמים האבען ניט גוזר געווען? מיר האבען דאך געלערנט אין א ברייתא אז איינער גיט צו זיין נאכבארין טייג צום באקען און ער האט איהר אויך צוגעגעבען די זויערטייג אדער זאכען צום קאכען און ער האט איהר אויך צוגעגעבען די תבלין וואס געבען ארייז א טעם, דארף ער ניט איבערקלערען פאר די שאור און תבלין דערין, דאס פיליכט האט זי איבערגעטוישט און אריינגעגעבען איהרע וועלכע זענען פון שמיטה אדער ניט גע'מעשר'ט, ווייל אן עם הארץ האטש ער איז מיסטרויט אויף דמאי, איז ער אבער ניט מיסטרויט אויף גזל, צו איבערטוישען יענעם'ס, „ואם אמר לה עשי לי משליכי, חושש לשאור ותבלין שבה משום שביעית ומשום מעשר״, און אויב ער האט צו איהר געזאגט מאך עס פון דיינע תבלין און שאור, דארף ער יא בעזארגען אויף זיי צוליב שמיטה אדער דמאי, זעהסט דאך גוט דאס אפילו אויף תערובת דארף מען אויך קלערען? ענטפערט די גמרא „שאני התם דכיון דקאמר לה עשי לי משליכי כמאן דעריב בידים דמי״, דארט איז אנדערש, ווייל אזוווי ער האט צו איהר געזאגט מאך פון דיינע, איז גלייך ווי ער וואלט זיי קויפען פון איהר אלס בעזונדער און זיי ארייגמישט מיט אייגענע הענד, „רפרם אמר שאני שאור ותבלין דלטעמא

דלטעמא עבידי, וטעמא לא בטיל, ולחלופי לא חיישינן, והתנן הנותן לחמותו מעשר את שהוא נותן לה, ואת שהוא נוטל ממנה, מפני שהשודה מחלפת המתקלקל? התם כדתניא טעמא, א"ר יהודה רוצה היא בתקנת בתה, ובושה מהתנה, (דף ו ע"ב) ולעלמא לא חיישינן, והתנן הנותן לפונדקית שלו, מעשר את שהוא נותן לה, ואת שהוא נוטל הימנה, מפני שחשודה מהלפת? התם נמי מוריא ואמרה, בר בי רב ליכול חמימא, ואנא איכול קרירא, ולחלופי לא חיישינן, והתניא אשת חבר טוחנת עם אשת עם הארץ, בזמן שהיא טמאה, אבל לא

---

עביד וטעמא לא בטיל", רפרם זאָגט דאָס שאור און תבלין זענען ניט קיין איינפאַכע תערובת, זיי זענען אַנדערש, זיי זענען געמאַכט אויף אריינצוגעבען א טעם און א טעם ווערט ניט בטל צום עסענוואַרג זיי רעכנן זיך פאַר אַן עיקר און הויפּט דערביי, אָבער ביי וויין אין מוריים און די געבראָטענע אייער געמישט מיט וויין וואָס רב אסי האָט געגעסען הייסט איינפאַכע תערובת אויף וועלכע די חכמים האָבען ניט גוזר געווען, פרעגט די גמרא, „ולחלופי לא חיישינן? והתנן הנותן לחמותו מעשר את שהוא נותן לה ואת שהוא נוטל ממנה, מפני שהיא חשודה מחלפת המתקלקל"? און דו זאָגסט דאָס פאַר איבערטווישען איז ניט צו באַזאָרגען, מיר האָבען דאָך געלערנט אין א משנה אַז איינער גיט צו זיין שוויגער צו באַקען אָדער קאָכען עפּעס, זאָל ער מעשר'ן אַלעם וואָס ער גיט איהר און נעמט פון איהר, ווייל זי איז מיסטרויט צו איבערטווישען די זאַכען וועלכע ווערען קאַליע, זעהסט דאָך גוט דאָס אַן עם הארץ איז מיסטרויט אפילו אויף איבערטווישען? ענטפערט די גמרא, „התם כדתניא טעמא אמר רי יהודה רוצה היא בתקנת בתה ובושה מהתנה", דאָרט איז ווי ער לערנט דעם טעם דאָס ר' יהודה זאָגט, דאָס זיין שוויגער וויל גוט פאַר איהר טאָכטער און שעהמט זיך דעריבער פאַר איהר איידים צוריקצוגעבען איהם קאַליעגעמאַכטע עסענוואַרג, טוישט זי זיי איבער, אָבער נעגען א פרעמדען איז זי ניט מיסטרויט ביי א זאַך וואָס הייסט גזל, פרעגט די גמרא, „ולעלמא לא חיישינן? והתנן הנותן לפונדקית שלו, מעשר את שהוא נותן לה, ואת שהוא נוטל הימנה, מפני שחשודה מחלפת"? און ביי א פרעמדען זאָגסטו איז ניט צו קלערען טאָמער ועט זי איבערטווישען? מיר האָבען דאָך געלערנט אַז איינער גיט עפּעס צום באַקען אָדער קאָכען צו זיין גאַסטווירטין, דאַרף ער אַלעם מעשר'ן וואָס ער גיט אָדער נעמט פון איהר, ווייל זי איז מיסטרויט צו איבערטווישען, זעהסט דאָך גוט דאָס זי איז מיסטרויט אפילו נעגען א פרעמדען? ענטפערט די גמרא, התם נמי מוריא ואמרה בר בי רב ליכול חמימא ואנא איכול קרירא", דאָרט האָט זי אויך געמיינט פאַר זיין גוטען, דען ער איז דאָך ביי איהר איינקוואַטירט, פילט זי א פליכט צו איהם, לערנט זי זיך די ערלויבניש צו איבערטווישען, זאָל דער עדעלמאַן עסען וואַרעמס און איך וועל באַדיי עסען קאַלטס, פרעגט די גמרא ווידער „ולחלופי לא חיישינן? והתניא אשת חבר טוחנת עם אשת עם הארץ בזמן שהיא טמאה, אבל לא בזמן שהיא טהורה", און דו זאָגסט דאָס

בזמן שהיא טהורה, רבי שמעון בן אלעזר אומר אף בזמן שהיא טמאה, לא תטחון, מפני שחבירתה נותנת לה, ואוכלת, השתא מיגזל גזלה, חלופי מיבעיא? אמר רב יוסף התם נמי מוריא ואמרה תורה מדישיה קאכיל. העיד רבי יהושע בן זרוז בן חמיו של רבי מאיר, לפני רבי, על ר״מ שאכל עלה של ירק בבית שאן, והתיר רבי את בית שאן כולה על ידו, חברו עליו אחיו ובית אביו אמרו לו, מקום שאבותיך ואבות אבותיך נהגו בו איסור, אתה תנהוג בו היתר? דרש להו מקרא

---

אויף איבערצוטוישען איז ניט קיין קלעהר? מיר האבען דאך געלערנט דאס א פרוי פון א תלמיד חכם מעג העלפען מאהלען מיט א פרוי פון אן עם הארץ ווערהענד זי איז טמא אבער ניט ווערהענד זי איז ריין, ווייל אלס טמא איז זי געוואוינט ניט צו אנריהרען קיין שום עסענווארג, האב איך ניט קיין קלער אז זי וועט נעמען עפעס צו עסען ביי דער פריינדין וואס איז א קלער אויף דמאי, ר׳ שמעון בן אלעזר אומר אף בזמן שהיא טמאה לא תטחון מפני שחבירתה נותנת לה ואוכלת, השתא מיגזל גזלה חלופי מיבעיא״? ר׳ שמעון זאגט אפילו ווערהענד זי איז טמא זאל זי אויך ניט העלפען מאהלען צוליב איהר פריינדין גיט איהר און זי פארגעסט זיך און עסט, היינט מידאך זי נעמט אהן איהר מאנ׳ס וויסען און גיט אוועק, איז דאך איבער־טוישען געווים דאס זי איז מיסטרויט? „אמר רב יוסף התם נמי מוריא ואמרה תורה מרישיה קאכיל״, האט רב יוסף געענטפערט דארט לערנט זי זיך אויך אן ערלויבניש צו אוועקגעבען, זי טראכט זיך אפילו אן אקס ביי דער ארבייט איז דאך אויך דער ערשטער צום עסען, דען מען טאר דאך ניט פארשליסען זיין מויל ביי דער ארבייט, איבערהויפט א מענשען מעג מען געווים אוועק־געבען, און עס הייסט ניט קיין גזל, אבער ערגעץ אנדערש בין איך איהר ניט חושד, „העיד ר׳ יהושע בן זרוז בן חמיו של ר׳ מאיר לפני רבי על ר׳ מאיר שאכל עלה של ירק בבית שאן, והתיר רבי את בית שאן כולה על ידו״, ר׳ יהושע בן זרוז אן אייניקעל פון ר׳ מאיר׳ס שווער, האט עדות געזאגט פאר רבי אויף ר׳ מאיר, דאס ער האט געגעסען גרינצייג אין בית שאן, אויף דעם אויסזאגען האט רבי מתיר געמאכט גאנץ בית שאן צו מעגען עסען די גרינצייג און פרוכטען פון די בוימער אהן גע׳מעשר׳ט, פאר די האנד איז אנגענומען דא, דאס ר׳ מאיר האלט אז בית שאן איז ניט ארץ ישראל געגענד, און מעשר פון קערנער אליין וואס איז אין ארץ ישראל מדאורייתא, איז דאך אויסערן לאנד בלויז דרבנן, און מעשר פון ירק און פירות פון בוימער ווייל אין ארץ ישראל זענען זיי דאך אויך מדרבנן, זענען זיי אויסער־לאנד אינגאנצען פטור פון מעשר אפילו מדרבנן, „חברו עליו אחיו ובית אביו אמרו לו מקום שאבותיך ואבות אבותיך נהגו בו איסור, אתה תנהוג בו היתר״? האבען זיך צוזאמענגענומען אויף איהם זיינע ברידער און זיינע פעטערס נאך פון זיין פאטער׳ס הויז, און האבען צו איהם געזאגט, אזא פלאץ וואו דיינע עלטערן און עלטערנ׳ס עלטערן האבען געהאלטען עס אלס אסור, וועסטו פיהרען דערביי א היתר? „דרש להם מקרא זה וכתת נחש הנחשת אשר

זה (מלכים ב י"ח) וכתת נחש הנחשת אשר עשה משה, כי עד הימים ההמה היו בני ישראל מקטרים לו, ויקרא לו נחושתן, אפשר בא אסא ולא ביערו, בא יהושפט ולא ביערו, והלא כל עכו"ם שבעולם, אסא ויהושפט ביערום? (דף ז ע"א) אלא מקום הניחו לו אבותיו, להתגדר בו, אף אני מקום הניחו לי אבותי, להתגדר בו, מכאן לת"ח שאמר דבר הלכה, שאין מזיחין אותו, ואמרי לה אין מזניחין אותו, ואמרי לה אין מזחיחין אותו, מאן דאמר מזיחין, כדכתיב (שמות כ"ח ול"ט) ולא יזח החשן, מאן דאמר מזניחין דכתיב כי לא יזנח לעולם ה', ומ"ד מזחיחין דתנן משרבו זחוחי הלב, רבו מחלוקות בישראל. מתקיף לה יהודה בריה דר"ש בן פזי, מי איכא למ"ד דבית שאן לאו מארץ ישראל היא, והכתיב (שופטים א) ולא הוריש מנשה

---

עשה משה, כי עד הימים ההמה היו בני ישראל מקטרים לו ויקרא לו נחושתן, אפשר בא אסא ולא ביערו, בא יהושפט ולא ביערו, והלא כל עבודה זרה שבעולם אסא ויהשפט ביערום? האָט ער זיי גע'דרש'ענט דעם פסוק יחזקיה האָט צעשטויסען דעם קופערנעם שלאַנג וואָס משה האָט געמאַכט, דען ביז יענע צייטען האָבען די אידען מקטיר געווען צו דעם נחש און געדינט צו איהם אלס אַן עבודה זרה און ער האָט גערופען איהם מיט'ן נאָמען נחושתן, איז דאָס צו פאַרשטעהן? איז געקומען די רייהע פאַר אסא און ער האָט איהם ניט אוועקגערוימט, איז געקומען די רייהע פון יהשפט און ער האָט איהם אויך ניט אוועקגעראַמט, זיי האָבען דאָך אַלע עבודה זרה'ס אוועקגעראַמט? „אלא מקום הניחו לו אבותיו להתגדר בו אף אני מקום הניחו לי אבותי להתגדר בו", נאָר וואָס דען? אַ פּלאַץ האָבען איבערגעלאָזט די עלטערן פאַר יחזקיה ער זאָל גרויס ווערען דערמיט, אַזוי אויך איך האָבען מיר איבערגעלאָזט מיינע עלטערן אַ פּלאַץ צו גרויס ווערען דערמיט, „מכאן לתלמיד חכם שאמר דבר הלכה שאין מזיחין אותו, ואמרי לה אין מזניחין אותו, ואמרי לה אין מזחיתין אותו", פון דאַנען איז גערדרינגען אַז אַ תלמיד חכם זאָגט אַ דבר הלכה, ווען איך זעה דאָס רבי האָט איהם ניט אָפּגעווענדט — דאָס מען מאַכט איהם ניט אוועק פון זיין הלכה, און טייל זאָגען דאָס מען פאַר'מאוס'ט איהם ניט זאָגענדיג צו איהם, דאָס ווארשיינליך האָסטו ניט גוט געהערט, און טייל זאָגען דאָס מען האַלט איהם ניט פאַר אַ גרויסהאַלטער זאָגענדיג אַזאַ הלכה, „מאן דאמר מזיחין כדכתיב ולא יזח החושן", ווער עס זאָגט דעם לשון מזיחין באַציהט זיך אויף דעם פסוק דאָס ער זאָל ניט אוועקמאַכען דעם חושן פון אפוד, „מאן דאמר מזניחין דכתיב כי לא יזנח לעולם ה'", און דער וואָס זאָגט דעם וואָרט מזניחין באַציהט זיך אויף דעם פסוק דאָס ג־ט וועט פאַר אימער ניט פאַר'מאוס'ען די אידען, „ומאן דאמר מזחיחין דתנן משרבו זחוחי הלב, רבו מחלוקת בישראל". און דער וואָס זאָגט דעם וואָרט מזחיחין באַציהט זיך אויף גרויסהאַלטעריי ווי די משנה דריקט זיך אויס, ווען עס האָבען זיך פאַרמעהרט די גרויסהאַלטער, האָבען זיך געמעהרט די מחלוקות, יעדער האָט געשטעלט אויף זיך, „מתקיף לה יהודה בריה דרי שמעון בן פזי ומי איכא למאן דאמר דבית שאן לאו מארץ ישראל היא? והכתיב ולא הוריש מנשה

את בית שאן ובנותיה, את תענך ובנותיה? אישתמיטתיה הא דאמר ר"ש בן אליקים משום ר"א בן פדת, שאמר משום ר"א בן שמוע, הרבה כרכים כבשום עולי מצרים, ולא כבשום עולי בבל, וקסבר קדושה ראשונה קדשה לשעתה, ולא קדשה לעתיד לבא, והניחום כדי שיסמכו עליהן עניים בשביעית, א"ל ר' ירמיה לרבי זירא והא רבי מאיר עלה בעלמא הוא דאכיל? אמר ליה מאגודה אכלי', ותנן ירק הנאגד משיאגד, ודלמא לאו אדעתיה? השתא בהמתן של צדיקים אין הקב"ה מביא

---

את בית שאן ואת בנותיה, ואת תענך ואת בנותיה"? האט ר' יהודה דער זוהן פון ר' שמעון בן פזי א קשיא געפרעגט, איז דען פאראן ווער עס זאל האלטען, דאס בית שאן איז ניט פון ארץ ישראל, דער פסוק זאגט דאך דאס מנשה האט ניט געמאכט צו ערבען בית שאן מיט איהרע דערפער און תענך מיט איהרע דערפער, זעהסט דאך גוט פון פסוק דאס בית שאן איז ארץ ישראל לאנד, ווען ניט, וואלט דאך ניט געווען קיין פעהלער וואס מען האט ניט געמאכט ערבען איהר פאר אידען? זאגט די גמרא, אישתמיטתיה הא דאמר ר' שמעון בן אליקים משום ר' אלעזר בן פדת", די זאך וואס ר' שמעון בן אליקים האט געזאגט אין נאמען פון ר' אלעזר בן פדת, און ער האט עס געזאגט פון ר' אלעזר בן שמוע וועגען, מאכט איינגאנצען אוועק די קשיא, דען ער האט געזאגט, „הרבה כרכים כבשים עולי מצרים ולא כבשים עולי בבל, וקא סבר קדושה ראשונה קדשה לשעתה ולא קדשה לעתיד לבא, והניחום כדי שיסמכו עליהם עניים בשביעית", פילע שטעדט האבען איינגענומען די וועלכע זענען ארויס פון מצרים און זענען ניט איינגענומען געווארען דורך אויפגעהר פון בבל, און דער תנא האלט דאס די ערשטע קדושה פון יהושע איז נאר געווען געהייליגט פאר איהר צייט, אבער ער האט איהר ניט געהייליגט אויך פאר דער צוקונפט, האבען זיי דעריבער די אויפגעהר פון בבל איבערגעלאזט און ניט איינגענומען, אום די ארימעלייט זאלען זיך קענען אנלעהנען אויף זיי אין שמיטה צו קענען זייען און שניידען, און ווען זיי וואלטען געווען זיי איינגענומען וואלטען זיי בלייבען אויך הייליג נאכ'ן צווייטען חורבן, ווייל דער פסוק זאגט, אשר ירשו אבותיך, דאס דו ועסט ערבען וואס דיינע עלטערן האבען געערבט, דען די צווייטע קדושה איז געווען פאר אייביג, וואלטען ארימעלייט ניט געהאט אויף וואס צו לעהנען זיך אין שמיטה, און בית שאן איז אויך פון די פלעצער וואס זענען איבערגעלאזט געווארען פון עזרה, „אמר ליה ר' ירמיה לרבי זירא והא ר' מאיר עלה בעלמא הוא דאכיל? אמר ליה מאגודה אכליה ותנן ירק הנאגד, משיאגד", האט ר' ירמיה געזאגט צו ר' זירא ר' מאיר האט דאך בלויז געגעסען א בלאט גרינס, וואס דאס מיינט נאר פאר דער ווייל, וואס מען מעג? האט ער צו איהם געזאגט פונ'ם בינטל האט ער דעם בלאט געגעסען, און מיר האבען געלערנט, דאס ירק וואס איז דער שטייגער צו בינדן, ווערט אסור צו עסען אפילו אכילת ארעי פאר דערווייל, פון דער צייט ווען ער איז געווארען געבונדען, פרעגט די גמרא „ודלמא לאו אדעתיה?" פיליכט האט ער פארגעסען? ענטפערט די גמרא,

תקלה על ידן, צדיקים עצמן לא כ"ש? ודלמא עישר עליהם ממקום אחר? לא נחשדו חברים לתרום שלא מן המוקף, ודלמא נתן עיניו בצד זה ואכל בצד אחר? א"ל חזי מאן גברא רבה קמסהיד עליה, מאי בהמתן של צדיקי'? דרבי פנחס בן יאיר הוה קאזיל לפדיון שבויין פגע ביה בגינאי נהר' א"ל גינאי חלוק לי מימך, ואעבור בך, אמר ליה אתה הולך לעשות רצון קונך, ואני הולך לשות רצון קוני, אתה ספק עושה ספק אי אתה עושה, אני ודאי עושה, א"ל אם אי אתה חולק, גוזרני עליך, שלא יעברו בך מים לעולם, חלק ליה, הוה ההוא גברא דהוה דארי חיטי לפיסחא, א"ל חלוק ליה נמי להאי, דבמצוה

---

„השתא בהמתן של צדיקים", מיידאך די בהמות פון צדיקים ווערען ניט געשטרויכלט, זענען דאך די צדיקים אליין געוויס אזוי, פרעגט די גמרא, „ודלמא עישר עליהם ממקום אחר"? פיליכט האט ר' מאיר עסענדיג דעם בלאט, גע'מעשר'ט דעם ירק פון אן אנדער פלאץ? ענטפער: „לא נחשדו חברים לתרום שלא מן המוקף", די תלמידי חכמים זענען ניט מיסטרויט צו מעשר'ן ניט פון נאהענט, ווייל טאמער איז די זאך וואס ער האט אין זינען געהאט אלס מעשר פאר דא, דערווייל פאלארען געגאנגען, קומט אויס דאס ער האט געגעסען טבל, פראגע: „ודלמא נתן עיניו בצד זה ואכל בצד אחר"? פיליכט האט ער געלעגט אן אויג אויף איין זייט און געגעסען פון דער אנדערער זייט? „אמר ליה חזי מאן גברא רבה קא מסהיד עליה", האט ער צו איהם געזאגט זעה וואס פאר א גרויסער מענש האט עדות געזאגט אויף איהם, ר' יהשוע האט דאך דאס געזאגט אויף ר' מאיר, האט ער ווארשיינליך גוט אויפגעפאסט, „מאי בהמתן של צדיקים"? וואו איז דאס פארגעקומען וועגען די בהמות פון צדיקים? „דרי פנחס בן יאיר הוה קא אזיל לפדיון שבוים פגע ביה בגינאי נהרא, אמר ליה גינאי חלוק לי מימך ואעבור בך", ר' פנחס בן יאיר איז געגאנגען פאר אויסלייזען געפאנגענע אידען, האט ער אנגעטראפען א טייך וואס הייסט גינאי, האט ער צו איהם געזאגט גינאי טייל אפ דיין וואסער, איך זאל קענען אריבערגעהן איבער דיר, „אמר ליה אתה הולך לעשות רצון קונך ואני הולך לעשות רצון קוני, אתה ספק עושה, ספק אי אתה עושה, אני ודאי עושה", האט דער טייך צו איהם געזאגט דו געהסט צו טוען דעם ווילען פון דיין באשעפער און איך געה טוען דעם ווילען פון מיין באשעפער, דו ביזט נאך אין צווייפעל צו דו וועסט אויספיהרען דיין שליחות צו דו וועסט ניט אויספיהרען דיין שליחות, אבער איך טוה זיכער אויספיהרען מיין שליחות, „אמר ליה אם אי אתה חולק גוזרני עליך שלא יעברו בך מים לעולם, חלק ליה", האט ר' פנחס געזאגט צום טייך אויב דו וועסט ניט צוטיילען דיין וואסער, וועל איך גוזר זיין די וואסערן זאלען אין דיר ניט לויפען, האט ער איהם געטיילט די וואסער", הוה האי גברא דהוה דארי חיטי לפיסחא, אמר ליה חלוק ליה נמי להאי דבמצוה עסיק, חלק ליה", איז געוועזן אויך א מאן וואס האט געטראגען ווייץ אויף פסח פאר מצות, האט ער געזאגט צום טייך טייל פאר איהם אויך ער זאל קענען אריבער ווייל

עסיק, חלק ליה, הוה ההוא טייעא דלווה בהדייהו, א״ל חלוק ליה נמי להאי, דלא לימא כך עושים לבני לויה? חלק ליה, א״ר יוסף כמה נפיש גברא ממשה ושיתין ריבוון, דאילו התם חד זימנא, והכא תלתא זימנין, ודלמא ה״נ חדא זימנא, אלא כמשה ושיתין רבוון, איקלע לההוא אושפיזא, רמו ליה שערי לחמריה, לא אכל, (דף ז ע״ב) חבטינהו, לא אכל, נקרינהו, לא אכל אמר להו דלמא לא מעשר? עשרינהו, ואכל, אמר ענייה זו הולכת לעשות רצון קונה, ואתם מאכילין אותה טבלים?

---

ער איז דאָך באַשעפטיגט אין אַ מצוה, האָט ער איהם אָפּגעטיילט, „הוה האי טייעא דלווה בהדייהו, אמר ליה חלוק ליה נמי להאי, דלא לימא כך עושין לבני לויה? חלק ליה", איז אויך געווען דאָרט אַן אַראַבישער סוחר וואָס האָט זיי באַגלייט, האָט ר׳ פנחס געזאָגט טייל אָפּ די וואַסער אויך פאַר איהם, ער זאָל נאָכהער ניט זאָגען, אַזוי טוהט מען פאַר באַגלייטער? האָט דער טייך אויך פאַר איהם געטיילט די וואַסער, „אמר רב יוסף כמה נפיש גברא ממשה ושתין רבוון, דאילו התם חד זימנא והכא תלתא זימנין", האָט רב יוסף געזאָגט זעה נאָר ווי גרויס דער מענש איז געוואָרען פון משה מיט די זעכציגער צעהנטויזענדס, דאָס זיין נס איז אַזוי ווייט אריבער, דען דאָרט האָט פּאַסירט נאָר איינמאָהל און דאָ דריי מאָהל (די גרויסקייט פון פּנחס איז דאָך געוואָרען פון משה מיט די ששים ריבוא, דען אין זייער זכות האָט ער מקבל געווען די תורה פאַר זיי, און דורכגעפיהרט אַלע נסים פאַר זיי, וועלכע האָבען געעפענט דעם צינור צו משפיע זיין אויך פאַר אַלע ווייטערע צדיקים צו קענען פועל זיין דעם כח הנס אויך ווייטער). פרעגט די גמרא „ודלמא הכא נמי חדא זימנא"? טאָמער איז דאָ אויך ניט געווען מעהר ווי איינמאָהל, דהיינו ער ר׳ פנחס האָט ניט געלאָזט די וואַסערן צוריקלאָזען ביז אַלע וועלען דורכגעהן? „אלא" זאָגט די גמרא, „כמשה ושתין רבוון", דער נס איז ניט גרעסער געגאַנגען נאָר ווי משה און די ששים ריבוא אידען, „איקלע לההוא אושפיזא, רמו ליה שערי לחמריה לא אכל חבטינהו לא אכל, נקרינהו לא אכל", רייטענדיג מיט׳ן אייזל האָט ער אָפּגעטרעטען אין גאַסט־הויז צו אָנפּאַשען דעם אייזעל אום ווייטער צו קענען פאָהרען, האָבען זיי דערלאַנגט דעם אייזעל אַביסעל גערשטען האָט ער ניט געוואָלט עסען, האָבען זיי ווייטער געוואָלט רייטען, אָבער דער אייזעל האָט ניט געוואָלט געהן צוליב׳ן הונגער, האָבען זיי איהם געשלאָגען ביז זיי האָבען געפּרובט צו געבען עסען, און ווידער דאָס זעלבע ער האָט ניט געגעסען, האָבען זיי זיך ווידער געלאָזט אין וועג און ווידער דאָס זעלבע ער איז ניט געגאַנגען, האָבען זיי געשטויסען ער זאָל געהן ביז זיי האָבען געפּרופט צו געבען דעם גערשטען נאָך אַמאָהל און ער האָט אַליץ ניט געגעסען, „אמר להו דילמא לאו מעשרן? עשרינהו ואכל, אמר ענויה זו הולכת לעשות רצון קונה ואתם מאכילין אותה טבלים"? האָט ר׳ פנחס געזאָגט צו זיי, פיליכט זענען די גערשטען ניט גע׳מעשר׳ט? האָט מען זיי גע׳מעשר׳ט און דער אייזעל האָט געגעסען, האָט ער געזאָגט אַ די אָרימע געהט דאָך טוהן איהר באַשעפערס ווילען, און איהר געהט איהר מאַכען

ומי מיחייבא, והתנן הלוקח לזרע ולבהמה, וקמח לעורות, ושמן לנר, ושמן לסוך בו את הכלים. פטור מהדמאי? התם הא אתמר עלה אמר ר׳ יוחנן, לא שנו אלא שלקחן מתחילה לבהמה, אבל לקחן מתחילה לאדם, ונמלך עליהם לבהמה, חייב לעשר, והתניא הלוקח פירות מן השוק לאכילה, ונמלך עליהן לבהמה, הרי זה לא יתן, לא לפני בהמתו ולא לפני בהמת חברו, אלא אם כן עישר, שמע רבי נפק לאפיה, אמר ליה רצונך סעוד אצלי? אמר לו הן, צהבו פניו של רבי, אמר לו כמדומה אתה, שמודר הנאה מישראל אני? ישראל קדושים הן, יש רוצה ואין לו, ויש שיש לו ואינו רוצה, וכתיב (משלי כ״ג) אל תלחם [את] לחם רע עין, ואל תתאיו למטעמותיו, כי כמו שער בנפשו, כן הוא, אכול ושתה יאמר לך, ולבו בל עמך, ואתה רוצה ויש לך, מיהא השתא

---

עסען טבל? פרעגט די גמרא, „ומי מחייבא? והתנן הלוקח לזרע ולבהמה וקמח לעורות ושמן לנר ושמן לסוך בו את הכלים פטור מהדמאי״? איז מען דען מחויב ספק טבל צו מעשר׳ן פאר בהמות? מיר האָבען דאָך געלערנט אַז איינער קויפט תבואה פון אַן עם הארץ אויף צו זייען אָדער פאר בהמות אָדער מעהל צו אויסארבייטען פעל אָדער אויל צו לייכטען אָדער צו שמירען כלים, איז ער פטור פון דמאי, דאָס ער איז פטור צו מעשר׳ן ספק טבל, וואָס דען איז געווען דער נס דער עזעל זאָל ניט עסען? ענטפערט די גמרא, „הא איתמר עלה אמר ר׳ יוחנן לא שנו אלא שלקחן מתחילה לבהמה, אבל לקחן מתחילה לאדם ונמלך עליהן לבהמה חייב לעשר, והתניא הלוקח פירות מן השוק לאכילה ונמלך עליהן לבהמה״, עס איז טאַקע געלערנט געוואָרען דערויף דאָס ר׳ יוחנן האָט געזאָגט, דאָס די חכמים האָבען דאָס ניט געלערנט נאָר אין פאַל ער האָט דירעקט געקויפט פאַר דער בהמה, אָבער אַז ער האָט געקויפט די פירות פאַר׳ן מענשען, און זיך באַזינען זיי זאָלען זיין פאַר דער בהמה, איז ער חייב זיי צו מעשר׳ן, און אַזוי האָבען מיר טאַקע געלערנט אין אַ ברייתא אַז איינער קויפט פירות פון מאַרק אויף צו עסען און ער באַזינד זיך זיי זאָלען געהן פאַר די בהמות, „הרי זה לא יתן לא לפני בהמתו ולא לפני בהמת חברו אלא אם כן עישר״, טאָר ער שוין ניט געבען די פירות, ניט פאַר זיינע בהמות און ניט פאַר די בהמות פון זיין חבר, סיידען ער מעשר׳ט זיי, „שמע רבי נפק לאפיה, אמר ליה רצונך סעוד אצלי, אמר לו הן, צהבי פניו של רבי״, ווי רבי האָט געהערט איז ער אַרויס אַקעגען ר׳ פנחס צו עמפּאַנגען איהם, ער האָט צו איהם געזאָגט, איז דיין ווילען צו עסען ביי מיר? האָט איהם ר׳ פנחס געענטפערט יאָ, איז רבי זעהר דערפרעהט געוואָרען, זיין געזיכט האָט אויפגעבליצט פאַר פרייד פאַר דעם אויפנאַם וואָס ר׳ פנחס בן יאיר האָט איהם צוגעטיילט, „אמר לו כמדומה אתה שמודר הנאה מישראל אני״, האָט ר׳ פנחס געזאָגט צו רבי דו מוזט דענקען אויף מיר אַז איך טוה אסור׳ן די הנאה פון אַ יעדען אידען אויף מיר, „ישראל קדושים הם, יש רוצה ואין לו, ויש שיש לו ואינו רוצה וכתיב אל תלחם [את] לחם רע עין ואל תתאו למטעמותיו כי כמו שער בנפשו, כן הוא אכול ושתה יאמר

מסרהיבנא, דבמלתא דמצוה קא טרחנא, כי הדרנא אתינא עיילנא לגבך, כי אתא איתרמי על בההוא פיתחא, דהוו קיימין ביה כודנייתא חיוורתא, אמר מלאך המות בביתו של זה, ואני אסעוד אצלו? שמע רבי נפק לאפיה, אמר ליה מזבנינא להו, אמר ליה (ויקרא י״ט) ולפני עור לא תתן מכשול, מפקרנא להו, מפשת הזיקה, עקרנא להו, איכא צער בעלי חיים, קטילנא להו, איכא (דברים כ) בל תשחית, הוה קא מבתש ביה טובא, גבה טורא בינייהו, בכה רבי, ואמר מה בחייהן כך, במיתתן על אחת כמה וכמה? דאמר ר׳ חמא בר חנינא גדולים

---

לך, ולבו בל עמך״. אידען זענען הייליג אין אלגעמיין אָבער עס געפינען זיך צווישען זיי פארשידענס, פאראַן א איד וואָס וויל געבען נאָר ער האָט ניט, פאראַן אויך א איד וואָס ער האָט נאָר ער וויל ניט, און א פסוק זאָגט זאָלסט ניט עסען קיין ברויט מיט א שלעכט אויג און זאָלסט ניט גליסטען אפילו צו זיינע בעסטע עסענס, דען אזוי־וי א גיפט איז אין זיין נפש, אזוי טוהט ער קוקען אויף דיר מיט גיפט זאָגענדיג צו דיר, עס און טרינק, און זיין הארץ איז ניט מיט דיר, „ואתה רוצה ויש לך, מיהא השתא מסרהיבנא, דבמילתא דמצוה קא טרחנא, כי הדרנא אתינא עיילנא לגבך״, דו אָבער ביזט פון די וועלכע ווילען און האָבען צו געבען, אָבער איצט וועל איך אָפזאָגען, ווייל איך בין פאַרטוהן אין א מצוה זאַך, ווען איך וועל צוריקקומען וועל איך שוין זיין ביי דיר, „כי אתא איתרמי על בההוא פיתחא דהוו קיימין ביה כודנייתא חיורתא, אמר מלאך המות בביתו של זה ואני אסעוד אצלו״? ווי ער איז צוריקגעקומען האָט זיך געמאַכט דאָס ער איז אריין דורך דער טהיר, וואו עס זענען געשטאַנען ווייסע מוילאייזלען וועלכע האָבען א טבע אמאָהל צו קאַפען און זייער קלאַפּ איז אומהיילבאַר, האָט ר׳ פנחס געזאָגט, א מלאך המות איז דאָך אין דעם מענשענ׳ס הויז, און איך וועל נאָך געהן עסען ביי איהם? „שמע רבי נפק לאפיה, אמר ליה מזבנינא להו, אמר ליה ולפני עור לא תתן מכשול מפקרנא להו, מפשת היזקא, עקרנא להו, איכא צער בעלי חיים, קטילנא להו איכא בל תשחית״, ווי רבי האָט דאָס דערהערט איז ער אַרויס אַקעגען און געזאָגט צו איהם, אויב אזוי וועל איך די מוילאייזלען פאַרקויפען, האָט ר׳ פנחס געענטפערט, פאַר א בלינדען טאָר מען ניט אַוועקלעגען א שטרויכלונג צום פאַלען, יענער איז דאָך אויך אונטערן זעלבען איסור, און צו א גוי טאָר מען ניט פאַרקויפען קיין בהמה גסה, וועל איך זיי פריי מאַכען, פאַרשיקענדיג זיי אין די וועלדער, האָט ר׳ פנחס געענטפערט וועסטו נאָך פאַרגרעסערן די שאָדענס אלס ווילד וועלען זיי נאָך מעהר שאדען, האָט רבי געזאָגט וועל איך אביסעל ארומרייסען די קלואין זיי זאָלען ניט קענען קאַפען, האָט ער איהם געענטפערט דאָס איז צער בעלי חיים דאָס איז יסורים פאַר לעבענדע באַשעפענישען וואָס מען טאָר ניט טוען, וועל איך זיי לאָזען טויטען, האָט איהם ר׳ פנחס געזאָגט דאָס הייסט שוין בל תשחית, וואו די תורה האָט פאַרבאָטען צו פאַרדאַרבען א נוצליכע זאַך, „הוה קא מבטש ביה טובא, גבה טורא בינייהו, בכה רבי ואמר מה בחייהן כך במיתתן על אחת כמה וכמה״,

צדיקים במיתתן יותר מבחייהן, שנאמר (מלכים ב י"ג) ויהי הם קוברים איש, והנה ראו את הגדוד וישליכו את האיש בקבר אלישע, וילך ויגע האיש בעצמות אלישע, ויחי ויקם על רגליו, אמר ליה רב פפא לאביי ודילמא לקיומי ביה ברכתא דאליהו? דכתיב (שם ב) ויהי נא פי שנים ברוחך אלי, אמר ליה אי הכי היינו דתניא, על רגליו עמד ולביתו לא הלך? אלא במה איקיים? כדאמר רבי יוחנן שריפא צרעת נעמן, שהיא שקולה כמת, שנאמר (במדבר י"ב) אל נא תהי

---

האָט רבי זעהר אָנגעפאנגען בעטען און איינוועגדען ר' פנחס זאָל פאָרט גאַסטירען ביי איהם, האָט זיך אויפגעהויבען א בארג צווישען זיי און זיי צושיידט, האָט רבי געוויינט זאָגענדיג, מיידאך ביים לעבען טוהט ג־ט אזוי נאָכגעבען די צדיקים זיי זאָלען ניט מוזען אָפּטרעטען פון זייער שטאנדפונקט, ווי ר' פנחס האָט זיך דאָ געפיהרט ניט צו עסען ביי קיינעם, און ג־ט גיט זיי נאָך אזוי, איז דאָך נאָך זייער אָפּשטארבען פיעל מאָהל מעהר, „דאמר ר' חמא בר חנינא גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהן, שנאמר ויהי הם קוברים איש והנה ראו [את] הגדוד וישליכו את האיש בקבר אלישע וילך ויגע האיש בעצמות אלישע, ויחי ויקם על רגליו", דען ר' חמא בר חנינא האָט געזאָגט די צדיקים זענען גרעסער נאָך זייער אָפּשטארבען ווי ביי זייער לעבען, ווי דער פסוק זאָגט, עס האָט פּאסירט וועהרענד באגראָבענדיג א מענשען האָבען זיי דערזעהן א גוי'שען לעגיאָן, האָבען זיי איהם פאר שרעק אוועקגעוואָרפען אין קבר פון אלישע הנביא, פאלענדיג דאָרט האָט ער בארירט די ביינער פון אלישע און ער איז לעבעדיג געוואָרען און אויפגעשטאנען אויף זיינע פיס, אום ער זאָל איהם ניט בארירען, „אמר ליה רב פפא לאביי ודלמא לקיומי ביה ברכתא דאליהו דכתיב ויהי נא פי שנים ברוחך אלי"? האָט רב פפא געזאָגט צו אביי פיליי֊כט איז דער מענש לעבעדיג געוואָרען, אום עס זאָל אויסגעפיהרט ווערען די ברכה פון אליהו וואָס ער האָט געבענשט אלישע, ווי דער פסוק זאָגט עס זאָל פאסירען אין דיין נביאות צוויי מאָהל אזויפיל ווי צו מיר צו לעבעדיג מאכען צוויי מענשען, אָבער ניט צוליב דער גרויסקייט פון אלישע? אמר ליה אי הכי היינו דתניא על רגליו עמד ולביתו לא הלך"? האָט ער צו איהם געזאָגט אויב אזוי, איז דאָך די קשיא דאָס וואָס מיר האָבען געלערנט, דאָס אויף זיינע פיס איז ער אויפגעשטאנען אָבער צו זיין הויז איז ער ניט געגאנגען, דאָס הייסט דאָך ניט לעבעדיג געמאכט נאָר אויף א ווייל? „אלא במאי איקיים? כדאמר ר' יוחנן שריפא צרעת נעמן שהיא שקולה כמת שנאמר אל נא תהי כמת", נאָר מיט וואָס דען איז אויסגעפיהרט געוואָרען די ברכה פון אליהו? אזוי ווי ר' יוחנן זאָגט, מיט דעם וואָס אלישע האָט געהיילט די צרעת פון נעמן וואָס איז גלייך ווי א מת, ווי דער פסוק זאָגט ביי מרים וואו משה האָט געבעטען דאָס זי אלס מצורעת זאָל ניט פארבלייבען אזוי ווי א מת, אָבער ניט די עראייגניס פון דעם מת וואָס איז געשעהן פאר א ווייל — מיינט מען דאָ, מען מיינט יאָ די גרויסקייט פון אלישע וואָס ער האָט ניט געוואָלט דער מת זאָל ליגען

כמת, א״ר יהושע בן לוי למה נקרא שמן ימים? שאימתם מוטלת על הבריות, דאמר רבי חנינא מימי לא שאלני אדם על מכת פרדה לבנה, וחיה, והא קחזינא דהיי? אימא וחיית, והא קחזינא דמיתסי? דחיוורן ריש כרעייהו קא אמרינן (דברים ד) אין עוד מלבדו אמר ר׳ חנינא ואפי׳ כשפים. ההוא איתתא דהוה קא מהדרא למישקה עפרא מתותי כרעיה דר׳ חנינא, אמר לה שקולי, לא מסתייעא מילתיך, אין עוד מלבדו כתיב, והאמר רבי יוחנן למה נקרא שמן כשפים? שמכחישין פמליא של מעלה? שאני רבי חנינא דנפישא זכותיה, ואמר רבי חנינא אין אדם נוקף אצבעו מלמטה, אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה, שנאמר (תהלים ל״ז) מה׳ מצעדי גבר כוננו (משלי כ) ואדם מה יבין

---

לעבען איהם, „אמר רי יהשוע בן לוי למה נקרא שמן ימים״? (מיט א צירי אונטער דער יוד) „שאימתם מוטלת על הבריות, דאמר רי חנינא מימי לא שאלני אדם על מכת פרדה לבנה וחיה״, ר׳ יהשיע בן לוי האט געזאגט ווארום ווערען די מוילאייזלען גערופען ימים אין פסוק? אשר מצא את הימים במדבר, דען ר׳ חנינא (אלס דאקטאר) האט געזאגט ווי לאנג איך געדענק, האט מיך נאך קיין מענש ניט געפרעגט וועגען א קלאפ פון א ווייסען מוילאייזעל, ער זאל בלייבען לעבען, פרעגט די גמרא, „והא קחזינא דחיי? אימא וחיית״, מיר זעהן דאך דאס מען לעבט יא נאך אזא קלאפ? ענטפער: זאג דעם טעקסט וחיית דאס די מכה זאל געזונד ווערען, פראגע: „והא קחזינא דמיתסי? דחיוורן ריש כירעייהו קא אמרינן״, מיר זעהן דאך אז מען ווערט אויך געהיילט? ענטפער: מיר רעדען פון אזוינע מוילאיילזען וואס זייערע ענדע פיס זענען ווייס, א קלאפ פון זיי ווערט ניט געהיילט. „אין עוד מלבדו, אמר רי חנינא ואפילו כשפים״, דער פסוק זאגט עס ווירקט קיין זאך ניט אויסער ג־ט, האט ר׳ חנינא געזאגט אפילו כישוף ווירקט אויך ניט, ההוא איתתא דהות קא מהדרא למישקל עפרא מתותיה כרעיה דרי חנינא, אמר לה שקילי לא מסתייע מילתיך, אין עוד מלבדו כתיב״, עס איז געווען די פרוי וואס האט געזוכט צו נעמען אביסעל ערד פון אונטער די פיס פון ר׳ חנינא צו אנטוען איהם כישוף, האט ר׳ חנינא צו איהר געזאגט, נעם, עס וועט דיר סיי ווי ניט געלונגען, דער פסוק זאגט אין עוד מלבדו, פרעגט די גמרא, „והאמר רי יוחנן למה נקרא שמן כשפים שמכחישין פמליא של מעלה״? ר׳ יוחנן האט דאך געזאגט ווארום הייסט עס כשפים? ווייל זיי פארלייקענען די פמליא אויבען, חאטש פון אויבען איז ניט באשטימט, דעם מענשען זאל עפעס געשעהן, קען עס געשעהן דורך כישוף? ענטפערט די גמרא „שאני רי חנינא דנפישא זכותיה״, ר׳ חנינא איז אנדערש צוליב זיין גרויסען זכות איז ער באשיצט אוין פון כישוף, ואמר רי חנינא אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה שנאמר מהי מצעדי גבר כוננו, ואדם מה יבין דרכו״, נאך האט ר׳ חנינא געזאגט, א מענש שעדיגט ניט אפילו זיין פינגער אונטען, ווידען מען רופט אויף איהם אויס אויבען, ווי דער פסוק זאגט דאס פון ג־ט ווענען זיינע טריט געריכטעט, און נאך א פסוק, און א מענש וואס פארשטעהן דינו

דרכו א"ר אלעזר דם ניקוף מרצה כדם עולה, אמר רבא בגודל ימין ובניקוף שני, והוא, דקאזיל לדבר מצוה, אמרו עליו על ר' פנחס בן יאיר [ד] מימיו לא בצע על פרוסה שאינה שלו, ומיום שעמד על דעתו, לא נהנה מסעודת אביו: (דף ח ע"א) א"ר זירא אמר שמואל ליבן סכין ושחט בה. שחיטתו כשרה. חידודה קודם לליבונה, והאיכא צדדין? בית השחיטה מירווה רווה, איבעיא להו ליבן שפוד והכה בו, משום שחין נידון, או משום מכוה נידון? למאי נפקא מינה לכדתניא, שחין ומכוה מטמאין בשבוע אחד, בב' סימנין, בשער לבן,

---

זיין וועג, „אמר ר' אלעזר דם ניקוף מרצה כדם עולה, אמר רבא בגודל ימין ובניקוף שני, והוא דקאזיל לדבר מצוה", ר' אלעזר זאָגט דאָס די בלוט וואָס לאָזט זיך פון געשעדיגטען פינגער באוויליגט דעם מענשען אויבען ווי די בלוט פון א קרבן עולה, האָט רבא געזאָגט דערויף דאָס איז נאָר ווען ער קריגט דעם קלאַפּ אויפ'ן גראָבען פינגער פון רעכטער האנד, אויך ווען א שאָדען ווידערהאָלט זיך ביי איהם אויף נאָך א פינגער, איידער אַן ערשטער פינגער פארהיילט זיך, ווייל דאמאָלסט זענען די יסורים גרוים, און ווען קריגט ער אזא כפרה? אז ער ווערט געשעדיגט געהענדיג פאַר א מצוה, „אמרו עליו על ר' פנחס בן יאיר, מימיו לא בצע על פרוסה שאינה שלו, ומיום שעמד על דעתו לא נהנה מסעודת אביו", מען האָט געזאָגט אויף ר' פנחס בן יאיר, דאָס ער האָט קיינמאָהל קיין מוציא ניט געמאַכט איבער א פרעמדס שטיקעל ברויט, און פון ווען ער איז צו זיין וויסען געקומען, האָט ער ניט נהנה געווען פון זיין פאָטער'ס סעודה. „אמר ר' זירא אמר שמואל ליבן סכין ושחט בה שחיטתה כשרה, חידודה קודם לליבונה", ר' זירא האָט געזאָגט אין נאָמען פון שמואל אז איינער גליהט אוים א מעסער און שעכט מיט איהר, איז איהר שחיטה כשר, ווייל איהר שארף לויפט פאַראוים פאַר איהר היץ, פרעגט די גמרא „והאיכא צדדין? בית השחיטה מירוה רווח", עס זענען דאָך פאַראַן די זייטען פון סכין וועלכע ברענען איבער די סמנים איידער די שחיטה איז פאַרטיג? ענטפער: דער פלאַץ פון שניט ברייטערט זיך אויף, דעריבער ווערען די זייטען ניט געברענט, „איבעיא להו ליבן שפוד והכה בו, משום שחין נדון או משום מכוה נדון"? די בני הישיבה האָבען א שאלה געפרעגט, אז איינער גליהט אוים א שפיז און גיט א קלאַפּ מיט איהם א מענשען, און עס ווערט נאכהער א קראַץ צו ווערט דער קראַץ געאורטיילט געגען נגעים אלס א שחין צו אלס א מכוה (א בריה), די פראַגע איז דאָ, אזוי ווי בידע זענען דאָ צוזאמען, אי די היץ דורכ'ן קלאַפּ אי דורכ'ן פייער, ווי וועלכע ווערט עס אָנגענומען? פרעגט די גמרא „למאי נפקא מינה? לכדתניא שחין ומכוה מטמאין בשבוע אחד בשני סימנין בשער לבן ובפסיון", געגען וואָס איז דאָ דער אונטערשייד? געגען דער זאך וואָס איז געלערנט, א שחין וואָס קומט דורך א קלאַפּ און א בריה דורך פייער זענען מטמא צו ווערען פארשלאָסען אויף א וואָך צייט, מיט צוויי סימנין, מיט'ן ארויסוואַקסען פון דעם קראַץ ווייסע האָר, און מיט זיין פארגרעסערן זיך, אויב ער פאַרגרעסערט

ובפסיון, ולמה חלקן הכתוב? לומר שאין מצטרפין זה עם זה, ותניא איזהו שחין ואיזהו מכוה? לקה בעץ, באבן, בגפת, בחמי טבריא, ובכל דבר שלא בא מחמת האור, לאתויי אבר מעיקרו, זהו שחין, ואיזהו מכוה? נכוה בגחלת, ברמץ, בסיד רותח, בגפסית רותח, ובכל דבר הבא מחמת האור, לאתויי חמי האור זו היא מכוה, ותניא שחין ומכוה, אם שחין קודם למכוה, בטל מכוה את השחין, ואם מכוה קודמת לשחין, בטל שחין את המכוה, והכא היכי דמי? כגון דהוה

---

זיך ניט לאָזט מען איהם נאָך די זיבען טעג פריי, ניט אזוי איז די נגע וואָס הייסט נתק איהר סימן איז גאָלדפארביגע האָר, און די נגעים וועלכע הייסען שאת און ספחת ווערען פארשלאָסען אויך אַ צווייטען מאָהל, אפילו זיי שטעהן אין זעלבען צושטאנד, ווייל טאָמער וועלען זיי זיך מעהרען אין צווייטען פּיריאָד פון זיבען טעג, אויף צו האַלטען זיי אלס פארפאלען, „ולמה חלקו הכתוב? לומר שאין מצטרפין זה עם זה״, און וואָרום האָט זיי דער פסוק איינגעטיילט אין צוויי באזונדערע פרשות און ניט געשריבען זיי אינאיינעם? דאָס איז צו לאָזען הערען, דאָס זיי נעמען זיך ניט צוזאמען צו אויסמאכען אַ גאנצען שיעור, אַ שיעור נגע איז ווי אַ גריס אַ האלבע ארבעס די גרויס, אויב העלפט שעור איז געוואָרען ביי איהם אלס שחין דורכ׳ן קלאפּ, און די אנדערע העלפט שיעור דורך אַ בריה, נעמען זיי זיך ניט צוזאמען אלס אַ גאנצער שיעור נגע, „ותניא איזה שחין, ואיזה מכוה? לקה בעץ באבן בגפת בחמי טבריא ובכל דבר שלא בא מחמת האור, לאתויי אבר מעיקרו, זהו שחין״, און מיר האָבען געלערנט וועלכעס הייסט שחין און וועלכעס מכוה? אז ער האָט געקראָגען אַ קלאפּ מיט אַ האָלץ מיט שטיין, אָדער ער האָט זיך פארבריהט אריינטועגדיג זיין האנד אינ׳ם אָפּפאל פון אויליבירטען, וואָס איז היים פון זיך זעלבסט, אָדער אריינטועגדיג זיין האַנד אין הייסען קוואל פון טבריה, אָדער אין יעדער הייסע זאך וואָס קומט ניט פון פייער, די ווערטער כל דבר איז מרבה די בליי אין דער מינע, וואו זי איז נאָך אין אַ הייסען צושטאנד, אז ער האָט זיך דאָרט אָפּגעבריהט, הייסט עס אַלץ מיט׳ן נאָמען שחין, „ואיזה מכוה? נכוה בגחלת, ברמץ, בסיד רותח בגפסית רותח, ובכל דבר הבא מחמת האור, לאתויי חמי האור זו היא מכוה״, און וועלכעס הייסט אַ בריה? אז ער האָט זיך אָפּגעבריהט מיט אַ לעבעדיגער קויל, מיט הייסע אש, מיט דערהיצטע ליים, (צווייערליי ליים) און אויך מיט יעדער זאך וואָס קומט דורך פייער, דאָס קומט מרבה זיין די היץ פון פייער, אויב ער בריהט זיך אָפּ פון דערוואַרעמטע וואסער טראָנקען ניט בארירענדיג דעם פייער אליין, די אלע הייסען מכוה, „והתניא שחין ומכוה, אם שחין קודם למכוה, בטל מכוה את השחין, ואם מכוה קודמת לשחין, בטל שחין את המכוה, און מיר האָבען געלערנט, דאָס שחין און מכוה אויב דער שחין איז געקומען פריהער, מאכט די שפּעטערע מכוה צונישט דעם שחין און אויב די מכוה איז פריהער מאכט דער שפּעטערער שחין איהם בטל, די אלע ברייתות זענען דאָ געדאַרפט אום צו פארשטעהן די פראגע וואָס זיי האָבען געפרעגט, זיי האָבען דאָך געפרעגט וועלכע היץ איז

ביה חצי גרים שהין מעיקרא, וליבן שפוד והכה בו, ונפק ביה חצי גרים אחר, מאי, הבטא קדים, ואתי הבלא ומבטל ליה להבטא, והוה ליה שהין ומכוה, ולא מצטרפין, או דלמא הבלא קדים, ואתי חבטא ומבטל ליה להבלא, והוה ליה שהין ושהין, ומצטרף? ת״ש דאמר ר׳ זירא אמר שמואל ליבן סכין ושהט בה, שחיטתו כשירה, חידודה קודם לליבונה, אלמא חבטא קדים? חדוד שאני, תא שמע ליבן שפוד

---

אָנגעקומען פריהער, צו די היץ פון קלאַפּ צו די היץ פון פייער, דער אונטערשייד דערין איז טאַקע די ברייתא דאָס מיר געהן נאָכ׳ן לעצטען, און אַזוי איז געגען צוזאַמענגעמען זיך, דאָס אויב עס איז געווען אַ האַלבער שיעור שהין, און ער האָט דערויף געקראָגען נאָך אַ ברען, ווערט עס אינגאַנצען איבערגעקערט אויף אַ מכוה, און אַזוי אויך פאַרקערט דער לעצטער איז גובר און נעמט זיך צוזאַמען מיט׳ן ערשטען, און אויב נעבן דער מכוה, ער קריגט נאָך אַ קלאַפּ נעמט ער זיך שוין ניט צוזאַמען מיט׳ן ערשטען קלאַפּ, ווייל יענער אז שוין לאַנג בטל און צונישט געוואָרען צום מכוה, „והכא היכי דמי? כגון דהוה ביה חצי גרים שהין מעיקרא, וליבן שפוד והכה בו, ונפק ביה חצי גריס אחד מאַי״? און דאָ ווי שמועסט די פראַגע? דאָ שמועסט אז עס איז געווען אין איהם אַ האַלבער גריס שהין פון פריהער, און ער האָט אויס־געגליהט אַ שפיז און געגעבען אַ קלאַפּ אין דעם שהין, און עס איז אַרויס נאָך אַ האַלבער גריס, ווי איז דער דין? „חבטה קדים ואתי הבלא ומבטל ליה לחבטא, והוה ליה שהין ומכוה ולא מצטרפין״, צו זאָג איך אז דער קלאַפּ קומט פריהער און די היץ שפעטער, וועלכע איז מבטל דעם קלאַפּ, קומט דאָך אויס אז עס זענען פאַראַן דאָ אַ האַלבער שיעור שהין פון פריהער און אַ האַלבער שיעור מכוה פון יעצט, און זיי זענען זיך ניט מצטרף זיי נעמען זיך ניט צוזאַמען, או דלמא הבלא קדים ואתי חבטא ומבטל ליה להבלא, והוה ליה שהין ושהין ומצטרף״, אָדער פיליכט זאָג איך פאַרקערט דאָס די היץ קומט פריהער, און עס קומט דער קלאַפּ און איז מבטל און מאַכט צונישט די היץ, קומט שוין אויס דאָס עס זענען פאַראַן דאָ שהין מיט שהין, אַ האַלבער גריס שהין פון פריהער און אַ האַלבער גריס שהין פון יעצט, און זענען זיך מצטרף, איז די פראַגע ווי איז דער דין? „תא שמע דאמר ר׳ זירא אמר שמואל ליבן סכין ושחט בה שחיטתו כשרה, חידודה קודם לליבונה אלמא חבטה קדים״, קום איך וועל דיר אויפקלערען ר׳ זירא האָט געזאָגט אין נאָמען פון שמואל אז איינער גליהט אויס אַ סכין און שעכט מיט איהר איז זיין שחיטה כשר, ווייל איך זאָג איהר שאַרף פערדערט איהר היץ, דאָס מיינט די שחיטה איז פריהער פאַרטיג איידער די היץ האָט די געלעגענהייט צו איבערברענען די סימנים (סימנים מיינט דעם ושט וואו דאָס עסען געהט דורך און די לופט רעהר) זעהסט דאָך גוט דאָס דער קלאַפּ קומט פאַר׳ן ברען, ענטפערט די גמרא „חדוד שאני״, עס קען זיין אז אַ שאַרף איז אַנדערש, אָבער אַ קלאַפּ פון אַן אַנדער געגענשטאַנד זאָג איך טאַקע דאָס דער ברען איז פריהער, „תא שמע ליבן שפוד והכה בן נדון משום מכות אש אלמא חבטא קדים״, איך ווער

והכה בו, נידון משום מכות אש, אלמא חבטא קדים? התם נמי דברזייה מיברז דהיינו חדוד: א״ר נחמן אמר רבה בר אבוה סכין של עכו״ם מותר לשחוט בה, ואסור להתוך בה בשר, מותר לשחוט בה מקלקל הוא, ואסור לחתוך בה בשר, מתקן הוא, אמר רבה פעמים שהשוחט אסור במסוכנת, ומחתך מותר באטמי דקיימין לקורבנא, ותיפוק ליה משום שמנונית דאיסורא? (דף ח ע״ב) בחדשה, חדשה בין לרבי ישמעאל בין לרבי עקיבא משמשי עכו״ם הן, ומשמשי עכו״ם

---

דיר פושט זיין פון דאנען אז איינער גליהט אויס א שפיעז און גיט א קלאפ מיט איהם, ווערט די נגע געאורטהיילט אלס א ברען פון פייער, זעהסט דאך גוט, דאס דער קלאפ קומט פריעהר און דעריבער הייסט די נגע א מכוה ווייל דאס שפעטערע איז גובר? ענטפערט די גמרא, „התם נמי דברזייה מיברז דהיינו חדוד״, דארט קען אויך זיין אז ער מיינט אז ער האט איהם א שטאך געטוהן מיט׳ן שפיעז, וואס איז דאס אייגענע ווי די שארף דען דער שפיץ איז ווי א שארף, „אמר רב נחמן אמר רבה בר אבהו סכין של עבודת כוכבים מותר לשחוט ואסור לחתוך בה בשר, מותר לשחוט בה מקלקל הוא, ואסור לחתוך בה בשר מתקן הוא״, רב נחמן האט געזאגט אין נאמען פון רבה בר אבוה, אז א סכין וואס מען האט דערמיט געדינט דער עבודה זרה וועלכע איז אסור פאר הנאה, מעג מען מיט איהר שעכטען א בהמה און מען טאר ניט מיט איהר שניידען די פלייש, שעכטען מעג מען מיט איהר ווייל דאס הייסט ניט קיין הנאה, דען אלס לעבענדע איז זי מעהר נוצליך, פאר געווינען קינדער פאר מילך און פאר ארבייט, און אויב אן ער, איז ער גוט פאר פארען און ארבייט און נאך דער שחיטה איז זי מעהר ניט ניצליך נאר פאר׳ן פלייש, און שניידען די פלייש טאר מען ניט, דען שוין אלס פלייש שטעהט זי דאך פאר דעם צוועק, הייסט עס שוין הנאה האבען פונ׳ם סכין, „אמר רבא פעמים שהשוחט אסור במסוכנת, ומחתך מותר באטמי דקיימין לקרבנא״, האט רבא געזאגט אמאהל קומט אויס, דאס שעכטען זאל מען ניט טארען, ווי א שטייגער א בהמה וואס האלט ביים שטארבען, הייסט דאך דער שעכטען די הנאה, דען זי איז דאך ניט ראוי נאר פאר שחיטה, און מען זאל מעגען אמאהל אויך שניידען פלייש, ווי א שטייגער ווען ער האט שעהנע זייטען פלייש וואס זענען גרייט צו שיקען אלס פרעזענט און איהם לוינט ניט צו צושניידען זיי אויף שטיקער קאליע מאכענדיג דעם פרעזענט, דאמאלסט איז ער ניט עובר אויף דער הנאה, פרעגט די גמרא „ותיפוק ליה משום שמנונית דאיסורא״? דרינג דיר ארוים דאס סיי ווי סיי טאר מען ניט שעכטען מיט דעם סכין צוליב די פעטען וואס זענען איינגעזאפט אין סכין וואס איז אסור? ענטפערט די גמרא, „בחדשה״, עס שמועסט ביי א נייעם מעסער, פרעגט די גמרא, „חדשה בין לרי ישמעאל בין לרי עקיבא משמשי עבודת כוכבים הן, ומששמשי עבודת כוכבים אינן אסורין עד שיעבדו״? אויב עס שמועסט ביי א נייעם מעסער איז דאך די קשיא ווארום זאל ער אסור זיין, ר׳ ישמעאל און ר׳ עקיבא קריגען דאך ביי עבודה זרה אליין צו זי ווערט ערשט אסור

אינן אסורין עד שיעבדו? איבעית אימא דפסק ביה גוזא לעכו"ם, ואיבעית אימא בישנה, שליבנה באור, איתמר השוחט בסכין של עכו"ם רב אמר קולף, ורבה בר בר חנה אמר מדיח, לימא בהא קמיפלגי, דמר סבר בית השחיטה צונן, ומר סבר בית השחיטה רותח? לא, דכ"ע בית השחיטה רותח הוא, מאן דאמר קולף שפיר, ומאן דאמר מדיח, איידי דטרידי סימנין לאפוקי דם, לא בלעי, איכא דאמרי דכ"ע בית השחיטה צונן, מאן דאמר מדיח שפיר, מ"ד קולף אגב דוחקא דסכינא בלע, סכין טריפה פליגי בה רב אחא ורבינא חד אמר בחמין,

---

פאר די הנאה, ווען מען האט איהר שוין געדינט, אבער א מעסער הייסט דאך ניט די עבודה זרה אליין נאר די באהעלפונג צו דער עבודה זרה, און ביי די משמשים האלטען דאךביידע גלייך, דאס זיי ווערען ערשט אסור ווען מען האט מיט זיי שוין באדינט? „אי בעית אימא דפסק ביה גוזא לעבודת כוכבים, ואי בעית אימא בישנה שליבנה באור", אז ווילסט וועל דיר ענטפערן דאס ער האט איבערגעהאקט מיט דעם סכין שטיקלאך האלץ צו דער עבודה זרה, און אז דו ווילסט וועל איך דיר זאגען אז עס שמועסט ביי אן אלטען מעסער נאר ער האט איהר אויסגעגליהט איז דאך די פעטען פון איהם אוועק, „איתמר השוחט בסכין של עובדי כוכבים, רב אמר קולף ורבה בר בר חנה אמר מדיח", מיר האבען געלערנט אז איינער האט געשאכטען מיט אזא סכין פון עובד כוכבים זאגט רב ער דארף אוועקשניידען דעם פלאץ וואו דער סכין האט באריהרט שעכטענדיג און רבה בר בר חנה זאגט עס איז גענוג צו אפשווענקען דעם פלאץ, פרעגט די גמרא „לימא בהא קמיפלגי דמר סבר בית השחיטה צונן ומר סבר בית השחיטה רותח"? צו מוז איך זאגען דאס זיי קריגען אין דער סברה, דאס איינער האלט דער שחיטה פלאץ איז קאלט, זאפט ער אין זיך ניט איין די פעטען פון מעסער, און איינער האלט דער בית השחיטה איז הייס זאפט ער אין זיך יא איין דעם פעטען פון מעסער, דעריבער האלט ער, דאס מען מוז ארומשניידען דעם בית השחיטה? ענטפערט די גמרא „לא", ניין, דכולי עלמא בית השחיטה רותח הוא, מאן דאמר קולף שפיר, ומאן דאמר מדיח, איידי דטרידי סימנין לאפוקי דם, לא בלעי", לעולם האלטען אלע דער בית השחיטה איז הייס, און דער וואס זאגט קולף איז רעכט, איי דער וואס זאגט בלויז אפצושווענקען, איז דאך שווער אויף איהם, דער בית השחיטה איז דאך הייס און דעריבער ארייגענומען אין זיך די פעטען, ווארום זאל גענוג זיין הדחה? נאר דער ענטפער איז, ווייל די סימנין זענען דאך אין לויף צו ארויסשטופען די בלוט זאפען זיי דאמאלסט ניט איין, „איכא דאמרי דכולי עלמא בית השחיטה צונן מאן דאמר מדיח שפיר, מאן דאמר קולף אגב דוחקא דסכינא בלע", טייל זאגען דאס לעולם האלטען אלע דער בית השחיטה איז קאלט און דער וואס האלט בלויז אפצושווענקען איז רעכט, דען עס זאפט גארניט איין, נאר דער וואס האלט קולף, איז זיין סברה דא, ווייל ארייגקוועטשענדיג דעם סכין אין פלייש אריין, איז צוליב דעם ענגשאפט זאפט די פלייש אין זיך אריין, דעריבער מוז מען ארומשיילען דעם גאנצען

וחד אמר בצונן, והילכתא אפי׳ בצונן, ואי איכא בליתא דפרסא למיכפריה, לא צריך, ולמאן דאמר בחמין, מ״ט? משום דקא בלעה איסורא, דהיתירא נמי בלעה אבר מן החי? אימת בלעה? לכי חיימא, אימת קא היימא? לכי גמרה שחיטה, ההיא שעתא היתירא הוה: אמר רב יהודה אמר רב הטבח צריך שלשה סכינין, אחת ששוחט בה, ואחת שמחתך בה בשר, ואחת שמחתך בה חלבים, וליתקן ליה חדא, וליחתוך בה בשר, והדר ליחתוך בה חלבים? גזירא שמא יחתוך חלבים ואחר כך בשר, השתא נמי מיחלף ליה? כיון דאצרכינהו תרי, אית

---

בית השחיטה, „סכין טריפה פליגי בה רב אחא ורבינא, חד אמר בחמין וחד אמר בצונן, והלכתא אפילו בצונן", מיט א סכין וואס מען האט געשאכטען א טריפה אז ער האט געשאכטען קריגען אין דעם רב אחא מיט רבינא, איינער זאגט מיט הייסע וואסער מוז ער אפשווענקען דעם סכין, און איינער זאגט אפילו מיט קאלטע, און די הלכה בלייבט אפילו מיט קאלטע, די מחלוקת איז אויך געווענדעט צו דער בית השחיטה איז קאלט אדער הייס, צו ער האט דערווארעמט דעם סכין ער זאל אין זיך איינזאפען די פעטקייט פון בית השחיטה, „ואי איכא בליתא דפרסא למיכפריה לא צריך", און אויב עס איז פאראן א שטיק שמאטע צום אפווישען דעם סכין, דארף מען אויך ניט אפשווענקען, פרעגט די גמרא, „ולמאן דאמר בחמין מאי טעמא? משום דקא בלעה איסורא, דהיתירא נמי בלעה אבר מן החי"? און נאך דעם וואס זאגט, דאס מען מוז אפשווענקען דעם סכין מיט הייסען, וואס איז דען דער טעם? איז דאך דער טעם ווייל דער סכין האט איינגעזאפט אין זיך אן איסור פון טריפה, איז דאך די קשיא אויך ביי א כשר׳ע בהמה זאפט דאך איין דער סכין די פעטקייט פון אבר מן החי, זאל מען דארפען אפשווענקען מיט הייסען, דען איידער זי איז דערשאכטען איז זי דאך נאך אסור אלס א שטיק פלייש פון א לעבדיגע בהמה? ענטפערט די גמרא „אימת בלעה לכי חיימא, אימת קא חיימא לכי גמרה שחיטה, ההוא שעתא היתירא הוה", ווען זאפט דען דער סכין איין, ווען ער ווערט הייס, און ווען ווערט ער דען הייס, ווען די שחיטה ווערט פארטיג, און אין דער צייט איז זי דאך שוין מותר אלס געשאכטען, „אמר רב יהודה אמר רב הטבח צריך שלשה סכינין, אחת ששוחט בה ואחת שמחתך בה בשר, ואחת שמחתך בה חלבים", רב יהודה האט געזאגט אין נאמען פון רב דאס א קצב דארף האבען דריי מעסער איינעם פאר שחיטה און איינעם צו שניידען פלייש, און איינעם צו שניידען די חלב, פרעגט די גמרא, „וליתקן ליה חדא, ולחתוך בה בשר והדר ליחתוך בה חלבים", לאז ער נאר דארפען האבען צוגעגרייט פאר׳ן פלייש מיט די חלבים, נאר איין מעסער, מיט וועלכען צוערשט זאל ער שניידען פלייש און דערנאך דעם חלב וועלכען דער מעסער זאפט איין? ענטפערט די גמרא, גזירא שמא יחתוך חלבים ואחר כך בשר", מען האט צו באזארגען טאמער וועט ער צוערשט שניידען חלב און נאכהער די פלייש, „השתא נמי מיחלף ליה"? יעצט מיט צוויי מעסער, איז דאך אויך א קלעהר טאמער וועט ער איבערבייטען, האפענדיג דעם סכין

ליה היכירא, וא"ר יהודה אמר רב הטבח צריך שני כלים של מים, אחד שמדיח בו בשר, ואחד שמדיח בו חלבים, וניתקן ליה חדא, ונדיח בו בשר, והדר נדיח בו הלבים? גזירה שמא ידיח חלבים ואח"כ בשר, השתא נמי מהלפי ליהּ? כיון דאצרכיניה תרתי, אית ליה היכירא, אמר אמימר משמיה דרב פפא לא ליסחוף איניש כפלי עילוי בישרא, דדאיב תרבא ובלע בשרא, אי הכי כי תריצי נמי דאיב תרבא ובלע בשרא? קרמא מפסיק מתתאי, אי הכי (דף ט' ע"א) מעילאי נמי קרמא איכא? איידי דממשמשא ידא דטבחה מפתת, ואמר רב יהודה אמר

---

פון חלב און שניידען די פלייש? ענטפער: „כיון דאצרכינהו תרי אית ליה היכרא", ווייל אָבער מען האָט איהם געמאַכט דאַרפען צוויי מעסער וועט ער שוין דערקענען מיט וועלכען מעסער ער געהט שניידען, „ואמר רב יהודה אמר רב הטבח צריך שני כלים של מים אחד שמדיח בו בשר, ואחד שמדיח בו חלבים", נאָך האָט רב יהודה געזאָגט אַ טבח דאַרף האָבען צוויי כלים פון וואַסער איינע צו שווענקען אין איהר די פלייש און איינע דעם חלב, פרעגט די גמרא, „וניתקן ליה חדא ונדיח בו בשר, והדר נדיח בו חלבים"? זאָל ער נאָר דאַרפען האָבען איין כלי אין וועלכער צוערשט זאָל ער שווענקען די פלייש און נאָכהער דעם חלב? ענטפערט די גמרא, „גזירא שמא ידיח חלבים ואחר כך בשר", עס איז אַ קלעהר טאָמער וועט ער פאַרגעסענדיג שווענקען פריהער די חלבים און נאָכהער די פלייש, וועט זיך אַרויפקלעפען פון חלב אויפ'ן פלייש, „השתא נמי מיחלפי ליהּ"? עס איז דאָך יעצט, אפילו האָבענדיג צוויי כלים — אויך אַ קלעהר דאָס ער וועט איבערבייטען? ענטפער, „כיון דאצרכינה תרתי אית ליה היכרא", ווייל אָבער מען מאַכט איהם צו האָבען צוויי כלים וועט ער שוין דערקענען וועלכע צו נעמען, „אמר אמימר משמיה דרב פפא לא ליסחוף איניש כפלי עילוי בשרא דדאיב תרבא ובלע בישרא", אמימר האָט געזאָגט אין נאָמען פון רב פפא דאָס אַ מענש זאָל ניט אַוועקלעגען די כסלים וואו דער חלב איז באַהאַפטען צו זיי — אויפ'ן פלייש, ווייל באַלד נאָך דער שחיטה פאַראַנדערנעמענדיג די פלייש, איז נאָך דער חלב וואַרם, רינט אַרונטער פון איהם אויפ'ן פלייש און ער זאַפט אין זיך איין, פרעגט די גמרא, „אי הכי כי תריצי נמי דאיב תרבא ובלע בישרא"? אויב אַזוי, איז דאָך אויך אַ קלעהר אויף די כסלים אַליין ווען זיי ליגען אופ'ן ברעט מיט'ן חלב אַרויף אַלס אַ גאַנץ זייטל פלייש דאָס דער חלב וועט רינען אויפ'ן זייטל פלייש און איינזאַפען? ענטפערט די גמרא, „קרמא מפסיק מתתאי", די הייטל וואָס דער חלב האָט אויף זיך האַקט איבער פון אונטען און לאָזט ניט דורכרינען אויפ'ן פלייש, פרעגט די גמרא ווידער, „אי הכי מעילאי נמי קרמא איכא"? אויב אַזוי, איז דאָך פון אויבען אויפ'ן חלב אויך פאַראַן אַ הייטל, און ווען ער דרעהט איבער די זייטעל מיט'ן חלב אַראָפּ און ער לעגט איהר אויף אַנדערע פליישען, קען איך דאָך אויך אַזוי זאָגען דאָס די הייטעל האַלט צוריק? ענטפערט די גמרא, „איידי דממשמשא ידא דטבחא מפתתי", ווייל די הענד פון קצב טוען דאָרט צוברעקעלט זיך די הייטעל, אָבער צווישען דעם חלב און די כסלים קען

רב תלמיד חכם צריך שילמוד ג' דברים, כתב, שחיטה, ומילה, ורב חנניא בר שלמיא משמיה דרב אמר, אף קשר של תפילין, וברכת חתנים, וציצית, ואידך? הני שכיחן, וא"ר יהודה אמר שמואל כל טבח שאינו יודע הלכות שחיטה, אסור לאכול משחיטתו, ואלו הן, הלכות שחיטה, שהייה, דרסה, חלדה, הגמרה ועיקור. מאי קמ"ל כולהו תנינהו? לא צריכא ששחט לפנינו ב' וג' פעמים ושחט שפיר, מהו דתימא מדאידך שחט שפיר, האי נמי שחט שפיר? קמ"ל, כיון דלא גמר זימנין דשהי ודריס ולא ידע, וא"ר יהודה אמ' שמואל הטבח צריך שיבדוק בסימנים לאחר שחיט', א"ר יוסף אף אנן נמי תנינא,

---

א האנד ניט צוקומען, „ואמר ר' יהודה אמר רב תלמיד חכם צריך שילמוד ג' דברים כתב שחיטה ומילה", נאך האט רב יהודה געזאגט אין נאמען פון רב א תלמיד חכם דארף זיך לערנען דריי זאכען שרייבען און שחיטה און מילה, „ורב חנניא בר שלמיא משמיה דרב אמר אף קשר של תפילין וברכת חתנים וציצית", און רב חנניא האט געזאגט אין נאמען פון רב דאס אויך קשר פון תפילין דארף ער זיך לערנען מאכען, פרעגט די גמרא „ואידך"? ווארום רעכענט ניט רב יהודה אויך די זאכען? ענטפער: „הני שכיחן", די א זאכען זענען שכיח תמיד און יעדער קען זיי, דארף ער זיי ניט דערמאנען, „ואמר רב יהודה אמר שמואל כל טבח שאינו יודע הלכות שחיטה אסור לאכול משחיטתו ואלו הן הלכות שחיטה, שהייה, דרסה, חלדה, הגרמה, ועיקור", נאך האט רב יהודה געזאגט אין נאמען פון שמואל, דער טבח וואס ווייסט ניט די הלכות פון שחיטה, טאר מען ניט עסען פון זיין שחיטה און די זענען די הלכות, די אויסגערעכענטע האב שוין אויבן באשייד, פרעגט די גמרא, „מאי קא משמע לן כולהו תנינהו"? וואס לאזט ער דא מיר הערען די אלע האבען מיר דאך שוין געלערנט? ענטפערט די גמרא, „לא צריכא ששחט לפנינו בי או גי פעמים ושחט שפיר, מהו דתימא מדאידך שחט שפיר האי נמי שחט שפיר? קא משמע לן, כיון דלא גמר זימנין דשהי ודרס ולא ידע", עס איז ניט געדארפט צו לאזען הערען נאר אין אזא פאל, וואו ער האט פאר אונז געשאכטען א צוויי דריי מאהל און ער האט גוט געשאכטען, וואלט איך מיינען צו זאגען, אזויווי ער האט די עטליכע מאהל גוט געשאכטען, אזוי וועט ער שוין אויף ווייטער גוט שעכטען? לאזט ער מיר דא הערען, דאס ווי באלד אז ער האט ניט געלערנט די דיני שחיטה קען ער אמאהל מאכען א שהייה אדער א דריסה און ניט באמערקען, דעריבער טאר מען ניט עסען פון זייער שחיטה, „ואמר רב יהודה אמר שמואל הטבח צריך שיבדוק בסימנים לאחר שחיטה", נאך האט רב יהודה געזאגט אין נאמען פון שמואל דאס דער טבח מוז בודק זיין די סימנים נאך דער שחיטה צו זיי זענען גוט געשאכטען, „אמר רב יוסף אף אנן נמי תנינא ר' שמעון אומר אם שהה כדי ביקור, מאי לאו כדי ביקור סימנין", האט רב יוסף געזאגט מיר האבען אויך אזוי געלערנט, דאס ר' שמעון זאגט, אויב ער האט געזוימט אין מיטען שעכטען א ווייל וויפיל עס נעמט צו אונטערזוכען, מיינסטו דען ניט אז עס מיינט

ר״ש אומר אם שהה כדי ביקור, מאי לאו כדי ביקור סימנין? א״ל אביי לא, הכי א״ר יוחנן כדי ביקור חכם, א״כ נתת דבריך לשיעורים? אלא כדי ביקור טבח חכם, לא בדק מאי? ר״א בן אנטיגנוס משום ר״א ברבי ינאי אמר טרפה ואסורה באכילה, במתניתא תנא נבלה ומטמא במשא. במאי קמיפלגי? בדרב הונא דאמר בהמה בחייה בחזקת איסור עומדת, עד שיודע לך במה נשחטה, נשחטה הרי היא בחזקת היתר, עד שיודע לך במה נטרפה, מר סבר בחזקת איסור קיימא, והשתא מתה היא, ומר סבר בחזקת איסור אמרינן, בחזקת טומאה לא אמרינן, גופא אמר רב הונא בהמה בחייה בחזקת איסור עומדת, עד שיודע לך במה

---

די אונטערזוכונג פון די סימנים, זעהסט דאָך גוט פון ר׳ שמעון אז עס איז פאראַן ביקור סימנין, „אמר ליה אביי לא״ ניין, הכי אמר ר׳ יוחנן כדי ביקור חכם״, האָט אביי צו איהם געזאָגט ניט אזוי מיינט מען, אזוי האָט ר׳ יוחנן געזאָגט וויפיל עס נעמט פאַר א חכם צו אונטערזוכען א סכין וואָס א שוחט ציינט פאַר איהם, פראַגע: „אם כן נתת דבריך לשיעורים״? אויב אזוי האָסטו דאָך איבערגעגעבען די זאַך צו פאַרשידענע שיעורים, דען ביי יעדען אנדערען וועט עס נעמען אַן אַנדער ווײַלע? „אלא״ זאָגט די גמרא, „כדי ביקור טבח חכם״, אזאַ ווײַלע וואָס נעמט פאַר א טבח וואָס איז א חכם, פרעגט די גמרא, „לא בדק מאי״? אויב ער האָט ניט בודק געווען ווי איז דער דין? „ר׳ אליעזר בן אנטיגנוס משום ר׳ אלעזר ב״ר ינאי אמר טריפה ואסורה באכילה, במתניתא תנא נבלה ומטמא במשא״, ר׳ אליעזר זאָגט פאַר ר׳ אלעזר בן ינאי וועגען, דאָס די בהמה איז טריפה און מען טאָר איהר ניט עסען, און א ברייתא האָבען מיר געלערנט זי איז נבלה און מטמא אויב מען באַוועגט איהר, פרעגט די גמרא, „במאי קא מיפלגי? בדרב הונא דאמר בהמה בחייה בחזקת איסור עומדת עד שיודע לך במה נשחטה, נשחטה הרי היא בחזקת היתר עד שיודע לך במה נטרפה״, אין וואָס פאַר א סברה קריגען זיי? אין רב הונא וואָס ער זאָגט, דאָס א בהמה ביים לעבען איז אין דער חזקה אַלס אסור ביז עס ווערט צו דיר באַוואוסט מיט וואָס זי איז געשאָכטען געוואָרען, איז זי געשאָכטען געוואָרען, איז זי ווידער אין דער חזקה אַלס מותר ביז דו ווערסט ערקונדיגט מיט וואָס זי איז טרפה געוואָרען, „מר סבר בחזקת איסור קיימא, והשתא מתה היא, ומר סבר בחזקת איסור אמרינן, בחזקת טומאה לא אמרינן״, יעצט איינער האַלט זי איז אין דער חזקה אַלס אסור און יעצט איז זי טויט, איז זי מטמא, און איינער האַלט, אַז זי איז אין דער חזקה אַלס אסור דאָס זאָגען מיר, אָבער אַז זי איז אין דער חזקה אַלס טמא, דאָס זאָגען מיר ניט, דער כלל איז דאָ, אַז אַלס נעשאָכטען איז זי ניט מטמא, אַלס געטויטעט איז זי יאָ מטמא, „גופא אמר רב הונא בהמה בחייה בחזקת איסור עומדת עד שיודע לך וכו׳ נשחטה בחזקת היתר וכו׳״, פרעגט די גמרא, ולימא נשחטה הותרה״ די זאַך גופא וואָס רב הונא זאָגט דאָ, דאַרף ער דאָך זאָגען דעם לשון דאָס אויב זי איז געשאָכטען געוואָרען איז זי מותר געוואָרען, וואָס זאָגט ער עפּעס בחזקת היתר, וואָס מיינט אַלס

נשחטה, ולימא נשחטה הותרה? הא קמ"ל דאע"ג דאיתיליד בה ריעותא, כדבעא מיניה רב אבא מרב הונא בא זאב ונטל בני מעים מהו? נטל הא ליתנהו? אלא נקב בני מעים מהו? נקב הא קא חזינן דהוא נקבינהו? אלא נטלן והחזירן כשהן נקובין, מהו מי חיישינן שמא במקום נקב נקב, או לא? א"ל אין חוששין שמא במקום נקב נקב, איתיביה ראה צפור המנקר בתאנה, ועכבר המנקר באבטיחים, (דף ט ע"ב) הוששין שמא במקום נקב נקב, אמר ליה מי קא מדמית איסורא לסכנתא? סכנה שאני א"ל רבא מאי שנא ספק סכנתא להומרא,

---

ספק? ענטפערט די גמרא, „הא קא משמע לן דאף על גב דאיתיליד בה ריעותא", דאס לאזט ער אונז הערען, דאס חאטש עס איז דערביי געבוירען געווארען א שלעכטע זאך, מיינענדיג, כאטש עס האט זיך דערביי געמאכט עפעס א צוגאנג אויף טרפה, איז זי אלץ נאך אין א חזקה אויף היתר, „כדבעא מיניה רבי אבא מרב הונא בא זאב ונטל בני מעים מהו"? ווי א שטייגער ר' אבא האט געפרעגט פון רב הונא אז עס איז אנגעקומען א וואלף און אוועקגעכאפט די קישקעס, אדער אן אנדער אינווייניגסטער ארגאן וואס מען קען לעבערן, ווי אזוי איז דער דין? פרעגט די גמרא, „נטל הא ליתנהו"? דו זאגסט וועגן אוועקגענומען, זענען זיי דאך ניטא, היינט וואס פאר א ריעותא איז דא"? „אלא נקב בני מעים מהו"? נאר עס שמועסט אין דער פראגע אז דער וואלף האט געלעכערט די בני מעים ווי איז דער דין? פרעגט די גמרא ווידער, „נקב הא קא חזינן דהוא נקבינהו"? דו זאגסט געלעכערט, מיר זעהן דאך דאס ער האט זיי געלעכערט? „אלא נטלן והחזירן כשהן נקובין מהו"? נאר עס שמועסט דער וואלף האט זיי טאקע אוועקגעכאפט נאר מען האט זיי צוריקגעבראכט אלס געלעכערט, ווי איז דער דין? „מי חיישינן שמא במקום נקב נקב, או לא"? צו האבען מיר צו באזארגען דאס דארט איז נאך פון פריהער געווען געלעכערט און ער האט אין זעלבען לאך געלעכערט, אדער ניין? „אמר ליה אין חוששין שמא במקום נקב נקב", האט ער צו איהם געזאגט דאס מיר האבען ניט צו באזארגען וועגען אויפ'ן נקב א נקב, און דורך דער שאלה האט רב הונא אזוי פארמולירט דעם טעקסט בחזקת היתר ווי נאך אלס ספק צוליב דער ריעותא פון נקב, זאגט די גמרא „איתיביה ראה צפור המנקר בתאנה ועכבר המנקר באבטיחים", איך וועל איהם א קשיא פרעגען מיר האבען געלערנט אז ער האט געזעהן ווי א פויגעל לעכערט א פייג און אן עכבר לעכערט אין אן מאלאן, „חוששין שמא במקום נקב נקב", איז צו באזארגען, דאס טאמער האבען זיי געלעכערט אין זעלבען פלאץ וואו א שלאנג האט פון פריהער געלעכערט, און די פרוכטען טאר מען ניט עסען צוליב געפאר פון גיפט, זעהסט דאך גוט דאס עס איז יא צו באזארגען, „שמא במקום נקב נקב? אמר ליה מי קא מדמית איסורא לסכנתא סכנה שאני", האט ער צו איהם געזאגט, קענסטו דען גלייכען אן איסור צו א סכנה, א געפאר איז אנדערש, „אמר ליה רבא מאי שנא ספק סכנתא? לחומרא, ספק איסורא נמי לחומרא"? האט רבא צו איהם געזאגט ווארום עפעס איז ספק סכנה אנדערש? ווייל איך גען לחומרא,

ספק איסורא נמי לחומרא? א״ל אביי ולא שאני בין איסורא לסכנתא, והא אילו ספק טומאה ברה״ר ספיקו טהור, ואילו ספק מים מגולין אסורין? א״ל התם הלכתא גמירי לה מסוטה, מה סוטה ברה״י, אף טומאה ברה״י מתיב רב שימי שרץ בפי חולדה, וחולד׳ מהלכת על גבי ככרות של תרומה, ספק נגע ספק לא נגע, ספקו טהו׳, ואילו ספק מים מגולין אסורין? התם נמי הלכתא גמירי לה מסוטה, מה סוטה דבר שיש בה דעת לישאל, אף הכא נמי דבר שיש בו דעת לישאל, אמר רב אשי ת״ש צלוחית הניחה מגולה, ובא ומצאה מכוסה טמאה, שאני אומר אדם טמא נכנס לשם וכיסה, הניחה מכוסה

---

צו הארבערן די זאך, איז דאך ספק איסור אויך אזוי צו געהן לחומרא? אמר ליה אביי ולא שאני בין איסורא לסכנתא? והא אילו ספק טומאה ברשות הרבים ספיקו טהור, ואילו ספק מים מגולין אסורין״? האט אביי צו איהם געזאגט איז דען ניט קיין אונטערשייד צווישען אן איסור און א סכנה? מיר זעהן דאך דאס א ספק טומאה אין רשות הרבים איז זיין ספק ריין, און אויפגעדעקטע וואסער וועלכע זענען אין צווייפעל צו זיי זענען געווען צו־געדעקט געגען שלאנגען, זענען אסור צוליב געפאר פון גיפט זעהסט דאך יא אן אונטערשייד צווישען איסור און סכנה? „אמר ליה התם הלכתא גמירי לה מסוטה מה סוטה ברשות היחיד אף טומאה ברשות היחיד״, האט ער איהם צוריקגעזאגט דארט ביי טומאה איז עס אן הלכה לויט משה פון סיני ארויסגעלערנט פון סוטה פונקט ווי זי ווערט נאר טמא אין רשות היחיד וואו זי באהאלט זיך מיט׳ן פרעמדען, אזוי אויך אלע טומאות אלס צווייפעל זענען נאר טמא אין א איינצעלנעמס רשות, „מתיב רב שימי שרץ בפי חולדה וחולדה מהלכת על גבי ככרות של תרומה ספק נגע ספק לא נגע, ספיקו טהור, ואילו ספק מים מגולין אסורין״? האט רב שימי א קשיא געפרעגט מיר האבען געלערנט אז מען האט געזעהן א חולדה טראגענדיג א שרץ אין איהר מויל, אזוי געהענדיג איבער ברויטען פון תרומה וואס איז א צווייפעל צו דער שרץ האט באריהרט די ברויטען צו ניט באריהרט, איז דער דין, זיין ספק איז ריין, אפילו אין רשות היחיד, און אפגעדעקט וואסער אלס צווייפעל איז אסור? ענטפער, „התם נמי הלכתא גמירי לה מסוטה, מה סוטה דבר שיש בה דעת לישאול אף הכא נמי דבר שיש בו דעת לישאול״, דארט איז עס אויך א געלערנטע הלכה פון סיני ארויסגעלערנט פון סוטה, פונקט ווי סוטה איז זי דאך א זאך וואס קען ווערען אויסגעפרעגט, אזוי אויך דא דארף זיין א זאך וואס זאל קענען ווערען אויסגעפרעגט, און אויב ניט איז דער ספק ריין אפילו אין רשות היחיד, אזוי איז דער באפעל פון פסוק, אבער ביי אפגעדעקט וואסער געה איך לחומרא, „אמר רב אשי תא שמע צלוחית שהניחה מגולה ובא ומצאה מכוסה, טמאה, שאני אומר אדם טמא נכנס לשם וכיסה״, האט רב אשי געזאגט איך וועל דיר באווייזען דאס געפאהר איז הארבער פון איסור, דען מיר האבען געלערנט, א פלאש קוואל וואסער צוגעגרייט פאר מי חטאת אויף אפר פרה, אבער נאך ניט געהייליגט מיט׳ן אש פון דער פרה אדומה, דען מיט׳ן אפר

ובא ומצאה מגולה, אם יכולה חולדה לשתות ממנה, או נחש לדברי רבן גמליאל, או שירד בה טל בלילה, פסולה, וא"ר יהושע בן לוי מה טעם? (דף י ע"א) מפני שדרכן של שרצים לגלות, ואין דרכן לכסות, (אי נמי טעמא דהניחה מגולה, ובא ומצאה מכוסה, מכוסה ובא ומצאה מגולה, הא מצאה כמה שהניחה, לא טומאה איכא, ולא פסולה איכא), ואילו ספק מים מגולין אסורין, ש"מ חמירא סכנתא מאיסורא, ש"מ,

---

איז גלייך טמא לויט דער תורה, אז ער האָט איהר אוועקשטעלט אָפּגעדעקט, און נאָכהער קומענדיג האָט ער איהר געטראָפען צוגעדעקט, איז זי טמא, און מטמא אוכלין און משקין און זיכערליך אליין פסול, ווייל איך זאָג אז אן אומריינער מענש איז אריין דאָרט און איהר צוגעדעקט, „הניחה מכוסה ובא ומצאה מגולה אם יכולה חולדה לשתות ממנה, או נחש לדברי רבן גמליאל, או שירד בה טל בלילה, פסולה", האָט ער איהר איבערגעלאָזט צוגעדעקט און נאָכהער קומענדיג האָט ער איהר געטראָפען אָפּגעדעקט, איז דער דין אויב עס איז מעגליך געווען א חולדה זאָל טרינקען פון איהר — ווייל איהר נאַטור איז צוריקצולאָזען פון איהר מויל, אָדער א שלאַנג נאָך רבן גמליאל וואָס ער זאָגט דאָס זי האָט אויך די נאַטור, אָדער עס איז אריין אין איהר דער טהוי פון ביינאַכט, איז די פלאַש וואסער פסול פאַר מי חטאת, ווייל די תורה זאָגט מים חיים אל כלי, דאָס די וואסער זאָל קוועלען אין דער כלי, ניט איבערגעלערט פון ערגעץ אנדערש, ווי דאָ דורך די חולדה אָדער נחש אָדער דעם טהוי פון ביינאַכט, „ואמר ר' יהשיע בן לוי מה טעם? מפני שדרכן של שרצים לגלות ואין דרכן לכסות", און ר' יהשיע בן לוי האָט אויפדעם געזאָגט, וואָס איז די סברה? ווייל דער שטייגער איז פון שרצים צו אויפדעקען אָבער ניט צוצודעקען, דעריבער אין דער רישא העגג איך אָן, דאָס א טמא מענש האָט צוגעדעקט, דען איך קען דאָך אין עפּעס אנדערש ניט אָנהענגען, אָבער די סיפא ביי געפינען אָפּגעדעקט הענג איך אָן דאָס שרצים האָבען די צלוחית אויפגעדעקט, האָטש איך קען אויך אָנהענגען דאָס א טמא מענש האָט אָפּגעדעקט, געה איך אָבער נאָך דער מעהרהייט מענשען וועלכע זענען ריין, זעהסט דאָך גוט דאָס ביי אן איסור געה איך לקולא צו פאַרלייכטערן, (אי נמי טעמא דהניחה מגולה ובא ומצאה מכוסה, מכוסה ובא ומצאה מגולה, הא מצאה כמה שהניחה לא טומאה איכא ולא פסולה איכא) ואילו ספק מים מגולין אסורין", און נאָך א סברה איז דאָ, גוט אז ער האָט איהר איבער־געלאָזט אָפּגעדעקט און געפינען צוגעדעקט אָדער פאַרקערט, דאַמאָלסט זאָגען מיר אזוי דעם דין, אָבער אז ער האָט איהר געפונען ווי איבערגעלאָזט, איז ניט פאַראַן ניט קיין טומאה ווי ער זאָגט עס אין דער רישא, און ניט קיין פסולה ווי ער זאָגט עס אין דער סיפא, און איך קלעהר גאָרניט וועגען א ספק ביי ביידע פאַלען, טאָמער האָבען א חולדה אָדער א נחש געטרינקען, אָדער א טמא מענש האָט באַריהרט, און ביי ספק מים מגולין איז דאָך דער דין אז זיי זענען אסור, „שמע מינה חמירא סכנתא מאיסורא? שמע מינה", איז דאָך געדרונגען, דאָס געפאַהר איז הארבער פון איסור, איז גוט געדרונגען,

תנן התם ג׳ משקין אסורין משום גילוי, מים, ויין, וחלב, כמה ישהו ויהיו אסורין? כדי שיצא הרחש ממקום קרוב וישתה, וכמה מקום קרוב? אמר רבי יצחק בריה דרב יהודה כדי שיצא מתחת אוזן כלי וישתה, ישתה הא קא חזי ליה? אלא ישתה ויחזור לחורו: איתמר השוחט בסכין ונמצאת פגומה, אמר רב הונא אפי׳ שיבר בה עצמות כל היום, פסולה, חיישינן שמא בעור נפגמה, ורב חסדא אמר כשרה, שמא בעצם נפגמה, בשלמא רב הונא כשמעתיה, אלא רב חסדא מאי טעמא? אמר לך עצם ודאי פוגם, עור ספק פוגם, ספק לא

---

„תנן התם ג׳ משקין אסורין משום גלוי מים ויין וחלב, כמה ישהו ויהיו אסורין כדי שיצא הרחש ממקום קרוב וישתה״, מיר האָבען דאָרט געלערנט אין א משנה דאָס דרייערלייי משקין ווערן אסור דורך זיין אָפּגעדעקט, וואסער וויין און מילך, ווי לאַנג דארפען זיי זיין אָפּגעדעקט צו ווערען אסור? ווי לאַנג עס נעמט פאַר א שלאַנג צוצוקומען פון נאָהענט און צו טרינקען, „וכמה מקום קרוב? אמר ר׳ יצחק בריה דרב יהודה כדי שיצא מתחת אוזן כלי וישתה״, און וויפיעל מיינט נאָהענט? האָט ר׳ יצחק דער זוהן פון רב יהודה געזאָגט ווילאַנג עס נעמט פאַר א שלאַנג ארויסצוקריכען פון אונטער׳ן אויער פון דער כלי, פון זיין נאָרע און צו טרינקען, פרעגט די גמרא, „ישתה? הא קא חזי ליה? אלא ישתה ויחזור לחורו״, דו זאָגסט אזוי לאַנג ביז ער טרינקט ניט מעהר, זעהט מען דאָך דעם שרץ אוועקגעהענדיג? „אלא״ זאָגט די גמרא, מען מיינט ביז ער טרינקט און געהט צוריק אין זיין נאָרע: „איתמר השוחט בסכין ונמצאת פגומה, אמר רב הונא אפילו שיבר בה עצמות כל היום פסולה, חיישינן שמא בעור נפגמה״, מיר האָבען געלערנט אז איינער שעכט מיט א סכין פגום, (פגום איז פון לשון פגע באַגעגנען, געוועגליך אונטערזוכט מען די שאַרף מיט׳ן נאָגעל פון פינגער, און אויב די שאַרף איז ערגעץ איבערגעהאַקט, ניט גלאַטיג באַגעגענט איהם דער נאָגעל), האָט רב הונא געזאָגט אפילו ווען ער ברעכט מיט דעם חליף ביינער א גאַנצען טאָג און איז איהם נאָכהער ערשט בודק געפינענדיג איהם אלס פגום, וואו איך קען אָנהענגען, דאָס פון די ביינער איז ער געוואָרען פגום, איז די שחיטה פונדעסטוועגען פסול, ווייל איך באַזאָרג דאָס פון דער פעל איז ער געוואָרען פגום ביי דער שחיטה, „ורב חסדא אמר כשרה שמא בעצם נפגמה״, און רב חסדא זאָגט די שחיטה איז כשר ווייל איך הענג אָן, דאָס פון די ביינער איז ער פגום געוואָרען, פרעגט די גמרא „בשלמא רב הונא כשמעתיה, אלא רב חסדא מאי טעמא״? אנדערש רב הונא וואָס זאָגט די שחיטה איז פסול, זאָגט ער דאָך לויט זיין סברה אויבען דאָס יעדע בהמה איז אין דער חזקה אלס אסור דורך אבר מן החי, ביז דו ביזט זיכער מיט וואָס זי איז געשאָכטען געוואָרען, און יעצט איז דאָך דאָ א צווייפעל אין דער שחיטה, קען דער ספק ניט ארויסציהען פון דעם חזקת איסור, אָבער רב חסדא וואָס איז זיין סברה? „אמר לך עצם ודאי פוגם, עור ספק פוגם ספק לא פוגם, הוי ספק וודאי, ואין ספק מוציא מידי ודאי״, רב חסדא קען דיר אזוי ענטפערן, א ביין מאַכט

פוגם, הוי ספק וודאי, ואין ספק מוציא מידי ודאי, מתיב רבא לסיועיה לרב הונא, טבל ועלה ונמצא עליו דבר חוציץ, אע״פ שנתעסק באותו המין כל היום כולו, לא עלתה לו טבילה, עד שיאמר ברי לי שלא היה עלי קודם לכן, והא הכא דוודאי טבל, ספק הוה עליה, ספק לא הוה עליה. וקאתי ספק ומוציא מידי ודאי? שאני התם דאיכא למימר העמד טמא על חזקתו, ואימא לא טבל, הכא נמי העמד בהמה על הזקתה, ואימר לא נשחטה? הרי שחוטה לפניך? הכא נמי הרי טבל לפניך? הא איתילידא ביה ריעותא, ה״נ איתילידא בה ריעותא? סכין איתרעאי, בהמה לא איתרעאי, מיתיבי שחט את הושט ואח״כ נשמטה

---

זיכער א פגם און די פעל איז א ספק צו זי איז פוגם צו ניט, איז דאך יעצט פאראן א ספק מיט א וודאי, קען דער ספק טאמער פון דער פעל, ניט ארויסציהען פונ׳ם זיכערן פגם דורך א ביין, „מתיב רבא לסיועיה לרב הונא, טבל ועלה ונמצא עליו דבר חוצץ, אף על פי שנסעסק באותו מין כל היום כולו לא עלתה לו טבילה", האט רבא א קשיא געפרעגט אויף רב חסדא אלס באווייז צו רב הונא, מיר האבען געלערנט אז איינער האט זיך טובל געווען פון א טומאה, ארויסגעהענדיג פון דער מקוה, איז געפונען געווארען אויף איהם א זאך וואס האקט איבער די טבילה, איז דער דין חאטש ער איז געווען באשעפטיגט מיט דעם מין וואס מען האט געפונען אויף איהם, א גאנצען טאג, וואו מען קען אנהענגען דאס די זאך איז צוגעקלעפט געווארען צו איהם ערשט נאך דער טבילה, איז פונדעסטוועגען ניט פאררעכענט די טבילה אלס גוט, „עד שיאמר ברי לי שלא היה עלי קודם לכן", סאידען ער זאגט איך בין זיכער דאס די זאך איז ניט געווען אויף מיר פאר׳ן טובל׳ן, „והא הכא דוודאי טבל, ספק הוה עליה ספק לא הוה עליה, וקאתי ספק ומוציא מידי ודאי"? און דא איז דאך א זיכער דאס ער האט זיך טובל געווען, און א ספק צו עס האט געקלעפט אויף איהם די זאך ווערענד דער טבילה צו ניט, און פונדעסט־וועגען קומט דער ספק און ציהט ארויס די זיכער טבילה, אזוי אויך דא זאל דער ספק פגם דורך דער פעל ארויסציהען פון זיכערע שחיטה? ענטפערט די גמרא, „שאני התם דאיכא למימר העמד טמא על חזקתו ואימא לא טבל", דארט איז אנדערש ווייל איך קען זאגען, איך שטעל דעם טמא אויף זיין חזקה אלס טמא פון פריהער וואס איז זיכער, און איך זאג ער איז גלייך ווי ער וואלט זיך ניט טובל געווען, „הכא נמי העמד בהמה על חזקתה ואימר לא נשחטה", און דא אויך לויט רב הונא שטעל איך די בהמה אויף איהר חזקה אלס אסור דורך אבר מן החי, גלייך ווי זי וואלט ניט געשאכטען ווערען, פרעגט די גמרא, „הרי שחוטה לפניך"? מיר זעהן דאך זי איז געשאכטען פאר דיינע אויגען? „הכא נמי הרי טבל לפניך"? דא אויך זעהן מיר דאך ער האט זיך טובל געווען פאר דיינע אויגען? ענטפער: „הא איתילדא ביה ריעותא", ביי דער טבילה איז דאך געבוירען געווארען א שלעכטע זאך וואס ברייננגט אריין א ספק אין דער טבילה. פראגע: „הכא נמי איתילידא בה ריעותא"? דא ביי דער שחיטה איז דאך אויך געבוירען געווארען א ריעותא דורכ׳ן פגם פון חליף,

הגרגרת כשרה, נשמטה הגרגרת ואחר כך שחט את הושט פסולה, שחט את הושט ונמצא הגרגרת שמוטה, ואינו יודע אם קודם שחיטה נשמטה, אם לאחר שחיטה נשמטה, זה היה מעשה ואמרו כל ספק בשחיטה פסול, כל ספק בשחיטה לאיתויי מאי? לאו לאיתויי כה״ג? לא, לאיתויי ספק שהה ספק דרס, (דף י ע״ב) ומאי שנא? התם

---

ענטפער: „סכין איתרעאי, בהמה לא איתעאי״, עס איז אַן אונטער שייד, ביי דער שחיטה האָט זיך די שלעכטע זאַך געמאַכט ביים סכין, ניט ביי דער בהמה, און ווייל ניט ביי דער זאַך אַליין נאָר ביים סכין, איז עס שוין ניט גלייך צו טבילה וואו דער חסרון איז געווען אויף איהם אַליין, און עס קען ניט קומען דער ספק חסרון פון סכין דורך די פעל, און ארויסציהען פון דער זיכערע שחיטה, ווייל איך הענג אָן דעם פגם דורך די ביינער, „מיתיבי שחט את הושט ואחר כך נשמטה הגרגרת כשרה, נשמטה הגרגרת ואחר כך שחט את הושט פסולה״, איך וועל דיר אַ קשיא פרעגען אַז איינער האָט געשאָכטען ביי אַן עוף דעם סימן וואָס הייסט ושט, דאָס רעהרעל וואו דאָס עסען געהט דורך, און נאָכהער האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט דער גאָרגעל, איז די שחיטה כשר, ווייל אַן עוף איז כשר אפילו שעכטענדיג נאָר איין סימן, איז אָבער דער גרגרת פריהער אוועקגערוקט געוואָרען און נאָכהער האָט ער געשאָכטען דעם ושט, איז די שחוטה פסול, ווייל שעכטענדיג דעם ושט נעם איך אָן, דאָס צו דער זעלבער צייט איז דאַמאָלסט שוין דער קנה געווען אביסעל אָפּגעריסען פון באַהעפטונג, „שחט את הושט ונמצא הגרגרת שמוטה ואינו יודע אם קודם שחיטה נשמטה, אם לאחר שחיטה נשמטה, זה היה מעשה, ואמרו כל ספק בשחיטה פסול״ אַז ער האָט געשאָכטען דעם ושט, און עס איז אויסגעפונען געוואָרען, דאָס דער גרגרת איז אָפּגערוקט, מיינענדיג אָפּגעריסען, נאָר ער ווייסט ניט צו פאַר דער שחיטה איז געשעהן די שמוטה צו ערשט נאָך דער שחיטה איז געשעהן די זאַך, ,האָבען די חכמים געזאָגט ביי אַזאַ געלעגענהייט דאָס יעדער ספק ביי שחיטה איז פסול, „כל ספק בשחיטה לאתויי מאי? לאו לאתויי כהאי גוונא״? זאָגענדיג אין דער ברייתא כל ספק, וואָס מיינט זי דערמיט מרבה צו זיין? מיינט זי דען ניט מרבה צו זיין אַזאַ שטיינער ווי דאָ, וואו עס האָט זיך געמאַכט אַ צווייפעל אויפ׳ן סכין, איז אויך די שחיטה פסול, זעהסט דאָך גוט, דאָס אפילו דער ספק ציהט אַרויס פון זיכערער שחיטה, איז דאָך אַ קשיא אויף רב חסדא? ענטפערט די גמרא, „לא״ ניין „לאתויי ספק שהה ספק דרס״, עס קומט מרבה זיין וואו עס איז געבוירען געוואָרען אַ ספק ניט וויסענדיג צו ער האָט געמאַכט ביי דער שחיטה אַ שהייה, זוימענדיג אַ שיעור צייט אין מיטען דער שחיטה, צו אַ דריסה וואָס מיינט נאָר איין וועג, אַהין אָדער אַהער וועג אַראָפּשניידענדיג דאָס גאַנצע קעפּעל, אָבער אַ ספק ביים סכין איז די שחיטה כשר ווייל דער ספק פגם דורך דער פעל קען ניט אַרויסציהען פון זיכערן פגם דורך די ביינער וואָס איז ערשט געשעהן נאָך דער שחיטה, פרעגט די גמרא, „ומאי שנא״? און וואָס איז דען אַן אונטערשייד דער ספק פון ספק ביים סכין, זאָל דער ספק ביים סכין אויך פסל׳ן די שחיטה?

איתילידא בה ריעותה בבהמה, הכא סכין איתרעאי, בהמה לא איתרעאי, והלכתא כותיה דרב הונא, כשלא שיבר בה עצם, והלכתא כותיה דרב חסדא כששיבר בה עצם, מכלל דרב חסדא אע"ג דלא שיבר בה עצם, אלא במאי איפגים? אימא בעצם דמפרקת איפגים, הוה עובדא וטרף רב יוסף עד תליסר חיותא, כמאן? כרב הונא ואפי' בקמייתא? לא כרב חסדא ולבר מקמייתא, ואיבעית אימא לעולם כרב הונא, דאי כרב חסדא, מכדי מתלא תלינא, ממאי דבעצם דמפרקת

---

ענטפערט די גמרא, „התם איתילידא בה ריעותא בבהמה, הכא סכין איתרעאי בהמה לא איתרעאי", דאָרט ביים ספק שהייה אָדער דריסה איז דאָך די ריעותא ביי דער בהמה אַליין אָבער דאָ ביים דין פון רב הונא מיט רב חסדא איז דאָך די ריעותא געשעהן ביים סכין וואו ר' חסדא האָט זיין סברה מתיר צו זיין, „והלכתא כוותיה דרב הונא כשלא שיבר בה עצם, והלכתא כוותיה דרב חסדא כששיבר בה עצם", און די הלכה איז ווי רב הונא וואו ער האָט ניט געבראָכען קיין ביינער מיט'ן סכין, מוז איך דאָך אָנהענגען דאָס דער סכין איז פגום געוואָרען דורך דער פעל, און די הלכה בלייבט אויך ווי רב חסדא וואו ער האָט יאָ געבראָכען ביינער מיט'ן סכין, אָנהענגענדיג, דאָס פון זיי איז דער סכין פגום געוואָרען ערשט נאָך דער שחיטה, פרעגט די גמרא „מכלל דרב חסדא אף על גב דלא שיבר בה עצם אלא במאי איפגים"? ווען איך זעה די גמרא ענטשיידעט די הלכה ווי רב הונא וואו ער האָט ניט געבראָכען קיין ביינער מיט'ן סכין, מוז דאָך זיין דאָס רב חסדא קריגט אויך ביי דעם דאָס די שחיטה איז כשר, איז דאָך די קשיא מיט וואָס דען איז דער סכין פגום געוואָרען, וואו רב חסדא זאָל קענען אָנהענגען אין דעם? ענטפערט די גמרא, „אימא בעצם דמפרקת איפגים", איך הענג אָן דאָס אָן ביין פון נאַקען איז דער סכין פגום געוואָרען, און די פראַגע איז געגען אַ צווייטער שחיטה, „הוה עובדא וטרף רב יוסף עד תליסר חיותא", עס האָט זיך אַזוי פאַרלאָפען און רב יוסף האָט גע'טרפ'עט ביז דרייצעהן בהמות, פרעגט די גמרא, „כמאן? כרב הונא ואפילו בקמייתא"? ווי ווער האָט דאָס רב יוסף טריף געמאַכט, צו ווי רב הונא, און אפילו די ערשטע בהמה, ווייל איך הענג אָן, דאָס דער סכין איז פגום געוואָרען נאָך פון דער פעל פאַר דער שחיטה? צו ווי רב חסדא, און ער האָט טריף נאָר געמאַכט די לעצטע צוועלף בהמות? „לא", ניין „כרב חסדא ולבר מקמייתא, ואי בעית אימא לעולם כרב הונא, דאי כרב חסדא מכדי מתלא תלינן, ממאי דבעצם דמפרקת דקמייתא איפגים, דילמא בעצם דמפרקת דבתרייתא איפגים", האָט געענטפערט די גמרא ניין איך זעץ איין דאָס ווי רב חסדא האָט רב יוסף גע'טרפ'עט און אויסער דער ערשטער, און אַז ווילסט וועל דיר ענטפערן דאָס לעולם האָט רב יוסף געטוהן ווי רב הונא לויט זיין סברה, דען אויב איך זאָל זאָגען ווי רב חסדא, סיי ווי סיי זאָגט ער דאָך, דאָס מיר הענגען אָן, אין מפרקת, איז דאָך שווער פונוואַנען ווייסט מען אָנצוהענגען דאָס דער פגם איז פון דער ערשטער בהמה פיליכט איז עס פון דער לעצטער מפרקת דער סכין פגום געוואָרען? נאָר מוז זיין דאָס רב

דקמייתא איפגים, דילמ׳ בעצם דמפרקת דברייתא איפגים? אמר ליה רב אחא בריה דרבא לרב אשי, רב כהנא מצריך בדיקותא בין כל חדא וחדא, כמאן, כרב הונא ולמיפסל קמייתא? לא כרב חסדא, ולאכשורי בתרייתא, אי הכי תיבעי נמי בדיקת חכם? עד אחד נאמן באיסורין, אי הכי מעיקרא נמי לא, האמר רבי יוהנן לא אמרו להראות סכין לחכם, אלא מפני כבודו של חכם, מנא הא מילתא דאמור רבנן אוקי מילתא אחזקיה, אמר רבי שמואל בר נחמני א״ר יונתן אמר קרא (ויקרא י״ד) ויצא הכהן מן הבית אל פתח הבית, והסגיר את הבית שבעת ימים, דילמא אדנפיק ואתא בצר ליה שיעורא? אלא לאו משום דאמרינן אוקי אחזקיה, מתקיף לה רב אחא בר יעקב ודילמא כגון

---

יוסף האָט גע׳טרפ׳עט ווי רב הונא, „אמר ליה רב אחא בריה דרבא לרב אשי, רב כהנא מצריך בדיקותא בין כל חדא וחדא כמאן? כרב הונא ולמיפסל קמייתא״, האָט רב אחא דער זוהן פון רבא געזאָגט צו רב אשי, רב כהנא האָט געמאַכט דאַרפען אַ בדיקה צווישען יעדער שחיטה, ווי ווער האָט ער אַזוי גע׳פסק׳נט צו טוהן? צו ווי רב הונא אום צו פסל׳ען באַלד די ערשטע שחיטה? זאָגט די גמרא „לא״ ניין, „כרב חסדא ולאכשורי בתרייתא״, ער האָט גע׳פסק׳נט ווי רב חסדא בודק צו זיין באַלד נאָך דער ערשטער שחיטה אום ניט צו פסל׳ען, נאָר צו מכשיר זיין די לעצטע, ווייל אָנהענגענדיג אָן מפרקת ווי רב חסדא, וועט דאָך מוזען זיין די לעצטע טרפה, פרעגט די גמרא, „אי הכי תיבעי נמי בדיקת חכם״? אויב אַזוי, דאָס מען דאַרף בדיקה צווישען יעדער שחיטה, זאָל מען אויך דאַרפען ציינען דעם סכין פאַר אַ חכם, די גמרא לערנט דאָך ווייטער ארויס פון אַ פסוק דאָס פאַר יעדער נייער שחיטה דאַרף מען ציינען דעם חליף פאַר אַ חכם? ענטפערט די גמרא, „עד אחד נאמן באיסורין״ איין עדות איז באַגלויבט ביי אסורין, „אי הכי מעיקרא נמי לא״? אויב אַזוי, זאָל מען פאַר דער ערשטער שחיטה אויך ניט דאַרפען ציינען צו אַ חכם? ענטפערט די גמרא, „האמר ר׳ יוחנן לא אמרו להראות סכין לחכם, אלא מפני כבודו של חכם״, ר׳ יוחנן האָט דאָך געזאָגט דאָס די חכמים האָבען דאָס ניט געזאָגט נאָר צוליב כבוד צוצוטיילען צום חכם, פרעגט די גמרא, „מנא הא מילתא דאמור רבנן אוקי מילתא אחזקיה? אמר רב שמואל בר נחמני אמר ר׳ יונתן אמר קרא ויצא הכהן מן הבית אל פתח הבית והסגיר את הבית שבעת ימים״, פונוואַנען איז געדרינגען די זאַך וואָס די רבנן האָבען געזאָגט מען שטעלט די זאַך אויף זיין חזקה? האָט רב שמואל בר נחמני געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יונתן, דער פסוק זאָגט, דער כהן זאָל אַרויסגעהן פונ׳ם הויז צו דער טהיר פונ׳ם הויז, און ער זאָל פאַרשליסען דאָס הויז פאַר זיבען טעג, איז דאָך די קשיא, „דלמא אדנפיק ואתא בצר ליה שיעורא? אלא לאו משום דאמרינן אוקי אחזקיה״, פיליכט אַרויסגעהענדיג ביז קומענדיג צו דער טהיר איז שוין געוואָרען קלענער דער שיעור נגע? נאָר מוז זיין ניט אַנדערש, דאָס דעריבער איז דער כהן מטמא די נגע, ווייל ער שטעלט די נגע אויף זיין חזקה, „מתקיף לה רב אחא בר יעקב ודילמא כגון שיצא דרך אחוריו, דקא חזי ליה

שיצא דרך אחוריו דקא חזי ליה כי נפק? אמר ליה אביי שתי תשובות בדבר, חדא דיציאה דרך אחוריו, לא שמה יציאה, ועד אחורי הדלת מאי איכא למימר? וכי תימא דפתח ביה כוותא, והתנן בית אפל אין פותחין בו חלונות לראות את נגעו? א"ל רבא דקאמרת יציאה דרך אחוריו לא שמה יציאה, כהן גדול ביום הכפורים יוכיח, דכתיב ביה יציאה, ותנן יצא ובא לו דרך כניסתו, ודקאמרת בית אפל אין פותחין בו חלונות לראות את נגעו, הני מילי? היכא דלא איתחזק, אבל היכא דאיתחזק איתחזק, תניא דלא כרב אחא בר יעקב ויצא הכהן מן הבית יכול ילך לתוך ביתו ויסגיר? תלמוד לומר אל פתח הבית, אי פתח הבית יכול יעמוד תחת המשקוף ויסגיר? תלמוד לומר מן הבית, עד

---

כי נפק"? האָט רב אחא בר יעקב אַ קשיא געפרעגט פיליכט שמועסט דאָ, אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען הינטערוועדטס האָט ער נאָך אַלץ געזעהן אַרויסקומענדיג פון דאָרט? „אמר ליה אביי שתי תשובות בדבר, חדא דיציאה דרך אחוריו לא שמה יציאה, ועוד אחורי הדלת מאי איכא למימר", האָט אביי צו איהם געזאָגט צוויי ענטפערס זענען פאַראַן אין דער זאַך, איינס אַ יציאה הינטער־ווערטס הייסט ניט קיין יציאה, און נאָך איינס אונטער דער טהיר זייטווערטס אויב די נגע איז געוועזן דאַמאָלסט זעהט ער דאָך שוין ניט, וואָס קען מען זאָגען? „וכי תימא דפתח ביה כוותא? והתנן בית אפל אין פותחין בו חלונות לראות את נגעו", איי וועסטו אפשר וועלען זאָגען דאָס ער האָט געעפענט אַ פענסטער צו קענען זעהן ביז לעצטער רגע? האָבען מיר דאָך געלערנט דאָס אַ טונקעל הויז עפענט מען ניט קיין פענסטער צו קענען זעהן די נגע ווייל דער פסוק זאָגט כנגע נראה לי בבית, ווי אַ נגע איז געזעהן געוואָרען צו מיר אין הויז, טייטש איך דאָס נאָר אַליין דאַרף געזעהן ווערען די נגע, ניט דורך עפענען פענסטער, דען אויף צו זעהן מיט אַלע מיטלען דאַרף שטעהן כנגע ראיתי ווי אַ נגע האָב איך געזעהן מיט כוונה, „אמר ליה רבא דקאמרית יציאה דרך אחורין, לא שמה יציאה, כהן גדול ביום הכיפורים יוכיח דכתיב ביה יציאה ותנן יצא ובא לו דרך כניסתו, ודקאמרת בית אפל אין פותחין בו חלנות לראות את נגעו? הני מילי היכא דלא איתחזק אבל היכא דאיתחזיק איתחזק", האָט רבא צו איהם געזאָגט דאָס וואָס דו זאָגסט אַז יציאה הינטער־ווערטס הייסט ניט קיין יציאה, דער כהן גדול אין יום כיפור צייגט איבער, ביי איהם שטעהט אויך יציאה, און מיר האָבען געלערנט דאָס ער געהט אַרויס און קומט אין אַ וועג ווי מען געהט אַריין הינטערווערטס, און דאָס וואָס דו זאָגסט אין אַ טונקעל הויז עפענט מען ניט קיין פענסטער, ווען זאָגען אַזוי די חכמים? ווען די נגע איז נאָך ניט אָנגענומען אַלס געזעהן, אָבער דאָ וואו די נגע איז שוין אַמאָהל אָנגענומען און געזעהן געוואָרען, מעג מען שוין אויך עפענען פענסטער צום זעהן, „תניא דלא כרב אחא בר יעקב, מיר האָבען געלערנט אַ ברייתא געגען רב אחא בר יעקב וואָס זאָגט דאָס מיר שטעלען ניט די נגע אויף איהר חזקה נאָר ער געהט אַרויס הינטערווערטס, דער פסוק זאָגט „ויצא הכהן מן הבית, יכול ילך לתוך ביתו ויסגיר? תלמיד לומר אל פתח הבית, אי פתח הבית, יכול יעמוד תחת המשקוף ויסגיר? תלמיד לומר מן הבית

שיצא מן הבית כולו, הא כיצד? עומד בצד המשקוף ומסגיר, ומניין שאם הלך לתוך ביתו והסגיר, או שעמד בתוך הבית והסגיר, שהסגרו מוסגר? ת״ל והסגיר את הבית, מ״מ, ורב אחא בר יעקב? (דף י״א ע״ב) כגון דקיימי דרא דגברי ואמרי, כדקאי קאי, מנא הא מילתא דאמור רבנן זיל בתר רובא? מנלן? דכתי׳ (שמות כ״ג) אחרי רבים להטות? רובא דאיתא קמן כגון ט׳ חנויות, וסנהדרין, לא קא מיבעיא לן, כי קא מיבעיא לן רובא דליתיה קמן, כגון קטן וקטנה מנלן? א״ר אלעזר

---

עד שיצא מן הבית כולו״, זאגענדיג דער כהן זאל ארויסגעהן פונ׳ם הויז, וואלט איך מיינען דאס ער מעג געהן וואו נאר ער וויל אפילו אהיים און נאכהער צוריקקומען און פארשליסען? זאגט דער פסוק ער זאל ארויסגעהן צום טהיר, ניט ערגעץ ווייטער, אויב צום טהיר, וואלט איך ווידער מיינען ער מעג שטעהן אונטער׳ן איבערדעק פון דער טהיר און פארשליסען? זאגט דער פסוק מן הבית, ארויס פון הויז, טייטש איך ביז ער געהט איננאנצען ארויס, חאטש ביי נדרים איז דער טייל הויז ניט אין כלל, דען אז ער טהוט א נדר פון דעם הויז מעג ער זיצען אונטערן משקוף, דא איז אבער אין כלל ווייל דער פסוק ווידערהאלט מן הבית, עס האט געדארפט שטעהן „ויצא הכהן משם אל פסח הבית ויסגיר, הא כיצד? עומד בצד המשקוף ומסגיר״, וויאזוי איז דא געמאלט? ער שטעהט אין דער זייט פון משקוף און פארשליסט, „ומנין שאם הלך לתוך ביתו והסגיר, או שעמד בתוך ביתו והסגיר שהסגרו מוסגר? תלמיד לומר והסגיר את הבית מכל מקום״, און פונוואנען וויים איך דאס אויב ער איז יא אהיימגעגאנגען און נאכהער פארשלאסען, אדער ער איז געשטאנען אין זיין הויז און מיט א לאנגען שטריק פארשלאסען, דאס זיין פארשליסען איז גילטיג? זאגט אויפדעם דער פסוק והסגיר את הבית, איז דער הבית איבריג דען עס האט געדארפט שטעהן והסגיר אותו, דען עס איז ניט דער שטייגער פון פסוק צו ווידערהאלען די נעמען, מיט דעם לאזט ער אונז הערען, דאס אלענפאלס איז די הויז פארשלאסען, אבי ער פארשליסט די הויז, זעהסט דאך דאס איך שטעל יא אויף דער חזקה, דען פון דער היים זעהט ער דאך זיכער ניט די נגע, פרעגט די גמרא, „ורב אחא בר יעקב״? וואס ענטפערט ער אויף דער ברייתא? ענטפערט די גמרא, „כגון דקיימי דרא דגברי ואמרי כדקאי קאי״, אז עס שמועסט עס זענען געשטאנען א רייהע מענשען ביז׳ן הויז, און איינער האט איבערגעגעבן דעם צווייטען און דער צווייטער צום דריטען ביז צום כהן, דאס די נגע שטעהט אין זעלבען צושטאנד ווי זי איז געשטאנען, זאגט די גמרא, „מנא הא מילתא דאמור רבנן זיל בתר רובא, פונוואנען נעמט זיך די זאך וואס די רבנן זאגען געה נאכ׳ן רוב? פרעגט די גמרא „מנלן? דכתיב אחרי רבים להטות״? דו פרעגסט פונוואנען עס איז געדרינגען, עס איז דאך פאראן א פסוק דערויף נאך דער מעהרהייט צו נייגען? ענטפערט די גמרא, „רובא דאיתא קמן כגון תשע חניות, וסנהדרין לא קא מבעיא לן, כי קא מיבעיא לן? רובא דליתא קמן, כגון קטן וקטנה מנלן״? אזא מעהרהייט וואס שטעהט פאר אונז ווי א שטייגער די ניין יאטקעס פאר־

(סימן זמן שבח מכנש) אתיא מרישא של עולה, דאמר קרא (ויקרא א) ונתח אותה לנתחיה, אותה לנתחיה, ולא נתחיה לנתחי׳, וניחוש שמא ניקב קרום של מוח? אלא לאו משום דאמרינן זיל בתר רובא, ממאי דילמא דפלי ליה ובדק ליה? ואי משום אותה לנתחיה ולא

---

קויפענדיג כשר פלייש און איין יאטקע נבילה פלייש און מען געפינט א שטיקעל פלייש אויף דער ערד, דאס מען געהט נאכ׳ן רוב כשר׳ן פלייש, ווי אויך ביי די סנהדרין דאס א מעהרהייט פיהרט אוים דעם דין, אזא מעהרהייט איז צו אונז קיין פראגע ניט געווען, ווייסטו וועלכער רוב איז צו אונז א פראגע? אזא רוב וואס איז ניט פאר אונזערע אויגען, ווי א שטייגער א קטן מיט א קטנה אלס יבם און יבמה וואו ער נעמט איהר אויף יבום, איז דאך א קלעהר טאמער וועט זיך נאכהער ארויסצייגען דאס ער איז א סרים, און זי אן אילונית, אלס קינדער אומפעהיג, וועט דאך דער יבום זיין ניט צו מצוה וואס מען טאר ניט, איז דער דין דערביי דאס מען געהט נאכ׳ן רוב, ביי אזא געגענשטאנד פרעגען מיר פונוואנען דאס איז גערדרינגען? „אמר ר׳ אלעזר אתיא מרישא של עולה דאמר קרא ונתח אותה לנתחיה, אותה לנתחיה ולא נתחיה לנתחים״, האט ר׳ אלעזר געזאגט איך לערן ארוים פון קאפ פון עולה, דער פסוק זאגט ביי קרבן עולה ער זאל איהר צושניידען צו איהרע שטיקער, עס איז אן אונטערשייד צווישען לנתחיה און ווי עס וואלט שטעהן ונתח אותה לנתחים, לנתחיה מיינט לויט איהר שטיקער וויפיל שטיקער עס איז פאראן אין דער בהמה, לויט ווי א קצב צונעמט און צושנייד די בהמה, און לנתחים מיינט איינפאך שטיקער ניט באגרעניצט צו אלע שטיקער, אבער איך וואלט נאך אלץ קענען זאגען, דאס די שטיקער לויט א בעל מלאכה א טבח צושנייד, מעג מען נאכאמאהל צושניידען? אויף דעם זאגט דער פסוק אותה, און א כלל איז אין דעם אויב דער פסוק וואלט מיינען איינפאך ער זאל איהר צושניידען קיין אונטערשייד אין וויפיל שטיקער וואלט דארפען שטעהן וינתחה לנתחיה, אבער אז עס שטעהט ונתח אותה מיט אן עקסטרא ווארט, איז עס פאר א מיעוט נאר איהר די בהמה אליין וויפיעל שטיקער אין איהר איז פאראן לויט א בעל מלאכה צוטיילט די בהמה, אבער די שטיקער צו שטיקער שוין ניט, און ממילא ווייסען מיר שוין דאס דעם קאפ האט מען ניט געטיילט ווייל ער איז. דאך פררעכענט פאר אן איינצעלנעם שטיק וואס מען טאר ווייטער ניט שפאלטען, איז דאך די קשיא, „וניחוש שמא ניקב קרום של מוח? אלא לאו משום דאמרינן זיל בתר רובא״, אויב מען טאר דעם קאפ ניט שפאלטען איז דאך צו באזארגען טאמער איז געלעכערט די שאל פון מוח, איז דאך דער קרבן א טריפה וואס איז פסול צום מזבח? נאר מוז זיין ניט אנדערש דאס מיר געהן נאכ׳ן רוב, וועלכע זענען ניט געלעכערט, פרעגט די גמרא, „ממאי דלמא דפלי ליה ובדק ליה, ואי משום אותה לנתחיה, הני מילי היכא דחתך ליה לגמרי, אבל היכא דלייף לית לן בה״? פונוואנען ווייסטו צו דרינגען פונדאנען, פיליכט מיינט מען, דאס ער שפאלט יא דעם קאפ צו זעהן אויב ניט קיין טרפה, איי וואס דו ביזט ממעט פון אותה דאס מען טאר ניט צו־

נתחיה לנתחים, הני מילי, היכי דחתיך ליה לגמרי, אבל היכא דלייף לית לן בה, מר בריה דרבינא אמר אתיא משבירת עצם בפסח, דאמר רחמנא (שמות י"ב) ועצם לא תשברו בו, וניחוש שמא ניקב קרום של מוח? אלא לאו משום דאמרינן זיל בתר רובא, ממאי דילמא דמנח גומרתא עליה, וקלי ליה ובדיק ליה? דתני' המחתך בגידים והשורף בעצמות אין בו משום שבירת עצם, רב נחמן בר יצחק אמר אתיא מאליה, דאמר רחמנא (ויקרא ג) חלבו האליה תמימה, וליחוש שמא נפסקה חוט השדרה? אלא לאו משום דאמרינן זיל בתר רובא, וכי תימא דמתתאי פסיק לה (שם)? לעומת העצה אמר רחמנא, מקום שהכליות יועצות, ממאי דילמא דפתח לה ובדיק לה? ואי משום תמימה,

---

שניידען, ווען זענען די רייד געזאגט אזוי? וואו ער שנייד גענצליך איבער, דאמאלסט טאר מען ניט, אבער וואו זיי זענען נאך באהאפטען שאד ניט? „מר בריה דרבינא אמר אתיא משבירת עצם בפסח דאמר רחמנא ועצם לא תשברו בו, וניחוש שמא ניקב קרום של מוח? אלא לאו משום דאמרינן זיל בתר רובא", דער זוהן פון רבינא זאגט איך לערן ארויס פון קרבן פסח וואו דער פסוק זאגט איהר זאלט ניט צוברעכען קיין ביין אין איהם, איז דאך די פראגע לאמיר באזארגען דאס טאמער איז געלעכערט דער מוח? נאר מוז זיין, דאס מיר געהן נאכ'ן רוב, פרעגט די גמרא, „ממאי דלמא דמנח גומרתא עליה וקלי ליה ובדיק ליהי"? וויאזוי ווייסטו פונדעם, פיליכט מיינט מען דא אז ער האט אוועקגעלעגט האליץ-קוילען אויפ'ן קאפ און אזוי ארומגעברענט און בודק געווען? דתניא המחתך בגידין והשורף בעצמות אין בו משום שבירת עצם", דען מיר האבען געלערנט אז איינער שנייד אין די אדערן וואס זענען הארט ווי ביינער אדער ער ברענט די ביינער, געהט ניט אן דערביי דער פארבאט ניט צו ברעכען קיין ביינער, קען ער דאך בודק זיין דורך פייער קוילען ביז ער קומט צום שאל פון מוח צו קענען זעהן צו ער איז געלעכערט? „רב נחמן בר יצחק אמר אתיא מאליה דאמר רחמנא חלבו האליה תמימה, וליחוש שמא נפסקה חוט השדרה"? רב נחמן בר יצחק זאגט איך לערן ארויס פון אליה, אז איינער איז מקריב, א כבש אדער אן איל אלס שלמים אדער חטאת, דארף מען מקריב זיין, דעם עק מיט'ן חלב וואס איז באהאפטען צו די נירען דער וויינדעל הייסט אליה, און די תורה האט געזאגט דעם חלב אליה גאנצערהייט צו מקריב זיין, איז דאך א פראגע לאמיר באזארגען טאמיר איז דער אליה וואס ציהט זיך צוזאמען אלס שדרה, אין דערמיט איבער־געבראכען, און דאס איז דאך א טריפה? „אלא לאו משום דאמרינן זיל בתר רובה", נאר געווים ניט אנדערש דאס מיר זאגען געה נאכ'ן רוב, „וכי תימא דמתתאי פסיק להי"? איי ועסטו פיליכט זאגען, דאס פון אונטען וואו די שדרה ענדיגט זיך, זאל ער אפהאקען דעם ווייִדעל, און ביז דארט הייסט ער אליה תמימה, וואס ער דארף מקריב זיין, און דער דין טריפה, איז ערשט נוהג פון דארט ביז'ן קאפ, וואו ער קען נאכהער בודק זיין צו די שדרה איז ניט איבערגעבראכען? „לעומת העצה אמר רחמנא מקום שהכליות יעצות"?

הני מילי היכא דחתכה לגמרי, אבל היכא דלייף לית לן בה? רב ששת בריה דרב אידי אמר אתיא מעגלה ערופה דאמר רחמנא (דברי׳ כ״א) הערופה, כשהיא שלימה, תיהוי, וליחוש דילמא טריפה היא? אלא לאו משום דאמרינן זיל בתר רובא, וכי תימא מאי נפקא מינה? הא אמרי דבי רבי ינאי כפרה כתיב בה, כקדשים, רבה בר רב שילא אמר אתיא מפרה אדומה, דאמר רחמנא (מדבר י״ט) ושחט ושרף, מה שחיטתה כשהיא שלימה, אף שריפתה כשהיא שלימה, וליחוש דילמא טריפה היא? אלא לאו משום דאמרינן זיל בתר רובא, וכי תימא

---

זאָגט דאָך די תורה, דאָס דער אליה ענדיגט זיך קעגען די נירען וואָס ווערט גערופען עצה, (וואָס מיינט באַראַטונג דאָס איז דער פּלאַץ וואו די נירען ראַטען און העלפען צום פאַרשטאַנד) זעהסטו דאָך דאָס אויך אַ טייל פון דער שדרה איבער די נירען באַלאַנגען צום אליה תמימה, וואו עס איז מעגליך אַ טרפה, (דער טייל שדרה איבער די נירען האָט ניט קיין צוזאַמענגעשטעלטע רינגען אָדער חוליא׳ס — ווי מען רופט עס אין עברית, נאָר עס איז ווי איין שטיק צום אליה, און ער ווערט ארונטערגענומען פון דער ערשטער חוליא, דעריבער שטעהט יסירנה ער זאָל איהר ארונטערנעמען ניט איבערהאַקען, און פון דאָרט זעהן זיך שוין די גאַנצע נירען און איבער זיי פאַנגען זיך שוין אָן די חוליא׳ס פון דער גאַנצער שדרה) היינט קען איך דאָך שוין ניט בודק זיין דעם טייל פון אַ טרפה, ווייל ער מוז איהם גאַנצערהייט מקריב זיין, מוז דאָך זיין דאָס מען געהט נאָכ׳ן רוב, פרעגט די גמרא, „ממאי דלמא דפתח לה ובדק לה, ואי משום תמימה, הני מילי היכא דחתכה לגמרי אבל היכא דלייף לית לן בהי״? ווי וויסטו פונדאַנען דאָס מען געהט נאָכ׳ן רוב, פיליכט מעג ער עפנען די שדרה און בודק זיין איר? איי וואָס דער פסוק זאָגט תמימה? קען זיין דאָס די רייד זענען נאָר געזאָגט וואו ער שנייד איבער דורך און דורך, אָבער וואו זיי זענען נאָך באַהאַפטען שאָד ניט? „רב ששת בריה דרב אידי אמר אתיא מעגלה ערופה דאמר רחמנא הערופה כשהיא שלימה תיהוי, וליחוש דלמא טריפה היא? אלא לאו משום דאמרינן זיל בתר רובה״, רב ששת דער זוהן פון רב אידי האָט געזאָגט איך לערן אַרויס פון עגלה ערופה, (וואָס אַ שטאָדט אויב נעבען איהר איז געפונען געוואָרען אַ געטויטעטער מענש, דאַרף ברייגען אויף פאַרגעבונג) וואו די תורה זאָגט הערופה די פון קאָפּ אָפּגעהאַקטע קאַלב, וואָס מיינט זי זאָל בלייבען גאַנץ ניט צושניטען, איז דאָך צו פרעגען לאָמיר באַזאָרגען דאָס טאָמער איז זי אַ טרפה? איי ווערסטו אפשר זאָגען וואָס איז דען אָן אונטערשייד צו זי איז טרפה, עס איז דאָך ניט קיין קרבן, דער פסוק וואָס איז ממעט אַ טרפה שטעהט דאָך ביי אַ קרבן? ענטפערט די גמרא, „הא אמרי דבי ר׳ ינאי כפרה כתיב בה כקדשים״, האָבען דאָך די תלמידים פון ר׳ ינאי געזאָגט, עס שטעהט דער וואָרט כפרה ביי עגלה ערופה ווי ביי אַלע קדשים, „רבה בר רב שילא אמר אתיא מפרה אדומה דאמר רחמנא ושחט ושרף, מה שחיטתה כשהיא שלמה אף שריפתה כשהיא שלמה, וליחיש דילמא טרפה היא, אלא לאו משום דאמרינן זיל בתר רובא״, רבה

מאי נפקא מינה? חטאת קרייה רחמנא, רב אחא בר יעקב אמר אתיא משעיר המשתלח, דרחמנא אמר (ויקרא ט״ז) ולקח את שני השעירים, שיהו שניהם שוים, וליחוש (דף י״א ע״ב) דילמא חד מינייהו טריפה? אלא לאו משום דאמרינן זיל בתר רובא, וכי תימא מאי נפקא לן מינה? הא אין גורל קובע לעזאזל אלא בדבר הראוי לשם, וכי תימא דבדקינן ליה, והתנן לא היה מגיע למחצית ההר עד שנעשה אברים אברים? רב מרי אמר אתיא (שמות כ״א) ממכה אביו ואמו, דאמר

---

דער זוהן פון רב שילא זאָגט איך לערען ארויס פון פרה אדומה וואו די תורה זאָגט ער זאָל איהר שעכטען און פארברענען, און עס שטעהט ניט אין פסוק צווישען דער שחיטה און דעם פארברענען וועגען צושניידען, לערן איך ארויס דאָס פונקט ווי די שחיטה איז גאנצערהייט, אזוי אויך דער פארברענען זאָל זיין גאנצערהייט, איז דאָך צו פרעגען טאָמער איז די פרה א טרפה? נאָר מוז זיין איך געה נאָכ׳ן רוב. „וכי תימא מאי נפקא מינה? חטאת קרייה רחמנא", איי וועסטו אפשר יאָגען, וואָס פאר אן אונטערשייד איז צו זי איז א טרפה? האָט אָבער די תורה גערופען די פרה מיט׳ן נאָמען חטאת איז זי ווי א קרבן וואָס פסל׳ט טרפה, „רב אחא בר יעקב אמר אתיא משעיר המשתלח דרחמנא אמר ולקח את שני השעירים שיהו שניהם שוין, וליחוש דילמא חד מנייהו טריפה הוא? אלא לאו משום דאמרינן זיל תר רובא", רב אחא בר יעקב זאָגט איך לערן ארויס פון דעם שעיר וואָס קומט אין יום כיפור אויף אוועקגעשיקט צו ווערען צו עזאזל, וואו די תורה זאָגט ער זאָל נעמען די צוויי שעירים, עס איז אן אונטערשייד צווישען שנים און שני דאָס שני ווערט גענוצט וואו בײדע געגענשטענדע זענען גלייך, איז דאָך א קלעהר טאָמער איז דער שעיר א טריפה איז ער דאָך שוין מיט דעם ניט גלייך צום צווייטען שעיר וועלכען מען איז מקריב און מען איז איהם נאָכהער בודק פון א טריפה, און טאָמער וועט פאלען דער גורל פארקערט, דאָס דער שעיר המשתלח וועט זיין לשם, דארפען דאָך בײדע זיין ריין פון טריפה? נאָר מוז זיין איך געה נאָכ׳ן רוב, „וכי תימא מאי נפקא מינה"? איי וועסט אפשר זאָגען וואָס איז אונז געלעגען צי דער שעיר איז א טריפה, זאָוויזאָ איז מען דאָך בודק דעם שעיר לשם? „הא אין גורל קובע לעזאזל אלא בדבר הראוי לשם"? קען דאָך אָבער דער גורל ניט באשטימען דעם שעיר פאר עזאזל, צייטענס ווען דער זעלבער איז ווירדיג אויך צו זיין צום שם, פאר מקריב צו זיין, פריהער ווייסט מען דאָך ניט אויף וועלכען עס וועט פאלען לשם אָדער המבדיל עזאזל? „וכי תימא דבדקינן ליה? והתנן לא היה מגיע למחצית ההר, עד שנעשה איברים איברים", איי וועסט אפשר זאָגען דאָס מען איז איהם בודק נאָכ׳ן ארונטערפאלען פונ׳ם בארג? האָבען מיר אָבער דאָך געלערנט אין א משנה, דאָס דער שעיר ארונטערפאלענדיג פון בארג פונ׳ם שטויס, האָט ניט נעגרייכט ביז׳ן מיטען בארג ביז ער איז צושיט געוואָרען גלידערווייז. מוז זיין דאָס מיר געהן נאָכ׳ן רוב, „רב מרי אמר אתיא ממכה אביו ואמו דאמר רחמנא קטליה, וליחוש דילמא לאו אביו הוא? אלא לאו משום דאמרינן

רחמנא קטליה, וליחוש דילמא לאו אביו הוא? אלא לאו משום דאמרינן זיל בתר רובא, ורוב בעילות אחר הבעל, ממאי דילמא כגון שהיה אביו ואמו חבושים בבית האסורין, אפי׳ הכי אין אפוטרופוס לעריות, רב כהנא אמר אתיא מהורג את הנפש, דאמר רחמנא קטליה, וליחוש דילמא טריפה הוה? אלא לאו משום דאמרינן זיל בתר רובא, וכי תימא דבדקינן ליה, הא קא מינוול, וכי תימא משום איבוד נשמה דהאי נינווליה? וניחוש שמא במקום סייף נקב הוה? רבינא אמר אתיא מעדים זוממין, דאמר רחמנא (דברי׳ י״ט) ועשיתם לו כאשר זמם וגו׳, וליחוש דילמא הך דאסהידו ביה טריפה הוה? אלא לאו משום דאמרינן זיל

---

זיל בתר רובא, ורוב בעילות אחר הבעל״, רב מרי זאָגט איך לערן ארויס פון דין וועגן שלאָגען דעם פאָטער, וואו די תורה זאָגט אז עס קומט איהם טויט שטראָף, איז דאָך א קלעהר פיליכט איז ער ניט זיין פאָטער? נאָר מוז זיין ניט אנדערש דאָס מיר געהן נאָכ׳ן רוב, און די מעהרסטע געשלעכטליכע פארקערונגען ביי א פאָר פאָלק געהן נאָכ׳ן מאן, פרעגט די גמרא, „ממאי דלמא כגון שהיו חבושין בבית האסורין״? ווי אזוי ווייסטו אז דאָס איז צוליב רוב, פיליכט שמועסט, דאָס דער פאָטער און די מוטער זענען געווען איינגעזעצט אין געפענגניש די גאנצע צייט פון פארשווענגערן ביז׳ן האָבען? ענטפער: „אפילו הכי אין אפוטרופוס לעריות״, פונדעסטוועגען קען ניט זיין קיין אויפפאסער אויף עריות, דער לוסט צו דעם פארקער געפינט שוין א וועג, „רב כהנא אמר אתיא מהורג את הנפש דאמר רחמנא קטליה, וליחוש דלמא טריפה הוה? אלא לאו משום דאמרינן זיל בתר רובה״, רב כהנא זאָגט איך לערן ארויס פונ׳ם דין ווען איינער טויטעט א מענשען, וואו די תורה זאָגט עס קומט איהם טויטשטראָף, איז דאָך א קלעהר טאָמער איז דער געטויטעטער א טרפה וועהרענד ער וואָלט זאָוויזא געשטאָרבען, האָט ער דאָך א טויטען מענשען געטויטעט, ווארום זאָל איהם קומען טויט שטראָף? נאָר מוז זיין ניט אנדערש, דאָס מיר געהן נאָכ׳ן רוב, איי „וכי תימא דבדקינן ליה? הא קא מנוול״, איי וועסטו אפשר זאָגען אז מען אונטערזוכט איהם עפענדיג איהם צו ער איז א טרפה? איז דאָך אָבער א פארמיאוסונג פאר׳ן טויטען צוצו־שניידען איהם, „וכי תימא משום איבוד נשמה דהאי ניוולִיה? וניחוש שמא במקום סייף נקב הוה״, איי וועסטו אפשר זאָגען, דאָס צוליעב דעם טויט אורטייל פון דעם, זאָל מען מעגען אויך צושניידען און פארמיאוסען יענעם? איז דאָך אָבער ווייטער נאָך אלץ א קלעהר, פיליכט האָט דער מערדער טויטענדיג איהם מיט׳ן שווערד אנגעטראָפען אויף א געלעכערטען גליעד אינוועניג, וואו מען קען שוין ניט וויסען צו ער איז געווען א טרפה, „רבינא אמר אתיא מעדים זוממין דאמר רחמנא ועשיתם לו כאשר זמם, וליחוש דלמא הך דאסהידו ביה טרפה הוה? אלא לאו משום דאמרינן זיל בתר רובא״, רבינא זאָגט איך לערן ארויס פון עדות וועלכע זענען זוממין אלס אָפּגעלייקענטע דורך אנדערע עדות, וואו די תורה זאָגט דאָס מען זאָל טהון צו די עדות, וואָס זיי האָבען געפּלאנט צו טהון יענעם, איז דאָך א

בתר רובא, וכי תימא דבדקינן ליה, והתניא ברבי אומר לא הרגו נהרגין, הרגו אין נהרגין? רב אשי אמר אתיא משחיטה עצמה, דאמר רחמנא שחוט ואכול, וליחוש שמא במקום נקב קא שחיט? אלא לאו משום דאמרינן זיל בתר רובא, אמר רב אשי אמריתא לשמעתא קמיה דרב כהנא, ואמרי לה רב כהנא קמיה דרב שימי, ואמר ליה ודילמא היכא דאפשר אפשר, היכא דלא אפשר לא אפשר, דאי לא תימא הכי לר״מ דחייש למיעוטא ה״נ דלא אכיל בישרא? וכי תימא ה״נ? (דף י״ב ע״א) פסח וקדשים מאי איכא למימר? אלא היכא דאפשר אפשר,

---

קלעהר, פילייכט איז דער אויף וועלכען זיי האָבען עדות געזאָגט א טרפה, האָבען זיי דאָך געטהון הרג׳נען א טויטען מענשען, ווארום זאָל די זוממין קומען מיתה? נאָר מוז זיין ניט אנדערש דאָס איך געה נאָכ׳ן רוב, „וכי תימא דבדקינן ליה״? איי וועסטו אפשר זאָגען דאָס מען אונטערזוכט דעם טויטען וואָס די זוממין האָבען געמאַכט צו פאַראורטיילען? „והתניא בריבי אומר לא הרגו נהרגין, הרגו אין נהרגין״, האָבען מיר אָבער געלערנט דאָס ברבי זאָגט אויב די זוממין האָבען נאָך ניט גע׳הרג׳עט נאָר בלויז געמאַכט צו פאַראורטיילען יענעם, דאמאָלסט ווערען זיי גע׳הרג׳עט, האָבען זיי שוין אָבער גע׳הרג׳עט מיט זייער עדות זאָגען, קומט זיי ניט קיין טויטשטראָף, היינט וויאזוי קען מען איהם אונטערזוכען פון טרפות אויב ער לעבט, מוז זיין דאָס מיר געהן נאָכ׳ן רוב, „רב אשי אמר אתיא משחיטה עצמה דאמר רחמנא שחוט ואכול, וליחוש שמא במקום נקב שחט? אלא לאו משום דאמרינן זיל בתר רובא״, רב אשי זאָגט איך לערן ארויס פון שחיטה זעלבסט וואו די תורה זאָגט שעכט און עס, איז דאָך א קלעהר פילייכט האָט ער געשאָכטען פונקט דאָרט וואו עס איז געווען א נקב אין דער לופט רעהר אָדער וואו די עסען געהט דורך, וואָס איז א טרפה, (דער שיעור ביים גרגרת אלס טרפה איז אויב א גרעסערע העלפט איז איבערגעהאַקט) נאָר מוז זיין ניט אנדערש דאָס איך געה נאָכ׳ן רוב, „אמר רב אשי אמריתא לשמעתא קמיה דרב כהנא, ואמרי לה רב כהנא קמיה דרב שימי, ואמר ליה ודלמא היכא דאפשר, אפשר, היכא דלא אפשר לא אפשר״, האָט רב אשי געזאָגט איך האָב איבערגעזאָגט די הלכה פאַר ר׳ כהנא, און טייל זאָגען רב כהנא האָט איהר איבערגעזאָגט פאַר ר׳ שימי, האָט ער צו איהם געזאָגט, פילייכט וואו עס איז מעגליך צו אונטערזוכען איז מעגליך און וואו עס איז ניט מעגליך איז ניט מעגליך נאָר ווען עס איז אונמעגליך צו בודק זיין פאַרלאָזט מען זיך צו געהן נאָכ׳ן רוב אָבער וואו עס איז מעגלך זאָל מען דאַרפען בדיקה? „דאי לא תימא הכי לרי מאיר דחייש למיעוטא הכי נמי דלא אכיל בישרא? וואָרים אויב דו ועסט אזוי ניט זאָגען, נאָר דו וועסט זאָגען דאָס אימער געהן מיר נאָכ׳ן רוב, וואָלט דאָך שווער זיין, נאָך ר׳ מאיר נאָך, וואָס ער באַזאָרגט אויך וועגען דער מינדערהייט, זאָל מען קיינמאָהל קיין פלייש ניט טאָרען עסען ווייל טאָמער האָט ער געשאָכטען אויף א נקב? „וכי תימא הכי נמי, פסח וקדשים מאי איכא למימר״? איי וועסטו אפשר זאָגען דאָס נאָך

היכא דלא אפשר לא אפשר, ה"נ היכא דאפשר אפשר, היכא דלא אפשר לא אפשר: אמר רב נחמן אמר רב ראה אחד ששחט, אם ראהו מתחילה ועד סוף, מותר לאכול משחיטתו, ואם לאו אסור לאכול משחיטתו, היכי דמי? אי דידע דגמיר למה לי ראה? ואי דידע דלא גמיר פשיטא? ואלא דלא ידע אי גמיר אי לא גמיר, לימא רוב מצויי׳ אצל שחיטה מומחין הן? מי לא תניא הרי שמצא תרנגולת שחוטה בשוק, או שאמר לשלוחו צא שחוט, והלך ומצא שחוט, חזקתו שחוט. אלמא אמרינן רוב מצויין אצל שחיטה מומחין הן, הכא נמי לימא

---

ר' מאיר איז טאקע אזוי דער דין, דאָס מען טאָר ניט עסען קיין פליייש צוליב דעם? איז דאָך די קשיא פון פסח און קדשים וואו עס איז א מצוה צו עסען, פסח אלס פליכט און שלמים אלס כפרה, וואָס קענסטו דאָ זאָגען? „אלא היכא דאפשר וכוי הכא נמי היכא דאפשר, אפשר", נאָר מוז זיין דאָס ר' מאיר האלט אויך זיין סברה וועגען מיעוטא נאָר דאָ וואו עס איז מעגליך און וואו עס איז ניט מעגליך געהט ער אויך נאָכ'ן רוב, און נאָך די אנדערע תנאים וועלכע זאָרגען ניט פאר'ן מיעוט, זיי געהן נאָכ'ן רוב אפילו וואו עס איז מעגליך, ווארשיינליך איז אזוי די הלכה נאָך פון משה אָן, און די גמרא דאָ ווייזט אָן די באווייזע דערויף פון די אלע פסוקים: „אמר רב נחמן אמר רב, ראה אחד ששחט, אם ראהו מתחילה ועד סוף, מותר לאכול משחיטתו, ואם לאו אסור לאכול משחיטתו", רב נחמן האָט געזאָגט אין נאָמען פון רב, אז איינער האָט געזעהן יעמאָנדען שעכטען, האָט ער איהם געזעהן פון אָנפאנג ביז ענד, מעג מען עסען פון דער שחיטה, און אויב ניט טאָר מען ניט עסען פון דער שחיטה, פרעגט די גמרא, „היכי דמי? אי דידע דגמיר למה לי ראה, ואי דידע דלא גמיר פשיטא"? ווי שמועסט דאָ האָט ער געוואוסט אין דעם שוחט, דאָס ער האָט געלערנט הלכות שחיטה, איז דאָך די קשיא צו וואָס איז געדאַרפט צו זעהן ווערענד זיין שחיטה? קען ער איהם אלס א ניט געלערנטען אין שחיטה, איז דאָך געוויס אזוי, וואָס דארף ער מיר דאָס לאָזען הערען? „ואלא דלא ידע אי גמיר אי לא גמיר, לימא רוב מצויין אצל שחיטה מומחין הן, מי לא תניא"? מוזטו דאָך זאָגען אז עס שמועסט, ער קען ניט דעם שוחט צו ער וויים צו ניט אין הלכות שחיטה, קען מען דאָך זאָגען לויט ווי עס איז אָנגענומען, דאָס די אלע וועלכע געפונען זיך ביי שחיטה, זענען ווארשיינליך באהאוועגט אין הלכות שחיטה, איז דען אזוי ניט געלערנט אין א ברייתא? „הרי שמצא תרנגולת שחוטה בשוק, או שאמר לשלוחו צא שחוט והלך ומצא שחוט, חזקתו שחוט", אז איינער געפינט א געשאָכטענע הין אין גאַס, אָדער ער האָט געזאָגט צו זיין שליח געה און שעכט, און ער איז געגאנגען און געטראָפען געשאָכטען, איז דער דין, דאָס די הין איז אין דער חזקה אלס גוט געשאָכטען, „אלמא אמרינן רוב מצויין אצל שחיטה מומחין הן, הכא נמי לימא רוב מצויין אצל שחיטה מומחין הן"? זעהסט דאָך גוט דאָס מיר זאָגען, דאָס אלע וועלכע זענען ביי שחיטה זענען באהאוועגט אין איהרע דינים, אזוי אויך דאָ לאָמיר דאָ אזוי זאָגען, וואָס דען זאָגט רב נחמן דאָס

רוב מצויין אצל שחיט' מומחין הן? לעולם דידע דלא גמיר, וכגון דשחט קמן חד סימן שפיר, מהו דתימא מדהאי שפיר, הך נמי שפיר? קמ"ל, האי איתרומי איתרמי ליה, אידך שמא שהה, שמא דרס, בעא מיניה רב דימי בר יוסף מרב נחמן, האומר לשלוחו צא ושחוט, והלך ומצא שחוט מהו? אמר לו חזקתו שחוט, האומר לשלוחו צא ותרום והלך ומצא תרום מאי? אמר ליה אין חזקתו תרום, מה נפשך? אי חזקה שליח עושה שליחותו, אפילו תרומה נמי? ואי אין חזקה שליח עושה שליחותו, אפי' שחיטה נמי לא? אמר ליה לכי תיכול עלה כורא דמלחא, לעולם אין חזקה שליח עושה שליחותו, ושחיטה אי נמי דילמא איניש אחרינא שמע, ואזל שחט', רוב מצויין אצל שחיטה

---

ער מוז זיין ביי דער גאנצער שחיטה? ענטפערט די גמרא, „לעולם דידע דלא גמיר, וכגון דשחט קמן חד סימן שפיר מהו דתימא מדהאי שפיר הך נמי שפיר? קא משמע לן האי איתרמויי איתרמי ליה, אידך שמא שהה שמא דרס", לעולם שמועסט דא אז ער ווייסט דעם שוחט אלס ניט באהאווענטער אין הלכות שחיטה, נאר עס שמועסט ער האט פאר אונזערע אויגען געשאכטען איין סימן ווי געהעריג, וואלט איך מיינען צו זאגען אזוי ווי יענעם סימן ער האט גוט געשאכטען, אזוי אויך דעם סימן דא האט ער אויך גוט געשאכטען? לאזט ער מיך דא הערען, דאס מיר זאגען ניט אזוי, נאר עס איז געווען אזוי א טראף, עס איז איהם גראדע געלונגען, אבער ביי דעם אנדערן סימן אין די לאגע, דאס טאמער האט ער געמאכט א שהייה אדער א דריסה, דעריבער זאגט רב נחמן ער מוז שטעהן ביי דער שחיטה פון אנפאנג ביז ענדע, „בעי מיניה רב דימי בר יוסף מרב נחמן האומר לשליחו צא ושחוט, והלך ומצא שחוט מהו? אמר לו חזקתו שחוט", האט רב דימי בר יוסף געפרעגט ביי רב נחמן אז איינער זאגט צו זיין שליח געה און שעכט און ער איז געגאנגען און געטראפען געשאכטען, ווי איז דער דין? האט ער צו איהם געזאגט די חזקה איז אלס גוט געשאכטען, „האומר לשלוחו צא ותרום והלך ומצא תרום מאי? אמר ליה אין חזקתו תרום, מה נפשך? אי חזקה שליח עושה שליחותו, אפילו תרומה נמי, ואי אין חזקה שליח עושה שליחותו, אפילו שחיטה נמי לא"? און אז איינער זאגט צו זיין שליח געה און שייד אפ תרומה ביי מיין תבואה און ער איז געגאנגען און געטראפען אלס אפגעשיידט, ווי איז דער דין? האט ער צו איהם געזאגט די תבואה איז ניט אין דער חזקה אלס אפגעשיידט, איז דאך שווער אלענפאלס, איז די חזקה דאס א שליח טוהט זיין שליחות, דארף דאך ביי תרומה אויך געזאגט ווערען אזוי, איז ווידער ניט קיין חזקה דאס א שליח טוהט זיין שליחות, דארף דאך ביי שחיטה אויך ניט זיין קיין חזקה אלס גוט געשאכטען, ווייל טאמער האט אן אנדער מענש געשאכטען? „אמר ליה לכי תיכול עלוה כורא דמילחא", האט ער צו איהם געזאגט אין א שפאס אז דו וועסט פאר מיר אויסמעסטען א קארץ זאלץ וועל איך דיר זאגען, „לעולם אין חזקה שליח עושה שליחתו, ושחיטה אי נמי איניש אחרינא שמע ואזל שחט, רוב מצויין אצל שחיטה מומחין הן", לעולם זאג איך, אז

מומחין הן, תרומה דילמא איניש אחרינא שמע ואזל תרם, הוה ליה תורם שלא מדעת, והתורם שלא מדעת אין תרומתו תרומה, לימא רוב מצויין אצל שחיטה מומחין הן תנאי היא, דתני׳ הרי שאבדו לו גדייו ותרנגוליו והלך ומצאן שחוטים, רבי יהודה אוסר, רבי חנינא בנו של רבי יוסי הגלילי מתיר, אמר רבי נראין דברים של רבי יהודה שמצאן באשפה, ודברי ר׳ חנינא בנו של רבי יוסי הגלילי שמצאן בבית, מאי לאו בהא קא מיפלגי, דמר סבר אמרינן רוב מצויין אצל שחיטה מומחין הן, ומר סבר לא אמרינן, אמר רב נחמן בר יצחק לא, דכולי

---

עס איז ניט אין דער חזקה דאָס אַ שליח טהוט זיין שליחות, איי דאַרף דאָך די שחיטה זיין פסול, טאָמער האָט אַן אַנדערער געשאָכטען וועלכער ווייסט ניט די דינים פון שחיטה? ניט מעהר עס איז ניט צו זאָרגען וועגען דעם, ווייל ווען אפילו אַן אַנדערער האָט געהערט און ער איז געגאַנגען און געשאָכטען איז אויך גוט, ווייל מיר זאָגען אַלע וועלכע געפינען זיך ביי שחיטה זענען וואַרשיינליך באַהאַוועגט אין איהרע דינים, „תרומה דילמא איניש אחרינא שמע ואזל תרם, הוה ליה שלא מדעת, והתורם שלא מדעת אין תרומתו תרומה״, דאַגעגען אָבער תרומה, טאָמער האָט אַן אַנדערער דערהערט און ער איז געגאַנגען און אָפּגעשיידט, איז עס דאָך אָהן דעם וויסען פון באַלעבאָס, און דער וואָס שייד אָפּ אָהן באַלעבאָס וויסען איז די תרומה קיין תרומה, ווייל אַ שליח איז אַרויסגעלערנט פון פסוק גם אתם, עס האָט געדאַרפט שטעהן אתם און עס שטעהט גם אתם, איז עס מרבה אַ שליח, דאָס אַזוי גוט ווי איהר קענט אָפּשיידען אַזוי אויך אייער שליח, און פונקט ווי איהר אַליין זענט מיט אייער באַוואוסטזיין אַזוי דאַרף אייער באַוואוסטזיין זיין אויך ווען דער שליח טהוט עס, פרעגט די גמרא, „לימא רוב מצויין אצל שחיטה מומחין הן תנאי היא״? צו מוזען מיר זאָגען, דאָס וועגען דער סברה צי רוב מענשען ביי שחיטה זענען מומחין קריגען דעריין תנאים? „דתניא הרי שאבדו לו גדייו ותרנגוליו והלך ומצאו שחוטין, רבי יהודה אוסר, רבי חנינא בנו של ר׳ יוסי הגלילי מתיר״, דען מיר האָבען געלערנט אַז עס זענען איינעם פאַרלאָרען געוואָרען זיינע שעפּסלעך אָדער הינער און ער איז געגאַנגען זוכען זיי און ער האָט זיי געפונען אַלס געשאָכטען, ר׳ יהודה אסור׳ט און ר׳ חנינא דער זוהן פון ר׳ יוסי הגלילי איז מתיר, „אמר רבי נראין דברים של ר׳ יהודה שמצאן באשפה, ודברי רבי חנינא שמצאן בבית״, האָט רבי געזאָגט די רייד געפעלען מיר, ר׳ יהודה׳ס ווען ער געפינט זיי אין מיסט, דאַרפען זיי זיין אסור, און ר׳ חנינא׳ס, ווען ער געפינט זיי אין הויז, דאַמאָלסט דאַרפען זיי זיין מותר ווי ר׳ חנינא זאָגט, „מאי לאו בהא קא מיפלגי דמר סבר אמרינן רוב מצויין אצל שחיטה מומחין הן, ומר סבר לא אמרינן״? מיינסטו דען ניט דאָס זיי קריגען אין דער סברה, דאָס איינער האַלט אַז מיר זאָגען, דאָס אַ מעהרהייט וועלכע טוען ביי שחיטה זענען מומחין ביי שחיטה און איינער האַלט דאָס מיר זאָגען ניט אַזוי, זעהסט דאָך גוט דאָס תנאים קריגען שוין אין דער סברה? „אמר רב נחמן בר יצחק לא„ ניין, „דכולי עלמא רוב מצויי

עלמא רוב מצויין אצל שחיטה מומחין הן, ובבית דכ״ע לא פליגי דשרי, באשפה שבשוק דכ״ע לא פליגי דאסור, כי פליגי באשפה שבבית, מ״ס אדם עשוי להטיל נבילתו באשפה שבבית, ומ״ס אין אדם עשוי להטיל נבילתו באשפה שבבית, אמר מר א״ר נראין דברי רבי יהודה שמצאן באשפה, מאי אשפה? אילימא אשפה שבשוק, הא אמרת דכ״ע לא פליגי דאסור, אלא לאו פשיטא באשפה שבבית, אימא סיפא ודברי רבי חנינא בנו של ריה״ג שמצאן בבית מאי בית? אילימא בית ממש האמרת דכ״ע לא פליגי דשרי, אלא פשיטא באשפה שבבית, קשיא דרבי אדרבי? (דף י״ב ע״ב) הכי קאמר נראין דברי ר׳ יהודה לרבי חנינא בנו של

---

אצל שחיטה מומחין הן ובבית דכולי עלמא לא פליגי דשרי, באשפה שבשוק דכולי עלמא לא פליגי דאסור, כי פליגי באשפה שבבית", האט רב נחמן געזאגט ניט אין דער סברה קריגען זיי, דען אלע האלטען דאס רוב זענען מומחין ביי שחיטה, און אויב ער געפינט זיי אין הויז קריגט קיינער ניט דאס זיי זענען געוויס מותר, און אויב ער געפינט זיי אלס געשאכטען אין מיסט פון גאס קריגט אויך קיינער ניט, דאס געוויס זענען זיי אסור, נאר ווי קריגען זיי? אז ער געפינט זיי אין מיסט אין הויז, „מר סבר אדם עשוי להטיל נבלתו באשפה שבבית, ומר סבר אין אדם עשוי להטיל נבלתו באשפה שבבית", איינער האלט אז א מענש איז אויך איינגעוואוינט צו ווארפען זיין נבלה אין מיסט אין הויז, דעריבער זענען זיי אסור געפונענדיג דארט, דען וואר־שיינליך זענען זיי קאליע געווארען ביי דער שחיטה, און איינער האלט דאס קיין מענש איז ניט אזוי צו ווארפען זיין נבלה אין שטוב, דעריבער האלט ער זיי זענען מותר, דען אויב זיי וואלטען געווען נבלה וואלט ער זיי ווארפען אין גאס, „אמר מר אמר רבי נראין דברי ר׳ יהודה שמצאן באשפה", פרעגט די גמרא, „מאי אשפה? אילימא אשפה שבשוק, הא אמרית דכולי עלמא לא פליגי דאסור, לאו פשיטא באשפה שבבית, אימא סיפא", דאס וואס רבי ענטשיידעט אויבען אז געפינענדיג אין מיסט איז דער דין געפעליג ווי ר׳ יהודה, וואס פאר אן אשפה מיינט מען דא? זאל איך זאגען אן אשפה פון גאס, זאגסטו דאך דאס אלע האלטען עס איז אסור? נאר מוז דאך זיין ניט אנדערש נאר אין הויז, זאגזשע די סיפא, „ודברי ר׳ חנינא שמצאן בבית, מאי בית? אילימא בית ממש, הא אמרת דכולי עלמא לא פליגי דשרי, אלא פשיטא באשפה שבבית קשיא דרבי אדרבי"? די סיפא זאגט דאס ר׳ חנינא׳ס רייד געפעלען צו רבי ווען מען געפינט די געשאכטענע אין הויז, וואס מיינט דא בית? זאל איך זאגען טאקע איינפאך אין הויז, זאגסטו דאך דאס קיינער קריגט ניט אין דעם, דאס געוויס זיי זענען מותר, וואס דען זאגסטו ווי ר׳ חנינא, ר׳ יהודה האלט דאך אויך אזוי? נאר געוויס דאס מיר מוזען זאגען, אז עס מיינט אין מיסט אין הויז, און אויף דעם ענטשיידעט רבי אז עס איז מותר ווי ר׳ חנינא, איז דאך א קשיא פון רבי אויף רבי, דען ביי דער רישא ענטשיידעט ער דאך ביי אשפה אין הויז ווי ר׳ יהודה אז עס איז אסור? ענטפערט די גמרא הכי קאמר נראין דברי ר׳ יהודה לרבי חנינא בנו של ר׳

ר׳ יוסי הגלילי באשפה שבשוק, שאף ר׳ חנינא בנו של רבי יוסי הגלילי לא נחלק עליו. אלא באשפה שבבית, אבל באשפה שבשוק מודי ליה חוץ מחרש שוטה וקטן שמא יקלקלו את שחיטתן: שמא קלקלו לא קתני, אלא שמא יקלקלו, אמר רבא זאת אומרת אין מוסרין להן חולין לכתחילה: וכולן ששחטו ואחרים רואים אותם שחיטתן כשרה: מאן תנא דלא בעינן כוונה לשחיטה? אמר רבא רבי נתן הוא, דתני אושעיא זעירא דמן חבריא זרק סכין לנועצה בכותל והלכה ושחטה כדרכה, רבי נתן מכשיר, וחכמים פוסלין, הוא תני לה והוא אמר לה, הלכה כרבי נתן, והא בעינן מוליך ומביא? שהלכה ובאה כדרכה: א״ר חייא בר אבא בעי רבי יוחנן קטן יש לו מחשבה? א״ל

---

יוסי הגלילי באשפה שבשוק שאף ר׳ חנינא לא נחלק עליו אלא באשפה שבבית אבל באשפה שבשוק מודי ליה״, רבי מיינט דאָ ניט צו ענטשיידען לויט איינעם געגען אַנדערן, בייביידע אשפות, נאָר אַזוי מיינט ער צו זאָגען, עס זענען געפעליג די רייד פון ר׳ יהודה ביי דער אשפה אין גאַס, דאָס מען קען זאָגען אַז אפילו ר׳ חנינא קריגט ניט אויף דעם, נאָר ער קריגט וואַרשיינליך ביי אשפה אין הויז, און ביי דער אשפה אין הויז וואו ר׳ חנינא קריגט טאַקע, זענען געפעליג זיינע רייד: „חוץ מחרש שוטה וקטן שמא יקלקלו את שחיטתן: שמא קלקלו לא קתני אלא שמא יקלקלו, אמר רבא זאת אומרת אין מוסרין להן חולין לכתחילה״, די משנה לערנט ניט אַ פאַרגאַנגענהייט וואָרט דאָס טאָמער האָבען זיי קאַליע געמאַכט די שחיטה, נאָר זי לערנט אַ צוקונפט וואָרט, טאָמער וועלען זיי קאַליע מאַכען, דאָס איז דאָך ניט לויט דקדוק? זאָגט רבא אויף דעם אַז דאָס קומט לאָזען הערען, דאָס מען גיט קיין חרש שוטה וקטן ניט איבער, פון דעם אָנפאַנג אָן, אפילו ווען אַנדערע פאַסען אויף, צו מעגען שעכטען ווייל זיי וועלען אימערצו קאַליע מאַכען די שחיטה: „וכולן ששחטו ואחרים רואין אותן שחיטתן כשרה״: פרעגט די גמרא „מאן תנא דלא בעינן כוונה לשחיטה? אמר רבא ר׳ נתן היא״, ווי וועלכער תנא וועט אויסקומען די משנה וואָס האַלט דאָס מיר דאַרפען ניט קיין כוונה ביי שחיטה, דען אַ חרש שוטה וקטן האָבען דאָך דעם מיין און כוונה נאָר צושניידען, ניט פון מצוה וועגען, און דער וכולן געהט דאָך אַרויף אַלענפאַלס אויך אויף זיי, וועלכער תנא האַלט די אַ סברה? האָט רבא געזאָגט ר׳ נתן איז דאָס, „דתני אושעיא זעירא דמן חבריא זרק סכין נועצה בכותל והלכה ושחטה כדרכה ר׳ נתן מכשיר וחכמים פוסלין״, דען אושעיא דער קליינער פון די בני הישיבה האָט געלערנט אַז איינער האָט געוואָרפען אַ מעסער צו אריינשטעכען איהר אין וואַנד, און געהענדיג אַזוי האָט זי געשאָכטען ווי געהעריג, איז ר׳ נתן מכשיר די שחיטה און די חכמים פסל׳ען די שחיטה, „הוא תני לה והוא אמר לה הלכה כרבי נתן״, ער האָט עס געלערנט און ער האָט געזאָגט דאָס די הלכה איז ווי ר׳ נתן, פרעגט די גמרא „והא בעינן מוליך ומביא? שהלכה ובא כדרכה״, מיר דאַרפען דאָך עס זאָל זיין אהין און צוריק שניט? ענטפער: עס שמועסט טאַקע דאָס דער סכין אהינלויפענדיג האָט ער געגעבען דעם

רבי אמי ותיבעי ליה מעשה, מ"ש מעשה דלא קא מיבעיא ליה, דתנן יש להן מעשה, מחשבה נמי לא תיבעי ליה, דתנן אין להן מחשבה? דתנן האלון והרמון והאגוז שחקקו תינוקות למוד בהן עפר, או שהתקינום לכף מאזנים, טמאין מפני שיש להן מעשה, (דף י"ג ע"א) ואין להן מחשבה, א"ל מחשבה גרידת' לא קא מיבעיא ליה, כי קא מיבעיא ליה מחשבתו ניכרת מתוך מעשיו, כגון דהוה קיימא עולה

---

הינשניט און אַנקלאַפּענדיג אַן וואַנד האָט זיך דער סכין צוריקגעקערט ענדיגענד דעם צוריקשניט, ער האָט אויך געקענט ענטפערן, מיט אַ לאַנגען מעסער מיט וועלכען מען קען שעכטען אין איין וועג, ניט מעהר ער זאָגט אזא וועג, וואָס נעמט ארום אויך אַ קלענערן סכין: „אמר רי חייא בר אבא, בעי רי יוחנן קטן יש לו מחשבה, או אין לו מחשבה"? ר' חייא בר אבא האָט געזאָגט, דאָס ר' יוחנן האָט געפרעגט צו אַ קטן'ס מחשבה איז גילטיג אלס כוונה צו ניט, ווי אַ שטייגער ביי שחיטה פון קדשים וואָס דאַרף כוונה אז אַ קטן שעכט אַן עולה פאַר איהר נאָמען צו איז זיין כוונה גילטיג? „אמר ליה רבי אמי ותיבעי לך מעשה"? האָט ר' אמי געזאָגט צו איהם זאָל דיר שווער זיין דאָ די פראַגע וואו די מחשבה האָט צו זיך אויך אַ מעשה, ווי אַ שטייגער די עולה איז געשטאַנען אין דרום זייט און דער קטן האָט איהר גענומען צפון זייט לויט איהר דין, אויב ר' יוחנן האָט ניט געהערט פון דער משנה וואו עס איז געלערנט דאָס אַ קטן'ס טוען איז גילטיג, קען ער דאָך פרעגען די אַ פראַגע? „מאי שנא מעשה דלא קא מיבעי ליה, דתנן יש להם מעשה, מחשבה נמי לא תיבעי ליה, דתנן אין להם מחשבה"? וואָס עפּעס איז אנדערש וואָס ביי מעשה פרעגט ער ניט, געווים ווייל עס איז געלערנט אין אַ משנה, דאָס זייער מעשה איז גילטיג, איז דאָך די פראַגע אויך ביי מחשבה, זאָל ער ביי מחשבה אויך ניט פרעגען צוליב דער זעלבער אורזאכע, ווייל עס איז אויך שוין געלערנט אין אַ משנה, דאָס זייער מחשבה איז ניט גילטיג? „דתנן האלון והרמון והאגוז שחקקום תינוקות למוד בהן עפר או שהתקינום לכף מאזנים טמאין, מפני שיש להן מעשה ואין להם מחשבה", דען מיר האָבען געלערנט אין אַ משנה, די פרוכטען אייכען מילגרוים און נוסען אז קינדער האָבע זיי געלעכערט און ארויסגעצויינגען פון זיי די יאָדע אום צו קענען מיט זיי מעסטען די ערד ביים שפּילען זיך אויף דער ערד, אָדער זיי האָבען צוגעריכט פאַר וואגשאָלען, איז דער דין דאָס זיי ווערען טמא אלס כלים, ווייל מיר האלטען דאָס זייער מעשה איז גילטיג און זייער מחשבה איז ניט גילטיג, דען די מעשה צייגט איבער אויף דער מחשבה, אָבער בלויז מחשבה פון אַ קטן איז ניט גילטיג, קען דאָך ר' יוחנן וויסען דאָס מחשבה איז ניט גילטיג, וואָס איז די פראַגע וואָס ער פרעגט? „אמר ליה מחשבה גרידתא לא קא מיבעי ליה כי קא מיבעי ליה, מחשבתו ניכרת מתוך מעשיו כגון דהוה קיימא עולה בדרום ואתייה בצפון ושחטה מאי"? האָט ער צו איהם געזאָגט אז אַ מחשבה אַליין איז צו איהם קיין פראַגע ניט געווען, ווייסטו וואָס צו איהם איז אַ פראַגע? וואו זיין מחשבה איז קענטיג פון זיין מעשה,

**בדרום, ואתיוה בצפון, ושחטה, מאי? מדאתייא בצפון ושחט, איכוין לה, או דילמא מקום הוא דלא איתרמי ליה? הא נמי אמרה ר׳ יוחנן חדא זימנא דתנן המעלה פירותיו לגג מפני הכנימה, וירד עליה׳ טל,**

---

ווי א שטיינער די עולה איז געשטאנען אין דרום און ער האט איהר צוגעבראכט צו צפון לויט איהר דין, און איהר דארט געשאכטען, צי זיין מחשבה איז פאררעכענט אין אזא וועג אלס גילטיג? „מדאתייא בצפון ושחט איכוין לה, או דלמא מקום הוא דלא איתרמי ליה״? צו זאג איך אזוי ווי ער האט איהר געבראכט אין צפון און דארט געשאכטען האט ער טאקע געהאט א מחשבה ווי דער דין איז ביי קדשים, אדער פיליכט איז עס גארניט געווען קיין מחשבה, נאר דער פלאץ דארט איז איהם ניט געפעלען געווען, האט ער איהר איבער־געפיהרט, דאס איז ר׳ יוחנן א פראגע געווען וואו איך קען אויסטייטשען זיין טאט אין צוויי וועגען, דאס קען מען ניט דרינגען פון דער משנה האלון והרמון, ווייל דארט צייגט זייער מעשה זיכערליך איבער, פרעגט די גמרא „הא נמי אמרה רי יוחנן חדא זימנא דתנן המעלה פירותיו לגג מפני הכנימה וירד עליהם הטל אינן בכי יותן, ואם נתכוין לכך הרי הן בכי יותן״, די זאך האט דאך שוין ר׳ יוחנן געזאגט איינמאהל, דען מיר האבען געלערנט אז איינער נעמט ארויף זיינע פרוכטען אויפ׳ן דאך צו אויפשפרייטען זיי צוליב די ווערמלעך זאלען ארויס, און עס איז ארויף אויף זיי דער טהוי און זיי באנעצט, וואס לויט׳ דין אויב עס איז איהם ניחה און געפעלען דאס זיינע פירות זאלען ווערען באנעצט, ווערען זיי מיט דעם צוגעגרייט צו קענען צונעמען א טומאה וועלכע ריהרט אן אין זיי, לויט׳ן פסוק כי יותן מים על זרע אז עס וועט ווערען גענעבען וואסער אויף זאמען זענען זיי מוכשר און גרייט אויפ־צונעמען א טומאה, אין פסוק זענען די אותיות יתן אהן א וי״ו און געליינט מיט א וי״ו יותן וואס טייטשט זיך אז עס וועט ווערען געגעבען וואסער אויף זאמען אונאבהענגיג פון זיין וויסען און געפעלענקיים, עס איז אבער פאראן א תנא וואס האלט יש אם למסורת דאס הויפטזעכליך איז די מסורה איבערענפערונג פון די אותיות, און ווי צו ליינען דעם ווארט מוז מען האבען א בעוויז פון פסוק אליין אדער פון א סברה, ווייל דער ליינען אליין, פאר רבי׳ס צייטען ווען מען האט נאך תורה שבעל פה ניט געטארט שרייבען און צווישען זיי אויך די נקודות — האט געקענט פארגרייזט ווערען דורך די פארשידענע גליות, דעריבער האט די תורה באווארענט מיט איהרע וועגען ווי צו ליינען, אבער דא וואו די תורה האט ניט באמערקט ווי צו ליינען, איז עס צו באווייז צו ליינען ביידע וועגען, דעריבער ליינען מיר דא יתן און יותן, יתן ליינען מיר וואס טייטשט זיך ער וועט געבען וואס מיינט מיט זיין באוואוסטזיין און געפעליגקייט, און יותן אז עס וועט ווערען געגעבען ליינען מיר אויף דער כוונה, אונאבהענגיג פו זיין וויסען, און זיי מוזען איבעראיינשטימען מיט דעם, דאס אפילו ווען יעמאנד אנדרער מענש אדער דורכ׳ן הימעל די פירות ווערען באנעצט, דארף אלץ זיין ניחא און געפעלען צום באלעבאס פון די פירות, און דא אזוי ווי ער האט די פירות

אינן בכי יותן, ואם נתכוין לכך, הרי הן בכי יותן, העלום חרש שוטה וקטן, אע"פ שנתכוונו לכך, אינן בכי יותן, מפני שיש להן מעשה, ואין להן מחשבה, וא"ר יוחנן ל"ש אלא שלא היפך בהן, אבל היפך בהן הרי זה בכי יותן? הכי קא מיבעיא ליה דאוריית', או דרבנן? ר"נ בר יצחק מתני הכי, א"ר חייא בר אבא בעי ר' יוחנן קטן יש לו מעשה, או אין לו מעשה? א"ל רבי אמי ותיבעי ליה מחשבה, מ"ש מחשבה דלא קא מיבעיא ליה, דתנן אין להן מחשבה, מעשה נמי לא תיבעי ליה, דתנן יש להן מעשה? הכי קא מיבעיא ליה דאוריי' או דרבנן, ופשיט יש להן מעשה ואפי' מדאוריי', אין להן מחשבה ואפי' מדרבנן, מחשבתו ניכרת מתוך מעשיו מדאורייתא אין לו, מדרבנן יש לו, בעא

---

אויפגעשפרייט ניט מיט דער כוונה זיי זאָלען ווערען באנעצט, זענען זיי ניט אונטער'ן דין פון בכי יותן, און אויב ער האָט אין זינען געהאַט דערויף זענען זיי בכי יותן, „העלום חרש שוטה וקטן אף על פי שנתכוונו לכך אינן בכי יותן מפני שיש להן מעשה ואין להן מחשבה", האָבען די פירות ארויף גענומען א חרש שוטה וקטן איז דער דין דאָס חאָטש זיי האָבען אין זינען געהאַט פאַר דעם צוועק, זענען די פירות ניט בכי יותן, צוליב ווייל מיר זאָגען דאָס זיי האָבען א ווירקונג מיט א טאָט אָבער ניט מיט קיין מחשבה, „ואמר רי יוחנן לא שנא אלא שלא היפך בהן אבל היפך בהן הרי זה בכי יותן", און אויף דעם האָט ר' יוחנן געזאָגט, דאָס די חכמים האָבען דאָס ניט געלערנט, נאָר אין א פאַל ווען דער חרש שוטה וקטן טהוט ניט די פירות איבערקערען צו דער צווייטער זייט אויך פאַר איבערנעצונג, אָבער אז ער טהוט עס יאָ, וואו זיין טאָט איז צו באווייז אויף זיין מחשבה, זענען די פירות יאָ בכי יותן ווייל זיין טאָט צייגט דאָך איבער, האָט דאָך שוין ר' יוחנן וועגען דער פראַגע געזאָגט? ענטפערט די גמרא „הכי קא מיבעי ליה דאורייתא או דרבנן"? אזוי איז איהם א פראַגע געווען צו איז דאָס דאורייתא ביי א קטן דאָרט וואו זיין מעשה צייגט אויף זיין כוונה צו נאָר דרבנן? „רב נחמן בר יצחק אמר הכי אמר רי חייא בר אבא, בעי רי יוחנן קטן יש לו מעשה או אין לו מעשה? אמר ליה רבי אמי ותיבעי לך מחשבה"? רב נחמן זאָגט אזוי האָט ר' חייא בר אבא געזאָגט, אזוי האָט ר' יוחנן געפרעגט א קטן אז ער טהוט א מעשה צו איז זי גילטיג, האָט רבי אמי געזאָגט צו איהם, דו קענסט דאָך פרעגען אויך אויף מחשבה? „מאי שנא מחשבה דלא קא מיבעי ליה דתנן אין להם מחשבה, מעשה נמי לא תיבעי ליה דתנן יש להם מעשה"? וואָס האַלט ער אנדערש מחשבה וואָס ער פרעגט ניט דערויף? ווייל די משנה לערנט עס שוין אז זייער מחשבה איז ניט גילטיג, ביי מעשה דאַרף ער דאָך אויך ניט פרעגען צוליב עס איז שוין געלערנט אין א משנה דאָס זייער מעשה איז גילטיג? ענטפערט די גמרא „הכי קא מיבעי ליה דאורייתא או דרבנן? ופשיט יש להם מעשה ואפילו מדאורייתא, אין להן מחשבה ואפילו מדרבנן", אזוי איז איהם צו פראַגע געווען צו עס איז דאורייתא צו דרבנן, און ער האָט זיך אויפגעקלעהרט דאָס מעשה יאָ אפילו

מיניה שמואל מרב הונא מניין למתעסק בקדשים שהוא פסול, שנא׳ (ויקרא א) ושחט את בן הבקר שתהא שחיטה לשם בן בקר, אמר לו זו בידינו היא, לעכב מניין? (ת״ל) (שם י״ט) לרצונכם תזבחוהו לדעתכם זבוחו: מתני׳ שחיטת עכו״ם נבלה ומטמאה במשא: גמ׳ נבלה אין איסור הנאה לא, מאן תנא? אמר רבי חייא בר אבא א״ר יוחנן דלא

---

מדאורייתא און מחשבה ניט אפילו נאָר מדרבנן, „מחשבתו ניכרת מתוך מעשיו מדאורייתא אין לו מדרבנן יש לו", און דאָ וואו זיין מחשבה איז קענטיג פון זיין מעשה ווי אַ שטייגער ביי דער עולה, איז זיין מחשבה ניט גילטיג מדאורייתא ווייל מיר קענען טייטשען זיין מחשבה פון אַן אַנדער פונקט ווי אויבען באַשייד ביי דער עולה, אָבער מדרבנן איז זיין מחשבה יאָ גילטיג, ווייל פאָרט איז פון איין זייט קענטיג זיין מחשבה פון דער מעשה, אָבער צו קענען מכשיר זיין שחיטה ביי עולה וואָס איז דאורייתא קען מען ניט, ווייל קיין שום מחשבה דערביי ווערט ניט באוואוסט דורך דער שחיטה וואָס דער קטן טהוט, אָבער ביי דער משנה פון אלון און רמון און אגוז איז זייער מעשה גילטיג מדאורייתא, ווייל די מעשה צייגט גענצליך איבער אויף זייער מחשבה ביים מאַכען די שאָלען, און ביי די פירות אויפ׳ן דאַך וואו זיי קעהרען איבער איז אויך מדאורייתא זייער מעשה גילטיג ווייל די מעשה צייגט גענצליך איבער, „בעא מיניה שמואל מרב הונא מנין למתעסק בקדשים שהוא פסול? שנאמר ושחט את בן הבקר שתהא שחיטה לשם בן בקר, אמר לו זו בידינו היא, לעכב מנין תלמיד לומר לרצונכם תזבחוהו לדעתכם זבוחו", שמואל האָט געפרעגט פון רב הונא פונוואַנען איז געדרינגען אז איינער טהוט עבודות ביי קדשים אָהן כוונה, נאָר גלאַט אזוי די הענד טוען אליין ניט וויסענדיג וואָס ער שעכט דאָס דער קרבן איז פסול? דער פסוק זאָגט ער זאָל שעכטען דעם בן הבקר האָט דאָך געדאַרפט שטעהן ושחט אותו עס זאָל זיך באַציהען אויפ׳ן נאָמען בקר וואָס שטעהט פריהער, דאָס איז דער וועג ביים פסוק ניט צו ווידערהאָלען די נעמען, דאָס קומט לאָזען הערען דאָס זיין שעכטען זאָל זיין צום נאָמען בן הבקר וואָס איז געהייליגט פאַר׳ן קרבן, האָט ער צו איהם געזאָגט דאָס איז אין אונזערע הענד, דאָס ווייסען מיר נאָר איך פרעג אויף אויפהאַלטען דאָס אויב ער האָט שוין געשאָכטען צו עס איז פסול, דען ביי קדשים מוז מען האָבען נאָך אַ פסוק אויף מעכב צו זיין אפילו ווען ער האָט שוין געשאָכטען, אויף דעם זאָגט אַ פסוק דאָס צו אייער ווילען און באַוואוסטזיין זאָלט איהר איהם שעכטען, דאָס מיינט לדעתכם זבוחו: „מתניי, שחיטת עובד כוכבים נבלה ומטמא במשא": שחיטה פון אַ גוי איז נבלה און די פלייש איז מטמא טראָגענדיג איהר: פרעגט די גמרא „נבלה אין, איסור הנאה לא, מאן תנא"? נבלה יאָ און אסור הנאה ניט, ווי ווער וועט די משנה אויסקומען? „אמר ר׳ חייא ברבי אבא אמר ר׳ יוחנן דלא כרי אליעזר, דאי ר׳ אליעזר האמר, סתם מחשבת עובד כוכבים לעבודת כוכבים", האָט ר׳ חייא געזאָגט דאָס איינפאַך מחשבה ביי אַן עובד כוכבים, איז צו דער עבודה זרה, דאַרף דאָך די בהמה זיין אסור פאַר הנאה, מוז זיין דאָס די משנה

כר״א, דאי רבי אליעזר האמר סתם מחשבת עכום לע״ז, רבי אמי אמר הכי קתני, שחיטת עכו״ם נבילה, הא דמין לע״ז תנינא להא, דת״ר שחיטת מין לע״ז, פיתו פת כותי, יינו יין נסך, ספריו ספרי קוסמין, פירותיו טבלין, ויש אומרים אף (דף י״ג ע״ב) בניו ממזרין, ות״ק? אשתו לא מפקר, אמר מר שחיטת עכו״ם נבילה וניחוש שמא מין הוא? אמר רב נחמן אמר רבה בר אבהו אין מינין בעכו״ם, והא קא חזינן דאיכא, אימא אין רוב עכו״ם מינין, סבר לה כי הא דאמר רבי חייא בר אבא א״ר יוחנן, עכו״ם שבחוצה לארץ לאו עובדי עכו״ם הן, אלא מנהג אבותיהן בידיהן, אמר רב יוסף בר מניומי אמר רב נחמן אין

---

קומט ניט אויס ווי ר׳ אליעזר, רבי אמי אמר הכי קתני שחיטת עובד כוכבים נבלה הא דמין לעבודת כוכבים", ר׳ אמי זאָגט אזוי מיינט מען צו דרינגען פון דער משנה נאָר פון אַ גוי איז בלויז נבלה, אָבער פון אַ מין אַ ישראל איז טאַקע צו דער עבודה זרה און אויך אסור פאַר הנאה, די משנה שמועסט דאָך גאָרניט וועגען דירעקט שעכטען צו דער עבודה זרה, נאָר סתם, „תנינא להא דתנו רבנן שחיטת מין לעבודת כוכבים פיתו פת כותי יינו יין נסך ספריו ספרי קוסמין פירותיו טבלין ויש אומרים אף בניו ממזרים", און מיר האָבען אַזאַ גלייכונג געלערנט אין אַ ברייתא, דען די רבנן האָבען געלערנט אז שחיטה פון אַ מין צו עבודה זרה איז דער דין, דאָס זיין ברויט איז גלייך ווי ביי אַ גוי און זיין ווייַן איז נסך זיינע ספרים אפילו כתבי קודש וואָס ער שרייבט, זענען ווי די עבודה זרה ביכער זיינע פירות זענען טבל ווי זיכער ניט גע׳מעשר׳ט, און טייל זאָגען אויך זיינע קינדער זענען ממזרים, און די שחיטה איז געווים אָסור פאַר הנאה, פרעגט די גמרא, „ותנא חמא? אשתו לא מפקר," און דער ערשטער תנא וואָס רעכנט ניט וועגן זיינע קינדער, וואָרום? ער האַלט אַז זיין ווייב איז ער ניט מפקר, „אמר מר שחיטת עכו"ם נבלה, וניחוש שמא מין הוא"? ער זאָגט, דאָס שחיטה פון אַן עובד כוכבים איז נבלה, און מען דרינגט דאָך, דאָס פון אַ מין איז יאָ צו דער עבודה זרה, לאָמיר איבערקלערען דאָס טאָמער איז ער אַ מין צו עבודה זרה, דאַרף דאָך די בהמה זיין אסור פאַר הנאה, ווייל זיין גאַנצע מחשבה איז דאָך צו דער עבודה זרה ביי יעדער זאַך? „אמר רב נחמן אמר רבה בר אבוה אין מינין באומות עובדי כוכבים", האָט רב נחמן געענטפערט דאָס מיר מאַכען ניט קיין אונטערשייד ביי גוים צווישען מינים און ניט קיין מינים, פרעגט די גמרא „והא קא חזינן דאיכא"? מיר זעהען דאָך דאָס עס זענען יאָ פאַראַן אַזעלכע וועלכע זענען אימער פאַרקאָכט אין עבודה זרה, ענטפער: „אימא אין רוב עובדי כוכבים מינין", נאָר זאָג אַזוי, דאָס זייער מעהרהייט זענען ניט קיין אַקטיווע מינין צו עבודה זרה, „סבר לה כי הא דאמר ר׳ חייא בר אבא אמר ר׳ יוחנן נכרים שבחוצה לארץ לאו עובדי כוכבים הן, אלא מנהג אבותיהן בידיהם", ווייל דער תנא פון דער משנה האַלט ווי די סברה וואָס ר׳ חייא בר אבא זאָגט אין נאָמען פון ר׳ יוחנן דאָס די גוים פון אויסער ארץ ישראל זענען ניט קיינע עובדי כוכבים זיי דינען ניט, נור דער מנהג איז נאָך ביי זיי אין האַנד, „אמר רב יוסף בר מניומי אמר רב נחמן אין מינין באומות עובדי כוכבים", רב יוסף האָט

מינין בעכו"ם, למאי? אילימא לשחיטה, השתא שחיטת מין דישראל, אמרת אסירא, דעכו"ם מיבעיא? אלא למורידין, השתא דישראל מורידין, דעכו"ם מיבעיא? אמר רב עוקבא בר חמא לקבל מהן קרבן, דתניא (ויקרא א) מכם ולא כולכם, להוציא את המומר, מכם בכם חלקתי ולא בעכו"ם, ממאי, דילמא הכי קאמר מישראל מצדיקי קבל, מרשיעי לא תקבל, אבל בעכו"ם כלל כלל לא? לא ס"ד, דתניא איש מה ת"ל איש איש? לרבות העכו"ם שנודרים נדרים ונדבות כישראל: ומטמאה

---

געזאָגט אין נאָמען פון רב נחמן מיר האַלטען ניט קיין עקסטרא דין פון מינין ביי גוים, זיי ווערען גערעכענט אַלע גלייך, פרעגט די גמרא, „למאי? אילימא לשחיטה, השתא שחיטת מין דישראל אמרת אסורה דעובד כוכבים מיבעיא"? געגען וואָס פאַר א פראַגע מיינסטו דאָ? זאָל איך זאָגען געגען שחיטה, דאָס פון א מין א גוי איז די שחיטה פסול אפילו ווען מען שטעהט איבער איהם, איז דאָך די קשיא מיידאָך פון א מין ישראל זאָגסטו די שחיטה איז אסור איז דאָך פון א גוי געווים אזוי? „אלא למורידין, השתא דישראל מורידין, דעובדי כוכבים מיבעיא? אלא" זאָגט די גמרא געגען צו נידערן די מינין וואָס דינען צו דער עבודה זרה אין א גראָב אַלס שטראָף, איז דאָך אויך די קשיא מיידאָך די אידישע מינין האָט מען אזוי געטהון איז דאָך גוים געווים אזוי? „אמר ר' עוקבא בר חמא לקבל מהן קרבן, דתניא מכם ולא כולכם להוציא את האומר, מכם בכם חלקתי ולא באומות", האָט ר' עוקבא געזאָגט געגען צו מען נעמט צו ביי זיי א קרבן, דען מיר האָבען געלערנט דער פסוק זאָגט אדם כי יקריב מכם אנשטאַט אדם מכם כי יקריב, מכם באַציהט זיך דאָך אויפ'ן וואָרט אדם דאַרף ער שטעהן נעבען איהם, ער שטעהט אָבער נאָך יקריב צו לאָזען הערען דאָס יקריב זאָל זיין איינער פון אייך ניט קיין מומר, און מכם פון אייך טייטשט זיך אויך, דאָס נאָר ביי אייך אידען איז דער אונטערשייד, אָבער ניט ביי גוים זיי זענען אַלע גלייך, מינין צו ניט מינין, פרעגט די גמרא, „דלמא הכי קאמר מישראל מצדיקי קבל, מרשיעי לא תקבל, אבל בעובדי כוכבים כלל כלל לא"? פיליכט מיינט אזוי דער פסוק צו זאָגען, דאָס פון אידען פון צדיקים נעם צו א קרבן און פון רשעים נעם ניט צו, אָבער ביי גוים נעם פון קיינעם ניט, ניט פון זייערע מינין, ניט פון די ניט מינין, און מיר זעהן דאָך דאָס מען האָט יאָ צוגענומען פון זיי קרבנות? (און רב יוסף לאָזט הערען דאָס ביי נאָך אזא שטייגער זאכען מאַכט מען ניט קיין אונטערשייד צווישען מינין און ניט מינין ביי גוים), ענטפערט די גמרא, „לא סלקא דעתך דתניא איש מה תלמיד לומר איש איש? לרבות העובדי כוכבים שנודרים נדרים ונדבות כישראל", דאָס קען ניט ארויף אויפ'ן געדאַנק וויל מיר האָבען געלערנט דער פסוק זאָגט צוויי מאָהל איש איש מבית ישראל דאָס יעדער איינער פון אידען וואָס וועט מקריב זיין, און עס איז דאָך א קלעהר צו מען נעמט צו פון א גוי א קרבן אַלס נדבה אָדער נדר, זאָג איך דאָס ווארשיינליך איז דאָ געדאָפּעלט דער איש צו לאָזען הערען דאָס מען נעמט צו, דען אויב ניט, וואָלט די תורה זיך צוריקגעהאַלטען פון צו שרייבען נאָכאמאָהל

במשא: פשיטא כיון דנבילה היא מטמאה במשא? אמר רבא הכי קתני זו מטמאה במשא, ויש לך אחרת שהיא מטמאה אפילו באהל, ואיזו? זו תקרובת עכו"ם, וכר' יהודה בן בתירה, איכא דאמרי אמר רבה הכי קתני זו מטמאה במשא, ויש לך אחרת שהיא כזו שמטמאה במשא ואינה מטמאה באהל, ואיזו זו תקרובת עכו"ם, ודלא כר' יהודה בן בתיר', דתניא רבי יהודה בן בתירה אומר מניין לתקרובת עכו"ם שהיא מטמא באהל? שנאמ' (תהלים ק"ו) ויצמדו לבעל פעור ויאכלו זבחי מתים, מה מת מטמא באהל, אף תקרובת עכו"ם מטמא באהל: מתני' השוחט בלילה וכן הסומא ששחט שחיטתו כשרה: גמ' השוחט

---

איש, מען זאל זיך ניט טועה זיין, איי וואס עס שטעהט מבית ישראל? איז ווייל אלע מצות פון קרבנות זענען אין אלגעמיין פון אידען, כאפט אן דער פסוק לויט'ן שטייגער: ומטמא במשא: פרעגט די גמרא, „פשיטא כיון דנבלה היא מטמא במשא? אמר רבא הכי קתני זו מטמא במשא, ויש לך אחרת שהיא מטמא אפילו באהל ואיזו זו תקרובת עבודת כוכבים וכרי יהודה בן בתירא" עס איז דאך א געווים אזוי ווי באלד זי איז א נבלה איז זי דאך שוין אויך מטמא במשא? האט רבא געזאגט אזוי מיינט די משנה צו לערנען זי איז מטמא דעם מענש מיט'ן בלויזען טראגען איהר, זי וואס איז בלויז געשאכטען פון אן עובד כוכבים, אבער פאראן אן אנדערע, וועלכע? א בהמה וואס איז גענעהנט צו דער עבודה זרה, זי איז מטמא אויך אלעמען אין געצעלט, אזויווי ר' יהודא בן בתירא זאגט, „איכא דאמרי אמר רבא הכי קתני זו מטמא במשא, ויש לך אחרת שהיא כזו שמטמא במשא ואינה מטמא באוהל ואיזו? זו תקרובת עבודת כוכבים ודלא כרי יהודה בן בתירא", און טייל זאגען דאס רבא האט אזוי געענטפערט אזוי מיינט די משנה צו לערנען, די געשאכטענע דורך אן עובד כוכבים איז נבלה און איז מטמא במשא ניט מעהר עס איז נאך פאראן אן ערנערע וואס האט אויך דעם דין ווי זי צו מטמא זיין במשא און ניט באהל, וועלכע מיינט מען? אזא וואס איז איינגאנצען פאר דער עבודה זרה, און פונדעסטוועגען איז זי ניט מעהר מטמא ווייל עס איז ניט פאראן אין דעם דין מעהר ווי טומאת משא, און גענען דעם דין פון ר' יהודה בן בתירא, „דתניא רי יהודה בן בתירא אומר מנין לתקרובת עבודת כוכבים שהיא מטמאה באהל? שנאמר ויצמדו לבעל פעור ויאכלו זבחי מתים, מה מת מטמא באהל אף תקרובת עבודת כוכבים מטמאה באהל", דען מיר האבען געלערנט דאס ר' יהודה בן בתירא האט געזאגט פונוואנען איז געדרינגען דאס א גענעהנטע זאך צו דער עבודה זרה איז מטמא אלעם אין געצעלט? דער פסוק זאגט זיי האבען זי באהאפטען צו דער עבודה זרה בעל פעור און זיי האבען געגעסען פון קרבנות וואס הייסען זבחי מתים, דער נאמען באמערקט אונז דאס פונקט ווי א מת איז מטמא אלעם אין געצעלט אזוי אויך דער קרבן וואס איז גענעהנט צו דער עבודה זרה, דאס לאזט הערען די משנה דאס ביי דעם איז ניט פאראן מעהר ווי די הארבקייט צו מטמא זיין במשא און ניט מעהר: „מתניי, השוחט בלילה וכן הסומא ששחט שחיטתו כשרה", אז איינער שעכט

דיעבד אין, לכתחילה לא? ורמינהי, לעולם שוחטין בין ביום ובין בלילה בין בראש הגג, בין בראש הספינה? אמר רב פפא בשאבוקה כנגדו, אמר רב אשי דיקא נמי דקתני התם דומיא דיום, והכא דומיא דסומא, ש"מ: (דף י"ד ע"א) מתני' השוחט בשבת וביום הכיפורים אע"פ שמתחייב בנפשו שחיטתו כשרה: גמ' אמר רב הונא דרש חייא בר רב משמיה דרב, אסורה באכילה ליומא, ונסבין חבריא למימר רבי יהודה היא, הי רבי יהודה? אמר ר' אבא ר' יהודה דהכנה

---

ביינאכט און אזוי אויך א בלינדער אז ער האט געשאכטען איז זיין שחיטה כשר: גמ', פרעגט די גמרא „השוחט דיעבד אין, לכתחילה לא? ורמינהו, לעולם שוחטין בין ביום בין בלילה, בין בראש הגג בין בראש הספינה"? די משנה זאגט השוחט וואס מיינט דיעבד אז ער האט שוין געשאכטען, דאמאלסט איז גוט, אבער אנפאנגס צו געהן שעכטען ביינאכט טאר ער ניט? וועל איך דיר א קשיא פרעגען מיר האבען געלערנט דאס אימער מעג מען שעכטען סיי בייטאג סיי ביינאכט סיי אויפ'ן דאך פון הויז אדער שיף, און מיר זאגען ניט, דאס מענשען צוזעהענדיג דאס, וועלען זאגען דאס ער שעכט צו דער זון לבנה אדער שטערן אדער צום שר פון ים, זעהסט דאך גוט דאס מען מעג יא שעכטען ביינאכט? „אמר רב פפא בשאבוקה כנגדו", האט רב פפא געזאגט עם שמועסט דארט דאס א פאקעל ליכט איז געגען איהם צו צולייכטען מעג ער לכתחילה שעכטען און די משנה דא שמועסט אלס ניט באלויכטען דאמאלסט איז נאר כשר דיעבד אז ער האט שוין געשאכטען, „אמר רב אשי דיקא נמי דקתני התם דומיא דיום והכא דומיא דסומא", האט רב אשי געזאגט דו קענסט דיר אויך דרינגען אז עס איז אזוי, דען דארט לערנט די ברייתא די נאכט אין איין רייהע מיט'ן טאג ווייל די נאכט איז אויך באלויכטען מיט א ליכט, און אין דער משנה לערנט ער די רייהע מיט א בלינדען ווייל אלס ניט באלויכטען איז דאך גלייך צו א סומא, „שמע מינה", איז גוט געדרינגען: „מתניי, השוחט בשבת וביום הכיפורים, אף על פי שנתחייב בנפשו שחיטתו כשרה", אז איינער שעכט אין שבת אדער יום כיפור, האטש ער פארשולדיגט זיך דערמיט מיט'ן לעבען, איז זיין שחיטה פונדעסטוועגען כשר: „גמ', אמר רב הונא דרש חייא בר רב משמיה דרב אסורה באכילה ליומא, ונסבין חבריא למימר רבי יהודה היא", האט רב הונא געזאגט חייא בר רב האט גע'דרש'ענט אין נאמען פון רב, דאס די פלייש פון דער שחיטה איז אסור נאר פאר'ן זעלבען טאג אפילו צו עסען איהר אלס רויה, האבען די חברה אין דער ישיבה געוואלט זאגען דאס די משנה קומט אויס ווי ר' יהודה, האט די גמרא געפרעגט „הי ר' יהודה? אמר ר' אבא ר' יהודה דהכנה היא", וועלכע משנה מיינט דאס רב וואו ער נעמט פון ר' יהודה? האט ר' אבא געזאגט דאס איז ר' יהודה פון דער משנה וואס רעדט וועגען דין פון מוקצה אויב די זאך איז ניט אנגעגרייט נאך פון פאר יום טוב אדער שבת, (מוקצה מיינט, א זאך וואס ערשיינט אין סאמע יום טוב, ניט פארגעברייטעט פון דער וואכען, הייסט זי אלס אפגעהאקט פון מענשענ'ס

היא, דתנן מחתכין את הדילועין לפני הבהמה ואת הנבילה לפני הכלבים, רבי יהודה אומר אם לא היתה נבילה מערב שבת אסורה, לפי שאינה מן המוכן, אלמא כיון דלא איתכן מאתמול אסורה, ה״נ כיון דלא איתכן מאתמול אסורה, א״ל אביי מי דמי? התם מעיקרא מוכן לאדם, והשתא מוכן לכלבים, הכא מעיקרא מוכן לאדם, והשתא מוכן לאדם? מי סברת בהמה בחייה לאכילה עומדת, בהמה בחייה לגדל עומדת, א״ה בהמה לרבי יהודה בי״ט היכי שחטינן? א״ל עומדת לאכילה, ועומדת לגדל נשחטה הוברר׳ דלאכילה עומדת, לא נשחטה

---

מיין דערויף אויף יום טוב, די זאך איז אסור אלס מוקצה מדרבנן אין יום טוב), „דתנן מחתכין את הדילועין לפני הבהמה ואת הנבלה לפני הכלבים, ר׳ יהודה אומר אם לא היתה נבלה מערב שבת אסורה לפי שאינה מן המוכן", דען מיר האבען געלערנט, דאס מען מעג צושניידען אפגעריסענע דלועין (באדעלעס פון א סארט זאמען) פאר די בהמות, און נבלה וועלכע איז געפאלען אפילו היינט אין יום טוב — פאר די הינט, ר׳ יהודה זאגט אויב די נבלה איז ניט געווען אלס נאך פאר שבת, איז זי אסור, ווייל זי איז ניט געווען פון גרייטען, „אלמא כיון דלא איתכן מאתמול אסורה, הכא נמי כיון דלא איתכן מאתמול אסורה", זעהסטו דאך גוט, דאס ווייל זי איז ניט געווען פון גרייטען נאך פון נעכטען איז זי אסור, אזוי אויך דא איז די שחיטה אסור צוליב דעם נאר פאר דעם טאג, „אמר ליה אביי מי דמי, התם מעיקרא מוכן לאדם והשתא מוכן לכלבים, הכא מעיקרא מוכן לאדם והשתא מוכן לאדם"? האט אביי צו איהם געזאגט איז עס דען גלייך, דארט אין דער משנה איז דאך די בהמה אנפאנג געווען גרייט פאר׳ן מענש, און יעצט אלס נבלה אין שבת אדער יום טוב איז זי גרייט פאר כלבים, אבער דא איז זי דאך אנפאנג געווען גרייט פאר׳ן מענשען און יעצט געשאכטען אין שבת און יום כיפור איז זי אויך פאר׳ן מענשען, איז מעהר סברה זי זאל אויך מותר זיין פאר׳ן טאג? האט רב הונא געענטפערט, „מי סברת בהמה בחייה לאכילה עומדת, בהמה בחייה לגדל עומדת"? מיינסטו דען אז א בהמה ביים לעבען, הייסט אז זי שטעהט גרייט צום עסען, זי הייסט דאך אז זי שטעהט פאר האדעווען פון איהר קינדער, איז זי דאך אלס אזא אויך אסור צוליב מוקצה? האט איהם אביי צוריק געפרעגט, „אי הכי בהמה לרי יהודה ביום טוב היכי שחטינן"? אויב אזוי, ווי אזוי מעג מען שעכטען א בהמה אין יום טוב, נאך ר׳ יהודה נאך, זי איז דאך מוקצה? „אמר לו בהמה עומדת לאכילה ועומדת לגדל, נשחטה הוברר׳ דלאכילה עומדת, לא נשחטה הוברר׳ דלגדל עומדת", האט הונא איהם צוריק געענטפערט, אז א בהמה שטעהט פאר עסען און פאר האדעווען פון איהר ולדות, ווערט זי געשאכטען אין יום טוב, איז באוואוסט געווארען דאס זי ערב יום טוב איז געשטאנען גרייט פאר עסען, איז זי ניט געשאכטען געווארען איז באוואוסט געווארען דאס זי איז געווען גרייט פאר קינדער, און שבת און יום כיפור איז דאך זיכער ניטא קיין גדאנק צו שעכטען איהר, איז זי דאך מוקצה, און אז ער האט יא געשאכטען געגען

**הוברדה דלגדל עומדת, והא לית ליה לרבי יהודה ברירה? מנא לן? אי נימא מדתניא הלוקח יין מבין הכותים, אומר שני לוגין שאני עתיד להפריש, הרי הן תרומה, עשרה מעשר ראשון, תשעה מעשר שני, ומיחל ושותה מיד, דברי ר״מ, רבי יהודה ורבי יוסי ורבי שמעון אוסרין, (דף י״ד ע״ב) התם כדקתני טעמא אמרו לו לרבי מאיר אי אתה מודה, שמא יבקע הנוד, ונמצא שותה טבלים למפרע? אמר להן לכשיבקע, אלא מדתני איו, דתני איו ר״י אומר אין אדם מתנה על ב׳ דברים**

---

פארבאָט פון דער תורה, האָט ער דעם איסור מוקצה פון איהר ניט אוועק־גענומען דעריבער איז זי אסור פאר׳ן טאָג, פרעגט די גמרא „והא לית ליה לרי יהודה ברירה״? ר׳ יהודה האלט דאָך ניט די סברה פון ברירה, דאָס א זאך ווערט באוואוסט און אויסגעקליבען אויף בעפאָר? „מנא לן? אי נימא מדתניא הלוקח יין מבין הכותים אומר שני לוגין שאני עתיד להפריש הרי הן תרומה עשרה מעשר ראשון תשעה מעשר שני ומיחל ושותה מיד דברי רי מאיר, רי יהודה ורי יוסי ורי שמעון אוסרין״? פונוואַנען איז געדרינגען דאָס ר׳ יהודה האלט ניט קיין ברירה? זאָלען מיר זאָגען פון דער ברייתא, ווען איך זעה עס איז געלערנט דאָס אז איינער קויפט וויין פון די כותים, פון וועלכע ער וויל באלד געניסען, דאַרף ער אזוי טוען, ער דאַרף זאָגען צוויי קוואָרט וויין פון די הונדערט וועלכע איך בין אונגעברייט צו אָפּשיידען אלס תרומה גדולה זאָלען זיין תרומה און צעהן קוואָרט אלס ערשטע מעשר פאר׳ן כהן און לוי און ניין קוואָרט פאר מעשר שני, און די מעשר שני מעג ער באלד מחלל זיין און אויסטוישען אויפ׳ן געלד וואָס ער האָט אין הויז, מיט׳ן בלויזען זאָג און באלד טרינקען דעם וויין, (די ברייתא איז געלערנט געוואָרען, נאָך איידער מען האָט גע׳אסור׳ט דעם וויין פון די כותים, און זי לאָזט אויך הערען, דאָס די כותים האָט מען אויך מיסטרויט געגען תרומה גדולה, ווערענד צו עמי הארץ די פּראָסטע פאָלק האָט מען ווענען איהר ניט מיסטרויט), אזוי האלט ר׳ מאיר, דאָס נאָר מעשר שני זאָל ער באלד פארטוישען, ווייל ער קען עס טוען מיט׳ן בלויזען זאָג, האָבען איהם די חכמים ניט ערלויבט צו טרינקען דעם וויין פארלאָזענדיג זיך אויף ברירה וועלכע ער וועט שפּעטער אראָפּנעמען, נאָר ער מוז באלד ארונטערנעמען די ניין לוגין, אָבער ביי תרומה און מעשר ראשון פארלאָזט מען זיך יאָ אויף ברירה וואָס ער וועט שפּעטער נאָך שבת אויסקלויבען, און ר׳ יהודה און ר׳ יוסי און ר׳ שמעון אסור׳ן, זעהן מיר דאָך דאָס ר׳ יהודה האלט ניט קיין ברירה ווייל ער אסור׳ט דאָך, ער האָט מורא טאָמער טרינקט ער תרומה? ענטפערט די גמרא אָפּוועגדעניג, „התם כדקתני טעמא אמרו לו לרי מאיר אי אתה מודה שמא יבקע הנוד ונמצא שותה טבלים למפרע״, דאָרט איז ניט דער טעם צוליב ברירה נאָר ווי די משנה אליין לערנט דעם טעם, דאָס זיי האָבען געזאָגט צו ר׳ מאיר, ביזטו דען ניט מודה, טאָמער שפּרענגט דער לוגיל און דער וויין ווערט אויסגעגאָסען, דאָס אזוי אָרום וועט ער האָבען געטרינקען טבל ניט גע׳מעשר׳ט, „אמר להם לכשיבקע״, האָט ער צו זיי געזאָגט נו וועט עס שפּרינגען, ווי איינער רעדט,

כאחד, אלא אם בא חכם למזרח, עירובו למזרח, למערב עירובו למערב, ואילו לכאן ולכאן לא, והוינן בה מאי שנא לכאן ולכאן דלא, דאין ברירה, מזרח ומערב נמי אין ברירה? ואמר רבי יוחנן וכבר בא חכם,

---

ווער קלערט דאָס איבער אַזאַ זאַך? „אלא מדתני איו, דתני איו ר׳ יהודה אומר אין אדם מתנה על שני דברים כאחד, אלא אם חכם, למזרח עירובו למזרח, למערב עירובו למערב, ואילו לכאן ולכאן לא", נאָר זאָגט די גמרא פון דעם וואָס דער תנא איו האָט געלערנט, אין עירובין דף ל"ו זאָגען מיר דאָרט, דאָס אַ מענש קען זיך אויסרעדען אויף זיין עירוב אַוועקלעגענדיג צוויי עירובין איינעם ענדע צוויי טויזנד איילען צו מזרח זייט און איינעם צו מערב זייט פון זיין שטאָדט, זאָגענדיג אויב דער חכם וועט קומען צו מזרח זייט וואו ער איז אָנגעברייט צו קומען פון ערגעץ אַנדערש צו דרש'נען, זאָל מיין עירוב צו מזרח מיר קונה שביתה זיין, צו זיין דאָרט וואו מיין סעודה איז צוגעגרייט, איך זאָל קענען זיך דערווייטערן נאָך צוויי טויזענד איילען צו הערען דעם חכם, (שבת טאָר מען זיך ניט דערווייטערן פון זיין שטאָדט מעהר פון צוויי טויזענד איילען, האָבען די חכמים מתקן געווען אַן עירוב צו אַוועקלייגען ענדע די צוויי טויזענד איילען, ווי אַלס ער איז קונה דעם פּלאַץ צו האַלטען שבת דאָרט מיט דער סעודה פון דעם עירוב, אום ער זאָל זיך קענען דערווייטערן פון דאָרט נאָך צוויי טויזענד איילען) און אויב מען וועט מיר זאָגען, דאָס דער חכם איז געקומען צו מערב זייט, זאָל מיר קונה שביתה זיין דער עירוב מיינער צו מערב זייט, און אויב צוויי חכמים וועלען קומען איינער צו מזרח און איינער צו מערב זייט, זאָל איך קענען אויס־וועהלען מיין גאַנג וואוהין איך וועל וועלען, און ווי איך וועל אויסקלייבען מאָרגען צו געהן, זאָל מיר דער עירוב היינט פאַר שבת קונה שביתה זיין, (דער קנין עירוב מוז געשעהן פאַר שבת) אויף דעם האָט איו געלערנט דאָס ר׳ יהודה זאָגט אַז אַ מענש קען זיך ניט אויסרעדען אויף צוויי זאַכען אין איינמאָהל, נאָר ער קען זיך יאָ אויסרעדען, דאָס אויב דער חכם וועט האָבען געקומען צו מזרח, זאָל זיין מיין עירוב גילטיג צו מזרח, און אויב צו מערב, צו מערב, אָבער דאָ און דאָ ניט, ווייל ר׳ יהודה האַלט ניט ברירה, ענטפערט די גמרא, דאָס דאָרט איז ניט דער טעם צוליב ברירה, דען „והוינן בה מאי שנא לכאן ולכאן דלא, דאין ברירה, מזרח ומערב נמי אין ברירה"? און מיר האָבען געפרעגט וואָרום איז אַנדערש ביי ביידע פּלעצער אין איינעם? דען מיר זאָגען ניט ברירה, דאָס דער עירוב איז אויטאָמאַטיש פון פריהער אויסגע־קליבען געוואָרען נאָך פון נעכטען, איז דאָך ביי מזרח און מערב אויך אַזוי געוועדנדעט צו מיר זאָגען ברירה צו ניט? „ואמר ר׳ יוחנן וכבר בא חכם", אויף דעם האָט ר׳ יוחנן געזאָגט דאָרט, דאָס די משנה שמועסט אַז דער חכם איז שוין געהאַט געקומען דאָרט נאָך פאַר'ן קנין פונ'ם עירוב, נאָר דער עירוב לעגער האָט ניט געוואוסט אין וועלכער ריכטונג דער חכם איז געקומען, און עס איז דאָ ניט געוועדנדעט וועגען ברירה, ער רעדט זיך אַזוי אויס, צו וועלכער זייט דער חכם איז געקומען זאָל מיין עירוב דאָרט מיר קונה שביתה זיין, און די זאַך איז גאָרניט געוועדנדעט וועגען ברירה נאָר וועגען באַוואוסט

אלא אמר רב יוסף רבי יהודה דכלים היא, דתנן כל הכלים הניטלין בשבת שבריהן ניטלין, ובלבד שיהו עושין מעין מלאכה, שברי עריבה לכסות בהן פי חבית, שברי זכוכית לכסות בהן פי הפך, רבי יהודה אומר ובלבד שיהו עושין מעין מלאכתן, שברי עריבה לצוק לתוכן מקפה, שברי זכוכית לצוק לתוכן שמן, מעין מלאכתן אין, מעין מלאכה אחרת לא, אלמא כיון דלא איתכן מאתמול להך מלאכה אסירי, הכא נמי כיון דלא איתכן מאתמול אסורה. אמר ליה אביי מי דמי? התם מעיקרא כלי, והשתא שברי כלי, והוה ליה נולד ואסור, הכא מעיקרא אוכלא ולבסוף אוכל, אוכלא דאיפרת הוא? ושמעינן ליה לרבי יהודה דאמר

---

ווערען, דאָס אויב מען וועט מיר צו וויסען געבען דאָס דער חכם איז געקומען צו מזרח, זאָל דער עירוב מיינער מיר האָבען קונה געווען צו מזרח, אויב צו מערב, צו מערב, „אלא אמר רב יוסף רבי יהודה דכלים היא, דתנן כל הכלים הניטלין בשבת שבריהן ניטלין, ובלבד שיהיו עושין מעין מלאכה, שברי עריבה לכסות בהן פי חבית שברי זכוכית לכסות בהן פי הפך", נאָר האָט רב יוסף געזאָגט דאָס איז ר׳ יהודה פון דער משנה פון כלים, דען מיר האָבען געלערנט אַלע כלים וועלכע ווערען באַוועגט אין שבת מעג מען זייערע שאַרבענס אויב זיי ווערען צובראָכען אין שבת, אויך באַוועגען, און נאָר אין דעם פאַל אויב זיי נוצען נאָך צו עפּעס, ווי אַ שטייגער שטיקער פון אַ מילטער אויב מען קען מיט זיי צודעקען אַן עפענונג פון אַ פאַס, אָדער שאַרבענס פון גלאָז ווען מען קען צודעקען אַן עפענונג פון אַ קריגעל, „רי יהודה אומר ובלבד שיהו עושין מעין מלאכתו, שברי עריבה לצוק לתוכן מקפה, שברי זכוכית לצוק לתוכן שמן, מעין מלאכתן אין, מלאכה אחרת לא", ר׳ יהודה זאָגט דאָס נאָר אין אַ פאַל ווען זיי זענען נוצבאַר נאָך עפּעס צו זייער אייגענע מלאכה פון בעפאָר, ווי אַ שטייגער שטיקער פון אַ מילטער ווען מען קען נאָך אין זיי אריינטהון אַ געדעכטע זאַך ווי בעפאָר מען האָט די עריבה גענוצט פאַר טייג, און די גלאָז אויב מען קען נאָך אריינטהון אין זיי אויל, קורץ, עפּעס פון זייער אייגענער מלאכה יאָ, פון אַן אַנדערע מלאכה ניט, „אלמא כיון דלא איתכן מאתמול להך מלאכה אסירי, הכא נמי כיון דלא איתכן מאתמול אסורה", זעה איך דאָך, דאָס ווייל די כלי איז ניט געווען צוגעגרייט צו דער מלאכה פון נעכטען זענען איהרע שטיקער אסור, אַזוי אויך דאָ ווייל די בהמה איז נעכטען ניט געווען צוגעגרייט צום עסען איז זי פאַר היינט אסור לויט ר׳ יהודה, „אמר ליה אביי מי דמי התם מעיקרא כלי והשתא שברי כלי והוה ליה נולד ואסור, הכא מעיקרא אוכלא ולבסוף אוכל, אוכלא דאיפרת הוא, ושמעינן ליה לרי יהודה דאמר אוכלא דאיפרת שפיר דמי"? האָט אביי צו איהם געזאָגט איז עס דען גלייך צו דאָ, דאָרט איז עס אין אָנפאַנג געווען אַ כלי און יעצט ברוך פון אַ כלי, איז עס דאָך אַ ניי געבוירענע זאַך וואָס איז אסור צוליב מוקצה, אָבער דאָ איז עס בעפאָר געווען אַן אוכל, דען די בהמה שטעהט דאָך פאַר אכילה, און צו דער ענד ווען ער האָט איהר געשאָכטען אין שבת אָדער יום כיפור, איז זי אויך פאַר אכילה,

אוכלא דאיפרת שפיר דמי, דתנן אין סוחטין את הפירות להוציא מהן משקין, ואם יצאו מעצמן אסורין, רבי יהודה אומר אם לאוכלין, היוצא מהן מותר, ואם למשקין היוצא מהן אסור? לאו איתמר עלה אמר רב יהודה אמר שמואל, מודה היה רבי יהודה לחכמים בסלי זיתים וענבים, אלמא כיון דלסחיטה קיימא, יהיב דעתיה, הכא נמי כיון דלשחיטה קיימא, יהיב דעתיה, מידי הוא טעמא אלא לרב, דאמר רב חלוק היה רבי יהודה אפילו בסלי זיתים וענבים, אלא אמר רב ששת בריה דרב אידי

---

איז עס דאָך ווי גלייך אַז עסען האָט זיך אָפּגעשיידט פון איהר און צו האַנד געקומען, און מיר האָבען דאָך געהערט פו ר׳ יהודה דאָס אַז אוכלא דאיפרת איז רעכט צו מעגען עסען, ווייל עס הייסט ניט קיין נולד? „דתנן אין סוחטין את הפירות להוציא מהן משקין, ואם יצאו מעצמן איסורין, ר׳ יהודה אומר אם לאוכלין היוצא מהן מותר ואם למשקין היוצא מהן אסור", דען מיר האָבען געלערנט דאָס מען טאָר ניט קוועטשען קיין פרוכטען אום אַרויסצוציהען פון זיי געטרענקע ווייל סחיטה איז אַן אב מלאכה צו מאַכען משקה, און אויב די זאַפט איז אַליין אַרויס פון פירות אין שבת אָדער יום טוב זענען זיי אסור, ר׳ יהודה זאָגט אויב די פירות זענען אָנגעגרייט צום עסען ניט פאַר משקין, מעג מען די אַליינגעוואָרענע משקין טרינקען און אויב די פירות זענען פאַרברייטעט געוואָרען פאַר משקין זענען די אַליינגעוואָרענע משקין אסור ווייל די חכמים האָבען גוזר געווען דאָס אויב מען וועט איהם ערלויבען צו טרינקען די משקין וועט ער קומען איינענס קוועטשען, זעהענדיג ווי זיין געדאַנק אויף צו קוועטשען איז צו וואָר געקומען, אָבער ווען די פירות זענען ניט פאַר דעם צוועק, האָב איך ניט קיין מורא פאַר דעם, וועניגסטענס איז דאָך געדרינגען פונדאַנען דאָס צוליב נולד האָט ר׳ יהודה די משקין פון זיך זעלבסט דאָ ניט גע׳אסור׳ט ווייל זיי הייסען אוכלא דאיפרת, עס איז איהם צו האַנד געקומען די זאַפט פון די פירות וואָס איז געווען אָנגעגרייט נאָך פון נעכטען? ענטפערט די גמרא אין אַ פראַגע וועג, „לאו איתמר עלה אמר רב יהודה אמר שמואל מודה היה ר׳ יהודה לחכמים בסלי זיתים וענבים אלמא כיון דלסחיטה קיימי יהיב דעתיה, הכא נמי כיון דלשחיטה קיימא יהיב דעתיה"? האָבען מיר דען ניט געלערנט דערויף דאָס רב יהודה האָט געזאָגט אין נאָמען פון שמואל, דאָס ר׳ יהודה האָט מודה געווען צו די חכמים ביי קויבערס פון אויל און וויין פרוכטען וועלכע זייער שטייגער איז אַממעהרסטען פאַר משקין, דאָס אפילו ווען זיי זענען פאַרברייטעט פאַר׳ן עסען איז זייער אַליינ־אַרויסגעגאַנגענע זאַפט אויך אסור, זעה איך דאָך ווייל די פירות שטעהן אַממעהרסטען פאַר משקין, איז זיין מיין און געדאַנק געווענדעט אויף זיי, האָבען די חכמים גוזר געווען טאָמער וועט זיין געדאַנק ציהען דערויף צו מאַכען איינענס די סחיטה פאַר משקין וואָס איז אַן אב מלאכה, אַזוי אויך דאָ ווייל די בהמה שטעהט דאָך פאַר שחיטה צום עסען, וועט ער נייגען זיין געדאַנק דערויף, און איך האָב מורא ער וועט קומען שעכטען, דעריבער זאָל ער ניט טאָרען עסען די פלייש פאַר דעם טאָג? ווענדט די גמרא אָפּ „מידי

**רבי יהודה דנרות היא, דתניא מטלטלין נר חדש אבל לא ישן, דברי רבי יהודה, אימר דשמעת ליה לרבי יהודה במוקצה מחמת מיאוס, מוקצה מחמת איסור מי שמעת ליה? אין, דתנן רבי יהודה אומר (דף ט"ז ע"א) כל נרות של מתכת מטלטלין, חוץ מן הנר שהדליקו בו באותה שבת, ודילמא שאני התם, דהוא דחי ליה בידים? אלא**

---

היא טעמא אלא לרב, האמר רב חלוק היה ר' יהודה אפילו בסלי זיתים וענבים", איז עס דען א סברה צו ברייגגען וועגען זיתים און ענבים, דו מוזט דאך ברייגגען אזא זאך עס זאל קענען אפווענדען צו רב, רב זאגט דאך, דאס ר' יהודה איז אין אונטערשייד פון די חכמים אויך ביי זיתים און ענבים, דאס אויב אפילו זיי זענען פארברייטעט פאר'ן עסען איז זייער זאפט אויך מותר און עס הייסט ניט קיין נולד, היינט ווארום זאל די פלייש דא אסור זיין פאר'ן טאג? „אלא אמר רב ששת בריה דרב אידי ר' יהודה דנרות היא, דתניא מטלטלין נר חדש אבל לא ישן דברי ר' יהודה", נאר האט רב ששת דער זוהן פון רב אידי געזאגט, ר' יהודה פון נרות איז ער, דען מיר האבען געלערנט דאס מען מעג באוועגען א לייכטער וואס איז ניי אין שבת, פארציייטענס זענען די לייכטער געווען ערדנע פאר בוימעל און נייערהייט האט מען זיי נאך געקענט נוצען פאר עפעס אנדערש, אבער ניט קיין אלטע ווייל מען מיאוסט זיך שוין פון זיי, זענען זיי שוין מוקצה צוליב זייער שמוציגקייט, אזוי האלט ר' יהודה, אזוי אויך דא די בהמה אריינקומענדיג דער שבת איז זי דאך געווארען מוקצה צוליב אבר מן החי, דען זאלאנג זי איז ניט געווען געשאכטען דאמאלסט, איז זי דאך געווען אסור צוליב פלייש פון א לעבענדער בהמה, איז זי דאך געווארען מוקצה צוליב דעם, איז זי דעריבער געווארען אסור פאר דעם טאג, ווענדט די גמרא אפ, „אימר דשמעת ליה לר' יהודה במוקצה מחמת מיאוס, מוקצה מחמת איסור מי שמעת ליה"? ווען זאג איך דאס, דאס ר' יהודה האט גע'אסור'ט צוליב מוקצה? נאר ביי מוקצה צוליב מיאוסקייט, אבער צוליב אן איסור האט דען ר' יהודה גע'אסור'ט? ענטפערט די גמרא, „אין", יא, „דתנן רבי יהודה אומר כל נרות של מתכת מטלטלין חוץ מן הנר שהדליקו בו באותה שבת", דען מיר האבען געלערנט דאס ר' יהודה זאגט, דאס אלע לייכטער פון מעטאל מעג מען באוועגען אין שבת ווייל פון זיי מיאוסט מען זיך ניט און דעריבער ניט מוקצה, אויסער דעם לייכטער אין וועלכען מען האט געלייכט דעם זעלבען שבת ווייל ער איז געווארען מוקצה מיט'ן אריינקומען פון שבת צוליב דעם איסור וואס מען האט געלייכט דעם זעלבען שבת ווייל ער איז געווארען מוקצה מיט'ן אריינקומען פון שבת צוליב דעם איסור וואס מען טאר איהם ניט אויסלעשען, זעהסט דאך גוט, דאס ר' יהודה האלט אויך וועגען מוקצה צוליב איסור, אזוי אויך דא די בהמה איז געווארען מוקצה אלס פלייש פון א לעבענדער זאך, פרעגט די גמרא „ודילמא שאני התם דהוא דחי לה בידים", פיליייכט איז דארט אנדערש ווייל ער שטויסט דאך עס אפ מיט אייגענע הענד אנצינדענדיג איהר אויף שבת מאכענדיג איהר דערמיט מוקצה פאר שבת, אבער דא ביי דער

**אמר רב אשי רבי יהודה דמבשל היא, דתנן המבשל בשבת בשוגג יאכל, במזיד לא יאכל, דברי רבי מאיר, רבי יהודה אומר בשוגג יאכל במוצאי שבת, במזיד לא יאכל עולמית, רבי יוחנן הסנדלר אומר בשוגג יאכל למוצאי שבת לאחרים, ולא לו, במזיד לא יאכל עולמית,**

---

בהמה איז דאך דער איסור אבר מן החי פון זיך זעלבסט וואס זי ווערט אפגעשטויסען דערפון, קען טאקע אפשר זיין דא זי איז ניט מוקצה? „אלא אמר רב אשי ר' יהודה דמבשל הוא, דתנן המבשל בשבת בשוגג יאכל במזיד לא יאכל דברי ר' מאיר", נאר האט רב אשי געזאגט דאס איז ר' יהודה פון מבשל, דען מיר האבען געלערנט אז איינער קאכט אין שבת, אויב אומגערן מעג עס ווערען געגעסען באלד און אויב גערנוויליג, טאר עס ניט ווערען געגעסען אין זעלבען טאג ביז עס ווערט אוים שבת פארבייגעהענדיג אזויפיל צייט צו קענען צוגרייטען אזא עסען, דאס הייסט בכדי שיעשה, דער טעם איז, עס זאל איהם ניט קומען קיין הנאה פון איסור, „ר' יהודה אומר בשוגג יאכל במוצאי שבת, במזיד לא יאכל עולמית", ר' יהודה זאגט דאס אומגערן מעג עס ווערען געגעסען פון איהם שבת נאכט, און גערנוויליג אויב ער האט עס געקאכט טאר עס ניט ווערען געגעסען פאר אימער, „ר' יוחנן הסנדלר אומר בשוגג יאכל למוצאי שבת לאחרים ולא לו, במזיד לא יאכל עולמית לא לו ולא לאחרים", ר' יוחנן הסנדלר זאגט דאס בשוגג, מעג עס ווערען געגעסען שבת נאכט פאר פרעמדע ניט פאר איהם, אום ניט צו געניסען פון דער עבירה, און במזיד איז עס אסור פאר אימער סיי פאר איהם סיי פאר פרעמדע, צוליב א פסוק וואס ער לערנט ארויס פון איהם אין בבא קמא דף ע"א, ושמרתם את השבת כי קדש הוא טייטש איך שבת איז ווי קדש, פונקט ווי קדש מען טאר ניט עסען אזוי אויך די געמאכטע זאך אין שבת טאר מען ניט עסען, איך וואלט מיינען אפילו בשוגג איז אויך אזוי דער דין? לאזט דער פסוק אוים מחלליה מות יומת, דאס איהרע פארשוועכער זאלען ווערען געטויט, זעהן מיר דאך דאס דער פסוק רעדט נאר פון מזיד, ר' יהודה וואס זאגט דאס בשוגג מעג עס ווערען געגעסען שבת נאכט, ניט אין שבת אליין מיינט ער דאס אויך פאר פרעמדע, חאטש בשוגג קומט ניט קיין מיתה, אבער אן עבירה איז עס פארט, דעריבער מוז ווערען געווארט אויף בכדי שיעשה, אום ער זאל ניט קריגען קיין הנאה פון איסור, און ווייל ער דארף דאך לערנען די סיפא וועגען מזיד ביי איהם אליין וואו ער טאר עס קיינמאהל ניט עסען, אבער אנדערע מעגען, ווייל ער אליין האט דאך געטהון דעם איסור, האט מען איהם געשטראפט, אבער אנדערע ניט, לערנט ער אויך שוין די רישא וועגען שוגג, ביי איהם אליין, אבער אין אמת'ן מיינט מען אויך פרעמדע, און דער טעם איז צוליב ניט צו געניסען פונ'ם איסור, אבער נאך שבת בכדי שיעשה מעג מען שוין, ווייל דאס הייסט שוין ניט געניסען פונ'ם איסור, דען ער האט שוין געקענט צוגרייטען אזא אנדער עסען, און אונזערע משנה וואס מען לערנט איין, דאס די פלייש איז פארבאטען פאר'ן טאג פאר יעדען קומט אוים ווי דער שוגג פון ר' יהודה. די גמרא

לא לו, ולא לאחרים, ונוקמה במזיד ור"מ? לא ס"ד, דקתני דומיא דיום הכפורים, מה יה"כ לא שנא בשוגג, ולא שנא במזיד, לא אכיל, אף הכא נמי לא שנא בשוגג ולא שנא במזיד לא אכיל, ומי מצית מוקמת לה בשוגג ורבי יהודה, והא אע"פ שמתחייב בנפשו קתני? הכי קאמר אע"פ דבמזיד מתחייב בנפשו הוא, הכא דבשוגג שחיטתו כשרה, ונוקמה כרבי יוחנן הסנדלר דאמר ל"ש בשוגג ול"ש במזיד לא אכיל? רבי יוחנן הסנדלר קמפליג במוצאי שבת לאחרים ולא לו, תנא דידן

---

וועט ווייטער פרעגען די משנה זאָגט דאָך מתחייב בנפשו שמועסט זי דאָך פון מזיד ניט פון שוגג, און איך זאָל ווידער איינלערנען דעם שוגג ביי ר' יהודה אויף איהם אליין, אָבער פרעמדע זאָלען מעגען עסען אפילו אין שבת, און דער טעם זאָל זיין, צוליב איך שטראָפיר דעם שוגג איבער מזיד, ניט ווייל ער געניסט פו חילול שבת, און אונזערע משנה וואָס אסור'ט פאַר'ן טאָג אפילו פאַר אַנדערע זאָל ניט קענען אויסקומען ווי ר' יהודה? דאָס קען איך אַזוי ניט זאָגען, וואָרים אויב דער טעם זאָל זיין ביי שוגג פאַר איהם אַליין צוליב קנס איבער מזיד, וואָלט עס דאַרפען אויך ביינאַכט נאָך שבת אסור זיין דען מזיד איז דאָך אסור פאַר אימער? נאָר געוויס דער טעם איז צוליב הנאה פונ'ם איסור ניט צוליב קנס איבער מזיד, און קיין אונטערשייד צו פאַר איהם אַליין צו פאַר פרעמדע, און אונזער משנה איז איינגעזעצט ווי ר' יהודה דעם פאַל פון שוגג, פרעגט די גמרא „ונוקמה במזיד ורי מאיר"? זאָל ער איינזעצען די משנה אַלס מזיד און ווי ר' מאיר, דאָס קיינער טאָר ניט עסען פאַר'ן טאָג? ענטפערט די גמרא, „לא סלקא דעתך דקתני דומיא דיום הכיפורים, מה יום הכיפורים לא שנא בשוגג לא שנא במזיד לא אכיל אף הכא נמי לא שנא בשוגג ולא שנא במזיד לא אכיל", עס קען ניט אַרויף אויפ'ן געדאַנק אַזוי, דען ער לערנט שבת אין איין רייהע מיט יום כיפור, פונקט ווי יום כיפור איז דאָך קיין אונטערשייד צו שוגג צו מזיד טאָר ער אַלץ ניט עסען, אַזוי אויך דאָ מוז מען איינזעצען ווי ר' יהודה וואו זיין שוגג איז אויך אסור צו עסען סיי פאַר איהם סיי פאַר אַנדערע, פרעגט די גמרא, „ומי מצית מוקמית לה בשוגג ורי יהודה והא אף על פי שמתחייב בנפשו קתני"? און ווי קענסטו איינזעצען די משנה אויף אַ שוגג ווי ר' יהודה, זי לערנט דאָך זאָגענדיג דאָס האָטש ער איז פאַרשולדיגט אויפ'ן לעבען, די ווערטער זענען דאָך געמיינט אויף אַ מזיד וואָס איז אַ שטראָף פון מיתה? ענטפערט די גמרא „הכי קאמר אף על פי דבמזיד מתחייב בנפשו הוא, הכא דבשוגג שחיטתו כשרה", אַזוי מיינט די משנה צו זאָגען, האָטש ווען עס וואָלט זיין במזיד, וואָלט ער דאָך זיין פאַרשולדיגט אויפ'ן לעבען, דאָ איז אָבער בשוגג איז דעריבער זיין שחיטה כשר, פרעגט די גמרא „ונוקמה כרי יוחנן הסנדלר דאמר לא שנא בשוגג ולא שנא במזיד לא אכיל"? זאָל ער איינזעצען די משנה ווי ר' יוחנן הסנדלר וואָס זאָגט דאָס סיי בשוגג סיי במזיד טאָר דאָך קיינער אין שבת זיכער ניט עסען? ענטפערט די גמרא, „רי יוחנן הסנדלר קמפליג במוצאי שבת לאחרים ולא לו, תנא דידן שחיטתו

שהיטתו כשרה קתני לא שנא לו ולא שנא לאחרים, תני תנא קמיה דרב המבשל בשבת בשוגג יאכל, במזיד לא יאכל, ומשתיק ליה רב, מ״ט משתיק ליה? אילימא משום דסבירא ליה כרבי יהודה, ותנא תני כר״מ, משום דסבירא ליה כר׳ יהודה, מאן דתני כר״מ משתיק ליה? ועוד מי סבר לה כר׳ יהודה, והאמר רב חנן בר אמי כי מורי להו רב לתלמידיה מורי להו כרבי מאיר, וכי דריש בפירקא דריש כר׳ יהודה, משום עמי הארץ, וכי תימא תנא בפירקיה תנא קמיה, אטו כ״ע לתנא צייתי, לאמורא צייתי? אמר ר״נ בר יצחק תנא שוחט תנא קמיה דרב, השוחט בשבת בשוגג יאכל, במזיד לא יאכל, אמר ליה מאי דעתיך כר״מ, עד כאן לא קשרי ר״מ, אלא במבשל,

---

כשרה קתני לא שנא לו ולא שנא לאחרים״, ר׳ יוחנן הסנדלר מאכט אָבער אַן אונטערשייד ביי מוצאי שבת דאָס אנדערע מעגען יאָ עסען, און ער אַליין ניט, און אונזערע משנה לערנט דאָס זיין שחיטה איז כשר סיי פאַר איהם סיי פאַר אנדערע, איז דאָך מוצאי שבת זיכער מותר פאַר יעדען, קען מען די משנה ניט איינזעצען ווי ר׳ יוחנן, „תני תנא קמיה דרב המבשל בשבת בשוגג יאכל במזיד לא יאכל, ומשתיק ליה רב״, אַ תנא האָט געלערנט די משנה פאַר רב אינדאָרסירענדיג איהם די סברה פון ר׳ מאיר, האָט איהם רב איינגעשטילט, פרעגט די גמרא „מאי טעמא משתיק ליה? אילימא משום דסבירא ליה כרי יהודה, ותנא תני כרי מאיר״, וואָרום האָט ער איהם איינגעשטילט? זאָל איך זאָגען ווייל ער אַליין האַלט ווי ר׳ יהודה און דער תנא האָט איהם פאַרגעלערנט די סברה פון ר׳ מאיר? איז דאָך די קשיא, „משום דסבירא ליה כרי יהודה, מאן דתני כרי מאיר משתיק ליה״? און צוליב אַז ער האַלט ווי ר׳ יהודה, אַז איינער וועט איהם לערנען ווי ר׳ מאיר וועט ער איהם שטיל מאַכען? „ועוד מי סבר לה כרי יהודה, והאמר רב חנן בר אמי כי מורי להו רב לתלמידיה מורי להו כרי מאיר״? און נאָך איינס האַלט דען רב ווי ר׳ יהודה, רב חנן בר אמי האָט דאָך געזאָגט אַז רב האָט גע׳פסק׳עט ביי מבשל בשבת פאַר זיינע תלמידים, האָט ער זיי גע׳פסק׳עט ווי ר׳ מאיר וואָס פאַרלייכטערט, „וכי דריש בפירקא כרי יהודה משום עמי הארץ״, און אַז ער האָט גע׳דרש׳עט פאַר׳ן רבים האָט ער גע׳דרש׳ענט ווי ר׳ יהודה, צוליב דער איינפאַכער פאָלק זאָל ניט פאַרלייכטערן אויף שבת, „וכי תימא תנא בפירקיה תני קמיה, אטו כולי עלמא לתנא צייתי לאמורא צייתי״? איי וועסטו אפשר זאָגען דאָס דער תנא האָט געלערנט פאַר איהם אין דעם טאָג ווען רב דרש׳ענט פאַר׳ן פאָלק, האָט ער איהם שטיל געמאַכט אום די עמי הארץ זאָלען ניט הערען ווי ער דרש׳ענט ווי ר׳ יהודה, איז דאָך די קשיא הערען זיך דען צו, די וואָס קומען הערען — צום תנא וואָס לערנט איבער פאַר זיך וואָס רב האָט גע׳דרש׳ענט פאַר זיי, זיי האָרכען דאָך צום אמורא וואָס גיט איבער צום פאָלק וואָס רב זאָגט צו איהם? וואָס דען האָט איהם רב שטיל געמאַכט? אמר רב נחמן בר יצחק תנא שוחט תני קמיה דרב, השוחט בשבת בשוגג יאכל במזיד לא יאכל, אמר ליה מאי דעתיך? כרי מאיר? עד כאן לא קא שרי רי מאיר אלא במבשל

דראוי לכוס, אבל שוחט דאין ראוי לכוס לא, והא מתני׳ דשוחט הוא, ואמר רב הונא דרש חייא בר רב משמיה דרב אסור׳ באכילה ליומא, ונסבין חבריא למימר רבי יהוד׳ היא, הא ר״מ שרי? כי שרי ר״מ (דף ט״ו ע״ב) כגון שהיה לו חולה מבעוד יום, אי הכי מ״ט דר׳ יהודה דאסר? כגון שהיה לו חולה והבריא, וכי הא דאמר רב אחא בר אדא אמר רב ואמרי לה א״ר יצחק בר אדא אמר רב השוחט לחולה בשבת

---

דראוי לכוס, אבל שוחט דאין ראוי לכוס לא", האָט רב נחמן בר יצחק געזאָגט דער תנא האָט געלערנט פאַר רב׳ן ווענען אז איינער שעכט אין שבת דאָס בשוגג מעג עס ווערען געגעסען אין זעלבען טאָג און במזיד ניט. האָט איהם רב געפרעגט וואָס איז דיין געדאַנק ביי דעם דין? ווי ר׳ מאיר? איך קען דיר דאָס אָפּווענדען דאָס האָט ער געמיינט מיט׳ן שטיל מאַכען איהם, דאָס ר׳ מאיר האָט ניט מתיר געמאַכט נאָר ביי קאָכען אומגערן, ווייל דאַמאָלסט איז קיין איסור צוליב שבת ניטאָ, איז קיין איסור פון מוקצה אויך ניטאָ, ווייל ווענינגסטענס האָט ער עס געקענט אויך צוקייען רויערהייט איז עס דאָך שוין ניט קיין מוקצה צוליב נולד אלס א נייע ערשיינונג, אָבער שעכטען איז א נייע ערשיינונג, דען אָהן שחיטה קען מען ניט זאָגען דאָס ער קען די פלייש צוקייען רויערהייט, איז זי דאָך ביים אריינקום פון שבת ניט געווען ראוי צו עסען, שעכטענדיג איהר אין שבת ווערט זי דאָך שוין אסור צוליב מוקצה פון נולד אלס א נייע ערשיינונג אין שבת, פרעגט די גמרא „והא מתניתן דשוחט הוא ואמר רב הונא דרש חייא בר רב משמיה דרב אסורה באכילה ליומא, ונסבין חברייא למימר רבי יהודה היא, הא ר׳ מאיר שרי"? די משנה שמועסט דאָך פון שוחט און רב הונא האָט דאָך געזאָגט דאָס חייא דער זוהן האָט גע׳דרש׳ענט אין נאָמען פון רב· דאָס די פלייש איז אסור פאַר׳ן טאָג און די חברה תלמידים האָבען גערעכענט צו איינזעצען ווי ר׳ יהודה וואָס ער אסורט, איז דאָך געדרינגען דאָס ר׳ מאיר דער געגנער פון דעם דין איז מתיר לויט רב׳ס אויסזאָגען, און דאָ ווענדט דאָך רב אָפּ דאָס ר׳ מאיר האלט נאָר אזוי ביי קאָכען אָבער ביי שחיטה איז ער מתיר? ענטפערט די גמרא „כי שרי ר׳ מאיר? כגון שהיה לו חולה מבעוד יום", ווייסטו ווען ר׳ מאיר איז מתיר א שוגג ביי שחיטה פאַר אלעמען? וואו ער האָט א געפעהרליך קראַנקען נאָך פון ביי טאָג, מיט׳ן אריינקומען פון שבת, איז דאָך שוין די בהמה ניט מוקצה צוליב נולד, דען צוליב׳ן קראַנקען איז זי שוין געווען ראוי פאַר שחיטה און אפילו אין שבת, פרעגט די גמרא, „אי הכי מאי טעמא דרי יהודה דאסר? כגון שהיה לו חולה והבריא", אויב אזוי אז עס שמועסט ער האָט געהאַט א קראַנקען, וואָס איז ווידער דער טעם פון ר׳ יהודה וואָס ער אסור׳ט? איז דער ענטפער אז עס שמועסט דער קראַנקער איז אין שבת געזונד געוואָרען קיין איסור מוקצה צוליב נולד איז טאַקע דערביי ניטאָ, אָבער ר׳ יהודה אסור׳ט אום ער זאָל ניט קריגען קיין הנאה פון א געטוענע זאַך אין שבת און ר׳ מאיר איז מתיר ווייל ער אסור׳ט ניט דעם גענוס פון א שוגג וואָס איז געשעהן אין שבת, „וכי הא דאמר רב אחא בר אדא אמר רב, ואמרי

אסור לבריא, המבשל לחולה בשבת מותר לבריא, מ"ט? האי ראוי לכוס, והאי אינו ראוי לכוס, א"ר פפא פעמי' שהשוחט מותר, כגון שהיה לו חולה מבעוד יום, מבשל אסור, כגון שקצץ לו דלעת, אמר רב דימי מנהרדעא הלכתא השוחט לחולה בשבת מותר לבריא באומצא, מ"ט כיון דאי אפשר לכזית בשר בלא שחיטה, כי קא שחיט אדעתא דחולה קא שחיט, המבשל לחולה בשבת אסור לבריא, גזירא שמא ירבה בשבילו: **מתני'** השוחט במגל יד בצור ובקנה שחיטתו כשרה, הכל שוחטין ולעול' שוחטין, ובכל שוחטין חוץ ממגל קציר, והמגירה,

---

לה אמר ר' יצחק בר אדא אמר רב השוחט לחולה בשבת אסור לבריא, המבשל לחולה מותר לברי, מאי טעמא? האי ראוי לכוס והאי אינו ראוי לכוס", די זאך אויבען איז ווי דאס וואס רב אחא בר אדא האט געזאגט אין נאמען פון רב, און טייל זאגען ר' יצחק בר אדא האט עס געזאגט אין נאמען פון רב אז איינער שעכט פאר א קראנקען אין שבת איז די פלייש אסור פאר א געזונדען, און קאכען איז מותר פאר'ן געזונדען, ווארום איז עס אן אונטערשייד צו קאכען וואס מען מעג? ווייל די פלייש וואס איז געקאכט אין שבת איז ניט קיין מוקצה דען עס איז ראוי צו איהם אויך רויערהייט דען ער קען איהר אזוי צוקייען, אבער ביי שחיטה קען מען דאס ניט זאגען, דען מיט'ן קומען פון שבת ווערט א לעבענדע בהמה מוקצה צוליב'ן איסור אבר מן החי, דען מען קען דאך ניט שניידען א שטיק פון איהר און עסען, דעריבער איז די פלייש אסור פאר'ן געזונדען, „אמר רב פפא פעמים שהשוחט מותר כגון שהיה לו חולה מבעוד יום, מבשל אסור כגון שקצץ לו דלעת", האט רב פפא געזאגט אמאהל קען זיך טיילען די סברה פארקערט אז די פלייש פון שחיטה אין שבת זאל זיין מותר פאר אלעמען, וואו ער האט א געפעהרליך קראנקען מיט'ן אריינקומען פון שבת, דאמאלסט פאלט אוועק דער איסור מוקצה. און דער קאכען זאל גאר זיין אסור, וואו ער האקט אפ (אזא) גרינצייג (וואס הייסט) דלעת פונ'ם פעלד אין שבת, וואס איז מוקצה פאר'ן געזונדען, „אמר רב דימי מנהרדעא הלכתא השוחט לחולה בשבת מותר לבריא באומצא, מאי טעמא? כיון דאי אפשר לכזית בשר בלא שחיטה כי קא שחיט אדעתא דחולה קא שחיט", רב דימי פון נהרדעא האט געזאגט די הלכה בלייבט דאס שעכטען פאר אקראנקען וואס איז קראנק נאך פון פאר שבת, איז די פלייש מותר אויך פאר'ן געזונדען, מיט דער סברה דאס ער קען און זאל טאקע די פלייש צוקייען רויערהייט, וואס איז דעם טעם? ווייל עס איז ניט מעגליך קיין כזית פלייש גענוי פאר'ן קראנקען, דעריבער אז ער שעכט איז זיין מיין פאר'ן קראנקען, „המבשל לחולה בשבת אסור לבריא גזירא שמא ירבה בשבילו", אבער קאכען אז מען קאכט פאר א קראנקען, טאר דערפון ניט עסען א געזונדער ווייל טאמער וועט ער מעהרען פאר זיינס וועגען אבער שעכטען אז ער שעכט ווערט דאך דערמיט צוגעגרייט די גאנצע בהמה: מתניי השוחט במגל יד בצור ובקנה שחיטתו כשרה", אז איינער שעכט מיט א שערף אדער א שטיין אדער א שאל פון א שטעקען איז זיין שחיטה כשר, „הכל שוחטין ולעולם שוחטין ובכל שוחטין חוץ ממגל קציר והמגירה והשינים

והשינים, והציפורן, מפני שהם חונקין: גמ׳ השוחט דיעבד אין, לכתחיל׳ לא, בשלמא במגל יד, דילמא אתי למיעבד באידך גיסא? אלא צור וקנה לכתחילה לא, ורמינהו, בכל שוחטין בין בצור בין בזכוכית בין בקרומית של קנה? לא קשיא, כאן בתלוש, כאן במחובר, דאמר רב כהנא השוחט במחובר לקרקע, רבי פוסל, ורבי חייא מכשיר, עד כאן לא קא מכשיר ר׳ חייא אלא בדיעבד, אבל לכתחיל׳ לא, במאי אוקימתא? כרבי חייא ודיעבד, אלא הא דתניא בכל שוחטין בין בתלוש בין במחובר בין שהסכין למעלה, וצואר בהמה למטה, בין

---

והציפורן מפני שהן חונקין", אלע מעגען שעכטען און אימער מעגען זיי שעכטען און מיט יעדער זאך מעג מען שעכטען, די גמרא וועט ווייטער באשיידען, אויסער א קאסע מיט וועלכער מען שנייד תבואה איהרע שפיצען אלע זענען געבויגען צו איינזייטצו אראפ, און א זעג וואו איהרע שפיצען זענען מאנכע צו דער זייט או מאנכע זענען געבויגען צו דער פארקערטער זייט, און מיט ציין און מיט׳ן נאגעל, ווייל די אלע אויסער ציפורן ווערגען, ניט זיי שניידען, ער מיינט צו זאגען דעם טעם דאס צוליב די ציין אין זיי רייסען זיי נאר די פלייש, און די בהמה ווערט געווארגען פון דעם דרוק, און דער נאגעל איז פסול צוליב ער איז באהאפטען צום מענש און מיט א באהאפטענע זאך טאר מען ניט שעכטען? „השוחט דיעבד אין, לכתחילה לא? בשלמא במגל יד דילמא אתי למיעבד באידך גיסא", די משנה זאגט השוחט וואס מיינט אויב ער האט שוין געשאכטען, אבער אנפאנגס צו געהן מיט די זאכען שעכטען טאר מען ניט? אנדערש מיט א סערפ וועלכע האט צוויי שארפען איינע א גלאטע, און די צווייטע ווי א זעג, אז ער טאר ניט לכתחילה שעכטען איז רעכט, ווייל איך קלער איבער, טאמער וועט ער קומען טוען מיט דער צווייטער זייט וואס איז קארביג, „אלא צור וקנה לכתחילה לא, ורמינהו? בכל שוחטין בין בצור בין בזכוכות בין בקרומית של קנה"? אבער מיט א צור און קנה אנפאנגס ניט, וועל איך א קשיא פרעגען, מיר האבען געלערנט דאס מיט אלעמען מעג מען שעכטען, סיי מיט א שטיין סיי מיט א גלאז סיי מיט א שאל פון א שטעקען, זעהסט דאך גוט דאס מען מעג מיט זיי לכתחילה שעכטען? ענטפערט די גמרא „לא קשיא כאן בתלוש כאן במחובר", די משנה וואס זאגט אלס דיעבד אז ער האט געשאכטען, אבער אנפאנגס ניט, שמועסט וואו זיי זענען באהאפטען צו דער ערד. און די ברייתא וואס זאגט אפילו לכתחילה צו שעכטען שמועסט וואו דער צור און קרומית זענען אפגעריסען פון דער ערד. „דאמר רב כהנא השוחט במחובר לקרקע רבי פוסל ורי חייא מכשיר", דען רב כהנא האט געזאגט אז איינער שעכט מיט א בעהאפטענע זאך, רבי פסול׳ט און ר׳ חייא איז מכשיר, „עד כאן לא קא מכשיר רבי חייא אלא בדיעבד אבל לכתחילה לא", און ר׳ חייא איז ביז יעצט ניט מכשיר נאר בדיעבד אז ער האט שוין געשאכטען, אבער לכתחילה ניט, אין דעם שטייגער רעדט אונזער משנה, פרעגט די גמרא „במאי אוקימתא כרי חייא ודיעבד, אלא הא דתניא בכל שוחטין בין בתלוש בין במחובר, בין שהסכין למעלה וצואר בהמה למטה, בין שהסכין למטה וצואר בהמה למעלה, מני"? וויאזוי האסטו

שהסכין למטה, וצואר בחמה למעלה, מני? לא רבי ולא רבי חייא, אי ר׳ חייא דיעבד אין, לכתחילה לא, אי רבי דיעבד נמי לא? לעולם רבי חייא אפילו לכתחילה, והאי דקמיפלגי בדיעבד, להודיעך כחו דרבי, ואלא מתני׳ דקתני השוחט דיעבד אין, לכתחילה לא, מני? לא רבי, ולא רבי חייא, אי רבי חייא אפילו לכתחילה, אי רבי דיעבד נמי לא? לעולם רבי חייא, ואפי׳ לכתחילה, ומתניתין דקתני השוחט רבי היא, קשיא דרבי אדרבי? לא קשיא כאן במחובר מעיקרו, כאן בתלוש ולבסוף חיברו, ומנא תימרא דשני לן בין מחובר מעיקרו לתלוש ולבסוף חיברו? דתני׳ השוחט במוכני שחיטתו כשרה, במחובר

---

איינגעזעצט אונזער משנה ווי ר׳ חייא און דיעבד, איז דאָך אָבער שוועהר די ברייתא וואָס איז געלערנט דאָס מיט אַלדיננגס מעג מען שעכטען סיי מיט תלוש סיי מיט מחובר, סיי דער מעסער פון אויבען און דער האַלז פון דער בהמה פון אונטען, סיי דער מעסער פון אונטען און דער האַלז פון אויבען, ווי ווער קען די ברייתא אויסקומען? „לא רבי ולא רי חייא, אי רי חייא דיעבד אין, לכתחילה לא, אי רבי דיעבד נמי לא״? די ברייתא קען דאָך ניט אויס־קומען ניט ווי רבי און ניט ווי ר׳ חייא, וואָרים אויב ווי ר׳ חייא, זאָגט ער דאָך דאָס דיעבד יאָ, און לכתחילה ניט, און די ברייתא זאָגט דאָך אויף לכתחילה? און אויב ווידער ווי רבי, זאָגט ער דאָך דיעבד אויך ניט? ענטפערט די גמרא „לעולם רי חייא ואפילו לכתחילה, והאי דקמיפלגי בדיעבד להודיעך כחו דרבי״, לעולם קומט די ברייתא ווי ר׳ חייא און אפילו לכתחילה, איי וואָס זיי קריגען אין דיעבד? דאָס איז צו לאָזען וויסען דעם כוח און די רבותא פון רבי דאָס אפילו דיעבד פסול׳ט אויך רבי, פרעגט די גמרא „אלא מתניתין דקתני השוחט דיעבד אין, לכתחילה לא״? אָבער די משנה וואָס לערנט השוחט וואָס מיינט דיעבד יאָ, און לכתחילה ניט, ווי ווער קען זי אויסקומען, ניט ווי רבי און ניט ווי ר׳ חייא, וואָרים אויב ווי ר׳ חייא, זאָגט ער דאָך כשר אפילו לכתחילה, און אויב ווידער ווי רבי, ער פסול׳ט דאָך אפילו דיעבד? ענטפערט די גמרא „לעולם רבי חייא ואפילו לכתחילה, ומתניתין דקתני השוחט רבי היא״, לעולם קומט די ברייתא ווי ר׳ חייא אויף לכתחילה, און די משנה וואָס לערנט השוחט קומט ווי רבי, דאָס נאָר דיעבד איז כשר, פרעגט די גמרא, קשיא דרבי דרבי״? אויב אזוי איז דאָך שווער פון רבי אויף רבי, אין דער ברייתא פסול׳ט דאָך רבי אפילו דיעבד און אין דער משנה איז ער מכשיר בדיעבד? ענטפערט די גמרא „לא קשיא כאן במחובר מעיקרו כאן בתלוש ולבסוף חיברו״, עס איז ניט קיין קשיא, די משנה וואָס פסול׳ט דיעבד שמועסט ביי רעכטען מחובר און די ברייתא וואו רבי איז מכשיר דיעבד שמועסט וואו ער האָט עס צוריק באהאָפטען צו דער ערד, „ומנא תימרא דשני לן בין מחובר מעיקרו לתלוש ולבסוף חיברו? דתניא השוחט במוכני שחיטתו כשרה, במחובר לקרקע שחיטתו כשרה״, און פון וואַנען דרינגסטו דיר דעם אונטערשייד פאַר אונז צווישען רעכטען מחובר און א תלוש וואָס איז צוריק צו באהאָפטען געוואָרען? דען מיר האָבען געלערנט אז איינער שעכט מיט אזא מאַשין אין

לקרקע שחיטתו כשרה, נעץ סכין בכותל ושחט בה שחיטתו כשרה, היה צור יוצא מן הכותל או קנה עולה מאליו, ושחט בו, שחיטתו פסולה, **(דף ט״ז ע״א)** קשיין אהדדי? אלא לאו ש״מ שאני בין מחוב׳ מעיקרו, לתלוש ולבסוף חברו, ש״מ, אמר מר השוחט במוכני שחיטתו כשרה, והא תניא שחיטתו פסולה? ל״ק הא בסרנא דפחרא, הא בסרנא דמיא, ואיבעית אימא הא והא בסרנא דמיא, ולא קשיא הא בכח ראשון, הא בכח שני, וכי הא דא״ר פפא האי מאן דכפתיה לחבריה, ואשקיל

---

וועלכער עס איז צוגעפעסטיגט א מעסער וואס באוועגט זיך הין און צוריק איז זיין שחיטה כשר, מיט א זאך וואס איז באהאפטען צו דער ערד אז ער שעכט איז זיין שחיטה כשר, „נעץ סכין בכותל ושחט בה שחיטתו כשרה, היה צור יוצא מן הכותל או קנה עולה מאליו ושחט בה שחיטתו פסולה", אז ער האט ארייגעשטעקט א מעסער אין וואנד ער האט ארייגעשטעקט פאר דערווייל, ניט איבערלאזענדיג איהם אלס געהעריג צו דער וואנד פאר אימער, און געשאכטען אויף איהם פיהרענדיג דעם האלז פון דער בהמה הין און צוריק, איז זיין שחיטה כשר, שטארט ארויס א שארפער שטיין פון דער וואנד, אדער א שאל פון א שטעקען וואס וואקסט ארויס פון זיך זעלבסט פון אן ערדנע וואנד, און ער שעכט דערמיט, איז זיין שחיטה פסול, „קשיין אהדדי? אלא לאו שמע מינה שאני בין מחובר מעיקרא לתלוש ולבסוף חיברו, שמע מינה", איז דאך די ברייתא שווער איין פאל אויפ׳ן אנדערן, צוערשט זאגט ער אז מחובר צו דער ערד איז די שחיטה כשר, און צו דער ענד זאגט ער דאס זיין שחיטה איז פסול? נאר מוז זיין ניט אנדערש, אז עס איז אן אונטער־שייד ביי דיעבד צווישען נאטירליך באהאפטען און צווישען וואו ער אליין האט עס צוריק צו באהאפטען, איז גוט געדרינגען, „אמר מר השוחט במוכני שחיטתו כשרה, והתניא שחיטתו פסולה"? לא קשיא הא בסרנא דפחרא, הא בסרנא דמיא", אז מען שעכט מיט אזא מאשין איז זיין שחיטה כשר, מיר האבען דאך געלערנט פסול? עס איז ניט קיין קשיא, די ברייתא וואס זאגט די שחיטה איז כשר שמוסט ביי אזא מאשין ראד וואס מאכט ערדנע כלים וואו דער מענש דרעהט איהר אן, און די ברייתא וואס פסול׳ט שמועסט ביי א מאשין וואו דער דרוק פון וואסער באוועגט דעם מעסער, און מיר האבען ווייטער געלערנט דאס אויב א מעסער איז געפאלען און אזוי פון זיך זעלבסט געשאכטען איז די שחיטה פסול, ווייל עס דארף זיין וזבחת דו זאלסט שעכטען, נאר אז א כח פון מענש שעכט ניט פון זיך זעלבסט, „ואי בעית אימא הא והא בסרנא דמיא ולא קשיא הא בכח ראשון הא בכח שני", און אז ווילסט וועל איך דיר ענטפערן דאס ביידע ברייתות די און די שמועסען ביי א ראד וואס באוועגט זיך דורך וואסער דרוק, און עס איז אזוי אויך ניט שווער, דען די ברייתא וואס איז מכשיר שמועסט וואו דער ראד פאנגט אן זיך דרעהען פון ערשטען כח דורכ׳ן מענש וואס עפענט דעם צופלוס פון וואסער, און די ברייתא וואס פסול׳ט די שחיטה שמועסט פון א צווייטען כח וואו די ראד באוועגט זיך שוין פונ׳ם וואסער אליין, „וכי הא דאמר רב פפא האי מאן דכפתיה לחבריה ואשקיל

עליה בידקא דמיא ומית, חייב, מ״ט? גירי דידיה הוא דאהני ביה, וה״מ בכח ראשון, אבל בכח שני, גרמא בעלמא הוא, יתיב רב אחוריה דרבי חייא, ורבי חייא קמיה דרבי, ויתיב רבי וקאמ׳, מניין לשחיטה שהוא בתלוש? שנאמר (ראשי׳ כ״ב) ויקח את המאכלת לשחוט, א״ל רב לר׳ חייא מאי קאמר? א״ל וי״ו דכתיב אאופתא

---

עליה בידקא דמיא ומית, חייב, מאי טעמא? גירי דידיה הוא דאהני ביה״, ווי א שטייגער וואָס רב פפא האָט געזאָגט, אז איינער האָט געבונדען א צווייטען, און אויף איהם ארויפגעלאָזט א פערהאַלטנעם וואַסער ביז ער איז דערטראָנקען געוואָרען און געשטאָרבען, איז ער חייב אויף איהם, דען דאָס איז ווי זיין געווער מיט וועלכען ער טויטעד איהם, וואָס איז דער טעם? ווייל זיין ווירקונג האָט געהאָלפען צו דערטרענקען איהם, „והני מילי בכח ראשון אבל בכח שני גרמא בעלמא הוא״, און די רייד זענען נאָר געזאָגט, ווען מיט׳ן ערשטען כח ער האָט איהם דערטראנקען, דהיינו ער האָט איהם אוועקגעלעגט נעבען וואַסער און מיט׳ן עפענען דעם וואַסער איז עס גלייך צו צום מויל און געטראנקען איהם, אָבער אויב אביסעל ווייטער לעגט ער איהם אוועק און דאָס וואַסער קומענדיג אהין דערטרינקט איהם, הייסט עס שוין א צווייטער כח און עס הייסט נאָר א פעראורזאכונג פון טויט, „יתיב רב אחוריה דרבי חייא, ורי חייא קמיה דרבי ויתיב רבי וקאמר מנין לשחיטה שהיא בתלוש שנאמר ויקח את המאכלת לשחוט״, רב איז געזעסען הינטער ר׳ חייא און ר׳ חייא פאָר רבי וועלכער איז געזעסען און געזאָגט פון וואַנען איז געדרינגען דאָס דער מעסער טאָר ניט זיין באַהאָפטען צו דער ערד? דער פסוק זאָגט ער האָט גענומען דעם שעכט מעסער צו שעכטען, „אמר ליה רב לרי חייא מאי קאמר? אמר ליה וי״ו דכתיב אַמופתא קאמר״, האָט רב געזאָגט צו ר׳ חייא וואָס זאָגט רבי? האָט ער צו איהם געזאָגט, ער צייגט ווי עס שטעהט א וא״ו אויפ׳ן וואַנד פון שפאַלטען, ווי איינער רעדט ער זאָגט אַן אונמעג־ליכקייט, „והא קרא קאמר? קרא זירוזותיה דאברהם קא משמע לן״, דו זאָגסט ער זאָגט גאָרניט ער זאָגט דאָך א פסוק? האָט ער איהם געענטפערט דער פסוק איז ניט קיין באַוויז, ער איז געזאָגט אויף צו ווייזען די געוואָרנטקייט פון אברהם, דאָס ער האָט זיך ניט פאַרלאָזט אויף א זאַך ווי עס וועט זיך מאַכען צו שעכטען מיט א זאַך וואָס איז מחובר אָבער עס מיינט נאָך אַלץ ניט דאָס מען טאָר ניט, די דרשה איז באַזירט ווייל דער פסוק וויל דאָך פאָרשטעלען, דאָס ווי נאָר אברהם האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנד צו שעכטען, האָט שוין דער מלאך פון הימעל גערופען טו ניט, לויט דעם האָט דאָך געדאַרפט שטעהן, ויהי אך שלח ידו לשחוט ויקרא אליו מלאך ה׳ מן השמים, ווי א שטייגער עס שטעהט ביי יעקב ויהי אך יצא יצא יעקב ויבא עשו, ווי נאָר יעקב איז אַרויס איז שוין עשו אָנגעקומען, וואָס עפּעס זאָגט דער פסוק ויקח את המאכלת? איז וואַרשיינליך איינוועגס צו לאָזען הערען, דאָס דער מעסער דאַרף זיין בתלוש, מען זאָל דעם מעסער באַוועגען צום שעכטען דעם האַלז, ניט פאַרקערט, אויף דעם האָט ר׳ חייא גזאָגט עס איז גלייך ווי א וא״ו זאָל

קאמר, והא קרא קאמר? קרא זריזותיה דאברהם קמ"ל, אמ' רבא פשיטא לי תלוש ולבסוף חברו לענין עכו"ם, הוי תלוש, דאמר מר המשתחוה לבית שלו אסרו, ואי ס"ד הוי מחובר (דברי' י"ב) אלהיהם על ההרים ולא ההרים אלהיהם, לענין הכש' זרעים תנאי היא, דתנן הכופה קערה על כותל בשביל שתודח, הרי זה בכי יותן, בשביל

---

זיין געשריבען אויף שפּאַלטען, מיינענדיג צו זאָגען דאָס עס איז ניט געדרינגען, ווייל די ווערטער באַציהען זיך צו אויבען וואו ער זאָגט ויקח בידו את האש ואת המאכלת וילכו שניהם יחדיו, דאָס אברהם האָט גענומען אין האַנד דעם פייער און דעם מאכלת, מאכלת קען דאָך מיינען אויך די האָלץ וואָס פלאַקערט אונטער אויפצוהאַלטען דעם פייער, דען יצחק האָט דאָך אויף דעם געפרעגט, הנה האש והעצים, דו האָסט די פייער און די האָלץ און וואו איז דער לאַם? און ווארום האָט ער ניט געזאָגט הנה האש והעצים והמאכלת? מוז זיין, דאָס צוליב דעם זאָגט דער פסוק ויקח את המאכלת לשחוט את בנו, דאָס דער מאכלת מיינט אויך דעם מעסער צו שעכטען זיין זוהן, און ער האָט דאָס נאָך פריהער צוגעגרייט און מיטגענומען, זיך ניט פאַרלאָזט צו טרעפען ערגעץ צו קענען שעכטען אויף אַ שאַרפען שטיין וואָס שטאַרט אַרויס, האָטש מען מעג אַזוי, איז ער פונדעסטוועגען געוואָרנט צו דער מצוה. דעריבער האָט יצחק דעם מאכלת ניט דערמאָנט, „אמר רבא פשיטא לי תלוש ולבסוף חברו לענין עבודת כוכבים הוי תלוש, דאמר מר המשתחוה לבית שלו אסרו", האָט רבא געזאָגט דאָס איז מיר אַ געוויס, דאָס אַ תלוש וואָס ער האָט צוריק צו באַהאַפטען, געגען עבודה זרה, האָט דעם דין פון תלוש, דען דער תנא האָט געזאָגט אַז איינער בוקט זיך צו זיין הויז האָט ער איהר גע'אסור'ט האָטש די הויז איז מחובר צו דער ערד, „ואי סלקא דעתך הוי מחובר, אלהיהם על ההרים ולא ההרים אלהיהם"? און אויב דו וועסט דענקען אַז די הויז האָט טאַקע דעם דין פון מחובר, וואָלט דאָך ער איהר ניט קענען אסור'ן מיט'ן בוקען זיך צו איהר, דען דער פסוק זאָגט דאָך, זייערע געטער אויף די בערג, אָבער ניט זייערע בערג אַלס געטער? דאָס איז דערפאַר ווייל די הויז איז ניט מחובר פון אימער נאָר זי איז געמאַכט צו זיין מחובר, „לענין הכשר זרעים תנאי היא", געגען דעם, אַז וואַסער וואָס איז געוועזען תלוש און געוואָרען מחובר צו דער ערד אריינפאַלענדיג אין אַ גרוב, און אין זיי איז אריינגעפאַלען זאַמען אָדער אַנדערע פירות, צו זיי ווערען מוכשר און גרייט צו קענען צונעמען אַ טומאה אויף זיך, פון די וואַסערן, קריגען אין דעם תנאים צו די וואַסער הייסט מחובר צו ניט, „דתנן הכופה קערה על הכותל בשביל שתודח הרי זה בכי יותן, בשביל שלא ילקה הכותל אינו בכי יותן", דען מיר האָבען געלערנט אין אַ משנה, אַז איינער קערט איבער אַ כלי אויף אַ וואַנד אום דער רעגען זאָל איהר אָפּשווענקען, און די וואַסער ווערענדיג באַהאַפטען צו דער ערד, האָט נאָכהער באַנעצט פירות, זענען זיי אונטער'ן דין כי יותן מים על זרע, אַז זיי זענען מוכשר צו מקבל זיין טומאה, ווייל איהם איז די וואַסער צום ווילען געוועזען בעפאָר צו

שלא ילקה הכותל, אינו בכי יותן, הא גופא קשיא, אמרת בשביל שתודה, הרי זה בכי יותן, הא בשביל שיודה הכותל אין זה בכי יותן, והדר תני בשביל שיודה הכותל ה״ז בכי יותן? א״ר אלעזר תברא מי ששנה זו לא שנה זו, רב פפא אמר כולה חד תנא הוא, הא בכותל מערה, הא בכותל בניין, והכי קאמר הכופה קערה על הכותל, בשביל שתודה, הרי זה בכי יותן הא בשביל

---

אָפּשווענקען די כלי, אָבער אז ער האָט אוועקגעלעגט די כלי נעבען דער וואַנד אום זי זאָל ניט פאַרשפּריצט ווערען, האָט די וואַסער ניט דעם דין פון כי יותן, ווייל איהם איז ניט ניחה געווען די וואַסער, און עס איז אַ גזירת הכתוב אַזאַ באַפעהל פון פסוק, אויף מכשיר צו זיין מוז זיין ניחה ליה, פרעגט די גמרא, „הא גופא קשיא אמרת בשביל שתודח הרי זה בכי יותן, הא בשביל שיודח הכותל אין זה בכי יותן, והדר תני בשביל שלא ילקה הכותל אינו בכי יותן, הא בשביל שיודח הכותל הרי זה בכי יותן"? די זאַך גופא איז דאָך אינגאַנצען שווער, דו זאָגסט דאָס אויב ער האָט אוועקגעלעגט די כלי אויף אָפּגעשווענקט צו ווערען איז די וואַסער אונטער׳ן דין פון כי יותן און זי איז מכשיר, ווייזט דאָך פון דעם אויס, דאָס אויב אָבער ער האָט אין זינען געהאַט, די וואַנד זאָל אָפּגעשווענקט ווערען, זענען זיי ניט בכי יותן, או דערנאָך לערנט ער, דאָס אויב ער האָט אין זינען געהאַט, די וואַנד זאָל אָפּגעשווענקט ווערען, איז די וואַסער יאָ בכי יותן, איז דאָך שווער פון דער רישא אויף דער סיפא? „אמר ר׳ אלעזר תברא מי ששנה זו לא שנה זו", צוברעך די רישא מיט דער דער סיפא, עס זאָל ניט הייסען דאָס איין תנא זאָגט דיביידע פאַלען, נאָר דער וואָס זאָגט די רישא, זאָגט ניט די סיפא, און דאָ האָסטו די מחלוקת, איינער האַלט די וואַנד אַלס תלוש דעריבער אז ער האָט אין זינען געהאַט, דער רעגען זאָל אָפּשווענקען די וואַנד, איז די וואַסער ווייטער מכשיר, ווייל עס איז איהם ניחה געווען פאַר שווענקען די וואַנד, און איינער האַלט די וואַנד פאַר מחובר, איז דעריבער די וואַסער ניט מכשיר ווייל וואַסער אַלס מחובר איז ניט מכשיר, סיידען זי פאַלט אויף אַ זאַך וואָס איז תלוש ווי די כלי, „רב פפא אמר כולה חד תנא הוא, הא בכותל מערה הא בכותל בנין", רב פפא זאָגט, דאָס ביידע פאַלען זאָגט איין תנא, און נאָכאַמאָהל צו באַ־האָפטען הייסט ווי תלוש, איי וואָס איז שווער פון דער רישא אויף דער סיפא? נאָר איין פאַל שמועסט ביי אַ נאַטירליכע וואַנד וואו די מערה איז אויסגעגראָבען און די ווענד זענען פון זיך זעלבסט וואָס הייסט מחובר פון דער נאַטור, און איין פאַל שמועסט פון אַ געבויטע וואַנד, וואָס איז תלוש און צוריק באַהאָפטען צו דער ערד, „והכי קאמר הכופה קערה על הכותל בשביל שתודח הרי זה בכי יותן, הא בשביל שיודח הכותל אין זה בכי יותן, במה דברים אמורים בכותל מערה, אבל בכותל בנין בשביל שלא ילקה הכותל הוא דאינו בכי יותן, הא בשביל שיודח הכותל, הרי זה בכי יותן", און אַזוי מיינט די ברייתא מיט די פאַלען וואָס זי זאָגט, אז איינער קערט איבער אַ שיסעל אויפ׳ן וואַנד, זי זאָל ווערען אָפּגעשווענקט פונ׳ם רעגען, און די וואַסער נאָכהער באַנעצט זיינע

שיודה הכותל, אין זה בכי יותן בד"א בכותל מערה, אבל בכותל בנין, בשביל שלא ילקה הכותל הוא דאינו בכי יותן, הא בשביל שיודח הכותל, הרי זה בכי יותן, בעי רבא תלוש ולבסוף חברו לענין שחיטה מאי? ת"ש היה צור יוצא מן הכותל, או שהיה קנה עולה מאיליו, ושחט בו, שחיטתו פסולה? הכא במאי עסקינן בכותל מערה, דיקא נמי דקתני דומיא דקנה עולה מאיליו, ש"מ, ת"ש נעץ סכין בכותל ושחט בה שחיטתו כשרה? שאני סכין דלא מבטל ליה, ת"ש במחובר לקרקע שחיטתו כשרה? **דילמא פרושי קא מפרש לה מאי**

---

פירות, זענען זיי בכי יותן און מכשיר די פירות, אָבער אז ער האָט געמיינט צו אָפּשווענקען די וואנד זענען זיי ניט בכי יותן, **ווען זאָג איך דאָס, נאָר** ביי א וואנד פון א מערה, וואָס איז רעכטער מחובר פון דער נאַטור, אזא וואסער קען ניט מכשיר זיין, אָבער ביי א געבויטער וואנד אז ער האָט אין זינען געהאַט מיט דער שיסעל די וואנד זאָל ניט פאַרשפריצט ווערען, דאַמאָלסט זענען זיי ניט בכי יותן, ווייל איהם איז דאָך ניט אַנגענעם די וואסער, ער וויל דאָך איהר ניט, אָבער אז ער וויל איהר יאָ, דהיינו ער שטעלט אזוי די שיסעל די וואסער זאָל צוריקשפריצען אויפ'ן וואנד אום איהר אָפּצושווענקען, דאַמאָלסט זענען זיי בכי יותן אויב זיי האָבען נאכהער באַנעצט זיינע פירות, ווייל די וואנד הייסט תלוש און איהם איז ניחה געווען די וואסער, „בעי רבא תלוש ולבסוף חברו לענין שחיטה מאי"? רבא האָט געפרעגט אז מען האָט א תלוש צוריק באַהאָפטען, ווי איז דער דין געגען שחיטה? „תא שמע היה צור יוצא מן הכותל או שהיה קנה עולה מאליו, ושחט בו שחיטתו פסולה", קום איך וועל דיר פּושט זיין, מיר האָבען געלערנט אז א שארפער שטיין האָט ארויס געשטאַרט פון וואנד, אָדער אזא שטעקעלע גראָז וואָס איז שאַרף, איז ארויס־געוואַקסען פון זיך זעלבסט און ער האָט געשאָכטען דערמיט איז זיין שחיטה פסול, זעהסט דאָך אז תלוש וואָס איז געוואָרען באַהאָפטען, האָט דעם דין פון מחובר, זאָגט די גמרא לעולם זאָג אז תלוש ולבסוף חברו האָט דעם דין פון תלוש, איי וואָרום איז דאָ די שחיטה פסול? „הכא במאי עסקינן? בכותל מערה, דיקא נמי דקתני דומיא דקנה עולה מאליו, שמע מינה", ווייסטו ווי דאָ שמועסט? ביי א וואנד פון אַן אויסגעגראָבענע מערה, וואו די וואנד איז פון ערד און באַהאָפטען פון אימער, דו קענסט דיר אויך דרינגען פון דעם וואָס ער לערנט צו גלייך מיט קנה וואָס איז אַליין אויפגעגאַנגען, איז געדרינגען אז די ברייתא מיינט וועגען א נאַטירליכער וואנד, אָבער א געבויטע וואנד הייסט טאַקע תלוש, „תא שמע נעץ סכין בכותל ושחט בה שחיטתו כשרה", קום איך וועל דיר פּושט זיין פון אַן אנדערן פאַל פון דער ברייתא, אז ער האָט אריינגעשטעקט א סכין אין וואנד און געשאָכטען מיט איהר, איז זיין שחיטה כשר, זעהסט דאָך גוט, אז א געבויטע וואנד הייסט תלוש, ענטפערט די גמרא לעולם שמועסט די וואנד אויך ביי א נאַטירליכע, איי וואָרום איז זיין שחיטה כשר? „שאני סכין דלא מבטל ליה", נאָר ביי א סכין איז אנדערש ווייל ער גיט ניט אויף דעם סכין פאַרלאָזענדיג איהם צום וואנד, „תא שמע במחובר לקרקע שחיטתו כשרה" אז ער האָט געשאָכטען מיט א באַהאָפטענע זאך צו

מחובר לקרקע? סכין דלא מבטל ליה, אמר מר נעץ סכין בכותל ושחט בה שחיטתו כשרה, א״ר ענן אמר שמואל לא שנו, אלא שהסכין למעלה, וצואר בהמה למטה, אבל סכין למטה, וצואר בהמה למעל׳ היישינן שמא ידרוס, והא קתני בין שהסכין למטה וצואר בהמה למעלה, בין שהסכין למעלה וצואר בהמה למטה? א״ר זביד לצדדין קתני, סכין למטה וצואר בהמה למעלה בתלושה, סכין למעלה וצואר בהמה למטה במחובר, רב פפא אמר בעופא דקליל, אמ׳ רב חסדא א״ר יצחק ואמרי לה במתניתא תנא ה׳ דברים נאמרו בקרומית של קנה, אין שוחטין בה, ואין מלין בה, ואין מחתכין בה בשר, ואין

---

דער ערד איז זיין שחיטה כשר, און מען האָט אויבען איינגעזעצט אַז עס שמועסט ביי תלוש ולבסוף חברו, איז דאָך גערדרינגען אַז עס הייסט תלוש, ענטפערט די גמרא לעולם קען זיין אַז עס הייסט מחובר, איי וואָרום איז זיין שחיטה, דאָ כשר? ווייל „דילמא פרושי קא מפרש לה מאי מחובר לקרקע סכין דלא מבטל ליה", ווייל פילייכט וואָס די ברייתא זאָגט נאָכהער וועגען נעץ סכין, מיינט זי מיט דעם פאַל צו באַשיידען וואָס עס מיינט במחובר לקרקע, אַז עס מיינט ער שטעקט אריין אַ סכין, וועלכען ער איז ניט מבטל צו דער ערד אָדער צום וואַנד, דעריבער איז די שחיטה כשר, אָבער אַ צור ווען ער שטעקט אריין וואָלט טאַקע זיין פסול, די שחיטה, „אמר מר נעץ סכין בכותל ושחט בה שחיטתו כשרה, אמר רב ענן אמר שמואל לא שנו אלא שהסכין למעלה וצואר בהמה למטה, אבל סכין למטה וצואר למעלה חיישינן שמא ידרוס", רב ענן האָט געזאָגט אין נאָמען פון שמואל דאָס די חכמים האָבען ניט געלערנט דעם דין נעץ סכין בכותל אַז זיין שחיטה איז כשר סיידען דער סכין איז פון אויבען מיט דער שאַרף אַראָפּ און דער האַלז פון דער בהמה אונטען, און ער פיהרט איהם איבער דער שאַרף הין און צוריק, אָבער אַז דער סכין איז פון אונטען מיט דער שאַרף אַרויף און דער האַלז פון אויבען, האָבען מיר צו באַזאָרגען, טאָמער וועט ער מאַכען אַ דריסה, צוליב דער שווערקייט פונ׳ם האַלז אויפ׳ן סכין אַרונטערקוועטשענדיג אינגאַנצען, פרעגט די גמרא, „והא קתני בין שהסכין למטה וצואר בהמה למעלה"? די ברייתא לערנט דאָך, דאָס עס איז קיין אונטערשייד צו דער סכין איז פון אויבען צו פון אונטען? „אמר רב זביד לצדדין קתני, סכין למטה וצואר בהמה למעלה בתלוש, סכין למעלה וצואר בהמה למטה במחובר", האָט רב זביד געענטפערט די ברייתא לערנט די פאַלען זייטווערטס ניט אין איין וועג, דעם פאַל פון סכין אונטען און דעם האַלז אויבען מיינט זי אַלס תלוש און דעם פאַל, דעם סכין אויבען און דעם האַלז אונטען, מיינט זי אַלס מחובר, „רב פפא אמר בעופא דקליל", רב פפא ענטפערט אַז דער פאַל וואו דער האַלז איז פון אויבען אויפ׳ן מעסער שמועסט ביי אַ געפליגעל וואָס איז גרינג, מאַכט ער ניט קיין דרסה, „אמר רב חסדא אמר ר׳ יצחק ואמרי לה במתניתא תנא ה׳ דברים נאמרו בקרומית של קנה, אין שוחטין בה, ואין מלין בה ואין מחתכין בה בשר, ואין מחצצין בה שינים, ואין מקנחים בה", רב חסדא האָט געזאָגט אין נאָמען

מחצצין בה שינים, ואין מקנחים בה, אין שוחטין בה, והתניא בכל שוחטין בין בצור בין בזכוכית בין בקרומית של קנה? אמר רב פפא בסימונא דאגמא, ואין מחתכין בה בשר, רב פפא מחתך בה קירבי דגים דזיגי, רבה בר רב הונא מחתך בה עופא דרכיך, ואין מקנחין בה, תיפוק ליה, משום דאמר מר המקנח בדבר שהאור שולטת בו שיניו נושרות? א"ר פפא קינוח פי מכה קאמרינן: הכל שוחטין ולעולם שוחטין: הכל שוחטין הכל בשחיטה, ואפי' עוף לעולם שוחטין מאן תנא? אמר רבה רבי ישמעאל היא דתניא (דברי' י"ב) כי ירחיב ה' אלהיך את גבולך כאשר דבר לך ואמרת אוכלה בשר וגו' רבי ישמעאל אומר לא בא הכתוב אלא להתיר להם בשר תאוה, שבתחילה נאסר

---

פון ר' יצחק און טייל זאָגען דאָס אין א ברייתא איז דאָס געלערנט, פינף זאכען זענען געזאָגט געוואָרען ביי אזא שאָל פון א ריטעל וואָס איז שארף, דאָס מען שעכט ניט דערמיט ווייל די שארף ברעקעלט זיך, און מען איז ניט מל דערמיט און מען שנייד ניט קיין פלייש דערמיט און מען מאכט ניט אויס קיין ציינער דערמיט און מען איז זיך ניט מקנח דערמיט צוליב געפאר, פרעגט די גמרא „אין שוחטין בה והתניא בכל שוחטין בין בצור בין בזכוכית בין בקרומית של קנה"? דו זאָגסט מען שעכט ניט דערמיט, מיר האָבען דאָך געלערנט דאָס מיט אלעם קען מען שעכטען סיי מיט א שארפען שטיין סיי מיט א שטיק גלאָז סיי מיט א שאָל פון א ריט? „אמר רב פפא בסימונא דאגמא", האָט רב פפא געענטפערט אז וואו מען מעג יאָ שעכטען דערמיט שמועסט ביי אזא שאָל וואָס הייסט סימונא זי איז שארף און ברעקעלט זיך ניט, „ואין מחתכין בה בשר רב פפא מחתך בה קרבי דגים"? דו זאָגסט מען שנייד ניט קיין פלייש דערמיט, רב פפא האָט דאָך געשניטען די אינעווענינגסטע קישקאלעך פון פיש? ענטפערט די גמרא, „דזיגי", די קישקאלעך זענען דורכזיכטיג אויב עס וואָלט זיך עפּעס אָפּליפּען פון דער שאָל וואָלט ער זעהן, „רבה בר רב הונא מחתך בה עופא"? רבה האָט דאָך געשניטען דערמיט געפליגעל? ענטפערט די גמרא, „דרכיך", אז עוף איז ווייך און ברעקעלט דעריבער ניט אָפּ פון דער קרומית של קנה, „ואין מקנחין בה, תיפוק ליה משום דאמר מר המקנח בדבר שהאור שולטת בו שניו נושרות"? דו זאָגסט מען ווישט זיך ניט אָפּ דערמיט צוליב דער געפאר ער וועט זיך עפּעס אריינגעמען, דרינג דיר צוליב דער תנא האָט געזאָגט אז אויב מען איז זיך מקנח מיט אזאך וואָס ברענט, פאלען די פאלבען ארויס? (דער אונטערלייב איז צוזאמענגעפאלבט ארום, ווי ציינער אין דער רייהע) „אמר רב פפא קינוח פי מכה קאמרינן", האָט רב געענטפערט מיר מיינען צו אָפּווישען דעם עפענונג פון א מכה דאָס טאָר מען צוליב געפאר טאָמער וועט ער עפּעס אריינגעמען אין דער וואנד: „הכל שוחטין ולעולם שוחטין: הכל שוחטין הכל בשחיטה ואפילו עוף", הכל שוחטין מיינט מען דאָס אלעם דארף האָבען שחיטה אפילו געפליגעל, „לעולם שוחטין מאן תנא? אמר רבה רבי ישמעאל היא, דתניא כי ירחיב ה' אלקיך את גבולך כאשר דבר לך ואמרת אוכלה בשר וגו' ר' ישמעאל אמר לא בא הכתוב אלא

להם בשר תאוה, משנכנסו לארץ הותר להם בשר תאוה, ועכשיו שגלו יכול יחזרו לאיסורן הראשון, לכך שנינו לעולם שוחטין מתקיף לה רב יוסף האי לעולם שוחטין לעולם שוחטין ואוכלין מיבעי ליה? ועוד מעיקרא מ״ט איתסר? משום דהוו מקרבי למשכן, ולבסוף מ״ט אישתרו? דהוו מרחקי ממשכן (דף י״ז ע״א) וכל שכן השתא דאירחיק׳ להו טפי, אלא אמר רב יוסף ר׳ עקיבא היא, דתניא (דברי׳ י״ב) כי ירחק ממך המקום אשר יבחר ה׳ אלהיך לשום שמו שם, וזבחת מבקרך ומצאנך, רבי עקיבא אומר לא בא הכתוב אלא לאסור להן בשר נחירה,

---

להתיר להם בשר תאוה״, ווי ווער וועט אויסקומען די משנה דאָס אימער מעג מען שעכטען? האָט רבה געזאָגט ווי ר׳ ישמעאל דען מיר האָבען געלערנט דער פסוק זאָגט אז ג־ט וועט אויסברייטערן דיינע גרענצען עראָבערינג ארץ ישראל, ווי ער האָט צו דיר גערעדט און דו וועסט זאָגען איך וויל עסען פלייש, זאָלסטו שעכטען און עסען, האָט ר׳ ישמעאל געזאָגט דער פסוק קומט ניט נאָר צו ערלויבען צו עסען פלייש, בלויז ווייל עם ווילט זיך עסען פלייש, „שבתחילה נאסר להם בשר תאוה, משנכנסו לארץ הותר להם בשר תאוה ועכשיו שגלו יכול יחזרו לאיסורן? לכך לעולם שוחטין״, דען בעפאָר האָבען זיי ניט געטאָרט עסען קיין פלייש נאָר דורך קרבנות פון שלמים אין דער מדבר, און ווען זיי זענען פאַרטריבען געוואָרען פון לאַנד, וואָלט איך מיינען דאָס זיי געהן צוריק צום ערשטען פאַרבאָט? דעריבער האָבען מיר געלערנט אין דער משנה דאָס אימער מעג מען שעכטען און עסען פלייש, „מתקיף לה רב יוסף האי לעולם שוחטין, לעולם שוחטין ואוכלין מיבעי ליה״? האָט רב יוסף אַ קשיא געפרעגט דאָס וואָס די משנה זאָגט לעולם שוחטין, זי האָט דאָך געדאַרפט זאָגען, דאָס אימער מעג מען שעכטען און עסען ניט בלויז שוחטין? „ועוד מעיקרא מאי טעמא איתסר? משום דהוו מקרבי למשכן, ולבסוף מאי טעמא אישתרו דהוא מרחקי ממשכן וכל שכן השתאָ דארחיקו להו טפי״? און נאָך אַ פראַגע, אָנפאַנג וואָרום איז צו זיי פאַרבאָטען געווען פלייש? צוליב ווייל זיי זענען געווען נאָהענט צום משכן, האָבען זיי דאָך געקענט ברייינגען שלמים און עסען די פלייש, און דאַן אריינקומענדיג אין לאַנד וואָרום איז צו זיי צוריק ערלויבט געוואָרען צו עסען פלייש? צוליב ווייל זיי זענען דערווייטערט געוואָרען פון משכן, איז דאָך אַ געוויס אַזוי פאַר היינט ווען מיר זענען נאָכמעהר דערווייטערט, דאָס געוויס מיר מעגען עסען בשר תאוה? היינט נעגען וואָס זאָגט די משנה לעולם שוחטין? „אלא אמר רב יוסף רבי עקיבא היא דתניא כי ירחק ממך המקום אשר יבחר ה׳ אלקיך לשום שמו שם וזבחת מבקרך ומצאנך, ר׳ עקיבא אומר לא בא הכתוב אלא לאסור להן בשר נחירה״, נאָר האָט רב יוסף געזאָגט די משנה קומט אויס ווי ר׳ עקיבא, דען מיר האָבען געלערנט דער פסוק זאָגט אז דער פלאַץ פון בית המקדש וואו ג־ט האָט אויסגעוועהלט צו טוען זיין נאָמען דאָרט, זאָלסטו שעכטען פון דיינע רינדער און פון דיינע שאָף, ר׳ עקיבא זאָגט דער פסוק קומט ניט, נאָר צו פאַרביעטען זיי געשטאָכען פלייש, נאָר געשאָכטען פלייש מעג מען עסען,

שבתחילה הותר להן בשר נחירה, משנכנסו לארץ אסר להן בשר נחירה, ועכשיו שגלו יכול יחזרו להיתירן הראשון לכך שנינו לעולם שוחטין: במאי קמיפלגי רבי עקיבא סבר בשר תאוה לא איתסר כלל, ר' ישמעאל סבר בשר נחירה לא אישתרי כלל, בשלמא לר' ישמעאל היינו דכתיב (ויקרא א) ושחט את בן הבקר, אלא לרבי עקיבא מאי ושחט? קדשים שאני, בשלמא לרבי ישמעאל היינו דכתיב (במדבר י"א) הצאן ובקר ישחט להם, אלא לר"ע מאי הצאן ובקר ישחט להם, ינחר להם מיבעי ליה? נחירה שלהן זו היא שחיטתן, בשלמא לרבי ישמעאל היינו דתנן השוחט ונתנבלה בידו, והנוחר והמעקר פטור מלכסות, אלא לר' עקיבא אמאי פטור מלכסות? הואיל ואיתסר איתסר, בשלמא לר"ע דאמר בשר

---

„שבתחילה הותר להן בשר נחירה, משנכנסו לארץ נאסר להן בשר נחירה, ועכשיו שגלו יכול יחזרו להיתירן הראשון לכך שנינו לעולם שוחטין", דען אַנפאַנגס אין דער מדבר איז זיי ערלויבט געווען צו עסען געשטאָכען פלייש, און ווען זיי זענען אריין אין לאַנד איז צו זיי פאַרבאָטען געוואָרען בשר נחירה, או יעצט אז זיי זענען צוריק פאַרטריבען געוואָרען פון לאַנד, וואָלט איך מיינען, דאָס זיי קומען צוריק צו זייער ערשטען היתר צו מעגען עסען בשר נחירה? דעריבער האָבען מיר געלערנט, דאָס אימער דאַרף מען שעכטען: פרעגט די גמרא, „במאי קא מיפלגי? ר' עקיבא סבר בשר תאוה לא איתסר כלל ר' ישמעאל סבר בשר נחירה לא אישתרי כלל", אין וואָס קריגען זיי? ר' עקיבא האַלט דאָס בשר תאוה בלויז ווייל עס ווילט זיך עסען פלייש ניט ברענגענדיג קיין שלמים, איז קיינמאָהל ניט פאַרבאָטען געווען, דעריבער קומט דער פסוק צו פאַרבאָטען נחירה, און ר' ישמעאל האַלט דאָס בשר נחירה (דורך שטעכען) איז קיינמאָהל ניט ערלובט געווען, קומט דער פסוק אויף בשר תאוה, פרעגט די גמרא „בשלמא לרי ישמעאל היינו דכתיב ושחט את בן הבקר, אלא לרי עקיבא מאי ושחט"? אַנדערש נאָך ר' ישמעאל איז רעכט וואָס דער פסוק זאָגט ביי קרבנות אין דער מדבר, ער זאָל שעכטען דעם יונגרינד, אָבער נאָך ר' עקיבא וואָס זאָגט עפּעס דער פסוק ער זאָל שעכטען עס מעג דאָך אויך זיין נחירה? ענטפערט די גמרא „קדשים שאני", קדשים איז אַנדערש ביי זיי איז שוין יאָ געווען שחיטה, „בשלמא לרי ישמעאל היינו דכתיב הצאן ובקר ישחט להם, אלא לרי עקיבא מאי הצאן ובקר ישחט להם, ינחר להם מיבעי ליה"? אַנדערש נאָך ר' ישמעאל איז רעכט וואָס שטעהט אויב מען וועט אויסשעכטען אַלע שאָף און רינדער, אָבער נאָך ר' עקיבא וואָס עפּעס זאָגט ער ישחט להם, ער האָט דאָך געדאַרפט זאָגען ינחר להם? ענטפערט די גמרא „נחירה שלהן זו היא שחיטתן" זייער נחירה איז אין פלאַץ פון שחיטה, ער מיינט טאַקע נחירה דורכלעכערן דעם האַלז אין דער לענג, „בשלמא לרי ישמעאל היינו דתנן השוחט ונתנבלה בידו והנוחר והמעקר פטור מלכסות, אלא לרי עקיבא אמאי פטור מלכסות"? אַנדערש נאָך ר' ישמעאל איז רעכט וואָס די משנה זאָגט אז איינער שעכט און זי איז געוואָרען נבלה אין זיין האַנד, דהיינו ער האָט קאַלע געמאַכט די שחיטה, אָדער באַוואוסטזיניג שטעכט ער אויף, אָדער

תאוה לא איתסר כלל, היינו דכתיב (דבר' י"ב) אך כאשר יאכל את הצבי ואת האיל, כן תאכלנו, אלא לרבי ישמעאל צבי ואיל גופיה מי הוי שרי? כי אסר רחמנא בהמה דחזיא להקרבה, אבל חיה דלא חזיא להקרבה לא אסר רחמנא, בעי רבי ירמיה איברי בשר נחירה שהכניסו ישראל עמהן לארץ מהו? אימת? אילימא בשבע שכבשו, השתא דבר טמא

---

ער רייסט אָפּ די סימנין מיט אַ מעסער פונוואַנען זיי פאַנגען זיך אָן, איז דער דין ביי אַ חיה, אָדער אַן עוף, דאָס ער איז פטור פון צודעקען די בלוט, אָבער נאָך ר' עקיבא וואָרום זאָל ער פטור זיין פון צודעקען, עס איז דאָך דאַמאָלסט ראוי געווען צו עסען, דען נחירה האָט דאָך דאַמאָלסט געהייסען שחיטה און די תורה האָט אויף דעם געזאָגט מען זאָל צודעקען די בלוט? ענטפערט די גמרא „הואיל ואיתסר איתסר" אַזויווי עס איז שוין פאַרבאָטען געוואָרען, איז עס פאַרבאָטען געוואָרען, און מען דאַרף ניט צודעקען נאָר דאָ וואו עס איז ראוי צו עסען ווייל דער פסוק זאָגט אשר יאכל ושפך וכסה, די זאַך וואָס ווערט געגעסען און ער שעכט עס דאַרף ער צודעקען די בלוט, פרעגט די גמרא „בשלמא לרי עקיבא דאמר בשר תאוה לא איתסר כלל, היינו דכתיב אך כאשר יאכל את הצבי ואת האיל, כן תאכלנו, אלא לרי ישמעאל צבי ואיל גופיה מי הוה שריי"? אַנדערש נאָך ר' עקיבא איז רעכט וואָס דער פסוק זאָגט, נאָר אַזויווי אַ הירש און אַן אינד ווערען געגעסען יעצט אין טומאה, דאָס אַ טמא מיט אַ טהור מעגען עסען צוזאַמען, אַזוי קומענדיג אין לאַנד, חאָטש איהר וועט זיין פאַרפליכטעט צו שעכטען אויך בקר מיט צאן, ווי אַ שטייגער יעצט מען מוז שעכטען קדשים, פונדעסטוועגען וועט איהר ניט דאַרפען היטען קעגען טומאה, ווי ביי קדשים, נאָר איהר וועט איהם קענען עסען ווי צבי און איל יעצט, ניט היטענדיג זיך געגען טומאה, אבער נאָך ר' ישמעאל וואָס זאָגט דאָס נחירה איז קיינמאָהל מותר געווען, איז דען אַ חיה מותר געווען צו עסען, האָבען זיי דאָך קיינמאָהל קיין חיה ניט געגעסען אין דער מדבר, וואָס דען זאָגט דער פסוק אַזויווי איהר עסט יעצט צבי און איל, אַ טמא מיט אַ טהור צוזאַמען, אַזוי וועט איהר מעגען עסען בקר און צאן קומענדיג אין לאַנד? ענטפערט די גמרא, „כי אסר רחמנא בהמה דחזיא להקרבה אבל חיה דלא חזייא להקרבה לא אסר רחמנא", ר' ישמעאל מיינט אַזוי וואו האָט די תורה פאַרבאָטען צו עסען פלייש? נאָר פון אַ בהמה וואָס איז ראוי פאַר'ן מזבח, אָבער אַ חיה וואָס איז ניט ראוי פאַר'ן מזבח האָט די תורה ניט פאַרבאָטען, און ער האָט זיך ניט געדאַרפט היטען ביי איהר פון טומאה, אויף דעם קומט דער פסוק, אך כאשר יאכל הצבי והאיל, דאָס אַזויווי איהר מעגט יעצט עסען אַ חיה מיט טומאה, אַזוי וועט צו אייך פריי זיין צו עסען אין לאַנד בקר מיט צאן ניט היטענדיג זיך געגען טומאה, „בעי ר' ירמיה איברי בשר נחירה שהכניסו לארץ מהו"? ר' ירמיה האָט אַ שאלה געפרעגט, די גלידער און שטיקער פלייש פון בשר נחירה וואָס אידען האָבען מיט זיך מיטגעבראַכט אין לאַנד אריין, ווי איז דער דין, צי זיי מעגען עס דאָרט עסען? פרעגט די גמרא, „אימת? אילימא בשבע שכבשו, השתא דבר טמא אישתרי להו, דכתיב ובתים מלאים

אישתרי להו, דכתיב (שם ו) ובתים מלאים כל טוב, ואמר ר׳ ירמיה בר אבא אמר רב כתלי דחזירי, בשר נחירה מיבעיא? אלא לאחר מכאן ואיבעית אימא לעולם בשבע שכבשו, כי אישתרי להו? שלל של עכו״ם, דידהו לא אישתרו? תיקו, אמר רבה שנית הכל שוחטין, ולעולם שוחטין, בכל שוחטין מאי משנית ליה? וכי תימא בין בצור בין בזכוכית בין בקרומית של קנה, הא דומיא דהנך קתני, אי הנך בשוחטין, האי נמי בשוחטין, ואי הנך בנשחטין, האי נמי בנשחטין? אלא אמר רבא הכל שוחטין, חדא לאתויי כותי, וחדא לאתויי ישראל מומר, לעולם שוחטין בין ביום, בין בלילה, בין בראש הגג, בין בראש הספינה, בכל שוחטין, בין בצור, בין בזכוכית, בין

---

כל טוב ואמר ר׳ ירמיה בר אבא אמר רב כתלי דחזירי, בשר נחירה מיבעיא״? ווען מיינסטו? זאָל איך זאָגען, אין די זיבען יאָהר וואָס האָט גענומען צו עררֶאָבען דאָס לאַנד, איז דאָך די קשיא מיידאָך די אומריינע חיות זענען פריי געווען פאַר זיי, דען דער פסוק זאָגט, הייזער פול מיט אַלדעם גוטס וועט איהר געפונען און דו זאָלסט עסען און זאַט זיין, און ר׳ ירמיה האָט געזאָגט אין נאָמען פון רב דאָס דער כל קומט מרבה זיין אפילו זייטלעך חזיר, איז דאָך געשטאָכען פלייש געווים פריי געווען? אלא זאָגט די גמרא, „לאחר מכאן״, עס מיינט נאָך די זיבען יאָהר, „ואי בעית אימא לעולם בשבע שכבשו, כי אשתרי להו שלל של עובדי כוכבים, דידהו לא אישתרו, תיקו״, און אַז ווילסט קען איך דיר זאָגען דאָס לעולם שמועסט דאָ אין די זיבען יאָהר, איי דאַמאָלסט האָבען זיי דאָך אפילו כתלי דחזירי געמעגט עסען? נור ווייסטו וואָס צו זיי איז פריי געווען? די רויב וואָס זיי האָבען געקראָגען פון די פעלקער דאָרט, אָבער זייער אייגענס קען זיין איז אסור געווען צו זיי, בלייבט די שאלה שטעהן אומאויפגעקלערט, „אמר רבה שנית הכל שוחטין ולעולם שוחטין, בכל שוחטין מאי משנית ליהּ? וכי תימא בין בצור בין בזכוכית בין בקרומית של קנה, הא דומיא דהנך קתני, אי הנך בשוחטין האי נמי בשוחטין ואי הנך בנשחטין האי נמי בנשחטין״? רבה האָט געזאָגט דו האָסט שוין איינגעלערנט הכל שוחטין און לעולם שוחטין, וויאַזוי וועסטו איינלערנען דעם בכל שוחטין? וועסטו אפשר וועלען איינלערנען מיט אַלעם מעג מען שעכטען סיי מיט א שטיין סיי מיט א גלאָז סיי מיט א קרומית של קנה, איז דאָך די קשיא, די משנה לערנט דאָך אַלע אין איין רייהע און אויב יענע זאָלען שמועסען ביי די שעכטער דאַרף דער בכל שוחטין אויך שמועסען ביי שעכטער, און אויב יענע שמועסען ביי די געשאָכטענע לויט ווי דו האָסט איינגעטייטשט, דאַרף דאָך דער בכל שוחטין אויך זיך באַציהען אויף געשאָכטענע? „אלא אמר רבא הכל שוחטין חדא לאתויי כותי וחדא לאתויי ישראל מומר, לעולם שוחטין בין ביום בין בלילה בין בראש הגג בין בראש הספינה, בכל שוחטין בין בצור בין בזכוכית בין בקרומית של קנה״, נאָר האָט רבא געזאָגט אַלע שמועסען ביי שעכטער ניט געשאָכטענע, דער גאַנץ ערשטער הכל שוחטין קומט מרבה זיין

בקרומית של קנה: חוץ ממגל קציר והמגירה: אבוה דשמואל פגם ושדר, פגם ושדר, שלחו ליה כמגירה שנינו. תנו רבנן (דף י״ז ע״ב) סכין שיש בה פגימות הרבה. תידוז כמגירה, ושאין בה אלא פגימה אחת, אוגרת פסולה, מסוכסכת כשר׳, היכי דמיא אוגרת היכי דמיא מסוכסכת? א״ר אליעזר אוגרת משתי רוחות, מסוכסכת מרוח אחת, מאי שנא משתי רוחו׳ דמורשא קמא מחליש, ומורשא בתרא בזע, מרוח אח׳ נמי חורפ׳ דסכינא מהליש, מורשא בזע? דקאים ארישא דסכינא, סוף

---

דאָס אפילו אַ כותי מעג שעכטען, און דער הכל שוחטין פון דער משנה דאָ קומט מרבה זיין אַ ישראל וואָס איז אַ מומר, און לעולם שוחטין קומט מרבה זיין דאָס אימער סיי בייטאָג סיי ביינאַכט סיי אויפ׳ן דאַך פון הויז אָדער שיף מעג מען שעכטען, און בכל שוחטין מיינט מען סיי מיט אַ שטיין סיי מיט אַ שטיק גלאָז סיי מיט אַ שאָל פון אַ ריט: בעפאָר זענען די ערשטע צוויי הכל שוחטין ולעולם שוחטין, געווען איינגעטייטשט אויף די געשאָכטענע, דאָס אַלעס אפילו אַ געפליגעל דארף מען שעכטען און לעולם דאָס אימער דארפען די בהמות שחיטה און זיי באַקומען ניט דעם היתר פון בעפאָר ווען זיי האָבען ניט געדאַרפט קיין שחיטה: „חוץ ממגל קציר והמגירה: אבוה דשמואל פגם ושדר פגם ושדר, שלחו ליה כמגירה שנינו״, דער פאָטער פון שמואל האָט איינגעקאַרבט דעם סכין פון שחיטה עטליכע מאָהל אין פאַרשידענע וועגען, און אַזוי עטליכע מאָהל געשיקט קיין ארץ ישראל פרעגען וועלכע פגימות זענען אסור און וועלכע מותר, האָבען זיי צו איהם צוריקגעשיקט ווי אַ זעג האָבען מיר געלערנט אין דער משנה איז אסור, וואו די קאַרבען זענען גלייך און יעדער קאַרב האָט צוויי שפּיצען, פיהרענדיג דעם נאָגעל אַרויף שטויסט ער זיך אָן ביי די נידריגע שפּיצען, פיהרט ער דעם נאָגעל אַראָפּ שטויסט ער זיך אָן די ערשטע שפּיצען פון דער הויך, תנו רבנן סכין שיש בה פגימות הרבה תידון כמגירה ושאין בה אלא פגומה אחת אוגרת פסולה מסוכסכת כשרה״, די רבנן האָבען געלערנט אַ סכין וואָס האָט אַסאַך קאַרבען ווערט געאורטיילט אין דין ווי אַ זעג וואָס איז פסול פאַר שחיטה, און דער סכין וואָס האָט נאָר איין פגם, איז דער פגם אַן אוגרת, אַזאַ קאַרב וואָס האָט צוויי שפּיצען אין בײדע עקען איז ער פסול, איז דער קאַרב איין עק אָפּגעגלאַטיקט איז דער סכין כשר, אָבער נאָר ווען ער שעכט מיט איין וועג ניט צוריקקומענדיג מיט׳ן פגם אויף די סימנים, „היכי דמי אוגרת היכי דמי מסוכסכת? אמר ר׳ אליעזר אוגרת משתי רוחות מסוכסכת מרוח אחת״, ווי מיינט דאָ אוגרת און ווי מיינט דאָ מסוכסכת? האָט ר׳ אליעזר געזאָגט אוגרת מיינט ווען דער פגם האָט שפּיצען פון בײדע עקען און מסוכסכת מיינט ווען איין עק איז צוגעגלאַט אויף רונד, אוגרת מיינט אַריינגעמען, דער קאַרב נעמט אַריין דעם נאָגעל אין זיך צווישען בײדע שפּיצען ווערענד ער געהט איבער דעם סכין, און מסוכסכת הייסט איינצוימען דאָס בלויז איין זייט האַלט צוריק דעם נאָגעל, פרעגט די גמרא, „מאי שנא משתי רוחות דמורשא קמא מחליש ומורשא בתרא בזע, ברוח אחת נמי חורפא דסכינא מחליש מורשא בזע״?

סוף כי אזלא מהלשא, כי אתא בזע כגון שהוליך ולא הביא, אמר רבא ג' מידות בסכין אוגרת לא ישחוט ואם שחט שחיטתו פסול', מסוכסכת לא ישחוט, ואם שחט שחיטתו כשר', עולה ויורד בסכין שוחט בה לכתחיל', א"ל רב הונא בריה דרב נחמיה לרב אשי אמרת לן משמיה דרבא מסוכסכת פסולה, והא אמר רבא מסוכסכת כשרה? לא קשיא כאן שהוליך והביא, כאן שהוליך ולא הביא, א"ל רב אחא בריה דרב אויא לרב אשי דמיא לסאסאה מאי? א"ל מאן יהיב לן מבשריה ואכלינן,

---

וואס אנדערש איז דער קארב וואס האט צוויי שפיצען וואס ער פסל'ט דעם סכין, וועסט דאך זאגען די סברה ווייל דער ערשטער שפיץ מאכט שוואך די פעל מיט'ן פלייש פון אויבען און דער צווייטער שפיץ קומט נאך און שפאלט די סימנים, איז דאך ביים קארב וואס איז שפיציג נאר פון איין זייט אויך אזוי, די שארף פאר'ן קארב מאכט שוואך די פעל מיט'ן פלייש און באלד קומט דער שפיץ און שפאלט די סימנין, היינט ווארום זאל פון איין זייט יא גוט זיין? ענטפערט די גמרא, „דקאים ארישא דסכינא", עס שמועסט אז דער קארב שטעהט אין אנפאנג סכין לויפט ער דורך אויפ'ן פלייש ניט גרייכענדיג די סימנין, פרעגט די גמרא, „סוף סוף כי אזלא מהלשא כי אתא בזע", ענדליך ענדליך אבער געהענדיג אהין מיט'ן סכין ביי דער שחיטה מאכט ער שוואך די פעל מיט'ן פלייש פון אויבען, קומענדיג צוריק שפאלט דאך דער שפיץ פונ'ם קארב די סימנים? ענטפערט די גמרא, „כגון שהוליך ולא הביא", עס שמועסט ער האט געשאכטען מיט א לענגערן הלף, בלויז הינוועג ניט אויף צוריק, „אמר רבא גי מדות בסכין אוגרת לא ישחוט ואם שחט שחיטתו פסולה", רבא האט געזאגט דריי מאסען זענען פאראן ביים סכין אויב ער האט א פגם פון צוויי שפיצען, זאל ער מיט איהם ניט שעכטען, אויב יא איז זיין שחיטה פסול, „מסוכסכות לא ישחוט בה לתחילה ואם שחט שחיטתו כשרה", אויב דער פגם איז פון איין זייט צוגעגלאט, זאל ער אויך אנפאנגס ניט שעכטען און אויב ער האט געשאכטען איז זיין שחיטה כשר, אויב ער האט ניט געמאכט מיט'ן סכין קיין צוריקוועג ווי אויבען באשייד, „עולה ויורד בסכין שוחט בה לכתחילה", אויב דער סכין געהט ארויף און אראפ, דהיינו ער האט געהאט גרויסע קארבען און מען האט זיי אויסגעשארפט ביז ער איז געווארען ארויף און אראפ, מיט איהם מעג ער שעכטען לכתחילה, „אמר ליה רב הונא בריה דרב נחמיה לרב אשי אמרת לן משמיה דרבא מסוכסכת פסולה והא (אמר רבא) מסוכסכת כשרה? לא קשיא כאן שהוליך והביא, כאן שהוליך ולא הביא", רב הונא דער זוהן פון רב נחמיה האט געזאגט צו רב אשי, דו האסט צו אונז געזאגט אין נאמען פון רבא דאס מסוכסכת איז פסול, רבא האט דאך געזאגט דאס מסוכסכת איז כשר? עס איז ניט קיין קשיא, דא וואו ער זאגט פסול שמועסט אז ער האט מיט איהם געמאכט אהין און צוריק שניט, און דא וואו ער זאגט כשר שמועסט אז ער האט געמאכט מיט איהם בלויז אהין שניט און ניט צוריקגעבראכט, „אמר ליה רב אחא בריה דרב אוייא לרב אשי דמיא לסאסאה מאי? אמר ליה מאן יהיב לן מבשריה ואכלינן", האט רב אחא דער

א״ר חסדא מניין לבדיקת סכין מן התורה? שנא׳ (שמואל א - י״ד) ושחטתם בזה ואכלתם, פשיטא? כיון דכי נקב טריפה בעיא בדיקה? לחכם קאמרינן והאמר ר׳ יוחנן לא אמרו להראות סכין לחכם אלא מפני כבודו של חכם? מדרבנן וקרא אסמכתא בעלמ׳ הוא, במערבא בדקי לה בשימשא, בנהרדע׳ בדק לה במיא, רב ששת בדק לה בריש לישניה, רב אחא בר יעקב בדק לה בחוט השערה, בסורא אמרי בישרא אכלה, בישרא ליבדקה, א״ר פפא צריכא בדיקה אבישרא

---

זוהן פון רב אויא געזאָגט צו רב אשי אויב דער סכין איז גלייך ווי די האָר פון א זאַנג וואָס איז ניט גלאַט, די שאַרף איז ניט פגום אָבער אויך ניט גלאַט, ווי איז דער דין? האָט ער צו איהם געזאָגט ווער וועט אונז געבען פונ׳ם פלייש פון דער שחיטה וועלען מיר עסען, „אמר רב חסדא מנין לבדיקת סכין מן התורה? שנאמר ושחטתם בזה ואכלתם", רב חסדא האָט געזאָגט פונוואַנען איז געדרינגען דאָס מען דאַרף פריהער אונטערזוכען דעם סכין? דער פסוק זאָגט ווי שאול האָט געזאָגט צום פאָלק איהר זאלט שעכטען דאָ נאָהענט צום מזבח מען זאָל קענען באַלד שפּרענגען די בלוט און איהר זאָלט קענען עסען די פלייש, עס וואָלט זיך גיכער געשיקט צו זאָגען ושחטתם בזה המקום אָדער ושחטתם על ירך המזבח, נאָר ער זאָגט בזה צו מרמז זיין אויך בזה הסכין מיט דעם סכין זאָלט איהר שעכטען, דעם וועלכען איך האָב בודק געווען, פרעגט די גמרא, „פשיטא כיון דכי נקב טרפה"? עס איז דאָך א געוויס אזוי וואָרים אויב דער סכין האָט א פגם, שעכטענדיג מיט איהם איז דאָך גלייך ווי ער זאָל לעכערן די סימנים, וואָס איז א טריפה? ענטפער, „בעי בדיקה לחכם קאמרינן", מיר זאָגען דער סכין דאַרף אונטערזוכט ווערען פון א חכם, ווי דאָרט פון שאול המלך, פרעגט די גמרא, „והא אמר ר׳ יוחנן לא אמרי להראות סכין לחכם אלא מפני כבודו של חכם"? ר׳ יוחנן האָט דאָך געזאָגט דאָס די חכמים האָבען ניט געזאָגט צו ווייזען דעם סכין צו א חכם, נאָר צוליב׳ן כבוד פון חכם? ענטפער, „מדרבנן וקרא אסמכתא בעלמא", דער דין איז נאָר מדרבנן און דער פסוק איז נאָר אַן אָנלעהן צו פאַרוויכטיגען די זאַך, דען דער בזה איז פאָרט משמע אין טייטש אויף דאָ, ווי א שטייגער אשר נתן לי אלקים בזה, „במערבא בדקי לה בשימשא בנהרדעא בדקי לה במיא", אין ארץ ישראל האָט מען בודק געווען א סכין (אין) גענגען דער זון וואָס מאַכט שטאַרק ליכטיג, אין נהרדעא האָט מען בודק געווען אין וואסער שאַרענדיג מיט דער שאַרף, אויב א פגם, מאַכען די שפּיצען ווי א צייכען אין וואסער, „רב ששת בדק לה בריש לישניה", רב ששת האָט בודק געווען מיט זיין שפּיץ צונג, „רב אחא בר יעקב בדק לה בחוט השערה", רב אחא האָט בודק געווען מיט א האָר, אויב א פגם פאַרהאַלט זיך דאָרט די האָר, „בסורא אמרי בישרא אכלה בישרא לבדקה", אין סורא האָט מען געזאָגט דעם פלייש פאַרדאַרבט די מעסער און שנייד איהר און פלייש איז גוט פאַר בדיקה, צו בודק זיין מיט׳ן צונג אָדער אַנדער פלאַץ פון קערפּער, „אמר רב פפא צריכא בדיקה אבישרא ואטופרא ואתרי רוחתא", רב פפא האָט געזאָגט די בדיקה דאַרף זיין אויפ׳ן פלייש און

ואטופרא, (ואתלתא רוהתא), א״ל רבינא לרב אשי, אמ׳ לן רב סמא בריה דרב משרשיא משמך, דאמר׳ ליה משמיה דרבא צריכא בדיקה אבישרא ואטופרא ואתלתא רוחתא, א״ל אבישרא ואטופרא אמרי, ואתלת רוחתא לא אמרי, א״ד אבישרא ואטופרא ואתלת רוחתא אמרי, משמיה דרבא לא אמרי, רבינא ורב אחא בריה דרבא הוו יתבי קמיה דרב אשי, אייתו סכין לקמיה דרב אשי לבדקה, א״ל לרב אחא בריה דרבא בידקא, בדקה אטופרא ואבישרא ואתלתא רוחתא, א״ל ויישר וכן אמר רב כהנא, רב יימר אמ׳ אטופרא ואבישרא צריכא, אתלת רוחתא לא צריכא, מי לא א״ר זירא אמר שמואל, ליבן סכין ושחט בה שחיטתו כשירה, שחידודה קודם לליבונה, וקשיא לן האיכא צדדין? ואמרי׳ בית השחיטה מרווח רוח, הכא נמי בית השחיטה מרווח רווח,

---

אויפ׳ן נאָגעל און אויף בײדע זײטען, דאָס מײנט ער דארף איבערגעהן מיט׳ן פינגער בײדע זײטען מעסער, „אמר ליה רבינא לרב אשי, אמר לן רב סמא בריה דרב משרשיא משמך דאמרת ליה משמיה דרבא צריכא בדיקה אבישרא ואטופרא ואתרתי רוחתא״, רבינא האט געזאגט צו רב אשי, רב סמא דער זוהן פון רב משרשיא האט געזאָגט אין דײן נאָמען, דאָס דו האָסט געזאָגט אין נאָמען פון רבא, דאָס די בדיקה דארף זײן אויפ׳ן פלײש און אויפ׳ן נאָגעל און אויף בײדע זײטען״, אמר ליה אבישרא ואטופרא אמרי ואתרי רוחתא לא אמרי, איכא דאמרי אבישרא ואטופרא ואתרי רוחתא אמרי, משמיה דרבא לא אמרי״, האָט ער צו איהם געזאָגט אויפ׳ן פלײש און אויפ׳ן נאָגעל האָב איך געזאָגט, און אויף די זײטען האָב איך ניט געזאָגט, און טײל זאָגען, אויף די אַלע זאַכען האָב איך געזאָגט אָבער אין נאָמען פון רבא האָב איך ניט געזאָגט, „רבינא ורב אחא בריה דרבא הוו יתבי קמיה דרב אשי אייתי סכין לקמיה דרב אשי לבדקה, אמר ליה לרב אחא בריה דרבא בידקא בדקה אטופרא ואבישרא ואתרי רוחתא״, רבינא און רב אחא דער זוהן פון רבא זײנען געזעסען פאַר רב אשי, האָט מען געבראַכט פאַר איהם א סכין צו בודק זײן, האָט ער געזאָגט צו רב אחא איך האָב בודק געװען אויפ׳ן נאָגעל און אויפ׳ן פלײש און אויף בײדע זײטען (עס איז פאַראַן נאָך א טעקסט אויף דרײ זײטען די שארף און בײדע קאַנטען פון צװײטער זײט)״, אמר ליה יישר וכן אמר רב כהנא, רב יימר אמר אטופרא ואבישרא צריכא אתלתא רוחתא לא צריכא״ האָט ער צו איהם געזאָגט גוט האָסטו געטאָן און אזוי אויך האָט געזאגט רב כהנא, רב יימר האָט געזאָגט אויפ׳ן נאָגעל און פלײש דארף זײן די בדיקה אָבער אויף דרײ זײטען ניט נאָר די בלויזע שארף, װײל, „מי לא אמר ר׳ זירא אמר שמואל ליבן סכין ושחט בה שחיטתו כשרה שחידודה קודם לליבונה״, האָט דען ר׳ זירא ניט געזאָגט אין נאָמען פון שמואל אז אײנער גליהט אויס א סכין און שעכט מיט איהם, איז זײן שחיטה כשר װײל די שארף לויפט פאַר די היץ, „וקשיא והא איכא צדדין? ואמרינן בית השחיטה מירווח רווח״, האָבען מיר א קשיא געפרעגט עס זײנען דאָך פאַראַן די זײטען פון מעסער װאָס ברענען די סימנים אײדער די שחיטה ענדיגט

א"ר הונא בר רב קטינא א"ר שמעון בן לקיש ג' פגימות הן פגימת עצם בפסח, פגימת אוזן בבכור, פגימת מום בקדשים, ורב חסדא אמר אף פגימת סכין, ואידך? בחולין לא קא מיירי, וכולן פגימתן כדי פגימת המזבח, (דף י"ח ע"א) וכמה פגימת המזבח? כדי שתחגור בה צפורן, מיתיבי כמה פגימת המזבח? ר"ש בן יוחאי אומר טפח, ר"א בן יעקב

---

זיך? און מיר האבען פארענטפערט דאס דער פלאץ פון שחיטה שפרייט זיך אויף מיט'ן שניידען, און די זייטען באריערען ניט, „הכא נמי מירווח רווח", אזוי אויך דא שפרייט זיך די פלייש אוועק פו די זייטען מעסער, איז אפילו ווען די קאנטען פון צווייטער זייט מעסער האבען קארבען טוען זיי אויך ניט שעדיגען די סימנין, „אמר רב הונא בר רב קטינא אמר ר' שמעון בן לקיש, שלש פגימות הן, פגימת עצם בפסח, פגימת אוזן בבכור, פגימת מום בקדשים", האט רב הונא געזאגט אין נאמען פון ר' שמעון בן לקיש, דרייערליי פגימות וואס זייער שיעור זענען גלייך — זענען פאראן, אז איינער מאכט א פגם אין א ביין פון קרבן פסח, פארברעכט ער דעם לאו ועצם לא תשברו בו, איהר זאלט ניט ברעכען קיין ביין אין פסח, און א פגם אין אויער פון א בהמה וואס הייסט א פעהלער, איבער וועלכען מען מעג שעכטען איהם אין דער מדינה ווי חולין, און א פגם וואס איז פאררעכענט אלס פעהלער ביי אנדערע קדשים, אפילו אין א פלאץ וואס איז ניט קענטיג אזוי, דער שיעור פון די קארבען ביי די דריי זענען אלע גלייך, ביז א נאגעל פון פינגער פארהאלט זיך אין זיי, „ורב חסדא אמר אף פגימת סכין", און רב חסדא רעכענט צו אויך דעם פגם פון סכין, פרעגט די גמרא, „ואידך? בחולין לא קא מיירי", און דער תנא פריהער ווארום רעכענט ער ניט דעם פגם פון א סכין? ענטפער, ביי חולין שמועסט ער ניט, „וכולן פגימתן כדי פגימת המזבח", און די אלע פגימות איז זייער שיעור די גרויס ווי א פגם פון מזבח, אויב עס איז געשעהן א קארב אין ראנד פון מזבח איז ער פסול, דען דער פסוק זאגט וזבחת עליו דו זאלסט שעכטען אויף איהם, אויף איהם מיינט אלס א גאנצען מזבח, דען שעכטען האט מען דאך ניט געשאכטען אויף איהם, נאר געבראכט די חלבים און געשפרענגט די בלוט אויף איהם? נאר דאס קומט צו באמערקען דאס דער מזבח איז כשר נאר אלס א גאנצער, „וכמה פגימת המזבח? כדי שתחגור בה ציפורן", און ווי גרויס איז דער שיעור פון דעם קארב אין מזבח צו זיין פסול? ביז עס פארהאלט זיך דער נאגעל דארט, „מיתיבי כמה פגימת המזבח? ר' שמעון בן יוחאי אומר טפח ר' אליעזר בן יעקב אומר כזית"? איך וועל דיר א קשיא פרעגען מיר האבען געלערנט, ווי גרויס דארף זיין דער פגם פון מזבח? ר' שמעון בן יוחאי זאגט א פויסט די גרויס און ר' אליעזר בן יעקב זאגט ווי אן אוילבירד, זעהסט דאך גוט דאס דער שיעור פגם איז גרעסער? ענטפער, „לא קשיא הא בסידא הא באבנא", עס איז ניט קיין קשיא, דא וואו עס רעדט זיך פון א גרעסערן שיעור מיינט מען אין ליים, וואס קלעפען צוזאמען די שטיינער, און דער קלענערער שיעור מיינט אין די שטיינער, וואו די תורה זאגט אבנים שלמות, גאנצע שטיינער,

אומר כזית, לא קשיא הא בסידא, הא באבנא, א״ר הונא האי טבחא דלא סר סכינא קמי חכם, משמתינן ליה, ורבא אמר מעברינן ליה, ומכרזינן אבשריה דטריפה היא, ולא פליגי כאן בשנמצאת סכינו יפה, כאן בשלא נמצאת סכינו יפה, רבינא אמר היכא דלא נמצאת סכינו יפה, ממסמס ליה בפרתא, דאפילו לעכו״ם נמי לא מזדבן, ההוא טבחא דלא סר סכינו קמי דרבא בר חיננא, שמתיה ועבריה ואכריז אבשריה דטריפה היא, איקלעו מר זוטרא ורב אשי לגביה, אמר להו ליעיינו רבה במלתיה, דתלו ביה טפלי, בדקה רב אשי לסכיניה ונמצאת יפה ואכשריה, א״ל מר זוטרא ולא ליחוש מר לסבא? א״ל שליחותיה קא עבדינן, אמר רבה בר הונא שן תלושה וצפורן תלוש׳, מותר לשחוט

---

„אמר רב הונא האי טבחא דלא סר סכינא קמיה חכם משמתינן ליה, ורבא אמר מעברינן ליה ומכריזין אבשריה דטרפה היא", רב הונא האט געזאגט דער שוחט וואס ציינט ניט דעם חליף פאר א חכם לעגט מען איהם אין חרם ווייל ער פארשעהמט דעם חכם, און רבא זאגט מען מאכט איהם אוועק פון צו זיין א שוחט און מען רופט אוים אויף זיין פלייש אלס טרפה, „ולא פליגי, כאן בשנמצאת סכינו יפה, כאן בשלא נמצאת סכינו יפה", און זיי קריגען ניט, דא וואו עס איז געזאגט בלויז פון חרם, שמועסט וואו עס איז געפונען געווארען זיין סכין אלס גוט, קען מען איהם ניט אוועקמאכען פון שחיטות, און רבא שמועסט וואו דער סכין איז געפונען אלס ניט גוט, „רבינא אמר היכא דלא נמצאת סכינו יפה ממסמס ליה בפרתא, דאפילו לעובד כוכבים נמי לא מזדבן", רבינא זאגט וואו דער סכין איז געפונען געווארען אלס ניט גוט, פארשמירט מען די פלייש מיט׳ן אויסגאנג פון דער בהמה, ער זאל עס אפילו צו א גוי אויך ניט קענען פארקויפען, נאר אויב דער מעסער איז יא גוט געווען, מעג ער די פלייש יא פארקויפען צו א גוי, „ההוא טבחא דלא סר סכינו קמיה דרבא בר חיננא, שמתיה ועבריה ואכריז אבשריה דטריפה היא", עס איז געווען א קצב (דאמאלס זענען זיי אויך געווען שוחטים) וועלכער האט ניט געוויזען זיין חליף פאר רבא בר חיננא, האט ער איהם געלעגט אין חרם, און אוועקגעמאכט אלס שוחט און אויסגערופען אויף זיין פלייש אלס טריפה, „אקלעו מר זוטרא ורב אשי לגביה, אמר להו ליעיינו רבנן במלתיה דתלו ביה טפלי, בדקה רב אשי לסכיניה ונמצאת יפה ואכשריה", האבען מר זוטרא און רב אשי איינגעטרעטען ביי רבא בר חיננא, האט ער צו זיי געזאגט זאלען די רבנן איבערטראכטען אין זיין זאך, ווייל עס זענען אפהענגיג אין איהם קינדער וואס ער מאכט א לעבען פאר זיי, האט רב אשי בודק געווען זיין סכין און געפונען אלס גוט, און איהם צוריק מכשיר געווען, „אמר ליה מר זוטרא ולא ליחוש מר לסבא? אמר ליה שליחותיה קא עבדינן", האט מר זוטרא געזאגט צו רב אשי און דער האר האט ניט אנגס פאר דעם אלטען תלמיד חכם? ער האט איהם דאך נע׳אסור׳ט, האט ער איהם געענטפערט זיין שליחות האבען מיר דאך געטוען, דאס איז דאך געווען זיין וואונש? „אמר רבה בר רב הונא שן תלושה וצפורן תלושה מותר לשחוט בה לכתחילה", רבה האט געזאגט מיט א באוועגליכען

בה לכתחיל׳, והא אנן תנן חוץ ממגל קציר והמגירה והשינים והצפורן, מפני שהן חונקין? שן אשן לא קשיא הא בחדא הא בתרתי, צפורן אצפורן לא קשיא, הא בתלושה הא במחוברת: מתני׳ השוחט במגל קציר בדרך הליכתה, ב״ש פוסלין וב״ה מכשירין, ואם החליקו שיניה הרי הוא כסכין: גמ׳ א״ר הייא בר אבא אמר ר׳ יוחנ׳ אף כשהכשירו ב״ה לא הכשירו, אלא לטהרה מידי נבילה, אבל באכילה אסורה, א״ר אשי דיקא נמי, דקתני ב״ש פוסלין וב״ה מכשירין, ולא קתני ב״ש אוסרין ובית הלל מתירין, וליטעמיך ליתני ב״ש מטמאין וב״ה מטהרין?

---

צאָן אָדער נאָגעל מעג מען שעכטען לכתחילה, פרעגט די גמרא, „והא אנן תנן חוץ ממגל קציר והמגירה והשינים והצפורן מפני שהן חונקין"? מיר האָבען דאָך געלערנט אין משנה דאָס אויסער אַ קאָסע און אַ זעג און ציינער און נאָגעל ווייל זיי מאַכען קאַלע די סימנים, זעהסט דאָך גוט דאָס ציינער און נאָגעל ניט? ענטפערט די גמרא „שן" אַ שן „לא קשיא הא בחדא הא בתרתי, צפורן אַציפורן לא קשיא הא בתלושה הא במחוברת, צאָן אויף צאָן איז ניט קיין קשיא, דער וואָס זאָגט מען מעג שעכטען מיט איהם מיינט ער מיט איין צאָן און די משנה מיינט מיט מעהרערע ציינער ווייל צווישען די ציינער הייסט דאָך אַ פגם, און פון צפורן אויף צפורן איז אויך ניט שווער, דער וואָס זאָגט מען מעג, מיינט ער ווען דער צפורן איז אָפּגעטיילט ניט באַהאַפטען צום קערפּער און די משנה מיינט דאָס אַלס באַהאַפטען טאָר מען ניט ווי רבי זאָגט דאָס מען טאָר ניט שעכטען מיט מחובר: „מתני השוחט במגל קציר בדרך הליכתה בית שמאי פוסלין ובית הלל מכשירין, ואם החליקו שיניה הרי הוא כסכין", אַז איינער שעכט מיט אַ קאָסע וואָס מען שנייד תבואה, וואו איהרע ציינער זענען שיעף ארונטער און ער שעכט מיט איהר בלויז וועג אַהין ניט וועג צוריק געגען די ציינער, די בית שמאי פסל׳ען די שחיטה צוליב טאָמער וועט ער אויך מאַכען דעם וועג צוריק געגען די שפּיצען, וועלען זיי רייסען די סימנין, און די בית הלל זענען מכשיר, זיי זענען ניט גוזר אַהין וועג צוליב צוריק וועג, און אויב זיי האָבען צוגעגלאָט די ציינער אויך ביי דער צווייטער זייט, איז די קאָסע פאַררעכענט ווי אַ סכין וואו איהר שאַרף געהט אַרויף און אַראָפּ וואָס מיר האָבען אויבען געלערנט: „גמ׳, אמר ר׳ חייא בר אבא אמר ר׳ יוחנן אף כשהכשירו בית הלל לא הכשירו אלא לטהרה מידי נבלה אבל באכילה אסורה", האָט ר׳ חייא בר אבא געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יוחנן, אפילו וואָס די בית הלל האָבען מכשיר געווען די שחיטה, האָבען זיי נאָר מכשיר געווען צו רייניגען די בהמה פון אַלס נבלה, געגען דעם זי זאָל ניט מטמא זיין אַלס נבלה איז די שחיטה גענוג כשר, אָבער צו מעגען עסען די פלייש ניט, געגען דעם זענען זיי אויך גוזר אַהין וועג טאָמער וועט ער אויך מאַכען דעם צוריקוועג געגען די שפּיצען, „אמר רב אשי דיקא נמי דקתני בית שמאי פוסלין ובית הלל מכשירין, ולא קתני בית שמאי אוסרין ובית הלל מתירין", האָט רב אשי געזאָגט דו קענסט דיר אויך דרינגען אַזוי ווען איך זעה די משנה נוצט די ווערטער פוסלין און מכשירין אַנשטאָט

אלא פוסלין ומכשירין ואוסרין ומתירין חדא מילתא היא: מתני׳ השוחט מתוך הטבעת ושייר בה מלא החוט על פני כולה שחיטתו כשרה, ר׳ יוסי בר׳ יהודה אומר מלא הוט על פני רובה: גמ׳ רב ושמואל דאמרי תרוייהו הלכ׳ כר׳ יוסי ב״ר יהודה, ואף ר״י ב״ר יהודה לא אמר אלא בטבעת הגדולה, הואיל ומקפת את כל הקנה, אבל בשאר טבעות לא, ובשאר טבעות לא, והתניא ר׳ יוסי ברבי יהודה אומר (דף י״ח ע״ב) השוחט בשאר טבעות, אע״פ שאין מקיפות את כל הקנה, הואיל

---

אוסרין און מתירין, מתירין איז מעהר זיכער אויף צו ערלויבען די פלייש צו עסען, פרעגט די גמרא, „ולטעמך ליתני בית שמאי מטמאין ובית הלל מטהרין? אלא פוסלין ומכשירין ואוסרין ומתירין חדא מילתא היא", נאך דיין געדאנק נאך אז עס שמועסט בלויז געגען טומאה פון נבלה, האט דאך די משנה געדארפט לערנען די בית שמאי זענען מטמא און די בית הלל זענען מטהר, אויב דו קוקסט יא אויף פינקטליכקייט פון לשון? נאר מוז זיין דיביידע לשונות פוסלין מכשירין און אוסרין מתירין זיינען איינס דאס זעלבע: „מתני השוחט מתוך הטבעת ושייר בה מלא החוט על פני כולה, שחיטתו כשרה ר׳ יוסי ברבי יהודה אומר מלא חוט על פני רובה", אז איינער שעכט אוועקדרייענדיג דעם מעסער ארוים פון ערשטען רינג ביים לופט רעהר צום קאפ צו, איז דער דין, אויב ער האט נאר איבערגעלאזט עפעס פון דער גרעב פון דער רינג ארום און ארום, איז זיין שחיטה כשר, ר׳ יוסי ברבי יהודה זאגט עס איז גענוג ווען ער לאזט איבער די גרעסערע העלפט רינג נאכהער מעג ער שוין ענדיגען זיין שחיטה צום קאפ צו אריבער דעם רינג, (מלא החוט מיינט א פולער פאדים די גרעב פון רינג), „גמ׳ רב ושמואל דאמרי תרווייהו הלכה כר׳ יוסי בר׳ יהודה, ואף ר׳ יוסי בר׳ יהודה לא אמר אלא בטבעת הגדולה הואיל ומקפת את כל הקנה אבל בשאר טבעות לא", רב און שמואל זאגען ביידע דאס די הלכה איז ווי ר׳ יוסי און ער האט אויך ניט געזאגט די סברה נאר ביי דער גרויסער רינג וועלכע איז די ערשטע צום קאפ צו, ווייל די רינג רינגעלט ארום די גאנצע רעהר אבער ביי די רעשט רינגען העלפט ניט קיין רוב ווייל זיי גרייכען ניט רינגס אום נאר דער רוב מוז זיין אין׳ם רעהר נאכ׳ן רוב ווען ער דרעהט דעם סכין נאך די רינגען צו דער זייט פון קאפ צו, איז אויך כשר, פרעגט די גמרא, „ובשאר טבעות לא, והתניא ר׳ יוסי ברבי יהודה אומר השוחט בשאר טבעות אף על פי שאין מקיפות את כל הקנה, הואיל ומקיפות את רוב הקנה שחיטתו כשרה ומוגרמת פסולה", און ביי די אנדערע רינגען ניט? מיר האבען דאך געלערנט דאס ר׳ יוסי בר׳ יהודה זאגט אז איינער שעכט אין די אנדערע רינגען חאטש זיי זענען ניט רינגס אום גאנץ, נאר ווייל זיי רינגלען ארום די מעהרסט רעהר, אויב ער לאזט איבער עפעס פון די גרעב א רוב, איז זיין שחיטה כשר, ווייל אפילו אוועקדרעהענדיג דאמאלט דעם סכין, ווערט אליץ א רוב קנה אין שחיטה פלאץ, און אויב ער דרעהט דעם מעסער א וועק צו דער זייט ארוים פון די רינגען איידער ער שנייד אריין א מעהרהייט טיעף אין דער רינג, איז פסול, דען דאמאלט הייסט שוין זיכער א

ומקיפות את רוב הקנה שהיטתו כשרה, ומוגרמת פסול? העיד רבי חנינא בן אנטיגנוס על מוגרמת שהיא כשרה א"ר יוסף רבי יוסי בר יהודה תרתי קאמר רב ושמואל סברי כוותיה בחדא, ופליגי עליה בחדא, והא לא אמר קאמר? הכי קאמר הלכ' כמותו בטבעת הגדולה, ואין הלכה כמותו בשאר טבעות, כי סליק ר' זירא אכל מוגמרת דרב ושמואל, אמרי ליה לאו מאתריה דרב ושמואל את? אמר להו מאן אמרה? יוסף בר חייא, יוסף בר חייא מכ"ע גמיר, שמע רב יוסף איקפד,

---

מוגרמת, „העיד רבי חנינא בן אנטיגנוס על מוגרמת שהיא כשרה", רבי חנינא האט עדות געזאגט אויף מוגרמת דאס זי איז כשר, און די הלכה למשה מסיני דאס הגרמה איז פסול איז געמיינט נאך איהם נאך, העכער פון גרויסען רינג צום קאפ צו, אריבער די שיפוע כובע דאס איז דער קאפ פון קנה, זעהסט דאך גוט דאס ר' יוסי בר' יהודה האלט די זעלבע סברה אויך ביי די אנדערע רינגען דאס ער קען איבערלאזען עפעס פון דער גרעב רינג די גרעסערע העלפט ארום און עס מוז ניט זיין קיין רוב פון דער רעהר? „אמר רב יוסף ר' יוסי ברבי יהודה תרתי קאמר, רב ושמואל סברי כוותיה בחדא ופליגי עליה בחדא", האט רב יוסף געזאגט ר' יוסי זאגט טאקע צוויי זאכען דאס ביי שחיטה איז גענוג צו שעכטען א רוב רינג פון דער לופט רעהר אין ערשטער רינג, און די צווייטע זאך דאס אין די איבריגע רינגען איז אויך די שחיטה כשר, ארייגשניידענדיג אין רינג א רוב, רב און שמואל האלטען ווי ר' יוסי ביי איין זאך דאס עס איז גענוג א רוב ביי דער גרויסער רינג, און קריגען אויף איהם ביי איין זאך, דאס ביי די רעשט רינגען איז ניט גענוג קיין רוב רינג ווייל ער געהט ניט ארום גאנץ, נאר דער רוב דארף זיין אין דער לופט רעהר, דען א רוב רינג איז נאך ניט קיין רוב רעהר, פון דאן אוועקדרעהענדיג הייסט שוין א מוגרמת, פרעגט די גמרא, „והא לא אמר, קאמרי"? רב און שמואל האבען דאך געזאגט דאס ר' יוסי אליין זאגט אויך ניט וועגען רוב רינג נאר ביים ערשטען רינג? ענטפערט די גמרא, „הכי קאמר הלכה כמותו בטבעת הגדולה ואין הלכה כמותו בשאר טבעות", אזוי מיינט די גמרא צו זאגען דאס רב און שמואל האבען געזאגט, אז די הלכה איז ווי ער זאגט, ביים גרויסען רינג, אבער די הלכה איז ניט ווי ער ביי די איבריגע רינגען, און זיי האבען געמיינט מיט די ווערטער „ואף הוא לא אמר", דאס זיין זאגען איז קיין זאגען ניט, נאר ביים גרויסען רינג, דארט איז די הלכה ווי ער, ניט ביי די רעשט רינגען, „כי סליק ר' זירא אכל מוגרמת דרב ושמואל", ווי ר' זירא איז אוועק קיין ארץ ישראל האט ער געגעסען וואס איז א מוגרמת נאך רב און שמואל, ער האט געגעסען פון א שחיטה ביי די איברינע רינגען, וואס איז בלויז איינגעשאכטען געוועזן אמעהרהייט רינג, ניט קיין מעהרהייט רעהר, דאן אוועקדרעהענדיג דעם מעסער צו דער זייט, „אמרי ליה לאו מאתרא דרב ושמואל את"? האבען זיי צו איהם געזאגט ביזטו דען ניט פון פלאץ וואו רב און שמואל הערשען, ווי קומסטו צו עסען א מוגרמת נאך זיי נאך? „אמר להו מאן אמרה? יוסף בר חייא, יוסף בר חייא מכולי עלמא גמור", האט ער צו זיי געזאגט ווער האט עס דען געזאגט? רב יוסף בר חייא, ער האט

אמר אנא מכ״ע גמירנא? אנא מרב יהודה גמירנא, דאפי׳ ספיקי דגברי גרים, דא״ר יהודה א״ר ירמיה בר אבא ספק משמיה דרב, ספק משמיה דשמואל, שלשה מתירין את הבכור, במקום שאין מומחה, ור׳ זירא לית ליה נותנין עליו חומרי המקום שיצא משם, וחומרי המקום שהלך לשם? אמר אביי ה״מ מבבל לבבל, ומא״י לארץ ישראל, אי נמי מא״י לבבל, אבל מבבל לארץ ישראל, כיון דאנן כייפינן להו עבדינן כוותייהו, רב אשי אמ׳ אפי׳ תימא מבבל לארץ ישראל, ה״מ היכא דדעתו לחזור, ר׳ זירא אין דעתו להזור הוה, א״ל אביי לרב יוסף והא רבנן דאתו

---

דאָך דאָס איינגעלערנט דאָס רב און שמואל קריגען אויף ר׳ יוסי פסל׳ענדיג די מוגרמת, און דער רב יוסף לערנט פון דער גאַנצער וועלט, קען זיין דאָס פילייכט שטאַמט ניט די מוגרמת פון רב און שמואל נאָך פון אַן אַנדערן, „שמע רב יוסף איקפד, אמר אנא מכולי עלמא גמירנא? אנא מרב יהודה גמירנא דאפילו ספיקו דגברי גריס״, ווי רב יוסף האָט דאָס דערהערט האָט ער זיך געבייזערט זאָגענדיג איך לערן פון דער גאַנצער וועלט? איך לערן פון רב יהודה, און אויב ער זאָגט עפּעס פון יענעם ניט וויסענדיג פּינקטליך צי דער צי דער, זאָגט ער עס אַרויס אַלס ספק פון דעם אָדער דעם, „דאמר רב יהודה אמר רב ירמיה בר אבא, ספק משמיה דרב ספק משמיה דשמואל שלשה מתירין את הבכור במקום שאין מומחה״, דען רב יהודה האָט געזאָגט אין נאָמען פון רב ירמיה בר אבא דאָס איהם איז געווען אַ צווייפעל צי רב צי שמואל האָט עס געזאָגט, דאָס דריי איינפאַכע יודען ניט קיין תלמידי חכמים מעגען מתיר זיין אַ בכור מיט אַ באַוואוסטען פעהלער, — צו שעכטען אין דער היים, אין אַ פּלאַץ וואו עס איז ניט פאַראַן קיין תלמיד חכם, דען דער דין איז דאָס אַפילו אַ באַוואוסטען בעל מום בכור טאָר מען אויך ניט שעכטען, בעפאָר מען צייגט איהם ניט פאַר אַ חכם, זעהסט דאָך גוט דאָס רב יהודה איז פּינקטליך אין וועמענ׳ס נאָמען ער רעדט, פרעגט די גמרא „ור׳ זירא לית ליה נותנין עליו חומרי המקום שיצא משם וחומרי המקום שהלך לשם״? און ר׳ זירא האַלט דען ניט פון דעם, דאָס מען גיט אויפ׳ן מענש די האַרבקייט פונ׳ם פּלאַץ פון וואו ער איז אַרויס, און וואו ער איז אַריין? „אמר אביי הני מילי מבבל לבבל ומארץ ישראל לארץ ישראל, אי נמי מארץ ישראל לבבל, אבל מבבל לארץ ישראל, כיון דאנן כייפינן להו עבדינן כוותייהו״, האָט אַביי געזאָגט די רייד זענען נאָר געזאָגט אַז איינער רייזט אַוועק פון איין פּלאַץ צום אַנדערן אין בבל אַליין אָדער אין ארץ ישראל אַליין, אָדער אַפילו פון ארץ ישראל קיין בבל, מוז ער האַלטען ביידע חומרות, אָבער פון בבל קיין ארץ ישראל וואו מיר זענען גענייט צו זייער אויסזאָגען אין הוראָה, דען אין בבל איז קיין סמיכה ניט געווען, דעריבער איז ר׳ זירא ניט געווען גענייט נאָר צו די האַרבקייטען פון ארץ ישראל דען מיר מוזען טוען ווי זיי, „רב אשי אמר אַפילו תימא מבבל לארץ ישראל הני מילי היכא דדעתו לחזור, ר׳ זירא אין דעתו לחזור הוה״, רב אשי זאָגט דו קענסט אַפילו זאָגען אויך פון בבל קיין ארץ ישראל, נאָר ווען זענען די רייד געזאָגט?

ממהוזא אמרי, א"ר זירא משמיה דר"נ מוגמרת כשירה, א"ל נהרא נהרא ופשטיה, ר"ש בן לקיש אכשר בחודא דכובעא, קרי עליה ר"י גיסא גיסא, א"ר פפי משמיה דרבא פגע בחיטי טריפ', איבעיא להו פגע ונגע בהן דכתיב (מלכים א ב) ויפגע בו וימת, או דילמא פגע ולא נגע, כדכתיב (בראשי' ל"ב) ויפגעו בו מלאכי אלהים? איתמר א"ר פפא משמיה דרבא שייר בחיטי כשרה א"ר אמימר בר ינוקא הוה קאימנא קמיה דר' חייא בריה דרב אויא ואמר לי שייר בחיטי

---

וואו ער איז אין זיין מיין צוריקצוקערען, ר' זירא איז ניט געווען אין זיין מיינונג צוריקצוגעהן, „אמר ליה אַביי לרב יוסף והא רבנן דאתו ממחוזא אמרי, אמר ר' זירא משמיה דרב נחמן מוגרמת כשרה"? האָט אביי געזאָגט צו רב יוסף, די רבנן וואָס זענען געקומען פון מחוזה האָבען דאָך געזאָגט, דאָס ר' זירא האָט געזאָגט אין נאָמען פון רב נחמן, דאָס די מוגרמת פון רב און שמואל איז כשר, זעהסט דאָך דאָס אפילו אין בבל איז אויך כשר? „אמר ליה נהרא נהרא ופשטיה", האָט ער צו איהם געזאָגט, עס איז אזוי ווי א טייך וואָס שטראָמט און צושפּרייט זיך ווי עס לאָזט זיך, און מאַנכע פּלעצער פון בבל איז מען זיך נוהג ווי רב און שמואל און אין מאַנכע פּלעצער ניט, „ר' שמעון בן לקיש אכשיר בחודא דכובעא, קרי עליה רבי יוחנן גיסא גיסא", ר' שמעון בן לקיש האָט מכשיר געווען די שחיטה וואו דער שניט איז געמאַכט אין שפּיץ פון מיטצעל' (ביי דער ענד פון לופט רעהר צום קאָפּ צו איז פאַראַן ווי א מיצעל אינעווייניג הויל, פון דער מיט דאָרט געהט אליץ ענגער ביז עס ענדיגט זיך די הוילקייט מיט א שפּיץ, דאָס הייסט שיפּוי דכובע די שיעפּקייט אין מיטצעל,) דאָס מיינט דאָס ר' שמעון האַלט אז די שחיטה אין יענעם פּלאַץ וואָס איז שוין נאָכ'ן רינג איז אויך כשר, האָט ר' יוחנן אויף איהם אויסגערופען צופיעל צופיעל, עס איז שוין צופיעל, דאָס העכער פון'ם גרויסען רינג זאָל זיין כשר, „אמר רב פפי משמיה דרבא פגע בחיטי טרפה", רב פפי האָט געזאָגט אין נאָמען פון רבא, אויב מיט שעכטען ער האָט באַגעגנט די ווייצלאַך איז טרפה, (אויף דער לופטרעהר נעבען דעם מיטצעל איז פאַראַן אָנגעוואַקסען ווי ווייטצעלעך), „איבעיא לה פגע ונגע בהן דכתיב ויפגע בו וימת, או דילמא פגע ולא נגע כדכתיב ויפגעו בו מלאכי אלקים"? האָבען די בני הישיבה א פראַגע געפרעגט, דאָס וואָס ער זאָגט פגע צי מיינט ער באַגעגנט און באַרירט, מיט'ן מעסער אריינגעשניטען לויט דעם פּסוק ביי בניהו בן יהוידע וואו ער האָט באַגעגנט יואָב'ן און געטויטעדט איהם, צי מיינט ער בלויז באַגעגנט דערנעבען ווי א שטייגער דער פּסוק ביי יעקב אבינו דאָס די מלאָכים האָבען באַגעגנט איהם? „איתמר אמר רב פפא משמיה דרבא שייר בחיטי כשרה", מיר האָבען געלערנט דאָס רב פפא האָט געזאָגט אין נאָמען פון רבא, אז ער האָט געשאָכטען און איבערגעלאָזט אין די ווייטצעלאַך האַלב צום מיטצעל צו און האַלב צום רינג צו, איז די שחיטה כשר, איז עס געמיינט פגע ונגע, „אמר רב אמימר בר מר ינוקא, הוה קאימנא קמיה דרב חייא בריה דרב אוויא, ואמר לי שייר בחיטי כשרה", רב אמימר דער זוהן פון מר ינוקא האָט געזאָגט,

כשרה, א״ל רבינא לרב אשי אמר לי רב שמן מסוכרא, איקלע מר זוטרא לאתרין ודרש, שייר בחיטי כשרה, מר בר רב אשי אמר פגע בחיטי כשרה, שייר בחיטי טריפה, (דף י״ט ע״א) והלכתא משיפוי כובע ולמטה כשרה, והיינו דשייר בחיטי, רב נחמן אכשר משיפוי כובע ולמטה, אמר ליה רב חנן בר רב קטינא לרב נחמן כמאן? לא כרבנן ולא כרבי יוסי ברבי יהודה? אמר ליה אנא לא חילק ידענא ולא בילק ידענא, אנא שמעתא ידענא, דא״ר חייא בר אבא א״ר יוחנן ואמרי לה א״ר אבא בר זבדא א״ר חנינא, ואמרי לה א״ר יעקב בר אידי א״ר יהושע בן לוי, משיפוי כופע ולמטה כשרה, ואריב״ל מוגרמת

---

איך בין געשטאַנען פאַר רב חייא דער זוהן פון רב אוויא, האָט ער צו מיר געזאָגט, דאָס אויב מיט׳ן שעכטען האָט ער איבערגעלאָזט צוטיילענדיג די וױיטצעלעך צו ביידע זייטען, איז די שחיטה כשר, „אמר ליה רבינא לרב אשי, אמר לי רב שמן מסוכרא, איקלע מר זוטרא לאתרין ודרש שייר בחיטי כשרה", האָט רבינא געזאָגט צו רב אשי, רב שמן פון סוכרא האָט צו מיר געזאָגט, דאָס מר זוטרא האָט געטראָפען אין א פּלאַץ און גע׳דרש׳ענט דאָס איבערלאָזענדיג אין די וױיטצלעך איז כשר, „מר בר רב אשי אמר פגע בחיטי כשרה שייר בחיטי טרפה", מר בר רב אשי האָט געזאָגט אויב בלויז באַגעגענט די וױיטצלעך איז די שחיטה כשר, אויב איבערגעשניטען איבערלאָזענדיג צו ביסלעך צו ביידע זייטען איז טרפה, „והלכתא משיפוי כובע ולמטה כשרה והיינו דשייר בחיטי", און די הלכה בלייבט דאָס אויב ער שעכט אין דעם פּלאַץ וואו די שיפּעקייט פאַנגט זיך אָן צו די נידער איז די שחיטה כשר, און דאָס איז ווי דער וואָס האַלט שייר בחיטי כשרה, דען איבערשניידענדיג אין יענעם פּלאַץ זענען דאָרט די וױיטצלעך, „רב נחמן אכשר משיפוי כובע ולמטה, אמר ליה רב חנן בר בר קטינא לרב נחמן כמאן? לא כרבנן ולא כרי יוסי ברבי יהודה"? רב נחמן מאַכט כשר די שחיטה פון שיפוי כובע צו דער נידער האָט רב חנן דער זוהן פון רב קטינא געזאָגט צו רב נחמן ווי וועך קען דיין סברה אויסקומען לויט אונזער משנה? ניט ווי די רבנן און ניט ווי ר׳ יוסי, דען ביידע זאָגען דאָך אין משנה דאָס דער פּלאַץ פון שחיטה פאַנגט זיך אָן פון גרויסע רינג ניט העכער צום קאָפּ צו? „אמר ליה אנא לא חילק ידענא ולא בילק ידענא, אנא שמעתא ידענא, דאמר רי חייא בר אבא אמר רי יוחנן, ואמרי לה אמר רי אבא בר זבדא אמר רי חנינא, ואמרי לה אמר רי יעקב בר אידי אמר רי יהשוע בן לוי משיפוי כובע ולמטה כשרה", האָט רב נחמן צו איהם געזאָגט אזא ווערטעל איך ווייס ניט קיין חילק און ווייס ניט קיין בילק, איך קען זיי ביידען ניט, איך ווייס יאָ דאָ אַן הלכה, דאָס ר׳ חייא בר אבא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יוחנן און טייל זאָגען דאָס ר׳ אבא בר זבדא האָט געזאָגט אין נאָמין פון ר׳ חנינא און א טייל זאָגען דאָס ר׳ יעקב בר אידי האָט עס געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יהושע בן לוי, דאָס פון וואו דער שיפּוע פון מיטצעל פאַנגט זיך אָן צו די נידער צו, איז די שחיטה כשר, „ואמר רי יהושע בן לוי מוגרמת דרבנן כשרה

דרבנן כשרה לרבי יוסי בר׳ יהודה, ודרבי יוסי בר׳ יהודה כשרה לר״ח בן אנטיגנוס, פשיטא? מהו דתימא ר״ח בן אנטיגנוס אדרבנן קאי? קמ״ל, ואימא ה״נ? א״כ העיד עליה מיבעי ליה? והלכתא כרבי חנינא בן אנטיגנוס דקאי רב נחמן כוותיה, אמ׳ רב הונא אמ׳ רב אסי מחלוקת בששחט שני שליש, והגרים שליש, דרבנן סברי כולה שחיט׳ בעינן בטבעת גדולה, ורבי יוסי ברבי יהודה סבר רובו ככולו, אבל הגרים שליש ושחט שני שליש, דברי הכל פסולה, דכי נפקא חיותא

---

לרבי יוסי ברבי יהודה, ודרבי יוסי ברבי יהודה כשרה לרי חנינא בן אנטיגנוס", און נאָך האָט ר׳ יהושע בן לוי געזאָגט דאָס די מוגרמת פון די רבנן דהיינו אויב ער דרייט דעם סכין, נאָכ׳ן איינשניט אין גרויסען רינג א מעהרהייט — ארוים פון רינג צום קאָפּ צו, איז כשר נאָך ר׳ יוסי ברבי יהודה, און די מוגרמת פון ר׳ יוסי, דאָס יעדער שניט אין ארינג מוז זיין א מעהרהייט אינ״ם רינג אליין אויב וועניגער איז די שחיטה פסול, די מוגרמת איז כשר נאָך ר׳ חנינא בן אנטיגנוס, דען ער האלט, דאָס אנפאנגענדיג צו שעכטען אינ׳ם רינג מוז ער ניט שניידען אין דעם רינג א מעהרהייט, אפילו אוועקנייגענדיג מיט׳ן סכין פון רינג איז אויך כשר זאָ לאנג די מעהרהייט רעהר איז געשניטען, פרעגט די גמרא „פשיטא? מהו דתימא רי חנינא בן אנטיגנוס אדרבנן קאי? קא משמע לן", עס איז דאָך געווים אזוי לויט זייערע סברות, וואָס לאָזט ער מיך הערען דערמיט? ענטפערט די גמרא איך וואָלט מיינען צו זאָגען דאָס ר׳ חנינא באציהט זיך אויף די רבנן צו קריגען אויף זיי, דאָס נאָר זייער מוגרמת איז כשר, אָבער אויב ער שעכט העכער פון טבעת וואָלט איך מיינען, דאָס ע־ האלט אויך אז די שחיטה איז פסול? לאָזט ער מיך הערען דאָס אפילו די מוגרמת פון ר׳ יוסי איז אויך כשר נאָך איהם נאָך, פרעגט די גמרא, „ואימא הכי נמי"? לאָמעך טאקע אזוי זאָגען דאָס ר׳ חנינא באציהט זיך אויף די רבנן? ענטפערט די גמרא „אם כן העיד עליה מיבעי ליה"? אויב אזוי דאָס ער באציהט זיך נאָר אויף איין מוגרמת פון די רבנן, האָט ער געדארפט זאָגען העיד עליה דאָס ער האָט עדות געזאָגט אויף איהר, אָבער ער זאָגט דאָך איינפאך העיד, דאָס ער האָט עדות געזאָגט, איז ווארשיינליך אויף אלע מוגרמת, „והלכתא כרי חנינא בן אנטיגנוס דקאי רב נחמן כוותיה", און די הלכה בלייבט ווי ר׳ חנינא ווייל רב נחמן שטעהט אין דער הלכה ווי ער, „אמר רב הונא אמר רב אסי מחלוקת בששחט שני שליש והגרים שליש, דרבנן סברי כולה שחיטה בעינן בטבעת גדולה", האָט רב הונא געזאָגט אין נאָמען פון רב אסי, דאָס די מחלוקת צווישען די רבנן און ר׳ יוסי בר׳ יהודה אין דער משנה איז, וואו ער האָט געשאָכטען צוויי דריטעל אין גרויסען רינג און ער איז ארוים מיט׳ן סכין פונ׳ם רינג ביים לעצטען דריטעל צום קאָפּ צו, דען די רבנן האלטען די גאנצע שחיטה דארף זיין אין גרויסען רינג ניט העכער צום קאָפּ צו, „ורי יוסי ברי יהודה סבר רובו ככולו", און ר׳ יוסי האלט די מעהרהייט איז גלייך ווי ער וואָלט שעכטען אין דער גאנצער רינג, „אבל הגרים שליש ושחט שני שליש, דברי הכל פסולה, דכי נפקא חיותא בעינן

בעינן רובא בשחיטה, וליכא, א״ל רב חסדא אדרבה? לימא מר איפכא, מחלוקת כשהגרים שליש, ושחט שני שליש, דר׳ יוסי ברבי יהודה סבר מידי דהוה אחצי קנה פגום, ורבנן? התם מקום שחיטה, הכא לאו מקום שחיטה, אבל שחט שני שליש והגרים שליש, דברי הכל כשרה, דהא תנן רובו של אחד כמוהו, א״ל רב יוסף מאן נימא לן דההוא רובא דהתם לאו רבי יוסי ברבי יהודה קתני לה, דלמא רבי יוסי ברבי

---

רובא בשחיטה וליכא", אָבער אז ער האָט געמאַכט די הגרמה באַלד ביים ערשטען דריטעל ארויסגעהענדיג פונ׳ם רינג און שעכטענדיג די אנדערע צוויי דריטעל אינ׳ם רינג, האַלטען אַלע די שחיטה איז פסול, ווייל דער לעבען פון דער בהמה זאָל ארויסגעהן, דאַרף זיין מיט רוב שחיטה, און דאָ איז עס ניטאָ, „אמר ליה רב חסדא אדרבה לימא מר איפכא מחלוקת כשהגרים שליש ושחט שני שליש דרי יוסי סבר מידי דהוה אחצי קנה פגום", האָט רב חסדא געזאָגט צו איהם אדרבה דו קענסט דאָך זאָגען פאַרקערט און לאָזען הערען מעהר רבותא, דאָס זייער מחלוקת איז וואו ער האָט געמאַכט די הגרמה באַלד ביים ערשטען דריטעל רינג ארויסגעהענדיג העכער, און אזוי שעכטען די אַנדערע צוויי דריטעל אינ׳ם רינג צום קאָפּ צו, דאָס ר׳ יוסי האַלט די שחיטה איז כשר, עס זאָל גלייך זיין ווי דער דין וואו ער טרעפט דאָס אַ האַלבע לופטרעהר איז פגום (דוכגעשפּאַלטען) פון זיך זעלבסט, און ער ענדיגט די שחיטה אויף אַ מעהרהייט פון דאָרט אָן, איז דאָך באַוואוסט די שחיטה איז כשר, אזוי אויך דאָ וועניגסטענס זאָל זיין כשר, ווען ער ענדיגט צו שעכטען די גאַנצע לופטרעהר, כאָטש ניט אין רינג, „ורבנן התם מקום שחיטה הכא לאו מקום שחיטה, אבל שחט שני שליש והגרים דברי הכל כשרה", און די רבנן וואָס פסל׳ען איז ווייל זיי אונטערשיידען פון דאָרט, וואו עס שמועסט דער פגם און דאָס שעכטען איז אין פּלאַץ פון שחיטה, און דער פגם קען דאָך ניט זיין קיין טרפה צייטענס דער רוב קנה איז פגום, אָבער דאָ שעכט ער דאָך העכער פון רינג וואו עס איז ניט דער פּלאַץ פון שחיטה, געהט דאָך דער לעבען ארויס פון רוב סימן פסול׳ע שחיטה, אָבער דאָ וואו ער שעכט צוויי דריטעל אין רינג און די הגרמה מאַכט ער ערשט אין לעצטען דריטעל האַלטען אַלע עס איז כשר? „דהא תנן רובו של אחד כמוהו", דען מיר האָבען דאָך געלערנט אין אַ משנה דאָס אַ רוב איז ווי אַ גאַנצע סימן? „אמר ליה רב יוסף מאן נימא לן דההוא רובא דהתם לאו ר׳ יוסי ברבי יהודה קתני לה, דלמא ר׳ יוסי קתני לה"? האָט רב יוסף צו איהם געזאָגט ווער קען אונז דאָס זאָגען דאָס דער רובא פון משנה, מיינט מען ניט ר׳ יוסי, פיליכט האָט ר׳ יוסי דאָס געלערנט דעם רוב און די משנה דאָרט איז באַזירט אויף ר׳ יוסי, אָבער די רבנן זענען ניט מכשיר מיט אַ רוב, אפילו ווען די הגרמה קומט ערשט ביים לעצטען דריטעל? (ניט אזוי ווי דו האָסט פריהער געוואָלט זאָגען, אז דאָס וואָס די רבנן זאָגען אין דער משנה מלא החוט על פני כולה, מיינען זיי צו ממעט זיין וואו ער מאַכט די הגרמה ביי דער ערשטער העלפט רינג, אָבער ביים לעצטען דריטעל איז זיכער כשר אפילו נאָך די רבנן נאָך),

יהודה קתני להי? אמ׳ ליה אביי אטו כל רובי דעלמא רבי יוסי ברבי יהודה קתני להו? אמ׳ ליה אנא רובא דשחיט׳ קאמינא, דשמענא להו דפליגי, לישנא אחרינא אמרי לה אמ׳ רב הונא אמר רב אסי מחלוקת שהגרים שליש, ושהט שני שליש, דרבי יוסי בר ר׳ יהודה סבר מידי דהוי אחצי קנה פגום, ורבנן? התם מקום שחיטה, הכא לאו מקום שחיטה, אבל שחט שני שליש, והגרים שליש, דברי הכל כשרה, דהא תנן רובו של אחד כמוהו, מתקיף לה רב חסדא מאן לימא לן דההוא רובא דהתם, לאו רבי יוסי בר׳ יהודה קתני לה, דלמא רבי יוסי ברבי יהודה קתני לה? א״ל רב יוסף אטו כל רובי דעלמא ר׳ יוסי ברבי

---

„אמר ליה אביי אטו כל רובי דעלמא ר׳ יוסי ברבי יהודה קתני להו״? האט אביי צו איהם געזאגט, זענען דען אלע רוב׳ס פון איבעראל באזירט אויף ר׳ יוסי? „אמר ליה אנא רובא דשחיטה קאמינא דשמענא להו דפליגי״, האט ער צו איהם געזאגט איך מיין צו זאגען וועגען רוב ביי שחיטה, וואו מיר האבען געהערט, די רבנן קריגען אויף איהם איז געווים געמיינט אויף ר׳ יוסי, קען דאך זיין די רבנן קריגען אויך ביי אזא פאל? „לישנא אחרינא אמרי לה אמר רב הונא אמר רב אסי מחלוקת שהגרים שליש ושחט שני שליש דרבי יוסי ברבי יהודה סבר מידי דהוה אחצי קנה פגום״, טייל זאגען אן אנדער לשון, דאס רב הונא האט געזאגט אין נאמען פון רב אסי, אז די מחלוקת צווישען די רבנן או ר׳ יוסי איז, וואו ער האט געמאכט די הגרמה אין ערשטען דריטעל פון דער שחיטה ארויסגעהענדיג פון׳ם רינג און ענדיגענד די אנדערע צוויי דריטעל, ביי אזא פאל האלט ר׳ יוסי אז די שחיטה איז כשר, ווייל עס איז גלייך און אזוי גוט ווי ער זאל אנטרעפען וואו א חאלבע לופט רעהר איז אויפגעריסען, וואס הייסט נאך ניט קיין טרפה, און ער דערשעכט נאךצו אביסעל, וואס צוזאמען מאכט אוים א רוב שחיטה אין קנה, „ורבנן התם מקום שחיטה הכא לאו מקום שחיטה״, און די רבנן וואס אסור׳ן איז, ווייל דארט ביים חצי קנה פגום שמועסט, אז די זאך געשעהט אין פלאץ פון שחיטה פון גרויסען רינג אויף נידריגער, אבער דא שמועסט דאך ניט אין פלאץ פון שחיטה דען ער מאכט דאך אן הגרמה פון גרויסען רינג ארויס צום קאפ צו, „אבל שחט שני שליש והגרים שליש דברי הכל כשרה, דהא תנן רובו של אחד כמוהו״, אבער אז ער שעכט גוט צוויי דריטעל און ער מאכט ערשט די הגרמה ביים דריטען דריטעל, האלטען אלע די שחיטה איז כשר, דען מיר האבען דאך געלערנט דאס א רוב איז ווי א גאנצער סימן, מתקיף לה רב חסדא מאן לימא לן דהאי רובא דהתם לאו ר׳ יוסי קתני לה, דלמא ר׳ יוסי קתני לה״? האט רב חסדא א קשיא געפרעגט ווער קען אונז דאס זאגען, דאס דער רוב וואס די משנה זאגט, ער איז ווי א גאנצער, שטאמט ניט פון ר׳ יוסי, פיליכט איז די משנה באזירט בלויז אויף ר׳ יוסי, וואס דען זאגסטו, דאס אפילו די רבנן האלטען אויך דעם רוב פאר א גאנצען סימן? „אמר ליה רב יוסף אטו כל רובא דעלמא ר׳ יוסי ברי יהודה קתני להו״? האט רב יוסף צו איהם גיזאגט

יהודה קתני להו? אמר ליה אנא רובא דשחיטה קאמינא, דשמענא להו דפליגי, הגרים שליש ושחט שליש והגרים שליש, רב הונא אמר רב כשרה, רב יהודה אמר רב טריפה רב הונא אמר רב כשרה, כי נפקא חיותא בשחיטה קא נפקא, ר' יהודה אמ' רב טריפה, בעינן רובא בשחיטה וליכא, שחט שליש והגרים שליש ושחט שליש, רב יהודה אמ' רב כשרה, אתו שיילוה לרב הונא, אמר להו טריפה, שמע רב יהודה איקפד, אמר טריפנא ומכשר, ומכשרנא טריף? אמר רב הונא שפיר קא מיקפד, הדא איהו שמיע ליה מיניה דרב, ואנא לא שמיע

---

זענען דען אַלע רוב'ס פון איבעראַל געשטיצט אויף ר' יוסי, אַלס ער לערנט זיי? „אמר למה אנא רובא דשחיטה קאמינא דשמענא להו דפליגי", האָט ער צו איהם געזאָגט איך שמועס וועגען רוב פון שחיטה וואו מיר האָבען געהערט דאַס די רבנן קריגען אויף ר' יוסי דערביי, היינט ווי קענסטו איינזעצען דאַס אויב די הגרמה איז ביים דריטען דריטעל, וואָס איז שוין נאָך די רוב שחיטה, האַלטעןביידע גלייך אַלס כשר? „הגרים שליש ושחט שליש והגרים שליש רב הונא אמר רב כשרה, רב יהודה אמר רב טרפה, רב הונא אמר רב כשרה, כי נפקא חיותא, בשחיטה קא נפקא, רב יהודה אמר רב טרפה, בעינן רובא בשחיטה וליכא", אז ער האָט געמאַכט די הגרמה ביים ערשטען שליש און צוריק אריינגעהענדיג אין רינג, אַזוי געשאָכטען דעם צווייטען שליש און נאָכהער געמאַכט אַ צווייטע הגרמה ביים דריטען שליש, רב הונא זאָגט אין נאָמען פון רב כשר און רב יהודה זאָגט אין נאָמען פון רב טרפה, און ער באַשייד, רב הונא זאָגט כשר, ווייל דער לעבען איז אַרויס פון דער בהמה ווערענד דעם צווייטען שליש ווען עס ווערט אַ רוב שחיטה און דאַמאָלסט האָט ער דאָך גוט געשאָכטען, און רב יהודה וואָס זאָגט טרפה, איז ווייל ער האַלט עס דאַרף זיין רוב מיט גוטער שחיטה, און צוויי דריטלען זענען דאָך געוועזן מיט הגרמה, איז דאָך קיין רוב מיט שחיטה ניט געוועזן, „שחט שליש והגרים שליש ושחט שליש, רב יהודה אמר רב כשרה, אָתו שיילוה לרב הונא אמר להו טרפה", אז ער האָט געשאָכטען איין שליש און געמאַכט די הגרמה ביים צווייטען שליש און צוריק אריין אין רינג און אַזוי געשאָכטען דעם דריטען שליש, זאָגט רב יהודה אין נאָמען פון רב כשר, זענען זיי געקומען און געפרעגט צו רבהונא, האָט ער צו זיי געזאָגט טרפה, „שמע רב יהודה איקפד, אמר טריפנא ומכשיר, ומכשרנא טריף"? ווי רב יהודה האָט דאָס געהערט האָט ער זיך געבייזערט, זאָגענדיג מאַך איך טרפה איז ער מכשיר, מאַך איך כשר מאַכט ער טרפה? וואָס איז דאָ? „אמר רב הונא שפיר קא מיקפד, הדא איהו שמיע ליה מיניה דרב, ואנא לא שמיע לי, ועוד האיכא רובא בשחיטה", האָט רב הונא געזאָגט ער האָט רעכט וואָס ער האָט זיך געבייזערט, איינס ער האָט דאָך געהערט אַזוי פון רב, און איך האָב ניט געהערט פון רב נאָר איך האָב עס געזאָגט פון מיין סברה, און נאָך איינס, עס איז דאָך דאָ רוב מיט שחיטה דען צוויי דריטעל האָט ער דאָך גוט געשאָכטען און נאָר איין

**לי, ועוד האיכא רובא בשחיטה, א״ל רב הסדא לא תהדר בך, (דף י״ט ע״ב) דא״כ מפסדת לה לקמייתא, התם מ״ט קא מכשרת? דכי נפקא חיותא בהכשירא קא נפקא, הכא נמי כי נפקא חיותא, בהגרמה קא נפקא, איקלע רב נהמן לסורא, בעו מיניה שהט שליש, והגרים שליש, ושחט שליש מהו? אמר להו לאו היינו דרבי אלעזר בר מניומי? דא״ר אלעזר בר מניומי שהיטה העשויה כמסרק כשרה, ודלמא במקום שחיטה? במקום שחיטה מאי למימרא? מהו דתימא בעינן שחיט׳**

---

דריטעל האָט ער געמאַכט אַן הגרמה, „אמר ליה רב חסדא לא תהדר בך דאם כן מספדת לה לקמייתא״, האָט רב חסדא געזאָגט צו רב הונא זאָלסט ניט צוריקציהען פון דעם וואָס האָסט געזאָגט ווייל אויב יאָ וועסטו נאָך פארלירען דאָס ערשטע וואָס האָסט געזאָגט, „התם מאי טעמא קא מכשרת? דכי נפקא חיותא בהכשרה קא נפקא, הכא נמי כי נפקא חיותא בהגרמה קא נפקא״, דען דאָרט וואו דער ערשטער שליש איז געווען מיט הגרמה און דער צווייטער שליש אין וועג פון גוטער שחיטה, וואו דו האָסט מכשיר געווען, וואָרום האָסטו דען מכשיר געווען? ווייל דער לעבען פון דער בהמה איז ארויס ווערענד גוטער שחיטה, ווען דער רוב שחיטה איז פול געווארען, אָבער עס שמועסט ניט וועגען רוב גוטער שחיטה און דאָ אויך אזוי, וואָס דו מאַכסט טריפה, איז דאָך צוליב דערזעלבער אורזאַך, ווייל דער לעבען איז אַרויס ווערענד הגרמה, דען דא שמועסט דאָך וואו דער צווייטער שליש איז געווען מיט הגרמה, און אויב דו וועסט איהם געבען גערעכט, פאַלט דאָך אַוועק דיין סברה אויך ביי דער ערשטער זאַך, „איקלע רב נחמן לסורא בעו מיניה שחט שליש והגרים ושחט שליש מהו״? רב נחמן איז אָנגעקומען קיין סורא האָבען זיי פון איהם געפרעגט, אז ער האָט געשאָכטען אַ שליש און געמאַכט אַן הגרמה אין צווייטען שליש און געענדיגט שעכטען דעם דריטען שליש, ווי איז דער דין? „אמר להו לאו היינו דרי אלעזר בן מניומי, דאמר שחיטה העשויה כמסרק כשרה״, האָט ער צו זיי געזאָגט איז דען ניט דאָס, דאָס אייגענע וואָס ר׳ אלעזר בר מניומי האָט געזאָגט? דען ער האָט געזאָגט, אַזאַ שחיטה וואָס איז געמאַכט אריין און ארויס פון גרויסען רינג ווי אַ קעמעל מיט ציינער איז כשר, (אַ שחיטה וואָס שנייד איבער די רינג אויף צוויי רינגען הייסט אַ גלייכע שחיטה, און אויב אָנפאַנגענדיג אין רינג ביים ערשטען דריטעל, ער געהט זייטווערטס ארויס פון רינג און צוריק אריין אין רינג אַזוי שעכטענדיג דעם צווייטען דריטעל ביז׳ן דריטען דריטעל און דאַן ווידער ארויס פון׳ם רינג צו דער זייט צום קאָפּ צו, אַזאַ שחיטה רופט ער אַן מסרק ווי אַ קעמעל מיט ציינער) פרעגט די גמרא, „ודלמא במקום שחיטה״? פיליכט האָט ר׳ אלעזר מכשיר געווען אַזאַ שחיטה נאָר אין פּלאַץ וואו די שחיטה געהער צו זיין, דהיינו ווען די הגרמה איז פון גרויסען רינג צום גוף צו, אָבער צום קאָפּ צו קען זיין אסור׳ט אויך ר׳ אלעזר בר מניומי? פרעגט די גמרא צוריק „במקום שחיטה מאי למימרא״? אויב אין פּלאַץ פון שחיטה, וואָס איז געדאַפט צו לאָזען

מפורעת וליכא, קא משמע לן, (סין בב"ד) יתיב רבי אבא אחוריה דרב כהנא, ויתיב רב כהנא קמיה דרב יהודה ויתיב וקאמר, שחט שליש, והגרים שליש, ושחט שליש מהו? אמר ליה שחיטתו כשרה, הגרים שליש, ושחט שליש, והגרים שליש מהו? אמ' ליה שחיטתו פסולה, שחט במקום נקב מהו? א"ל שחיטתו כשרה שחט ופגע בו

---

הערען, עס איז דאך א געוויס? ענטפערט די גמרא, „מהו דתימא בעינן שחיטה מפורעת וליכא? קא משמע לן", איך וואלט מיינען צו זאגען דאס די שחיטה איז פסול צוליב זי איז ניט גענוג אפען און קענטליך אלס געשאכטען, דען דער שניט איז קרומלאך וועלען מענשען מיינען דאס זי איז געשאכטען מיט נחירה ווי בעפאר מתן תורה, און אויפ'ן פסוק ביי יוסף וטבוח טבח והכן שעכטענדיג א שעכטונג דרש'ענט די גמרא ווייטער דף צ"א ע"א, דאס מען מיינט אויפצודעקען דעם שחיטה פלאץ עס זאל זיין קענטיג, באזירט איז די דרשה ווייל עס וואלט דאך גענוג זיין, עס זאל שטעהן וטבוח והכן שעכט און גרייט צו, דער צווייטער ווארט טבח אלס נאמען שעכטונג וואס מיינט שוין געשאכטענעם איבעראיינשטימט דאך ניט מיט'ן ערשטען ווארט וטבוח וואס מיינט ערשט צו געהן שעכטען? נאר מוז זיין אז דער פסוק מיינט זאלסט שעכטען נאך אמאהל דאס געשאכטענע מיינענדיג דערמיט, זאלסט אויפמאכען און אויפשפרייטען די שחיטה וואס איז שוין געשאכטען, אזוי וואלט איך מיינען דא צו האלטען די שחיטה דא אלס פסול? לאזט ער מיך הערען דאס מען דארף ניט קיין שחיטה מפורעת, און דעם פסוק דרש'ענט דער תנא ווארשיינליך אויף עפעס אנדערש, דאס נאר יוסף האט געמוזט אזוי טוען אום זיינע ברידער זאלען איהם ניט חושד זיין דאס ער עסט בשר נחירה, דען דאמאלסט איז דאך נאך געווען בעפאר תורה איבערגעבונג, און נאר זיי אליין האבען אפגעהיטען די תורה אלס די קינדער פון יעקב אבינו, „יתיב ר' אבא אחוריה דרב כהנא ויתיב רב כהנא קמיה דרב יהודה ויתיב וקאמר שחט שליש והגרים שליש ושחט שליש מהו"? ר' אבא איז געזיצען הינטער רב כהנא און רב כהנא איז געזיצען פאר רב יהודה און געפרעגט די שאלה אז איינער שעכט איין שליש און מאכט הגרמה אין צווייטען שליש און שעכט דעם דריטען שליש ווי איז דער דין? „אמר ליה שחיטתו כשרה", האט רב יהודה צו איהם געזאגט זיין שחיטה איז כשר, „הגרים שליש ושחט שליש והגרים שליש מהו? אמר ליה שחיטתו פסולה", אז ער האט געמאכט אן הגרמה ביים ערשטען שליש און געשאכטען דעם צווייטען שליש און געמאכט הגרמה אויך ביים דריטען שליש, ווי איז דער דין? האט ער צו איהם געזאגט זיין שחיטה איז פסול, „שחט במקום נקב מהו? אמר ליה שחיטתו כשרה", אז ער האט געשאכטען דעם לופטרעהר אין פלאץ וואו ער איז געווען געלעכערט פון פארענט, (ניט קיין רוב וואס איז שוין א טרפה) ווי איז דער דין? האט ער צו איהם געזאגט, די שחיטה איז כשר, „שחט ופגעו בו נקב מהו? אמר ליה שחיטתו פסולה", אז ער האט געשאכטען און אנגעטראפען דעם

נקב מהו? א"ל שחיטתו פסולה, אזל ר' אבא אמרה קמיה דר' אלעזר, אזל ר"א אמרה קמיה דר' יוחנן, אמר ליה מאי שנא אמ' ליה שחט במקום נקב, נעשה כמי ששחט עכו"ם, וגמר ישראל, שחט ופגע בו נקב, נעשה כמי ששחט ישראל, וגמר עכו"ם, קרי עליה עכו"ם עכו"ם, אמ' רבא שפיר קרי עליה עכו"ם עכו"ם, בשלמא התם מדהוה ליה לישראל למשחט רובא, ולא שחט, כי נפקא היותא בידא דעכו"ם קא נפקא אלא הכא מכדי משחט שחיט, מה לי במקו' נקב מה לי פגע בו נקב: מתני' השוחט מן הצדדין שחיטתו כשר', המולק מן הצדדין

---

נקב פון אונטען, ווי איז דער דין? האט ער צו איהם געזאגט די שחיטה איז פסול, „אזל ר' אבא אמרה קמיה דרי אלעזר, אזל רי אלעזר אמרה קמיה דרי יוחנן, אמר ליה מאי שנא"? איז געגאנגען ר' אבא און דאס איבערגעזאגט פאר ר' אלעזר, און ער איז געגאנגען און עס איבערגעזאגט פאר ר' יוחנן האט ער צו איהם געזאגט וואס איז דער אונטערשייד צווישען פארענט א נקב אדער אונטען א נקב? „אמר ליה שחט במקום נקב, נעשה כמי ששחט עובד כוכבים וגמר ישראל, שחט ופגע בו נקב, נעשה כמי ששחט ישראל וגמר עובד כוכבים, האט ער צו איהם געזאגט אז ער שעכט אין פלאץ פון נקב און ענדיגט דעם רוב שחיטה, איז גלייך דער נקב ווי א גוי זאל דאס געווען שעכטען און א איד זאל ענדיגען די שחיטה, וואו דער לעבען געהט ארויס דורך כשר'ע שחיטה, אבער אז ער שעכט און באגעגענט א נקב ביים ענד וואו דער רוב פאנגט זיך אן, איז גלייך ווי א יוד זאל אנפאנגען די שחיטה און א גוי זאל איהר ענדיגען, וואו דער לעבען געהט אויס דורכ'ן גוי, דעריבער איז די שחיטה פסול, „קרי עליה עובד כוכבים עובד כוכבים", ער האט אויסגערופען עובד כוכבים עובד כוכבים דו האסט נאר אן ארבייט מיט'ן עובד כוכבים חאטש עס איז ניט אויסגעהאלטען, „אמר רבא שפיר קרי עליה עובד כוכבים עובד כוכבים, בשלמא התם מדהוה ליה לישראל למשחט רובא, ולא שחט כי נפקא חיותא בידא דעובד כוכבים קא נפקא", האט רבא געזאגט ער האט איהם ריכטיג נאכגעאהמט עובד כוכבים עובד כוכבים, ווייל עס איז ניט גלייך, אנדערש דארט וואו א איד שעכט א העלפט פון דער קנה און א גוי דערפולט נאכהער צום רוב, האט דאך דער איד געהאט די גאנצע קנה פאר זיך, און ער האט ניט דערשאכטען צום רוב, איז דאך דער לעבען פון דער שחיטה ניט ארויס, נאר ערשט דורכ'ן גוי, הייסט עס גלייך ווי דער גוי זאל געווען מאכען די גאנצע שחיטה, „אלא הכא מכדי משחט שחיט מה לי במקום נקב מה לי פגע בו נקב", אבער דא ווענען נקב, האט ער דאך אינגאנצען וואס עס איז געווען צו שעכטען געשאכטען, און קיין טרפה פון א האלבע קנה דורכ'ן נקב איז דאך ניט פאראן, איז דאך דער קנה גלייך ווי א גאנצער, היינט וואס פאר אן אונטערשייד איז צו מיר, צו דער נקב איז ביים אנפאנג שחיטה צו ביים רוב שחיטה: „מתניי השוחט מן הצדדין שחיטתו כשרה, המולק מן הצדדין מליקתו פסולה, השוחט מן העורף

מליקתו פסולה, השוחט מן העורף, שחיטתו פסולה, המולק מן העורף, מליקתו כשירה, השוחט מן הצואר שחיטתו כשר׳ המולק מן הצואר מליקתו פסולה, שכל העורף כשר למליקה, וכל הצואר כשר לשחיטה, נמצא כשר בשחיטה פסול במליקה כשר במליק׳ פסול בשחיט׳: גמ׳ מאי עורף? אילימא עורף ממש, מאי איריא שוחט, אפי׳ מולק נמי, ממול ערפו אמ׳ רחמנא, ולא ערפו? אלא מאי עורף ממול עורף, כדקתני סיפא כל העורף כשר למליקה, מנהני מילי? דתנו רבנן (ויקרא ה׳) ממול ערפו מול הרואה את העורף, וכן הוא אומר (במדבר כ״ב) והוא

---

שחיטתו פסולה, המולק מן העורף מליקתו כשרה״, אז איינער שעכט פון די זייטען, איז זיין שחיטה כשר, אז איינער ווערגט א קרבן עוף וואס קומט פון טויבען, פון די זייטען איז זיין מליקה פסול, אז איינער שעכט פון נאקען ביז ער שנייד איבער די סימנין, איז זיין שחיטה פסול, אז איינער ווערגט פון נאקען, איז זיין מליקה כשר ווייל די מליקה איז אזוי פארגעזאגט אין דער תורה „ממול ערפו״ פון גענגען נאקען אבער ביי שחיטה אז ער פאנגט אן פון נאקען איבערשניידענדיג דעם קארק ווערט זי באלד טרפה, און עס העלפט ניט דער ווייטערדיגער שעכטען, „השוחט מן הצואר שחיטתו כשרה, המולק מן הצואר מליקתו פסולה, שכל העורף כשר למליקה, וכל הצואר כשר לשחיטה״, א שחיטה פון האלז איז כשר א מליקה פון האלז איז פסול, ווייל דער גאנצער נאקען איז כשר פאר מליקה און דער גאנצער האלז איז כשר פאר שחיטה, נמצא כשר בשחיטה פסול במליקה, כשר במליקה פסול בשחיטה״, קומט אויס, דאס וואס עס איז כשר פאר שחיטה איז פסול פאר מליקה, און וואס איז כשר פאר מליקה איז פסול פאר שחיטה: „גמ׳״, פרעגט די גמרא, „מאי עורף? אילימא עורף ממש, מאי אריא שוחט אפילו מולק נמי, ממול ערפו אמר רחמנא ולא ערפו״? וואס מיינט דא די משנה מיט׳ן ווארט עורף ביי שחיטה, זאל איך זאגען דעם נאקען אליין, איז דאך די קשיא וואס כאפט אן די משנה אז די שחיטה איז פסול, אפילו די מליקה דארף דאך אויך זיין פסול, דען די תורה זאגט דאך דאס די מליקה דארף זיין קעגען נאקען אבער ניט פון נאקען אליין? „אלא מאי עורף ממול עורף כדקתני סיפא כל העורף כשר למליקה״, אלא זאגט די גמרא ווייסטו ווי די משנה מיינט מיט׳ן ווארט עורף? זי מיינט טאקע פון קעגען עורף, אזוויווי ער לערנט אין דער סיפא דאס דער גאנצער עורף איז כשר פאר מליקה, דער עורף איז דאך אקליינער פונקט, וועלכען עס געשיקט זיך ניט צו רופען דער גאנצער עורף, נאר מוז זיין ער מיינט גענגען עורף, דעם גאנצען קארק וואס קוקט צום עורף, פרעגט די גמרא, „מנא הני מילי? דתנו רבנן ממול ערפו מול הרואה את העורף, וכן הוא אומר והוא יושב ממולי״, פונוואנען איז געדרינגען דאס ממול מיינט מען וואס זעהט דעם עורף? דען די רבנים האבען געלערנט דער פסוק זאגט ממול ערפו, טייטשט מען דעם פלאץ גענגען, וואס זעהט דעם עורף, דאס ווארט מול באצייכענט דעם שטח נאהענט צו א זאך אין א לענג נידריגער אין א פאזיציע וואס קוקט אויף

יושב ממולי, ואומר (ירמיה ב) כי פנו אלי עורף ולא פנים, מאי ואומר? וכי תימא עורף גופיה לא ידעינן היכא, דנדע מול דידיה היכא, תא שמע כי פנו אלי עורף ולא פנים, מכלל דעורף להדי פנים, אמרי בני ר' הייא מצות מליקה מחזיר סימנים לאחורי העורף, ומולק, איכא דאמרי אף מחזיר, ואיכא דאמרי מחזיר דוקא, ומסתברא כמאן דאמ' אף מחזיר, ממאי? מדקתני השוחט מן העורף שחיטתו פסולה, המולק

---

דער זאך, ווי אשטייגער „אל מול פני המצנפת יהי'" דער ציץ זאל זיין אין פלאץ גענען די הויפ נידריגער פון איהר, און אויב ער וואלט זאגען אצל ערפו וואלט עם מיינען אויך ביי די זייטען פון עורף אין דער הויך, און נגד מיינט גענען א זאך פון א געוויסער זייט אין אלגעמיין, אבער ניט פון א געוויסען פונקט, און נכח מיינט א ציעלפונקט איינער גענען אנדערן אין א גלייכע ריכטונג און עומת מיינט צוויי גלייכע זאכען איינע גענען די אנדערע, און אזוי איז געזאגט א פסוק, וואו בלק האט געזאגט אויף די אידען דאס ער זיצט געגענאיבער מיר, און איך זעה איהם, „ואומר כי פנו אלי עורף ולא פנים", און נאך א פסוק זאגט דאס זיי האבען זיך געקערט צו מיר מיט'ן נאקען ניט מיט'ן פנים זעהסט דאך גוט דאס דער נאקען איז גאר אויבען געגענאיבער דעם פנים, און דער קארק נידריגער נאהענט צום עורף איז געגענאיבער דעם האלז, פרעגט די גמרא, „מאי ואומר"? וואס דארף מען נאך א פסוק? ענטפער, „וכי תימא עורף גופיה לא ידעינן היכא, דנדע מול דידיה היכא, תא שמע כי פנו אלי עורף ולא פנים מכלל דעורף להדי פנים", איי דו וועסט אפשר זאגען, דאס דעם עורף אליין ווייסען מיר ניט וואו ער איז, מיר זאלען צוליב איהם קענען וויסען דעם פלאץ וואס דער פסוק באצייכענט מיט'ןווארט מול, דעריבער ברייננט ער אויך דעם פסוק כי פנו אלי עורף ולא פנים, איז גערדונגען דאס דער עורף איז פונקט געגען פנים, „אמרי בני ר' חייא מצות מליקה מחזיר סימנין לאחורי העורף ומולק, איכא דאמרי אף מחזיר, ואיכא דאמרי מחזיר דוקא", די זיהן פון ר' חייא האבען געזאגט דאס די מצוה פון מליקה איז ארונטער צו שטופען די סימנין הינטער דעם נאקען און דארט זיי אפצווערגען, טייל זאגען, דאס ער קען אויך אזוי טוען ארונטערשטופענדיג די סימנים צום קארק צו און זיי דארט אפווערגען, און ער מוז ניט איבערהאקען מיט די נענעל דעם קארק צוצוקקומען צו די סימנים, און טייל זאגען דאס דוקא מחזיר, אבער אז ער קוועטשט דורך דעם קארק צוצוקומען צו די סימנים איז די מליקה פסול, זאגט די גמרא, „ומסתברא כמאן דאמר אף מחזיר, ממאי? מדקתני השוחט מן העורף שחיטתו פסולה המולק מן העורף מליקתו כשרה", און די סברא גיט מיט, ווי דער וואס זאגט אף מחזיר, דאס ער קען מאכען די מליקה אין בײדע וועגען, אי איבערהאקען דעם קארק צו אפווערגען די סימנים, אי ארײנצוציהען די סימנין און בלויז זיי אפצווערגען, פונוואנען איז דאס גערדונגען? ווען איך זעה די משנה לערנט אז איינער שעכט פון נאקען איז די שחיטה פסול, און מליקה פון דארט איז כשר, „ואי סלקא

מן העורף מליקתו כשרה, (דף כ׳ ע״א) ואי ס״ד דוקא, מאי איריא מולק, אפי׳ שוחט נמי? אלא לאו שמע מינה, אף מחזיר, ומתני׳ בדלא אהדר, א״ר ינאי יקבלו הרובין את תשובתן, דקתני נמצא כשר בשחיטה פסול במליקה, כשר במליקה פסול בשחיטה, למעוטי מאי? לאו למעוטי מחזיר סימנין לאחורי העורף דלא, אמ׳ רבה בר בר חנה לא, למעוטי שן וצפורן בהדיא קתני להו? אלא א״ר ירמיה למעוטי מוליך ומביא.

---

דעתך מחזיר דוקא מאי איריא מולק אפילו שוחט נמי״? און אויב דו וועסט דענקען דאָס נאָר מחזיר, אָבער איבעררייסען דעם קארק ניט, וועט דאָך זיין שווער וואָס כאפּט עפּעס אָן די משנה דאָס נאָר מולק איז כשר פון עורף, אפילו שחיטה וואָלט דאָך אויך דארפען זיין כשר, פונקט ווי עס איז כשר שעכטענדיג פון דער זייט, אויב ער צורייסט נאָר ניט דעם נאַקען? „אלא לאו שמע מינה אף מחזיר ומתניתין בדלא אהדרי״, נאָר מוז זיין ניט אַנדערש, אז עס איז גערדונגען פון זיי אַף מחזיר דאָס ער קען טוען ביידע וועגען, און די משנה שמועסט וואו ער האָט ניט ארונטערגעמאַכט די סימנים דעריבער איז די שחיטה פסול, דען ער מוז דאָך איבערשניידען דעם מפרקת וואָס איז אַ טריפה אום צוצוקומען צו די סימנים, „אמר ר׳ ינאי יקבלו הרובין את תשובתן דקתני נמצא כשר בשחיטה פסול במליקה, כשר במליקה פסול בשחיטה, למעוטי מאי״? האָט ר׳ ינאי געזאָגט זאָלען די יונגע זיהן פון ר׳ חייא אָננעמען די אַפּוועגדונג דאָס מען מיינט ביידע וועגען, דען די משנה לערנט דאָך, דאָס עס קומט אויס, דאָס וואָס איז כשר ביי שחיטה איז פסול ביי מליקה, און דאָס וואָס איז כשר ביי מליקה איז פסול ביי שחיטה, וואָס קומט דער פאַל צו ממעט זיין און ארויסנעמען? זאָל איך זאָגען דאָס דער פאַל פסול ביי שחיטה מיינט צו ארויסנעמען דעם עורף, דאָס פון דאָרט טאָר מען ניט שעכטען? דאָס זאָגט דאָך די משנה ארויס? „לאו למעוטי מחזיר סימנין לאחורי העורף דלא״, נאָר מוז זיין ניט אַנדערש, אז עס איז ממעט, אפילו וואו ער נעמט די סימנין אַ הינטער׳ן נאַקען, איז אויך פסול פון דאָרט צו שעכטען, „אמר רבה בר בר חנה, לא, למעוטי שן וצפורן״, האָט רבה בר בר חנה געזאָגט ניין, עס איז טאַקע ווי דער ערשטער אָפּוועגד אז אַף מחזיר, דאָס ער קען מולק זיין ביידע וועגען, דאָס הייסט אפילו דורכשניידען אויך דעם מפרקת, און די משנה שמועסט וואו ער נעמט ניט אהינטער די סימנין, איי איז דאָך די פראַגע וואָס איז דער פאַל כשר במליקה ממעט? עס איז ממעט ציינער און נעגעל דאָס מיט זיי איז נאָר מליקה כשר אָבער די שחיטה איז פסול, צוליב זיי זענען באַהאַפטען צום קערפּער, און צוליב דעם פאַל לערנט ער אויך שוין דעם פאַל כשר בשחיטה פסול במליקה, פרעגט די גמרא, „שן וצפורן בהדיא קתני להו״? שן און צפורן לערנט דאָך די משנה ריין ארויס? „אלא אמר ר׳ ירמי׳ למעוטי מוליך ומביא״, נאָר האָט ר׳ ירמי׳ געזאָגט דאָס דער פאַל כשר בשחיטה פסול במליקה איז געלערנט געוואָרען צו ממעט זיין דאָס דער הין און צוריק גאַנג איז נאָך כשר ביי שחיטה אָבער פסול

הניחא למ"ד מוליך ומביא במליק' פסול, אלא למ"ד כשר מאי איכא למימר? בני ר' חייא סברי לה כמ"ד מוליך ומביא במליקה פסול, אמ' רב כהנא מצות מליקה קוצץ ויורד, וזו היא מצותה, סבר רבי אבין למימר קוצץ ויורד אין, מוליך ומביא לא, א"ל רבי ירמיה כל שכן דמוליך ומביא במליקה כשר, ומאי זו היא מצותה? אימא אף זו היא מצותה: אמר רבי ירמיה אמר שמואל כל הכשר בשחיטה כנגדו בעורף כשר במליקה, הא פסול בשחיט' פסול במליקה, למעוטי מאי? אילימא למעוטי עיקור סימנין, והא תני רמי בר יחזקאל אין עיקור

---

מליקה און צוליב דער רישא לערנט ער שוין אויך די סיפא כשר במליקה פסול בשחיטה, פרעגט די גמרא, „הניחא למאן דאמר מוליך ומביא במליקה פסול, אלא למאן דאמר כשר מאי איכא למימר"? דאס איז רעכט נאכ'ן מאן דאמר וואס האלט אז מוליך ומביא איז ביי מליקה פסול, איז עס גוט ממעט געווארען, אבער נאך דעם אמורא וואס האלט אז דער הין און צוריק גאנג איז אויך ביי מליקה כשר, וואס איז דא צו ענטפערען וועלכע זאך קען דער פאל ממעט זיין? ענטפערט די גמרא, „בני ר' חייא סברי לה כמאן דאמר מוליך ומביא במליקה פסול", די זיהן פון ר' חייא האלטען ווי דער מאן דאמר וואס זאגט דאס מוליך און מביא איז ביי מליקה פסול, „אמר רב כהנא מצות מליקה קוצץ ויורד וזו היא מצותה", רב כהנא האט געזאגט דאס די מצוה פון מליקה איז ער זאל פון דער עורף זייט דורכשניידען און אריינניידערן ביז איבער די סימנים, און דאס איז איהר מצוה, „סבר ר' אבין למימר קוצץ ויורד אין, מוליך ומביא לא", פון דעם האט ר' אבין געוואלט זאגען, דאס דורכשניידען און דורכגעהן ביז איבער די סימנין יא, אבער הין-און-צוריק ניט, „אמר ליה ר' ירמיה כל שכן דמוליך ומביא במליקה כשר", האט ר' ירמיה געזאגט צו איהם, עס איז געווים גאר פארקערט, דאס מוליך און מביא איז ביי מליקה כשר, „ומאי זו היא מצותה? אימא אף זו היא מצותה", איי איז דאך די קשיא וואס זאגט רב כהנא דאס אזוי איז די מצוה, נאר אלס יורד ניט קיין וועג צוריק? ענטפערט די גמרא זאג אזוי דעם טעקסט ביי רב כהנא ואף זו היא מצותה, דאס אויך דער וועג קוצץ ויורד איז איהר מצוה, און געווים אויך ווען ער מאכט אויך דעם צוריקוועג: „אמר ר' ירמיי אמר שמואל כל הכשר בשחיטה כנגדו בעורף כשר במליקה, הא פסול בשחיטה פסול במליקה למעוטי מאי"? ר' ירמיה האט געזאגט אין נאמען פון שמואל יעדער וועג וואס איז כשר ביי שחיטה, איז פאראלעל פון נאקען כשר ביי מליקה, ווייזט דאך פון דעם אויס, אז דאס אבער וואס איז פסול ביי שחיטה, איז אין פאראלעל פסול ביי מליקה, איז דאך פאראן צו פרעגען וואס מיינט עס דא צו ממעט זיין? „אילימא למעוטי עיקור סימנין, והא תני רמי בר יחזקאל אין עיקור סימנין בעוף"? זאל איך זאגען אז דאס קומט ער ממעט צו זיין איבערייסענדיג די סימנין, דאס עס איז ביי ביידען פסול, רמי בר יחזקאל האט דאך געלערנט דאס דער טרפה פון עיקור סימנין ביי א געפליגעל געהט ניט אן, היינט וואס

סימנין בעוף? אמ׳ רב פפא למעוטי ראשו, ראשו פשיטא (ויקרא ה) ממול ערפו אמ׳ רחמנא, ולא בראשו? מאי ראשו שיפוי ראשו, כגון דנקט משיפוי ראשו, והגרים ואזל עד דמטא תתאי, וכדרב הונא אמ׳ רב אסי דאמר רב הונא א״ר אסי הגרים שליש, ושהט שני שליש, פסולה, אמ׳ ליה רב אחא בריה דרבא לרב אשי, הא דתני רמי בר יחזקאל אין עיקור סימנין בעוף, לא אמרן, אלא למ״ד אין שחיטה לעוף מן התורה, (דף כ׳ ע״ב) אבל למ״ד יש שחיטה לעוף מן התורה יש עיקור, אמר ליה אדרבה איפכא מסתברא? למאן דאמ׳ יש שחיטה לעוף מן התורה, איכא למימר דהכי אגמריה, דאין עיקור, ואפי׳ למאן

---

מיינט דאָ שמואל מיט דעם? „אמר רב פפא למעוטי ראשו״, האָט רב פפא געזאָגט אז שמואל מיינט דאָ צו ממעט זיין, דאָס אויב ער שעכט אָדער מולק העכער פון האַלז, וואָס הייסט שוין קאָפּ, פון דאָרט זענען סיי שחיטה סיי מליקה פסול, פרעגט די גמרא, „ראשו פשיטא? ממול ערפו אמר רחמנא ולא בראשו״? פון קאָפּ איז דאָך געווים פסול, דען דער פסוק זאָגט דאָך פון געגען זיין נאַקען אָבער ניט פון קאָפּ? ענטפערט די גמרא, „מאי ראשו שיפוי ראשו, כגון דנקט משיפוי ראשו והגרים ואזל עד דמטא תתאי״, ווייסטו ווי ער מיינט ראשו? וואו ער געהט שוין שיעפּער צום האַלז צו, און עס שמועסט וואו ער האָט אָנגעפאַנגען פון דאָרט און זיך אוועקגעדרעהט אויף נידריגער ביז ער איז צוגעקומען אונטען צום ריכטיגען פּלאַץ פון מליקה און דאָרט מולק געווען, „וכדרב הונא אמר רב אַסי דאמר הגרים שליש ושחט שני שליש פסולה״, און אזוי ווי רב הונא האָט געזאָגט אין נאָמען פון רב אסי ביי שחיטה דאָס אויב ער האָט געמאַכט די הגרמה ביים ערשטען דריטעל אָנפאַנגענדיג שעכטען ניט פון ריכטיגען פּלאַץ און זיך אזוי אריינגעדרעהט מיט׳ן סכין אין ריכטיגען פּלאַץ אריין, און אזוי דערשאָכטען די אַנדערע צוויי דריטעל, איז די שחיטה פסול, אזוי אויך דאָ איז די מליקה אָנפאַנגענדיג פון העכער און נידערגעהן ביז צום ריכטיגען פּלאַץ פון מליקה, איז זי פסול, „אמר ליה רב אחא בריה דרבא לרב אשי הא דתני רמי בר יחזקאל אין עיקור סימנין בעוף, לא אמרן אלא למאן דאמר אין שחיטה לעוף מן התורה״, האָט רב אחא דער זוהן פון רבא געזאָגט צו רב אשי, דאָס וואָס רמי בר יחזקאל האָט געלערנט אלס ברייתא, דאָס עס געהט ניט אָן דער טרפה פון עיקור סימנים ביי אן עוף, איז נאָר געזאָגט נאָך דעם תנא וואָס האַלט אז שחיטה ביי אן עוף איז ניט פון דער תורה נאָר פון די רבנן, „אבל למאן דאמר יש שחיטה לעוף מן התורה, יש עיקור״, אָבער נאָך דעם תנא וואָס האַלט יאָ די שחיטה אלס מן התורה, געהט אויך אָן דערביי דער טרפה פון עיקור סימנין, „אמר ליה אדרבה איפכא מסתברא, למאן דאמר יש שחיטה לעוף מן התורה, איכא למימר דהכי אגמריה דאין עיקור״? האָט ער צו איהם געזאָגט די סברה גיט דאָך מיט, גיכער אויף פאַרקערט, דאָס דער תנא וואָס האַלט אז שחיטה פון אן עוף איז הלכה למשה מסיני באַזירט אויף א פסוק,

דאמר כבהמה, לענין עיקור לא ליהוי כבהמה, אלא למ״ד אין שחיטה לעוף מן התורה אלא מדברי סופרים, מהיכא גמירי לה? מבהמה, כולה מילתא כבהמה, אמ׳ רבינא אמר לי רבין בר קיסי הא דתני רמי בר יחזקאל אין עיקור סימנין בעוף, לא אמרן אלא במליקה, אבל בשחיטה יש עיקור, והא״ר ירמיה אמר שמואל כל הכשר בשחיטה, כנגדו בעורף כשר במליקה, הא פסול פסול? ההוא פליגא, אמר

---

קען מען חאַטש פאַרענטפערן די ברייתא פון רמי בר יחזקאל וואָס ער זאָגט, דאָס עיקור סימנים ביי אַן עוף געהט ניט אָן, ווייל דער תנא האָט אזוי מקבל געווען דאָס אזוי האָט ג־ט געלערנט משה׳ן טאַקע שחיטה יאָ אָבער עיקור סימנים ניט, „ואפילו למאן דאמר כבהמה? לענין עיקור לא ליהוי כבהמה״, און אפילו נאָך דעם תנא וואָס האַלט אז אַן עוף ווערט ארויסגעלערנט ערשט דורך אַ היקש פון בהמה, דען שחיטה שטעהט דאָך ביי בהמה וזבחת כאשר צוויתיך דו זאָלסט שעכטען חולין ווי איך האָב דיר געבאָטען דורך משה אין סיני, און עס איז פאַראַן נאָך אַ פסוק זאת תורת הבהמה והעוף דאָס איז די תורה פון בהמה און עוף, וואו די חכמים האָבען מקבל געווען אַ היקש (אַ גלייכונג) דאָס שחיטה, געהט אָן ביי אַן עוף גלייך ווי אַ בהמה, קען מען נאָך אַלץ פאַרענטפערן דאָס אזוי האָט ג־ט געלערנט צו משה, שחיטה היים איך דיר ביי אַן עוף ווי ביי אַ בהמה, אָבער נעגען עיקור זאָל זי ניט זיין ווי אַ בהמה, „אלא למאן דאמר אין שחיטה לעוף מן התורה אלא מדברי סופרים, מהיכא גמירי להּ? מבהמה? כולה מלתא כבהמה״? אָבער נאָך דעם תנא נאָך וואָס שחיטה ביי עוף איז ניט באַגרינדעט אויפ׳ן פסוק, נאָר אינגאַנצען מדרבנן, איז דאָך אַ פראַגע פון וואַנען האָבען זיי דאָס אינגאַנצען גענומען צו גוזר זיין שחיטה ביי אַן עוף? פון בהמה האָבען זיי דאָך דאָס גענומען, עס זאָל ניט אויסקוקען ווי נבלה, און צוליב דעם קומען אויך צו עסען נבלה פון אַ בהמה, איז וואַרשיינליך די גאַנצע זאַך געשטעלט געוואָרען ווי ביי בהמה, דאָס אויך אַלע טרפות ביי שחיטה זאָל ביי איהר אָנגעהן ווי ביי בהמה, היינט וואָס זעצט רב אחא איין, די ברייתא פון רמי בר יחזקאל וועגען אין עיקור סימנים בעוף נאָכ׳ן תנא אין שהיטה לעוף מן התורה? „אמר רבינא אמר לי רבין בר קוסי הא דתני רבי בר יחזקאל אין עיקור סימנים בעוף לא אמרן אלא במליקה אבל בשחיטה יש עיקור״, האָט רבינא געזאָגט, עס האָט מיר געזאָגט רבין דער זוהן פון קוסי, אז וואָס רמי בר יחזקאל האָט געלערנט וועגען דעם אז עס איז ניט פאַראַן קיין עיקור סימנים ביי אַן עוף, די רייד זענען ניט געזאָגט נאָר ביי מליקה, אָבער ביי שחיטה געהט יאָ אָן עיקור סימנים, פרעגט די גמרא „והאמר ר׳ ירמיה אמר שמואל כל הכשר בשחיטה כנגדו בעורף כשר במליקה, הא פסול פסול״? ר׳ ירמי׳ האָט דאָך געזאָגט אין נאָמען פון שמואל דעם כלל, דאָס יעדע זאַך וואָס איז כשר ביי שחיטה פון אַן עוף דורכ׳ן האַלז, איז גענגען דעם כשר פון דער זייט פון נאַקען ביי מליקה, דאַרף דאָך זיין פסול מיט פסול, אזוי ווי עיקור סימנין

זעירי נשברה מפרקת ורוב בשר עמה, נבלה, אמ' רב חסדא אף אנן נמי תנינא מלק בסכין, מטמא בגדים אבית הבליעה, ואי אמרת טרפה הויא, מליקתה זו היא שחיטתה, תיהני לה סכין לטהרה מידי נבלה? אמרי התם משום דלאו שחיטה היא כלל, מאי טעמא? רב הונא אמ' מפני שהוא מחליד, רבא אמ' מפני שהוא דורס, מ"ד מפני שהוא מחליד, מ"ט לא אמר מפני שהוא דורס? קסבר מוליך ומביא במליקה כשר, ומ"ד

---

זיינען פסול ביי שחיטה דארף דאך זיין פסול ביי מליקה? ענטפערט די גמרא, „ההיא פליגא", ר' ירמיה קריגט אויף רבין בר קוסי און ער האלט דאס אויך ביי שחיטה געהט ניט אן קיין עיקור סימנין, „אמר זעירי נשברה מפרקת ורוב בשר עמה נבלה", זעירי האט געזאגט אויב די שדרה ביים האלז איז איבערגעבראכען געווארען און די מעהרסט פלייש מיט איהר איז איבערגעהאקט מיט'ן מפרקת, איז די בהמה אדער עוף נבלה און קיין שחיטה קען איהר שוין ניט ריינינגען פון דער טומאה אפילו ווען זי ווארפט זיך נאך, ווייל זי הייסט שוין ממש טויט, „אמר רב חסדא אף אנן נמי תנינא מלק בסכין מטמא בגדים אבית הבליעה", האט רב חסדא געזאגט מיר האבען אויך געלערנט אין א ברייתא אז א כהן האט מולק געווען אן עוף מיט א מעסער איז זי באלד מטמא די קליידער אויפ'ן מענש וועהרענד ער שלינגט איהר פלייש. דער דין אז אן עוף איז מטמא די בגדים אויף א מענש, וועהרענד די פלייש פון דעם עוף איז אויף זיין שלינג, עס איז ארויסגעלערנט פון א פסוק אין תורת כהנים, „ואי אמרת טרפה הויא מליקתה זו היא שחיטתה, תהני לה סכין לטהרה מידי נבלה"? און אויב דו וועסט זאגען אז זי איז בלויז א טרפה, איז דאך איהר מליקה וואס ער האט געטוען מיט א מעסער איבערהאקענדיג דעם קאריג און דאן טיעפער שעכטענדיג די סימנים, גלייך ווי ער וואלט שעכטען נאך אן איבערגעהאקטען מפרקת, וואלט דאך ווענינגסטענס געדארפט העלפען דער מעסער איהר ארויסצונעמען פון דער טומאה אלס נבלה? נאר מוז זיין אז אן איבערגעבראכענער מפרקת מיט'ן פלייש איז גלייך ווי טויט אפילו ווען זי ווארפט זיך נאך און עס העלפט מעהר ניט קיין שחיטה ווענדט די גמרא אפ „אמרי התם משום דלאו שחיטה הוא כלל, מאי טעמא? רב הונא אמר מפני שהוא מחליד, רבא אמר מפני שהוא דורס", איך קען דיר זאגען אז פון דארט איז ניט קיין באוויז, ווייל דארט איז זי נבלה, צוליב די שחיטה איז אינגאנצען קיין שחיטה ניט, ווארום? האט רב הונא געזאגט ווייל ער איז מחליד דעם סכין, דען שעכטענדיג פון הינטען צו פארענט צו, איז גלייך ווי ער וואלט ארייינשטעקען דעם מעסער אין דער מיטען און ארויפשעכטען און חלדה איז איינע פון פינף, שהייה דרסה חלדה הגרמה ועיקור וואס איז הלכה למשה מסיני אז די שחיטה איז קיין שחיטה ניט און דעריבער נבלה, און רבא זאגט עס הייסט דרסה ווייל לויט מליקה קוועטשט ער דורך דעם סכין ביז אריבער די סימנין, און שחיטה דארף זיין א הינ־און־צוריק שניט, ניט דורכגעדריקט, פרעגט די גמרא, „מאן דאמר מפני שהוא מחליד

מפני שהוא דורס מאי טעמא לא אמ' מפני שהוא מחליד? אמר לך חלדה היכי דמי? כחולדה הדרה בעיקרי בתים, דמכסיא, הכא הא מגליא, אמ' רבא אי קשיא לי הא קשיא לי, וכי מתה עומד ומולק? א"ל אביי ותקשי לך עולת העוף דבעיא שני סימנין, וכי מתה עומד ומולק? אמ' ליה התם כדי לקיים בה מצות הבדלה, אי הכי עור נמי, כל המעכב בשחיטה, מעכב בהבדלה, וכל שאינו מעכב בשחיטה אינו

---

מאי טעמא לא אמר מפני שהוא דורס? קסבר מוליך ומביא במליקה כשר", דער וואס זאגט צוליב חלדה, ווארום זאגט ער ניט צוליב דרסה? ענטפער, ווייל ער האלט אז א הין־און־צוריק איז ביי מליקה אויך כשר, קען דאך שוין זיין אז ער האט אויך געמאכט אהין־און־צוריק שניט, דעריבער קען ער ניט זאגען צוליב דרסה, „ומאן דאמר מפני שהוא דורס מאי טעמא לא אמר מפני שהוא מחליד? אמר לך, חלדה היכי דמי? כחולדה הדרה בעיקרי בתים דמכסיא, הכא הא מיגליא", און דער וואס זאגט צוליב דרסה, ווארום זאגט ער ניט צוליב חלדה? ער קען דיר אזא ענטפער געבען, ווי מיינט דען חלדה? חלדה מיינט דאך אריינגעשטעקט, ווי די חולדה פארשטעקט זיך אין דער ערד פון די הייזער, וואו זי ווערט צוגעדעקט, אבער דא איז דאך אפען, דען ער פאנגט דך אן שניידען פון הינטען, ניט אריינשטעקענדיג דעם סכין אין מיטען פלייש, הייסט עס ניט קיין חלדה, דעריבער זאגט ער צוליב דרסה, „אמר רבא אי קשיא לי הא קשיא לי וכי מתה עומד ומולק"? רבא האט געזאגט אויב פרעגען איז מיר דאס צו פראגע געווען, לויט ווי זעירי זאגט אז א צובראכענער מפרקת מיט'ן רוב פלייש אויף איהר הייסט נבלה ווייל זי איז גלייך ווי טויט, איז דאך די קשיא אלס א טויטע שטעהט ער נאך און איז מולק?וואס העלפט דאמאלסט די מצות מליקה? אנדערש ווען איך זאל זאגען אז זי איז בלויז א טרפה, הייסט זי דאך גלייך ווי עס זאל נאך זיין אין איהר עפעס לעבען, און עס האט א זין אלס מצוה די מליקה ביי איהר וואס דאס איז דער שטייגער הכשר ביי איהר, אבער נבלה איז דאך גלייך ווי מתה? „אמר ליה אביי ותקשי לך עולת העוף דבעיא שני סימנין וכי מתה עומד ומולק"? האט אביי צו איהם געזאגט זאל דיר שווער זיין אויך ביי עולת העוף וועלכע דארף האבען צוויי סימנין ביי מליקה, און אזוי ווי ער איז מולק איין סימן איז זי דאך שוין גלייך וי טויט, שטעהט ער נאך און איז מולק? וואס טוט אויף דער צווייטער סימן? „אמר ליה התם כדי לקיים בה מצות הבדדלה". האט ער צו איהם געזאגט די מליקה פון צווייטען סימן איז, אום צו אפשניידען דעם קאפ פון קערפער, וואו די תורה זאגט א מצוה צו אפשניידען דעם קאפ פון גוף, פרעגט די גמרא, „אי הכי עור נמי"? אויב אזוי, דאס צוליב די מצוה פון הבדלה האבען די חכמים געזאגט ער זאל מולק זיין אויך דעם צווייטען סימן, וואלטען זיי דאך אויך דארפען זאגען, דאס אלס מצוה זאל ער אויך צושיידען די פעל? ענטפערט די גמרא, „כל המעכב בשחיטה מעכב בהבדלה, וכל שאינו מעכב בשחיטה אינו מעכב בהבדלה", יעדע זאך וואס האלט אויף

מעכב בהבדלה והא מיעוט סימנין לרבנן דלא מעכבי בשחיטה, ומעכבי בהבדלה? אלא אימא כל שישנו בשחיטה, ישנו בהבדלה, וכל שאינו בשחיטה אינו בהבדלה, (דף כ"א ע"א) מכל מקום קשיא? אמר רבא אימא וכן הוא עושה חותך שדרה ומפרקת בלא רוב בשר, כי סליק רבי זירא אשכחיה לר' אמי דיתיב וקאמר לה להא שמעתא, אמר ליה וכי מתה עומד ומולק (דניא' ד) אשתומם כשעה חדא, אמר ליה אימא כך הוא עושה, חותך שדר' ומפרקת בלא רוב בשר, תניא

---

ביי שחיטה, דען ער מוז דאָך איבערשניידען אויך די פעל, האלט אויך אויף ביי דער מצוה פון הבדלה, דעריבער דארפען דאָס די חכמים עקסטרא ניט ארויסזאָגען, פרעגט די גמרא, „והא מיעוט סימנין לרבנן דלא מעכבי בשחיטה ומעכבי בהבדלה"? מיר זעהען דאָך לויט די רבנן וואָס האלטען דאָס עס איז גענוג צו שעכטען אַ מעהרהייט פון די סימנין, און דער מינדערהייט וואָס ער דערשעכט ניט האלט ניט אויף, אָבער ביי הבדלה האלטען די מיעוט סימנין יאָ אויף, איז דאָך דער כלל ניט אויסגעהאלטען, האָבען דאָך די חכמים געדארפט עקסטרא ארויסזאָגען ביי דער מצוה פון הבדלה ביי מליקה אויך וועגען דער צושיידונג פון דער פעל? אלא זאָגט די גמרא, „אימא כל שישנו בשחיטה ישנו בהבדלה וכל שאינו בשחיטה אינו בהבדלה", זאָג אזוי דעם כלל יעדע זאַך וואָס געהט אָן ביי שחיטה געהט אויך אָן ביי הבדלה און אזוי ווי די פעל איז אין כלל פון שחיטה, ווי אויך די גאנצע סימנים דארף מען אויך דורכשיידען איהר ווי אויך דעם צווייטען סימן ביי הבדלה, „מכל מקום קשיא"? אלענפאלס איז דאָך שווער אויף זעירי, אויב אַ צובראָכענער מפרקת מיט'ן רוב בשר איז ווי מתה, שטעהט ער נאָך און איז מולק? „אמר רבא אימא וכן הוא עושה חותך שדרה ומפרקת בלא רוב בשר", האָט רבא געזאָגט, זאָג אזוי ביים דין פון מליקה, און אזוי טוט ער, ער שנייד דורך די שדרה און מפרקת אָהן רוב בשר, וואָס דאמאָלסט הייסט עס, אז זי האָט נאָך לעבען אין זיך, דעריבער קען ער ווייטער מולק זיין די סימנין, אָבער זעירי רעדט וואו דער מפרקת איז דורכגעבראָכען מיט'ן רוב בשר אויף איהר, מפרקת הייסט דער ביין אין קארק, און פון איהר ביז אראָפּ דעם קערפּער הייסט שדרה, זיי זענען איינס, „כי סליק ר' זירא אשכחיה לרי אמי דיתיב וקאמר לה להא שמעתא", ווי ר' זירא איז ארויף קיין ארץ ישראל האָט ער אָנגעטראָפען ר' אמי ווי ער זיצט און זאָגט נאָך די הלכה פון זעירי, „אמר ליה וכי מתה עומד ומולק? אשתומם כשעה חדא, אמר ליה אימא כך הוא עושה חותך שדרה ומפרקת בלא רוב בשר", האָט ר' זירא געזאָגט צו ר' אמי אויב אז זי איז פאררעכענט אלס טויט שטעהט ער נאָך און איז מולק די סימנים ביי געטויטעטע עוף? איז ער געבליבען שטיל אַ ווייל און נאָכגעטראַכט, און ער האָט צו איהם געזאָגט זאָג אזוי ביים דין מליקה, דאָס אזוי טוט ער ער שנייד איבער די שדרה און מפרקת אָהן צו איבערהאקען די מעהרהייט פלייש אויף איהר און דאן איז אויך אַ נוץ צו

נמי הכי כיצד מולקין חטאת העוף? חותך שדרה ומפרקת בלא רוב בשר, עד שמגיע לוושט או לקנה, הגיע לוושט או לקנה חותך סימן אחד או רובו ורוב בשר עמו, ובעולה שנים או רוב שנים, מני? אי רבנן הא אמרי שנים דוקא, אי כר״א בר״ש האמר רוב שנים? אימא שנים לרבנן רוב שנים לרבי אלעזר בר״ש, ואיבעית אימא הא והא ר׳ אלעזר בר״ש, ומאי שנים? שדומין לשנים, אמ׳ רב יהודה אמר שמואל, נשברה מפרקת ורוב בשר עמה, מטמא באהל, וא״ת אותו מעשה דעלי מפרקת בלא רוב בשר הואי? זקנה שאני דכתיב (ש״א ד׳) ויהי כהזכירו את ארון האלהים ויפול מעל הכסא אחורנית, בעד יד

---

מולק זיין די סימנין, דען זי האָט נאָך געהאַט לעבען אין זיך, „תניא נמי הכי כיצד מולקין חטאת העוף חותך שדרה ומפרקת בלא רוב בשר עד שמגיע לוושט ולקנה, הגיע לוושט או לקנה חותך סימן אחד או רובו ורוב בשר עמו, ובעולה שנים או רוב שנים", מיר האָבען אויך אזוי געלערנט אין א ברייתא, ווי אזוי מאַכט מען די מליקה? א חטאת העוף שנייד ער אריין די שדרה און מפרקת אָהן רוב בשר, ביז ער קומט צו צום וושט וואו די עסען געהט דורך און די לופט רעהר, גרייכענדיג צו זיי שנייד ער איבער איין סימן אָדער א רוב פון איהם מיט׳ן רוב פלייש אויף איהם, און אַן עולה שנייד ער איבערביידע סימנין אָדער א מעהרהייט פון יעדען סימן, פרעגט די גמרא, „מני? אי רבנן, הא אמרי שנים דוקא, אי כרי אלעזר ב״ר שמעון האמר רוב שנים"? ווי ווער קען אויסקומען די ברייתא? זאָל איך זאָגען ווי די רבנן, זאָגען זיי דאָך ביידע גאַנצע סימנין, ניט אזוי אָדער אזוי, זאָל איך זאָגען ווי ר׳ אלעזר, זאָגט ער דאָך אז עס איז גענוג א מעהרהייט פון יעדען סימן, ניט אזוי אָדער אזוי ווי די ברייתא זאָגט? ענטפערט די גמרא „אימא שנים לרבנן רוב שנים לרי אלעזר", זאָג אזוי דעם טעקסט פון דער ברייתא, ביידע גאַנצע סימנים נאָך די רבנן אָדער בלויז א רוב פון יעדען סימן לויט ר׳ אלעזר ב״ר שמעון, דער וואָס האָט איבערגעגעבען די ברייתא האָט פאַרפעהלט די נעמען פון די תנאים, „ואי בעית אימא הא והא ר׳ אלעזר ומה שנים שדומים לשנים", און אז ווילסט וועל דיר זאָגען דאָס די ביידע פאַלען איז ווי ר׳ אלעזר, און וואָס ער זאָגט שנים מיינט ער צו זאָגען א שטאַרקע מעהרהייט וואָס קוקט אויס ווי פולע צוויי סימנים, און עס איז אויך גענוג א גענויע מעהרהייט פון יעדען סימן, „אמר רב יהודה אמר שמואל נשברה מפרקת ורוב בשר עמה מטמא באוהל, ואם תאמר אותו מעשה דעלי מפרקת בלא רוב בשר הואי"? רב יהודה האָט געזאָגט אין נאָמען פון שמואל אויב ביי א מענש ווערט צובראָכען דער מפרקת מיט׳ן רוב בשר, איז ער מטמא אלעס אין געצעלט, איי דו וועסט דאָך פרעגען פון דער פאַסירונג פון עלי הכהן וואו ער איז געפאַלען און צובראָכען דעם מפרקת און האָטש אָהן רוב בשר, און פונדעסטוועגען איז ער באַלד געשטאָרבען, זעהסט דאָך גוט דאָס אפילו אָהן רוב בשר איז ער אויך באַלד געוואָרען אלס א מת? „זקנה שאני דכתיב ויהי כהזכירו את ארון האלקים

השער, ותשבר מפרקתו וימת, כי זקן האיש וכבד וגו', א"ר שמואל בר נחמני א"ר יוחנן קרעו כדג מטמא באהל, א"ר שמואל בר יצחק ומגבו, אמר שמואל ועשאה גיסטרא נבלה, א"ר אלעזר ניטל הירך וחלל שלה (ניכר) נבילה, ה"ד חלל שלה (ניכר?) אמר רבא כל שרבוצה ונראי' חסרה, תנן התם הותזו ראשיהן אע"פ שמפרכסין טמאים, כזנב הלטאה שמפרכסת, מאי הותזו? ר"ל אמר הותזו ממש, ר' אסי אמר רבי מני כהבדל עולת העוף, אמר ליה ר' ירמיה לרב אסי כהבדלת עולת העוף לרבנן, ולא פלגיתו, או דלמא כהבדלת

---

ויפול מעל הכסא אחורנית בעד יד השער ותשבר מפרקתו וימת כי זקן האיש וכבד וגוי" נאר עלטער איז אנדערש, דען דער פסוק זאגט, ווי נאר דער דערצעהלער האט דערמאנט ווענען גאטס ארון דאס ער איז פארנומען געווארען, איז עלי הכהן באלד אראפגעפאלען פון דער שטוהל הינטערווייל געגען דער זייט פון טויער און עס איז איבערגעבראכען געווארען זיין מפרקת און ער איז גלייך געשטארבען, ווייל ער איז געווען אלט און שווער, איבערגעארבייט פון פיערציג יאהר משפט פיהרונג ביי אידען, „אמר ר' שמואל בר נחמני אמר ר' יוחנן קורעו כדג מטמא באוהל", ר' שמואל בר נחמני האט געזאגט אין נאמען פון ר' יוחנן אז איינער שנייד און רייסט אויף א מענשען ביז עס ענטפלעקען זיך די אינוועניגסטע ארגאנען ווי ביי א פיש, איז ער באלד מטמא באהל, „אמר ר' שמואל בר יצחק ומגבו", האט ר' שמואל ב"ר יצחק געזאגט אויף דעם, אז עס איז געמיינט דורך דער פלייצע, „אמר שמואל עשאה גיסטרא נבלה", שמואל האט געזאגט אז איינער האקט איבער א בהמה אויף צוויי ביז מען זעהט ארוים די אינוועניגסטע ארגאנען, חאטש זי ווארפט זיך נאך, איז זי באלד מטמא אלס נבלה (גיסטרא מיינט איבערגעהאקט) „אמר ר' אלעזר ניטל הירך וחלל שלה (ניכר) נבלה, ר' אלעזר האט געזאגט אויב די גאנצע פלייש פון דוך וואו ער איז באהאפטען צום קערפער — איז אוועקגענומען ביז עס איז קענטליך דער פלאץ אלס הויל, איז זי מטמא אלס נבלה חאטש זי לעבט נאך, „היכי דמי חלל שלה (ניכר)? אמר רבא כל שרבוצה ונראית חסרה", ווי מיינט דא דער חלל איז קענטליך? האט רבא געזאגט, אויב ווען זי הויערט דאס מיינט ווערענד זי איז ליגענדיג, זעהט זיך אפיר פון אונטען ווי ביי איהר פעהלט, דאמאלסט האט זי דעם דין פון נבלה, „תנן התם הותזו ראשיהן אף על פי שמפרכסי טמאין כזנב הלטאה שמפרכת", מיר האבען דארט געלערנט אין א משנה ווענען שרצים אויב די קעפ זייערע זענען אראפגעהאקט, חאטש זיי ווארפען זיך, זענען זיי מטמא, ווי דער עק פון א שרץ וואס הייסט הלטאה, וואס ווארפט זיך אויך אלס אפגעהאקט, פרעגט די גמרא, מאי הותזו? ריש לקיש אמר הותזו ממש, ר' אסי אמר ר' מני כהבדלת עולת העוף", ווי מיינט דא הותזו? ריש לקיש זאגט עס מיינט טאקע גענצליך אראפגעהאקט, רב אסי זאגט אין נאמען פון ר' מני אז עס מיינט אזוי אפגעטיילט דעם קאפ פון קערפער ווי דאס אפטיילען ביי אן עולת עוף, ווען מען איז איהר מולק, „אמר ליה ר' ירמיה לר' אסי כהבדלת עולת העוף לרבנן, ולא פלגיתו, או דלמא כהבדלת

עולת העוף לר"א בר"ש ופלגיתו? א"ל כהבדלת עולת העוף לר"א בר"ש ופלגינן, איכא דאמרי ר"ש בן לקיש אמר הותזו ממש, ר' אסי א"ר מני כהבדלת עולת העוף לרבי אלעזר בר"ש ברוב שנים, מאי רבנן ומאי ר' אלעזר בר"ש דתניא (ויקרא ה) ואת השני יעשה עולה כמשפט כמשפט חטאת בהמה, אתה אומר כמשפט חטאת בהמה, או אינו אלא כמשפט חטאת העוף? כשהוא אומר והקריבו חלק הכתוב

---

עולת העוף לרי אלעזר ב"ר שמעון ופליגתו"? האָט ר' ירמיה געזאָגט צו ר' אסי דאָס וואָס דו זאָגסט ווי די הבדלה פון עולת העוף, צו מיינסטו נאָך די רבנן נאָך, וואָס זאָגען ביי מליקהביידע פולע סימנים און דו מיט ריש לקיש קריגט איהר ניט, דען איבעררייסענדיג ביידע סימנים אין פול הייסט טאַקע ממש איבערגעהאַקט, אָדער פיליכט זאָגסטו ווי די הבדלה לויט ר' אלעזר, דאָס נאָר אַ מעהרהייט פון יעדען סימן איז מען מולק, ממילא קומט אויס דאָס דו קריגסט אויף ריש לקיש דען די מינדערהייט פון יעדען סימען האלט נאָך אַלץ אביסעל צוזאַמען דעם קאָפּ מיט'ן קערפּער? „אמר ליה כהבדלת עולת העוף לרי אלעזר ופלגינן, איכא דאמרי רי שמעון בן לקיש אמר הותזו ממש, רי אסי אמר רי מני כהבדלת עולת העוף לרי אלעזר ברי שמעון ברוב שנים", האָט ר' אסי געענטפערט איך מיין ווי די הבדלה נאָך ר' אלעזר נאָך, און מיר קריגען יאָ, טייל זאָגען דאָס ר' אסי האָט עס באַלד אַליין ריין אַרויסגעזאָגט, ניט ערשט נאָך אַ פראַגע, און אַזוי איז דער טעקסט, ריש לקיש זאָגט דאָס הותזו מיינט טאַקע ממש אָפּגעהאַקט, און ר' אסי זאָגט אין נאָמען פון ר' מני ווי די הבדלה פון עולת העוף נאָך ר' אלעזר נאָך וואָס זאָגט נאָר וועגען ביידע רוב סימנין, ניט אינגאַנצען איבערגעהאַקט, פרעגט די גמרא, „מאי רבנן ומאי רי אלעזר ברי שמעון", וואו זענען ערגעץ די רבנן מיט ר' אלעזר בר' שמעון? „דתניא ואת השני יעשה עולה כמשפט, כמשפט חטאת בהמה, אתה אומר כמשפט חטאת בהמה, או אינו אלא כמשפט חטאת העוף"? דען מיר האָבען געלערנט דער פסוק זאָגט ביי קרבנות פון טויבען וואו איין קרבן איז אַ חטאָת און דער צווייטער איז אַן עולה, דאָס דעם צווייטען קרבן עוף זאָל ער מאַכען אַלס עולה ווי דער משפט איז, זאָגט דער ערשטער תנא, דאָס מען מיינט דעם משפט ווי חטאָת בהמה, דו זאָגסט ווי חטאת בהמה טאָמער ניין, נאָר ווי דער חטאת העוף, זיין מיט קרבן? לויט איינפאַכען פשט, וואָלט כמשפט דאָ דאַרפען מיינען ווי עולת נדבה וואָס איז גערעדט אין אָנפאַנג ויקרא, דען אין שמיני אויפ'ן פסוק ויקרב את העולה ויעשיה כמשפט, זאָגען אויך די חז"ל ווי דער משפט פון עולה אַלס נדבה אָנפאַנג ויקרא, באָט אָבער לויט דעם נעדאַנג איז דער כמשפט ווייטער איבריג, דען אָהן כמשפט וואָלטען מיר אויך וויסען, דאָס די עולה ווערט געטוען ווי עולת העוף וואו עס שטעהן אַרויס אין פסוק איהרע דינים אין געהעריגען פּלאַץ, ווי איבעראַל ער פאַרלאָזט זיך אויף דעם זאָגענדיג אחד לעולה ואחד לחטאת, און אויב ווידער איך זאָל זאָגען דאָס ער קומט אָנלערנען, דאָס חאטש עס

בין חטאת העוף לעולת העוף, ומה אני מקיי׳ כמשפט? כמשפט חטאת בהמ׳, מה חטאת בהמה אינה באה (דף כ״א ע״ב) אלא מן החולין, וביום ובידו הימנית, אף עולת עוף אינה באה אלא מן החולין, וביום, ובידו הימנית, אי מה להלן ברוב שנים, אף כאן ברוב שנים? ת״ל

---

איז אַן עולת חוב אַ מוז, דאַרף עס געטוען ווערען ווי אַן עולה אַלס נדבה? האָט ער גיכער געדאַרפט זאָגען דעם וואָרט כמשפטו אָדער כמשפט העולה, דעריבער האָבען אונזערע רבי׳ס דאָ באַשיידט, דאָס דער כמשפט דאָ באַציהט זיך אויף דעם וואָס איז פריהער דערמאָנט אין דער פרשה, זאָגט דער ערשטער תנא כמשפט חטאת בהמה, אַז די עולה וואָס קומט אָנשטאָט חטאת בהמה, וואָס איז אַ רייכער קרבן און דער עוף אַן אָרימער קרבן אויף זיין פּלאַץ, דאַרף געמאַכט ווערען ווי די חטאת בהמה, זי מוז קומען פון חולין און געטוען ווערען בייטאָג או מיט דער רעכטער האנד, די גמרא ווייטער אין מנחות דף פ״ג זאָגט, דאָס ביום און ימין זענען נאָר אַזוי ארייגעכאַפּט, דען הויפּטזעכליך איז עס געלערנט אויף צו לאָזען הערען דאָס די עולת העוף קומט פון חולין, איי אפשר מיינט מען ווי חטאת העוף? „כשהוא אומר והקריבו חלק הכתוב בין חטאת העוף לעולת העוף״, ווייל אָבער דער פּסוק זאָגט והקריבו, ער זאָל איהם מקריב זיין, האָט דער פסוק אונטערשיידעט צווישען חטאת עוף און עולת עוף, „ומה אני מקיים כמשפט? כמשפט חטאת בהמה, מה חטאת בהמה אינה באה אלא מן החולין וביום ובידו הימנית אף עולת העוף״, און דאָס איז וואָס די ברייתא שמועסט אויס, און מיט וואָס קען איך אויפהאַלטען צו איינטייטשען דעם וואָרט כמשפט? ווי דער משפט פון חטאת בהמה וואָס קומט ניט, נאָר פון חולין ניט פון די וועלכע זענען שוין געווען קודש, און דאַרף זיין ביום און יד ימין, מיר וועלען צוערשט ברייגען די סברות אויך פון די אנדערע תנאים און דאַן אַלעמען באַשיידען צוזאַמען, און ר׳ ישמעאל האַלט אַז כמשפט מיינט דאָ ווי חטאת העוף געגען מליקה, עס זאָל זיין פון נעבען דעם עורף, דען ביי עולת עוף שטעהט ומלק את ראשו ער זאָל אָפּוועגען זיין קאָפּ אָהן די ווערטער ממול ערפו, קומט דער כמשפט צו לאָזען הערען, דאָס עס דאַרף זיין אויך די מליקה ממול עורף, ווי ביי חטאת עוף, און ר׳אלעזר ברבי שמעון האַלט כמשפט, ווי חטאת העוף, געגען דעם, דאָס ער מוז אָננעמען ביים קאָפּ און דעם קערפּער וועהרענד זיי זיינען נאָך באַהאַפטען, און אַזוי שפּרענגען די בלוט, דאָס וואָס די ברייתא ברייגגט ארויס פון והקריבו, דאָס דער פּסוק האָט געמאַכט אַן אונטערשייד צווישען חטאת און עולת העוף, האָבען די מפרשים געדענקט דאָס עס ווערט ארויסגעלערנט אַזוי פון דער וואַ״ו ביי והקריבו, וואָס מיינט ער זאָל איהם מקריב זיין אַלס יחיד אונטערשיידעט פון אַנדערן, האָט אויף דעם תוספות געפרעגט, איך דאַרף דאָך דעם לשון יחיד אויף אַן אַנדערע דרשה, דאָס אפילו איין טויב קען ער אויך ברייגגען? ניט מעהר, נאָך מיין מיינונג נאָך איז דאָס ניט געלערנט פון בלויז והקריבו,

נאָר פון גאַנצען פסוק, דען אין ספרא ויקרא פרשה ז״ין ביי נדבה זאָגט דאָרט דער תורת כהנים אי מה מליקה האמורה להלן מולק ואינו מבדיל, אף מליקה האמורה כאן מולק ואינו מבדיל? תלמוד לומר ומלק את ראשו וכו׳ מולקו כדרך הקטרתו וכו׳ אויב צו גלייכען די עולה צו חטאת, קען מען דאך פרעגען, דאָס פונקט ווי ביי חטאת דאָרט איז ער מולק ניט צושיידענדיג דעם קאָפּ פונ׳ם גוף, אזוי אויך זאָל זיין די מליקה ביי עולה? אויף דעם זאָגט דער פסוק ער זאָל מולק זיין, זיין קאָפּ, און מקטיר זיין, מיינט עס דאך דאָס די מליקה זאָל זיין אין שטייגער ווי דאָס מקטיר זיין אויפ׳ן מזבח אויסקוועטשענדיג די בלוט, און נאָכדעם ווערט נאָך אמאָהל ווידערהאָלט והקטיר אויף צו מקטיר זיין דעם גוף, און מען קען דאך ניט זאָגען, דאָס מען איז מקטיר דעם קאָפּ בעפאָר׳ן אויסקוועטשען די בלוט, איז דאך זיכער די מיינונג פון והקטיר, אז דער קאָפּ זאָל זיין אין דער לאַגע צו קענען איהם מקטיר זיין אויפ׳ן מזבח,דהיינו דאָס ווערענד דער מליקה זאָל ער איהם אָפּשיידען פונ׳ם קערפּער, דאָס מיינט דער תורת כהנים מולקו כדרך הקטרתו אז די מליקה זאָל זיין אלס צושייד אין א וועג ווי מען איז מקטיר זיי דעם קאָפּ באַזונדער און דעם גוף באַזונדער, פון דעם איז אָפּענטליך באַוואוסט דאָס עולת עוף איז דער קאָפּ צונומען פונ׳ם גוף, און דאָס וואָס די ברייתא כאַפּט אָן דעם וואָרט והקריבו, ניט די ווערטער ומלק והקטיר, איז אויך זעהר ריכטיג, ווייל עס איז פאַראַן פּלאַץ אָפּצווענדען, דען איך קען טייטשען דעם ומלק והקטיר, דאָס נאָכ׳ן אָפּפערטיגען די מליקה, ווען ער געהט שוין מקטיר זיין, זאָל ער ערשט דאַמאָלסט אָפּשיידען דעם קאָפּ פונ׳ם גוף און מקטיר זיין אלס באַזונדער, און מען וואָלט ניט קענען פרעגען דערויף אויב אזוי, וואָלט דאָך דער פסוק דאַרפען שרייבען ומלק ומצה דמו והקטיר? דאָס צוערשט זאָל ער מולק זיין און דערנאָך אויסקוועטשען די בלוט און דאַן ערשט מקטיר זיין אלס באַזונדער? ווייל אויסקוועטשענדיג די בלוט בעפאָר לויט׳ן פסוק ומלק ומצה דמו והקטיר וואָלט איך טייטשען, דאָס דער פסוק וויל אָנלערנען, דאָס די מליקה זאָל פאָרקומען אויפ׳ן מזבח, און דער וואָרט המזבחה נאָכ׳ן וואָרט והקטיר זאָל זיך באַציהען אויףביידע ווערטער אויף ומלק און אויף והקטיר, דאָס די מליקה זאָל אויך זיין אויפ׳ן שפּיץ פון מזבח, דעריבער כאַפּט אָן די ברייתא דעם וואָרט והקריבו, דען פון והקריבו הכהן על המזבח ומלק, דער כהן זאָל מקריב זיין אויפ׳ן מזבח און מולק זיין, איז דאָך שוין געדרונגען אז די מליקה זאָל זיין אויפ׳ן שפּיץ מזבח, קומט דאָך שוין אויס, דאָס די זאַך איז שוין ניט געדאַרפט צו אויסלערנען פון והקטיר, וואָלט דאָך טאַקע שוין געדאַרפט שטעהן ומלק ומצה דמו והקטיר המזבחה? נאָר מוז זיין, דאָס ווען דער פסוק זאָגט ניט אזוי, נאָר ער זאָגט ומלק והקטיר, איז צו גלייכען זיי דאָס פונקט ווי והקטיר איז אלס באַזונדער, אזוי אויך די מליקה דאַרף זיין ער זאָל אָפּווערגען דעם קאָפּ פונ׳ם גוף אלס אָפּגעטיילט, און דאָס איז די כוונה פון דער גמרא וואָס זאָגט צוערשט פון והקריבו, און דאַן ערשט פרעגט זי אי מה להלן

(ויקרא א) ומלק והקטיר, מה הקטרה הראש בעצמו, והגוף בעצמו, אף מליקה הראש בעצמו, וגוף בעצמו, ר׳ ישמעאל אומר כמשפט חטאת העוף, מה חטאת העוף ממול עורף, אף עולת העוף ממול עורף, אי מה להלן מולק ואינו מבדיל בסימן אחד, אף כאן מולק ואינו מבדיל בסימן אחד? ת״ל (שם) והקריבו, ר׳ אלעזר בר׳ שמעון אומ׳ (שם ה) כמשפט כמשפט חטאת העוף, מה להלן (דף כ״ב ע״א) אוחז בראש ובגוף ומזה, אף כאן אוחז בראש ובגוף ומזה, מאי קאמר? הכי קאמר מה להלן כשהוא אחוז הראש בגוף מזה, אף כאן כשהוא אחוז הראש בגוף מזה, אי מה להלן בסימן אחד, אף כאן בסימן אחד? ת״ל והקריבו,

---

ברוב שנים אף כאן ברוב שנים? תלמוד לומר ומלק והקטיר, מה הקטרה הראש בעצמו והגוף בעצמו אף מליקה, לאָמיך זאָגען, דאָס פונקט ווי א בהמה איז כשר מיט א שחיטה פון רוב שנים, די מעהרהייט פון ביידע סימנים, אזוי אויך די מליקה פון עולת העוף זאָל גענוג זיין רוב שנים? אויף דעם זאָגט דער פסוק ומלק והקטיר צו גלייכען זיי, דאָס פונקט ווי הקטרה איז דאָך דער קאָפּ בעזונדער און דער גוף באזונדער, אזוי אויך די מליקה דארף געמאכט ווערען אלס אָפּגעטיילט, „ר׳ ישמעאל אומר כמשפט חטאת העוף מה חטאת העוף ממול עורף אף עולה, אי מה להלן מולק ואינו מבדיל בסימן אחד, אף כאן מולק ואינו מבדיל בסימן אחד״? ר׳ ישמעאל ווי שוין אויבען באשייד לערנט דעם כמשפט, ווי ביי חטאת העוף וואו עס שטעהט ממול עורף אזוי אויך דארף זיין ביי עולת העוף, איי לאָמיך אויך שוין גלייכען צו חטאת העוף מיט דעם, וואָס פונקט ווי דאָרט איז ער נאָר מולק איין סימן און ער צושייד ניט דעם צווייטען סימן, אזוי אויך ביי עולת העוף? „תלמוד לומר והקריבו״, דעריבער זאָגט דער פסוק והקריבו ווי שוין אויבען באשייד דאָס עס איז געדרונגען פון גאַנצען פסוק צוזאמען, „ר׳ אלעזר ברבי שמעון אומר כמשפט חטאת העוף מה להלן אוחז בראש ובגוף ומזה, אף כאן״, ר׳ אלעזר זאָגט כמשפט באציהט זיך אויף חטאת העוף, דאָס פונקט ווי דאָרט ביי חטאת עוף גרייפט ער אָן דעם קאָפּ און דעם גוף און אזוי שפּרענגט ער די בלוט אזוי אויך די עולת עוף, פרעגט די גמרא „מאי קאמר״? וואָס מיינט דאָ דער תנא מיט די ווערטער? ענטפער, „הכי קאמר מה להלן כשהוא אחוז הראש בגוף מזה, אף כאן כשהוא אחוז הראש בגוף״, אזוי מיינט דער תנא צו זאָגען, דאָס פונקט ווי דאָרט ביי חטאת עוף ווערענד ער שפּרענגט די בלוט, איז דער קאָפּ באהאָפטען צום גוף, אזוי אויך דאָ די עולת עוף דארף ער שפּרענגען די בלוט ווערענד דער קאָפּ איז נאָך באהאָפטען צום גוף, פרעגט די גמרא, „אי מה להלן בסימן אחד אף כאן בסימן אחד? תלמיד לומר והקריבו״ לאָמיך אויך שוין גלייכען צו חטאת עוף מיט דעם דאָס פונקט ווי זי ווערט מולק נאָר מיט איין סימן אזוי אויך עולת העוף? אויף דעם זאָגט דער פסוק והקריבו, ווי שוין אויבען באשייד פון גאַנצען פסוק, וואָס איז גילטיג פאַר אַלע דריי תנאים, ניט

זת"ק וכי מאחר דנפקא לן מומלק והקטיר והקריבו למה לי? אי לאו והקריבו הוה אמינא מאי כמשפט? כמשפט חטא' העוף, ואי משום ומלק והקטיר? הוה אמינא מה הקטרה בראשו של מזבח, אף מליקה בראשו של מזבח, השתא דכתב רחמנא והקריבו דרוש ביה נמי הא,

---

מעהר, נאך ר' אלעזר נאך הייסט רוב שנים אויך שוין צושייד, פרעגט די גמרא, „ותנא קמא וכי מאחר דנפקא לן מומלק והקטיר והקריבו למה לי"? אז עס ווערט שוין ארויסגעלערנט נאכ'ן ערשטען תנא, פון ומלק והקטיר, וואס דארף איך האבען דעם והקריבו? ענטפערט די גמרא, „אי לאו והקריבו הוה אמינא מאי כמשפט? כמשפט חטאת העוף, ואי משום ומלק והקטיר? ווען ניט והקריבו, וואלט איך מיינען דאס כמשפט באציהט זיך אויף חטאת עוף, ער זאל ניט אפשיידען דעם קאפ פונ'ם גוף ווי ביי חטאת עוף, איי דער פסוק ומלק והקטיר? וואלט איך טייטשען צו גלייכען מלק צו הקטיר, דאס פונקט ווי והקטיר איז דאך אויפ'ן דאך פון מזבח אזוי אויך מליקה דארף זיין אויפ'ן ראש פון מזבח, „השתא דכתב רחמנא והקריבו דריש ביה נמי הא", יעצט אז עס שטעהט שוין והקריבו הכהן אל המזבח אויף אנצולערנען דאס מליקה דארף געשעהן אויפ'ן מזבח, דארף איך שוין ניט דעם ומלק והקטיר אויף דער זאך, און זיכער דאס ומלק והקטיר קומט אנלערנען, דאס ווערענד דער מליקה, זאל עס שוין ראוי זיין, דאס הייסט דער קאפ באזונדער און דער גוף באזונדער, אט דעריבער באפען אלע די תנאים א; דעם ווארט והקריבו, ווייל הויפזעכטליך איז פון איהם דער באוויז, דאס ומלק והקטיר המזבחה קומט ניט פאר דעם צוועק בלויז צו באווייזען, דאס מליקה זאל געשעהן אויפ'ן שפיץ מזבח, נאר דרש'ען אויך דאס, אז עס קומט אויך אנלערנען אז די מליקה זאל זיין מיט הבדלה, דעם קאפ באזונדער און דעם גוף באזונדער, צו קענען זיי אזוי מקטיר זיין אויפ'ן מזבח, און ר' אלעזר ברבי שמעון האלט אויך אז ומלק והקטיר מיינט אזוי אלס באזונדער, ניט מעהר, ווייל ער האלט אבער אז כמשפט באציהט זיך אויף חטאת העוף, דאס ער מוז שפרענגען די בלוט פון דער עולה אלס נאך באהאפטען, ווי ביי חטאת עוף, וואס איבעראיינשטימט ניט, דעריבער פארגלייכט ער צווישען די פסוקים, דאס אין צייט פון מליקה איז ער נאר מולק די סימנים רוב שנים און קוועטשט אוים אזוי צוזאמען די בלוט, שפרענגענדיג אויפ'ן מזבח, און דאן שנייד ער אפ אינגאנצען דעם קאפ און איהם מקטיר אויפ'ן מזבח, און לויט ווי די גמרא אין זבחים דף ס"ה זאגט, דאס ר' אלעזר ברבי שמעון טייטשט ביי חטאת עוף דעם פסוק ולא יבדיל דאס ער דארף ניט אפשיידען דעם קאפ פונ'ם גוף, אנשטאט צו טייטשען אלס אפערבאט ער זאל ניט אפשיידען, און מיר האבען באשייד דאס ר' אלעזר נעמט דאס ארויס פון דעם, ווייל ביי עולה האט די תורה געבאטען צו אפשיידען דעם קאפ פון גוף, וואלט איך מיינען, דאס דערזעלבער דין איז אויך ביי חטאת עוף,

חטאת בהמה דאינה באה אלא מן החולין מנלן? אמר רב חסדא דאמר קרא (ויקרא ט״ז) והקריב אהרן את פר החטאת אשר לו משלו, ולא משל צבור, ולא משל מעשר, ביום (שם ז) מביום צוותו נפקא? כדי נסבה, ידו הימנית מדרבה בר בר חנה נפקא? דאמר רבה בר בר חנה אר״ש בן לקיש כל מקום שנאמר אצבע, או כהונה, אינה אלא ימין, ואידך? כהונה בעיא אצבע, אצבע לא בעיא כהונה, ות״ק ורבי אלעזר ברבי

---

דעריבער זאָגט ער דאָס ביי חטאת מיינט מען, ער דאַרף ניט אָפּשיידען, און די מיינונג פון יבדיל איז ניט ארונטערצושניידען איינגאַנצען דעם קאָפּ פון גוף, דען נאָך ר׳ אלעזר נאָך, איז סיי ביי חטאת סיי ביי עולה גערארפט צו שפּרענגען די בלוט ווערענד זיי זענען צוזאַמען באַהאָפּטען, נאָך דער טייטש איז, מען דאַרף ניט צושיידען די סימנים, דאָס הייסט נאָך זיין מיינונג נאָך הבדלה, און אַ רוב בייביידע סימנים הייסט צושייד, פרעגט די גמרא, „חטאת בהמה דאינה באה אלא מן החולין מנלן״? ביי חטאת בהמה אַליין פונוואַנען איז געדרינגען, דאָס זי קומט נאָר פון חולין? „אמר רב חסדא דאמר קרא והקריב אהרן את פר החטאת אשר לו, משלו ולא משל ציבור ולא משל מעשר״, האָט רב חסדא גיזאָגט דער פּסוק זאָגט אַז אהרן זאָל מקריב זיין דעם שטיער אַלס חטאת וואָס באַלאַנגט צו איהם, טייטש איך דאָס נאָר פון זיינס, אָבער ניט פון קהל און ניט פון מעשר וואָס איז שוין לאַנג קודש, און נאָך דעם תנא נאָך וואָס האַלט אַז מעשר הייסט ניט קיין הימעל געלד, איז געשריבען נאָכאַמאהל אשר לו צו ממעט זיין אויך מעשר, פרעגט די גמרא, „ביום מביום צוותו נפקא״, אַז עס ווערט גענעהנט דער קרבן נאָר בייטאָג איז דאָך אַרויסגעלערנט פון ביום צוותו אין טאָג פון זיין געבאָט, וואָס באַציהט זיך אויף אַלע קרבנות, היינט וואָס דאַרף איך עס אַרויסלערנען פון חטאת בהמה? ענטפערט די גמרא „כדי נסבה״, די זאַך וועגען בייטאָג איז טאַקע אומזיסט צוגעבראַכט אין דער ברייתא, פרעגט די גמרא, „ידו הימנית מדרבה בר בר חנה נפקא, דאמר רבה בר בר חנה אמר ריש לקיש כל מקום שנאמר אצבע או כהונה אינה אלא ימין״? אַז די עבודה ביי עולת עוף דאַרף זיין מיט דער רעכטער האַנד, ווערט דאָך אַרויסגעלערנט פון רבה בר בר חנה וואָס זאָגט אין נאָמען פון ריש לקיש, דאָס איבעראַל, ואו עס איז פאַרגעשריבען די עבודה מיט׳ן פינגער אָדער דער נאָמען כהן, איז ניט אַנדערש נאָר מיט דער רעכטער האַנד, ווייל דער פּסוק זאָגט אַרויס ביי קרבן מצורע וטבל הכהן אצבעו הימנית און דאָ ביי עולת עוף שטעהט דאָך והקריבו הכהן, ווייס איך דאָך שוין ימין? איז דאָך די קשיא „ואידך״? אויפ׳ן אַנדערן תנא וואָס ער ברייננגט אויך צו ימין אַלס אַרויסגעלערנט פון חטאת בהמה? ענטפערט די גמרא, „כהונה בעיא אצבע, אצבע לא בעיא כהונה״, איך מוז עס אַרויסלערנען פון חטאת בהמה, ווייל דאָ ביי עולת עוף שטעהט בלויז הכהן אָהן דעם וואָרט אצבע, און כהן מוז האָבען דעם וואָרט אצבע, און דער וואָרט אצבע מוז ניט האָבען צו זיך דעם וואָרט כהן, דעריבער מוז

שמעון ממול העורף מנא להו? גמרי מליקה ממליקה: מתני׳ כשר בתורין פסול בבני יונה, כשר בבני יונה פסול בתורין, תחילת הציהוב בזה ובזה פסול: גמ׳ ת״ר תורין, גדולים כשרים, קטנים פסולים, בני יונה, קטנים כשרים, גדולים פסולין, נמצא כשר בתורין פסול בבני יונה, כשר בבני יונה פסול בתורין, ת״ר תורין גדולים ולא קטנים, שיכול והלא דין הוא, (דף כ״ב ע״ב) ומה בני יונה שלא הוכשרו בגדולים, הוכשרו בקטני׳, תורים שהוכשרו בגדולי׳, אינו דין שהוכשרו בקטנים? ת״ל (ויקרא א) תורים, גדולים ולא קטנים, בני יונה, קטנים ולא גדולים, שיכול והלא דין הוא, ומה תורים שלא הוכשרו בקטנים, הוכשרו בגדולים, בני יונה שהוכשרו בקטנים, אינו דין שהוכשרו

---

עס ווערען ארויסגעלערנט פון חטאת בהמה, דען ביי חטאת בהמה פון יום כפור שטעהט כהן און אצבע און ביי מצורע שטעהט־ארויס וטבל הכהן אצבעו הימנית, אז דער כהן זאָל איינטינקען זיין פינגער פון רעכטער האנד דאָס לערנט איבער אויף אַלע חטאות וואו עס שטעהט נאָר אצבע אז עס מיינט נאָר ימין, פרעגט די גמרא, „ותנא קמא ורבי אלעזר ברבי שמעון ממול העורף מנא להו״? און דער ערשטער תנא און ר׳ אלעזר, פונוואנען לערנען זיי ארויס ביי עולת עוף דאָס די מליקה דארף זיין נעבען דעם נאקען, זיי נוצען דאָך ניט דעם כמשפט אויף דעם? ענטפערט די גמרא, „גמרי ממליקה״ זיי לערנען ארויס דורך א מה מצינו, אזוי ווי מיר געפינען ארויסגעזאָגט דעם וועג פון מליקה ביי חטאת עוף אזוי איז אויך געמיינט אויף מליקה בת עולת עוף: „מתניי, כשר בתורין פסול בבני יונה, כשר בבני יונה פסול בתורין, תחילת הציהוב בזה ובזה פסולי״, ביי די קרבנות פון טויבען שטעהט אימער תורים ובני יונה וואָס איז געמיינט, דאָס צו א קרבן זענען ניט ווירדיג נאָר אדער עלטערע אָדער יונגע טויבען א פּאָר צוזאַמענגעשטעלט פוןביידערליי איז ניט ראוי, ביי עלטערע טויבען זענען די פעדערן ביים האלז גילדיג און ביי די יונגע טויבען ניט, דעריבער זענען די טויבען וועלכע פאנגען אָן ווערען גילדיג ניט ווירדיג, ניט ביי תורים, ווייל זיי זענען נאָך צו יונג, און ניט ביי בני יונה ווייל זיי זענען שוין צו אַלט: גמי „תנו רבנן, תורין, גדולים כשרים קטנים פסולים, בני יונה, קטנים כשרים גדולים פסולים, נמצא כשר בתורין פסול בבני יונה כשר בבני יונה פסול בתורין״, די רבנן האָבען געלערנט תורין מיינט גרויסע אַלם שוין ארויס פון זייער יונגשאפט, און דעריבער אַלם תורין זענען נאָר גרויסע כשר און קליינע פסול, און אַלם בני יונה זענען נאָר קליינע כשר און גרויסע פסול, קומט דאָך אויס, דאָס וואָס איז כשר אַלם תורים זענען פסול אַלם בני יונה און כשר אַלם בני יונה איז פסול אַלם תורים, „תנו רבנן תורים גדולים ולא קטנים שיכול והלא דין הוא? ומה בני יונה שלא הוכשרו בגדולים, הוכשרו בקטנים, תורים שהוכשרו בגדולים אינו דין שיוכשרו בקטנים״? די רבנן האָבען געלערנט תורין מיינט גרויסע ניט קיין קליינע, אום צו פאַרשטעהן די ברייתא מוז

מען מאַכען אַן ערקלערונג תורים און בני יונה זענען צוויי פאַרשידענע ראַסען, ווי די גמרא זאָגט ווייטער דף ס״ב דאָס די טויבען וואָס הייסען תסיל זענען פסול אַלס תורים און כשר אַלס בני יונה, דען טויבען זענען פאַראַן ביי אַ זיבציג ראַסען, די וואָס איז גערופען יונה לאָזען זיך איינכאָווען אַלס היימפייגעל, ניט אַזוי איז אַ תור ער איז פריי אַלס ניט אונטעריאַכטעט, אַ תור ציהט אַ וועק אויפ׳ן ווינטער, ווי דער פסוק זאָגט וקול התור נשמע בארצנו עס ווערט שוין געהערט דער קול פון תור אין אונזער לאַנד, דער פריהלינג קומט שוין אָן, ניט אַזוי איז די יונה, בני יונה מיינט יונגע טויבען ווי בן בקר, בן אתונות, בן ראמים, בני צאן, בני נשר, איז דאָך וואונדערליך וואָס די תורה כאַפט אימער אָן ביי קרבנות בני יונה ותורים וואַרום ניט צומאָהל בני תורים ויונה? פון דעם ווערט אַרויסגעלערנט דאָס בני יונה מיינט נאָר קליינע און תורים נאָר גרויסע און ריכטיג איז טאַקע לויט׳ן פסוק וועגען בני יונה, אָבער וועגען תורים איז דאָך שווער, עס קען דאָך אויך אַרומנעמען קליינע, אַזוי ווי כבשים און עזים וואָס מיינען סיי גרויסע סיי קליינע, און די גמרא פרעגט טאַקע ווייטער די קשיא לאָמער זאָגען ביי תורים וועלכע ער וויל זאָל ער ברייגגען? ענטפערט די גמרא דער פסוק זאָגט זיי אין אַ גלייכען וועג, אַזוי ווי ער מיינט ביי יונה נאָר יונג ווייל ער זאָגט דאָך אַרויס בני, אַזוי איז ער פינקטליך ביי תורים דאָס נאָר גרויסע, וואו ער זאָגט ניט בני, עס זעהט אויס דאָס די גמרא מיינט אַזוי צו זאָגען, דאָס חאָטש תורים נעמט אַרום אויך קליינע, דאָס ניט, ווייל עס איז פאַראַן אַ כלל, דאָס אימער רעדט דער פסוק אין אַ וועג פון לא זו אף זו, דאָס ניט אַזוי דאָס, נאָר אפילו דאָס, די גרעסערע נייעס ווערט געשטעלט אויף שפעטער, פון דעם וואָס אימער שטעלט גרויסע, דען קליינע איז מעהר רבותא צו לאָזען הערען, דעריבער זאָגט דער פסוק תורים אינפאַראויס, איז שוין גערדונגען דאָס תורים מיינט נאָר דער פסוק ער זאָל ברייגגען גרויסע און ניט אַזוי גרויסע, נאָר אפילו בני יונה קען ער אויך ברייגגען, און די נעמען תורים ובני יונה איז אַסאַך מאָהל געזאָגט אי דער תורה, און ביי מצורע ביים אָרימען קרבן געפונען מיר צוויי מאָהל אין איין פרשה, איז דאָך שווער וועגען וואָס זענען די דאָזיגע נעמען אַזוי געדאָבעלט? אויף דעם ענטפערט די ברייתא, דאָס איך וואָלט מיינען אַרויסצולערנען איינס פון אַנדערן דורך אַ קל וחומר, דעם ערשטען קל וחומר, וואָלט איך זאָגען מיידאָך בני יונה וועלכע זענען ניט כשר אַלס גרויסע און פאָלקאָמענע פונדעסטוועגען זענען זיי כשר אַלס קליינע, מוז דאָך זיין דאָס קליינע זענען מעהר ווילינ, תורים וואָס זענען יאָ כשר אַלס גרויסע, איז דען ניט קיין רעכט וועניגסטענס אויך כשר צו זיין אַלס קליינע? דעריבער ווידערהאָלט די תורה תורים צו לאָזען הערען דאָס נאָר גרויסע זענען כשר אַלס תורים, און דעם צווייטען קל וחומר וואָלט איך זאָגען מיידאָך תורים וועלכע זענען ניט כשר אַלס קליינע פונדעסטוועגען זענען זיי כשר אַלס גרויסע, מוז דאָך זיין, דאָס גרויסע זענען מעהר ווילינ, בני יונה זענען יאָ כשר אַלס קלייינע, איז דען ניט

בגדולים? ת"ל בני יונה, קטנים ולא גדולים, מאי תלמודא? אמר רבא לא לישתמיט קרא ולכתוב מן בני התורים, או מן היונה, אימא בני יונה דכתב בהו רחמנא בני, קטנים אין, גדולים לא, תורים, אי בעי גדולים לייתי, אי בעי קטנים לייתי? דומיא דבני יונה, מה בני יונה קטנים אין, גדולים לא, אף תורים גדולים אין, קטנים לא ת"ר יכול

---

קיין רעכט, דאָס וועניגסטענס זאָלען זיי אויך כשר זיין אַלס גרויסע? דעריבער זאָגט דער פסוק נאָכאמאָל בני יונה דאָס נאָר אַלס קליינע זענען זיי כשר, פרעגט די גמרא, „מאי תלמודא"? ווי אזוי איז פאַרט געדרינגען, האָט דען אנדערש געקענט שטעהן אין פסוק, דו מוזט דאָך אָנצייגען ווי אזוי דער פסוק האָט געקענט אנדערש ארויסזאָגען? „אמר רבא לא לישתמיט קרא ולכתוב מן בני התורים או מן היונה", האָט רבא געענטפערט און אָנגעוויזען די סברה, נאָך אזויפיל מאָהל דערמאָנען תורים ובני יונה, האָט דען דער פסוק ניט גנדארפט האָטש אַמאָהל ארויסגעהן פון זיין מארשריט און זאָגען אויך פארקערט מן בני התורים או מן היונה? נאָר מוז זיין דאָס די תורה איז דאָ פונקטליך מיט די ווערטער, פרעגט די גמרא, „אימא בני יונה דכתב בהו רחמנא בני, קטנים אין, גדולים לא, תורים אי בעי גדולים לייתי אי בעי קטנים לייתי"? לאָמיך זאָגען, דאָס בני יונה ווייל עס שטעהט בני, איז קליינע יאָ, גרוסע ניט, אבער תורים קאָן דאָך מיינעןביידע, וויל ער, קען ער ברייננגען גרויסע, וויל ער, קען ער ברייננגען קליינע? ענטפערט די גמרא, „דומיא דבני יונה, מה בני יונה קטנים אין, גדולים לא, אף תורים גדולים אין, קטנים לא", תורים איז געגליכען צו בני יונה, פונקט ווי ביי בני יונה איז די תורה פונקטליך אזוי אויך ביי תורים ווי אויבען באשייד, "תנו רבנן יכול יהו כל התורים וכל בני היונה כשרים? תלמיד לומר מן התורים ולא כל התורים מן בני היונה ולא כל בני היונה", די רבנן האָבען געלערנט איך וואָלט מיינען דאָס אַלע תורים און אַלע בני יונה זענען כשר? זאָגט די תורה מן התורים, דאָס נאָר פון די תורים אָבער ניט אַלע, אזוי אויך פון די בני יונה אָבער ניט אַלע, די דרשה איז באַזירט, ווייל אַן אייגענטליכער נאָמען פון אַ מין אַז ער איז געזאָגט מיט אַ ה' אין אָנפאַנג, איז עס געמיינט דעם אַלגעמיינעם מין, ווי צום ביישפּיל ומותר האדם מן הבהמה אין, דער מין מענש איז ניט מעהר פונ'ם מין בהמה, אָבער אַז ער איז געשריבען אָהן אַ ה' איז עס געמיינט אויף איינצעלנע אָדער פיעלע, ניט דעם אַלגעמיינעם מין, אזוי ווי דער אַלגעמיינער מין איז באוואוסט קומט ער געזאָגט צו ווערען מיט אַ ה' אָבער דאָ וואו עס איז געמיינט אויף איינצעלנע און פונדעסטוועגען געשריבען מיט אַ ה' ווערט עס גע'דרש'ענט, ווי אַ שטייגער ותעל הצפרדע דרש'ענט די גמרא אין סנהדרין דף סז, דאָס איין צפרדע איז נאָר געווען און זי האָט פארפּלייצט גאַנץ מצרים; און אזוי דער פסוק וירכיבם על החמור, ביי משה, דאָס ער האָט זיי געמאכט רייטען אויף דעם חמור, עס האָט דאָך געדארפט שטעהן על חמור אָהן אַ ה' הידיעה? טייטשט די

יהו כל התורים וכל בני היונה כשרים? ת״ל מן התורים ולא כל התורים, מן בני היונה ולא כל בני יונה, פרט לתחילת הציהוב שבזה ושבזה, שפסול, מאימתי התורים כשרים? משיזהיבו, מאימתי בני יונה פסולין? משיצהיבו, תני יעקב קרחה מאימתי בני יונה כשרים? משיעלעו, הוא תני לה והוא אמר לה (איוב ל״ט) אפרוחיו יעלעו דם, אימת? אמר אביי מכי שמיט גדפא מיניה ואתי דמא, בעי רבי זירא האומר הרי עלי עולה מן התורים, או מן בני היונה, והביא תחילת

---

גמרא דאָס עס איז דער חמור וואָס אברהם האָט אויף איהם גערייטען עס איז געמיינט דאָס משה רבנו האָט געהאַט די זעלבע כוונה וואָס אברהם, רייטענדיג אויפ׳ן חומר און רעגירען איבער׳ן גופניות, לויט דעם קומט אויס אַז דער פסוק ווען ער וויל רעדען וועגען איינצעלנע אָדער מעהרערע פון א געוויסען מין, נוצט ער דעם ה׳ אָנפאַנג מיט׳ן וואָרט מן, ווי אשטייגער מן הבהמה מן הבקר מן הצאן, אָדער אינגאַנצען אָהן א ה׳ ווי א שטייגער הצאן ובקר ישחט להם, וזבחת צאן ובקר, (די ה׳ פון הצאן ובקר. איז א פראַגע ה׳), עס איז אַן אונטערשייד צווישען דיביידע וועגען, אַז דער פסוק רעדט אָהן א ה׳ אין אָנפאַנג, איז געמיינט אויף איינצעלנע אָדער מעהרערע פון דעם מין קיין אונטערשייד וועלכע, אָבער מיט א ה׳ מיט׳ן וואָרט מן איז געמיינט דאָס נאָר אויסנאַמע פון גאַנצען מין ניט אַלע, און דאָס איז, אָדער עס איז געמיינט אויף א געוויסע צאָהל ווי א שטייגער די פסוקים ביים מבול מכל הבהמה הטהורה תקח לך שבעה שבעה פון יעדער מין בהמה טהורה זאָלסטו נעמען צו זיבען זיבען, אָדער עס איז געמיינט אויסגעקליבען פון אַלע ווייל ניט אַלע זענען ווירדיג פאַר א קרבן, דעריבער איז דאָ דער מן התורים און מן בני היונה ממעט דאָס ניט אַלע תורים און ניט אַלע בני יונה זענען ווירדיג, „פרט לתחילת הציהוב שבזה ושבזה שפסול", עס קומט ממעט צו זיין אַזוינע טויבען ווען זייערע פעדערן ארום דעם האַלז פאַנגען אָן צו גילדען, דאַמאָלסט זענען זיי שוין ארויס פון אַלס יונג, זיי הייסען שוין ניט קיין קליינע, און צו גרויסקייט האָבען זיי נאָך ניט געגרייכט, און דעריבער פסול בייביידע מינים, „מאימתי התורים כשרים משיזהיבו, מאימתי בני יונה פסולין משיצהיבו", פון־ווען־אָן ווערען די תורים כשר? ווען זיי זענען שוין רעכט באַגילדעט, פון־ווען־אָן ווערען די בני יונה פסול? ווען זיי פאַנגען אָן ווערען גילדיג, „תני יעקב קרחה מאימתי בני יונה כשרים? משיעלעו, הוא תני לה, והוא אמר לה אפרוחיו יעלעו דם", יעקב קרחה האָט געלערנט פון־ווען־אָן ווערען בני יונה כשר אַלס קרבן? משיעלעו, ער האָט עס געלערנט, און ער האָט עס באַשייד אַז דער וואָרט יעלעו שטאַמט פונ׳ם פסוק זיינע פויגעל קינדער ברייננען ארויף בלוט, עס איז נאָר אַזוי אָנגעלעהנט, אויף דעם פסוק, אום צו געדענקען די הלכה, „אימת? אמר אביי מכי שמיט גדפא מיניה ואתי דמא", ווען מיינט מען דאָס? האָט אביי געזאָגט אַז מען רייסט ארויס א פעדער פונ׳ם פויגעל קומט ארויף בלוט, „בעי ר׳ זירא האומר הרי עלי

הציהוב שבזה ושבזה, מהו? ספיקא הוי ונפיק, או דילמא בריה הוי ולא נפיק? אמר רבא ת"ש פרט לתחילת הציהוב שבזה ושבזה שפסול, אי אמרת בשלמא בריה הוי שפיר, אלא אי אמרת ספיקא הוי איצטריך קרא למעוטי ספיקא? (דף כ"ג ע"א) כי איצטריך קרא? למעוטי נרבע ונעבד, סלקא דעתך אמינא הואיל וכתיב (ויקרא כ"ב) כי משחתם בהם מום בם, ותנא דבי ר' ישמעאל כל מקום שנאמר השחתה, אינו אלא דבר ערוה ועכו"ם, דבר ערוה דכתיב (ראשי' ו) כי השחית

---

עולה מן התורים או מן בני היונה והביא תחילת הציהוב שבזה ושבזה מהו"? ר' זירא האט געפרעגט אז איינער האט געזאגט איך נעם אויף מיר צו ברייגגען אן עולה פון תורים אדער בני יונה, און ער האט געבראכט טויבען פון דעם און דעם מין, וועלכע האבען אנגעפאנגען גילדען, ווי איז דער דין? „ספיקא הוי ונפיק, או דלמא בריה הוי ולא נפיק"? צי זאג איך אז תחילת הציהוב איז פסול צוליב צווייפעל, היינט אזוי ווי ער האט געבראכט ביידע, זאל ער האבען יוצא געווען אלענפאלס, דען הייסען די תחילת הציהוב אלס גרוסע, האט ער דאך געבראכט גרויסע, הייסען זיי קליינע, האט ער דאך געבראכט קליינע, אדער פיללייכט זענען די תחילת הציהוב, גלייך ווי זיי וואלטען זיין אלס באזאנדערע באשעפענישען, דען אין דער צייט זענען זיי ארויס פון אלס קליינע און צו גרויסקייט האבען זיי ניט נעגרייכט, ווי איז דער דין? „אמר רבא תא שמע פרט לתחילת הציהוב שבזה ושבזה שפסול, אי אמרת בשלמא בריה הוי, שפיר, אלא אי אמרת ספיקא הוי, איצטריך קרא למעוטי ספיקא"? האט רבא געזאגט קום איך וועל דיר אויפקלערן, די משנה זאגט אויסגענומען איז דער תחילת הציהוב ביי ביידע, דאס ער איז פסול, אנדערש ווען דו זאלסט זאגען אז תחילת הציהוב איז פסול צוליב עס הייסט ווי אלס א בעזאנדערער באשעפניש, איז רעכט וואס דער פסוק איז זיי ממעט, אבער אז דו וועסט זאגען צוליב צווייפעל וועט דאך זיין א קשיא, דארף דער פסוק ממעט זיין א ספק? אדער זאל עס אסור זיין צוליב ספק, אדער עס זאל זיין אנבעלאנג אן די חכמים ווי זיי זענען משער, ביז ווען זיי הייסען קליין און פון ווען אן זיי הייסען שוין גרויס, דאס מיינט די קבלה וואלט דאס גיכער איבערגעגעבען אין די הענד פון די חכמים צו מאכען פינקטליך דעם שיעור, ענטפערט די גמרא „כי איצטריך קרא למעוטי נרבע ונעבד", עס איז טאקע ניט געדארפט פאר תחילת הציהוב, נאר ווייסטו וואו דער פסוק איז געדארפט? צו ממעט זיין א נרבע וועלכע איז געפארט צו ניט זיין מין און דער צווייטער מין (בני היונה) איז ממעט אזא טויב וועלכע איז געדינט געווארען אלס אן עבודה זרה, „סלקא דעתך אמינא הואיל וכתוב כי משחתם בהם מום בם, ותנא דבי ר' ישמעאל כל מקום שנאמר השחתה אינו אלא דבר ערוה ועבודת כוכבים", דען איך וואלט מיינען צו זאגען, אזוי ווי עס שטעהט ביי קרבנות דאס זיי ווערען ניט באוויליגט צוליב זייער פארדארבינג און פעהלער וואס איז פאראן אין זיי, און דבי ר' ישמעאל האט אויף דעם געלערנט דאס

כל בשר את דרכו על הארץ, ועכו"ם דכתיב (דברים ד') פן תשחיתון ועשיתם לכם פסל כל שהמום פוסל בו, דבר ערוה ועכו"ם פוסלין בו, וכל שאין המום פוסל בו, אין דבר ערוה ועכו"ם פוסלין בו, והני עופות הואיל ולא פסיל בהו מומא, דאמר מר תמות וזכרות בבהמה, ואין תמות וזכרות בעופות, אימא דבר ערוה ועכו"ם נמי לא לפסול בהו? קמ"ל, בעי רבי זירא האומר הרי עלי עולת בהמה, מן האיל או מן הכבש, והביא פלגס מהו? אליבא דרבי יוחנן לא תיבעי לך, דאמר

---

איבעראל וואו עס איז געזאגט השחתה, מיינט ניט אנדערש נאר א שאנד זאך וואו עס ווערט געפאארט צו ניט זיין מין און עבודה זרה, „דבר ערוה דכתיב כי השחית כל בשר דרכו על הארץ, עבודת כוכבים דכתיב פן תשחיתון ועשיתם לכם פסל", אז משחתם מיינט א שאנדזאך פון ערוה, איז ווייל דער פסוק זאגטביים מבול, דאס יעדער באשעפעניש האט פארדארבען זיין וועג צו ניט זיין מין, און אז עס מיינט אויך עבודה זרה, ווייל דער פסוק זאגט ביי עבודה זרה, טאמער חלילה וועט איהר פארדארבען און מאכען פאר אייך א בילד צו דינען, „כל שהמום פוסל בו, דבר ערוה ועבודת כוכבים פוסלין בו, וכל שאין המום פוסל בו, אין דבר ערוה ועבודת כוכבים פוסלין בו", און דער כלל איז דאך דאס וואו א פעהלער פסל'ט, פסל'ען אויך ערוה און עבודה זרה, און וואו קיין פעהלער פסל'ט ניט, פסלען אויך ניט, ניט קיין ערוה און ניט קיין עבודה זרה, „והני עופות הואיל ולא פסול בהו מומא, דאמר מר תמות וזכרות בבהמה ואין תמות וזכרות בעופות, אימא דבר ערוה ועבודת כוכבים נמי לא לפסול בהו? קא משמע לן", און די עופות ווייל עס פסל'ט ניט ביי זיי קיין פעהלער פאר א קרבן, דען דער תנא האט געזאגט דאס גאנצקייט פון א פעהלער און דער אונטערשייד פון זכר אויף נקבה געהט נאר אן, ביי בהמה, ניט ביי קיין עופות, ביי וועלכע דער פסוק ערוועהנט גארניט וועגען דעם, און עס פסל'ט נאר ביי זיי א פעהלענדער גליד צוליב אן אנדער פסוק הקריבהו נא לפחתיך, געגעהן נאר א פרעזענט וואס איז ניט ווירדיג צו דיין עלצטען וועט ער דען זיין באווילינגט? וואלט איך מיינען צו זאגען, דאס אויך ערוה און עבודה זרה זאלען ניט פסל'ען ביי זיי? לאזט מיר הערען דער פסוק מן התורים או מן בני היונה, דאס זיי פסל'ען יא, איי וואס דער תנא נוצט דעם פסוק פאר תחילת הציהוב? איז עס נאר אזוי אנגעלעהנט און זייער פסול איז טאקע צוליב ספק, ניט איך זאל זאגען דער פסוק זאל ממעט זיין א ספק, צו דרינגען פון דעם, דאס ווארשיינליך איז עס ניט קיין ספק, איז דאך די פראגע ניט אויפגעקלעהרט, „בעי ר' זירא האומר הרי עלי עולת בהמה מן האיל או מן הכבש והביא פלגס מהו"? האט ר' זירא א פראגע געפרעגט, אז איינער זאגט איך נעם אויף מיר צו ברייגען אן עולה פון א בהמה וואס איז אן איל אדער א כבש, און ער איז געגאנגען און געבראכט א פלגס א מיטלפונקט, ווי איז דער דין? (ביז א יאהר הייסט ער כבש און נאכ'ן יאהר מיט א חודש הייסט ער שוין איל, און אין דעם חודש הייסט ער פלגס) „אליבא

בריה הוי, דתנן הקריבו מביא עליו נסכי איל, ואין עולה לו מזבחו, וא"ר יוחנן (במדבר ט"ו) או לאיל לרבות את הפלגס, כי תיבעי לך אליבא דבר פדא (דף כ"ג ע"ב) דאמר מייתי ומתני, מי אמרינן איל וכבש מתנה, בברי' לא מתנה, או דלמא בברי' נמי מתנה, דאמר אי ברי' הוי, ליהוי כוליה נדבה? תיקו, בעי רבי זירא האומר הרי עלי לחמי

---

דרי יוחנן לא תיבעי לך, דאמר בריה הוי", נאך ר' יוחנן נאך וועט עס ניט זיין קיין פראגע ווייל ער האלט דאס אין דעם חודש איז ער ווי א באזאנדערער באשעפעניש, קען איהם דער פסוק מרבה זיין, „דתנן הקריבו מביא עליו נסכי איל ואין עולה לו מזבחו, ואמר רי יוחנן או לאיל לרבות את הפלגס", דען מיר האבען געלערנט אין א משנה אז ער האט איהם מקריב געווען דעם פלגס, דארף ער ברייננען אויף איהם די נסכים (א געוויסע מאס וויין וואס איז פארגעשריבען אין דער תורה צו גיסען אויפ'ן מזבח) פון איל און עס ווערט איהם ניט פאררעכענט דער קרבן אלס געבראכט, אויב ער איז מחויב געווען אן איל אדער א כבש אליין, די משנה באשייד ניט צי צוליב ספק צי צוליב בריה, האט ר' יוחנן אויף דעם געזאגט דאס דער פסוק ביי נסכים אין פרשת שלח, או לאיל האחד, קומט מרבה זיין א פלגס פאר די זעלבער נסכים, דער פסוק באטאנט מיט די ווערטער, אדער צו אן איל", צו באמערקען דאס עס איז קיין אונטערשייד וועלכע פיריאד אפילו אלס א פלגס, ווען ער איז שוין ארויס פון קלאס אלס כבש צו ווערען אן איל, און ווען עס איז געברויכט א פסוק צו מרבה זיין איהם, איז גערדרינגען דאס א פלגס איז ווי אן אנדער בריה, דען אויב אלס ספק, איז דאך די תורה ניט מרבה קיין ספק, גיכער וואלט די קבלה איבערגעגעבען אין די הענד פון די חכמים צו זאגען דעם שיעור ביז ווען ער הייסט א כבש און פון ווען אן איל, איז דאך נאך ר' יוחנן ניט קיין פראגע, „כי תיבעי לך אליבא דבר פדא דאמר מייתי ומתני, מי אמרינן איל וכבש מתנה, בבריה לא מתנה, או דלמא בבריה נמי מתנה", נאר וויסטו ווי עס איז צו פרעגען? נאך בר פדא נאך, וואס זאגט, דאס ער ברייננט די נסכים און ער רעדט זיך אויס, צי זאגען מיר אז ער רעדט זיך אויס צווישען איל און כבש אלס א ספק, איז ער אן איל, זאלען די נסכים זיין פאר'ן איל, איז ער א כבש פאר וועלכען עס קומט א קלענערע מאס זאל די רעשט געהען אלס נדבה, און ער איז יוצא אלענפאלס זיין נדר, אבער אויב א פלגס איז אלס בריה ביי וועלכען עס שטעהט אינגאנצען ניט נסכים נאר ביי כבש אדער איל, רעדט ער זיך ניט אויס, און ער קען אויך ניט יוצא זיין מיט'ן פלגס ניט אלס כבש ניט אלס איל, דען ער איז ניט דאס ניט דאס, אדער פיליייכט קען ער זיך ביי פלגס אלס בריה אויך אויסרעדען, דאס מיינט אויף בריה איז איהם אויך א ספק געווען, „דאמר אי בריה הוי ליהוי כוליה נדבה"? דען ער קען זאגען און אויסרעדען זיך דאס אויב דער פלגס איז אלס בריה זאלען די נסכים געהען באזונדער אלס נדבה, אבער מיט'ן קרבן אליין איז ער ניט יוצא, ווי איז דער דין?

תוד׳ מן החמץ או מן המצה, והביא שיאור מהו? שיאור דמאן? אי שיאור דר״מ, לרבי יהודה מצה מעליתא היא? אי דרבי יהוד׳ לר״מ חמץ הוא? ואי דר״מ לר״מ מדלקי עלי׳ חמץ הוא? אלא דרבי יהודה לרבי יהודה מאי, ספיקא הויא ונפיק ממה נפשך, או דלמ׳ בריה הוא

---

„תיקו״, בליבט די פראגע שטעהן, „בעי רי זירא האומר הרי עלי לחמי תודה מן החמץ או מן המצה והביא שיאור מהו״? ר׳ זירא האט א פראגע געפרעגט אז איינער זאגט איך נעם אויף מיר צו ברענגען א מנחה פון לחמי תודה אדער חמץ אדער מצה, און ער האט געבראכט שיאור וואס קיין מצה איז עס שוין ניט, און קיין פאלקאמענע חמץ נאך ניט געווארען, ווי איז דער דין? (א קרבן תודה דארף אויך האבען מיט זיך פירציג חלות, פון זיי דרייסיג פון מצה און צעהן פון חמץ, און ער האט גענומען אויף זיך צו ברינגען צעהן חלות די גמרא וועט ווייטער פרעגען ווי אזוי ער קען ברינגען בלויז צעהן חלות) וועגען שיאור קריגען ר׳ מאיר מיט ר׳ יהודה פסחים דף מ״ח,, נאך ר׳ מאיר הייסט שיאור ווען די טייג פארלירט דעם פרישען אויסזעהן און פאנגט אן שרימפען, אפילו זי האט נאך ניט געקראגען קיין שפעלטלאך, און אויב זי האט שוין געקראגען שפעלטלאך, אויסקוקענדיג ווי די הערנערלאך פונ׳ם היישריק, הייסט זי שוין מיט׳ן נאמען סידוק וואס מיינט געשפאלטען, און ער איז חייב אויב ער עסט סידוק כרת, און אויף שיאור איז ר׳ מאיר מחייב מלקות, און ר׳ יהודה האלט צוויי פארלייכטערונגען דערביי, איינס האלט ער צוליב׳ן פארלירען דעם ריכטיגען געשטאלט הייסט נאך ניט די טייג מיט׳ן נאמען שיאור, זי קריגט יא דעם נאמען שיאור ווען זי באקומט הערנערלאך ווי ביי א היישעריק, און צווייטענס איז ער ניט מחייב קיין מלקות אויף זיין שיאור מיט שפעלטעלאך, פרעגט די גמרא, „שיאור דמאן? אי שיאור דרי מאיר, לרי יהודה מצה מעליותא היא״? וועלכען שיאור מיינסטו, נאך וועמען נאך? זאל איך זאגען דעם שיאור לויט ר׳ מאיר, וואס איז בלויז הכסיפו פניו וואו זיין געזיכט איז פארוועלקט אזא שיאור איז דאך נאך ר׳ יהודה רעכט מצה? „אי דרי יהודה, לרי מאיר חמץ הוא״? זאל איך זאגען דעם שיאור פון ר׳ יהודה, וואס האט שוין שפעלטלעך, איז דאך שווער, דער שיאור איז דאך נאך ר׳ מאיר חמץ? „ואי דרי מאיר לרי מאיר, מדלקי עליה חמץ היא״? און ווידער איך זאל זאגען דעם שיאור פון ר׳ מאיר, נאך ר׳ מאיר, וועט דאך שווער זיין, ווען איך זעה אז נאך ר׳ מאיר קומט איהם מלקות פאר אזא שיאור איז דאך געמיינט אז אזא שיאור איז חמץ? אלא זאגט די גמרא „דרי יהודה לרי יהודה מאי? ספיקא הויא ונפיק מה נפשך, או דלמא בריה הוא ולא נפיק״? די פרגע איז דא וועגען שיאור פון ר׳ יהודה וואס האט שוין שפעלטלאך, און נאך ר׳ יהודה וואס ער איז דארויף ניט מחייב קיין מלקות, פון אזא שיאור אז ער האט געבראכט חלות תודה ווי איז דער דין, צי זאג איך אז דער שיאור איז ספק חמץ און ער איז יוצא זיין נדר אלענפאלס, דען ער האט דאך געזאגט

ולא נפיק? והאמר רב הונ' האומר הרי עלי לחמי תודה מביא תודה ולחמ', וכיון דאיחייב ליה בתוד' ולחמ', הא לא ידע האי גברא אי חמץ הוא דליתי מצה, אי מצה הוא, דליתי חמץ? לא צריכי דאמ' הרי עלי חלה לפטור תודתו של פלוני, סוף סוף הא לא ידע האי גברא, אי חמץ הוא, דליתי מצה, או מצה הוא, דליתי חמץ? לא צריכא דלא אמ' ליפטור, מיפק

---

אָדער חמץ אָדער מצה, אָדער פיליכט איז דער שיאור א בריה פאר זיך שוין ניט קיין מצה און נאָך ניט קיין חמץ, און ער איז אַלענפאַלס ניט יוצא זיין נדר, פרעגט די גמרא „והאמר רב הונא האומר הרי עלי לחמי תודה, מביא תודה ולחמה, וכיון דאיחייב ליה בתודה ולחמה, הא לא ידע האַי גברא אי חמץ הוא דלייתי מצה, אי מצה הוא דלייתי חמץ"? רב הונא האָט דאָך געזאָגט אַז איינער נעמט אויף זיך צו ברענגען די ברויטען פון א קרבן תודה, דאַרף ער שוין ברענגען אויך די תודה מיט אַלע ברויטען סיי די חמץ סיי די מצה, און אַזוי ווי ער איז שוין פאַרפּליכטעט אין דער תודה מיט די ברויטען, אַז ער ברענגט דעם שיאור, האָט דער מענש דאָך ניט געוואוסט צו דאָס איז חמץ, צו ברענגען אויך מצה, צו דער שיאור איז מצה, צו ברענגען אויך חמץ, היינט ווי אַזוי קען איהם געמאָהלט זיין צו ברענגען בלויז שיאור אַלס ספק? ענטפערט די גמרא, „לא צריכא דאמר הרי עלי חלה לפטור את תודתו של פלוני", עס איז ניט געדאַרפט צו לאָזען הערען נאָר אין א פאַל וואו ער האָט געזאָגט איך נעם אויף מיר צו ברענגען די צעהן ברויטען פאַר דער תודה פון דעם יעניגען, וואו ער איז ניט פאַרפּליכטעט אין אַלע חלות, נאָר בלויז צו פאַרפולען זיינע צעהן אויף יענעמ'ס דרייסיג חלות, פרעגט די גמרא ווידער, „סוף סוף הא לא ידע האי גברא אי חמץ הוא דלייתי מצה, אי מצה דלייתי חמץ"? ענדליך ענדליך האָט דאָך דער מענש ניט געוואוסט ביי זיינע צעהן חלות פון שיאור, צי זיי זיינען חמץ, יענער זאָל ברענגען מצה, צי זיי זיינען מצה, יענער זאָל צוברינגען חמץ? ענטפערט די גמרא, „לא צריכא דלא אמר לפטור, מיפק גברא ידי נדרו נפיק, או לא נפיק"? עס איז ניט געדאַרפט צי לאָזען הערען נאָר אין א פאַל וואו דער מענש וואָס האָט גענומען אויף זיך די צעהן חלות, נאָר ער האָט נישט געזאָגט דעם וואָרט פטור אויף צו באַפרייען יענעמ'ס תודה, איז ער דאָך שוין ניט פאַרפּליכטעט, זיינע חלות זאָלען ציפּאַסען צו יענעמ'ס חלות, און ער איז געגאַנגען און געבראַכט שיאור וואָס איז א ספק חמץ ספק מצה, איז דאָ די פראַגע צי דער מענש איז יוצא זיין נדר מיט דעם שיאור אַלענפאַלס, דען ער האָט דאָך געזאָגט אָדער חמץ אָדער מצה, און שיאור איז דאָך זיכער איינס פון זיי, איי וואָס דער באַלעבאָס פון דער תודה וועט ניט וויסען, וואָס צו ציפּאַסען צו זיינע חלות? דאָס איז דאָך ניט זיין עסק, אבי ער פאָלגט אויס און קומט נאָך זיין נדר, אָדער פיליכט הייסט דאָס ניט יוצא געוועזן און ניט נאָכגעקומען דעם נדר, ווייל יענער ווייסט דאָך ניט וואָס דער שיאור איז צי חמץ צי מצה און ער קען דאָך ניט ציפּאַסען די חלות פאַר זיין תודה,

גברא ידי נדרו נפיק, או לא נפיק? תיקו: מתני׳ כשר בפרה פסול בעגלה, כשר בעגלה פסול בפר׳: גמ׳ ת״ר פרה בשחיט׳ כשר׳, בעריפ׳ פסולה, עגלה בעריפה כשר׳, בשחיט׳ פסול, נמצאת כשר בפר׳, פסול בעגל׳, כש׳ בעגלה פסול בפר׳, ותהא פרה כשרה בעריפ׳ מק״ו? ומה עגלה שלא הוכשר׳ בשחיט׳, הוכשר׳ בעריפ׳, פרה שהוכשר׳ בשחיט׳, אינה דין שהוכשרה בעריפ׳? (דף כ״ד ע״א) אמר קרא ושחט וחוקה, בשחיט׳ אין, בעריפ׳ לא, וכל היכא דכתי׳ ביה חוקה לא דרשינן ק״ו, והא גבי יום הכפורים דכתיב ביה חוקה, ותניא (ויקרא ט״ז) ועשהו חטאת הגורל עושה חטאת, ואין השם עושה חטאת, שיכול

---

ווי איז דער דין? „תיקו״ בלייבט די פראגע שטעהן אומאויפגעקלעהרט: „מתניי, כשר בפרה פסול בעגלה, כשר בעגלה פסול בפרה״: די זאך וואס איז כשר צו טוען ביי א פרה, איז פסול ביי אן עגלה, און די זאך וואס איז כשר ביי אן עגלה איז פסול ביי א פרה: „גמי, תנו רבנן פרה בשחיטה כשרה בערופה פסולה, עגלה בערופה כשרה, בשחיטה פסולה, נמצאת כשר בפרה פסול בעגלה, כשר בעגלה פסול בפרה״, די רבנן האבען געלערנט א פרה אדומה איז כשר מיט שחיטה, זי ווערט אבער פסול מיט ערופה (וואס מיינט אפהאקען דעם קאפ) און אן עגלה וואס מען ברינגט אויף א געפונענעם געטויטעטענעם מענשען איז כשר מיט ערופה אבער פסול מיט שחיטה, קומט אוים דאס די זאך וואס איז כשר ביי פרה איז פסול ביי עגלה, כשר ביי עגלה איז פסול ביי פרה, פרעגט די גמרא, „ותהא פרה כשרה בערופה מקל וחומר, ומה עגלה שלא הוכשרה בשחיטה, הוכשרה בערופה, פרה שהוכשרה בשחיטה אינה דין שהוכשרה בערופה״? זאל פרה אדומה כשר זיין מיט ערופה פון א קל וחומר, מיידאך אן עגלה וועלכע ווערט ניט כשר מיט שחיטה, וואס איז דער וועג ביי אלע קדשים, פונדעסט־וועגען ווערט זי רשר מיט ערופה, פרה וואס ווערט יא כשר מיט שחיטה, איז דען ניט קיין רעכט זי זאל אויך כשר זיין מיט ערופה? ענטפערט די גמרא, „אמר קרא ושחט וחוקה בשחיטה אין בערופה לא״, דער פסוק זאגט ביי פרה ושחט אותה לפניו און אויך זאת חוקת התורה, ער זאל איהר שעכטען דאס איז דער געזעטץ, חוקה מיינט א געזעטץ אהן א טעם, דאס אזוי פארלנגט די תורה אפילו געגען א קל וחומר וואס וואלט ארויסלערנען דערביי אויך ערופה, דער ווארט ושחט דא איז ניט קיין מיעוט, דען ער מוז דאך זאגען וועגען שחיטה אלס מצוה, און דער ווארט חוקה איז אויך ניט איבריג דען ער איז גענוצט פאר אן אנדערע דרשה, נאר אלס חוקה אהן א טעם האלט עס אפ פון יעדען לימוד צו קענען אנלערנען אויך אויף ערופה, אויף דעם פרעגט די גמרא, „וכל היכא דכתיב ביה חוקה לא דרשינן קל וחומר, והא גבי יום הכיפורים דכתיב ביה חוקה ותניא ועשהו חטאת הגורל עושהו חטאת ואין השם עושהו חטאת״, און איבעראל זאגסטו אזוי? אז וואו נאר דער פסוק שרייבט חוקה, קען מען ניט דרש׳נען קיין קל וחומר? מיר זעהען דאך ביי יום כיפור וואו עס שטעהט אויך חוקה

והלא דין הוא, ומה במקום שלא קדש הגורל, קדש השם, מקום שקדש הגורל, אינו דין שקדש השם? ת"ל ועשהו חטאת, הגורל עושה חטאת, ואין השם עושה חטאת, טעמא דכתב רחמנא ועשהו חטאת, הא לאו הכי דרשינן ק"ו? ומיעט רחמנא גבי עגלה הערופ', זאת בעריפה ואין אחרת בעריפה ותהא עגלה כשרה בשחיטה מק"ו? ומה פרה שלא הוכשרה בעריפה, כשרה בשחיטה, עגלה שכשרה בעריפה, אינו

---

און מיר האָבען געלערנט, דער פסוק זאָגט ביי די שעירים פון יום כפור (הגורל) ועשהו חטאת, ער זאָל איהם מאכען אלס חטאת, טייטש איך, דאָס נאָר דער גורל פון די קוויטעלאך מאכט איהם אלס חטאת, ניט מיט'ן אָנרופען דעם נאָמען חטאת, „שיכול והלא דין הוא, ומה במקום שלא קדש הגורל קדש השם, מקום שקדש הגורל אינו דין שקדש השם"? דען איך וואָלט דאָך מיינען צו מאכען א קל וחומר, מיידאָך אין א פלאַץ וואו קיין גורל הייליגט ניט צום ארט קרבן, ווי א שטייגער די טויבען קרבנות פון א זב אָדער א געווינערין וואו איינע איז א חטאת און די צווייטע איז אַן עולה, ווערען זיי געהייליגט מיט'ן אָנרופען ביי די נעמען די צו חטאת און די צו עולה, ניט דורך קיין גורל, אויב ער וואָלט עס יאָ טוען מיט א גורל, וואָלט עס זיין ניט בינדענד, פונדעסטוועגען אָנרופענדיג זיי די נעמען, די אלס חטאת און די אלס עולה, זענען זיי געהייליגט, און עס איז בינדענד, היינט אין א פלאַץ וואו דער גורל הייליגט יאָ, ווי א שטייגער דאָ ביי די שעירים פון יום כיפור, איז דען ניט קיין געוויס, דאָס אויך מיט'ן אָנרופען די נעמען זאָלען זיי ווערען געהייליגט? „תלמוד לומר ועשהו חטאת הגורל עושה חטאת ואין השם עושה חטאת", דעריבער זאָגט דער פסוק (הגורל) ועשהו חטאת, דאָס נאָר דער גורל מאכט איהם פאר א חטאת ניט דער נאָמען, „טעמא דכתב רחמנא ועשהו חטאת, הא לאו הכי דרשינן קל וחומר"? זעהסט דאָך וואויל דאָס גוט איז וואָס די תורה האָט געשריבען דעם פסוק ועשהו חטאת, ווען אָבער ניט, וואָלטען מיר דרש'נען דעם קל וחומר, חאָטש דער פסוק שרייבט אויך חוקה? ער ווערט פונדעסטוועגען באנוצט אלס צוגאָב צום מיעוט ועשהו חטאת, צו אויפהאַלטען ווי דא וחוקה אָבער אַן עקסטרא פסוק מוז ער דאָך אויך האָבען? ענטפערט די גמרא, „מיעט רחמנא גבי עגלה הערופה, זאת בערופה ואין אחרת בערופה", עס איז טאַקע פאַראַן א מיעוט ביי דער עגלה וואו דער פסוק רופט איהר הערופה די ערופה, טייטש איך דאָס נאָר די איז כשר מיט ערופה אָבער ניט קיין אַנדערע ווערט כשר מיט ערופה, א מיעוט מיט'ן וואָרט חוקה זענען שוין ממעט אפילו דיעבד דאָ וואו עס איז שוין אָפּגעטוען מיט ערופה איז אויך פסול, פרעגט די גמרא, „ותהא עגלה כשרה בשחיטה מקל וחומר, ומה פרה שלא הוכשרה בערופה כשרה בשחיטה, עגלה שכשרה בערופה אינו דין שהוכשרה בשחיטה"? זאָל די עגלה כשר זיין מיט שחיטה פון א קל וחומר, מיידאָך פרה וואָס ווערט ניט כשר מיט ערופה, וואָס איז אַן עקסטרא עבודה ביי זיין גלייכען, פונדעסטוועגען ווערט זי כשר מיט שחיטה, עגלה וועלכע ווערט

דין שהוכשרה בשחיטה? אמר קרא (דברי' כ"א) וערפו העגלה בעריפה אין, בשחיטה לא: מתני' כשר בכהנים פסול בלוים, כשר בלוים פסול בכהנים: גמ' ת"ר כהנים במומין פסולין בשנים כשרים, לוים במומין כשרים, בשנים פסולי', נמצא כשר בכהנים פסול בלוים, כשר בלוים פסול בכהנים, מנה"מ? דת"ר (מדבר ח') זאת אשר ללוים מה ת"ל? לפי שנאמר (שם) ומבן חמשים שנה ישוב, למדנו ללוים שהשנים פוסלין בהם, יכול מומין פוסלין בהם, ודין הוא, ומה כהנים שאין השנים פוסלין בהן, מומין פוסלין בהן, לוים שהשנים פוסלין בהם, אינו דין שיהו מוֹמין פוסלין בהם? ת"ל זאת אשר ללוים זאת ללוים, ואין אחרת

---

יאָ כשר מיט ערופה איז דען ניט קיין געווים זי זאָל אויך כשר ווערען מיט שחיטה? „אמר קרא וערפו העגלה, בערופה אין, בשחיטה לא", אויף דעם זאָגט דער פסוק זיי זאָלען אָפּהאַקען דעם קאָפּ פון דער עגלה, טייטש איך, דאָס מיט ערופה יאָ, מיט שחיטה ניט,ביידע ווערטער וערפו און הערופה לערנען שוין אַלעס, דאָס נאָר די ערופה, ניט די פרה, און נאָר ערופה ניט קיין שחיטה, דאָס הייסט שוין אַ פסוק אויף אויך דיעבד, „מתניי, כשר בכהנים פסול בלוים, כשר בלוים פסול בכהנים": וואָס איז כשר ביי כהנים איז פסול ביי לוים, וואָס איז כשר ביי לוים איז פסול ביי כהנים: „גמ', תנו רבנן כהנים במומין פסולין, בשנים כשרים, לוים במומין כשרין בשנים פסולים, נמצא כשר בכהנים פסול בלוים כשר בלוים פסול בכהנים", די רבנן האָבען געלערנט כהנים ווערען פסול צו דער עבודה אויב זיי קריגען אַ קערפּערליכען פעהלער, זיי זענען אָבער כשר אין זייער העכערן עלטער, דאַגעגען אָבער לוים זענען כשר אפילו מיט אַ פעהלער און ווערען פסול דורך יאָהרען, קומט אויס, דאָס וואָס עס איז כשר ביי כהנים איז פסול ביי לוים, און כשר ביי לוים איז פסול ביי כהנים, „מנא הני מילי? דתנו רבנן זאת אשר ללוים מה תלמיד לומר? לפי שנאמר ומבן חמשים שנה ישוב למדנו ללוים שהשנים פוסלין בהם", פונוואַנען זענען די רייד געדרינגען ווענען שנים אַז זיי פסל'ען ביי לוים? די רבנן האָבען געלערנט דער פסוק זאָגט, דאָס אָ וואָס איז פאַר לוים, פאַר וועלכען צוועק זענען די רייד געזאָגט? ווייל עס איז געזאָגט אין פסוק, דאָס פון פופציג יאָהר אַלט אָן זאָל ער צוריקציהען זיך פון זיין עבודה, לערנט אונז דאָך אָן, דאָס לוים ווערען פסול ביי יאָהרען, „יכול מומין פוסלין בהם, ודין הוא ומה כהנים שאין השנים פוסלין בהן, מומין פוסלין בהן, לוים שהשנים פוסלין בהם אינו דין שיהו מומין פוסלין בהם", אַזוי ווי יאָהרען פסל'ען ביי לוים, וואָלט איך מיינען צו זאָגען דאָס אויך פעהלער זאָלען ביי זיי פסל'ען מטעם קל וחומר? מיידאָך כהנים וואָס יאָהרען ביי זיי פסל'ען ניט, פונדעסטוועגען פעהלער פסל'ען ביי זיי יאָ, לוים, וועלכע ווערען יאָ פסול דורך יאָהרען, איז דען ניט קיין דין, דאָס אויך אַ פעהלער זאָל פסל'ען ביי זיי? „תלמוד לומר זאת אשר ללוים, זאת ללוים ואין אחרת ללוים", דעריבער זאָגט דער פסוק דאָס אָ פאַר די לוים, וואָס איך טייטש, דאָס נאָר דאָס איז פסול פאַר

ללוים, יכול יהו הכהנים פסולין בשנים, והלא דין הוא, ומה לוים שאין מומין פוסלין בהם, שנים פוסלין בהם, כהנים שהמומין פוסלין בהם, אינו דין שיהו שנים פוסלין בהם? ת״ל אשר ללוים ולא אשר לכהנים, יכול אף בשילה ובבית עולמים כן? ת״ל (שם ד) לעבוד עבודת עבודה ועבודת משא, לא אמרתי אלא בזמן שהעבודה בכתף, כתוב אחד אומר (שם ח) מבן חמש ועשרי׳ שנה ולמעלה, וכתוב אחד אומר (שם ד) מבן שלשים, אי אפשר לומר שלשי׳, שכבר נאמר כ״ה, ואי אפשר לומר כ״ה, שכבר נאמר שלשים, הא כיצד? כ״ה ללמוד ושלשים לעבודה, מכאן לתלמיד שלא ראה סימן יפה במשנתו ה׳ שנים, שוב אינו רואה,

---

די לוים, אָבער ניט קיין אנדער זאַך, פרעגט די גמרא, „יכול יהו הכהנים פסולין בשנים והלא דין הוא ומה לוים שאין מומין פוסלין בהם, שנים פוסלין בהם, כהנים שהמומין פוסלין בהם, אינו דין שיהו שנים פוסלין בהם״? איך וואָלט דאָך מיינען צו זאָגען דאָס אויך יאָהרען זאָלען פסל׳ען ביי כהנים צוליב א קל והומר, מידאָך לוים וואָס פעהלער פסל׳ען ביי זיי ניט, פונדעסטוועגען יאָהרען פסל׳ען יאָ, כהנים וועלכע, פעהלער פסל׳ען ביי זיי יאָ, איז דען ניט קיין דין און רעכט דאָס אויך יאָהרען זאָלען ביי זיי פסל׳ען? „תלמיד לומר אשר ללוים ולא אשר לכהנים״, דעריבער זאָגט דער פסוק דעם איבריגען וואָרט אשר, עס וואָלט דאָך גענוג געווען זאת ללוים? אשר באַצייכענט די געהעריגקייט צו די לוים, טייטש איך, דאָס נאָר צו די לוים איז די געהעריגקייט ניט צו די כהנים, פרעגט די גמרא, „יכול אף בשילה ובבית עולמים כן״? איך וואָלט דאָך מיינען צו זאָגען, דאָס אויך אין שילה וואו דער משכן איז געווען (וואָס האָט געהייסען פאַר דערוויל) און אין בית המקדש (וואָס האָט געהייסען א הויז פאַר שטענדיג) וואו די לוים האָבען נאָר געדינט אַלס טויערן האַלטער און זינגער, זאָלען זיי אויך פסול ווערען דורך יאָהרען? „תלמיד לומר לעבוד עבודת עבודה ועבודת משא, לא אמרתי אלא בזמן שהעבודה בכתף״, דעריבער זאָגט דער פסוק צו טוען אַן ארבייט פון דינסט און אַן ארבייט פון טראָגען, טייטשען מיר, דאָס עס איז ניט געזאָגט נאָר אין א צייט וואו די עבודה איז נאָך געווען מיט די אַקסלען, דאַמאָלסט זענען זיי פסול געוואָרען דורך יאָהרען, ניט אין שילה און ניט אין בית עולמים, „כתוב אחד אומר מבן חמש ועשרים שנה ומעלה, וכתוב אחד אומר מבן שלשים, אי אפשר לומר שלשים שכבר נאמר כ״ה ואי אפשר לומר כ״ה שכבר נאמר שלשים הא כיצד״? איין פסוק זאָגט ביי לוים צו דינען פון פינפאונצוואַנציג יאָהר און העכער, און איין פסוק זאָגט פון דרייסיג, מען קען ניט זאָגען פון דרייסיג, דען עס שטעהט דאָך פינפאונ־צוואַנציג, און מען קען אויך ניט זאָגען פינפאונצוואַנציג דען עס שטעהט דאָך דרייסיג, היינט וויאַזוי איז דאָ? „כ״ה ללמוד ושלושים לעבודה, מכאן לתלמיד שלא ראה סימן יפה במשנתו חמש שנים, שוב אינו רואה״, פון פינפאונ־צוואַנציג פאַנגט ער אָן צו לערנען די דינים פון עבודה ביז דרייסיג ווען ער פאַנגט שוין אָן די עבודה, פונדאַנען איז גערדרינגען דאָס א תלמיד לערנענדיג

ר׳ יוסי אומר ג׳ שנים שנאמר (דניאל א) ולגדלם שנים שלש, וללמדם ספר ולשון כשדים, ואידך? שאני לשון כשדי׳ דקליל, ואידך? שאני הלכות עבודה דתקיפין, ת״ר כהן משיביא שתי שערות עד שיזקין, כשר לעבודה, ומומין פוסלין בו, בן לוי מבן שלשים ועד בן חמשים כשר לעבודה, ושנים פוסלין בו, במה דברים אמורים? באהל מועד שבמדבר, אבל בשילה ובבית עולמים אין נפסלין אלא בקול, אמר רבי יוסי מאי קרא? (דף כ״ד ע״ב) (דה״ב ה׳) ויהי כאחד למחצצרים ולמשוררים להשמיע קול אחד: עד שיזקין עד כמה? אמר רבי אלעא אמר רבי חנינא עד שירתת, תנן התם בעל קרי שטבל ולא הטיל מים,

---

פינף יאָהר, ניט זעהענדיג קיין ערפאָלג, וועט ער שוין ניט קענען, „ר׳ יוסי אומר שלש שנים שנאמר ולגדלם שנים שלש, וללמדם ספר ולשון כשדים, ר׳ יוסי זאָגט דריי יאָהר איז א סימן צו ער וועט קענען, דען דער פסוק זאָגט ביי דניאל און חנניא מישאל ועזריה ווען נבוכדנצר האָט זיי גענומען צו דער דינסט, צו ערציהען זיי דריי יאָהר און צו לערנען זיי אין בוך און די שפראַך פון כשדים פרעגט די גמרא „ואידך״? און דער תנא וואָס האַלט פאַר א סימן פינף יאָהר, ווי ענטפערט ער דעם פסוק? „שאני לשון כשדים דקליל״, ער האַלט דאָס דאָרט איז אַנדערש ווייל כשדים לשון איז גרינג איז גענוג דריי יאָהר, פרעגט די גמרא „ואידך״? און דו ר׳ יוסי וואָרום נעמסטו ניט צו סימן פון די לוים? ענטפער, „שאני הלכות עבודה דתקיפין״, עס איז אַנדערש ביי דינים פון עבודה זיי זענען פיל, קען מען דאָס ניט נעמען פאַר א סימן אויף אַלגעמיין, „תנו רבנן כהן משיביא שתי שערות עד שיזקין כשר לעבודה ומומין פוסלין בו, בן לוי מבן שלשים ועד בן חמשים כשר לעבודה, ושנים פוסלין בו,״, די רבנן האָבען געלערנט א כהן פון ווען ער ברינגט צוויי האָר ביז ער ווערט אַלט איז ער כשר פאַר עבודה און פיזישע פעהלער פסל׳ען ביי איהם, (שתי שערות מיינט מען ווען ביי איהם פאַנגען אָן די הענד פון אויבען באַוואַקסען ווערען מיט שערטש האָר ביז ער קען ארויסרייסען צוויי האָר, דאַמאָלסט ווערט ער אוים קטן) און א לוי פון דרייסיג ביז פיפציג איז כשר צו דער עבודה, און די אַנדערע יאָהרען פסל׳ען ביי איהם, „במה דברים אמורים? באהל מועד שבמדבר, אבל בשילה ובביח עולמים אין נפסלין אלא בקול״, ווען זענען די רייד געזאָגט? אין אהל מועד פון דער מדבר, אָבער אין שילה און אין בית המקדש ווערען די לוים ניט פסול נאָר ביים קול ווען זייער שטימע ווערט קאַלע צום זינגען,, „אמר ר׳ יוסי מאי קרא״? האָט ר׳ יוסי געזאָגט פונוואַנען נעמט מען דאָס, „ויהי כאחד למחצצרים ולמשוררים להשמיע קול אחד״, דאָס אַלע סיי די וועלכע האָבען געשפּילט מיט אינסטרומענטען סיי די זינגער האָט אויסגעקוקט ווי איין צוזאַמענגעגאָסענע שטימע, דאָס קיינער האָט ניט געטאָרט אָפּשטעהן פון צו לאָזען הערען זיין שטימע צוזאַמען: „עד שיזקין עד כמה? אמר רבי אלעא אמר ר׳ חנינא עד שירתת״, ער זאָגט ביז אַלטקייט, ביז ווען מיינט מען דאָס? האָט ר׳ אלעא געזאָגט אין

לכשיטיל טמא, רבי יוסי אומר בחולה ובזקן טמא, בילד ובבריא טהור, ילד עד כמה אמר רבי אלעא אמר רבי חנינא כל שעומד על רגלו אחת, וחולץ מנעלו, ונועל מנעלו, אמרו עליו על רבי חנינא שהיה בן שמנים שנה, והיה עומד על רגלו אחת וחולץ מנעלו, ונועל מנעלו, אמר רבי חנינא חמין ושמן שסכתני אמי בילדותי, הן עמדו לי בעת זקנותי, ת"ר נתמלא זקנו ראוי ליעשות שליח צבור, ולירד לפני תיבה, ולישא את כפיו, מאימתי כשר לעבודה? משיביא שתי שערות, רבי אומר אומר אני עד שיהא בן כ', אמר רב חסדא מ"ט דרבי? דכתיב (עזרא ג) ויעמידו [את] הלוים מבן כ' שנה ומעל' לנצח על מלאכת בית ה', ואידך?

---

נאָמען פון ר' חנינא ביז ער ציטערט אינגאַנצען פון אַלטקייט, „תנן התם בעל קרי שטבל ולא הטיל מים לכשיטיל טמא", מיר האָבען דאָרט געלערנט אז א בעל קרי האָט זיך טובל געווען און ניט געלאָזט די וואסער בעפאָר די טבילה, לאָזענדיג די וואסער נאָך דער טבילה ווערט ער טמא ווייל ט'אמער איז נאָך עפּעס פארבליבען פון דער קרי אין רעהרל פון וואסער אויסגאַנג פון וועלכער ער איז צוריק טמא געוואָרען, „ר' יוסי אומר בחולה ובזקן טמא, בילד ובבריא טהור", ר' יוסי זאָגט דאָס נאָר א קראַנקער און אַלטער איז טמא אין אזא פאַל, אָבער א יונגער און א געזונטער איז ריין ווייל די קרי איז באַלד ארויס אינגאַנצען, „ילד עד כמה? אמר ר' אלעא אמר ר' חנינא כל שעומד על רגלו אחת וחולץ מנעלו ונועל מנעלו", ביז ווען הייסט א יונגער? האָט ר' אלעא געזאָגט אין נאָמען פון ר' חנינא זאָ לאַנג ער קען שטעהן אויף איין פוס און אזוי אויסטאָן אָדער צושליסען דעם שוך, „אמרו עליו על ר' חנינא שהיה בן שמונים שנה והיה עומד על רגלו אחת וחולץ מנעלו ונועל מנעלו", מען האָט געזאָגט אויף ר' חנינא, דאָס אַלס אכציג יאָהר אַלט האָט ער נאָך געקענט שטעלען זיך אויף איין פוס און אזוי אויסטוענדיג און צוריק אָנטוענדיג זיין שוך, „אמר ר' חנינא חמין ושמן שסכתני אמי בילדותי הן עמדו לי בעת זקנותי", ר' חנינא האָט געזאָגט די ווארימע וואסער און אויל וואָס מיין מאמע האָט מיך ארומגעשמירט אין מיין יוגענד זענען מיר בייגעשטאַנען אין מיין עלטער, „תנו רבנן נתמלא זקנו ראוי ליעשות שליח ציבור, ולירד לפני התיבה ולישא את כפיו", די רבנן האָבען געלערנט אז זיין באָרד ווערט פול, ווערט ער ווירדיג צו זיין א שליח ציבור צו בלאָזען שופר און דער גלייכען, און צו דאַווענען פאַר'ן עמוד און דוכ'נען מיט די כהנים, „מאימתי כשר לעבודה? משיביא שתי שערות, רבי אומר, אומר אני עד שיהא בן עשרים", פון ווען אָן ווערט א כהן כשר צו עבודה? ווען ער ברינגט שתי שערות, עס איז שוין אויבען באשייד, רבי זאָגט, איך זאָג דאָס פון צוואַנציג יאָהר אַלט אָן, „מאי טעמא דרבי? דכתיב ויעמדו את הלוים מבן עשרים שנה ומעלה לנצח על מלאכת בית הי"', פון וואנען נעמט רבי דעם דין? דער פסוק זאָגט, דאָס זיי האָבען געשטעלט די לוים פון אַלס צוואַנציג יאָהר אַלט און ווייטער צו ווירקען ביים ווערק פון ג־ט'ס הויז, פרעגט די גמרא, „ואידך?

לנצח שאני, והא האי קרא בלוים כתיב? כדרבי יהושע בן לוי דאמר רבי יהושע בן לוי בעשרים וארבעה מקומות נקראו כהנים לוים, וזה אחד מהן, (יחזקאל מ"ד) והכהנים הלוים בני צדוק, ת"ר (ויקרא כ"א) איש מזרעך לדורותם, מכאן אמר רבי אלעזר קטן פסול לעבודה, ואפי' תם, מאימתי כשר לעבודה? משיביא שתי שערות, אבל אחיו הכהנים אין מניחין אותו לעבוד עד שיהא בן כ', איכא דאמרי הא לבי היא, ואפי' פסול דרבנן לית ליה, ואיכא דאמרי ר' אית ליה פסול מדרבנן, והא רבנן היא, ולכתחלה הוא דלא, אבל דיעבד עבודתו כשרה: מתני' טהור בכלי חרש, טמא בכל הכלים, טהור בכל הכלים, טמא בכלי חרש:

---

און דער ערשטער תנא וואָס זאָגט אויף יונגער, עס איז דאָך פאראן א פסוק אויף צוואנציג? ענטפער, „לנצח שאני", לנצח איז אנדערש דאָס מיינט שוין אויף שווערע ארבייט, וואָס א מענש דארף שוין איבערשטארקען אויף צו ווירקען, פרעגט די גמרא, „והא האי קרא בלוים כתיב"? דער פסוק שטעהט דאָך ביי לוים וועלכע ווערען ניט פסול נאָר ביים קול? ענטפער, „כדרי יהושע בן לוי בעשרים וארבעה מקומות נקראו כהנים לוים וזה אחד מהן והכהנים הלוים בני צדוק", דאָס וועט אויסקומען ווי ר' יהושע בן לוי, ער זאָגט דאָס אין פיער און צוואנציג פּלעצער ווערען כהנים גערופען אלס לוים און דאָס איז איינס פון זיי דער פסוק די כהנים לוים די זיהן פון צדוק, „תנו רבנן איש מזרעך לדורותם, מכאן אמר רי אלעזר קטן פסול לעבודה ואפילו תם", די רבנן האָבען געלערנט דער פסוק זאָגט אלס א מאַן פון דיין אָפּשטאַם פאר אלע זייערע דורות זאָל ניט צוטרעטען צו טוען די עבודה אין בית המקדש מיט א פעהלער, פון דאנען האָט ר' אלעזר געדרינגען דאָס א קטן איז פסול פאר עבודה אפילו ווען ער איז גאַנץ אָהן א פעהלער ווייל איש מיינט דאָך א מאַן ניט קיין קטן, דאָס נאָר א מאַן ווערט פסול פון א פעהלער צו דינען אין בית המקדש אָבער א קטן אפילו אָהן א פעהלער טאָר אויך ניט דינען, „מאימת כשר לעבודה? משיביא שתי שערות אבל אחיו הכהנים אין מניחין אותו לעבוד עד שיהא בן עשרים", פון ווען אָן ווערט ער כשר צו דינען? ווען ער ברינגט שתי שערות, אָבער זיינע מיטברידער לאָזען איהם ניט דינען ביז צוואנציג יאָהר אלט, „איכא דאמרי הא רבי היא, ואפילו פסול דרבנן לית ליה", טייל זאָגען דאָס דער פאַל מאימתי איז געזאָגט נאָך רבי נאָך, און ער לאָזט מיך הערען דערמיט דאָס רבי האלט אז פאר צוואנציג איז קיין פסול ניטאָ אפילו מדרבנן, נאָר בלויז די אנדערע כהנים לאָזען איהם ניט דינען, „ואיכא דאמרי רבי אית ליה פסול דרבנן והא רבנן היא ולכתחילה הוא דלא, אבל דיעבד עבודתו כשרה", און טייל זאָגען דאָס רבי האלט יאָ וועגען פסול דרבנן בעפאָר צוואנציג, און די ברייתא קומט אויס לויט די רבנן אויבען, און ער לאָזט מיך הערען דערמיט דאָס זיי האלטען לכתחילה טאָר ער ניט דינען, אָבער אז ער האָט אָפּגעטוען איז זיין עבודה כשר: „מתניי טהור בכלי חרס טמא בכל הכלים, טהור בכל הכלים טמא בכלי חרס", „די זאַך

גמ' ת"ר אויר כלי חרס טמא וגבו טהור, אויר כל הכלים טהור, וגבן טמא, נמצא טהור בכלי חרש, טמא בכל הכלים, טהור בכל הכלים, טמא בכלי הרש, מנהני מילי? דת"ר תוכו ואף ע"פ שלא נגע, אתה אומר אע"פ שלא נגע, או אינו נאמר (ויקרא י"א) תוכו לטמא, ונאמר תוכו ליטמא, מה תוכו האמור לטמא אע"פ שלא נגע, אף תוכו האמור ליטמא אף ע"פ שלא נגע, והתם מנלן? אמר רבי יונתן התורה העידה על כלי חרס (דף כ"ה ע"א) ואפילו מלא חרדל, א"ל רב אדא בר אהבה

---

וואס איז ריין ביי א כלי חרס, איז טמא ביי אלע כלים, און די זאך וואס איז ריין ביי אלע כלים איז טמא ביי א כלי חרס: „תנו רבנן אויר כלי חרס טמא וגבו טהור, אויר כל הכלים טהור וגבן טמא, נמצא טהור בכלי חרס טמא בכל הכלים, טהור בכל הכלים טמא בכלי חרס.גמ'", די רבנן האבען געלערנט אויב א טויטער שרץ פון די אכט שרצים הענגט אין דער לופט פון אן ערדענע כלי איז די כלי טמא אויב דער שרץ רירט בלויז אן די כלי פון אויבען אויסענווענינ איז זי טהור, און אין דער לופט פון אלע כלים זיינען זיי טהור, און פון א בערירונג פון אויסענווענינ זענען זיי טמא, קומט אוים א טמא ביי כלי חרס איז טהור ביי אנדערע כלים און טהור ביי זיי איז טמא ביי כלי חרס", „מנא הני מילי"? פון וואנען דרינגען זיך די רייד? „דתנו רבנן תוכו ואף על פי שלא נגע, אתה אומר אף על פי שלא נגע, או אינו אלא אם כן נגע"? די רבנן האבען געלערנט דער פסוק זאגט אשר יפול מהם אל תוכו, אז א שרץ פון זיי וועט ארייגפאלען צו זיין אינעווניג, דאס מיינט ווען אפילו דער שרץ בארירט ניט די כלי, דו זאגסט ווען אפילו ער בארירט ניט, טאמער נייז נאר צייטען ער בארירט יא? „רבי יוחנן בן אבטולמוס אומר נאמר תוכו לטמא ונאמר תוכו ליטמא, מה תוכו האמור לטמא אף על פי שלא נגע, אף תוכו האמור ליטמא אף על פי שלא נגע", ר' יוחנן זאגט, עס איז געזאגט תוכו געגען צו טמא מאכען אלעס וואס געפינט זיך אין דער כלי חרס, ווי דער פסוק זאגט כל אשר בתוכו יטמא אלעס וואס געפינט זיך אין דער כלי וואו דער שרץ איז געווען ווערט טמא, און עס איז געזאגט תוכו געגען דעם די כלי זאל ווערען טמא, גלייך איך דיביידע תוכו'ס, דאס פונקט ווי דער תוכו צו מטמא זיין אלעס מיינט, אפילו ווען ער בארירט ניט, אזוי אויך דער תוכו וואו די כלי חרס ווערט טמא מיינט אויך אפילו וואו ער בארירט ניט, „והתם מנלן? אמר רבי יונתן התורה העידה על כלי חרס ואפילו מלא חרדל", און דארט ביי טמא מאכען די עסענווארג אין דער כלי חרס, פונוואנען איז געדרינגען דאס די טומאה געשעהט אפילו אהן בארירונג? האט ר' יונתן געזאגט די תורה האט עדות געזאגט אויף כלי חרס, דאס זי איז מטמא אלעס אין דער כלי אפילו ווען זי איז אנגעפילט מיט חרדל אזוינע קליינע קערנדלאך, איז דאך ניט מעגליך, דאס די כלי חרס אינעווניג זאל בארירען יעדעס קערנדל, און ווידער איך זאל זאגען דאס איין קערנל איז מטמא די צווייטע, קען דאך די טומאה ניט גרייכען מעהר ווי ביז א דריטע, און

לרבא ויהא כלי חרס מיטמא מגבו מק"ו, ומה כל הכלים שאין מיטמאין מאוירן, מיטמאין מגבן, כלי חרס שמיטמא מאוירו, אינו דין שיטמא מגבו? א"ק (מדבר י"ט) וכל כלי פתוח אשר אין צמיד פתיל עליו, איזהו כלי שטומאתו קודמת לפתחו? הוי אומר זה כלי חרס, וכי אין צמיד פתיל עליו הוא דטמא, הא יש צמיד פתיל עליו טהור, ויהיו כל הכלים מיטמאין מאוירן מק"ו, ומה כלי חרס שאין מיטמא מגבו, מיטמא מאוירו, כל הכלים שמיטמאין מגבן, אינו דין שמיטמאין מאוירן? אמר קרא תוכו,

---

נאך איינס, עסענווארג קען דאך ניט מטמא זיין איינע די אנדערע, נאר מוז זיין דאס אלעס ווערט טמא פון דער לופט פון כלי חרס, אזוי אויך די כלי אליין ווערט טמא בלויז פון דער לופט פון שרץ, „אמר ליה רב אדא בר אהבה לרבא ויהא כלי חרס מיטמא מגבו מקל וחומר, ומה כל כלים שאין מיטמאין מאוירן, מיטמאין מגבן, כלי חרס שמיטמא מאוירו אינו דין שיטמא מגבו"? האט רב אדא בר אהבה געזאגט צו רבא זאל א כלי חרס טמא ווערען פון א בארירונג אויפ'ן אויסזייט פון א שרץ, צוליב א קל וחומר, מיידאך אלע כלים וואס ווערען ניט טמא פון זייער לופט, פונדעסטוועגען ווערען זיי טמא פון א בערירונג פון אויסזייט, א כלי חרס וועלכע ווערט יא טמא פון זיין לופט איז דען ניט קיין געווים זי זאל אויך טמא ווערען פון דרויסען? ענטפער, „אמר קרא וכל כלי פתוח אשר אין צמיד פתיל עליו, איזהו כלי שטומאתו קודמת לפתחו הוי אומר זה כלי חרס", דער פסוק זאגט יעדע אפענע כלי וואס האט ניט קיין צוגעפאסטע דעק אויף זיך, וועלכע כלי איז דא געמיינט, וואס בעפארצוגט די טומאה דורך זיין עפענונג? דאס קענסטו נאר זאגען ביי א כלי חרס, וואו די תורה ווידערהאלט וועגען תוכו דורך זיין עפענונג, „וכי אין צמיד פתיל עליו הוא דטמא, הא יש צמיד פתיל עליו טהור", און נאר אז זי האט ניט קיין צוגעפאסטע דעק אויף זיך, דאמאלסט איז זי טמא, אבער אז זי האט יא א צוגעפאסטע דעק אויף זיך איז זי ריין, אפילו וואו א שרץ באריררט איהר פון דרויסען, פרעגט די גמרא, „ויהיו כל הכלים מיטמאין מאוירן מקל וחומר, ומה כלי חרס שאין מיטמא מגבו, מיטמא מאוירו, כל הכלים שמיטמאין מגבן, אינו דין שמיטמאין מאוירן"? זאלען אלע כלים טמא ווערען פון זייער לופט פון א קל וחומר, מיידאך א כלי חרס וואס ווערט ניט טמא פון זיין אויסזייט, פונדעסטוועגען ווערט זי טמא פון זיין לופט, אלע כלים ווערען דאך יא טמא פון זייער אויסזייט, איז דען ניט קיין רעכט זיי זאלען אויך טמא ווערען פון זייער לופט? ענטפער, „אמר קרא תוכו, תוכו של זה ולא תוכו של אחר", דער פסוק זאגט וכל כלי חרס אשר יפול מהם אל תוכו, און בעפאר דעם איז געזאגט וכל אשר יפול עליו מהם במותם יטמא מכל כלי עץ, יעדע כלי חרס אין וועלכער עס פאלט אריין א טויטער שרץ און פריהער איז געזאגט, אויף יעדער זאך אז עס פאלט ארויף א שרץ איז די זאך טמא, פון א האלצענע כלי און אזוי ווייטער, און עס איז א כלל א זיכערער און אויסגעהאלטענער דאס וואו דער נאמען פערדערט דעם

תוכו של זה, ולא תוכו של אחר, והני תוכו הא דרשינהו? ד׳ כתיבי (ויקרא י״א) תוכו תוך תוכו, חד לגופיה, וחד לג״ש, וחד תוכו של זה ולא תוכו של אחר, וחד תוכו ולא תוך תוכו, ואפילו כלי שטף, ולא

---

פעל מיינט עס אן ענדערונג צום פריהערען, און אויב דער דין וואָלט געווען דאָס אויך אַנדערע כלים ווערען טמא פון זייער לופט, איז עס ניט קיין אונטערשייד צווישען כלי חרס און אַנדערע כלים נאָר מיט דעם דאָס אַנדערע כלים ווערען טמא סיי פון זייער לופט סיי פון זייער אויסזייט און א כלי חרס נאָר פון זיין לופט, וואָלט דאָך געדאַרפט שטעהן ואשר יפול אל תוך כלי חרס, דער וואָרט יפול בעפאָר דעם נאָמען כלי חרס און עס וואָלט באַדייטען דאָס כלי חרס איז בלויז אין אונטערשייד וואָס זי ווערט ניט טמא נאָר פון דער לופט, און אַנדערע כלים סיי פון זייער לופט סיי פון זייער אויסזייט, אָבער מיט דעם וואָס דער פסוק האָט געפעדערט דעם נאָמען וכל כלי חרס און נאכהער געענדיגט אשר יפול מהם אל תוכו, איז עס שוין א קוועטש אויף פאַרקערט און דער טייטש געהט אַזוי וכל כלי חרש, און אַן ערדענע כלי איז שוין גאַנץ אַנדערש פון אַנדערע כלים זי ווערט טמא פון דער לופט אויב א שרץ פאַלט אריין הענגענדיג אין דער לופט פון דער כלי, א נייע ארט טומאה, ניט אַזויווי אַלע כלים וועלכע ווערען נאָר טמא פון זייער אויסזייט, דו קענסט זעהן דעם שטייגער לשון ביי קין מיט הבל ויהי מקץ ימים ויבא קין מפרי האדמה מנחה לה׳, והבל הביא גם הוא מבכורות צאנו ומחלבהן, עס איז געווען ענדע פון א צייט האָט קין געבראַכט פון ערד פרוכט אַלס א פרעזענט פאַר ג־ט, און הבל האָט אויך געבראַכט פון די ערשטלינגע שאָף און פון די פעטע, ביי קין פאַנגט דער פסוק אָן ווי געווענליך ויבא קין צוערשט דעם וואָרט ויבא און נאכהער דעם נאָמען קין און ביי הבל ענדערט ער אָנפאַנגענדיג דעם נאָמען והבל הביא גם הוא צו באַטאָנען די אַנדערשקייט פון הבל, דאָס הבל אָבער האָט אויך געבראַכט א פרעזענט באָט די ערשטע פון זיינע שאָף און פון די בעסטע, און אַזוי פיהרט זיך דער פסוק איבעראַל, דאַריבער טייטש איך תוכו של זה ולא תוכו של אחר נאָר דער תוך פון כלי חרש ווערט טמא אָבער ניט קיין תוך פון אַנדערע כלים נאָר דורך באַרירונג ניט פון דער לופט, פרעגט די גמרא, „והני תוכו הא דרשינהו״? די תוכו האָסט דאָך ערשט גע׳דרש׳ענט אויבען, איינער פאַר זיך וואָס מוז שטעהן און איינעם פאַר א גזירה שוה אויף אָהן באַרירונג? ענטפערט די גמרא, „ארבעה תוכו כתיבי תוכו תוך תוכו תוך חד לגופיה וחד לגזירה שוה וחד תוכו של זה ולא תוכו של אחר וחד תוכו ולא תוך תוכו ואפילו כלי שטף״, פיער תוכו שטעהן אין פסוק צוויי מאָהל תוכו און די אַנדערע צוויי מיינט מען דאָס אנשטאָט תוך שטעהט תוכו, פון דעם וואָס שטעהט אשר יפול אל תוכו און כל אשר בתוכו יטמא איז פאַר א גזירה שוה אז א כלי חרס ווערט טמא פון זיין לופט, צוויי גלייכע ווערטער לערנט איינס אויף׳ן אַנדער׳ן, און ווייל עס האָט געקענט שטעהן כל אשר בתוך יטמא און עס שטעהט בתוכו, איז

יהו כל הכלים מיטמאין מגבן אלא מתוכן ובנגיע׳ מק״ו? ומה כלי חרס שמיטמא מאוירו, אינו מיטמא מגבו, כל הכלים אין מיטמאין מאוירן, אינו דין שאין מיטמאין מגבן? אמר קרא (במדבר י״ט) וכל כלי פתוח אשר אין צמיד פתיל עליו טמא הוא, האי הוא דכי אין צמיד פתיל עליו טמא, הא יש צמיד פתיל עליו טהור, הא כל הכלים בין שיש צמיד פתיל עליהם, בין שאין צמיד פתיל עליה׳ מיטמאין: מתני׳ טהור

---

עס געלערנט פאר זיך, דאס אלעס אין דער כלי חרס ווערט טמא פון דער לופט, און דער פיערטער דרוש איז ווייל עס האט געקענט שטעהן וכל כלי חרס אשר יפול מהם אל התוך, און עס שטעהט אל תוכו, צו לאזען הערען, דאס נאר אין זיין תוך אבער ניט אין אנדערע כלי וואס ליגט אין כלי חרס אפילו ווען די אנדערע כלי איז שטף, האלט זי אויך צוריק די טומאה זי זאל ניט מטמא זיין די עסענווארג פון דער לופט, דאס איז אויב די אינעענוועניגסטע כלי שטף שטארט ארוים העכער פון דער כלי חרס, און אויב דער שרץ איז אין דער לופט פון דער כלי חרס, און די עסענווארג אין דער כלי שטף זענען זיי אויך באשיצט פון דער כלי שטף, און געוויס וואלטען זיי באשיצט געווען פון א כלי חרס אין א כלי חרס, ווייל זי ווערט דאך ניט טמא פון איהר אויסזייט, נאר אפילו א כלי שטף וואס ווערט יא טמא פון אויסזייט באשיצט זי פונדעסטוועגען די אוכלין אין זיך, ווייל זי ווערט ניט טמא נאר פון בארירונג פון שרץ ניט פון דער לופט פון כלי חרס אין וועלכער זי איז אריינגעשטעלט, אזוי איז ארויסגעלערנט אין פסחים דף כ׳, כלי שטף מיינט אלע כלים אויסער כלי חרס, וועלכע מען קען רייניגען אין א מקוה, שטף מיינט טויכען אין וואסער: פרעגט די גמרא, „ולא יהא כל הכלים מיטמאין מגבן אלא מתוכן ובנגיעה מקל וחומר, ומה כלי חרס שמיטמא מאוירו אינו מיטמא מגבו, כל הכלים שאינן מיטמאין באוירן אינו דין שאין מיטמאין מגבן״? זאלען אנדערע כלים ניט קענען טמא ווערען פון אויסזייט אויבען, נאר פון אינעוועניג דורך א בערירונג פון שרץ, — פון א קל וחומר, מיידאך א כלי חרס וואס ווערט טמא פון זיין לופט, פונדעסטוועגען ווערט זי ניט טמא פון אויבען, אנדערע כלים ווערען דאך ניט טמא פון זייער לופט איז דען ניט קיין סברה זיי זאלען אויך ניט טמא ווערען פון אויבען נאר ציימענס דער שרץ באריט אינעוועניג? ענטפער, „אמר קרא וכל כלי פתוח אשר אין צמיד פתיל עליו טמא הוא, האי הוא דכי אין צמיד פתיל עליו טמא, הא יש צמיד פתיל עליו טהור״, דער פסוק זאגט יעדע כלי וואס האט ניט קיין צוגעפאסטע דעק אויף זיך איז טמא, טייטש איך, נאר די כלי חרס איז געווענדעט אין דעם, אויב זי האט ניט קיין צוגעפאסטע דעק אויף זיך איז זי טמא, אויב אבער יא איז זי ריין, „הא כל הכלים בין שיש צמיד פתיל עליהם, בין שאין צמד פתיל עלהם מיטמאין״, אבער אלע אנדערע כלים, סיי זיי האבען יא אויף זיך א געפאסטע דעק סיי ניט ווערען זיי אלץ טמא, ווייל די בארירונג פון שרץ איז אויך גילטיג פון אויבען צו מטמא זיין: „מתני׳, טהור בכלי עץ

בכלי עץ טמא בכלי מתכות טהור בכלי מתכות טמא בכלי עץ: **גמ'** ת"ר גולמי כלי עץ טמאין, פשוטיהן טהורין, גולמי כלי מתכות טהורין, פשוטיהן טמאין, נמצא טהור בכלי עץ, טמא בכלי מתכות, טהור בכלי מתכות, טמא בכלי עץ, ואלו הן גולמי כלי עץ, כל שעתיד לשוף לשבץ לגרר לכרכב להטיח בטונס, מחוסר כן, או אוגן, או אוזן, טמא, מחוסר חטיטה טהור, מחוסר חטיטה פשיטא? לא צריכה דחק קפיזא בקבא, ואלו הן גולמי כלי מתכות כל שעתיד (דף כ"ה ע"ב) לשוף, לשבץ,

---

טמא בכלי מתכת, טהור בכלי מתכת טמא בכלי עץ", וואס איז ריין ביי א האלץ כלי איז טמא ביי א מעטאל כלי, און וואס איז ריין ביי א מעטאל כלי איז טמא ביי א כלי פון האלץ, גמ', „תנו רבנן גולמי כלי עץ טמאין, פשוטיהן טהורין, גולמי כלי מתכת טהורין פשוטיהן טמאין, נמצא טהור בכלי עץ טמא בכלי מתכת, טהור בכלי מתכת טמא בכלי עץ", די רבנן האבען געלערנט אומפערטיגע האלצענע כלים, אין וועלכע די אויסהוילונג פאר אריינגעמען איז שוין דא נאר ניט אויסגעענדיגט, ווערען זיי טמא פון א טומאה, געראדע כלים אהן אויסהוילונג געמאכט פאר אן אנדער נוצען ווע־ען ניט טמא, אפילו אלס אויסגעענדיגט, אומפערטיגע מעטאל כלים נעמען ניט צו קיין טומאה, זייערע געראדע כלים אהן אויסהוילונג אויף ריינצונעמען, נאר געמאכט פאר אנדער נוצען, אבער אויסגעענדיגט, נעמען זיי יא צו א טומאה, קומט דאך אויס אז דאס וואס איז ריין ביי האלצענע כלים איז אומריין ביי מעטאלענע און דאס וואס איז ריין ביי מעטאל איז אומריין ביי האלץ כלים, „ואלו הן גולמי כלי עץ כל שעתיד לשוף, לשבץ, לגרר, לכרכב, להטיח בטונס", און די הייסען אומפערטיגע האלץ כלים, די וועלכע מען דארף נאך צו גלאטען און צושאבען, אדער צושלאגען מעטאלע פארפוצונג, אדער פארשניצונג מיט א הובעל, דער אויסצייכנונג, אדער אויסרייבען אנו פארגלאטען מיט אזא פעל פון א פיש וואס הייסט טונס, „מחוסר כן או אוגן או אוזן טמא, מחוסר חטיטה טהור", אויב עס פעהלט דער פוס צו שטעלען די כלי אדער עס פעהלט די פארגלאטונג פון דער זוים ארום אין דער הויך, אדער עס פעהלט אן אויער איז פונדעסטוועגען די כלי טמא, אז עס פעהלט אבער די אויסהוילונג אויף אנצונעמען איז זי ריין, ווייל אין פסוק איז זי געגליכען צו א זאק מכל כלי עץ או שק, יעדע האלצענע כלי אדער זאק גלייך איך זיי, פונקט ווי א זאק ווערט באוועגט סיי פול סיי ליידיג, אזוי אויך א האלצענע כלי דארף זיין מען זאל איהר קענען באוועגען סיי פול סיי ליידיג, אנדערש הייסט זי ניט קיין כלי, פרעגט די גמרא, „מחוסר חטיטה פשיטא? לא צריכא דחק קפיזא בקבא", אז עס פעהלט די אויסהוילונג איז דאך א געוויס אז זי הייסט ניט קיין כלי, וואס לאזט מיך דא די ברייתא העהרען? ענטפערט די גמרא, עס איז ניט געדארפט צו לאזען הערען נאר אין פאל, וואו ער האט אונטערנומען צו אויסשניצען די מאס פון א קב, און ער האט אויסגעשניצט א קלענערע מאס אין קב, אז עס הייסט נישט קיין כלי, „ואלו הן גולמי כלי מתכת כל שעתיד לשוף, לשבץ, לגרר,

לגרר, לכרכר, להקיש בקורנס, מחוסר כן, או אוגן, או אוזן טהור מחוסר כסוי טמא, מאי שנא הני ומאי שנא הני? רבי יוחנן אמר הואיל ולכבוד עשויין, רב נחמן אמר הואיל ודמיהן יקרים, מאי בינייהו? איכ׳ בינייהו כלי עצם, ואזדא רב נחמן לטעמיה, דאמר רב נחמן כלי עצם ככלי מתכות דמו, מכלל דכלי עצם מקבלי טומאה? אין, דתניא רבי ישמעאל בנו של ר״י בן ברוקה אומר מה ת״ל (מדבר ל״א) וכל מעש׳ עזים תתחטאו? להביא דבר הבא מן העזים מן הקרנים ומן הטלפים, שאר בהמה וחיה מנין? ת״ל וכל מעשה, א״כ מה ת״ל עזים? פרט

---

לכרכר, להקיש בקורנוס", און די הייסען אומפערטיגע כלים, די וואס מען דארף נאך צוגלאטען, באצירען, אפקראצען, אויסגראווירען, און אנגעקלאפט מיט א האמער, „מחוסר כן או אוגן או אוזן טהור, מחוסר כיסוי טמא", אז עס פעהלט דער פוס אדער די זוים ארום אדער אן אויער איז זי ריין, אז עס פעהלט דער צודעק איז זי טמא, ווייל זי הייסט א כלי אויך אהן דעם צודעק, וועלכע איז פאררעכענט אלס א בעזאנדערע כלי, פרעגט די גמרא, „מאי שנא הני ומאי שנא הני"? וואס עפעס זענען אנדערש די גולמי כלי עץ פון די גולמי כלי מתכת? „ר׳ יוחנן אמר הואיל ולכבוד עשויין, רב נחמן אמר הואיל ודמיהן יקרים", ר׳ יוחנן זאגט ווייל זיי זענען געמאכט אויך פאר שעהנקייט וועגען, דעריבער הייסען זיי ניט אלס פערטיג זא לאנג די גאנצע פארפוצונג איז ניט אויסגעענדיגט, און רב נחמן זאגט ווייל מעטאלענע כלים ווערן פארקויפט פאר א טייערען פרייז, און זא לאנג די גאנצע פארפוצונג איז ניט געענדיגט קען ער ניט ערציעלען דעם הויכען פרייז, און דעריבער נאך ניט פאררעכענט אלס כלי, פרעגט די גמרא, „מאי בינייהו? איכא בינייהו כלי עצם", וואס איז דער דער אונטערשייד צווישען זיי? ענטפערט די גמרא עס איז אן אונטערשייד ביי א ביינענע כלי וואס איז אויך טייער אבער ניט געמאכט פאר שעהנקייט וועגען, נאך רב נחמן נאך האבען זיי דעם זעלבען דין ווי מעטאלענע כלים ווייל זיי זענען טייער און נאך ר׳ יוחנן נאך האבען זיי דעם דין פון האלצענע כלים, „ואזדא רב נחמן לטעמיה דאמר כלי עצם ככלי מתכת דמו", און רב נחמן געהט נאך זיין סברא נאך וואס ער זאגט דאס א ביינענע כלי איז גלייך צו א מעטאלענע געגען אויפנעמען א טומאה, פרעגט די גמרא, „מכלל דכלי עצם מקבלי טומאה"? איז דאך פון דאנען געדרינגען דאס ביינענע כלים זענען מקבל טומאה וואו געפינען מיר דאס? ענטפערט די גמרא, „אין" יא, „דתניא ר׳ ישמעאל בנו של ר׳ יוחנן בן ברוקה אמר מאי תלמוד לומר וכל מעשה עזים תתחטאו? להביא דבר הבא מן העזים מן הקרנים ומן הטלפים", דען מיר האבען געלערנט ר׳ ישמעאל זאגט דער פסוק זאגט יעדע זאך וואס איז געמאכט פון ציגען זאלט איהר רייניגען פון טומאה וואס מיינט עס? עס מיינט צו מרבה זיין די זאך וואס קומט פון עזים פון די הערנער און די קלויאן, דען וועגען דער פעל אליין איז שוין געזאגט, „שאר בהמה וחיה מנין? תלמוד לומר וכל מעשה, אם כן מאי תלמוד לומר עזים? פרט לעופות", ביינערנע כלים פון אנדערע בהמות

לעופות: מתני' החייב בשקדים המרים, פטור במתוקים, החייב במתוקים פטור במרים: גמ' ת"ר שקדים המרים, קטנים חייבין, גדולים פטורין, מתוקים גדולים חייבין, קטנים פטורין, רבי ישמעאל ברבי יוסי אומר משום אביו זה וזה לפטור, ואמרי לה זה וזה לחיוב, אמר רבי אלעא הורה רבי חנינא בצפורי כדברי האומר זה וזה לפטור, ולמאן דאמר זה וזה לחיוב גדולים למאי חזו? א"ר יוחנן הואיל ויכול למתקן ע"י האור: מתני' התמד עד שלא החמיץ, אינו ניקח בכסף מעשר, ופוסל את המקוה, משהחמיץ ניקח בכסף מעשר, ואינו פוסל את המקוה,

---

און חיות ווי איז געדרינגען? אויף דעם זאגט דער פסוק וכל מעשה, עס האט געדארפט שטעהן ומעשה עזים אהן דעם ווארט וכל, עס שטעהט אבער וכל אלעס צו מרבה זיין פון אלע חיות, איי איז דאך א פראגע וואס דער פסוק כאפט אן עזים? דאס איז אויף ממעט צו זיין און רויסנעמען עופות, דאס כלים פון זייערע ביינער זענען ניט מקבל קיין טומאה: „מתני', החייב בשקדים המרים, פטור במתוקים, החייב במתוקים פטור במרים", די וועלכע זענען פארפליכטעט צו מעשר ביי ביטערע מאנדלען, זענען זיי פריי פון מעשר ביי זיסע מאנדלען, און די וועלכע זענען פארפליכטעט צו מעשר ביי זיסע מאנדלען, זענען זיי פטור ביי די ביטערע, „גמ', תנו רבנן שקדים המרים קטנים חייבין, גדולים פטורין, מתוקים גדולים חייבין קטנים פטורין", די רבנן האבען געלערנט די ביטערע מאנדלען נאר אלס קליינע זענען חייב צו מעשר, ווייל עס איז דער שטייגער צו עסען זיי אזוי בעפאר זיי ווערען ביטער, גרויסע זענען פטור פון מעשר, די זיסע מאנדלען אלס גרויסע זענען חייב צו מעשר, ווייל זיי זענען צייטיג, אלס קליינע זענען זיי פטור פון מעשר, דען עס איז ניט דער שטייגער זיי אזוי צו עסען אלס קליינע, „ר' ישמעאל ברבי יוסי אומר משום אביו זה וזה לפטור, ואמרי לה זה וזה לחיוב", ר' ישמעאל זאגט אין נאמען פון זיין פאטער דאס סיי די קליינע פון די זיסע סיי פון די ביטערע זענען פטור פון מעשר, און טייל זאגען דאס ער האט געזאגט אז די גרויסע סיי פון די זיסע סיי פון די ביטערע זענען חייב צו מעשר, „אמר ר' אלעא הורה רבי חנינא בציפורי כדברי האומר זה וזה לפטור", האט ר' אלעא געזאגט דאס ר' חנינא האט גע'פסק'עט אין ציפורי ווי דער וואס האט געזאגט אויףביידערליי קליינע אלס פטור פון מעשר, פרעגט די גמרא, „ולמאן דאמר זה וזה לחיוב גדולים למאי חזי? אמר ר' יוחנן הואיל ויכול למתקן על ידי האור", און נאך דעם וואס זאגט אויף ביידערליי גרויסע אלס חייב צו מעשר, איז דאך א פראגע צו וואס זענען זיי ראוי, מיינענדיג זיי זענען דאך ניט ראוי צום עסען? האט ר' יוחנן געזאגט ווייל ער קען זיי פארזיסען, ארויסנעמענדיג פון זיי דעם ביטער דורכ'ן פייער: „מתני', התמד עד שלא החמיץ אינו ניקח בכסף מעשר ופוסל את המקוה, משהחמיץ ניקח בכסף מעשר ואינו פוסל את המקוה", תמד מיינט וואסער וואס איז ארויפגעגאסען אויף אויס־געקוועטשטע וויינטרויבען צו מאכען פון איהם א צווייטען וויין, דער תמד

**האחין השותפין כשחייבין במעשר בהמה, פטורין מן הקלבון: גמ׳ מני מתניתין, לא רבי יהודה ולא רבנן? דתניא המתמד ונתן מים במדה ומצא כדי מדתו פטור, ור׳ יהודה מחייב, מני? אי רבנן אע״ג**

---

איז דער דין, דאָס בעפאָר זיי קריגען דעם זויער קראַפט ווערט ער ניט געקויפט פאַר מעשר געלד צו טרינקען איהם אין ירושלים אלס מעשר שני, ווייל ער איז נאָך פאַררעכענט אלס וואסער, און ער פסל׳ט דעריבער אויך — אויב דעריין דריי קוואַרט — די מקוה, (די חכמים האָבען גוזר געווען דאָס דריי לוגין געשעפט וואסער פסל׳ען אַ מקוה וועלכער עס פעהלט דער שיעור פון פירציג סאה וואסער, מען זאָל ניט קומען צו טובל׳ען זיך אין געשעפט וואסער), ווען דער תמד האָט שוין דעם זויערשטאָף פון וויין, ווערט ער שוין גענעצט אין מעשר, און ער פסל׳ט שוין ניט די מקוה, די אונטערשיידונגען ביי דעם תמד און זיינע פעריאָדען זענען עהנליך צו די פריהערע זאַכען געלערנט אין די משניות, דעריבער ברינגט ער דאָ אויך די משנה, „האחין השותפין כשחייבין בקלבון פטורין ממעשר בהמה, כשחייבין במעשר בהמה פטורין מן הקלבון״ קלבון מיינט לויט אַ מחלוקת פון צוויי תנאים, אַ קליינע זילבערנע מטבע וואָס מען דאַרף איבערצאָהלען אויף אַ האַלבען שקל באַקומענדיג איהם אויף צו באַצאָהלען דעם האַלבען שקל וואָס יעדער איד איז פאַרפליכטעט צו ברייגגען אין ירושלים פאַר קרבנות ציבור, וועקסלער מיט האַלבע שקלים ווערען צושיקט אויפ׳ן לאַנד צו טוישען זיי פאַר׳ן לאַנד־געלד צום פאָלק, נאָך ר׳ מאיר נאָך האָט דער קלבון באַטראָפען אַ מעה כסף און נאָך די חכמים אַ האַלבע מעה כסף, דאָס האָט יעדער געמוזט איבערצאָהלען צום וועקסלער פאַר׳ן האַלבען שקל אום אַ ביסעל צו איבערוועגען זיין נדבה פון מחצית השקל וואָס די תורה האָט געהייסען געבען, יעצט קומען מיר צו אונזער משנה, ברידער וועלכע האָבען באַקומען אַ ירושה פון זייער פאָטער אלס שותפות און האָבען זיך צוטיילט און נאָכהער נאָכאַמאָהל צו שותפות געשטעלט, און זיי זענען דאָך פאַרפליכטעט צו באַ־צאָהלען די צוויי האַלבע שקלים וואָס זייער פאָטער פלעגט פאַר זיי באַצהלען, זענען זיי חייב אויך די קלבנות, חאָטש זייער פאָטער איז פטור געווען, דען באַצאָהלענדיג פאַר יענעם איז מען פטור פון קלבון, אָבער זיי באַצאָהלען דאָך שוין פאַר זיך, און וועהרענד זיי זענען שוין חייב די קלבנות, זענען זיי שוין פטור פון מעשר בהמה ווייל דער פסוק זאָגט יהי׳ לך טייטשען מיר דאָס נאָר דיינס איז חייב אין מעשר בהמה, אָבער ניט פון שותפות, (דער פסוק איז געזאָגט ביי בכור נאָר די חכמים לייגען עס אָפּ אויף מעשר בהמה), און וועהרענד זיי זענען יאָ פאַרפליכטעט צו מעשר בהמה, דהיינו וואו זיי האָבען זיך קיינמאָהל ניט איינגעטיילט מיט זייער ירושה און זי איז גלייך ווי נאָך אין פאָטער׳ס האַנד וואָס הייסט ניט קיין שותפות, זענען זיי פטור פון די קלבנות, ווי זייער פאָטער איז דאָס געווען ווערענד ער האָט באַצאָהלט פאַר זיי, „גמ׳״, פרעגט די גמרא, „מני מתניתן לא ר׳ יהודה ולא רבנן? דתניא המתמד ונתן מים במדה ומצא כדי מדתו פטור,

דהחמיץ, אי ר"י אע"ג דלא החמיץ? אמר ר"נ אמר רבה בר אבוה (דף כ"ו ע"א) בשהחמיץ מחלוקת, ומתני' ר' יהודה, וכן א"ר יוסי ברבי הנינא בשהחמיץ מחלוקת, וא"ר נחמן אמר רבה בר אבוה תמד שלקחה בכסף מעש', ולבסוף החמיץ, קנה מעשר, מ"ט? איגלאי מילתא למפרע דפירא הוא, אלא מתני' דקתני החמיץ אין, לא החמיץ לא, דילמא אי שבקיה הוה מחמיץ? אמר רבה כששייר ממנו בכוס, ולא

---

ור' יהודה מחייב", ווי ווער קען די משנה אויסקומען, זי קען דאָך ניט אויסקומען ניט ווי ר' יהודה און ניט ווי די רבנן, דען מיר האָבען דאָך געלערנט אז איינער ריכטעט דעם תמד ארויפגיסענדיג אויפ'ן תמד וואסער מיט א מאָס און עס האָט אָנגעצויגען דעם טעם פון וויין, און נאכהער איבערמעסטענדיג האָט ער געטראָפען די זעלבע מאָס וואסער איז דער וויין פטור פון מעשר ווייל עס איז גאָרניט צוגעקומען, און ר' יהודה איז מחייב צוליב דעם טעם פון וויין, „תני אי רבנן אף על גב דהחמיץ, אי ר' יהודה אף על גב דלא החמיץ"? היינט ווי ווער זאָל די משנה אויסקומען? זאָל איך זאָגען ווי די רבנן, זיי זאָגען דאָך ער איז פטור פון מעשר, חאָטש ער האָט אָנגעצויגען די זויערקראַפט, ווייל עס איז געווענדעט אין דער מאָס ניט אין קראַפט, און ווידער ווי ר' יהודה, זאָגט ער דאָך דאָס דורכ'ן בלויזען טעם פון וויין אפילו אָהן זויערקראַפט איז ער אויך שוין חייב צו מעשר? „אמר רב נחמן אמר רבה בר אבוה בשהחמיץ מחלוקת ומתניתין ר' יהודה, וכן אמר ר' יוסי ברבי חנינא בשהחמיץ מחלוקת", האָט רב נחמן געזאָגט אין נאָמען פון רבה בן אבוה דאָס די מחלוקת צווישען ר' יהודה און די רבנן איז וואו דער תמד האָט געקראָגען דעם זויער קראַפט און אונזער משנה קומט אויס ווי ר' יהודה דאָס ער איז חייב צו מעשר, און אזוי האָט אויך געזאָגט ר' יוסי אז די מחלוקת מוז זיין, איז ביי החמיץ און ר' יהודה איז מחייב ביי החמיץ אפילו ווען די מאָס איז ניט פאַרמעהרט, „ואמר רב נחמן אמר רבה בר אבוה תמד שלקחו בכסף מעשר ולבסוף החמיץ קנה מעשר, מאי טעמא? איגלאי מלתא למפרע דפירא הוא", און נאָך האָט רב נחמן געזאָגט אז איינער האָט געקויפט תמד פאַר מעשר שני געלד, און ערשט שפּעטער האָט ער געקראָגען די זויערקראַפט פון וויין, האָט ער קונה געווען דעם נאָמען מעשר צו טרינקען איהם אין ירושלים, וואָס איז די סברה? ווייל עס איז יעצט מערקזאַם געוואָרען אויף בעפאָר דאָס דער תמד איז געווען א פרוכט, „אלא מתניתין דקתני החמיץ אין ,לא החמיץ לא, דלמא אי שבקיה הוה מחמיץ"? אָבער די משנה וואָס לערנט דעם באַדינג דאָס אויב שוין החמיץ יאָ, ניט החמיץ ניט, איז דאָך די קשיא פּיליכט ווען ער וואָלט איהם לאָזען אזוי, וואָלט ער קריגען דעם זויערקראַפט אָלס א צייכען, דאָס בעפאָר איז ער אויך געווען א פרוכט? קען מען דאָך שוין געהן נאָכ'ן רוב דאָס זיי ווערן קרעפטיג? „אמר רבה כששייר ממנו בכוס ולא החמיץ האָט רבה געזאָגט אז עס שמועסט ער האָט איבערגעלזט אביסעל פונ'ם תמד אין א כוס און ער האָט ניט צוגעקראָגען דעם זויערקראַפט, „רבא

**החמיץ, רבא אמר הא מני? ר׳ יוחנן בן נורי היא, דתנן ג׳ לוגין מים חסר קורטוב, שנפל לתוכן קורטוב יין, ומראיהן כמראה יין, ונפלו למקוה לא פסלוהו, ג׳ לוגין מים חסר קורטוב שנפל לתוכן קורטוב חלב ומראיהן כמראה מים ונפלו למקוה, לא פסלוהו, רבי יוחנן בן נורי אמר הכל הולך אחר המראה, לאו א״ר יוחנן בתר חזותא אזלינן, הכא נמי זיל בתר חזותא, וטעמא וחזותא דהאי מיא נינהו? ופליגא דרבי אלעזר, דא״ר אלעזר הכל מודין שאין מפרישין עליו ממקום אחר אא״כ**

---

אמר הא מני? ר׳ יוחנן בן נורי הוא, דתנן שלשה לוגין מים חסר קורטוב שנפל לתוכן קורטוב יין ומראיהן כמראה יין ונפלו למקוה לא פסלוהו״, רבא זאגט (איהם געפעלט ניט דער ענטפער, דאס מען לאזט איבער פונ׳ם תמד אויף א פרוף,) ווייסטו ווי ווער די משנה קען אויסקומען ווי ר׳ יוחנן בן נורי, דען מיר האבען געלערנט אין א משנה דאס דריי קווארט וואסער וועניגער מיט א קורטוב, און עס איז אריינגעפאלען אין זיי א קורטוב וויין, און זייער געשטאלט איז געווארען א וויין קאליר, און אין דעם געשטאלט אריינגעפאלען אין דער מקוה, האבע זיי די מקוה ניט גע׳פסל׳ט, „שלשה לוגין מים חסר קורטוב שנפל לתוכן קורטוב חלב, ומראיהן כמראה מים ונפלו למקוה לא פסלוהו״, און דריי קווארט וואסער וועניגער מיט א קורטוב, און אין זיי איז אריינגעפאלען א קורטוב מילך, און זייער געשטאלט איז געבליבען אלס וואסער, און אזוי אריינגעפאלען אין דער מקוה, האבען זיי איהר ניט גע׳פסל׳ט, ר׳ יוחנן בן נורי אומר הכל הולך אחר המראה״, ר׳ יוחנן זאגט אלעס געהט נאכ׳ן געשטאלט, און דער קורטוב מילך ערגענצט די וואסער אלס פולע דריי קווארט צו פסלען די מקוה, „לאו אמר ר׳ יוחנן בתר חזותא אזלינן הכא נמי זיל בתר חזותא, וטעמא וחזותא דהאי מיא נינהו״? האט דען ר׳ יוחנן ניט געזאגט, דאס מיר געהן נאכ׳ן קאליר, אזוי אויך דא האטש דער תמד איז פאררעכענט אלס א פרוכט, אבער זא לאנג ער האט ניט צוגעקראגען דעם זויערקראפט און זיין געשטאלט איז וואסער פסל׳ט ער די מקוה, און קענען מעשר אויך, ווייל זיין געשטאלט און טעם איז וואסער, ווערט ער ניט געקויפט אלס מעשר, כאטש ער איז אנגעברייט צו ווערען קרעפטיג, און רב נחמן וואס זעצט ניט איין די משנה ווי ר׳ יוחנן בן נורי ווייל ער האלט ווי די רבנן, דאס האטש דער געשטאלט איז ווי וואסער פסל׳ט ער פארט ניט די מקוה, צוליב עס איז געברויכט, צוויי זאכען צום פסל׳ען א מקוה עס מוז זיין א שיעור פון דריי קווארט און א געשטאלט פון וואסער, און דא פעהלט א קורטוב, נאר ער איז דערזעצט מיט מילך, און געגען מעשר ווערט דער תמד געקויפט ווייל עס איז א פרוכט, און דאס קומט דאך אויס געגען אונזער משנה, דעריבער קען רב נחמן ניט איינזעצען די משנה ניט ווי ר׳ יוחנן בן נורי ווייל עס איז געגען זיין אייגענער סברה, און ניט ווי די רבנן, וואס זייער סברה איז געגען אונזער משנה, „ופליגא דרבי אלעזר דסבר הכל מודים שאין מפרישין עליו ממקום אחר אלא אם כן החמיץ״, דאס וואס רב נחמן זאגט אויבען, אז

החמיץ, קסבר בלא החמיץ מחלוקת, ועד כאן לא מחייב ר' יהודה אלא מיניה וביה, אבל מעלמא לא, דילמא אתי לאפרושי מן החיוב על הפטור, ומן הפטור על החיוב: ת"ר התמד עד שלא החמיץ, (דף כ"ו ע"ב) משיקו במים, משהחמיץ אין משיקו במים, אמר רבא לא שנו אלא שתמדו במים טהורים, ונטמאו, אבל טמאים מעיקרא לא, אזל

---

ר' יהודה מיט די רבנן קריגען ביי החמיץ און אונזער משנה קומט אויס ווי ר' יהודה דאָס נאָר ביי החמיץ האָט דער תמד דעם דין פון וויין, — די זאַך קומט אויס קריגט אויף ר' אלעזר, דען ער האָט געזאָגט דאָס אַלע זענען מודה אפילו ר' יהודה דאָס מען שיידט ניט אָפּ אויף דעם תמד קיין מעשר פון אַן אַנדערן תמד, סיידען דעם תמד וואָס מען געהט פאַרריכטען איז שוין געוואָרען ווײנקרעפטיג, און ווען איך זעה ר' אלעזר זאָגט אַזוי נאָך ר' יהודה נאָך, דאָס מען שיידט ניט אָפּ אויף דעם תמד פון אַן אַנדער פּלאַץ, איז דאָך געדרינגען דאָס ר' יהודה איז מחייב מעשר אפילו ווען דער תמד איז ניט קרעפטיג געוואָרען, ניט מעהר ער איז מודה דאָס אין דעם צושטאַנד מעשר'ט מען ניט דערויף פון ערגעץ אַנדערש, קומט דאָך אויס, „קא סבר בלא החמיץ מחלוקת", דאָס ר' אלעזר האַלט אַז זיי קריגען דאָ וואו דער תמד האָט נאָך ניט געקראָגען דעם זויערקראַפט, נאָר ער קומט לאָזען הערען, דאָס „ועד כאן לא מחייב ר' יהודה אלא מיניה וביה", דאָס ר' יהודה ביז יעצט איז ניט מחייב צו מעשר'ן נאָר פון זעלבען תמד, דאָס הייסט פון איהם אויף איהם, „אבל מעלמא לא דלמא אתי לאפרושי מן החיוב על הפטור ומן הפטור על החיוב", אָבער פון ערגעץ אַנדערש, אפילו פון אַזאַ גאַהל תמד וואָס האָט אויך נאָך ניט געקראָגען דעם זויערקראַפט, טאָר מען אויך ניט מעשר'ן אויף דעם תמד, ווייל טאָמער וועט איין תמד יאָ קריגען די קראַפט און דער צווייטער ניט, וועט דאָך אויסקומען אַז ער וועט האָבען אָפּגעשייד פון אַ זאַך וואָס איז פריי פון מעשר אויף אַ זאַך וואס איז חייב צו מעשר אָדער פאַרקערט, און ביי אַזאַ פאַל איז דאָך די מעשר — ניט קיין מעשר נאָר טבל, און פאַר טבל קומט דאָך מיתה אפילו צום כהן אויב ער עסט איהם: „תנו רבנן התמד עד שלא החמיץ משיקו במים, משהחמיץ אין משיקו במים", די רבנן האָבען געלערנט, תמד איידער ער קריגט דעם זויערקראַפט, אויב ער ווערט טמא, קען ער איהם נעמען אין אַ כלי און באַרירען דעם תמד מיט די וואסער פון מקוה ער זאָל ווערען ריין דען אַלס וואַסער, העלפט די באַהעפטונג צו דער מקוה צו אַוועקנעמען די טומאה, ווייל זי ווערט דאָך בטל צום וואסער, האָט דער תמד שוין געקראַגען דעם זויערקראַפט אַלס וויין, קען ער איהם שוין ניט באַהעפטען מיט'ן וואסער פון מקוה, ווייל אַלס אוכלין און משקין געפינען מיר ניט דערביי קיין טבילה, „אמר רבא לא שנו אלא שתמדו במים טהורים ונטמאו, אבל טמאים מעיקרא לא", האָט רבא געזאָגט די חכמים האָבען דאָס ניט געלערנט אַז עס העלפט די השקה צו דער מקוה נאָר סיידען ער האָט דעם תמד געריכטעט מיט ריינע וואסער און זיי זענען טמא געוואָרען, אָבער

רב גביהה מבי כתיל אמרה לשמעתא קמיה דרב אשי, מאי שנא טמאין מעיקרא,דלא, דאמרינן איידי דמיא יקירי, שכני תתאי, ופירא קפי מלעיל, ולא קא סלקא להו השקה למיא, א״ה טהורים ולבסוף נטמאו נמי? אלא מיבלבלי ה״נ מיבלבלי: מתני׳ כל מקום שיש מכר אין קנס וכל מקום שיש קנס אין מכר: גמ׳ אמר רב יהודה אמר רב זו דברי ר״מ, אבל חכמים אמרו יש קנס במקום מכר, דתניא קטנה מבת יום אחד עד שתביא ב׳ שערות יש לה מכר, ואין לה קנס, משתביא שתי שערות עד שתיבגר, יש לה

---

די וואסער איז טמא נאך פון בעפאר, העלפט ניט קיין השקה מיט א מקוה, „אזל רב גביהה מבי כתיל אמרה לשמעתתא קמיה דרב אשי, מאי שנא טמאין מעיקרא דלא, אמרינן איידי דמיא יקירי שכני תתאי, ופירא קפי מלעיל, ולא קא סלקא להו השקה למיא״, איז רב גביהה פון כתיל געגאנגען און איבערגעזאגט די הלכה פאר רב אשי, פרעגענדיג איהם, וואס עפעס איז אנדערש, אז די וואסער איז טמא פון פריהער ווארום העלפט דען ניט? איז דאך ווייל מיר זאגען, צוליב די וואסער איז שוועהר רוהט זי אונטען, און די פרוכט וואס איז גרינגער שווימט ארויף, און דארום העלפט ניט די השקה צום וואסער, דען די פרוכט האקט איבער, „אי הכי טהורים ולבסוף נטמאו נמי״? אויב אזוי, איז דאך ביי ריינע וואסער וואס זענען ערשט שפעטער טמא געווארען, — אויך אזוי, צוליב די פרוכט וועלכע שווימט ארויף? „אלא מבלבלי, הכא נמי מבלבלי״, אלא ווארום דען העלפט דא יא, מוזטו דאך זאגען צוליב זיי מישען זיך אויף, אוןביידע וואסער׳ן ריהרען זיך אן, אזוי אויך דא וואו די וואסער איז טמא פון פריהער, קומט אן די זעלבע סברה, דאס זיי מישען זיך אויף: „מתניי, כל מקום שיש מכר, אין קנס, וכל מקום שיש קנס, אין מכר״: די משנה שמועסט דא ביי א טאכטער ווערענד אלס קטנה און אלס נערה, אלס קטנה קען איהר דער פאטער פארקויפען אלס א דינסט, און אלס נערה שוין ניט, זאגט די משנה דא, דאס ווערענד עס איז פאראן א פערקויפונג, איז ניט פאראן קיין קנס, אויב א מאן האט איהר איבערגערעדט אדער פרגוואלדיגט נאך אלס קטנה, דארף ער ניט צאהלען די שטראפע פון פיפציג דאלער צום פאטער, דען דער פסוק זאגט ונתן לאבי הנערה, ער זאל געבען די שטראפע צום פאטער פון דער נערה, שטעהט דאך דער ווארט נערה ניט קטנה, און ווערענד עס איז יא פאראן קנס, איז ניט פאראן קיין פארקויפונג, אלס נערה קריגט דער פאטער די קנס געלד, אבער פארקויפען קען ער איהר ניט, דען אפילו ווען זי איז שוין לאנג פארקויפט נאך פון אלס קטנה, איז אלס נערה געהט זי ארויס פון באלעבאס רשות: „גמ׳, אמר רב יהודה אמר רב זו דברי רי מאיר, אבל חכמים אמרו יש קנס במקום מכר״, רב יהודה האט געזאגט אין נאמען פון רב, דאס זענען די רייד פון ר׳ מאיר אבער די חכמים האבען געזאגט אז עס איז פאראן אויך קנס אלס קטנה אין דער זעלבער צייט ווען ער קען איהר פארקויפען, „דתניא קטנה מבת יום אחד עד שתביא שתי שערות יש לה מכר ואין לה קנס, משתביא שתי שערות עד שתיבגר יש לה

קנס, ואין לה מכר דברי ר"מ, שהיה ר"מ אומר כל מקום שיש מכר, אין קנס, וכל מקום שיש קנס, אין מכר, וחכמים אומרים קטנה מבת שלש שנים ויום אחד עד שתיבגר, יש לה קנס, קנס אין, מכר לא? אימא אף קנס במקום מכר: מתני' כל מקום שיש מיאון אין חליצה, וכל מקום שיש חליצה אין מיאון: גמ' אמר רב יהודה אמ' רב זו דברי ר"מ, אבל חכמים אומרים יש מיאון, במקום חליצה, דתניא עד מתי

---

קנס ואין לה מכר דברי רי מאיר", דען מיר האָבען געלערנט דאָס אַ קטנה פון איהר ערשטען טאָג ביז זי ברינגט שתי שערות, קען דער פאָטער איהר פארקויפען, אָבער קיין קנס פאַר איהר איז ניט פאַראַן, האָט זי געבראַכט די שתי שערות ביז אַלס בוגרת, איז פאַראַן ביי איהר קנס אָבער ניט קיין פארקויפונג אזוי האַלט ר' מאיר, „שהיה רי מאיר אומר כל מקום שיש מכר אין קנס וכל מקום שיש קנס אין מכר", דען ר' מאיר זאָגט דאָ וואו עס איז פאַראַן פארקויפונג איז ניטאָ קיין קנס, און וואו קנס, איז ניטאָ קיין פארקויפונג, „וחכמים אומרים קטנה מבת שלש שנים ויום אחד עד שתיבגר יש לה קנס", און די חכמים זאָגען אַז אַ קטנה פון דריי יאָהר מיט אַ טאָג אָן ביז זי ווערט אַ בוגרת, פון דאַמאָלסט אָן איז זי ווירדיג צו אַ געשלעכטליכען צוזאַמענקונפט, איז פאַראַן קנס, פרעגט די גמרא, „קנס אין, מכר לא"? קנס יאָ און מכר ניט? זאָלאַנג זי ברינגט ניט קיין שתי שערות, איז זי דאָך נאָך אַ קטנה, היינט וואַרום איז ניט פאַראַן קיין פארקויפונג? ענטפערט די גמרא, „אימא אף קנס במקום מכר", זאָג דעם טעקסט אַף קנס, דאָס אויך קנס איז פאַראַן ווערענד פארקויפונג: „מתניי, כל מקום שיש מיאון אין חליצה, וכל מקום שיש חליצה אין מיאון", אַ יתומה אָהן אַ פאָטער וואו איהר מוטער אָדער איהרע ברידער האָבען איהר אויסגעגעבען צו קידושין, אפילו ווען מיט איהר ווילען קען זי נאָכהער וועהרען און זאָגען דאָס זי וויל איהם ניט, און זי געהט אַרויס פון איהם אָהן אַ גט, און אויב נאָך אַלס קטנה ווערט זי אַ יבמה איז זי ניט ראוי צו חליצה, ווייל זי איז ניט ראוי צו יבום, דען וואו עס איז ניט פאַראַן קיין יבום, איז אויך ניט פאַראַן קיין חליצה, און יבום איז דאָ ניט פאַראַן צוליב טאָמער וועט זיך שפעטער אַרויסצייגען דאָס זי איז אַן איילונות אונפּרוכטבאַר, וועט דאָך אויסקומען, דאָס דער יבם איהר מאַנ'ס ברודער) וועט איהר נעמען ניט צו מצוה, און די תורה האָט דאָך געזאָגט להקים זרע לאחיו, אַז דער צוועק פון יבום איז אויפצושטעלען אַ שטאַם פאַר'ן ברודער, אויב ניט הייסט זי אַן ערוה צו איהם, און ווען זי ווערט ראוי צו חליצה, קען זי שוין ניט מעהר ממאן זיין, דאָס הייסט זי קען שוין ניט מעהר וועהרען סיידען ער גט איהר אָפּ קומט אויס דאָס ווערענד עס איז פאַראַן מיאון, איז ניט פאַראַן קיין חליצה, און ווערענד עס איז פאַראַן חליצה, איז ניט פאַראַן קיין מיאון: „גמי, אמר רב יהודה אמר רב זו דברי רי מאיר, אבל חכמים אומרים יש מיאון במקום חליצה", רב יהודה האָט געזאָגט אין נאָמען פון רב דאָס זענען די רייד פון ר' מאיר, אָבער די חכמים זאָגען אַז עס איז פאַראַן מיאון ווערענד חליצה,

**הבת ממאנת? עד שתביא שתי שערות דברי ר״מ, ר׳ יהודה אומר עד שירבה השחור על הלבן: מתני׳ כל מקום שיש תקיעה אין הבדלה וכל מקום שיש הבדלה אין תקיעה, י״ט שחל להיות בע״ש תוקעין ולא מבדילין, במ״ש מבדילין ולא תוקעין, כיצד מבדילין? המבדיל בין קדש לקדש, ר׳ דוסא אומר בין קדש חמור לקדש הקל: גמ׳ היכי תוקע אמר רב יהודה תוקע ומריע מתוך תקיעה, ורב אסי אמר תוקע ומריע בנשימה אחת, אתקין רב אסי בהוצל כשמעתיה, מיתיבי י״ט שחל להיות בע״ש, תוקעין ולא מריעין, מאי לאו לא מריעין כלל? לא, רב**

---

„דתניא עד מתי הבת ממאנת עד שתביא שתי שערות דברי ר׳ מאיר, ר׳ יהודה אומר עד שירבה השחור על הלבן", דען מיר האָבען געלערנט ביז ווען קען אַ טאָכטער ממאן זיין? ביז זי ברינגט שתי שערות, אזוי האלט ר׳ מאיר, ר׳ יהודה זאָגט ביז דער פלאַץ איז שווארץ פו האָר, פארשטעלענדיג די ווייסקייט פונ׳ם לייב, דאָס הייסט שוין, דאָס אפילו אלס נערה קען זי נאָך ממאן זיין, די חכמים מיינט דאָ ר׳ יהודה: „מתני׳, כל מקום שיש תקיעה אין הבדלה, וכל מקום שיש הבדלה אין תקיעה", ערב שבת אָדער ערב יום טוב בלאָזט מען שופר אלס אַן אָנזאָג צום פאָלק צו אופהערען פון מלאכה, און נאָכ׳ן אוועקגעהן פון שבת אָדער יום טוב מאַכט מען הבדלה אין דער שמונה עשרה און נאָכהער אויף אַ כוס, זאָגט די משנה דאָ דאָס ווערענד עס איז פאראַן אַ תקיעה, איז ניט פאראַן קיין הבדלה און ווערענד עס איז פאראַן אַן הבדלה איז ניט פאראַן קיין תקיעה, „יום טוב שחל להיות בערב שבת תוקעין ולא מבדילין", יום טוב וואָס געפאַלט אין ערב שבת בלאָזט מען תקיעה צו אָפּשיידען פון קאָכען און באַקען און קיין הבדלה מאַכט מען ניט, „במוצאי שבת מבדילין ולא תוקעין", אויב יום טוב געפאַלט נאָכ׳ן שבת, מאַכט מען הבדלה אָבער מען בלאָזט ניט, ווייל דער אוועקגעהענדער שבת איז הארבער, „כיצד מבדילין? המבדיל בין קודש לקודש, ר׳ דוסא אומר בין קודש חמור לקודש הקל", ווי אזוי איז די הבדלה? דער וואָס מאַכט אַן אונטערשייד צווישען קודש און קודש, ר׳ דוסא זאָגט צווישען הארבער׳ן קודש און קודש וואָס איז גרינגער: פרעגט די גמרא, „היכי תוקע? אמר רב יהודה תוקע ומריע מתוך תקיעה", ווי אזוי בלאָזט מען אין יום טוב וואָס געפאַלט אין ערב שבת? האָט ר׳ יהודה געזאָגט ער בלאָזט אַ תקיעה און נאָך בעפאָר ער לאָזט איהר אויס בלאָזט ער פון איהר אַ תרועה, „ורב אסי אמר תוקע ומריע בנשימה אחת, אתקין רב אסי בהוצל כשמעתיה", און רב אסי זאָגט ער מאַכט אַ תקיעה און אַ תרועה אין איין אָהטעמצוג, מיינענדיג צו זאָגען, דאָס ער מאַכט יאָ אַ גאַנצע תקיעה און נאָכהער ערשט אַ תרועה, ניט אָנפאַנגענדיג איהר נאָך אין דער מיט׳ן תקיעה, רב אסי האָט איינגעפיהרט אין הוצל צו בלאָזען ווי זיין הלכה, זאָגט די גמרא „מיתיבי יום טוב שחל בערב שבת תוקעין ולא מריעין, מאי לאו לא מריעין כלל"? איך וועל דיר אַ קשיא פרעגען מיר האָבען געלערנט אז ער געפאַלט אין ערב שבת בלאָזט מען אַ תקיעה און ניט קיין תרועה, וואָס מיינט מען דען ניט אז מען

יהודה מתרץ לטעמיה, ורב אסי מתרץ לטעמיה, רב יהודה מתרץ לטעמיה, לא מריעין בפני עצמה, אלא מתוך תקיעה, ורב אסי מתרץ לטעמיה לא מריעין בשתי נשימות אלא בנשימה אחת: ובמוצאי שבת כו': היכא אמר לה? א"ר יהודה בחתימתה, וכן אמר רב נחמן בחתימתה, ורב ששת בריה דרב אידי אמר אף בפתיחתה, ולית הילכתא כוותיה, רבי דוסא אומר בין קדש חמור לקדש הקל, ולית הלכתא כוותיה, א"ר זירא י"ט שחל להיות באמצע שבת, אומר המבדיל בין קדש לחול ובין אור לחשך, ובין ישראל לעמים, ובין יום השביעי לששת ימי המעשה, מ"ט? סדר הבדלות הוא מונה::

הדרן עלך הכל שוחטין

---

מאכט קיין תרועה אינגאנצען ניט? זעהסט דאך גוט אז מען בלאזט בלויז א תקיעה איז דאך א קשיא אויף רב יהודה און רב אסי? ענטפערט די גמרא „לא" ניין, „רב יהודה מתרץ לטעמיה ורב אסי מתרץ לטעמיה, רב יהודה מתרץ לטעמיה לא מריעין בפני עצמה אלא מתוך תקיעה", רב יהודה פארענטפערט לויט זיין סברה און רב אסי פארענטפערט לויט זיין סברה, רב יהודה פארענטפערט דאס די ברייתא מיינט מען מאכט ניט קיין תרועה אלס באזאנדער נאר פון דער מיט'ן תקיעה ארויס, „ורב אסי מתרץ לטעמיה לא מריעין בשתי נשימות אלא בנשימה אחת", און רב אסי פארענטפערט דאס די ברייתא מיינט מען מאכט ניט קיין תרועה אפגעטיילט פון דער תקיעה נאר אין איין אהטעמצוג: „ובמוצאי שבת וכו': היכא אמר לה? אמר רב יהודה בחתימתה, וכן אמר רב נחמן בחתימתה", וואו זאגט ער דאס בין קודש לקודש? האט רב יהודה געזאגט ביי איהר שלוס פון דער ברכה אבער אנפאנג זאגט ער בין קודש לחול, און אזוי זאגט אויך רב נחמן, „ורב ששת בריה דרב אידי אמר אף בפתיחתה, ולית הלכתא כוותיה", און רב ששת דער זוהן פון רב אידי זאגט דאס ער זאגט אויך בין קודש לקודש און אנפאנג ברכה אבער די הלכה בלייבט ניט ווי ער: „ר' דוסא אומר וכו': ולית הלכתא כוותיה", און די הלכה בלייבט ניט ווי ער: „אמר ר' זירא יום טוב שחל להיות באמצע שבת אומר המבדיל בין קודש לחול ובין אור לחושך ובין ישראל לעמים ובין יום השביעי לששת המעשה", ר' זירא האט געזאגט יום טוב וואס געפאלט אין מיט'ן וואך דארף ער אויך זאגען המבדיל צווישען קודש און חול און צווישען ליכט און פינסטערניש און צווישען יודען און אנדערע פעלקער און צווישען זיבעטען און די רעשט זעקס טעג, חאטש יום טוב איז ניט שבת פונדעסטוועגען זאגט ער צווישען זיבעטען און די זעקס טעג, „מאי טעמא? סדר הבדלות הוא מונה", וואס איז די סברה? ער רעכענט בלויז אויס אלע הבדלות וואס זענען אויסגערעכענט אין דער תורה:

הדרן עלך הכל שוחטין

השוחט אחד בעוף, ושנים בבהמה, שחיטתו כשרה, ורובו של אחד כמוהו, רבי יהודה אומר עד שישחוט את הוורידין, חצי אחד בעוף, ואחד וחצי בבהמה, שחיטתו פסולה, רוב אחד בעוף ורוב שנים בבהמה שחיטתו כשרה: גמ' השוחט דיעבד אין, לכתחילה לא? ב' בבהמה לכתחילה לא עד כמה לישחוט וליזיל? איבעית אימא אאחד בעוף, ואב"א ארובו של אחד כמוהו, (כמ"ש סימן) אמר רב כהנא מניין לשחיטה שהיא מן הצואר? שנא' (ויקרא א') ושחט את בן הבקר

---

„השוחט אחד בעוף ושנים בבהמה שחיטתו כשרה, ורובו של אחד כמוהו", אז איינער שעכט איין סימן ביי א געפליגעל און צוויי סימנים ביי אבהמה, איז זיין שחיטה כשר, און א מעהרהייט פון יעדען איינעם סימן איז גלייך ווי ער וואלט שעכטען דעם גאנצען סימן, „ר' יהודה אומר עד שישחוט את הוורידין", ר' יהודה זאגט ביז ער שעכט די שטראמיגע אדערן, די גמרא וועט עס באשיידען אז ר' יהודה באציהט זיך אויפ'ן עוף, „חצי אחד בעוף, ואחד וחצי בבהמה שחיטתו פסולה", אז ער האט געשאכטען בלויז א האלבען סימן ביים עוף אדער א סימן און האלבען ביי א בהמה, איז זיין שחיטה פסול, „רוב אחד בעוף ורוב שנים בבהמה שחיטתו כשרה", א מעהרהייט סימן אז ער שעכט ביי אן עוף אדער צוויי מעהרהייט סימנים ביי א בהמה, איז זיין שחיטה כשר: „גמ'", פרעגט די גמרא, „השוחט דיעבד אין, לכתחילה לא, שנים בבהמה לכתחילה לא, עד כמה לשחוט וליזול"? השוחט מיינט דאך אז ער האט שוין געשאכטען, יא, איז כשר, אבער אנפאנגס צו געהן שעכטען טאר מען ניט, קומט דאך אויס, דאסביידע סימנים ביי א בהמה איז אויך ניט ערלויבט לכתחילה צו געהן שעכטען, לויט'ן באגריף פון השוחט וואס באציהט זיך אויף א בהמה, איז דאך די קשיא ביז וויפיל זאל ער שעכטען און געהן? ענטפערט די גמרא, „איבעית אימא אאחד בעוף ואי בעית אימא ארובו של אחד כמוהו", אז ווילסט וועל איך דיר ענטפערן אז דער ווארט השוחט באציהט זיך אויף דעם איינעם סימן ביי אן עוף, דאס נאר בדיעבד איז איין סימן כשר, און אז ווילסט קען איך דיר ענטפערן אז השוחט באציהט זיך אויף דעם, אויב ער שעכט בלויז א מעהרהייט פון יעדען סימן איז דיעבד זיין שחיטה כשר, אבער לכתחילה דארף ער שעכטען גאנצע סימנים, ווייל די חכמים באזארגען טאמער וועט ער אירטומליך, בלויז שעכטען האלבע סימנים, „אמר רב כהנא מנין לשחיטה שהיא מן הצואר? שנאמר ושחט את בן הבקר, ממקום ששח חטהו", רב כהנא האט געזאגט פון וואנען איז געדרינגען דאס שחיטה דארף זיין פון האלז? דען דער פסוק זאגט ביי קדשים ער זאל שעכטען דעם יונג רינד טייטש איך, דאס דער ווארט שחט איז צוזאמענגעשטעלט פון צוויי ווערטער שח און חט, שח מיינט איינבייגען און חט מיינט רייניגען, דאס אין פלאץ וואו די בהמה בויגט אראפ און ארויף, דארט רייניגט מען איהר פון צו ווערען נבלה, די חכמים זענען נאך געווען נאהענט צו מקור פון לשון קודש, אנהאלטענדיג די קבלה ביז משה האבען זיי געוואוסט דעם צוזאמענשטעל פון די ווערטער,

ממקום ששח הטהו, ממאי דהאי הטהו לישנא דדכויי הוא? דכתיב (שם י״ד) והטא את הבית, ואיבעית אימא מהכא, (תהלים נ״א) תחטאני באזוב ואטהר, ואימא מזנבו? שח מכלל שזקוף בעינן, והא שח ועומד הוא, ואימא מאזנו? בעינן דם הנפש וליכא, ואימא דקרע ואזיל עד דם הנפש? ותו שהייה דרסה הלדה הגרמה ועיקור מנלן?

---

ער ברייננט דעם ערשטען פסוק ביי קרבנות ווייל די ערשטע מצוה פאר שחיטה איז געווען ביי קרבנות, „ממאי דהאי חטהו לישנא דדכוי הוא? דכתיב וחטא את הבית״, פון וואנעט ווייס איך אז חטא מיינט רייניגען? דער פסוק זאגט ער זאל רייניגען דאס הויז, „ואי בעית אימא מהכא תחטאני באזוב ואטהר״, און אז דו ווילסט וועל איך דיר זאגען פון דאנען, דו זאלסט מיך רייניגען מיט אזוב, איך זאל זיין גערייניגט, פרעגט די גמרא, „ואימא מזנבו״? דער ענין איז דא אזוי האטש די דרשות זענען געווען אלס קבלה ביז משה, איז אבער דורך די פילע גלות׳ן און צרות ישראל פילע זאכען פארדונקעלט געווארען ביז עס האט זיך פארמירט מחלוקת׳ן אין די דרשות, איין תנא האט געדענקט פון זיין רבי׳ן אזוי און דער צווייטער האט געדענקט פון זיין רבי׳ן אנדערש, דעריבער האבען זיי מיט סברות און פלפול זיך באהאלפען צו פעסטשטעלען זייער קבלה, די באדייטונג פון שחט האבען זיי געפונען אין פסוק ירמיה חץ שחוט לשונם מרמה דבר דאס פונקט ווי אפייל וואס ווערט ארויסגעשאסען און שנייד דורך די לופט געבויגען צו טרעפען וועמען, אזוי איז דער בעל לשון הרע צו טרעפען יענעם מיט ליגענד, פון דעם נעמט זיך דער ווארט שח געבויגען און די טי״ת איז צוגעשטעלט צו מאכען איהם פאר א פעל, מען געפינט אויך זהב שחוט ריין גאלד ווייל ריין גאלד איז ווייך וואס בייגט זיך, אט דעריבער פאנגען אן די תנאים צו באווייזען מיט סברות, פרעגט די גמרא „ואימא מזנבו״? לויט דעם צוזאמענשטעל פון ושחט קען מען דאך אויך אריינטייטשען די שחיטה זאל דארפען זיין פון וויינדעל אן, אריינשניידענדיג אין גוף הינטען, היינט האט דאך שוין ניט דער פסוק אן איינהייטליכען טייטש, קען דאך זיין דאס די קבלה איז ניט געווען אזוי, אבער די פראגע איז ניט מען זאל שעכטען פון זנב, די גמרא וויל נאר באפעסטיגען דאס שחט מיינט דעם האלז אום פעסטצושטעלען די קבלה, ענטפערט די גמרא, „שח מכלל שזקוף בעינן והאי שח ועומד הוא״, פון ווארט שח איז דאך גדרינגען דאס נאכ׳ן איינבויגען גלייכט זי זיך צוריק אויס, אבער דער וויינדעל איז אימער ארונטערגעבויגען, פרעגט די גמרא, „ואימא מאזנו? בעינן דם הנפש וליכא״, לויט דעם טייטש פון ושחט קען מען דאך אויך אריינטייטשען פון אויער אן? ענטפערט די גמרא, מיר דארפען האבען אז פון דער שחיטה זאל ארויס די בלוט וואס האלט אויף דעם לעבען, ווי דער פסוק זאגט ביי קדשים ואני נתתיו לכם על המזבח לכפר, איך האב געגעבען דעם בלוט פאר אייך אויפ׳ן מזבח צו מכפר זיין, דעם בלוט מיינט דעם הויפט און עיקר בלוט וואס האלט אויף דעם לעבען, „ואימא דקרע ואזיל עד דם הנפש״, לאמיר זאגען ער זאל שניידענדיג אזוי געהן ביז׳ן דם הנפש „ותו״? און נאך א קשיא „שהייה

אלא גמרא, שחיטה מן הצואר נמי גמר׳, וקרא למאי אתא? דלא לשוייה גיסטרא, רב יימר אמר קרא (דברים י״ב) וזבחת ממקום שזב התהו, מאי משמע דהאי חתהו? לישנא דמתב׳ הוא, דכתיב (שם) א) אל תירא ואל תחת, ואימא מהוטמו? זב על ידי התוי בעינן והאי זב מאליו הוא, ואימא מלבו? ותו שהייה דרסה חלדה הגרמה ועיקור מנלן? אלא גמרא, שחיט׳ מן הצואר נמי גמרא, וקרא למאי אתא דלא לשוייה גיסטרא, דבי רבי ישמעאל תנא ושחט אל תקרי ושחט, אלא וסחט ממקום שסח הטהו, ואימא מלשונו? בעינן דם הנפש

---

דרסה חלדה הגרמה ועיקור מנלן״? די פינף שטערונגען אז זיי פסל׳ען די שחיטה פון וואנעט איז געדרינגען? „אלא גמרא, מן הצואר נמי גמרא״, אלא מוזטו דאך זאגען עס איז געלערנט אלס הלכה למשה פון סיני, קענסטו אויך שוין גוט זאגען דאס שחיטה פון האלז איז אויך אן הלכה למשה מסיני, „וקרא למאי אתי? דלא לשוייה גיסטרא״, איי צו וואס איז געדארפט דער פסוק? דער פסוק איז געדארפט ער זאל ניט איבערשניידען אינגאנצען דעם האלז מיט׳ן נאקען, „רב יימר, אמר קרא וזבחת ממקום שזב חתהו, מאי משמע דהאי חתהו? לישנא דמתבר הוא, דכתיב אל תירא ואל תחת״, ר׳ יימר זאגט דער פסוק וזבחת איז פון צוויי ווערטער זב און חת דאס פון פלאץ וואו די בלוט רינט, דארט זאלסטו איבערשניידען, וואס מיינט, דער ווארט התהו? דאס איז א לשון ברעכען, פון פסוק אל תירא ואל תחת, איבערשניידען הייסט אויך ברעכען, פרעגט די גמרא, „ואימא מחוטמו״? איך קען דאך אויך לויט דעם געדאנק אריינטייטשען צו שעכטען פון דער נאז וועלכע רינט אויך? דאס וואלט דאך שוין ניט הייסען איין אויסשליסליכע באדייטונג פאר׳ן האלז? ענטפערט די גמרא, „זב על ידי חיתוי בעינן והאי זב מאליו הוא״, עס איז געמיינט וואו עס רינט דורכ׳ן שניט, און פון דער נאז רינט שטענדיג, פרעגט די גמרא, „ואימא מלבו, ותו שהייה דרסה חלדה והגרמה ועיקור מנלן״? לאמיך טייטשען פון הארץ? און נאך איינס די פינף אז זיי פסל׳ען די שחיטה פון וואנען איז געדרינגען? „אלא גמרא, שחיטה מן הצואר נמי גמרא״, נאר מוזטו דאך זאגען אז זיי זענען הלכה מסיני, איז שחיטה פון האלז אויך הלכה פון סיני, „וקרא למאי אתא דלא לשוייא גיסטרא״, איי צו וואס איז געדארפט דער פסוק? דער פסוק איז געדארפט ער זאל נאר שעכטען דעם האלז און ניט איבערשניידען אין צווייען, „דבי רבי ישמעאל תנא ושחט אל תקרי ושחט אלא וסחט, ממקום שסח חטהו״, דבי רבי ישמעאל לערנט אויך פון ושחט נאר ער זאגט דאס א שי״ן פארבייט זיך מיט א סמ״ך און ער איז צוזאמענגעשטעלט פון סח און חט, פון וואו דער קול קומט ארויס דארט זאלסטו רייניגען, דאס איז וואס ער זאגט זאלסט ניט לייענען ושחט נאר וסחט, ווייל די אותיות בייטען זיך אמאהל איבער, די קבלה איז געווען, דאס אין ושחט ליגט די באדייטונג וואו די שחיטה דארף פאלגען, נאר יערער תנא האט מקבל געווען פון זיין רבי׳ן אביסעל אנדערש, פרעגט די גמרא, „ואימא מלשונו? בעינן דם הנפש וליכא״, מען קען דאך

וליכא, ואימא דקרע ואזיל עד דם הנפש? ותו שהייה דרסה חלדה הגרמ' ועיקור מנלן? אלא גמרא, שחיטה מן הצואר נמי גמר', וקרא למאי אתא? דלא לישוויה גיסטר', ותנא מייתי לה מהכא, דתניא ר' חייא אמר מניין לשחיטה מן הצואר? שנאמר (ויקרא א') וערכו בני אהרן הכהני' את הנתחים, שאין ת"ל את הראש ואת הפדר, מה ת"ל את הראש ואת הפדר, והלא ראש ופדר בכלל כל הנתחי' היו למה יצאו? לפי שנאמר (שם) והפשיט את העולה ונתח, אין לי אלא נתחים שישנן בכלל הפשטה, מניין לרבות את הראש שכבר הותז? תלמוד

---

אריינטייטשען לויט דעם געדאנק צו שעכטען פון דער צונג, היינט וואו איז דער איינהייטליכער טייטש פון פסוק? ענטפערט די גמרא עס דארף זיין דארט וואו די הויפט בלוט פליסט ארויס וועלכע האלט אויף דעם לעבען, פרעגט די גמרא, „ואימא דקרע ואזיל עד דם הנפש, ותו שהייה דרסה חלדה הגרמה ועיקור מנלן"? מען קען דאך נאך אלץ אריינטייטשען דאס ער שנייד און נעהט ביז צום דם הנפש, און נאך איינס, די פינף אז זיי מאכען קאלע די שחיטה פון וואנען איז געדרינגען"? „אלא גמרא, שחיטה מן הצואר נמי גמרא, וקרא למאי אתא? דלא לשוייה גיסטרא", אלא מוזטו דאך זאגען אז עס איז אן הלכה למשה מסיני, איז שחיטה פון האלז אויך הלכה מסיני, איי דער פסוק? ער קומט צו פסל'ען אויב ער האט אינגאנצען אפגעהאקט דעם קאפ, איי דער זעלבער פסול ניט צו מאכען קיין גיסטרא, איז דאך אין כלל פון דרסה, וואס דען איז געדארפט דער פסוק? איז דער ענטפער דאס דער פסוק לאזט הערען וועגען דער ענד פון דער שחיטה, דאס זי טאר ניט אריבערגעהן מעהר ווי די סימנים, ניט ער זאל שעכטען און געהן ביז אריבער דעם האלז און נאקען, ער לערנט אן וועגען דער ענד פון שחיטה חאטש עס רירט אן אויך ענדליך וועגען דרסה, „ותנא מייתי לה מהכא דתניא ר' חייא אמר מנין לשחיטה מן הצואר? שנאמר וערכו בני אהרן את הנתחים, שאין תלמיד לומר את הראש ואת הפדר", און דער תנא לערנט ארויס פון דאנעט, דען מיר האבען געלערנט ר' חייא זאגט פון וואנען איז געדרינגען דאס שחיטה איז פון האלז? דער פסוק זאגט אהרנ'ס זיהן די כהנים זאלען איינרייהען די שטיקער אויפ'ן מזבח, האט דאך שוין ניט געדארפט שטעהן אויסגערעכענט דער קאפ מיט'ן אינער (פעטען) „מאי תלמוד לומר את הראש ואת הפדר והלא ראש ופדר בכלל כל הנתחים היו, למה יצאו? לפי שנאמר והפשיט את העולה ונתח, אין לי אלא נתחים שישנן בכלל הפשטה, מנין לרבות את הראש שכבר הותז? תלמיד לומר את ראשו ואת פדרו וערך", וואס שטעהט עפעס ראש און פדר, זיי זענען דאך אין כלל פון אלע שטיקער, צי וואס זיינען זיי ארויס אלס עקסטרא? ווייל דער פסוק זאגט ער זאל אפשינדען די עולה און שניידען די פלייש אין שטיקער, וואלט איך ניט וויסען פון דעם נאר די שטיקער וואס מען האט געשניטען פון וואנען זאל איך מרבה זיין אויך דעם קאפ וואס איז שוין לאנג אפגעהאקט, דעריבער זאגט דער פסוק את ראשו ואת פדרו וערך, דאס אויך דעם ראש און פדר זאל

לומר (שם) את ראשו ואת פדרו וערך, מדקאמר את הראש שכבר הותז, מכלל דשחיט׳ מן הצואר, ותנא פתח בראש ופדר ומסיים בראשו ופדרו? הכי קאמ׳ מניין לרבות את הראש שכבר הותז? ת״ל (שם) את הראש ואת הפדר, וראשו ופדרו למה לי? מיבעי ליה לכדתניא

---

ער איינרייהען מיט אלע שטיקער, „מדקאמר את הראש שכבר הותז מכלל דשחיטה מן הצואר", ווען איך זעה ער זאגט דעם קאפ וואס איז שוין לאנג אפגעשניטען, איז דאך גדרינגען דאס שחיטה איז פון האלז, הותז דא איז געמיינט אפגעשניטען פון די סימנים, דען דורך שחיטה הייסט שוין אפגעשניטען, די דרשה איז דא באזירט, דען מיט דעם וואס דער פסוק זאגט והפשיט את העולה ונתח אותה לנתחיה, ער זאל אפשינדען די עולה און צושניידען איהר צו איהרע שטיקער, איז געבאטען מיט דריי זאכען, ער זאל אפשינדען די פעל בעפאר ער צושנייט די פלייש, ער זאל ניט פריהער צושניידען, און דאס דריטע ער זאל ניט שניידען די שטיקער אויף שטיקער, פון דעם לשון וואלטען מיר זאגען, דאס דער קאפ איז אויך אין כלל פון דעם געבאט, ווי דער פסוק זאגט ביי דער פלגש אין גבעה ואוחז בפלגשי ואנתחיה לשנים עשר נתחים, (שופטים י״ט) און איך האב ערגריפען מיין פלגש און צושניטען אויף צוועלף שטיקער, וואו דער קאפ איז אויך געוועהן דארונטער ביים צושניידען, אבער די הלכה דא לערנט אונז, דאס דער קאפ איז אונטערשידען פונ׳ם גוף מיט צוויי זאכען, ער דארף ניט ווערען אפגעשינדען און ער מעג איהם ארונטערשניידען נאך בעפאר דעם שינדען, און גלייך איז ער צום גוף מיט איין זאך דאס מען טאר איהם ניט שניידען, אזוי ווי אלע שטיקער מען האט ניט געטארט מעהר צושניידען, און דאס האבען מיר אנגעלערנט פון פסוק וערכו את הנתחים את הראש ואת הפדר, איז דאך גדרינגען, דאס מיט דעם וואס ער זאגט והפשיט ונתח איז ניט אריינגערעכענט דער קאפ, דען אויב ניט אזוי, וואלט דאך גענוג געוועזן, וערכו את הנתחים, דער קאפ איז דאך אויך א שטיק צווישען די שטיקער, נאר מוז זיין דער קאפ איז ניט אין כלל צום שינדען, און ער שניידט ארונטער נאך פאר דעם שינדען, איז ר׳ חייא ביי דער סברה, ווייל דער קאפ איז שוין לאנג אפגעשניטען דורך דער שחיטה, און דעריבער ניט אין כלל פון די שטיקער וואס ער צושניידט נאכ׳ן שינדען, פון דאנעט דרינגט ער זיך, דאס שחיטה איז פון האלז, פרעגט די גמרא, „ותנא פתח בראש ופדר ומסיים בראשו ופדרו"? דער תנא פאנגט אן זיין פראגע מיט׳ן פסוק ראש ופדר און לאזען לאזט ער גאר אויס מיט׳ן פסוק ראשו פדרו? ענטפערט די גמרא, „הכי קאמר מנין לרבות את הראש שכבר הותז? תלמיד לומר את הראש ואת הפדר, וראשו ופדרו למה לי? מיבעי ליה לכדתניא", אזוי מיינט די ברייתא צו זאגען פון וואנען קענען מיר מרבה זיין אויך דעם ראשו וואס איז שוין לאנג אפגעשניטען? אויף דעם זאגט דער פסוק את הראש ואת הפדר, איז דאך די קשיא וואס דארף שוין שטעהן ראשו ופדרו? דאס איז גדארפט פאר דער זאך וואס איז געלערנט, „מנין לראש

מניין לראש ופדר שקודמין לכל הנתחים? ת״ל את ראשו ואת פדרו וערך, (דף כ״ז ע״ב) ופדר קמא דכתב רחמנא למה לי? מיבעי ליה לכדתניא כיצד הוא עושה? חופה את הפדר על בית השחיטה ומעלהו, וזהו דרך כבוד של מעלה, והאי תנא מייתי לה מהכא דתניא (ויקרא י״א) זאת תורת הבהמה והעוף, וכי באיזו תורה שוותה בהמה לעוף ועוף לבהמה? בהמה מטמאה במגע ובמשא, עוף אינו מטמא במגע ובמשא אבל מטמא בגדים אבית הבליעה, בהמה אינה מטמאה בגדים אבית הבליעה, באיזו תורה שוותה בהמה לעוף, ועוף לבהמה? לומר לך מה בהמה בשחיטה, אף עוף בשחיטה, אי מה להלן ברוב שנים אף כאן ברוב שנים? ת״ל זאת, ר׳ אליעזר אומר באיזו תורה שוותה בהמה לעוף, ועוף

---

ופדר, שקודמין לכל הנתחים? תלמיד לומר את ראשו ואת פדרו וערך״, פון וואנען איז געדרינגען דאס ראש און פדר קומען פריהער פאר אלע שטיקער? אויף דעם איז ווידערהאלט את ראשו ואת פדרו מיט׳ן ווארט וערך, דאס ערשטענס זאל ער איינרייהען דעם ראש און פדר, פרעגט די גמרא, „ופדר קמא דכתב רחמנא למה לי״? צו וואס שטעהט געשריבען דער ערשטער פדר, עס איז דאך בלויז גע׳דרש׳ענט דער ווארט ראש? ענטפערט די גמרא, „מיבעי ליה לכדתניא, כיצד הוא עושה? חופה את הפדר על בית השחיטה ומעלהו, וזהו דרך כבוד של מעלה״, דער ווארט פדר איז געדארפט אויף דעם וואס איז געלערנט, דאס ווי אזוי זאל ער טוען? ער זאל דעם פדר ארויפדעקען אויפ׳ן פלאץ פון שחיטה און אזוי ארויפברענגען אויפ׳ן מזבח, און דאס איז א וועג פו רעספעקט געגען אויבען, ניט צו ווייזען דעם שנים אזוי אפען, „והאי תנא מייתי לה מהכא, דתניא זאת תורת הבהמה והעוף, וכי באיזו תורה שוותה בהמה לעוף;, ועוף לבהמה, בהמה מטמאה במגע ובמשא, עוף אינו מטמא במגע ובמשא, עוף מטמא בגדים אבית הבליעה, בהמה אינה משמאה בגדים אבית הבליעה״? און דער תנא לערנט ארויס פון דאנעט, דען מיר האבען געלערנט דער פסוק זאגט דאס איז די תורה פון בהמה און עוף, זיי זענען געגליכען אין דעם פסוק אין איין רייהע, איז דאך די קשיא, מיט וועלכער זאך האט דען די תורה זיי געגליכען, זיי זיינען דאך ניט גלייך, בהמה אלס נבלה איז מטמא מיט׳ן אנרירען און באוועגען איהר, און אן עוף ניט, אן עוף ווידער איז מטמא די קליידער אויפ׳ן מענש ווערענד ער שלינגט א שטיק פון איהר, אפילו ווען ער באריהרט איהר ניט, און א בהמה ניט? „באיזה תורה שוותה בהמה לעוף ועוף לבהמה? לומר לך מה בהמה בשחיטה אף עוף בשחיטה״, היינט מיט וואס זענען זיי געגליכען? נאר עס קומט אנלערנען דאס פונקט ווי בהמה קומט שחיטה אזוי אויך עוף, פרעגט די גמרא, „אי מה להלן ברוב שנים אף כאן ברוב שנים? תלמיד לומר זאת״, לאמיך זאגען אזוי ווי ביי א בהמה מען דארף שעכטען א מעהרהייט פון יעדען סימן, אזוי אויך ביי עוף זאל מען דארפען שעכטען רוב שנים? דעריבער זאגט דער פסוק זאת, די דרשה דא איז באגרינדעט, ווייל אין שמיני ווענען די חיות וועלכע מען מעג עסען און וועלכע ניט,

לבהמה? לומר לך מה עוף הכשרו מן הצואר, אף בהמה הכשרה מן הצואר, אי מה להלן ממול עורף אף כאן ממול עורף? ת"ל (שם ה') ומלק את ראשו ממול עורפו, ולא יבדיל ראשו של זה ממול עורף, ואן ראשו של אחר ממול עורף, ור' אליעזר האי זאת מאי עביד ליה? אי לאו זאת, הוה אמינא מה עוף בסימן אחד, אף בהמה בסימן אחד, כתב רחמנא זאת, תני בר קפרא זאת תורת הבהמה והעוף, הטיל הכתוב לעוף בין בהמה לדגים, לחייבו בב' סימנין אי אפשר, שכבר הוקש לדגים,

---

געהט די רייהע, חיות וואס מיינט אויך בהמות, פיש, גיפליגעל און שרצים, איז דאך די קשיא דא זאגענדיג זאת תורת הבהמה והעוף וכל נפש וכו' במים, ולכל נפש השורצת, ווארום היט ניט דער פסוק די זעלבע רייהע, נאר ער שטעלט געפליגעל פאר די פיש? נאר מוז זיין דאס בהמה מיט עוף האבען עפעס געמיינזאמעס, דאס איז וואס ער פרעגט אויבען, וואס פאר א געמיינזאמעס האבען בהמה מיט עוף? ווארשיינליך איז עס געמיינט וועגען שחיטה פאר ביידען גלייך, און תורה מיינט טאקע דאס איין תורה וועגען שחיטה נעמט זיי ביידען ארום, אבער ניט קיין דגים דעריבער געהען דגים אין דער רייהע שפעטער, איי איך וואלט דאך מיינען מען זאל מוזען אן עוף שעכטען ביידע סימנים? אויף דעם שטעהט זאת וואס איך טייטש, דאס נאר מיט דער תורה וואס שטעהט אין דער פרשה, וועלכע מען מעג עסען זענען זיי איינגאנצען גלייך, דען ריין ארויס שטעהט דאך ניט קיין שחיטה אין דער פרשה, אבער וועגען שחיטה זענען זיי ניט איינגאנצען גלייך דען עוף איז נאר מיט איין סימן, אויף דעם באציהט זיך אויך דער פסוק להבדיל בין הטמא ובין הטהור צו אונטערשיידען צווישען א טמא און א טהור דורך שחיטה דען ניט געשאכטען איז טמא, שחיטה איז מטהר פון נבלה, „ר' אליעזר אומר באיזו תורה שוותה בהמה לעוף ועוף לבהמה? לומר לך מה עוף הכשרו מן הצואר אף בהמה מן הצואר", דער ערשטער תנא האט פארענטפערט א וועג מיט וואס עוף איז געגליכען צו בהמה און ר' אליעזר פארענטפערט א וועג מיט וואס בהמה איז געגליכען צו עוף, פונקט ווי עוף ווערט כשר דורכ'ן האלז אזוי אויך בהמה, „אי מה להלן ממול עורף אף כאן ממול עורף? תלמיד לומר ומלק את ראשו ממול ערפו ולא יבדיל, ראשו של זה ממול עורף ואין ראשו של אחר ממול עורף", איי לאמיך זאגען, דאס פונקט ווי ביי אן עוף איז א מאהל פון נאקען אזוי אויך ביי א בהמה? אויף דעם זאגט דער פסוק ער זאל אפווערגען זיין קאפ פון נעבען נאקען און ניט צושיידען דעם קאפ פון גוף, טייטש איך, דאס נאר זיין קאפ ווערט דער הכשר געמאכט פון נאקען, אבער ניט קיין אנדער קאפ פון נאקען, פרעגט די גמרא, „ור' אליעזר האי זאת מאי עביד ליה? אי לאו זאת הוה אמינא מה עוף בסימן אחד אף בהמה בסימן אחד? כתב רחמנא זאת", און ר' אליעזר וואס טוט מיט'ן ווארט זאת? ענטפערט די גמרא ווען ניט דער זאת וואלט איך זאגען, דאס פונקט ווי עוף איז גענוג מיט איין סימן אזוי אויך בהמה מיט איין סימן, „תני בר קפרא זאת תורת הבהמה והעוף

לפוטרו בלא כלום אי אפשר, שכבר הוקש לבהמה, הא כיצד? הכשרו בסימן אח', דגים דלאו בני שחיטה נינהו מנלן? אילימא משום דכתי' (במדבר י"א) הצאן ובקר ישחט להם, אם את כל דגי הים יאסף להם, באסיפה בעלמא סגי להו, אלא מעתה גבי שליו, דכתיב (שם) ויאספו את השליו, ה"נ דלאו בשחיטה, והא אמרת לפוטרו בולא כלום א"א, שכבר הוקשה לבהמ'? התם לא כתיב' אסיפה במקום שחיט' דאחריני, הכא כתיב' אסיפה במקום שחיט' דאחריני: דרש עובר גלילאה בהמה שנבראת מן היבשה הכשרה בשני סימנים, דגים שנבראו מן המים הכשירן בולא כלום, עוף שנברא מן הרקק הכשרו בסימן אחד, אמר

---

הטיל הכתוב לעוף בין בהמה לדגים, לחייבו בשני סימנים אי אפשר, שכבר הוקש לדגים, לפטרו בלא כלום אי אפשר שכבר הוקש לבהמה", בר קפרא האָט געלערנט פון זעלבען דיוק דאָס דער פסוק האָט אריינגעוואָרפען עוף צווישען בהמה און דגים פארקערט ווי זיי זענען אויסגערעכנט בעפאָר אין דער פרשה? צו מחייב זיין אן עוף שחיטה מיט ביידע סימנים איז ניט מעגליך, ווייל אן עוף איז דאָך געגליכען צו דגים וועלכע זענען אינגאנצען פטור פון שחיטה, און צו באפרייען זיי אינגאנצען פון שחיטה, איז אויך ניט מעגליך, דען ער איז דאָך געגליכען צו בהמה, „הא כיצד? הכשרו בסימן אחד", היינט ווי אזוי איז עס? מוז זיין דאָס זיין הכשר דורך שחיטה איז נאָר מיט איין סימן, „דגים דלאו בני שחיטה נינהו מנלן"? אז פיש דארפען ניט קיין שחיטה פון וואנען איז געדרינגען? „אילימא משום דכתיב הצאן ובקר ישחט להם, אם את כל דגי הים יאסף להם, באסיפה בעלמא סגי להו", זאָל איך זאָגען צוליב דעם פסוק וואָס זאָגט, קען מען דען אלע צאן און בקר אויסשעכטען אבי זיי זאָלען עררייכען די תאוה, אָדער אלע פיש ארויס־צונעמען פון ים, ביי צאן און בקר זאָגט דער פסוק שחיטה און ביי פיש אסיפה, דאָס בלויז ארויסנעמען זיי פון ים איז שוין גענוג, „אלא מעתה גבי שליו דכתיב ויאספו את השליו, הכי נמי דלאו בשחיטה"? נאָך דעם נעדאנק נאָך ביים שליו (אזעלכע פייגעל וואָס ג־ט האָט צוגעשיקט אָנשטאָט פלייש וואָס יודען האָבען פארלאנגט) איז אויך געשריבען אסיפה, קענסט דאָך אויך זאָגען אז עס איז געמיינט אָהן שחיטה? "והא אמרת לפוטרו בלא כלום אי אפשר, שכבר הוקש לבהמה"? דו האָסט דאָך ערשט אויבען געזאָגט צו באפרייען דעם עוף מיט אָהן גאָרניט איז ניט מעגליך, דען ער איז דאָך געגליכען שוין לאנג צו בהמה, דאָס ער דארף שחיטה? ענטפערט די גמרא, „התם לא כתיבה אסיפה במקום שחיטה דאחרינא, הכא כתיבא אסיפה במקום שחיטה דאחרינא", דאָרט ביים שליו שטעהט ניט דער וואָרט אסיפה אין פאראלעל מיט שחיטה פאר אנדערע, אָבער דאָ ביי דגים שטעהט אסיפה אין פאראלעל מיט צאן און בקר פאר שחיטה, איז פארשטענדליך דאָס בהמה איז שחיטה, און דגים איז אסיפה: „דרש עובר גלילאה בהמה שנבראת מן היבשה הכשרה בשני סימנים, דגים שנבראו מן המים הכשירן בלא כלום, עוף שנבראו מן הרקק הכשרו בסימן אחד", דער געבוירענער

רב שמואל קפוטקא׳ תדע שהרי עופות יש להן קשקשת ברגליהם כדגים: ועוד שאלו כתוב אחד אומר (בראשית א׳) ויאמר אלהים ישרצו המים שרץ נפש חיה, ועוף יעופף, אלמא ממיא איברו, וכתיב (שם ב) ויצר אלהים מן האדמה כל חית השדה ואת כל עוף השמים, אלמא מארעא איברו? אמר לו מן הרקק נבראו, ראה תלמידיו מסתכלים זה בזה, אמר להם קשה בעיניכם שדחיתי את אויבי בקש, מן המים נבראו ולמה הביאן אל האדם לקרות להן שם, ויש אומרים בלשון אחר אמר לאותו הגמון, ובלשון הראשון אמר להן לתלמידיו

---

פון גליל האָט גע׳דרש׳ענט, אַ בהמה וואָס איז באַשאַפען פון ערד איז איהר צוגרייטונג צו מעגען עסען, אַז מען שעכט איהרעביידע סימנים, פיש וואָס זענען באַשאַפען פון וואַסער איז זייער הכשר מיט אָהן גאָרניט, אַן עוף וואָס איז באַשאַפען פון בלאָטע וואַסער מיט ערד געמישט איז איהר הכשר מיט איין סימן, „אמר רב שמואל קפוטקאה תדע שהרי עופות יש להן קשקשת ברגליהן כדגים״, האָט רב שמואל פון קפוטקאה געזאָגט דו קענסט דיר דרינגען אַז עס איז אַזוי, דען עופות האָבען ווי שיפען אויף זייערע פיס ווי די פיש: „ועוד שאלו כתוב אחד אומר ויאמר אלקים ישרצו המים שרץ נפש חיה ועוף יעופף, אלמא ממיא איברו, וכתיב ויצר ה׳ אלקים מן האדמה כל חית השדה ואת כל עוף השמים אלמא מארעא איברו״? צווישען אַנדערע פראַגען האָט אַ הגמון (אַ הויפטלינג) אויך געפרעגט צו רבן גמליאל, איין פסוק זאָגט ג־ט האָט געזאָגט די וואַסער זאָלען ווידמענען לעבענדיגע חיות און געפליגעל וואָס זאָל פליהען, זעה איך דאָך דאָס געפליגעל זענען באַשאַפען פון וואַסער און עס שטעהט אויך דאָס ג־ט האָט באַשאַפען פון דער ערד אַלע חיות פון פעלד און אַלע פייגעל פון דער הויך, זעה איך דאָך דאָס געפליגעל זענען באַשאַפען געוואָרען פון דער ערד, ווי אַזוי איבעראיינשטימט דאָס? „אמר לו מן הרקק נבראו״, האָט ער צו איהם געזאָגט פון בלאָטע זענען זיי באַשאַפען געוואָרען, ״ראה תלמידיו מסתכלים זה בזה, אמר להם קשה בעיניכם שדחיתי את אויבי בקש״? האָט ער געזעהן ווי זיינע תלמידים קוקען זיך איבער איינער מיט׳ן אַנדערען, האָט ער צו זיי געזאָגט, ווי עס קוקט אויס, איז עס שווער אין אייערע אויגען, וואָס איך האָב אַזוי אָפּגעשטויסען מיין פיינד מיט אַ שטרוי? „מן המים נבראו, ולמה? הביאן אל האדם לקרות להם שם״, אין אמת איז דאָס פון וואַסער זענען זיי באַשאַפען געוואָרען, אַיי צו וואָס איז אין אַנדערען פסוק ויצר ה׳ אלקים מן האדמה, געזאָגט אויך עופות? דאָס איז נאָר אינאיינעם געבראַכט געוואָרען צו אדם, ער זאָל זיי רופען יעדען אַ נאָמען, און די ווערטער מן האדמה באַציהט זיך נאָר אויף כל חית השדה ניט אויף עוף השמים, „ויש אומרים בלשון אחר אמר לאותו הגמון, ובלשון הראשון אמר להם לתלמידיו, משום דכתיב על ויצר״, און טייל זאָגען דאָס מיט דעם אַנדערן לשון האָט ער געזאָגט צום הגמון, אַז פון וואַסער זענען די עופות באַשאַפען, און מיט׳ן ערשטע לשון, דאָס פון בלאָטע זענען זיי באַשאַפען געוואָרען,

משום דכתיב על ויצר, אמר רב יהודה משום ר׳ יצחק בן פנחס אין שחיטה לעוף מן התורה, שנא׳ ושפך בשפיכה בעלמא סגי, א״ה חיה נמי איתקש לפסולי המוקדשין, עוף נמי איתקש לבהמה, דכתיב זאת תורת הבהמה והעוף? הא כתיב (ויקרא י״ז) ושפך את דמו, ומאי חזית דשדייה ליה על עוף, שדייה אחיה? מסתברא משום דסליק מיניה, (סימן נתנבל דם במליקה) מיתיבי השוחט ונתנבלה בידו, הנוהר והמעקר פטור מלכסות, ואי אמרת אין שחיטה לעוף מן התורה נחירתו זו היא שחיטתו, ליבעי כסוי? מי סברת בעוף, לא, בחיה,

---

האָט ער געזאָגט צו זיינע תלמידים, צוליב ווייל ואת כל עוף השמים געהט אויך אַרויף אויף ויצר מן האדמה, „אמר רב יהודה משום ר׳ יצחק בן פנחס אין שחיטה לעוף מן התורה שנאמר ושפך, בשפיכה בעלמא סגי", רב יהודה האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יצחק בן פנחס, דאָס עס איז ניט פאַראַן קיין שחיטה ביי עופות פון דער תורה, דען דער פסוק זאָגט ביי דער מצוה פון צודעקען די בלוט ביי חיות און עופות דעם וואָרט ושפך וואָס מיינט, דאָס בלויז פאַרגיסען די בלוט איז גענוג, און זאת תורת נוצט ער פאַר דער זאַך פון ר׳ אלעזר, פרעגט די גמרא, „אי הכי חיה נמי"? אויב אַזוי, וואָלט דאָך אַ חיה אויך ניט דאַרפען קיין שחיטה? ענטפער „איתקיש לפסולי המוקדשין", חיות זענען געגליכען צו פסולי מוקדשין ווייטער אין דער גמרא, דאָס זיי דאַרפען שחיטה ווי פסולי מוקדשין, פרעגט די גמרא, „עוף נמי איתקש לבהמה דכתיב זאת תורת הבהמה והעוף"? עוף איז דאָך אויך געגליכען צו בהמה לויט דעם ערשטען תנא פון ר׳ אליעזר? „הא כתיב ושפך את דמו, עס שטעהט דאָך אָבער ושפך דאָס בלויז מיט׳ן פאַרגיסען די בלוט איז שוין גענוג, פרעגט די גמרא „ומאי חזית דשדייה ליה על עוף, שדייה אַ חייה"? און וואָס זעהסטו אָן, צו וואַרפען דעם פסוק אויף עופות, וואַרף איהם אויף חייה, דאָס זי האָט גענוג בלויז שפיכה? ענטפערט די גמרא, „מסתברא משום דסליק מיניה", די סברה גיט מיט דאָס אויף עופות, דען אוועקגעהענדיג פון עוף זאָגט דער פסוק ושפך, או עוף אשר יאכל ושפך את דמו, אָדער אַן עוף וואָס ווערט געגעסען און ער וועט פאַרגיסען זיין בלוט, זאָגט די גמרא „מיתיבי השוחט ונתנבלה בידו, הנוחר והמעקר פטור מלכסות", איך וועל דיר אַ קשיא פרעגען, מיר האָבען געלערנט אַז איינער שעכט אַן עוף אָדער אַ חייה וואָס מען דאַרף צודעקען די בלוט, און עס איז געוואָרען נבלה אין זיין האַנד, אָדער ער האָט געשאָכטען מיט נחירה דורכשטעכענדיג די ברוסט, אָדער ער האָט איבערגעהאַקט די סימנים ניט פיהרענדיג דעם סכין הין־און־צוריק איז ער פטור פון צודעקען די בלוט, ווייל דער פסוק זאָגט ביי זיי אשר יאכל די וואָס קענען ווערען געגעסען, אָבער ניט קיין נבלה, „ואי אמרת אין שחיטה לעוף מן התורה נחירתו זו היא שחיטתו ליבעי כיסוי"? און אויב דו וועסט זאָגען אַז שחיטה געהט ניט אָן ביי אַן עוף, איז דאָך נחירה אויך גוט אַלס שחיטה, זאָל ער דאַרפען צודעקען די בלוט פון עוף? ענטפערט די גמרא, „מי סברית בעוף? לא בחיה", מיינסטו דען, אַז דאָ שמועסט

ת"ש השוחט וצריך לדם חייב לכסות, כיצד הוא עושה? או נוהרו או עוקרו (כ"ח ע"א) מאי לאו בעוף דקא בעי ליה לדמיה ליניכא לא בחיה דקא בעי ליה לדמיה ללכא: ת"ש מלק בסכין מטמא בגדים אבית הבליעה ואי אמרת אין שחיטה לעוף מן התורה נהי נמי דכי תבר ליה שדרה ומפרקת הויא לה טרפה תהני לה סכין לטהרה מידי נבילה הוא דאמר כי האי תנא דתניא ר"א הקפר בר' אומר מה ת"ל אך כאשר יאכל את הצבי וגו' וכי מה למדנו מצבי ואיל מעתה הרי זה בא ללמד ונמצא למד מקיש צבי ואיל לפסולי המוקדשין

---

ביי אן עוף" ניין, דאָ שמועסט ביי א חיה, „תא שמע השוחט וצריך לדם חייב לכסות, כיצד הוא עושה? או נחרו או עקרו"? איך וועל דיר אַ קשיא פרעגען מיר האָבען געלערנט אז איינער שעכט דאַרפענדיג די בלוט, ווי אזוי זאָל ער טוען ניט דאַרפענדיג צוצודעקען? אָדער ער זאָל שעכטען דורך נחירה אָדער עקירה, „מאי לאו בעוף דקא בעי לה לדמיה ליניכא"? וואָס מיינסטו דען ניט אז די ברייתא שמועסט דאָ ביי אן עוף, וואו ער דאַרף זיין בלוט געגען מאָלען אין די קליידער, און ער זאָגט דאָס מיט נחירה אויב ער שעכט דאַרף ער ניט צודעקען, איז דאָך די קשיא אויב אן עוף זאָל ניט דאַרפען קיין שחיטה, איז דאָך נחירה אויך גוט, ווארום זאָל ער ניט דאַרפען צודעקען? ענטפערט די גמרא, „לא" ניין, בחייה דקא בעי ליה לדמיה ללכא", די ברייתא שמועסט ביי א חיה וואו ער דאַרף איהר בלוט פאַר אזא פאַרב: „תא שמע מלק בסכין מטמא בגדים אבית הבליעה. ואי אמרת אין שחיטה לעוף מן התורה, נהי נמי דכי תבר ליה שדרה ומפרקת, הויא לה טרפה, תהני לה סכין לטהרה מידי נבלה"? איך וועל דיר אַ קשיא פרעגען, מיר האָבען געלערנט אז ער האָט מולק געווען מיט אַ סכין, איז דער עוף מטמא די קליידער אויפ'ן מענש וועלכען אן אנדערער האָט דערלאַנגט די פלייש אין זיין שלינג, און אויב דו ווערסט זאָגען אז אן עוף האָט קיין שחיטה ניט, זאָל זיין ער צוברעכט מיט'ן סכין די שדרה מיט'ן מפרקת, איז עס אַ טרפה, אָבער וועניגסטענס זאָל דער סכין וועלכער שנייד אויך איבער די סימנים, העלפען צו רייניגען איהר פון אלס נבלה, ר' יצחק איז דאָך מודה אז עס איז פאַראַן אויך אַ טרפה ביי אן עוף, דאָ וואו ער שנייד ניט די סימנים, אָבער דאָ איז דאָך ניט ערגער פון נחירה וואו ער האָט אויך איבערגעשניטען די סימנים? ענטפערט די גמרא, „ הוא דאמר כי האי תנא דתניא ר' אלעזר הקפר ברבי אומר מה תלמיד לומר אך כאשר יאכל את הצבי וגו' וכי מה למדנו מצבי ואיל? מעתה הרי זה בא ללמד ונמצא למד", ר' יצחק וואָס זאָגט אין שחיטה לעוף מן התורה האַלט ווי דער תנא, דען מיר האָבען געלערנט ר' אלעזר הקפר זאָגט פון אַ גרויסען מאַן'ס וועגען, אויף וואָס שטעהט עפּעס ווי עס ווערען געגעסען אַ צבי און איל, וואָס וויל דער פסוק מיט דעם אונז אָנלערנען? יעצט קוקט עס אויס אז אנשטאַט ער איז געקומען אָנצולערנען אויף אַנדערע, לערנט ער נאָר אָפּ פון אַנדערע, „מקיש צבי ואיל לפסולי המוקדשין, מה פסולי המוקדשין

מה פסולי המוקדשין בשחיטה אף צבי ואיל בשחיטה ועוף אין לו שחיטה מדברי תורה אלא מדברי סופרים מאן תנא דפליג עליה דרבי אלעזר הקפר רבי היא דתניא רבי אומר וזבחת כאשר צויתיך מלמד שנצטוה משה על הושט ועל הקנה ועל רוב אחר בעוף ועל רוב שנים בבהמה: אחד בעוף: איתמר ר"נ אמר או ושט או קנה אדא בר אהבא אמר וושט ולא קנה ר"נ אמר או וושט או קנה אחד קתני אחד כל דהוא רב אדא בר אהבה אמר וושט ולא קנה מאי אחד מיוחד

---

בשחיטה אף צבי ואיל בשחיטה", ווייל ער גלייכט צבי און איל צו פסולי המוקדשין, פונקט ווי פסולי המוקדשין דארפען שחיטה פון דער תורה אזוי אויך צבי און איל וועלכע זענען חיות, ער כאפט אן פסולי המוקדשין, קדשים וועלכע זענען פסול געווארען דורך א פעהלער, און איינער פון די דריי כצבי וכאיל איז גע'דרש'ענט אויף פסולי מוקדשין, וועלכע דארפען זיכער שחיטה מן התורה און עטליכע תנאים לערנען דאך ארויס שחיטה פון קדשים, דעריבער כאפט די גמרא דא אן פסולי המוקדשין, אבער אין ספרי שטעהט ארויס בהמה, „ועוף אין לו שחיטה מדברי תורה אלא מדברי סופרים", און עוף האט ניט קיין שחיטה פון דער תורה נאר מדרבנן, „מאן תנא דפליג עליה דרי אלעזר הקפר? רבי היא, דתניא רבי אומר וזבחת כאשר צויתיך מלמד שנצטוה משה על הושט ועל הקנה ועל רוב אחד בעוף ועל רוב שנים בבהמה", און ווער איז דאס דער תנא אויבען וואס זאגט נוהרו או עוקרו וואס קומט אויס אז ער קריגט מיט ר' אלעזר הקפר? דאס איז רבי, דען מיר האבען געלערנט רבי זאגט דער פסוק זאגט דו זאלסט שעכטען ווי איך האב דיר געבאטען, דאס קומט אנלערנען דאס משה איז ווארשיינליך געבאטען געווארען אויפ'ן ושט און אויפ'ן קנה, אז מען מוז שעכטען איין מעהרהייט סימן ביים עוף און א מעהרהייט פוןביידע סימנים ביי בהמה, דען די שחיטה איז דאך נוהג געוועזן אזוי פון זייער אנקומען אין לאנד אריין ביז היינט, איז געוויס אזוי דאס כאשר צוויתיך באציהט זיך אויף גאנץ שחיטה סיי ביי בהמות סיי ביי עופות, קומען די אלע ברייתות וואס די גמרא פרעגט פון זיי אויף ר' יצחק בן פנחס ווי רבי דא: „אחד בעוף: איתמר רב נחמן אמר או וושט או קנה, רב אדא בר אהבה אמר וושט ולא קנה, איין סימן ביי אן עוף, מיר האבען געלערנט רב נחמן זאגט, אז די משנה מיינט אדער דעם וושט, די רעהר וואו די עסען געהט דורך אדער קנה די רעהר וואו די לופט געהט דורך, רב אדא בר אהבה זאגט דאס די משנה מיינט דעם וושט ניט דעם קנה, איז די גמרא באשיידינג, „רב נחמן אמר או וושט או קנה, אחד קתני, אחד כל דהו, רב אדא בר אהבה אמר וושט ולא קנה מאי אחד? מיוחד", רב נחמן וואס זאגט אדער דעם וושט אדער דעם קנה, און די משנה לערנט איין סימן ביים עוף, מיינט זי איין סימן וועלכער עס איז, און רב אדא בר אהבה וואס זאגט נאר דעם וושט ניט דעם קנה, היינט וואס מיינט די משנה מיט'ןווארט אחד? מיינט זי דער געאיינציגטער אין וועלכען דער לעבען איז

(סימן שחט חצאין גרגרת פגימה דהטאת העוף) מיתבי שחט את הוושט ואחר כך נשמטה הגרגרת כשרה נשמטה הגרגרת ואחר כך שחט את הוושט פסולה שחט את הוושט ונמצאת גרגרת שמוטה ואינו יודע אם קודם שחיטה נשמטה אם לאחר שחיטה נשמטה זה היה מעשה ואמרו כל ספק בשחיטה פסולה ואלו שחיטה בגרגרת לא קתני משום דגרגרת עבידא לאישתמוטי ת"ש שחט ב' חצאי סימנין בעוף פסולה ואין צריך לומר בבהמה ר' יהודה אומר בעוף עד שישחוט את הוושט ואת הורידין משום הושט סמוך לוורידין

---

מעהר אָפּהענגיג, דען דער וושט ווערט טרפה ווען אפילו ער איז נאָר עפּעס געלעכערט, און דער קנה ווערט ערשט טרפה, ווען אמעהרהייט פון איהם איז געשפּאָלטען, זאָגט די גמרא, „מיתיבי שחט את הוושט ואחר כך נשמטה הגרגרת כשרה", אז ער האָט געשאָכטען דעם וושט, און נאכהער איז אפּגעריסען און פּאררוקט געוואָרען פון זיין פּלאַץ די לופט רעהר, איז די שחיטה כשר, „נשמטה הגרגרת ואחר כך שחט את הוושט פסולה", אז אָבער דער גרגרת איז פריהער אָפּגעריסען און פּאררוקט געוואָרען און נאכהער האָט ער געשאָכטען דעם וושט איז די שחיטה פסול, (ארויסרייסענדיג זיך פונ'ם פּלאַץ פון באהעפטונג), „שחט את הוושט ונמצאת גרגרת שמוטה ואינו יודע אם קודם שחיטה נשמטה, אם לאחר שחיטה נשמטה", אז ער האָט געשאָכטען דעם וושט און עס האָט זיך ארויסגעציינט דאָס די גרגרת איז געווען אָפּגעריסען און אוועקגערוקט פון זיין פּלאַץ, נאָר ער ווייסט ניט צי פאר דער שחיטה איז דאָס געשעהן, צי נאָכהער ערשט האָט זיך דער גרגרת אוועקגערוקט, „זה היה מעשה, ואמרו כל ספק בשחיטה פסולה, ואילו שחיטה בגרגרת לא קתני"? עס האָט זיך געטראָפען אזוי און די חכמים האָבען געזאָגט יעדער צווייפעל ביי שחיטה איז פּסול, און דו זעהסט דאָך גוט דאָס די ברייתא וועגען שחיטה ביי גרגרת לערנט גאָרניט, איז דאָך א קשיא אויף רב נחמן וואָס זאָגט אז יעדען איינעם סימן וועלכען עס איז, אז ער שעכט איז כשר? ענטפערט די גמרא „משום דגרגרת עבידא לאישתמוטי" די ברייתא כאפּט אָן שחיטה נאָר ביים וושט צוליב, ווייל דער שטייגער אימער איז דער גרגרת זאָל אוועקהיפּען, אָבער לעולם איז קיין אונטערשייד ניט וועלכען סימן ער שעכט, צו דעם וושט צו דעם גרגרת, „תא שמע שחט שני חצאי סימנין בעוף פסולה ואין צריך לומר בבהמה", איך וועל דיר א קשיא פרעגען מיר האָבען געלערנט אז ער האָט געשאָכטען אָנשטאָט איין סימן צוויי האַלבע בייביידע סימנין, איז די שחיטה פּסול, און עס איז ניט נעדארפט צו זאָגען דעם דין ביי א בהמה, ווייל ביי איהר איז דאָך גענדארפט א מעהרהייט פון ביידע סימנים, „ר' יהודה אומר בעוף עד שישחוט את הוושט ואת הורידין"? ר' יהודה זאָגט ביי אן עוף איז ביז ער שעכט דעם וושט מיט די ורידין, איז דאָך א קשיא אויף רב נחמן זעהסט דאָך, דאָס שחיטה ביי אן עוף איז נאָר אויפ'ן וושט? ענטפערט די גמרא, „משום דוושט סמוך לורידין", ר' יהודה כאפּט אָן וושט צוליב זי איז נאָהענט

ת"ש שחט חצי גרגרת ושהה כדי שחיטה אחרת וגמר שחיטתו כשרה
מאי לאו בעוף ומאי גמרה לגרגרת לא בבהמה ומאי גמרה גמרה
לשחיטה כולה ת"ש הרי שהיה חצי קנה פגום והוסיף עליו כל שהוא
וגמרו שחיטתו כשרה מאי לאו בעוף ומאי גמרו גמרו לקנה לא
בבהמה ומאי גמרו גמרו לוושט ת"ש כיצד מולקין חטאת העוף חותך
שדרה ומפרקת בלא רוב בשר עד שמגיע לוושט או לקנה הגיע לוושט
או לקנה חותך סימן אחד ורוב בשר עמו ובעולה שנים או רוב שנים
תיובתא דרב אדא בר אהבא תיובתא מאי הוי עלה

---

צו די ורידין, „תא שמע שחט חצי גרגרת ושהה כדי שחיטה אחרת וגמר, שחיטתו כשרה, מאי, לאו בעוף ומאי גמרה? גמרה לגרגרת"? איך וועל דיך א קשיא פרעגען אז איינער האט געשאכטען א האלבען גרגרת, און ער האט געזוימט וויפיעל אן אנדערע שחיטה דארף געדויערן און נאכהער געענדיגט די שחיטה, איז זיין שחיטה כשר, ווייל שעכטענדיג א האלבע גרגרת איז זי נאך ניט קיין טרפה, דעריבער פסל'ט איהר ניט דער זוימען, דען די שחיטה איז גלייך ווי זי האט זיך נאך ניט אנגעפאנגען, נאר ערשט ביים ענדיגען איהר איז פולע שחיטה, וואס, מיינסטו דען ניט אז די ברייתא שמועסט ביי אן עוף), און וואס מיינט ענדיגען? ענדיגען די שחיטה ביים גרגרת, איז דאך א קשיא אויף רב אדא בר אהבה ער זאגט דאך נאר דעם וושט? ענטפערט די גמרא, „לא", ניין, „בבהמה ומאי גמרה? גמרה לשחיטה כולה", עס איז געמיינט ביי א בהמה, און פערטיגען מיינט די ברייתא, צו פערטיגען די גאנצע שחיטה פוןביידע סימנים, „תא שמע הרי שהיה חצי קנה פגום והוסיף עליו כל שהוא וגמרו, שחיטתו כשרה, מאי לאו בעוף, ומאי גמרו? גמרו לקנה"? איך וועל דיך א קשיא פרעגען, אז עס איז געוועזן א האלבער קנה איבערגעהאקט און ער האט צוגעשאכטען אביסעל און דערמיט געפערטיגט די שחיטה, איז זיין שחיטה כשר, וואס, מיינסטו דען ניט אז די ברייתא שמועסט ביי אן עוף און מיט'ן פערטיגען מיינט זי בלויז ביים קנה, איז דאך א קשיא אויף רב אדא בר אהבה וואס זאגט דאס איין סימן ביי אן עוף איז נאר כשר ביים וושט? ענטפערט די גמרא, „לא" ניין, בבהמה ומאי גמרו? גמרו לוושט", די ברייתא שמועסט ביי א בהמה און מיט'ן פערטיגען מיינט זי צו פערטיגען דעם וושט, „תא שמע כיצד מולקין חטאת העוף? חותך שדרה ומפרקת בלא רוב בשר עד שמגיע לוושט או לקנה, הגיע לוושט או לקנה חותך סימן אחד ורוב בשר עמו", איך וועל דיך א קשיא פרעגען, מיר האבען געלערנט, ווי אזוי ווערקט מען אפ א חטאת עוף? ער שנייד דורך די שדרה און מפרקת אהן א מעהרהייט פלייש אויף זיי, ביז ער גרייכט צום וושט אדער קנה, גרייכענדיג צום וושט אדער קנה, שנייד ער איבער איין סימן מיט זיין מעהרהייט פלייש, „ובעולה שנים או רוב שנים, תיובתא דרב אדא בר אהבה"? און ביי אן עולה שנייד ער איבער ביידע סימנים אדער א מעהרהייט פון ביידע סימנים, זעהסט דאך דאס ביי איין סימן, איז וועלכער עס איז, איז דאך א קשיא אויף רב אדא בר אהבה?

כדקאמרת דלמא שאני התם דאיכא שדרה ומפרקת מאי ת״ש דההוא בר אווזא דהוה בי רבא אתא כי ממסמס קועיה דמא אמר רבא היכי נעביד נשחטיה והדר ניבדקיה דלמא במקום נקב קשחיט ניבדקיה והדר נשחטיה האמר רבה וושט אין לו בדיקה מבחוץ אלא מבפנים אמר ליה רב יוסף בריה נבדקי׳ לקנה ונשחטי׳ לקנה ולכשריה והדר לפכוה לושט ולבדקיה אמר רבא חכים יוסף ברי בטרפות כר׳ יוחנן אלמא אחד דקאמר או האי או האי: ר׳ יהודה אומר עד שישחוט: אמר רב חסדא לא א״ר יהודה אלא בעוף הואיל וצולהו כולו כאחד אבל

---

„תיובתא" בלייבט די קשיא, „מאי הוי עלה"? ווי בלייבט דער דין ביי שחיטה? „מאי הוי עלה כדקאמרת"? דו פרעגסט ווי עס בלייבט דער דין, עס בלייבט ווי ערשט דו האסט געזאגט ביי מליקה? פרעגט די גמרא איבער „דילמא שאני התם דאיכא שדרה ומפרקת? מאי"? פיליכט איז ביי מליקה אנדערש ווייל עס איז דאך פאראן די שדרה און מפרקת וועלכע ער שנייד איבער, איז דעריבער געגנוג אפילו בלויז די קנה, אבער ביי שחיטה קען דאך זיין דאס נאר שעכטענדיג דעם וושט איז די שחיטה כשר ביי אן עוף? אלזא ווי בלייבט דער דין? „תא שמע דההוא בר אווזא דהוה בי רבא, אתא כי ממסמס קועיה דמא", איך וועל דיר אויפקלערן עס איז געווען די קאטשקע וואס איז געווען ביי רבא, אז מען האט בעטאפט זיין האלז, איז ארויס־געקומען בלוט, האט מען געדארפט אונטערזוכען די סימנין, צי דער קנה איז געשפאלטען צי דער וושט איז געלעכערט, ווייל מען הענגט אן, דאס פון א בים פון א כלב איז עס געשעהן ניט פון קיין נאגעל פון א קאץ וואס מאכט א דרסה, „אמר רבא היכי נעביד"? האט רבא געזאגט ווי אזוי זאלען מיר דא טוען? „נשחטיה והדר נבדקיה, דלמא במקום נקב קא שחיט"? זאלען מיר פריהער שעכטען און נאכהער בודק זיין, איז דאך א קלעהר, פיליכט האט ער געשאכטען אין זעלבען פלאץ וואו עס איז געווען געלעכערט? „נבדקיה והדר נשחטיה, האמר רבה וושט אין לו בדיקה מבחוץ אלא מבפנים"? זאלען מיר פריהער אונטערזוכען און נאכהער שעכטען, האט דאך רבה געזאגט דאס א וושט קען מען ניט בודק זיין פון אויסענווייניג נאר אינענווייניג ערשט נאך דער שחיטה, ווען מען קען איבערקעהרען דעם וושט און בודק זיין דורך דער אינענווייניגסטער הויט וואס איז וויים און קענטיג? „אמר ליה רב יוסף בריה נבדקיה לקנה ונשחטיה לקנה ולכשריה, והדר לפכוה לוושט ולבדקיה", האט צו איהם געזאגט רב יוסף זיין זוהן, מיר זאלען בודק זיין די קנה וואס איז קענטיג אפילו פאר דער שחיטה און מיר זאלען שעכטען די קנה אלס כשר, און נאכהער ארויסנעמען דעם וושט און איבערקערען איהם און בודק זיין, „אמר רבא חכים יוסף ברי בטרפות כרי יוחנן, אלמא אחד דקאמר או האי או האי", האט רבא געזאגט מיין זוהן יוסף איז קלוג אין טרפות ווי ר׳ יוחנן, זעהען מיר דאך גוט דאס איין סימן וואס די משנה זאגט, מיינט זי אדער דער אדער דער, ניט עקזועקטלי דעם וושט: „ר׳ יהודה אומר עד שישחוט את הורידין: אמר רב

בהמה כיון דמנתחה אבר אבר לא צריך למימרא דטעמא דרבי יהודה משום דם הוא והתנן רבי יהודה אומר עד שישחוט את הורידין אימא עד שינקוב את הורידין ומאי עד שישחוט עד שינקוב בשעת שחיטה תא שמע וורידין בשחיטה דברי ר' יהודה אימא וורידין צריך לנקבן בשעת שחיטה דברי רבי יהודה תא שמע אמרו לו לרבי יהודה מאחר שלא הוזכרו וורידין אלא להוציא מהן דם מה לי בשחיטה מה לי שלא בשחיטה מכלל דרבי יהודה סבר בשחיטה הכי קאמרי ליה מה לי לנקבן בשעת שחיטה מה לי לנקבן שלא בשעת שחיטה והוא סבר בשעת שחיטה אתי דם דחיים שלא בשעת שחיטה לא אתי דם דקריר

---

חסדא לא אמר ר' יהודה אלא בעוף הואיל וצולהו כולו כאחד, אבל בהמה כיון דמנתחה אבר אבר לא צריך", האָט רב חסדא געזאָגט אויף דעם דאָס ר' יהודה האָט דאָס ניט געזאָגט נאָר ביי אן עוף ווייל מען בראט איהם אלס אגאַנצען, מוז מען שעכטען די ורידין די בלוט זאָל ארויסגעהן, אָבער א בהמה צוליב ער צושנייד איהר גלידערווייז, דאַרף מען ניט, פרעגט די גמרא, „למימרא דטעמא דרי יהודה משום דם הוא, והתנן ר' יהודה אומר עד שישחוט את הורידין", קומט דאָך אויס צו זאָגען דאָס דער טעם פון ר' יהודה איז צוליב דעם בלוט, און מיר האָבען דאָך געלערנט אין דער משנה, דאָס ר' יהודה זאָגט אז די שחיטה איז ניט גוט ביז ער שעכט די ורידין, און אויב צוליב'ן בלוט, איז דאָך גענוג בלויז צו לעכערען די ורידין? ענטפערט די גמרא, „אימא עד שינקוב את הורידין, ומאי עד שישחוט? עד שינקוב בשעת שחיטה", זאָג דאָס ר' יהודה מיינט טאַקע צו זאָגען ביז ער לעכערט די ורידין, און דאָס וואָס ער זאָגט עד שישחוט מיינט ער צו זאָגען דאָס וועהרענד דעם שעכטען זאָל ער לעכערן די ורידין, „תא שמע" איך וועל דיר פרעגען, „וורידין בשחיטה דברי ר' יהודה"?" די וורידין דאַרפען איבערגעשניטען ווערען דורך שחיטה, אזוי האַלט ר' יהודה, זעהסט דאָך גוט דאָס נאָר דורך שחיטה, איז דאָך שוין ניט דער טעם צוליב דעם בלוט? ענטפערט די גמרא, „אימא וורידין צריך לנקבן בשעת שחיטה דברי ר' יהודה", זאָג אזוי דעם טעקסט ביי ר' יהודה, די וורידין זענען געדאַרפט צו לעכערען זיי וועהרענד דער שחיטה, אזוי האַלט ר' יהודה, „תא שמע אמרו לו לרי יהודה מאחר שלא הוזכרו וורידין אלא להוציא מהן דם מה לי בשחיטה מה לי שלא בשחיטה, מכלל דרי יהודה סבר בשחיטה"? איך וועל דיך א קשיא פרעגען די חכמים האָבען געזאָגט צו ר' יהודה אזוי באַלד די וורידין זענען ניט דערמאָנט נאָר געגען ארויסצוציהען פון זיי די בלוט, וואָס מאַכט עס אן אונטערשייד צי דורך שחיטה צי ניט דורך שחיטה, איז דאָך פון דעם געדרינגען דאָס ר' יהודה האלט דאָס נאָר דורך שחיטה? ענטפערט די גמרא „הכי קאמרי ליה מה לי לנקבן בשעת שחיטה, מה לי לנקבן שלא בשעת שחיטה", אזו האָבען זיי געמיינט איהם צו זאָגען אויב נאָר צוליב'ן בלוט, וואָס פאַר אן אונטערשייד איז, צו לעכערן זיי וועהרענד דער שחיטה אָדער ניט זייער שחיטה? „והוא סבר בשעת שחיטה אתי דם דחיים, שלא בשעת

בעי ר׳ ירמיה וורידין לרבי יהודה שהה בהן דרס בהן מהו א״ל ההוא סבא הכי אמר רבי אלעזר ואמרי לה אמר ליה ההוא סבא לרבי אלעזר הכי אמר רבי יוחנן מנקבן בקוץ והן כשרין תניא כוותיה דרב חסדא שחט שני חצאי סימנין בעוף פסול ואין צריך לומר בבהמה רבי יהודה אומר בעוף עד שישחוט את הוושט ואת הוורידין: חצי אחד בעוף וכו׳: אתמר רב אמר מחצה על מחצה כרוב רב כהנא אמר מחצה על מחצה אינו כרוב רב אמר מחצה על מחצה כרוב הכי אמר ליה רחמנא למשה לא תשייר רובא רב כהנא אמ׳ מחצה על מחצה אינו כרוב הכי א״ל רחמנא למשה שחוט רובא (סימן חצי קטינא גרגרת

---

שחיטה לא אתי דם דקריר", און ר׳ יהודה דענקט ווידער דאָס ווערענד דער שחיטה קומט אַרויס די בלוט ווייל זי איז וואַרם, און ניט ווערענד שחיטה, קומט ניט אַרויס די בלוט ווייל זי איז קאַלט, „בעי ר׳ ירמיה וורידין לרבי יהודה שהה בהן דרס בהן מהו"? ר׳ ירמיה האָט אַ פראַגע געפרעגט די וורידין נאָך ר׳ יהודה נאָך, וואָס ער זאָגט זיי דאַרפען שחיטה, אויב ער האָט געמאַכט ביי זיי אַ שהייה אָדער אַ דרסה ווי איז דער דין? צו מיינט ר׳ יהודה אַ רעכטע שחיטה צי ניט? "אמר ליה ההוא סבא, הכי אמר ר׳ אלעזר ואמרי לה אמר ליה ההוא סבא לר׳ אלעזר, הכי אמר ר׳ יוחנן מנקבן בקוץ והן כשרין", האָט צו איהם געזאָגט דער זקן, אַזוי האָט ר׳ אלעזר געזאָגט, און טייל זאָגען דאָס דער זקן האָט דאָס געזאָגט צו ר׳ אלעזר, דאָס אַזוי האָט געזגט ר׳ יוחנן, אַז אויב מען לעכערט די ורידין מיט אַ שטיכהאָלץ זענען זיי אויך כשר, „תניא כוותיה דרב חסדא שחט שני חצאי סימנין בעוף פסול ואין צריך לומר בבהמה, ר׳ יהודה אומר בעוף עד שישחוט את הוושט ואת הוורידין", מיר האָבען געלערנט אַזאַ גלייכונג ווי רב חסדא דאָס ביי שחיטה פון וורידין האַלט ר׳ יהודה נאָר ביי אַן עוף, דען מיר האָבען געלערנט אַז ער האָט געשאָכטען צוויי האַלבע סימנים ביי אַן עוף האַלב אין וושט און אַ האַלבען אין קנה, איז די שחיטה פסול ווייל ביי קיין איינעם פון זיי איז ניטאָ קיין שיעור, און עס איז ניט געדאַרפט צו זאָגען דאָס, ביי אַ בהמה וואָס דאַרף שחיטה אויףביידע סימנים, ר׳ יהודה זאָגט דאָס ביי אַן עוף איז ביז ער שעכט דעם וושט און די וורידין אָבער ניט ביי אַ בהמה: „חצי אחד בעוף וכו׳ אתמר רב אמר מחצה על מחצה כרוב, רב כהנא אמר מחצה על מחצה אינו כרוב", מיר האָבען געלערנט רב זאָגט דאָס האַלב און האַלב איז גלייך ווי אַ מעהרהייט און די שחיטה איז כשר, און רב כהנא זאָגט דאָס האַלב און האַלב איז ניט גלייך ווי אַ מעהרהייט, איז די גמרא מפרש „רב אמר מחצה על מחצה כרוב, הכי אמר ליה רחמנא למשה לא תשייר רובא", רב וואָס זאָגט אַז מחצה על מחצה איז ווי רוב, ווייל עס ווערט איינגעלערנט דאָס אַזוי האָט ג־ט געזאָגט צו משה זאָלסט ניט איבערלאָזען קיין מעהרהייט אומדערשאָכטען, „רב כהנא אמר מחצה על מחצה אינו כרוב, הכי אמר ליה רחמנא למשה שחוט רובא", און רב כהנא וואָס זאָגט אַז מחצה על מחצה איז ניט ווי אַ רוב ווייל מען לערנט איין

פגימה) תנן חצי אחד בעוף ואחד וחצי בבהמה שחיטתו פסולה אי אמרת מחצה על מחצה כרוב אמאי פסול הא עבד ליה רוב מדרבנן דילמא לא אתי למעבד פלגא א״ר קטינא ת״ש חלקו לשנים והן שוים שניהם טמאין לפי שאי אפשר לצמצם הא אפשר לצמצם טהורין אמאי טהורין זיל הכא איכא רובא וזיל הכא איכא רובא אמר רב פפא תרי רובא בחד מנא ליכא ת״ש שחט חצי גרגרת ושהה בה (דף כ״ט ע״א) כדי שחיטה אחרת וגמרה שחיטתו כשרה ואי אמרת מחצה על מחצה כרוב איטרפה לה מי

---

דאָס אזוי האָט ג־ט געזאָגט צו משה שעכט א מעהרהייט, זאָגט די גמרא „תנן" איך וועל דיך א קשיא פרעגען מיר האָבען געלערנט אין אונזער משנה, „חצי אחד בעוף ואחד וחצי בבהמה שחיטתו פסולה, ואי אמרית מחצה על מחצה כרוב אמאי פסול הא עביד ליה רוב"? א האַלבער סימן ביי אַן עוף און א סימן און א האַלב ביי בהמה, איז זיין שחיטה פסול, און אויב דו זאָגסט מחצה על מחצה איז ווי א רוב, ווארום זאָל זיין די שחיטה פסול, ער האָט דאָך געשאָכטען א רוב? ענטפערט די גמרא, „מדרבנן דילמא לא אתי למעבד פלגא", די שחיטה איז פסול נאָר מדרבנן, צוליב טאָמער וועט ער ניט דערשעכטען א גאַנצען העלפט, אָבער א רוב איז קענטיג, דער אונטערשייד דערביי איז דאָס ביי האַלב און האַלב איז עס ניט מטמא ווי א נבלה. דען לויט דער תורה איז די שחיטה א גוטע שחיטה, „אמר רב קטינא תא שמע חלקו לשנים והן שוין שניהם טמאין לפי שאי אפשר לצמצם", האָט רב קטינא געזאָגט איך וועל דיר א קשיא פרעגען מיר האָבען געלערנט ביי אַן אויוועון וואָס איז טמא געוואָרען, און זיין דין איז דאָס די שטיינער געהען ניט ארויס פון זייער טומאה, ביז דער אויוועון ווערט צוליגט אין זיין מעהרהייט, און אז ער האָט איהם צוטיילט אויף צוויי העלפטען אַלס ביידע גלייך, זענען זיי ביידע טמא, ווייל עס איז ניט מעגליך די צוטיילונג זאָל טרעפען פּינקטליך, איז דאָך א ספק וועלכע העלפט איז דער רוב, זענען זיי דעריבער ביידע טמא, איז דאָך די קשיא „הא אפשר לצמצם טהורין, אמאי טהורין, זיל הכא איכא רובא, זיל הכא איכא רובא"? אָבער ווען מען זאָל יאָ קענען מצמצם זיין וואָלטען זיי ביידע זיין ריין, ווארום? געה צו דער העלפט איז דאָ א מעהרהייט, געה צו דער העלפט איז דאָ א מעהרהייט, מוז דאָך זיין דאָס א העלפט איז ניט קיין רוב איז דאָך א קשיא אויף רב? „אמר רב פפא תרי רובי בחד מנא ליכא", האָט רב פפא געזאָגט, דאָס צוויי מעהרהייטען ביי איין כלי איז ניט פאַראַן אָבער דאָ ביי שחיטה איז דאָך דער טעם דאָס אזוי האָט ג־ט געזאָגט זאָלסט ניט איבערלאָזען א העלפט ניט דערשאָכטען, איז דאָך שוין ניטאָ א העלפט געגען א העלפט, „תא שמע שחט חצי גרגרת ושהה בה כדי שחיטה אחרת וגמרה שחיטתו כשרה, ואי אמרית מחצה על מחצה כרוב איטרפא להי"? איך וועל דיר א קשיא פרעגען אז ער האָט איינגעשאָכטען א העלפט לופטרעהר און געמאַכט א שהייה פאַרזוימענדיג וויפיעל א שחיטה באַטרעפט און פאַרענדיגט דעם רוב, איז זיין שחיטה כשר, און אויב דו זאָגסט אז מחצה על מחצה איז

סברת בבהמה לא בעוף ממה נפשך אי מחצה על מחצה כרוב הא עביד ליה רובא אי מחצה על מחצה אינו כרוב, לא עבד ולא כלום, ת"ש הרי שהיה חצי קנה פגום והוסיף עליו כל שהו וגמרו שחיטתו כשרה, ואי אמרת מחצה על מחצה כרוב טרפה הויא? אמר רבא שאני לעניין טרפה דבעינן רוב הנראה לעינים, א"ל אביי ולא כל דכן הוא, ומה טרפה דבמשהו מיטרפא, היכא דבעינן רובא בעינן רוב הנראה לעינים, שחיטה דעד דאיכא רובא לא מיתכשרא, לא כ"ש דבעינן רוב הנראה לעינים? אלא דכולי עלמא מחצה על מחצה אינו כרוב, וכי איתמר דרב ודרב כהנא, לעניין פסח איתמר, הרי

ווי א רוב, איז דאָך די שחיטה שוין אויסגעגאנגען און עס הייסט בלויז א ריס וואָלט דאָך עס שוין טריפה געוואָרען דורך דער שהייה, נאָר מוז דאָך זיין דאָס מחצה על מחצה איז ניט ווי א רוב, איז דאָך א קשיא אויף רב? ענטפערט די גמרא, „מי סברת בבהמה? לא בעוף" מיינסטו דען, אז דאָ שמועסט ביי א בהמה, ניין, דאָ שמועסט ביי אן עוף וואו די שחיטה איז כשר ביי בלויז א האלבען סימן און די שהייה העלפט ניט צו קאַליע מאַכען די שחיטה, ווייל „ממה נפשך, אי מחצה על מחצה כרוב, הא עביד ליה רובא? אי מחצה על מחצה אינו כרוב לא עביד ולא כלום", דען מה נפשך אַלענפאַלס איז כשר, איז מחצה על מחצה ווי א רוב, האָט ער דאָך געשאָכטען א רוב? איז מחצה על מחצה ניט ווי א רוב האָט ער דאָך גאָרניט געטוען, דען טריפה ווערט דאָך ניט ביז א מעהרהייט קנה ווערט איבערגעהאַקט, „תא שמע הרי שהיה חצי קנה פגום והוסיף עליו כל שהוא וגמרו שחיטתו כשרה, ואי אמרית מחצה על מחצה כרוב טריפה הויא"? איך וועל דיר א קשיא פרעגען, מיר האָבען געלערנט אין א ברייתא, אז א האַלבער קנה איז געווען געשפּאָלטען און ער האָט צוגעשאָכטען אביסעל אין דער מיט פאַרפערטיגט די שחיטה איז זיין שחיטה כשר, און אויב דו זאָגסט דאָס מחצה על מחצה איז ווי א רוב איז דאָך דער עוף א טריפה נאָר בעפאָר זיין דערשעכטען"? „אמר רבא שאני לענין טרפה דבעינן רוב הנראה לעינים", האָט רבא געזאָגט געגען צו מאַכען טרפה איז אנדערש ווייל עס דאַרף זיין אזא רוב וואָס איז קענטיג פאַר די אויגען, „אמר ליה אביי ולא כל שכן הוא? ומה טרפה דבמשהו מיטרפא, היכא דבעינן רובא, בעינן רוב הנראה לעינים, שחיטה דעד דאיכא רובא לא מיתכשרא לא כל שכן דבעינן רוב הנראה לעינים"? האָט אביי צו איהם געזאָגט איז עס דען ניט א געווים אזוי ביי שחיטה, אלס א קל וחומר פון טרפה, דען מיידאָך טרפה וואָס געהט אָן די מעהרסט דורך א משהו וואו א גליד אינסייט איז נאָר עפּעס געלעכערט, איז עס שוין טרפה, פונדעסטוועגען וואו מען דאַרף א רוב, מוז זיין אזא רוב וואָס איז קענטיג פאַר'ן אויג, שחיטה וואָס ביז צום רוב ווערט ניט כשר, איז דען ניט קיין געווים עס זאָל מוזען האָבען א רוב וואָס איז קענטיג פאַר די אויגען? וואָס דען זאָגט רב מחצה על מחצה איז ווי א רוב? אלא זאָגט די גמרא, „דכולי עלמא מחצה

שהיו ישראל מחצה טהורים ומחצה טמאים, רב אמר מחצה על מחצה כרוב, ורב כהנא אמר מחצה על מחצה אינו כרוב, והתם מ״ט דרב? דכתיב (במדבר ט) איש איש כי יהיה טמא לנפש, איש נדחה ואין צבור נדחין: רוב אחד בעוף: תנינא חדא זימנא רובו של אחד כמוהו? (הכש פשח סימן) אמר רב הושעיא חדא בחולין, וחדא בקדשים, וצריכא, דאי אשמעינן חולין התם הוא דסגי ליה ברובא, משום דלאו לדם הוא צריך, אבל קדשים דלדם הוא צריך, אימא לא תיסגי ליה ברובא, עד דאיכא כוליה, ואי אשמועינן קדשים משום דלדם הוא צריך, אבל חולין דלדם לא צריך, אימא בפלגא סגי ליה?

---

על מחצה אינו כרוב, וכי איתמר דרב ודרב כהנא לענין פסח איתמר, הרי שהיו ישראל מחצה טהורין ומחצה טמאים רב אמר מחצה על מחצה כרוב, ורב כהנא אמר מחצה על מחצה אינו כרוב", אלע האלטען דאס מחצה על מחצה איז נים ווי א רוב, איי וואס איז זייער מחלוקת? נאר זייער מחלוקת איז געלערנט געגען פסח, דען מיר האבען געלערנט אז עס האט פאסירט דאס די יודען זענען געוועזען א העלפט ריין און אהעלפט טמא, זאגט רב דאס מחצה על מחצה איז ווי רוב און אלע מעגען מאכען דעם קרבן פסח (נאר די טמאים באזונדער און די טהורים באזונדער) און רב כהנא זאגט דאס מחצה על מחצה איז נים ווי א רוב און די טמאים ווערען צוריק־געשטויסען פאר פסח שני, פרעגט דיגמרא, „והתם מאי טעמא דרב"? אויב איבעראל מוז זיין א רוב וואס איז דער טעם דא נאך רב נאך? ענטפערט די גמרא, „דכתיב איש כי יהיה טמא לנפש אדם, איש נדחה ואין צבור נידחין", ווייל דער פסוק זאגט יעדער מאן וואס וועט זיין טמא באריענדיג א מת, ווערט ער געשטויסען צו פסח שני טייטש איך דאס נאר איינצעלנע ווערען געשטופט צו פסח שני ניט דער ציבור, און א העלפט חאטש ער איז ניט דער ציבור, אבער קיין איינצעלנע זענען זיי אויך ניט, דעריבער זאגט דא רב דאס דער העלפט איז גלייך ווי דער רוב: „רוב אחד בעוף: פרעגט די גמרא, „תנינא חדא זימנא רובו של אחד כמוהו"? מיר האבען דאך שוין דאס געלערנט אין דער זעלבער משנה אז דער רוב פון'ם סימן איז ווי ער אלס א גאנצער סימן? „אמר רב הושעיא חדא בחולין וחדא בקדשים וצריכא, דאי אשמעינן חולין, התם הוא דסגי ליה ברובא, משום דלאו לדם הוא צריך, אבל קדשים דלדם הוא צריך, אימא לא תיסגי ליה ברובא, עד דאיכא כוליה", האט רב הושעיא געזאגט איינס דארף איך פאר חולין און איינס פאר קדשים, און זענען גדארפט ביידע, דען ווען ער וואלט מיר לאזען הערען בלויז ביי חולין, וואלט איך זאגען, דאס נאר דארט איז גענוג א רוב, ווייל ער דארף נים האבען די בלוט, אבער ביי קדשים וואו ער דארף די בלוט פאר זריקה, וואלט איך זאגען, עס זאל ניט גענוג זיין א רוב, צייטענס דעם גאנצען סימן עס זאל ארוים וואס מעהר בלוט, „ואי אשמעינן קדשים משום דלדם הוא צריך, אבל חולין דלדם לא צריך אימא בפלגא סגי ליה? קא משמע לן", און ווען ער וואלט מיך לאזען הערען בלויז ביי קדשים, וואלט איך זאגען,

קמ״ל, הי בחולין והי בקדשים? אמר רב כהנא מיסתברא רישא בחולין, וסיפא בקדשים, ממאי? מדקתני השוחט, ואי סלקא דעתך רישא בקדשים, המולק מיבעי ליה? אלא מאי סיפא בקדשים, שחיטתו כשרה, מליקתו כשרה מיבעי ליה? הא ל״ק איידי דסליק מבהמה, תנא נמי שחיטתו כשרה, אלא רישא מכדי על עוף קאי, אי סלקא דעתך בקדשים, המולק מיבעי ליה? רב שימי בר אשי אמר רישא בחולין מהכא, דקתני אחד בעוף, ואי ס״ד בקדשים, הא איכא עולת העוף דבעי שני סימנין? אלא מאי סיפא בקדשים, רוב אחד בעוף, הא איכא עולת העוף דבעי שני סימנין? מאי רוב אחד? רוב כל אחד ואחד, ובדין הוא

---

נאָר ביי קדשים איז געדארפט א רוב, צוליב ער דארף האָבען די בלוט, אָבער ביי חולין וואו ער דארף ניט די בלוט, וואָלט איך זאָגען עס זאָל גענוג זיין אפילו א האלבער סימן? לאָזט מיר די משנה הערען דאָבעל עס זאָל זיך באציהען פאַר בײדע, פרעגט די גמרא, „הי בחולין והי בקדשים? אמר רב כהנא מיסתברא רישא בחולין וסיפא בקדשים, ממאי? מדקתני השוחט״, וועלכער פאַל שמועסט ביי חולין און וועלכער שמועסט ביי קדשים? האָט רב כהנא געזאָגט, די סברה גיט מיט, דאָס די רישא מיינט חולין און די סיפא קדשים, פון וואַנען נעמסטו דאָס? ווען איך זעה ער לערנט מיט׳ן וואָרט השוחט, „ואי סלקא דעתך רישא בקדשים, המולק מיבעיא ליה״? און אויב עס וועט ארויף אויף דיין געדאנק, דאָס די רישא שמועסט פון קדשים האָט דאָך די משנה אנשטאָט השוחט געדארפט לערנען דאָס וואָרט המולק? פרעגט די גמרא, „אלא מאי? סיפא בקדשים, שחיטתו כשרה? מליקתו כשרה מיבעי ליה״? נאָר וואָס דען? דו ווערסט איינזעצען די סיפא ביי קדשים, איז דאָך ווידער די קשיא וואָס ער זאָגט שחיטתו כשרה? אנשטאָט דעם וואָרט דארף דאָך שטעהן מליקתו כשרה? ענטפערט די גמרא, „הא לא קשיא איידי דסליק מבהמה תנא נמי שחיטתו כשרה, אלא רישא מכדי על עוף קאי, אי סלקא דעתך בקדשים, המולק מיבעי ליה״? דאָס איז ניט קיין קשיא ביי דער סיפא, ווייל ער געהט דאָך אוועק פון בהמה דעריבער לערנט ער שוין דעם לשון שחיטתו כשרה וואָס איז גילטיג פאַר בײדע, אָבער די רישא וואָס זאָגט רובו של אחד כמוהו באציהט זיך דאָך אויפ׳ן עוף, און אויב ביי קדשים וואָלט דאָך דאַרפען שטעהן המולק? „רב שימי אמר רישא בחולין מהכא דקתני אחד בעוף. ואי סלקא דעתך בקדשים, הא איכא עולת העוף דבעי שני סימנים״, רב שימי בר אשי זאָגט, אז די רישא שמועסט ביי חולין איז געדרונגען פון דאַנען, ווען איך זעה ער לערנט איין סימן ביי אַן עוף, און אויב ביי קדשים, איז דאָך פאַראַן אויך אַן עולה וואָס דארף בײדע סימנים? פרעגט די גמרא, „אלא מאי סיפא בקדשים רוב אחד בעוף, הא איכא עולת העוף דבעי שני סמנים״? נאָר וואָס דען ווערסטו זאָגען אַז די סיפא שמועסט ביי קדשים איז דאָך אויך די זעלבע קשיא, ער לערנט רוב אחד בעוף, עס איז דאָד פאַראַן אויך אַן עולת העוף ביי קדשים וואָס דארף בײדע סימנים? ענטפרט די גמרא „מאי רוב אחד? רוב כל אחד ואחד״, ווייסטו וואָס די משנה

דליתני רוב שנים, כיון דאיכא חטאת דסגי ליה בחד סימן, מש"ה לא פסיקא ליה, רב פפא אמר רישא בחולין מהכא, דקתני ר' יהודה אומר עד שישחוט את הורידין, ופליגי רבנן עליה אי אמרת בשלמא בחולין שפיר, אלא אי אמרת בקדשים אמאי פליגי רבנן עליה הוא עצמו לדם הוא צריך? רב אשי אמר סיפא בקדשים מהכא דקתני השוחט שני ראשין כאחד שחיטתו כשרה השוחט דיעבד אין, לכתחילה לא, אי אמרת בשלמא בקדשים היינו דלכתחילה לא, משום דתני רב יוסף (דברים י"ב) תזבח שלא יהא שנים שוחטים זבח אחד, (ויקרא י"ט) תזבחוהו, שלא יהא אחד שוחט שני זבחים, ואמר רב

---

מיינט מיט'ן רוב אחד? זי מיינט א רוב פון יעדען איינעם סימן, „ובדין הוא דליתני רוב שנים, כיון דאיכא חטאת דסגי ליה בחד סימן, משום הכי לא פסיקא ליה", און ריכטיג איז דאָס ער האָט טאקע געדארפט לערנען אויך רוב שנים, נאָר ווייל עס איז פאראן א חטאת וואָס האָט גענוג איין סימן איז דעם תנא ניט באקוועם צו לערנען א טאָפּעל לשון און ער לערנט בעסער רוב אחד, וואָס קען זיך אויך איינטייטשען א רוב פון יעדען איינעם סימן, „רב פפא אמר רישא בחולין מהכא דקתני ר' יהודה אומר עד שישחוט את הוורידין ופליגי רבנן עליה", רב פּפּא זאָגט אז די רישא שמועסט ביי חולין דרינגט זיך פון דאנען, דען ער לערנט אין דער משנה, דאָס ר' יהודה זאָגט ביז ער שעכט די וורידין, און די רבנן קריגען אויף איהם, „אי אמרית בשלמא בחולין שפיר, אלא אי אמרית בקדשים אמאי פליגי רבנן עליה, כל עצמו לדם הוא צריך"? אנדערש אז ווערסט איינטייטשען ביי חולין איז רעכט, אָבער אז דו ווערסט זאָגען ביי קדשים, וואָרום זאָלען די רבנן קריגען אויף איהם? די גאַנצע זאַך פון ורידין איז עס זאָל בעסער ארויס די בלוט, און ביי קדשים איז דאָך איינגאַנצען צוליב די בלוט, „רב אשי אמר סיפא בקדשים מהכא, דקתני השוחט שני ראשין כאחד שחיטתו כשרה", רב אשי זאָגט אז די סיפא שמועסט ביי קדשים איז גידרינגען פון דאנען, דען די משנה לערנט באלד דערנאָך אז איינער שעכט צוויי קעפּ מיט איינמאָהל איז זיין שחיטה כשר, „השוחט דיעבד אין, לכתחילה לא, אי אמרית בשלמא בקדשים היינו דלכתחילה לא", השוחט מיינט דאָך דאָס אויב ער האָט שוין געשאָכטען, יאָ, איז די שחיטה כשר, אָבער לכתחילה ניט, אנדערש אז דו ווערסט זאָגען אז די סיפא שמועסט ביי קדשים, איז רעכט וואָרום לכתחילה ניט, עס איז דאָך קדשים? „משום דתני רב יוסף תזבח שלא יהא שנים שוחטין זבח אחד, תזבחוהו, שלא יהא אחד שוחט שני זבחים, ואמר רב כהנא תזבחהו כתיב", צוליב רב יוסף האָט געלערנט דער פסוק זאָגט לרצונכם תזבחהו איהר זאָלט איהם שעכטען צו אייער ווילען, ווען עס וואָלט שטעהן תזבח אָהן „הו" וואָלט עס טייטש זיין דו זאָלסט שעכטען, ניט קיין צוויי זאָלען שעכטען איין זבח, יעצט אז עס שטעהט תזבחהו מיינט עס שוין אויך אז איינער זאָל ניט שעכטען קיין צוויי זבחים, איי תזבחוהו איז דאָך געזאָגט צו מעהר, איהר זאָלט איהם שעכטען? האָט אויף דעם רב כהנא געזאָגט אז עס שטעהט תזבחהו אָהן א

כהנא תזבחהו כתיב, אלא אי אמרת בחולין אפי' לכתחילה נמי? ואף ר"ש בן לקיש סבר רישא בחולין וסיפא בקדשים, דאמ' ר"ש בן לקיש מאחר ששנינו רובו של אחד כמוהו, למה שנינו רוב אחד בעוף ורוב שנים בבהמה? לפי ששנינו הביאו לו את התמיד קרצו ומירק אחר שחיטתו על ידו, יכול לא מירק יהא פסול? לכך שנינו רוב אחד בעוף ורוב שני' בבהמה, אמ' מר יכול לא מירק יהא פסו'? (דף כ"ט ע"ב) א"כ הויא לה עבודה באחר, ותניא כל עבוד' יה"כ אינן כשרות אלא בו? ה"ק יכול יהא פסול מדרבנן, דס"ד אמינא איכא פסו' מדרבנן? לכך שנינו רוב אחד בעוף, ורוב שנים בבהמה, ומאחר דאפי' פסולא

---

וי"ו נאך דעם הי"ת וואס טייטשט זיך שוין דו זאלסט איהם שעכטען, דאס מיינט לויט דער סברה פון יש אם למסורת אז הופטזעכליך באווייזען די בוכשטאבען, ניט דער ליינען, „אלא אי אמרית בחולין אפילו לכתחילה נמי? אבער אז דו ווערסט זאגען די סיפא שמועסט ביי חולין, איז דאך די קשיא, חולין מעג דאך איינער שעכטען צוויי קעפ מיטאמאהל אפילו לכתחילה? נאר מוז זיין אז עס רעד זיך ביי קדשים, „ואף רי שמעון בן לקיש סבר רישא בחולין וסיפא בקדשים, דאמר מאחר ששנינו רובו של אחד כמוהו למה שנינו רוב אחד בעוף ורוב שנים בבהמה? לפי ששנינו הביאו לו את התמיד קרצו ומירק אחר שחיטתו על ידו", אז אויך ריש לקיש האלט דאס די רישא שמועסט ביי חולין און די סיפא ביי קדשים, דען ער זאגט אזוי ווי מיר האבען שוין געלערנט אז ארוב איז אזוי ווי א גאנצער סימן, צו וואס לערנען מיר נאך, איין רוב סימן ביי אן עוף און צוויי רוב סימנים ביי א בהמה? איז ווייל מיר האבען געלערנט ביי דער עבודה פון יום כיפור, אז מען האט איהם צוגעבראכט דעם תמיד פון דערפריה האט ער דער כהן גדול אויף שנעל איינגעשניטען א רוב שנים און אן אנדערער האט פארענדיגט פאר איהם די שחיטה איבערשניידענדיג די גאנצע סימנים, דאס איז געטאן געווארען אזוי, ווייל אלע עבודות אין יום כפור דארפען געטוען ווערען נאר דורכ'ן כהן גדול, האט ער געמענגט קריגען הילף, דעריבער האט ער נאר געטוען לויט הכשר שחיטה א רוב שנים, „יכול לא מירק יהא פסול? לכך שנינו רוב אחד בעוף ורוב שנים בבהמה", און איך וואלט מיינען אויב מען ענדיגט ניט די סימנין זאל דער קרבן זיין פסול? דעריבער האבען מיר געלערנט רוב אחד ביי אן עוף און רוב שנים ביי א בהמה, „אמר מר יכול לא מירק יהא פסול"? פרעגט די גמרא, „אם כן הויא ליה עבודה באחר"? דו זאגסט דאס איך וואלט מיינען, אויב מען ענדיגט ניט די סימנין איז דער קרבן פסול? קומט דאך אויס דאס אן עבודה אהן וועלכער דער קרבן איז פסול, ווערט געטוען דורך אן אנדערען? „ותניא כל עבודת יום הכיפורים אינן כשרות אלא בו"? און מיר האבען דאך געלערנט דאס אלע עבודות פון טאג, זענען ניט כשר נאר דורך איהם? ענטפערט די גמרא, „הכי קאמר יכול יהא פסול מדרבנן, דסלקא דעתך אמינא איכא פסול מדרבנן? לכך שנינו רוב אחד בעוף ורוב שנים בבהמה",

דרבנן ליכא למה לי למרק? מצוה למרק: אמר ר"ש בן לקיש משום לוי סבא אינה לשחיט' אלא בסוף, ורבי יוחנן אמ' ישנה לשחיטה מתחילה ועד סוף, אמ' רבא הכל מודים היכא דשחט סימן אחד עכו"ם, וסימן אחד ישראל, שהיא פסול', שהרי נעשה בה מעשה טריפה ביד עכו"ם, בעולת העוף נמי, היכא דמליק סימן אחד למטה, וסימן אחד למעלה פסולה, שהרי עשה בה מעשה חטאת העוף למטה, לא נחלקו אלא כגון ששחט סימן אחד בחוץ, וסימן אחד בפנים, למ"ד ישנה לשחיטה מתחילה ועד סוף מיחייב, למ"ד אינה לשחיטה אלא

---

אזוי מיינט ריש לקיש צו זאָגען איך וואָלט מיינען אויב מען ענדיגט ניט די סימנים ביי קדשים איז עס פסול מדרבנן? דעריבער האָבען מיר געלערנט אין אונזער משנה א רוב פון איין סימן ביי אַן עוף און פון ביידע סימנים ביי א בהמה, אפילו מדרבנן איז אויך ניט הארבער, פרעגט די גמרא, „ומאחר דאפילו פסולא דרבנן ליכא, למה לי למרק? מצוה למרק", און וויבאַלד עס איז ניט קיין פסול אפילו מדרבנן, צי וואָס איז גערארפט צו ענדיגען די שחיטה, דער כהן גדול האָט דאָך געשאָכטען רוב שנים? ענטפערט די גמרא עס איז א מצוה צו איבערשניידען די גאַנצע סימנים, צוליב'ן בלוט: „אמר רי שמעון בן לקיש משום לוי סבא אינה לשחיטה אלא בסוף, ורי יוחנן אמר ישנה לשחיטה מתחילה ועד סוף", ר' שמעון בן לקיש האָט געזאָגט אין נאָמען פון לוי דעם זקן, דאָס שחיטה הייסט ניט קיין שחיטה נאָר ערשט ביי איהר ענד, און ר' יוחנן זאָגט זי איז יאָ א שחיטה פון אָנפאַנג ביז איהר ענד, די גמרא וועט ווייטער באַשיידען דעם אונטערשייד, „אמר רבא הכל מודים, היכא דשחט סימן אחד עובד כוכבים וסימן אחד ישראל שהיא פסולה שהרי נעשה בה מעשה טרפה ביד עובד כוכבים", האָט רבא געזאָגט אַלע זענען מודה, וואו עס האָט געשאָכטען איין סימן א גוי און איין סימן א יוד, דאָס די שחיטה איז פסול, ווייל עס איז דאָך געטוען געוואָרען א מעשה טרפה דורך א גוי ביי א רוב סימן, „בעולת העוף נמי היכא דמלק סימן אחד למטה וסימן אחד למעלה פסולה, שהרי עשה בה מעשה חטאת העוף למטה", און ביי אַן עולת העוף אויך וואו ער האָט מולק געווען איין סימן אין דער נידער, און איין סימן אין דער הויך, איז די מליקה פסול, ווייל ער האָט דאָך געטוען א מעשה ווי מען טוט ביי אחטאת העוף נידעריגער פון רויטען שנור, (עס איז געווען א רויטער שנור אַנגעצייכענט אַרום דעם מזבח, נידריגער פונ'ם שנור איז אָנגעגאַנגען די עבודה פון חטאת העוף און העכער פונ'ם שנור עולת העוף) חאָטש די מליקה ענדיגט זיך ביי אַן עולת עוף ערשט ביים צווייטען סימן, איז די מליקה פונדעסטוועגען פסול, „לא נחלקו אלא כגון ששחט סימן אחד בחוץ וסימן אחד בפנים,) למאן דאמר ישנה לשחיטה מתחילה ועד סוף, מחייב, למאן דאמר אינה לשחיטה אלא לבסוף לא מחייב", זיי קריגען ניט נאָר אין אזא פאַל, וואו ער האָט געשאָכטען איין סימן אויסזייט פון דער עזרה, און איין סימן אינעווייניג, נאָך דעם נאָך וואָס זאָגט אז די שחיטה הייסט שחיטה פון אָנפאַנג ביז ענדע איז ער חייב פאַר שחוטי

בסוף לא מיחייב, א״ל רבה בר שימי מר לא אמר הכי, ומנו? רב יוסף, היכא דשחט סימן אחד בחוץ, וסימן אחד בפנים נמי פסול, שהרי עשה בה מעשה חטאת העוף בחוץ, לא נחלקו אלא כגון ששחט מיעוט סימנין בחוץ, וגמרו בפנים, למ״ד ישנה לשחיט׳ מתחילה ועד סוף מיחייב, למ״ד אינה לשחיטה אלא בסוף לא מיחייב, מתיב רבי זירא כל העסוקין בפרה מתחילה ועד סוף, מטמאין בגדים ופוסלין אותה במלאכה אחרת, אירע בה פסול בשחיטתה, בין קודם פסולה,

---

חוץ וואָס איז אַ פאַרבאָט מיט כרת, און נאָך דעם נאָך וואָס זאָגט, דאָס שחיטה איז ניט פאַררעכענט נאָר ערשט צום סוף, איז ער ניט חייב פאַר שחוטי חוץ, ווייל דער ערשטער סימן איז ניט פאַררעכענט אלס שחיטה נאָר ערשט ביי דער ענד, „אמר ליה רבה בר שימי מר לא אמר הכי ומנו רב יוסף, היכא דשחט סימן אחד בחוץ וסימן אחד בפנים נמי פסול שהרי עשה בה מעשה חטאת העוף בחוץ", האָט רבה בר שימי געזאָגט צו איהם דער האר האָט ניט אַזוי געזאָגט, און ווער איז ער דאָס? רב יוסף, ער האָט געזאָגט אַז דאָ וואו ער האָט געשאָכטען איין סימן אין דרויסען און איין סימן אינעוועייניג איז אויך פסול, ווייל ער האָט דאָך געטוען אַ מעשה פון איין סימן ווי מען טוט ביי אַ חטאָת העוף אין דרויסען, און ער איז חייב צוליב שחיטה חוץ, דאָס איז מרבה געוואָרען אין זבחים דף ק״ז פון איבעריגען וואָרט אשר ישחט אָבער פאַר מליקה איז ער ניט חייב צוליב שחיטה חוץ, „לא נחלקו אלא כגון ששחט מיעוט סימנין בחוץ וגמרו בפנים, למאן דאמר ישנה לשחיטה מתחילה ועד סוף, מיחייב, למאן דאמר אינה לשחיטה אלא לבסוף לא מיחייב", זיי קריגען ניט, נאָר אין אַזאַ פאַל, וואו ער האָט געשאָכטען אַ מינדערהייט פון די סימנים אין דרויסען, און זיי געענדיגט צו אַ מעהרהייט אינעוועייניג, נאָך דעם וואָס האַלט אז שחיטה געהט אָן פון אָנפאַנג ביז ענדע, איז ער חייב צוליב שחיטה חוץ און נאָך דעם וואָס האַלט, אַז שחיטה געהט ניט אָן נאָר ביי דער ענד, איז ער ניט חייב, „מתיב רבי זירא כל העסוקין בפרה מתחילה ועד סוף מטמאין בגדים ופוסלין אותה במלאכה אחרת", האָט ר׳ זירא אַ קשיא געפרעגט מיר האָבען געלערנט אַלע וועלכע זענען באַשעפטיגט ביי וועלכער עס איז עבודה פון פרה אדומה פון אָנפאַנג ביז׳ן סוף, זענען זיי מטמא אויף זיך די בגדים ווייל אויף אַלע עבודות פון פרה באַציהט זיך דער געבאָט פון וואַשען די קליידער, און זיי פסל׳ען די פרה מיט אַן אַנדערע מלאכה, דאָס מיינט אויב שעכטענדיג די פרה, שנייד ער אויך צו דער זעלבער צייט מיט׳ן סכין אין אַ האַלז אָדער אַנדערע זאַך, ווייל דער פסוק זאָגט ושחט אותה און ושרף את הפרה, ער זאָל איהר שעכטען, און ער זאָל פאַרברענען די פרה, ווייל אותה מיינט איהר אַליין, טייטש איך דאָס נאָר איהר אַליין זאָל ער שעכטען אָדער פאַרברענען ניט טוענדיג מיט דעם נאָך עפּעס אין איין גאַנג, „אירע בה פסול בשחיטתה, בין קודם פסולה בין לאחר פסולה, אינה מטמאה בגדים", האָט זיך ביי איהר געטראָפען אַ פסול ביי דער שחיטה, איז דער דין, דאָס סיי פאַר׳ן פסול סיי נאָכ׳ן פסול, איז זי ניט מטמא קיין בגדים, ווייל זי האָט

בין לאחר פסולה, אינה מטמאה בגדים, בהזאתה קודם פסולה, מטמאה בגדים, לאחר פסולה אינה מטמאה בגדים, ואי אמרת ישנה לשחיטה מתחילה ועד סוף, ליפלוג נמי בשחיטתה, אירע בה פסול בשחיטה קודם פסולה, מטמאה בגדים, לאחר פסולה אינה מטמאה בגדים? אמ׳ רבא נתקלקלה שחיטה קאמרת, שאני התם דאיגלאי מלת׳ למפרע דלאו שחיט׳ היא כלל, אמ׳ רבא אי קשיא לי הא קשיא לי, למ״ד אינה לשחיטה אלא בסוף, ליפלוג בהכשרה דפרה. כגון דשחטוה בתרי גברי, דגברא קמא לא מטמאה, וגברא בתרא מטמאה? אמ׳ רב יוסף תרי גברי בחד זיבחא קאמרת? בר מיניה דההו׳ דתנינא (דברים י״ב)

---

אינגאנצען ניט דעם דין פון פרה אדומה, „בהזאתה, קודם פסולה מטמאה בגדים לאחר פסולה אינה מטמאה בגדים", אויב דער פסול האט געטראפען ביים שפרענגען די בלוט, איז דער דין דאס פאר׳ן פסול איז זי מטמא די בגדים, און נאכ׳ן פסול איז זי ניט מטמא די בגדים, ווייל פאר׳ן פסול איז ער ריכטיג געווען באשעפטיגט ביי מעשה פרה, ניט אזוי נאכ׳ן פסול, „ואי אמרית ישנה לשחיטה מתחילה ועד סוףלפלוג נמי בשחיטתה, אירע בה פסול בשחיטה, קודם פסולה מטמאה בגדים, לאחר פסולה אינה מטמאה בגדים"? און וויבאלד דו ווערסט זאגען, אז שחיטה געהט אן פון אנפאנג ביז ענדע, איז דאך די קשיא, זאל ער אויך מאכען אן אונטערשייד ביי דער שחיטה, לערנענדיג אזוי דעם פאל, האט זיך געמאכט א פסול ביי דער שחיטה, איז דער דין, דאס פאר דעם פסול איז זי מטמא בגדים, נאכ׳ן פסול אי זי ניט מטמא בגדים, און ווען איך זעה, ער לערנט ניט אזוי, מוז דאך זיין, דאס די שחיטה רעכנט זיך ניט נאר ערשט ביים סוף, איז דאך א קשיא אויף ר׳ יוחנן וואס ער זאגט ישנה לשחיטה מתחילה ועד סוף? „אמר רבא נתקלקלה שחיטה קאמרית? שאני התם דאגלאי מילתא למפרע דלאו שחיטה היא כלל", האט רבא געזאגט דו זאגסט וועגען דער שחיטה וואס איז קאליע געווארען? ביי שחיטה איז אנדערש, ווייל עס צייגט זיך ארויס אויף פריהער דאס זי איז אינגאנצען קיין שחיטה ניט געווען, „אמר רבא אי קשיא לי, הא קשיא לי, למאן דאמר אינה לשחיטה אלא בסוף, לפלוג בהכשרה דפרה, כגון דשחטוה בתרי גברי, דגברא קמא לא מטמאה, וגברא בתרא מטמאה"? האט רבא געזאגט, אויב שווער צו מיר, איז דאס מיר שווער, נאך דעם וואס זאגט אז שחיטה איז ניט פאררעכענט נאר ערשט צו דער ענד, זאל די ברייתא מאכען אן אונטערשייד ביי א כשרה פרה, וואו צוויי מענשען האבען איהר געשאכטען איינער דעם ערשטען סימן און דער צווייטער דעם צווייטען סימן, דעם ערשטען מאן זאל זי ניט מטמא זיין און דעם צווייטען יא און ווען איך זעה, די ברייתא מאכט ניט דעם אונטערשייד, מוז דאך זיין דאס איך זאג ניט, אז שחיטה איז ניט פאררעכענט נאר צום סוף, איז דאך די קשיא אויף ריש לקיש? „אמר רב יוסף תרי גברי בחד זיבחא קאמרית? בר מיניה דההוא", האט רב יוסף געזאגט דו רעדסט וועגען צוויי לייטע וואס שעכטען איין שעכטונג? דאס איז אויסער פון דעם, עס איז אויסען פון דער קשיא, „דתנינא תזבח שלא יהו שנים שוחטין זבח אחד

תזבח שלא יהו שני' שוחטין זבח אחד, (ויקרא י"ט) תזבחהו שלא יהא אח' שוחט שני זבחים, ואמ' רב כהנא תזבחהו כתיב, א"ל אביי לאו איתמר עלה אמ' רבה בר בר חנה אמ' ר' יוחנן זו דברי ר' אליעזר ברבי שמעון (דף ל' ע"א) סתימתאה, אבל חכמים אומרי' שני' שוחטי' זבח אח', ולרבי אלעזר ברבי שמעון נמי לפלוג כגון דשחט חד גברא בשני סודרים, דסודר קמא לא מטמא, וסודר בתרא מטמא? אלא בפסולה דפרה קא מיירי, בהכשירה לא קא מיירי, מתיב רב אידי בר אבין ובמועד לשמו פטור, שלא לשמו חייב, והוינן בה טעמא

---

תזבחוהו שלא יהא אחד שוחט שני זבחים, ואמר רב כהנא תזבחהו כתיב", דען מיר האָבען געלערנט דאָס פון תזבח איז געדרינגען דאָס צוויי זאָלען ניט שעכטען איין זבח, עס שטעהט אָבער תזבחהו דו זאָלסט איהם שעכטען איז געדרינגען דאָס איינער זאָל ניט שעכטען צוויי זבחים, איי איך לייען דאָך תזבחוהו איהר זאָלט איהם שעכטען? האָט אויף דעם רב כהנא געזאָגט דאָס תזבחהו אָהן א וי"ו נאָך דער הי"ת שטעהט, קענסט דאָך שוין ניט פרעגען די קשיא וועגען צוויי מענשען שעכטענדיג די פרה, „אמר ליה אביי לאו איתמר עלה אמר רבה בר בר חנה אמר ר' יוחנן זו דברי ר' אלעזר ברבי שמעון סתימתאה, אבל חכמים אומרים בי שוחטים זבח אחד", האָט אביי צו איהם געזאָגט האָבען מיר דען ניט געלערנט דערויף דאָס רבה בר בר חנה האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' יוחנן, דאָס די רייד וועלכע זענען געזאָגט סתם אָהן א נאָמען, זענען פון ר' אלעזר ברבי שמעון, (דעריבער איז ער גערופען סתימתאה) דאַרונטער אויך די ברייתא פון תזבח, אָבער די חכמים זאָגען דאָס צוויי קענען יאָ שעכטען איין זבח ווייל זיי האַלטען יש אם למקרא, דאָס הויפּטזעכליך איז ווי מען לייענט, און מען לייענט דאָך תזבחוהו גלייך ווי עס וואָלט שטעהן מיט א וי"ו נאָך דער הי"ת, איז טאַקע נאָך די רבנן די קשיא אויבען ריכטיג, פרעגט די גמרא, „ולרי אלעזר ברבי שמעון נמי לפלוג כגון דשחט חד גברא בשני סודרים דסודר קמא לא מטמא, וסודר בתרא מטמא"? און נאָך ר' אלעזר ברבי שמעון קען מען דאָך אויך מאַכען אַן אונטערשייד וואו איינער האָט געשאָכטען די פרה מיט צוויי היטלען וואו אין דער מיט שחיטה האָט יעמאַנד איהם אָנגעטוען אַן אנדער היטעל, און וויבאַלד איך זאָל זאָגען אַז די שחיטה איז ניט פאַרענדיגט נאָר ערשט בּיים סוף, זאָל דער ערשטער היטעל ניט טמא זיין אַלס בגד נאָר ערשט דער צווייטער היטעל? איז דאָך די קשיא אויף ריש לקיש? אלא זאָגט די גמרא בפסולא דפרה קא מיירי בהכשרה לא קא מיירי", די משנה שמועסט וועגענד א פסול ביי דער פרה, אָבער ניט וועגענד די פרה איז אין כשרות, ווייל ביי א פסול איז געדאַרפט צו לאָזען הערן, דאָס חאָטש זי איז פסול, באַט איידער זי ווערט פסול איז זי מטמא די טוער, צו מטמא זיין זייערע קליידער, אָבער וועגענד די פרה איז אין כשרות איז די משנה ניט געניינגט צו לאָזען הערען וועגען די צייטגילטיגקייט פון דער שחיטה ביז'ן סוף, „מתיב רב אידי בר אבין ובמועד לשמו פטור שלא לשמו חייב", האָט רב אידי א קשיא געפרעגט, מיר האָבען געלערנט

דשלא לשמו, הא סתמא פטור, ואמאי פטור, פסח בשאר ימות השנה שלמים הוא? ש"מ פסח בשאר ימות השנה בעי עקירה, וא"ר חייא בר גמדא נזרקה מפי חבורה ואמרו, הכא במאי עסקינן? כגון שהיו בעלים טמאי מתים, דנדחין לפסח שני, דסתמא לשמו קאי, והאי הוא דבעי עקירה, הא אחר לא בעי עקירה, אי אמרת בשלמא ישנה לשחיטה

---

אין יום טוב אויב ער שעכט אַ קרבן פסח צו זיין נאָמען אויפ'ן חמץ, איז ער פטור אויפ'ן לאו לא תשחט על חמץ דם זבחי, זאָלסט ניט שעכטען מיין זבח ווערענד דער חמץ איז דאָ, דאָ שמועסט אַ פאַל וואו דער קרבן פסח אין ערב פסח איז פאַרלאָרען געגאַנגען און מען האָט געשאָכטען אַן אַנדערען אויף זיין פּלאַץ, און נאָכהער שוין אין יום טוב איז דער ערשטער צוריק־געפונען געוואָרען, איז דאָך דער דין דאָס אַ פסח אין אַן אַנדער צייט ווערט געשאָכטען אַלס נאָמען שלמים, די גמרא איז אויך מרבה דאָס די זבחים אין פסח אויב זיי ווערען געשאָכטען אויפ'ן חמץ קומט מלקות, זאָגט דאָס די ברייתא דאָ, אויב ער האָט געשאָכטען דעם געפונענעם פסח אין יום טוב אַלס קרבן פסח אַנשטאָט אַלס שלמים איז ער פטור פון מלקות ווייל אַלס פסח ניט אין זיין צייט, איז ער פסול, האָט ער דאָך גאָרניט געטוען, אָבער אַז ער האָט איהם געשאָכטען ניט צו זיין נאָמען פסח נאָר אַלס שלמים ווי דער דין איז, איז דאָך דער קרבן כשר, איז ער חייב פאַר'ן שעכטען אויפ'ן חמץ, „והוינן בה טעמא דשלא לשמו, הא סתמא פטור, ואמאי פטור? פסח בשאר ימות השנה שלמים היא"? האָבען מיר דאַרויף אַ קשיא געפרעגט, דאָס איז די אורזאַך וואָס ער איז חייב, ווייל ער האָט ריין אַרויסגעזאָגט דאָס ער שעכט איהם צום נאָמען שלמים, (ניט פסח), אָבער ווען ער שעכט איהם סתם אָהן צו זאָגען אַ נאָמען איז ער פטור, איז דאָך אַ קשיא וואָרום זאָל ער זיין פטור? פסח אין אַנדער צייט איז דאָך פון זיך זעלבסט שלמים, היינט ווען אפילו סתם, וואָלט דאָך עס אויך הייסען גלייך ווי געשאָכטען צום נאָמען אַלס שלמים, דאַרף ער דאָך חייב זיין אויפ'ן לאו לא תשחט על חמץ? „שמע מינה פסח בשאר ימות השנה בעי עקירה", און ווען איך זעה ער איז פטור ביי סתם, מוז דאָך זיין געדרינגען דאָס פסח אין אַן אַנדער צייט פון יאָהר האָט ער ווערט געבראַכט אַלס שלמים, מוז ער אָוועקגעריסען ווערען פון זיין אַלטען נאָמען אַלס פסח און געשאָכטען ווערען ריין אַרויס צום נאָמען שלמים, „ואמר ר' חייא בר גמדא נזרקה מפי חבורה ואמרו הכא במאי עסקינן כגון שהיו בעלים טמאי מתים דנידחין לפסח שני דסתמא לשמו קאי", האָט ר' חייא בר גמדא אויף דעם געזאָגט, דאָס אַזאַ ענטפער איז פון מויל פון דער חבורה אַרויסדערלאַנגט געוואָרען, דאָס לעולם מוז דער נאָמען פסח ניט אָוועקגעריסען ווערען, איי וואָרום ביי שעכטענדיג סתם זאָל ער פטור זיין? נאָר זיי האָבען געזאָגט ווייסטו ווי דאָ שמועסט? עס שמועסט וואו די באַלע־באַטים זענען געוועזען טמא פון אַ מת, וועלכע זענען צוליב דעם אָפּגעשטויסען געוואָרען צו פסח שני, וואו אַלס סתם שטעהט נאָך דער פסח צו זיין נאָמען, „והאי הוא דבעי עקירה, הא אחר לא בעי עקירה", און נאָר דער פסח דאַרף

מתחילה ועד סוף, איפסיל ליה מתחילת שחיטה, אלא אי אמרת אינה לשחיטה אלא בסוף, כיון דשחט ביה פורתא, אידחי ליה מפסח, אידך כי קא שחיט, שלמים קא שחיט? א״ל אביי נהי דאידחי ליה מפסח, מדמי פסח מי אידחי? וכי תימא בעי העמדה והערכה, והתנן שחט

---

האבען עקירה, אוועקנעמענדיג איהם פון זיין נאמען, אבער אן אנדער פסח, ניט אין זיין צייט, איז סתם שלמים, און מען דארף איהם ניט אוועקנעמען פון זיין אלטען נאמען פסח, „אי אמרית בשלמא ישנה לשחיטה מתחילה ועד סוף, איפסיל ליה מתחילת שחיטה״, אנדערש ווען דו זאלסט זאגען אז די שחיטה רעכענט זיך פון אנפאנגס ביז׳ן סוף, היינט אזוי ווי ער האט געשאכטען דעם פסח אין יום טוב אויפ׳ן חמץ אלס סתם ניט זאגענדיג קיין נאמען, איז ער דאך פסול געווארען באלד פון דער אנפאנג שחיטה, איז ער דעריבער ניט חייב אויף לא תשחט על חמץ, „אלא אי אמרת אינה לשחיטה אלא בסוף, כיון דשחט ביה פורתא אידחי ליה מפסח אידך כי קא שחט שלמים קא שחיט״? אבער אז דו וועסט זאגען אז די שחיטה הייסט ניט קיין שחיטה נאר ערשט ביי דער ענדע, איז דאך די קשיא, אזוי ווי נאר ער האט אביסעל געשאכטען, איז ער דאך שוין פון נאמען פסח אפגעשטויסען געווארען, דען ער איז דאך שוין ניט ווירדיג צו בלייבען פאר פסח שני, די רעשט שחיטה אז ער האט געענדיגט, איז דאך שוין ניט געוועזן צום נאמען פסח, האט ער דאך געשאכטען אלס שלמים, דארף ער דאך חייב זיין אלס סתם, און ווען איך זעה, דאס ער איז פטור אלס סתם, מוז דאך זיין אז די שחיטה הייסט שחיטה פון אנפאנג אן, און דער פסח איז באלד פסול געווארען פון דער אנפאנג שחיטה, און ער איז דעריבער ניט חייב אויף לא תשחט על חמץ, איז דאך א קשיא אויף ריש לקיש וואס זאגט אין לשחיטה אלא בסוף? „אמר ליה אביי נהי דאידחי ליה מפסח מדמי פסח מי אידחיי״? האט אביי צו איהם געזאגט, אמת דער פסח איז אפגעשטויסען געווארען פון אלס פסח באלד פון דער אנפאנג שחיטה, אבער פון געלד אויף א פסח איז ער דען אפגעשטויסען, ער איז דאך ראוי, איידער מען ענדיגט די שחיטה, צום פארקויפען, עס זאל ארויסגעהן אלס חולין צוליב דעם פעהלער וואס ער איז שוין אביסעל געשאכטען און מען זאל איהם גלייך ארויסנעמען פון דער עזרה און דארט דערשעכטען שוין אלס חולין, און זיין געלד זאל געהן פאר א קרבן פסח, היינט אזוי ווי ער איז ראוי אויפ׳ן געלד פאר א פסח, הייסט שוין די שחיטה אלס געווידמעט סתם אינגאנצען פאר׳ן פסח, דעריבער מוז ער ריין ארויסזאגען פאר׳ן נאמען שלמים צו עובר זיין אויפ׳ן לאו לא תשחט על חמץ, „וכי תימא בעי העמדה והערכה״? איי וועסטו אפשר זאגען, אויב אויף אויסצולעזען דארף מען דאך די בהמה אוועקשטעלען און דער כהן זאל איהר אפשאצען, ווי דער פסוק זאגט והעמיד את הבהמה לפני הכהן, והעריך הכהן אותה, ער זאל אוועקשטעלען די בהמה פאר׳ן כהן, און דער כהן זאל איהר אפשאצען, און די בהמה דא אלס אביסעל געשאכטען איז דאך ניט אין דער לאגע צו קענען שטעהן? „והתנן שחט בה שנים או רוב שנים ועדיין היא מפרכסת, הרי היא כחיה לכל דבריה״, האבען

בה שנים או רוב שנים, ועדיין היא מפרכסת, הרי היא כחיה לכל דבריה, אמר רב יהודה אמר רב השוחט בשנים ושלשה מקומות שחיטתו כשר׳, כי אמריתה קמיה דשמואל אמ׳ לי, בעינן שחיט׳ מפורעת וליכא, ואף ר״ש בן לקיש סבר בעינן שחיטה מפורעת, דא״ר שמעון בן לקיש מניין לשחיט׳ שהיא מפורעת, שנא׳ (ירמיה ט) חץ שחוט לשונם מרמה דבר, מתיב רבי אלעזר שנים אוחזין בסכין ושוחטין, אפי׳ אחד מלמעלה ואחד מלמטה, שחיטתו כשרה, אמאי? והא ליכא שחיט׳ מפורעת? אמ׳ ליה רבי ירמיה משנתינו בסכין אחד

---

מיר דאָך געלערנט אין א משנה, דאָס אויב מען האָט געשאָכטען א בהמה לויט׳ן דין פון צוויי סימנים אָדער א רוב פוןביידע סימנים, און זי וואַרפט זיך נאָך, האָט זי דעם דין ווי א לעבעדיגע צו אַלע איהרע דינים, האָטש זי קען ניט שטעהן, „אמר רב יהודה אמר רב השוחט בשנים ושלשה מקומות, שחיטתו כשרה״, רב יהודה האָט געזאָגט אין נאָמען פון רב, אז איינער שעכט א בהמה אין צוויי דריי פּלעצער, איז זיין שחיטה כשר, „כי אמריתה קמיה דשמואל אמר לי בעינן שחיטה מפורעת וליכא״, ווי איך האָב איבער־געזאָגט די הלכה פאַר שמואל, האָט ער צו מיר געזאָגט ווי קען זיין די שחיטה איז כשר, מען דאַרף דאָך האָבען די שחיטה זאָל זיין אָן אָפּענע, מען זאָל איהם ניט חושד זיין, ער עסט בשר נחירה, און דאָס איז דאָך ניטאָ, „ואף ר׳ שמעון בן לקיש סבר בעינן שחיטה מפורעת, דאמר מנין לשחיטה שהיא מפורעת שנאמר חץ שחוט לשונם מרמה דבר״, און ר׳ שמעון בן לקיש האַלט אויך אזוי, דען ער האָט געזאָגט פון וואַנען איז געדרינגען דאָס מען דאַרף מאַכען א שחיטה זי זאָל זיין אן אויפגעדעקטע און קענטיגע? דער פּסוק זאָגט וועגען די וואָס רעדען לשון הרע דאָס פּונקט ווי אן אָנגעצויגענע פייל צום שיסען וואָס פליהט ארויס אזוי איז זייער צונג גרייט צו רעדען שלעכט צו טרעפען יענעם, און מיט פאַלשקייט האָט ער גערעדט דאָס, ווייל דער טעם פון שחיטה מפורעת איז דאָך מען זאָל ניט רעדען, דאָס ער עסט נבלה, און דער וואָרט שחוט איז אין דעם פּסוק, נעמט דאָס ריש לקיש פאַר א רמז, דאָס די חץ וועלכע די רעדער באַנוצען אויף יענעם איז וועגען שחיטה דאָס זיי עסען ניט קיין בשר שחיטה, און אין אמת׳ן מרמה דבר, האָט ער פאַלשקייט גערעדט, „מתיב ר׳ אלעזר בי אוחזין בסכין ושוחטין אפילו אחד מלמעלה ואחד מלמטה שחיטתו כשרה, אמאי? והא ליכא שחיטה מפורעת״? האָט ר׳ אלעזר א קשיא געפרעגט מיר האָבען געלערנט צוויי האַלטען יעדער א מעסער און שעכטען, אפילו איינער שעכט העכער צום קאָפּ צו און דער צווייטער נידריגער, איז זיין שחיטה כשר, איז דאָך די קשיא וואָרום דאָ אין צוויי פּלעצער זאָל זיין כשר, עס איז דאָך ניט קיין אָפּענע און קענטיגע שחיטה, דען מעהרערע פּלעצער איז דאָך צו מיינען עס איז ניט קיין שחיטה, נאָר אזוי צושניטען? „אמר ליה ר׳ ירמיה משנתינו בסכין אחד ושני בני אדם״, האָט ר׳ ירמיה געזאָגט צו איהם אונזער משנה שמועסט ביי איין סכין און צוויי מענשען, נאָר זיי האָבען געשאָכטען סקווער, איינער

ושני בני אדם, אמר ליה רבי אבא אי הכי היינו דתני עלה אין חוששין שמא יטרפו זה על זה, אי אמרת בשלמא בשתי סכינין ושני בני אדם שפיר, מהו דתימא ליחוש דילמא סמכי אהדדי, והאי לא אתי למיעבד רובא, והאי לא אתי למיעבד רובא, קמ״ל דאין חוששין, אלא אי אמרת בסכין אחד ושני בני אדם, האי אין חוששין שמא יטרפו זה על זה, שמא ידרוסו זה על זה מיבעי ליה? אמר ליה רבי אבין תני אין חוששין (דף ל׳ ע״ב) שמא ידרוסו זה על זה, מתיב רבי אבין שחט את הוושט למטה ואת הקנה למעלה, או את הוושט למעלה, ואת הקנה למטה, שחיטתו כשרה, אמאי והא ליכא שחיטה מפורעת?

---

פון איין זייט האלטענדיג דעם סכין העכער צום קאָפּ צו, און דער צווייטער פון צווייטען עק סכין נידריגער צום קערפּער צו, „אמר ליה ר׳ אבא אי הכי היינו דתני עלה אין חוששין שמא יטרפו זה על זה, אי אמרית בשלמא בשתי סכינין ושני בני אדם שפיר", האָט ר׳ אבא צו איהם געזאָגט אויב אזוי אז דאָ שמועסט ביי איין סכין, איז דאָך די קשיא, דאָס וואָס איז געלערנט דערויף, דאָס מען האָט ניט קיין קלער, טאָמער וועלען זיי טרפה מאַכען איינער אויפ׳ן אַנדערען, אַנדערש אז דו וועסט זאָגען, אז דאָ שמועסט ביי צוויי מעסער און צוויי מענשען איז רעכט, „מהו דתימא ליחוש דלמא סמכי אהדדי, והאי לא אתי למעבד רובא, והאי לא אתי למעבד רובא, קא משמע לן דאין חוששין", ווייל איך וואָלט מיינען צו זאָגען, מען זאָל באַזאָרגען, דאָס טאָמער וועלען זיך ביידע פאַרלזען איינער אויפ׳ן אַנדערען, און דער וועט ניט קומען צו שעכטען אַ רוב, און דער וועט ניט שעכטען קיין רוב, דעריבער איז רעכט די ערקלערונג אין חוששין, דען ער לאָזט הערען דערמיט, דאָס עס איז ניט קיין קלער אויף דעם, דאָס ביידע וועלען ניט דערשעכטען קיין מעהרהייט אין די סימנים, „אלא אי אמרת בסכין אחת ושני בני אדם האי אין חוששין שמא יטרפו זה על זה, שמא ידרוסו זה על זה מיבעי ליה"? אָבער אז דו וועסט זאָגען ביי איין סכין און צוויי מענשען שעכטענדיג סקווער איז דאָך די קשיא דאָס וואָס ער זאָגט אין חוששין שמא יטרפו זה על זה, ער האָט דאָך געדאַרפט זאָגען אנשטאַט דעם שמא ידרוסו זה על זה, טאָמער וועלען זיי מאַכען אַ דריסה איינער אויפ׳ן אַנדערען? דען דורך ביידענ׳ס כח קען דער גאַנצער האַלז איבערגעשניטען ווערען ביז אריבער דעם נאַקען מיט איין גאַנג, ניט פיהרענדיג דעם סכין הין־און־צוריק? (אזוי מיינט אדריסה) „אמר ליה רבי אבין תני אין חוששין שמא ידרוסו זה על זה", האָט ר׳ אבין צו איהם געזאָגט לערן טאַקע אזוי דעם טעקסט דאָס מיר באַזאָרגען ניט טאָמער וועלען זיי מאַכען אַ דריסה איינער אויפ׳ן אַנדערן, „מתיב רבי אבין שחט את הוושט למטה ואת הקנה למעלה או את הוושט למעלה ואת הקנה למטה, שחיטתו כשרה, אמאי והא ליכא שחיטה מפורעת"? האָט ר׳ אבין אַ קשיא געפרעגט, מיר האָבען געלערנט אז איינער האָט געשאָכטען דעם וושט צו נידער צו און דעם קנה העכער צו אָדער פאַרקערט דעם וושט העכער צו און דעם קנה נידריגער, איז זיין שחיטה כשר, איז דאָך

הוא מותיב לה והוא מפרק לה, בשחיטה העשויה כקולמוס, ההוא תורא דאישחט בשנים וג' מקומות, על רב יצחק בר שמואל בר מרתא שקל משופרי שופרי, א"ל רבי זירא לימדתנו רבינו משנתינו בשני סכינין וב' בני אדם, אמ' רב יהודה אמר רב החליד את הסכין בין סימן לסימן ופסקו פסולה, תחת העור כשרה, מאי קמ"ל? תנינא או שהחליד את הסכין תחת השני ופסקו רבי ישבב אומר נבילה, ר"ע אומר טריפ'? אי ממתני' ה"א ה"מ מלמטה למעלה, דלא קעביד כדרך שחיטה, אבל מלמעלה למטה דקעביד כדרך שחיט', אימא שפיר דמי

---

די קשיא ווארום זאל די שחיטה כשר זיין, עס איז דאך ניט קיין קענטיגע שחיטה? „הוא מותיב לה והוא מפרק לה בשחיטה העשויה כקולמוס", ער האט געפרעגט און ער האט פארענטפערט אז עס שמועסט ביי אזא שחיטה וואס איז געמאכט סקווער ווי מען האלט א שרייבפעדער, דהיינו ער האט אין דער קרום געשאכטען דעם וושט אדער דעם קנה, און אזוי צוריק־וועגס געשאכטען דעם צווייטען סימן, איז עס דאך נאר איין שניט הייסט עס שוין א שחיטה מפורעת, „ההוא תורא דאישחט בשנים ושלשה מקומות, על רב יצחק בר שמואל בר מרתא שקל משופרי שופרי", אן אקס וואס מען האט געשאכטען אין צוויי דריי פלעצער, איז רב יצחק בר שמואל אן אייניקעל פון מרתא אריינגעקומען און גענומען פון שעהנסטען, מיינענדיג דאס ער האט פראנק און פריי גענומען פון דעם פלייש, „אמר ליה רבי זירא למדתנו רבינו משנתינו בשני סכינין ובשני בני אדם", האט ר' זירא צו איהם געזאגט, רבי דו האסט צו אונז געלערנט דאס אונזער משנה שמועסט ביי צוויי מעסער און צוויי מענשען, איז דאך טאקע געדרינגען דאס אין עטליכע פלעצער איז כשר, און מען באזארגט ניט וועגען שחיטה מפורעת, געגען ריש לקיש, „אמר רב יהודה אמר רב החליד את הסכין בין סימן לסימן ופסקו פסולה, תחת העור כשרה", רב יהודה האט געזאגט אין נאמען פון רב אז איינער האט אריינגעשטעקט דעם סכין צווישען איין סימן און צווייטען און אזוי איבערגעהאקט דעם סימן און דאן געשאכטען ווי געוועגליך אויך דעם צווייטען סימן איז די שחיטה פסול, אויב ער האט אריינגעשטעקט דעם סכין אונטער דער פעל און אזוי געשאכטען איז די שחיטה כשר, פרעגט די גמרא „מאי קא משמע לן תנינא או שהחליד את הסכין תחת השני ופסקו, רבי ישבב אומר נבלה, רי עקיבא אומר טריפה"? וואס לאזט ער מיך הערען דערמיט,מיר האבען שוין געלערנט אזא שטייגער, אז איינער שעכטענדיג איין סימן האט נאכהער אריינגעשטאכען דעם סכין אונטער'ן צווייטען סימן און איהם איבערגעהאקט, ר' ישבב זאגט די בהמה איז נבלה, און ר' עקיבא זאגט א טריפה? ענטפערט די גמרא „אי ממתניתן הוה אמינא הני מילי מלמטה למעלה דלא קא עביד כדרך שחיטה, אבל מלמעלה למטה דקא עביד כדרך שחיטה אימא שפיר דמי? קא משמע לן": ווען בלויז פון דער משנה וואלט איך זאגען, דאס די רייד פון ר' ישבב און ר 'עקיבא ביי דעם דין, קומט דאך אויס אז ער שעכט פון אונטען ארויף, ניט ווי דער שטייגער

קמ״ל תחת העור כשרה, בי רב אמרי תחת העור איני יודע, איבעיא להו לבי רב דאמרי תחת העור איני יודע, תחת מטלית מהו? תחת צמר מסובך מהו? תיקו, בעי רב פפא החליד במיעוט סימנים מהו? תיקו: מתני׳ השוחט ב׳ ראשין כאחד שחיטתו כשרה, שנים אוחזין בסכין ושוחטים אפילו אחד למעלה ואחד למטה שחיטתו כשרה, התיז את הראש בבת אחת פסולה, היה שוחט והתיז את הראש בבת אחת, אם יש בסכין מלא צואר כשרה, היה שוחט והתיז ב׳ ראשין בבת

---

פון שחיטה איז דעריבער נבלה אָדער טרפה נאָך ר׳ עקיבא, אָבער דאָ ביי רב יהודה שמועסט דאָך וואו ער האָט אַריינגעשטאָכען איבער׳ן צווייטען סימן און ער שעכט אַרונטער ווי דער שטייגער פון שחיטה, וואָלט איך מיינען עס איז רעכט אַזוי? לאָזט ער מיך הערען אַז די שחיטה איז פסול, „תחת העור כשרה בי רב אמרי תחת העור איני יודע", אונטער דער פעל אַז ער האָט אַריינגעשטעקט און אַזוי געשאָכטען איז כשר, אין בית המדרש פון רב האָבען געזאָגט דאָס אונטער דער פעל ווייס איך ניט ווי דער דין איז, „איבעיא להו לבי רב דאמרי תחת העור איני יודע, תחת מטלית מהו? תחת צמר מסובך מהו? תיקו", האָבען די בני הישיבה געפרעגט נאָך בי רב וואָס זאָגען דאָס אונטער דער פעל ווייסט ער ניט, פרעגען מיר אויב דער האַלז איז אַרומגעוויקעלט מיט אַ שטיק וואַרע, אָדער אַ בינטעל וואָל און ער האָט אַריינגעשטעקט דעם סכין צווישען דער וואַרע און דער פעל און אַזוי געשאָכטען ווי איז דער דין, צי זאָג איך אַזוי ווי די פעל איז אויך ניט אין כלל פון שחיטה, איז שוין ניט קיין אונטערשייד צווישען דער פעל און אַן אַנדערע זאַך, אָדער עס איז יאָ אַן אונטערשייד, ווייל די פעל איז דאָך פונ׳ם קערפּער? בלייבט די פראַגע שטעהן, „בעי רב פפא החליד במיעוט סימנים מהו? תיקו", האָט רב פפא אַ פראַגע געפרעגט, אַז ער האָט געשאָכטען ווי געוועגליך מען שעכט, און נאָכהער האָט ער אַריינגעשטאָכען נעבען די מינדערהייט׳ס סימנים און זיי איבערגעשניטען ווי איז דער דין? צי זאָג איך ווייל די מיעוט סימנים זענען דאָך אין כלל פון שחיטה, איז דאָך די חלדה געוועזען אין דער שחיטה, איז זי פסול, אָדער ניין, ווייל די שחיטה איז דאָך שוין געוועזען פערטיג? בלייבט די פראַגע שטעהן, „מתני׳, השוחט בי ראשין כאחד שחיטתו כשרה", אַז איינער שעכט צוויי קעפּ מיט איין מאָהל, איז זיין שחיטה כשר, „שנים אוחזין בסכין ושוחטים, אפילו אחד למעלה ואחד למטה, שחיטתו כשרה", אַז צוויי האַלטען די מעסער און שעכטען אפילו איינער העכער און דער צווייטער נידריגער, איז זיין שחיטה כשר, „התיז את הראש בבת אחת פסולה", אַז ער האָט אַרונטערגעדריקט מיט׳ן סכין ביז ער האָט אַרונטערגעהאַקט דעם קאָפּ אין איין מאָהל, איז די שחיטה פסול, ווייל דאָס איז דרסה, „היה שוחט והתיז את הראש בבת אחת, אם יש בסכין מלא צואר כשרה", אַז ער האָט געשאָכטען ציהענדיג דעם סכין ווי געוועגליך מען שעכט, און אין דעם גאַנג האָט ער אָפּגעשניטען דעם קאָפּ אין איין מאָהל, איז דער דין אויב ביי דעם סכין איז נאָך פאַרבליבען פּלאַץ וויפיעל דער

אחת, אם בסכין מלא צואר אחד כשרה, בד״א בזמן שהוליך ולא הביא, או הביא ולא הוליך, אבל אם הוליך והביא אפי׳ כל שהוא אפי׳ באיזמל כשרה: גמ׳ מה״מ? אמר שמואל דאמר קרא (ירמיה ט) חץ שחוט לשונ׳ מרמ׳ דבר, תנא דבי רבי ישמעאל ושחט אין ושחט אלא ומשך, וכן הוא אומר (מלכים א י) זהב שחוט, ואומר חץ שחוט לשונם מרמה דבר, מאי ואומר? וכי תימא זהב שחוט שנטווה

---

האלז באטרעפט, איז די שחיטה כשר, ווייל דאָס איז צו באווייז, דאָס ער האָט דעם סכין ניט ארונטערגעקוועטשט מיטאמאָהל הייסט עס ניט קיין דרסה, „היה שוחט והתיז בי ראשין בבת אחת, אם יש בסכין מלא צואר אחד כשרה", אז ער האָט געשאָכטען ציהענדיג דעם סכין לויט געוועהנליכקייט, און אזוי ארונטערגעשניטען צוויי קעפּ מיטאמאָהל, איז דער דין, אויב עס איז נאָך פארבליבען ביים סכין פּלאַץ וויפיעל דער האלז באטרעפט, איז די שחיטה כשר, ווייל דאָס באווייזט אז די שחיטה איז געטוען געוואָרען דורך ציהען דעם סכין, ניט דורך דרסה וואָס מיינט ארונטערקוועטשען דעם סכין, אזוי וואָס דער קאָפּ איז ארונטערגעשניטען געוואָרען? דאָס איז שוין געשעהן נאָך דער שחיטה, „במה דברים אמורים? בזמן שהוליך ולא הביא או הביא ולא הוליך, אבל אם הוליך והביא, אפילו כל שהוא, אפילו באיזמל כשרה", ווען זענען דאָס די רייד געזאָגט אז דער סכין דארף נאָך האָבען פּלאַץ וויפיעל דער האלז, דאָס איז נאָר ווען ער האָט געמאכט בלויז דעם הין־צו־וועג ניט ברענגענדיג דעם סכין אויף צוריק, אָדער פארקערט בלויז צוריק־צו־וועג, אָבער אז ער האָט געמאכט דעם הין־און־צוריק, איז אפילו ווען דער סכין האָט נאָך אביסעל און אפילו מיט א קליינע בריטווע, איז די שחיטה כשר, ווייל די סברה איז, דאָס דער קאָפּ איז אָפּגעהאַקט געוואָרען שוין נאָך דער שחיטה וואָס איז צוגעגאנגען און עס איז ניט געשעהן קיין דרסה: „גמ׳", פרעגט די גמרא, „מנא הני מילי"? פון וואנען איז געדרינגען דאָס שחט מיינט געצויגען, דאָס נאָר ארייגשניידענדיג מיט׳ן ציהן הייסט שחיטה? „אמר שמואל דאמר קרא חץ שחוט לשונם מרמה דבר", האָט שמואל געזאָגט דער פסוק זאָגט, דאָס פונקט ווי אן אָנגעצויגענע פייל וואָס פליהט ארויס, אזוי איז זייער לשון הרע צו טרעפען יענעם, זעהסט דאָך דאָס שחוט מיינט איינשניידענדיג די לופט מיט׳ן לויף, „תנא דבי רבי ישמעאל ושחט, אין ושחט אלא ומשך וכן הוא אומר זהב שחוט, ואומר חץ שחוט", די ישיבה פון ר׳ ישמעאל האָט געלערנט עס שטעהט ושחט און ושחט מיינט ניט אנדערש נאָר געצויגען, און אזוי זאָגט דער פסוק געצויגענע גאָלד, ריינע גאָלד איז ווייך ביז מען קען מאכען דערפון פעדים, דעריבער רופט דער פסוק ריינעגאָלד מיט׳ן נאָמען שחוט געצויגען ווי א פאָדים, און נאָך א פסוק זאָגט חץ שחוט, פרעגט די גמרא, „מאי ואומר"? וואָרום נוצט דבי רבי ישמעאל נאָך א פסוק? ענטפער, „וכי תימא זהב שחוט שנטווה כחוט הוא? תא שמע חץ שחוט לשונם", ווען דבי ר׳ ישמעאל וואָלט נאָר ברייגגען דעם פסוק זהב שחוט, וואָלט איך זאָגען צו טייטשען דעם וואָרט שחוט אַלס ווייך, ווייך וואָס מען קען שפּינען ווי פעדים, אָבער איך וואָלט

כחוט הוא, ת״ש חץ שחוט לשונם, רבא הוה בדיק ליה גירא לר׳ יונה בר תחליפא ושחט בה עופא בהדי דפרח, ודילמא עביד חלדה? הזינן (דף ל״א ע״א) גידפי דמיפרמי, והא בעי כסוי? וכי תימא דמכסו ליה, והאמר רבי זירא אמר רב השוחט צריך שיתן עפר למטה, ועפר

---

ניט וויסען דעם טיטש געצויגען? דעריבער ברייגנט ער אויך דעם פסוק חץ שחוט צו וויסען דעם שורש דאָס הויפטזעכליך מיינט עס ציהען, פון דעם נעמט זיך אויך דער שורש שח געבויגען ווי א פייל וואָס לויפט געבויגען) אויך איז אָן אונטערשיד צווישען שחט און טבח און זבח, די לעצטע צוויי באצייכנען דעם שטאנד פון די לעבענדע זאך נאָך דער שחיטה און עס איז אויך פאראן אָן אונטערשייד צווישען זיי, ניט דאָ איז דער פלאץ צו פאַרברייגנען עס, אָבער שחט באצייכענט ווי אזוי דער אקט פון שחיטה געהט צו, לויט ווי זיי האָבען עס געהאט בקבלה ווי צוצוגרייטען א לעבענדע זאך צום עסען, און ער זאָגט דאָ, דאָס דער וואָרט שחט איז פון געמיינשאפט פון חץ שחוט, צו ציהען ווייל דעם סכין ביי שחיטה ציהט מען הין־און־צוריק, און ר׳ ישמעאל געהט נאָך זיין סברה נאָך, וואָס זאָגט אויבען, דאָס בשר נחירה איז קיינמאהל ניט ערלויבט געווען, אָבער נאָך ר׳ עקיבא נאָך, וואָס ער לערנט אויף הצאן ובקר ישחט להם אז עס מיינט אויך נחירה, דאָס הייסט אויך שחיטה לויט׳ן באגריף פון דאמאָלסט, ער האלט ניט פון דעם געמיינשאפט צו חץ שחוט, און האָטש עס איז ניט דערמאָנט מען זאָל דארפען שחיטה ביי חולין, געפינען מיר אָבער ניט אין קיין שום פלאץ קיין אנדער לשון אויף צוגרייטען אלעבענדע צום עסען ווי דעם לשון שחיטה ווי א שטייגער אותו ואת בנו לא תשחטו, און נאָך אזאך איז דאָ דערביי, דאָס אין מעהרהייט פלעצער וואו עס ווערט געדאכט שחיטה ביי קדשים, כאפט דער פסוק אָן דעם נאָמען פון דער לעבענדע זאך וואָס ווערט געשאָכטען, אָבער ניט דעם נאָמען פון קרבן ווי א שטייגער ושחט את בן הבקר ושחט את הפר, און ער כאפט ניט אָן ושחט את העולה, ווי א שטייגער ער זאָגט עס ביי סמיכה, דאָס קומט אָנלערנען דאָס די שחיטה איז ניט צוליב דעם ווייל עס איז קדשים צום מזבח, נאָר צוליב עס איז א בן הבקר, אָדער א פר, און די איבריגע הלכות זענען איבער־ענפערט אויסענווייניג דורך משה, „רבא היה בדיק ליה גירא לרי יונה בר תחליפא ושחט בה עופא בהדי דפרח״, רבא האָט בודק געווען א פייל, זי זאָל זיין גלאַט אָהן א פגם, פאר ר׳ יונה וועגען, און ער האָט געשאָכטען דערמיט אן עוף, מיט׳ן לויף פון פיילבויגען, פרעגט די גמרא, „ודלמא עביד חלדה״? פיליכט האָט ער געמאכט א חלדה דורכשטעכענדיג דאָס העלזעל איבער־רייסענדיג די הויט פון אויבען? ענטפערט די גמרא, „חזינן גודפי דמיפרמי״, מיר האָבען געזעהן ווי די פעדערלאך זענען אויסגעריסען, און ווען די פייל וואָלט דורכגעהן אונטער די הויט און איהר איבערגעריסען, וואָלטען די פעדערלאך ניט געווען אויסגעריסען, פרעגט די גמרא, „והא בעי כיסוי״? מען דארף דאָך צודעקען די בלוט, און די ווערט דאָך צושפריצט איבער׳ן גאנצען פלאץ (טהאָל) איי „וכי תימא דמכסו ליה, והאמר רי זירא אמר רב

למעלה, שנא' (ויקרא י"ז) וכסהו בעפר עפר לא נאמר אלא בעפר, מלמד שהשוחט צריך שיתן עפר למטה ועפר למעלה? דמזמין ליה לעפר דכוליה פסקא: היה שוחט והתיז [וכו']: א"ר זירא מלא צואר וחוץ לצואר, איבעיא להו מלא צואר וחוץ לצואר כמלא צואר, דהוו לה תרי צוארי, או דילמא מלא צואר וחוץ לצואר משהו? ת"ש היה שוחט והתיז שני ראשין בבת אחת, אם יש לסכין מלא צואר אחד כשר, מאי מלא צואר אחד? אילימא מלא צואר אחד ותו לא, השתא בבהמה אחת בעינן מלא צואר וחוץ לצואר בשתי בהמות סגי להו כמלא צואר אחד? אלא פשיטא מלא צואר חוץ לשני צוארין ש"מ מלא צואר חוץ לצואר,

---

השוחט צריך שיתן עפר למטה ועפר למעלה" איי ווערסטו אפשר זאָגען דאָס ער דעקט צו די בלוט, האָט דאָך ר' זירא געזאָגט אין נאָמען פון רב, דאָס אז מען שעכט אן עוף אָדער א חיה מוז מען געבען ערד אונטען און אויבען, „שנאמר וכסהו בעפר, עפר לא נאמר אלא בעפר מלמד שהשוחט צריך שיתן עפר למטה ולמעלה"? דען דער פסוק זאָגט ער זאָל איהם צודעקען מיט ערד, עס שטעהט ניט עפר נאָר בעפר, דאָס קומט לערנען דאָס דער שוחט מוז ארומדעקען פון אונטען און פון אויבען די בלוט זאָל זיין אין דער ערד איינגעהילט, היינט אז די בלוט איז אזוי צעשפריצט געוואָרען, ווי האָט ער געטוען? ענטפער, „דמזמין ליה לעפר דכולה פסקא", עס שמועסט ער האָט צוגעגרייט ערד איבער'ן גאַנצען טהאָל און נאָכהער ארויפגעדעקט: „היה שוחט והתיז: אמר רי זירא מלא צואר וחוץ לצואר", האָט ר' זירא אויף דעם געזאָגט אז די משנה מיינט אזוי פיעל ליידיקען פלאַץ ביים סכין, וויפיעל דער פולער האַלז פאַרנעמט (אויסער דעם ליידיגען פלאַץ), „איבעיא להו מלא צואר וחוץ לצואר כמלא צואר דהוו לה תרי צוארי, או דילמא מלא צואר וחוץ לצואר משהו"? האָבען די בני הישיבה געפרעגט דאָס וואָס ר' זירא זאָגט מלא צואר וחוץ לצואר, צי מיינט ער ליידיקען פלאַץ אויסער'ן האַלז אזויפיעל ווי דער האַלז וואָס באַטרעפט שוין פלאַץ פאַר צוויי העלזער, אָדער פיליכט מיינט ער דעם פלאַץ פון האַלז און אביסעל אויסער'ן האַלז? „תא שמע היה שוחט והתיז שני ראשין בבת אחת אם יש לסכין מלא צואר אחד כשר", קום און הער איך וועל דיר אויסגעפינען, די סיפא אין דער משנה זאָגט אז שעכטענדיג האָט ער אראָפּגעשניטעןביידע קעפּ מיט אמאָהל, איז דער דין אויב דער סכין האָט ליידיגען פלאַץ וויפיעל א פולער האַלז באַטרעפט איז די שחיטה כשר, „מאי מלא צואר אחד? אילימא מלא צואר אחד ותו לא"? וואָס מיינט דאָ מלא צואר אחד? זאָל איך זאָגען איין פולער האַלז און ניט מעהר? איז דאָך די קשיא, „השתא בבהמה אחת בעינן מלא צואר וחוץ לצואר, בשתי בהמות סגי להו כמלא צואר אחד"? מיידאָך די רישא וואָס שמועסט ביי איין בהמה, איז געדאַרפט אפולער האַלז און אויסער'ן האַלז, היינט די סיפא וואָס שמועסט ביי צוויי בהמות זאָל זיין גענוג מיט ניט מעהר ווי איין פולער האַלז? ווי איז דאָס מעגליך, „אלא פשיטא מלא צואר חוץ לשני צוארים, שמע מינה מלא צואר חוץ לצואר", נאָר מוזטו דאָך זאָגען

ש"מ: בד"א בזמן שהוליך ולא הביא וכו': אמר רב מנשה באיזמל שאין לו קרנים, אמר ליה רב אחא בריה דרב אויא לרב מנשה מחטא מאי? אמר ליה מחטא מבזע בזע, מחטא דאושכפי מאי? אמר ליה תנינא אפי' כל שהו, מאי לאו מחטא דאושכפי? לא איזמל, איזמל בהדיא קתני לה? פרושי קא מפרש, מאי כל שהו איזמל, ה"נ מסתברא דאי ס"ד מחטא דאושכפי, השתא מחטא דאושכפי שריא, איזמל מיבעיא? איזמל אצטריכא ליה, ס"ד אמינא ליגזר איזמל שאין לו קרנים אטו איזמל שיש לו קרנים? קא משמע לן: מתני' נפלה סכין

---

אז מען מיינט א פולער האלז לײדיגען פלאץ אויסער ביידע העלזער, איז געדרינגען דאס מען מיינט אויך ביי דער רישא א פולער האלז לײדיקען פלאץ אויסער דעם האלז, „שמע מינה" איז גוט נעדרינגען": „במה דברים אמורים בזמן שהוליך ולא הביא וכו': אמר רב מנשה באיזמל שאין לו קרנים", האט רב מנשה געזאגט אז די משנה מיינט אזא איזמל וואס האט ניט קיין באצירונג אין דער הויך ווי הערנערלאך וואס קענען לעכערן אין דער זעלבער צייט די סימנין, „אמר ליה רב אחא בריה דרב אויא לרב מנשה מחטא מאי"? האט רב אחא דער זוהן פון רב אויא געזאגט צו רב מנשה ווי איז דער דין שעכטענדיג מיט א נאדעל? „אמר ליה מחטא מבזע בזע", האט ער צו איהם געזאגט א נאדעל צורייסט ניט זי שנייד, „מחטא דאישכפי מאי"? די שארפע נאלען פון די באלמעלאכעס, וואס זענען געמאכט צו איבערשניידען די גע־נייהטע פעדים, ווי איז דער דין? „אמר ליה תנינא אפילו כל שהוא, מאי? לאו מחטא דאישכפי"? האט ער צו איהם געזאגט מיר האבען דאס געלערנט אין אונזער משנה דא, זי זאגט ביי דעם פאל אפילו עפעס, וואס קען דא מיינען א שארף פון עפעס? מיינט עס דען ניט אזא נאל וואס האט בלויז א שארפען שפיץ צום שניידען? ווענדט די גמרא אפ, „לא" ניין, „איזמל, איזמל בהדיא קתני לה"? די משנה מיינט מיט דעם כל שהוא אן איזמל, פרעגט די גמרא, איזמל זאגט דאך די משנה ריין ארויס? ענטפערט די גמרא, „פרושי קא מפרש מאי כל שהוא? איזמל", דער ווארט איזמל איז א באשייד אלס א ביישפיעל אויף די ווערטער כל שהוא, ווייסטו וואס איך מיין כל שהוא? איזמל, „הכי נמי מסתברא, דאי סלקא דעתך מחטא דאושכפי, השתא מחטא דאושכפי שריא, איזמל מבעיא"? די סברה גיט אויך מיט אזוי, דען אויב דו וועסט דענקען אז די משנה מיינט מיט'ן כל שהוא א מחטא דאושכפי, וועט דאך זיין שווער, מיידאך א מחטא דאושכפי איז מותר, איז דאך אן איזמל אלס סכין געוויס מותר? נאר מוז זיין אז איזמל איז באשייד אויף של שהוא, זאגט די גמרא עס איז ניט קיין באוויז ווייל איזמל „איצטריכא ליה סלקא דעתך אמינא ליגזר איזמל שאין לו קרנים, אטו איזמל שיש לו קרנים, קא משמע לן", איזמל איז זא־ווי־זא געדארפט צו לאזען הערען, ווייל איך וואלט מיינען צו גוזר זיין אויף דער איזמל אהן הערנערלאך צוליב דער איזמל וואס האט יא הערנערלאך, לאזט מיך די משנה הערען אז איך בין ניט גוזר און זי איז מותר און כל שהו קען טאקע מיינען א מחטא דאושכפי, „מתניי נפלה סכין

ושחטה אע"פ ששחטה כדרכה פסולה שנאמר (דברים כ"ז) וזבחת ואכלת מה שאתה זובח אתה אוכל: גמ' טעמא דנפלה הא הפילה הוא כשרה, ואע"ג דלא מיכוין, מאן תנא דלא בעינן כוונה לשחיטה? אמר רבא ר' נתן היא, דתני אושעיא זעירא דמן חבריא זרק סכין לנועצה בכותל, והלכה ושחטה כדרכה, ר' נתן מכשיר, וחכמים פוסלים, הוא תני לה והוא אמר לה הלכה כר' נתן, והא אמרה רבא חדא זימנא, דתנן וכולן ששחטו ואחרים רואין אותן שחיטתן כשרה, ואמרינן מאן תנא דלא בעי כוונה לשחיטה? אמר רבא רבי נתן היא, צריכא, דאי אשמעינן התם משום דקא מיכוין לשום חתיכה בעולם, אבל הכא דלא קא מיכוין אימא לא, ואי אשמעינן הכא משום דקאתי

---

ושחטה, אף על פי ששחטה כדרכה פסולה, שנאמר וזבחת ואכלת מה שאתה זובח אתה אוכל", אז א סכין איז געפאלען און געשאכטען צופעליג די בהמה, האטש זי האט געשאכטען לויט'ן שטייגער שחיטה, איז די שחיטה פסול, ווייל דער פסוק זאגט דו זאלסט שעכטען און דו זאלסט עסען, דאס מיינט וואס דו שעכסט מעגסטו עסען, ניט ווען דער סכין שעכט צופעליג, „גמ'" פרעגט די גמרא, „טעמא דנפלה הא הפילה הוא, כשרה, ואף על גב דלא מכוין, מאן תנא דלא בעינן כוונה לשחיטה"? גוט וואס די מעסער איז אליין געפאלען דעריבער איז די שחיטה פסול, אבער ווען דער מענש מאכט איהר פאלען איז די שחיטה כשר, האטש ער האט ניט געהאט זיין מיין דערביי, ווער איז דאס דער תנא וואס האלט אז מיר דארפען ניט קיין כוונה צו שחיטה? „אמר רבא ר' נתן היא, דתני אושעיא זעירא דמן חבריא, זרק סכין לנועצה בכותל והלכה ושחטה כדרכה ר' נתן מכשיר וחכמים פוסלים", האט רבא געזאגט ר' נתן איז דער תנא, דען אושעיא דער יונגסטער פון די חברים, האט געלערנט אז איינערווארפט א מעסער צו איינשטעקען איהר אין וואנד, און די מעסער איז געגאנגען און געשאכטען לויט'ן שטייגער, איז ר' נתן מכשיר, און די חכמים פסל'ען, „הוא תני לה והוא אמר לה הלכה כרי נתן", ר' אושעיא האט געלערנט דאס פון זיין רבי'ן און אליין האט ער געזאגט דאס די הלכה איז ווי ר' נתן, פרעגט די גמרא, „והא אמרה רבא חדא זימנא דתנן וכולן ששחטו ואחרים רואין אותן שחיטתן כשרה, ואמרינן מאן תנא דלא בעי כוונה לשחיטה ואמר רבא רבי נתן היא"? רבא האט דאך שוין דאס איינמאהל געזאגט, אז די משנה געהט לויט ר' נתן, דען מיר האבען געלערנט די אלע חרש שוטה און קטן אז זיי האבען געשאכטען און אנדערע האבען צוגעזעהן איז זייער שחיטה כשר, און מיר האבען געזאגט ווער איז דאס דער תנא וואס דארף ניט קיין כוונה ביי שחיטה? האט רבא אויף דעם געזאגט אז עס קומט אויס ווי ר' נתן, האט דאך שוין רבא איינמאהל געזאגט? ענטפערט די גמרא „צריכא", עס איז געדארפט פון רבא געזאגט צו ווערען ביי די ביידע משניות, „דא אשמעינן התם משום דקא מכוין לשום חתיכא בעולם, אבל הכא דלא קא מכוין אימא לא", דען ווען ער וואלט מיך לאזען הערען בלויז דארט ביי חרש שוטה וקטן וואלט איך זאגען דאס נאר אין אזא פאל איז די שחיטה כשר ווייל וועניגסטענס

מכח בן דעת, אבל התם דלא קאתי מכח בן דעת אימא לא, צריכא: איתמר נדה שנאנסה וטבלה אמר רב יהודה אמר רב טהורה לביתה, ואסורה לאכול בתרומה, ורבי יוחנן אמר אף לביתה לא טהורה, א״ל רבא לרב נחמן לרב דאמר טהורה לביתה ואסורה לאכול בתרומה, עון כרת הותרה, איסור מיתה מיבעיא? אמר ליה בעלה חולין הוא, וחולין לא בעי כוונה, ומנא תימרא דתנן גל שנתלש ובו ארבעים

---

האבען זיי דאך מיכווין געווען צו עפעס א שניט, אבער דא אין דער משנה איז דאך די מעסער אליין געפאלען, וואלט איך זאגען דאס די זעלבע זאך איז אפילו ווען ערווארפט דעם מעסער איז אויך די שחיטה פסול, דען פאר דעם צוועק ברייננט די משנה דעם פסוק וזבחת ואכלת דאס נאר ווען מען שעכט חאטש מיט עפעס א כוונה צו שניידען, לאזט מיר רבא הערען אנדערש די כוונה פון דער משנה, „ואי אשמעינן הכא, משום דקא אתי מכח בן דעת, אבל התם דלא קא אתי מכח בן דעת, אימא לא, צריכא", און ווען ער וואלט מיר לאזען הערען בלויז דא, דאס די משנה מיינט נאר ווען דער מעסער פאלט אליין, אבער אז יעמאנד וואס האט פארשטאנד ווארפט דעם מעסער צום וואנד און ער שעכט אין לויף, דא איז כשר, ווייל אפארשטענדיגער טוט עס, אבער דארט קומט עס דאך ניט פון א כח פון א בר דעת וואלט איך מיינען די שחיטה איז פסול, איי וואס די משנה דארט ביי חרש שוטה וקטן איז מכשיר איז צוליב אנדערע זעהען צו, איז עס שוין געווענדעט אין זייער כוונה, אבער ניט אז מען דארף אינגאנצען ניט קיין כוונה, לאזט אונז רבא הערען דאס אויך דארט אין דער ערשטער משנה פון חרש שוטה וקטן איז געמיינט לויט ר׳ נתן דאס מען דארף ניט קיין כוונה: „אתמר נדה שנאנסה וטבלה אמר רב יהודה אמר רב טהורה לביתה ואסורה לאכול בתרומה, ורי יוחנן אמר אף לביתה לא טהורה", מיר האבען געלערנט א נדה וואס איז באצווינגען געווארען מיט א טבילה אומגעריכט האט רב יהודה געזאגט אין נאמען פון רב, דאס זי איז ריין פאר איהר מאן, אבער אסור צו עסען תרומה, און ר׳ יוחנן זאגט דאס זי איז אויך ניט ריין פאר׳ן מאן, „אמר ליה רבא לרב נחמן, לרב דאמר טהורה לביתה ואסורה לאכול בתרומה עוון כרת הותרה איסור מיתה מיבעיא"? האט רבא געזאגט צו רב נחמן נאך רב וואס זאגט אז זי איז ריין צום מאן און אסור צו תרומה, איז דאך די קשיא אז א זינד פון כרת איז מותר געווארען דורך דער טבילה, (דען וואוינען מיט׳ן מאן אין דער טומאה קומט כרת וואו ער שטארבט פאר זעכציג יאהר אלט), איז דאך א זינד פון מיתה דורכ׳ן הימעל עסענדיג תרומה אין דער טומאה, זיכער מותר דורך דער טבילה? „אמר ליה בעלה חולין הוא וחולין לא בעי כוונה", האט ער צו איהם געזאגט, איהר מאן איז דאך חולין ניט קיין קדש, און ביי חולין איז דער דין דאס די טבילה דארף ניט געמאכט ווערן מיט כוונה, איז דעריבער זי ריין צום הויז צו וואוינען מיט׳ן מאן, אבער פאר תרומה מוז די טבילה האבען כוונה, „ומנא תימרא"? און פון וואנען איז דאס געדרינגען? „דתנן גל שנתלש ובו ארבעים סאה ונפל על האדם ועל הכלים טהורין, מאי? לאו אדם

סאה ונפל על האדם ועל הכלים טהורין מאי לאו אדם דומיא דכלים מה כלים דלא מיכווני אף אדם נמי לא בעי כוונה ממאי דילמא ביושב ומצפה עסקינן אימתי יתלש הגל? (דף ל"א ע"ב) וכלים דומיא דאדם מה אדם דבעינן כוונה, אף כלים נמי דקא מכוין להו אדם, וכי תימא ביושב ומצפה מאי למימרא? מהו דתימא ליגזר משום הרדלית של גשמים, אי נמי ליגזר ראשין אטו כיפין? קמ"ל דלא גזרינן, ומנא תימרא דלא מטבלינן בכיפין? דתנן מטבילין בראשין ואין מטבילין

---

דומיא דכלים מה כלים דלא מיכווני אף אדם נמי לא בעי כוונה", דען מיר האָבען געלערנט אין א משנה אז א כוואלע פון פירציג סאה וואסער איז אפּגעריסען געוואָרען און ארויפגעפאלען אויפ'ן מענש און אויף די כלים זענען זיי ריין, וואָס, מיינסטו דען ניט אז אדם איז דאָ גלייך מיט די כלים, פּונקט ווי די כלים זענען דאָך ניט מיכווין אזוי אויך דער מענש דארף ניט קיין כוונה, זעהסט דאָך גוט דאָס טבילה דארף ניט קיין כוונה, פרעגט די גמרא „ממאי? דילמא ביושב ומצפה עסקינן אימתי יתלש הגל"? פון וואנען ווייסטו צו דרינגען דאָס, פיליכט שמועסט דאָ אז דער מענש שטעהט גרייט און האָפט ווען עס וועט אָפּרייסען א כוואלע און איהם טובל'ען? איי וואָס אדם איז צוזאמען מיט כלים אין דער משנה? איז עס פאַר דער כוונה, „וכלים דומיא דאדם מה אדם דבעינן כוונה אף כלים נמי דקא מכוון להו אדם", איך זאָל גלייכען די כלים צום מענש, פּונקט ווי דער מענש דארף כוונה אזוי אויך די כלים מוז א מענש מכוון זיין פאַר זיי? „וכי תימא ביושב ומצפה מאי למימרא? מהו דתימא ליגזר משום חרדלית של גשמים", איי וועסטו אפשר פרעגען, אויב עס שמועסט אז ער שטעהט און האָפט אויף דער כוואלע, איז דאָך א געוויס אלס א גוטע טבילה, וואָס דארף ער מיר דאָס צו זאָגען? ניין, דאָס איז ניט קיין פראגע, דען איך וואָלט מיינען צו זאָגען, די טבילה זאָל אויך ניט גילטיג זיין, צוליב א גזירה, דען עס איז צו באַזאָרגען אז דו וועסט איהם ערלויבען די טבילה דורך א כוואלע, וועט ער זיך שוין אויך טובל זיין אונטער א חרדלית פון רעגען וואָס איז גלייך צו א כוואלע וואָס לויפט ארונטער פון א הויכען בארג מיט א שטראָם, און דאָרט איז דאָך זיכער פסול, ווייל עס איז ניט פאַראַן קיין פירציג סאה אין איין פּלאַץ, „אי נמי ליגזר ראשין אטו כיפין, קא משמע לן דלא גזרינן", און נאָך א זאָך איך וואָלט מיינען צו גוזר זיין ביי א כוואלע די עקען צוליב דער מיט'ן, (א כוואלע לויפט ווי א בויגען ווי א שטייגער א חי"ת, ביי די עקען איז די וואסער פול, און אין דער מיטען איז אויך דאָ ליידיגע לופט) וואו עס איז ליידיג פון וואסער, לאָזט ער מיך הערען דאָס מען איז ניט גוזר און די טבילה איז א גוטע טבילה, ווייל ער איז מכוון, היינט וואו ער איז ניט מכוון פון וואנען איז געדרינגען אז די טבילה איז גילטיג? „ומנא תימרא דלא מטבלינן בכיפין? דתנן מטבילין בראשין ואין מטבילין בכיפין, שאין מטבילין באויר", און פון וואנען ווייסטו אז מען איז ניט טובל אין דער מיטען כוואלע? דען מיר האָבען געלערנט מען איז טובל ביי די עקען און מען איז ניט טובל

בכיפין שאין מטבילין באויר, אלא חולין דלא בעי כוונה מיהא מנלן? דתנן פירות שנפלו לתוך אמת המים, ופשט מי שידיו טמאות ונטלן, ידיו טהורות, ופירות אינן בכי יותן, ואם בשביל שיודחו, ידיו טהורות ופירות בכי יותן, איתביה רבא לרב נחמן טבל לחולין והוחזק לחולין,

---

אין דער מיטען פון דער כוואַלע, ווייל מען איז ניט טובל אין דער לופט, „אלא חולין דלא בעי כוונה מיהא מנלן? דתנן פירות שנפלו לתוך אמת המים, ופשט מי שידיו טמאות ונטלן, ידיו טהורות, ופירות אינן בכי יותן", אָבער וועניגסטענס אַז חולין דאַרף ניט קיין כוונה צו טבילה פון וואַנען איז געדרינגען? דען מיר האָבען געלערנט אין אַ משנה, אַז פרוכטען זענען אַריינ־געפאַלען אין אַ טייך וואַסער, און אַ מענש וואָס זיינע הענד זענען טמא האָט דערלאַנגט אין וואַסער און זיי גענומען, ווערען זיינע הענד ריין האָטש אָהן כוונה, און די פאַרנעצטע פירות זענען ניט אונטער דעם פסוק כי יותן, דאָס מיינט זיי זענען ניט צוגעגרייט געוואָרען דורך זייער באַנעצונג צו קענען צו־קלעפּען זיך צו זיי אַ טומאה ווייל די באַנעצונג איז געשעהן אָהן כוונה געגען זיין ווילען, דער פסוק זאָגט כי יותן מים על זרע, אַז עס וועט ווערען געגעבען וואַסער אויף פרוכטען ווערען זיי פעהיג עס זאָל זיך קענען צוקלעפּען צו זיי אַ טומאה, עס שטעהט אָבער יתן אָהן אַ וי״ו מיט אַ שורוק אונטער דער יו״ד, צוואַר עס האָט אויך דעם זעלבען טייטש, איז אָבער אַ מחלוקת צווישען תנאים וועגען יש אם למקרא און יש אם למסורת, איין תנא האַלט דאָס ביי אַזאַ געגענשטאַנד וואו די אותיות אָהן נקודות קענען געליינט ווערען אין צוויי וועגען ווי אַ שטייגער דאָ יתן ער וועט געבען, און מיט אַ שורו״ק עס וועט ווערען געגעבען, האַלט דער תנא יש אם למקרא אַז הויפּטזעכליך איז דער לייענען, אַז די וועלט לייענט אַזוי, איז וואַרשיינליך אַזוי די קבלה פון משה אַזוי צו לייענען, און דער אַנדערער תנא האַלט יש אם למסורת אַז הופּטזעכליך איז די איבערענטפערונג פון די אותיות, דען דער לייענען קען אויך אין משך פון פילע דורות פאַרגרייזט ווערען, און אַזוי ווי דער כלל איז דאָס התורה לא חסמה דבריה, אַז די תורה פאַרשטעלט ניט איהרע רייד מען זאָל ניט וויסען, איז געווים דאָס די תורה באַמערקט עס אין פסוק ווי צו לייענען אָדער דורך וועלכער עס איז סברה, און אויב עס איז ניט פאַראַן קיין באַוויז, איז אַ סברה אַז די תורה האָט געמיינט בידע וועגען אויף עפּעס אַנצולערנען, לערנט זי דאָ אָפּ, דאָס יתן ער זאָל געבען וואָס מיינט מיט כוונה זאָל אָנלערנען אויף יותן וואָס מיינט עס וועט ווערען געגעבען אָהן כוונה, דאָס פונקט ווי יתן איז וועגסטענס מיט זיין ווילען אַזוי אויך יותן זאָל וועניגסטענס זיין ניחה ליה ער זאָל זיין צופרידען וואָס זיינע פירות זענען באַנעצט געוואָרען, „ואם בשביל שיודחו, ידיו טהורות ופירות בכי יותן", און אויב ער האָט אַריינדערלאַנגט זיינע הענד אין וואַסער, אום די פירות זאָלען ווערען אָפּגעשווענקט, זענען זיינע הענד ריין, און די פירות זענען אונטער כי יותן צו זיין מוכשר אויף צוצונעמען אַ טומאה ווייל איהם איז ניחה געווען די פירות זאָלען באַנעצט ווערען, זעהסטו דאָך פון דאַנען דאָס

אסור למעשר, הוחזק אין, לא הוחזק לא? הכי קאמר אע"פ שהוחזק לחולין אסור למעשר, איתיביה טבל ולא הוחזק כאילו לא טבל, מאי לאו כאילו לא טבל כלל? לא כאילו לא טבל למעשר, אבל טבל לחולין, הוא סבר דיחויי קא מדחי ליה, נפק דק ואשכח, דתניא טבל ולא הוחזק מותר לחולין, ואסור למעשר, אמר ליה אביי לרב יוסף לימא תיהוי תיובתא דרבי יוחנן מהא? א"ל רבי יוחנן הוא דאמר כרבי יונתן בן יוסף דתניא רבי יונתן בן יוסף אומר (ויקרא י"ג) וכובס מה ת"ל שנית? מקיש תכבוסת שנייה לתכבוסת ראשונה מה תכבוסת ראשונה לדעת, אף תכבוסת שנייה לדעת, אי מה להלן בעינן דעת

---

צו חולין איז ניט געדארפט קיין כוונה ביי דער טבילה, „איתיביה רבא לרב נחמן טבל לחולין והוחזק לחולין אסור למעשר, הוחזק אין, לא הוחזק לא"? האט רבא א קשיא געפרעגט צו רב נחמן מיר האבען געלערנט אז איינער האט זיך גע'טובל'ט פאר חולין און געהאלטען אין זינען פאר חולין איז די טבילה נאך אלין אסור פאר מעשר, ווייל אין כוונה דארף זיין פאר מעשר, זעהסט דאך גוט דאס אויב ער האט אין זינען ביי דער טבילה, יא, אויב ניט, ניט, ווייל די טבילה דארף כוונה, וואס דען זאגסטו עס דארף ניט קיין כוונה? ענטפערט די גמרא, „הכי קאמר אף על פי שהוחזק לחולין אסור למעשר", אזוי מיינט די משנה צו זאגען חאטש ער האט געהאט אין כוונה פאר חולין איז זי דאך ניט געלטיג פאר מעשר, אבער עס מיינט ניט דאס ער מוז האבען כוונה פאר חולין, „איתיביה טבל ולא הוחזק כאילו לא טבל, מאי לאו כאילו לא טבל כלל"? ער האט איהם נאך א קשיא געפרעגט מיר האבען געלערנט אז ער האט זיך גע'טובל'ט און ניט געהאלטען אין כוונה פאר טבילה, איז גלייך ווי ער וואלט זיך ניט גע'טובל'ט, זעהסט דאך אז טבילה דארף יא כוונה? ענטפערט די גמרא „לא", ניין „כאילו לא טבל למעשר אבל טבל לחולין", ער מיינט, עס איז גלייך ווי ער וואלט זיך ניט גע'טובל'ט פאר מעשר אבער פאר חולין איז די טבילה יא גילטיג, „הוא סבר דיחויי קא מדחי ליה, נפק דק ואשכח", ער האט געמיינט דאס ער שטויסט איהם גלאט אפ מיט תירוצים, ביז ער איז ארויס און געזוכט און געפונען א ברייתא, „דתניא טבל ולא הוחזק מותר לחולין ואסור למעשר", דען מיר האבען געלערנט אז איינער האט זיך טובל געווען און ניט געהאלטען אין כוונה פאר טבילה איז זי פונדעסטוועגען גילטיג פאר חולין אבער אסור פאר מעשר, „אמר ליה אביי לרב יוסף לימא תיהוי תיובתא דר' יוחנן מהאי"? האט אביי געזאגט צו רב יוסף וועלען מיר אפשר מוזען זאגען אז עס וועט זיין א קשיא פון דאנען אויף ר' יוחנן וואס זאגט אויבען דאס די נדה מיט אזא טבילה אהן כוונה איז ניט ריין צו איהר מאן, מיר זעהען דאך פון דער ברייתא דאס צו חולין דארף מען ניט קיין כוונה? „אמר ליה, ר' יוחנן הוא דאמר כר' יונתן בן יוסף, דתניא ר' יונתן בן יוסף אומר וכובס, מאי תלמיד לומר שנית? מקיש תכבוסת שניה לתכבוסת ראשונה מה ראשונה לדעת אף שניה לדעת", האט ער צו איהם געזאגט, ר' יוחנן וואס זאגט, דאס די טבילה איז ניט גילטיג אפילו פאר'ן הויז, איז

כהן, אף כאן בעינן דעת כהן? ת״ל (שם) וטהר, מכל מקום, מתקיף

ווייל ער האלט ווי ר׳ יונתן בן יוסף, דען מיר האבען געלערנט ר׳ יונתן זאגט עס שטעהט ביי נגעים פון בגדים צוויי מאהל וועגען וואשען די קליידער, דעם ערשטען מאהל וכבסו את אשר בו הנגע והסגירו, זיי זאלען וואשען די קליידער אין וועלכע עס איז די נגע און פארשליסען דעם בגד אויף זיבען טעג צו זעהען אויב די נגע וועט זיך פארגרעסערן אדער זי וועט שטעהן אין זעלבען צושטאנד אדער שוואכער ווערען, און דער צווייטער וואשען נאך די פאר־שליסונג זאגט דער פסוק והבגד או השתי או הערב או כל כלי העור אשר תכבס (בראשונה) וסר מהם הנגע וכבס שנית וטהר, און דער בגד אדער די פעדים וואס געהען אין דער לענג ווארע אדער וואס געהען אין דער ברייט פון דער ווארע אדער יעדע כלי געמאכט פון פעל, וואס איז געוואשען געווארען בעפאר דער פארשליסונג, און די נגע איז פון זיי אוועק, זאל ער א צווייטען מאהל וואשען שוין אין נאמען פון טבילה און דער בגד זאל זיין געזעצליך ריין, איז דאך שווער ווארום ער זאגט שנית אנשטאט דעם, האט ער געדארפט זאגען וכבס עוד וטהר ער זאל נאך אמאהל וואשען און דער בגד זאל זיין ריין? דען עס איז אן אונטערשייד צווישען עוד און שנית, אין א פלאץ וואו דער פסוק איז ניט אויסען וועגען דער צאהל, אדער עס איז אן אונטערשייד פון ערשטען מאהל צום צווייטען מאהל, כאפט דער פסוק אן דעםווארט עוד, ווי א שטייגער ויאמר ה׳ לו עוד הבא נא ידך בחיקך, ג־ט האט געזאגט צו משה טהו נאך אריין דיין האנד אין דיין שויס, אדער ויוסף עוד בלק שלוח שרים, בלק האט נאך געמעהרט צו שיקען שרים, אבער אין א פלאץ וואן ער איז יא אויסען אויף דער צאהל, ס׳וויפילט מאהל עס איז, אדער אויף די גלייכהייט פוןביידע געגענשטענדע, כאפט שוין דער פסוק אן דעם ווארט שנית, ווי א שטייגער וישן ויחלום שנית, ער איז אנשלאפען געווארען און גע׳חלום׳ט א צווייטען מאהל, ער איז אויסען געוועזען צו דערצעהלען וועגען צוויי חלומות גלייכע אין איין נאכט, היינט וואס פאר א צוועק איז דא מיט׳ן ווארט שנית? דער צוועק איז צוצוגלייכען דעם ערשטען וואשען צום צווייטען וואשען, פונקט ווי דער ערשטער וואשען איז געוועזען צום וויסען פון א מענש דען דער כהן האט דאך באפעהלט צו וואשען, אזוי אויך דער צווייטער וואשען וואס איז פארגעקומען אין דער מקוה אלס טבילה, זאל זיין צום וויסען דאס הייסט מיט כוונה, ניט ווען א מענש פאלט אריין אין וואסער אומבאוואוסט, דאס איז ניט פאררעכענט אלס טבילה, (איך מוז זאגען אז דער צווייטער וואשען איז טבילה, דען וועגען ריינקייט איז דאך די קלייד שוין געוואשען בעפאר דער פארשליסונג) פרעגט די גמרא, „אי מה להלן בעינן דעת כהן, אף כאן בעינן דעת כהן? תלמיד לומר וטהר מכל מקום״, אויב אזוי, לאמיך אויך זאגען דאס פונקט ווי דער ערשטער כיבוס איז געדארפט דער וויסען פון כהן, אזוי אויך דער צווייטער כיבוס זאל דארפען זיין דורכ׳ן וויסען פון כהן? דעריבער זאגט דער פסוק וטהר וואס איז א פארגאנגענהייט איבערגעקעהרט דורך דער וי״ו אין אנפאנג אויף א צוקונפט צו טייטשען ביידע וועגען, ער דער בגד זאל זיין געווארען ריין

לה רב שימי בר אשי ומי אמר רבי יוחנן הכי, והא״ר יוחנן הלכה כסתם משנה, ותנן נפלה סכין ושחטה אע״פ ששחטה כדרכה פסולה, והוינן בה טעמא דנפלה הא הפילה הוא כשרה, ואע״ג דלא מיכוין, ואמרינן מאן תנא דלא בעי כוונה לשחיטה? ואמר רבא רבי נתן היא, בשחיטה אפי׳ רבי יונתן בן יוסף מדגלי רחמנא מתעסק בקדשים פסול, מכלל דחולין לא בעינן כוונה, ורבנן נהי דלא בעינן כוונה לזביחה, לחתיכה בעינן, אמר רבא בהא זכנהו רבי נתן לרבנן מי כתיב

---

אַלעֶנפאַלס אפילו אָהן וויסען פון כהן, דען אויב ניט צו לאָזען הערען דאָס, וואָלט דער פסוק געדאַרפט זאָגען ויטהר ער זאָל זיין ריין דורכ׳ן וויסען פון כהן, און איך וואָלט זיך ניט טועה זיין צו דענקען אַנדערש, (ויטהר איז אַ געוועהנליכער צוקונפט וואָרט ער זאָל זיין ריין, „מתקיף לה רב שימי בר אשי ומי אמר ר׳ יוחנן הכי, והאמר ר׳ יוחנן הלכה כסתם משנה״? האָט רב שימי אַ קשיא געפרעגט האָט דען ר׳ יוחנן אַזוי געזאָגט דאָס חולין דאַרף כוונה, ר׳ יוחנן האָט דאָך געזאָגט אַז די הלכה איז ווי די סתם משנה, (וואָס איז פעסטגעשטעלט לויט אַ תנא ניט אפילו דערמאָנענדיג זיין נאָמען), „ותנן נפלה סכין ושחטה אף על פי ששחטה כדרכה פסולה״, און מיר האָבען געלערנט אין אַ משנה אַז אַ סכין איז אַרונטערגעפאַלען און אין וועג געשאָכטען, חאָטש זי האָט געשאָכטען ווי דער שטייגער איז, איז די שחיטה פסול, „והוינן בה, טעמא דנפלה, הא הפילה הוא, כשרה, ואף על גב דלא מיכווין״, און מיר האָבען אַ קשיא געפרעגט, גוט אַז דער סכין איז אַליין אַרונטערגעפאַלען, איז טאַקע די שחיטה פסול, אָבער ווען ער וואַרפט איהר אַרונטער און זי שעכט, איז די שחיטה כשר חאָטש ער האָט ניט מיכווין געווען פאַר שחיטה, „ואמרינן מאן תנא דלא בעי כוונה לשחיטה? ואמר רבא רבי נתן היא״, און מיר האָבען געזאָגט ווער איז דאָס דער תנא וואָס דאַרף ניט קיין כוונה ביי שחיטה? און רבא האָט אויף דעם געזאָגט אַז רבי נתן איז דאָס, און ר׳ יוחנן האָט דאָך געזאָגט אַז די הלכה איז ווי אַ סתם משנה און די משנה איז דאָך סותם נאָך ר׳ נתן נאָך, זעהסט דאָך גוט דאָס ר׳ יוחנן האַלט אויך מען דאַרף ניט קיין כוונה ביי שחיטה? ענטפערט די גמרא, „בשחיטה אפילו ר׳ יונתן בן יוסף, מדגלי רחמנא מתעסק בקדשים פסול, מכלל דחולין לא בעינן כוונה״, ביי שחיטה איז אפילו ר׳ יונתן אין דער דעה, דאָס אָהן כוונה, ווען איך זעה די תורה האָט פאַרעפענטליכט ביי מתעסק ביי קדשים וואו עס ווערט געטוען פון איהם אָהן כוונה ביי קדשים איז פסול, איז דאָך געדרינגען דאָס אָבער חולין איז מתעסק יאָ גוט, ווייל מיר דאַרפען ניט קיין כוונה, פרעגט די גמרא „ורבנן״? זיי וואָס פסל׳ען די שחיטה ביי חולין וואָס איז זייער טעם? ענטפערט די גמרא, „נהי דלא בעינן כוונה לזביחה לחתיכה בעינן״, זיי ענטפערען אַזוי, צוואַר מיר דאַרפען ניט קיין כוונה צו שעכטען, אָבער וועניגסטענס צו שניידען דאַרף דאָך זיין כוונה, דעריבער פסל׳ען זיי, „אמר רבא בהא זכינהו רבי נתן לרבנן, מי כתיב וחתכת? וזבחת כתיב״, האָט רבא געזאָגט מיט דער זאַך האָט רבי נתן באַזיגט די רבנן, ווייל עס שטעהט דען וחתכת דו זאָלסט שניידען? עס

**וחתכת? (דברים י״ב) וזבחת כתיב, אי בעינן כוונה להתיכה אפי׳ לזביחה נמי ליבעי, אי לא בעינן כוונה לזביחה להתיכה נמי לא ליבעי? היכי דמי נדה שנאנסה וטבלה? אילימא דאנסה חבירתה ואטבלה, כוונה דחברתה כוונה מעלייתא היא? ועוד בתרומה נמי אכלה, דתנן החרשת והשוטה והסומא ושנטרפה דעתה אם יש להן פיקחות מתקנות אותן אוכלות בתרומה, אמר רב פפא לר׳ נתן שנפלה מן הגשר, ולרבנן שירדה להקר: אמר רבא שחט פרה ושחט בהמה**

---

שטעהט דאָך וזבחת דו זאָלסט שעכטען, דאַרף זיין די כוונה אויף שעכטען ניט גלאַט אויף צו שניידען, „אי בעינן כוונה לחתיכה, אפילו לזביחה נמי ליבעי, אי לא בעינן כוונה לזביחה, לחתיכה נמי לא ליבעי״? דען אַלענפאַלס קומט דאָך ניט גוט אוים לויט די רבנן, דאַרף מען כוונה צושניידען, דאַרף מען אויך האָבען כוונה אז דער שניט איז שחיטה, דאַרף מען ניט קיין כוונה פאַר שחיטה דאַרף מען ניט קיין כוונה פאַר שניידען, פרעגט די גמרא, „היכי דמי נדה שנאנסה וטבלה? אילימא דאנסה חבירתה ואטבלה, כוונה דחברתה כוונה מעלייתא היא״? ווי שמועסט דאָ ביי דער נדה וואו זי איז באַצוואָנגען געוואָרען צו דער טבילה? זאָל איך זאָגען דאָס איהר פריינדין האָט איהר באַצוואונגען און איהר גע׳טובל׳ט, האָט דאָך די פריינדין געהאַט כוונה, וועלכע הייסט אַ רעכטע כוונה? „ועוד בתרומה נמי אכלה? דתנן החרשת והשוטה והסומא ושנטרפה דעתה, אם יש להן פקחות מתקנות אותן אוכלת בתרומה״? און נאָך איינס פון אזא טבילה, וואָלט זי דאָך אפילו תרומה אויך מעגען עסען? דען מיר האָבען געלערנט דאָס אַ טויב־שטומע און אַן אומפאַרשטענדיגע און אַ בלינדע און אַביסעל גערירטע פון זינען, איז דער דין, אויב זיי האָבען קלוגע וואָס ריכטען זיי ווי צו טוען מעגען זיי עסען תרומה, זעהסט דאָך גוט, דאָס דער אַנדערער׳ס כוונה איז גילטיג, היינט ווי מיינט מען דאָ נדה שנאנסה? „אמר רב פפא לרי נתן שנפלה מן הגשר״, האָט רב פפא געזאָגט נאָך ׳ נתן נאָך וואָס זאָגט מען דאַרף ניט קיין כוונה אַפילו צו שניידען, שמועסט דאָ ביי דער נדה וואָס רבי ברייננט אויבען, דאָס זי איז אַרונטער־געפאַלען פון אַ בריק אין וואַסער אַריין, וואו זי האָט אַפילו ניט געהאַט אין איהר מיין צו באָדען זיך און ר׳ יוחנן אסור׳ט איהר אַפילו צום מאַן ווייל ער גלייכט ניט טבילה צו שחיטה, דען ביי טבילה האַלט ער די דרשה פון שנית ווי ר׳ נתן, און ביי שחיטה פאַרקערט איז ער מתיר, ווייל ער דרינגט עס פון קדשים, ווען איך זעה די תורה האָט פאַרעפענטליכט ביי קדשים דאָס מתעסק איז פסול צו וויזען דאָס אָבער ביי חולין איז מתעסק וואָס מיינט עס טוט זיך אָהן כוונה — כשר, „ולרבנן, שירדה להקר״, און נאָך די רבנן נאָך וואָס דאַרפען וועניגסטענס אַ כוונה אויף צו שניידען, איז אזא גלייכונג ביי דער נדה וואָס רב איז מכשיר צום מאַן, שמועסט אז זי געהט אין וואַסער אויף אָפּ־צוקיהלען זיך, אָבער ניט מיט אַ כוונה צו טובל׳ען זיך, און אזוי געהענדיג איז זי אינגאַנצען אַריינגעפאַלען אין וואַסער, די רבנן גלייכען טבילה צו שחיטה, פונקט ווי שחיטה אויב נאָר אַ כוונה צו שניידען איז די שחיטה שוין גוט, אזוי

אחרת עמה לדברי הכל פסולה, (דף ל״ב ע״א) נשחטה בהמה אחרת עמה לר׳ נתן פרה פסולה, בהמה כשרה, לרבנן פרה כשרה, בהמה פסולה, פשיטא? נשחטה בהמה אחרת לר׳ נתן איצטריכא ליה, סד״א (במדבר י״ט) ושחט אותה אמר רחמנא ולא אותה והבירתה וה״ד כגון ששחט שתי פרות בהדי הדדי אבל בהמה דחולין אימא לא? קמ״ל, התך דלעת עמה דברי הכל פסולה נחתכה דלעת עמה דברי

---

אויך ביי טבילה אויב אפילו זי איז אריין נאר אויף אפצוקיהלען זיך איז שוין די טבילה גילטיג, און רב זאגט דעם דין נאך די רבנן נאך, אבער צו תרומה איז קיין מחלוקת, עס מוז זיין א רעכטע כוונה: „אמר רבא שחט פרה ושחט בהמה אחרת עמה לדברי הכל פסולה״, רבא האט געזאגט אז ער האט געשאכטען א פרה אדומה און מיט איהר מיטגעשאכטען מיט׳ן זעלבען שניט מיט כוונה אן אנדער בהמה, האלטען אלע די פרה אדומה איז פסול, „נשחטה בהמה אחרת עמה, לרי נתן פרה פסולה בהמה כשרה, לרבנן פרה כשרה בהמה פסולה״, אויב אן אנדערע בהמה איז מיטגעשאכטען געווארען ניטווילענדיג, דאס מיינט אהן כוונה, נאך ר׳ נתן איז די פרה פסול און די בהמה כשר, ווייל ער האלט דאך, דאס חולין דארף ניט קיין כוונה, און אזוי ווי די שחיטה פון דער בהמה איז גילטיג איז שוין דעריבער די פרה אדומה פסול ווייל דער פסוק זאגט ושחט אותה דאס נאר איהר אליין זאל ער שעכטען ניט איהר מיט נאך אײנער, און נאך די רבנן נאך איז די פרה כשר און די בהמה פסול, ווייל זיי האלטען שחיטה אהן כוונה איז קיין שחיטה ניט ביי דער חולין, און צוליב מלאכה וואס די חולין איז מיטגעשניטען געווארען, ווערט די פרה אדומה ניט פסול, ווייל אהן כוונה הייסט ניט אז ער איז געווען באשעפטיגט מיט אויך אן אנדערע מלאכה, ווייל דער טעם איז ער זאל ניט אוועקרוקען זיין מיין פון דער פרה, און דא האט ער דאך ניט אוועקגערוקט זיין מיין פון דער פרה, דען ער האט דאך אינגאנצען ניט אין זינען געהאט די חולין, נאר בלויז די פרה, פרעגט די גמרא, „פשיטא״? עס איז דאך א געוויס אזוי לויט זייערע סברות, היינט וואס לאזט ער מיר הערען? ענטפערט די גמרא, „נשחטה בהמה אחרת לרי נתן איטריכא ליה, סלקא דעתך אמינא ושחט אותה אמר רחמנא ולא אותה וחבירתה, והיכי דמי? כגון ששחט שתי פרות בהדי הדדי״, עס איז געדארפט צו לאזען הערען דער דין וואו אן אנדערע בהמה איז מיטגעשאכטען געווארען אהן כוונה, נאך ר׳ נתן נאך, ווייל איך וואלט מיינען צו זאגען, אז דאס וואס די תורה האט גע׳אסור׳ט מיטשעכטענדיג אן אנדערע מיט איהר, איז נאר? ווען בײדע זענען גלייכע פרות אדומות, „אבל בהמה דחולין אימא לא? קא משמע לן״, אבער וואו די צווייטע איז חולין, וואלט איך מיינען, אז דער פסוק אותה איז ניט ממעט ווייל זי איז ניט גלייך צו איהר און די פרה איז כשר נאך ר׳ נתן? לאזט ער מיך הערען אז אותה באציהט זיך אויך צו ממעט זיין אפילו חולין טאר ער ניט מיט איהר מיטשעכטען, „חתך דלעת עמה דברי הכל פסולה, נחתכה דלעת עמה דברי הכל כשרה״, אז ער האט מיט איהר שעכטען מיט־געשניטען א דלעת אזא גרינצייג, האלטען אלע אז זי איז פסול ווייל ער האט

הכל כשרה: **מתני׳** נפלה סכין והגביהה נפלו כליו והגביהן השחיז את הסכין ועף בא חבירו ושחט אם שהה כדי שחיטה פסולה, ר״ש אומר אם שהה כדי ביקור: **גמ׳** מאי כדי שחיטה? א״ר כדי שחיטת בהמה אחרת, א״ל רב כהנא ורב אסי לרב כדי שחיטת בהמה לבהמה, ועוף לעוף, או דילמא אף בהמה לעוף? אמר להו לא הוה בדיהנא ביה בחביבי דאישייליה, איתמר, א״ר כדי שחיטת בהמה לבהמה, ועוף לעוף, ושמואל אמר אפי׳ בהמה לעוף וכן כי אתא רבין א״ר יוחנן אפי׳ בהמה לעוף, ר׳ חנניא אמר כדי שיביא בהמה אחרת וישחוט, יביא אפי׳ מעלמא?

---

אין זינען געהאט מיטצושניידען, אויב אָבער עס איז מיטגעשניטען געוואָרען אָהן כוונה האלטען אלע זי איז כשרה, און דאָס וואָס ר׳ נתן אויבען פסול׳ט די פרה וואו ער האָט מיטגעשאָכטען אָהן כוונה, איז ווייל שחיטה אָהן כוונה איז אויך א גוטע שחיטה: „מתני׳, נפלה סכין והגביהה, נפלו כליו והגבהו, השחיז את הסכין ועף״, אז דער סכין איז געפאלען ווערענד דער שחיטה און ער האָט איהר אויפגעהויבען און געענדיגט די שחיטה, אָדער די כלים דאָס מיינט זיין איינהילע אָדער זיין היטעל איז איהם ארונטערגעפאלען פון קאָפּ, ווערענד דער שחיטה און ער האָט זיי אויפגעהויבען און געענדיגט די שחיטה, אָדער ער האָט אָנגעשארפט דעם סכין און איז מיעד געוואָרען ווערענד דער שחיטה, „בא חברו ושחט אם שהה כדי שחיטה פסולה״, ביז זיין חבר איז צוגעקומען און געענדיגט די שחיטה, איז דער דין אויב דאָס פארזאהמען האָט געדויערט וויפיעל עס נעמט א שחיטה, איז די שחיטה פסול, „ר׳ שמעון אומר אם שהה כדי ביקור״, ר׳ שמעון זאָגט אויב ער האָט פארזאהמט וויפיל עס נעמט צו אונטערזוכען א סכין: „גמ׳״, פרעגט די גמרא „מאי כדי שחיטה? אמר רב כדי שחיטת בהמה אחרת״, וויפיל מיינט דאָס וויפיעל עס נעמט א שחיטה? האָט רב געזאָגט וויפיל עס נעמט צו שעכטען אן אנדערע בהמה, „אמרי ליה רב כהנא ורב אסי לרב, כדי שחיטת בהמה לבהמה, ועוף לעוף, או דלמא אף בהמה לעוף״? האָבען רב כהנא און רב אסי געזאָגט צו רב, צי מיינסטו וויפיל עס נעמט צו שעכטען א בהמה ווען ער זאהמט ביי דער שחיטה פון א בהמה, און פון אן עוף ביי אן עוף, אָדער פילייכט מעג די פארזאהמונג ביי אן עוף אויך זיין ביז וויפיל צייט עס נעמט צו שעכטען א בהמה? „אמר להו לא הוה בדיהנא ביה בחביבי דאישייליה״, האָט ער צו זיי געזאָגט, איך בין ניט געוועזן אזוי פריי צו מיין פעטער ר׳ חייא איך זאָל איהם קענען פרעגען דאָס, „אתמר אמר רב כדי שחיטת בהמה לבהמה ועוף לעוף, ושמואל אמר אפילו בהמה לעוף״, מיר האָבען געלערנט רב האָט געזאָגט ביי א בהמה איז דער שיעור פון פארזאהמונג אין מיטען דער שחיטה, וויפיל עס נעמט צו שעכטען א בהמה, און ביי אן עוף וויפיל עס נעמט צו שעכטען אן עוף, און שמואל זאָגט אפילו ביי אן עוף איז אויך דער שיעור וויפיל צו שעכטען א בהמה, „וכן כי אתא רבין אמר ר׳ יוחנן אפילו בהמה לעוף״, און אזוי אז רבין איז אָנגעקומען האָט ער געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יוחנן אז דער שיעור פון א בהמה איז אויך פאר אן עוף, „ר׳ חנניא אמר כדי שיביא בהמה אחרת וישחוט״, ר׳ חנניא האָט

נתת דבריך לשיעורין? אמר רב פפא עומדת להטיל איכא בינייהו, אמרי במערבא משמיה דר' יוסי ברבי חנינא וכדי שיגביהנה וירביצנה וישחוט דקה לדקה, וגסה לגסה, אמר רבא השוחט בסכין רעה אפי' כל היום כולו כשרה, בעי רבא שהיות מהו שיצטרפו? ותיפשוט לה מדידיה התם בדלא שהה, בעי רב הונא בריה דרב נתן שהה במיעוט סימנים מהו? תיקו: ר"ש אומר אם שהה [כדי ביקור]: מאי

---

געזאָגט אז דער שיעור איז ביז ער ברייננגט אַן אַנדערע בהמה און ער שעכט איהר, פרעגט די גמרא, „יביא אפילו מעלמא? נתת דבריך לשיעורים"? דו זאָגסט ביז ער ברייננגט אַן אַנדערע בהמה, מיינט דאָך דאָס פון איבעראַל, אויב אַזוי, האָסטו דאָך געגעבען פאַרשיידענע שיעורים, אמאָהל פון נאָהענט און אמאָהל פון ווייט, ווי קען דאָס זיין? „אמר רב פפא עומדת להטיל איכא בינייהו, האָט רב פפא געזאָגט, עס שמועסט וואו די בהמה שטעהט גרייט צו אוועקלייגען איהר, און דאָס איז דער אונטערשייד צווישען ר' חנניא און ר' יוחנן, ר' יוחנן גיט דעם שיעור בלויז דאָס שעכטען און ר' חנניא גיט דעם שיעור צו אוועקלייגען איהר און שעכטען, „אמרי במערבא משמיה דרי יוסי ברבי חנינא כדי שיגביהנה וירביצנה וישחוט דקה לדקה וגסה לגסה", אין ארץ ישראל האָבען זיי געזאָגט אין נאָמען פון ר' יוסי ברבי חנינא, אַז דער שיעור איז צו אויפהויבען איהר ביי די פיס צו אוועקלייגען איהר און שעכטען, דער שיעור איז פון קליינע אויף קליינע און פון גרויסע אויף גרויסע יעדע לויט זיין סאָרט, און זעלבסט פאַרשטענדליך איז שוין אויך ביי אַן עוף, דאָס זיין שיעור פון פאַרזאַהמונג ביי דער שחיטה צו פסל'ען איז וויפיל עס נעמט צו שעכטען אַ צווייטען עוף, „אמר רבא השוחט בסכין רעה, אפילו כל היום כולו כשרה", רבא האָט געזאָגט אַז איינער שעכט מיט אַ שלעכטען סכין וואָס מיינט ער איז גלאַט נאָר שטומפּיג, אפילו ווען ער שעכט אַ בהמה אַ גאַנצען טאָג איז זי אויך כשר, „בעי רבא שהיות מהו שיצטרפו"? האָט רבא אַ פראַגע געפרעגט צי פאַרזאַהמונגען עטליכע אין מיטען דער שחיטה נעמען זיך צוזאַמען אויף אַ שיעור שהייה? פרעגט די גמרא „ותפשוט לה מדידיה"? דו קענסט דאָך דיר אויסגעפינען די שאלה פון זיין אייגענע הלכה, ער זאָגט דאָך ערשט ווען אפילו ער שעכט אַ גאַנצען טאָג, וואַרשיינליך מיט איבעררייסונגען, איז אויך די שחיטה כשר? ענטפערט די גמרא, „התם בדלא שהה", דאָרט שמועסט וואו ער פיהרט דעם סכין נאָכאַנאַנד הין־און־צוריק אָהן אַן אָפּשטעל הייסט עס ניט קיין שהייה, חאָטש עס נעמט אַזוי לאַנג, „בעי רב הונא בריה דרב נתן שהה במיעוט סימנין מהו"? האָט רב הונא אַ פראַגע געפרעגט אַז ער האָט געזאַהמט צו לעצט ביים ענדיגען די מינדערהייט סימנים ווי איז דער דין, צי זאָג איך, ווייל אַ מעהרהייט פון די סימנים זיינען דאָך שוין געשאָכטען לויט אַ שיעור שחיטה, איז שוין די שהייה קיין שהייה ניט, צי זאָג איך אַזוי ווי ער פאַרטיגט אויך די מינדערהייט סימנים, הייסט דאָס איין שחיטה, און זי ווערט פסול דורך דער פאַרזאַהמונג אין דער מיטען, ווי בלייבט דער דין? „תיקו", בלייבט די פראַגע שטעהן: „ר' שמעון אומר אם שהה כדי ביקור": פרעגט

כדי ביקור א״ר יוחנן כדי ביקרו של חכם א״כ נתת דבריך לשיעורין אלא כדי ביקור טבח חכם: מתני׳ שחט את הוושט ופסק את הגרגרת, או פסק את הגרגרת ואח״כ שחט את הוושט, או שחט אחד מהן והמתין לה עד שמתה, או שהחליד את הסכין תחת השני ופסקו, ר׳ ישבב אומר נבלה, ר״ע אומר טריפה, כלל א״ר ישבב משום ר׳ יהושע כל שנפסלה בשחיטתה, נבלה, כל ששחיטתה כראוי ודבר אחר גרם לה ליפסל טריפה, והודה לו ר״ע: גמ׳ שחט את הוושט וכו׳ והודה לו ר׳ עקיבא, ורמינהו אלו טריפות בבהמה (דף ל״ב ע״ב) נקובת הוושט, ופסוקת הגרגרת, אמר רבא לא קשיא, כאן ששחט ולבסוף פסק, כאן

---

די גמרא „מאי כדי ביקור״? וואָס מיינט ער מיט די ווערטער כדי ביקור? „אמר רי יוחנן כדי ביקרו של חכם״, האָט ר׳ יוחנן געזאָגט וויפיל עס נעמט פאַר אַ חכם צו אונטערזוכען אַ סכין, פרעגט די גמרא, „אם כן נתת דבריך לשיעורים״? אויב אַזוי האָסטו דאָך געגעבען דיינע רייד צו פאַרשידענע שיעורים, איינעם נעמט עס גיכער און איינעם לענגער? „אלא״ זאָגט די גמרא, „כדי ביקור טבח חכם״, וויפיל עס נעמט פאַר אַ קצב אַ תלמיד חכם, — וואָס איז גענוצט ביי דער אַרבייט, — צו אונטערזוכען אַ סכין: „מתני׳, שחט את הוושט ופסק את הגרגרת, או פסק את הגרגרת ואחר כך שחט את הוושט״, אַז ער האָט געשאָכטען ביי אַ בהמה דעם שפייזרעהר און נאָכהער איבערגעהאַקט דעם לופטרעהר, אָדער צוערשט איבערגעהאַקט דעם גרגרת און נאָכהער געשאָכטען דעם וושט, (איבער־האַקען דעם לופטרעהר הייסט עיקור וואָס איז פון די טריפות) „או שחט אחד מהן והמתין לה עד שמתה, או שהחליד את הסכין תחת השני ופסקו, רי ישבב אומר נבלה, רי עקיבא אומר טרפה״, אָדער ער האָט געשאָכטען איינעם פון די סימנים און געוואַרט ביז זי איז אויסגעגאַנגען, אָדער ער האָט אַריינגעשטאָכען דעם סכין אונטער דעם צווייטען סימן וואָס איז די לופטרעהר און איהם איבערגעהאַקט אויף אַרויף, זאָגט ר׳ ישבב די בהמה איז נבלה און ר׳ עקיבא זאָגט זי איז אַ טרפה, „כלל אמר רי ישבב משום רי יהושע כל שנפסלה בשחיטתה נבלה, כל ששחיטתה כראוי ודבר אחר גרם לה ליפסל טרפה, אַ כלל האָט געזאָגט ר׳ ישבב אין נאָמען פון ר׳ יהושע, דאָס יעדע בהמה וואו דער פסול מאַכט זיך אין איהר שחיטה, ווערט זי אַ נבלה, אָבער וואו איהר שחיטה איז ווי עס געהער צו זיין, נאָר אין אַן אַנדערע זאַך האָט איהר פאַראורזאַכט צו ווערען פסול, הייסט זי אַ טרפה, „והודה לו רי עקיבא״ און ר׳ עקיבא האָט איהם צוגעגעבען: „גמ׳, שחט את הוושט וכו׳ והודה לו רי עקיבא, ורמינהו אלו טריפות בבהמה, נקובת הוושט ופסוקת הגרגרת, באַ־ציהענדיג זיך אויף דער משנה, וועל איך דיך פאַראייַנאַנדער פרעגען מיר האָבען געלערנט אין אַן אַנדער משנה, די זענען די טריפות ביי אַ בהמה אַז דער וושט איז געלעכערט אָדער דער לופטרעהר איז איבערגעהאַקט, זעהסט דאָך גוט דאָס די הייסען טריפה ניט קיין נבלה, און דאָ קומט דאָך אויס, דאָס ר׳ עקיבא האָט צוגעגעבען אַז זיי זענען נבלה היינט ווי ווער קען אויסקומען די אַ משנה פון אלו טרפות? „אמר רבא לא קשיא, כאן ששחט

שפסק ולבסוף שחט, שחט ולבסוף פסק נפסלת בשחיטה היא, פסק ולבסוף שחט, כי דבר אחר גרם לה ליפסל דמיא, איתיביה רב אחא בר הונא לרבא שחט את הוושט ופסק את הגרגרת, פסק את הגרגרת ואח"כ שחט את הוושט, נבלה? אימא וכבר שחט את הוושט מעיקרא, א"ל שתי תשובות בדבר הדא דהיינו קמייתא, ועוד הא תנן ואח"כ, אלא אמר רבא אלו אסורות קתני ויש מהן נבילות ויש מהן טרפות, וליחשוב נמי דחזקיה דאמר חזקיה עשאה גיסטרא נבלה, וליחשוב

---

ולבסוף פסק, כאן שפסק ולבסוף שחט", האָט רבא געזאָגט עס איז ניט קיין קשיא, דאָ וואו ער זאָגט עס איז נבלה שמועסט וואו ער האָט געשאָכטען און אם ענדע איבערגעהאקט דעם גרגרת, און דאָ וואו ער רעכענט עס פאר בלויז א טריפה שמועסט וואו ער האָט איבערגעהאקט דעם גרגרת און נאכהער געשאָכטען דעם וושט, „שחט ולבסוף פסק נפסלת בשחיטה היא, פסק ולבסוף שחט, כי דבר אחר גרם לה ליפסל דמיא", אז ער האָט געשאָכטען און נאכהער איבערגעהאקט דעם גרגרת, הייסט דאָס א פסול ביי דער שחיטה, איז עס נבלה, און אויב ער האָט פריהער איבערגעהאקט און נאכהער גע־שאָכטען, איז עס גלייך ווי אַן אנדער זאך וואָלט פאראורזאכט צו ווערען פסול, ווייל זי איז דאָך נאָך געווען פסול בעפאָר דער שחיטה, „איתיביה רב אחא בר הונא לרבא, שחט את הוושט ופסק את הגרגרת, פסק את הגרגרת ואחר כך שחט את הוושט נבלה"? האָט רב אחא בר הונא א קשיא געפרעגט צו רבא די משנה זאָגט דאָך ביידע פאלען, און אויף ביידע ענדיגט זי דאָך ר' ישבב זאָגט, אז זי איז נבלה, וואָס דען מאכסטו אַן אונטערשייד צווישען די ביידע פאלען? ענטפערט די גמרא, „אימא וכבר שחט את הוושט מעיקרא", זאָג אזוי אין דעם פאל, און ער האָט שוין לאַנג געהאט געשאָכטען דעם וושט בעפאָר, „אמר ליה שתי תשובות בדבר, חדא דהיינו קמייתא, ועוד הא תנן ואחר כך ? האָט ער צו איהם געזאָגט צוויי פראַגען איז פאראַן אין דער זאך, איין פראַגע איז, לויט ווי דו ענטפערסט קומט דאָך אויס, דאָס ביידע פאלען זענען דאָס זעלבע, פריהער געשאָכטען און נאכהר איבערגעהאקט, און נאָך איין פראַגע די משנה זאָגט דאָך ריין ארויס ואחר כך דאָס ערשט נאכהער געשאָכטען? „אלא אמר רבא אלו אסורות קתני, ויש מהן נבלות ויש מהן טרפות", אלא האָט רבא געזאָגט די משנה פון אלו טרפות מיינט אזוי צו לערנען די זענען די טרפות וואָס זענען אסור, פאראַן פון זיי וועלכע זענען נבלות און פאראַן אויך פון זיי וואָס זענען בלויז טרפות, פרעגט די גמרא, „וליחשוב נמי דחזקיה, דאמר עשאה גיסטרא נבלה"? זאָל די משנה אויך רעכענען חזקיה'ס דין, וואו ער זאָגט אז ער האָט געשאָכטען און געמאַכט איהר פאר א גיסטרא, איז זי נבלה, (גיסטרא מיינט וואו ער האָט דעם גאַנצען האַלז איבערגעשניטען אויף צוויי) אויב זי רעכענט אויך נבלות? „וליחשוב נמי דרבי אלעזר דאמר נטלה ירך וחלל שלה, נבלה"? זאָל זי אויך רעכענען דעם דין פון ר' אלעזר וואו ער זאָגט אויב די גאַנצע פלייש פון דיך וואו ער איז באהאָפטען צום קערפּער איז אוועקגענומען, ביז עס איז קענטליך דער פלאַץ

נמי דרבי אלעזר, דאמר ר"א נטלה ירך והחלל שלה נבלה? כי קתני נבלה דלא מטמאה מחיים, אבל נבלה דמטמאה מחיים לא קתני, ר"ש בן לקיש אמר כאן ששחט במקום חתך, כאן ששחט שלא במקום חתך, שחט במקום חתך נפסלה בשחיטה היא, שלא במקום חתך, כי דבר אחר גרם לה ליפסיל דמיא, ומי אמר ר"ש בן לקיש הכי, והאמר ר"ש בן לקיש שחט את הקנה ואח"כ ניקבה הריאה כשרה, אלמא כמאן דמנחא בדיקולא דמיא, ה"נ כמאן דמנחא בדיקולא דמיא? אלא א"ר חייא בר אבא אמר ר' יוחנן לא קשיא כאן קודם חזרה כאן לאחר

---

אלס הויל, דאָס מיינט דער חלל איז אוועקגענומען איז זי מטמא אלס נבלה חאָטש זי לעבט נאָך? (רבא אויבען דף כ"א האָט פארטייטשט אז עס מיינט ווען זי ליגט אויף דער זייט און עס זעהט זיך אפיר פון אונטען אלס הויל) ענטפערט די גמרא, „כי קתני נבלה? דלא מטמאה מחיים, אבל נבלה דמטמאה מחיים לא קתני", ווייסטו וואָס פאר א נבלה ער לערנט? אזא וואָס איז ניט מטמא נאָך ביים לעבען ווי א שטייגער אַן איבערגעהאַקטער גרגרת, אָבער א נבלה ווי די גסטרא אָדער נטלה ירך, וואָס איז מטמא נאָך ביים לעבען, די רעכענט ניט די משנה, „רבי שמעון בן לקיש אמר כאַן ששחט במקום חתך כאן ששחט שלא במקום חתך", ר' שמעון זאָגט אז דאָ שמועסט וואו ער האָט געשאָכטען אין זעלבען פלאַץ, אין שניט פון גרגרת, און דאָ שמועסט וואו ער האָט ניט געשאכטען אין זעלבען פלאַץ פון שניט, „שחט במקום חתך נפסלה בשחיטה היא", שעכטענדיג אין פלאַץ פון שניט פון פריהער, הייסט עס פסול געוואָרען פון דער שחיטה, די הייסט א נבלה, „שלא במקום חתך כי דבר אחר גרם לה ליפסל דמיא", שעכטענדיג אָבער ניט אין זעלבען פלאַץ פון שניט, איז עס גלייך ווי אַן אַנדער זאַך האָט איהר פאַראורזאכט צו ווערען פסול, די איז בלויז א טרפה אויף דער שחיטה אין זעלבען פלאַץ איז ר' עקיבא מודה אז די בהמה איז נבלה, איז שוין ניט קיין קשיא פון אלו טריפות, פרעגט די גמרא, „ומי אמר ר' שמעון בן לקיש הכי, והא אמר שחט את הקנה ואחר כך ניקבה הריאה כשרה, אלמא כמאן דמנחא בדיקולא דמיא, הכא נמי כמאן דמנחא בדיקולא דמיא"? האָט דען ר' שמעון בן לקיש אזוי געזאָגט, ער האָט דאָך געזאָגט א דין אז איינער האָט געשאָכטען די קנה, און נאָכהער איז געלעכערט געוואָרען די לונגען, וואָס איז א טייל פון קנה, שעכטענדיג נאָכהער דעם וושט איז די שחיטה כשר, זעהסט דאָך גוט, דאָס די לונגען מיט'ן קנה, זענען גלייך ווי זיי וואָלטען שוין ליגען אין קאָרב, ניט זייענדיג ביי דער בהמה צו קענען טריפה מאַכען איהר, דען די קנה איז דאָך געשאָכטען געוואָרען בעפאָר, אזוי אויך דאָ אין א פאַרקערטער ריכטונג, וואו דעם קנה ער האָט איבערגעהאַקט און אַם ענדע איהם געשאָכטען ניט אין פלאַץ פון זיין שניט, איז ער דאָך גלייך, ווי אלס סימן ער וואָלט ניט עקסיסטירען אין דער בהמה, נאָר ליגען אין קאָרב, ווי קען די בהמה אַרויס פון אלס נבלה מיט בלויז איין סימן? דער קנה אלס איבערגעהאַקט העלפט דען ביי איהם שחיטה? „אלא אמר ר' חייא בר אבא אמר ר' יוחנן

חזרה, ומשנה לא זזה ממקומה, גופא אמר ר״ש בן לקיש שחט את הקנה, ואחר כך ניקבה הריאה כשרה, אמר רבא לא אמר ר״ש בן לקיש אלא בריאה, הואיל וחיי ריאה תלויה בקנה, אבל בבני מעיים לא, מתקיף לה רבי זירא מאחר שנולדו בה סימני טריפה התרת? מה לי בריאה מה לי בבני מעיים? והדר ביה ר׳ זירא, דבעי רבי זירא ניקבו בני מעיים בין סימן לסימן מהו? מי מצטרף סימן ראשון לסימן שני לטהרה מידי נבלה, או לא? ואמרינן לאו היינו דבעי אילפא

---

לא קשיא כאן קודם חזרה כאן לאחר חזרה ומשנה לא זזה ממקומה", אלא האט ר׳ חייא געזאגט אין נאמען פון ר׳ יוחנן עס איז ניט קיין קשיא פון דער משנה אלו טרפות אויף דער משנה דא, דא ביי דער משנה פון אלו טרפות האט ר׳ עקיבא איהר געלערנט בעפאר נאך ער האט צוריקגעצויגען פון דין טרפה צו דין נבלה. און דא ביי אונזער משנה שמועסט שוין נאך זיין צוריקטריט, און א משנה וועלכע איז שוין איינגעאיבט צווישען אלע אין בית המדרש, ווערט ניט אוועקגערוקט פון פלאץ, ווייל די חכמים האבען גוט געוואוסט דאס דער דין פון פסיקת הקנה איז פון ר׳ עקיבא וואו ער האט מודה געווען צו ר׳ ישבב אלס דין נבלה, וועט מען זיך ניט טועה זיין אין דין, „גופא אמר ר׳ שמעון בן לקיש שחט את הקנה ואחר כך ניקבה הריאה כשרה, אמר רבא לא אמר ר׳ שמעון בן לקיש אלא בריאה הואיל וחיי ריאה תלויה בקנה, אבל בבני מעיים לא", אויף דעם דין פון ר׳ שמעון בן לקיש וועגען ניקבה הריאה נאכ׳ן שעכטען דעם קנה, האט רבא געזאגט דאס ר׳ שמעון האט דאס ניט געזאגט נאר ביי דער לונג ווייל די לונג מיט׳ן קנה זענען דאך איינס, און דער לעבען פון איהר איז דאך אבהענגיג אן דעם קנה, אבער אז א קישקע פון אינגעווייט איז געלעכערט געווארען, צווישען שעכטונג פון קנה צום וושט איז זי א טרפה, ווייל די קישקעס זענען אפהענגיג אן וושט, „מתקיף לה רבי זירא מאחר שנולדו בה סימני טרפה התרת, מה לי בריאה מה לי בבני מעיים"? האט ר׳ זירא א קשיא געפרעגט אזוי ווי דו האסט שוין מתיר געמאכט סימני טרפות וואס האבען זיך געמאכט נאכ׳ן שעכטען פון קנה, ווייל דו האלסט די סברה דאס וויבאלד אביסעל איז געשאכטען קען שוין מעהר ניט טרפה ווערען, וואס מאכט שוין אוים דער אונטערשייד צי עס איז געבוירען געווארען די טרפה ביי דער ריאה צו ביי די בני מעיים? (פרעגענדיג די קשיא האט נאך ר׳ זירא ניט געהאלטען די סברה אז דער סימן קנה מיט דער ריאה זענען גלייך ווי זיי װאלטען אינגאנצען ניט עקזיסטירען שוין אין דער בהמה). „והדר ביה ר׳ זירא דבעי ר׳ זירא ניקבו בני מעיים בין סימן לסימן מהו, מי מצטרף סימן ראשון לסמן שני לטהרה מידי נבלה, או לא"? און ר׳ זירא האט צוריקגעצויגען פון דער קשיא צוליב דער סברה וואס ער האט אנגענומען דאס די ריאה מיט׳ן קנה זענען גלייך ווי זיי וואלטען שוין ליגען אין קארב אלס געשאכטען, פון װאנעט ווייס איך דאס? דען ר׳ זירא האט געפרעגט א פראגע, אז די בני מעיים (געדערים) זענען געלעכערט געווארען צווישען שעכטונג פון איין סימן צום אנדערן, דאס הייסט צווישען קנה און דעם וושט,

הוציא עוב׳ את ידו בין סימן לסימן מהו? (דף ל״ג ע״א) מי מצטרף סימן ראשון לסימן שני, לטהרה מידי נבלה, או לא, עד כאן לא איבעיא לן, אלא לטהרה מידי נבלה, אבל באכילה אסורה, אמר ליה רב אחא בר רב לרבינא דילמא לעולם לא הדר ביה, ורבי זירא לדבריו דרבא קאמר, וליה לא סבירא ליה, אמר רב אחא בר יעקב שמע מינה מדרבי

---

ווי איז דער דין, צי זאָג איך אז ביידע סימנים נעמען זיך וועניגסטענס צוזאַמען צו רייניגען איהר פון אַלס נבלה, חאָטש טרפה איז זי יאָ, צי זאָג איך אז זיי זענען זיך ניט מצטרף? „ואמרינן לאו היינו דבעי אילפא הוציא עובר את ידו בין סימן לסימן מהו״? האָבען מיר אויף דער פראַגע געזאָגט צי איז דאָס ניט די זעלבע פראַגע וואָס אילפא האָט געפרעגט, ווייטער דף ס״ח, אז שעכטענדיג אַ בהמה האָט דאָס קינד אין איהר אַרויסדערלאַנגט דעם פאָדערשטען פוס ווערענד דער שחיטה צווישען איין סימן און דעם אַנדערן, ווי איז דער דין, „מי מצטרף סימן ראשון לסימן שני לטהרה מידי נבלה, או לא״? צי נעמען זיך צוזאַמען ביידע סימנים וועניגסטענס צו רייניגען דעם פוס פון אַלס נבלה, חאָטש דער פוס ווערט ניט כשר צום עסען גלייך מיט׳ן גאַנצען קאַלב, אָבער רייניגען פון אַלס נבלה האָט דאָך דער ערשטער סימן אָנגעפאַנגען, צי זאָג איך ער נעמט זיך צוזאַמען וועניגסטענס אויף דעם מיט׳ן צווייטען סימן, צי ניט? האָט מען דאָרט די פראַגע אויפגעקלערט, אויב די ביידע סימנים נעמען זיך צוזאַמען צו כשר מאַכען דעם גאַנצען קאַלב צום עסען, זאָלען זיי זיך ניט צוזאַמעננעמען וועניגסטענס אויף צו רייניגען דעם איינציגען גליד? אזוי אויך דאָ אז די בני מעיים זענען געלעבערט געוואָרען קענסטו פון דאַנען אויסגעפינען אז זיי זענען זיך מצטריף, ווייל די זאַך וואָס האָט זיך געמאַכט צווישען דער שחיטה, קען ניט ווירקען צו פסל׳ען די שחיטה אויב ביי די סימנים אַליין האָט גאָרניט פאַסירט עפּעס וואָס פסל׳ט די שחיטה, יעצט קומען מיר צו דעם באַוויין אז ר׳ זירא האָט זיך צוריק געצויגען, „עד כאן לא איבעיא לן אלא לטהרה מידי נבלה, אבל באכילה אסורה״, ביז יעצט ווי מיר ווייסען איז אונז צו קיין פראַגע ניט געווען, נאָר געגען צו רייניגען פון אַלס נבלה, אָבער צום עסען, אויב די בני מעיים זענען געלעבערט געוואָרען צווישען איין סימן און דעם אַנדערען, איז די בהמה ווייטער אסור, מוז דאָך זיין דאָס ר׳ זירא האַלט דעם אונטערשייד צווישען דער ריאה און די בני מעיים, צוליב דער סברה ווייל די ריאה וואָס איז איינס מיט׳ן קנה איז גלייך ווי זיי וואָלטען שוין ליגען אין קאָרב אָבער די בני מעיים זענען דאָך באַהאַפטען צום וושט ניט צום קנה, דעריבער איז איהם צו פראַגע געווען ביי די בני מעיים וועגען נבלה, זעהסט דאָך גוט דאָס ר׳ זירא האָט צוריקגעצויגען פון דער פראַגע צו גלייכען די בני מעיים צו דער ריאה, „אמר ליה רב אחא בר רב לרבינא דילמא לעולם לא הדר ביה, ורי זירא לדבריו דרבא קאמר וליה לא סבירא ליה״? האָט רב אחא בר רב געזאָגט צו רבינא פיליכט דאָס לעולם זאָג איך, דאָס ר׳ זירא האָט זיך ניט צוריק־געצויגען פון זיין גלייכונג די בני מעיים צו דער ריאה, ווייל אָנפאַנגענדיג

שמעון בן לקיש, מזמנין ישראל על בני מעיין ואין מזמנין עכו"ם על בני מעיין, מאי טעמא ישראל דבשחיטת תליא מילתא, כיון דאיכא שחיטה מעלייתא אישתרי להו, עכו"ם דבנחירה סגי להו ובמיתה תליא מילתא, הני כאבר מן החי דמו, אמר רב פפא הוה יתיבנא קמיא דרב אחא בר יעקב ובעי, דאימא ליה מי איכא מידי דלישראל שרי, ולעכו"ם אסור, ולא אמרי לי' דאמינא הא טעמא קאמר, תניא דלא כרב אחא בר יעקב הרוצה לאכול מבהמה קודם שתצא נפשה חותך כזית בשר מבית השחיטה, ומולחו יפה יפה, ומדיחו יפה יפה,

---

שעכטען קען שוין קיין טרפה פון אן אנדער פלאץ אויסער ביי די סימנין ניט ווירקען, איי וואס ער פרעגט בלויז וועגן רייניגען פון זיי אלס נבלה? דאס קען זיין אז ער פרעגט נאר נאך די רייד פון רבא וועלכער מאכט יא אן אונטערשייד צווישען דער ריאה און די בני מעיים, אבער ער אליין האלט ניט אזוי, „אמר רב אחא בר יעקב שמע מינה מדרי שמעון בן לקיש מזמנין ישראל על בני מעיים ואין מזמנין עובד כוכבים על בני מעיים", רב אחא בר יעקב האט געזאגט, פון ריש לקיש'ס דין וואס ער זאגט, דאס שעכטענדיג דעם קנה און נאכהער איז געלעכערט געווארען די ריאה, איז זי גלייך ווי לאנג שוין ארוים פון דארט איז דאך אויך אזוי אויב שעכטענדיג דעם וושט פריהער און נאכהער זענען געלעכערט געווארען די בני מעיים, גלייך ווי זיי וואלטען געווען ארויסגענומען געווארען פון דארט, זענען דאך ביי אזא פאל די גדערים, ווי זיי וואלטען זיין גלידער אפגעשניטען פון א לעבענדע בהמה, איז געדרינגען דאס מען טאר א גוי ניט איינלאדען צו געבען זיי די גלידער צו עסען, חאטש א יודען מעג מען יא, „מאי טעמא? ישראל דבשחיטה תליא מילתא, כיון דאיכא שחיטה מעלייתא אישתרי להו, עובדי כוכבים דבנחירה סגי להו ובמיתה תליא מלתא הני כאבר מן החי דמוי", וואס איז די סברה? א ישראל וואס איז געווענדעט אן שחיטה, וויבאלד די שחיטה איז א רעכטע שחיטה, ווערט די פלייש מותר פאר זיי, אבער א גוי, פאר איהם איז דאך גענוג נחירה דורכגעלעכערט ביז'ן האריץ, און עס איז געווענדעט אין אבשטערבונג פון דער בהמה, הייסען די גדערים גלייך ווי גלידער פון א לעבעדיגער בהמה וואס איז אסור צו געבען פאר זיי, „אמר רב פפא הוה יתיבנא קמיה דרב אחא בר יעקב ובעי דאימא ליה מי איכא מידי דלישראל שרי ולעובדי כוכבים אסור, ולא אמרי ליה, דאמינא הא טעמא קאמר?" האט רב פפא געזאגט איך בין געזעסען פאר רב אחא בר יעקב און ער האט געפרעגט, איך זאל איהם זאגען צי איז טאקע פאראן א זאך, דאס צו א ישראל זאל עס זיין מותר און צו א גוי זאל עס זיין אסור? און איך האב איהם ניט געזאגט ווייל איך האב געטראכט ער האט דאך געזאגט א סברה צו זיין זאך? „תניא דלא כרב אחא בר יעקב, הרוצה לאכול מבהמה קודם שתצא נפשה חותך כזית בשר מבית השחיטה ומולחו יפה יפה ומדיחו יפה יפה וממתין לה עד שתצא נפשה ואוכלו", מיר האבען געלערנט אין א ברייתא פארקערט ווי רב אחא בר יעקב, אז איינער וויל עסען פון אבהמה

וממתין לה עד שתצא נפשה ואוכלו, אחד עכו״ם ואחד ישראל מותרין בו, מסייע ליה לרב אידי בר אבין דאמר רב אידי בר אבין אמר רבי יצחק בר אשיאן הרוצה שיבריא חותך כזית בשר מבית שחיטתה של בהמה ומולחו יפה יפה, ומדיחו יפה יפה, וממתין לה עד שתצא נפשה אחד עכו״ם ואחד ישראל מותרין בו: **מתני׳** השוחט בהמה חיה ועוף ולא יצא מהן דם כשרים, ונאכלין בידים מסואבות לפי שלא הוכשרו בדם, רבי שמעון אומר הוכשרו בשחיט׳: **גמ׳** טעמא דלא יצא

---

אידער דער לעבען געהט פון איהר ארויס, ווייל ער דארף עס צו שטארקען זיך, זאָל ער אוועקשניידען א שטיק פון שחיטה פלאץ און אויסזאַלצען גוט גוט און אויסשווענקען גוט גוט און ווארטען ביז דער לעבען געהט ארויס און אויפעסען, „אחד עובד כוכבים ואחד ישראל מותרין בו״, און סיי א גוי און סיי א יוד מעגען די פלייש עסען, זעהסט דאָך גוט דאָס אפילו אגוי וויבאלד די בהמה איז שוין טויט הייסט שוין די פלייש אפילו ווען אָפּגעשניטען באלד נאָך דער שחיטה ווען זי וואַרפט זיך נאָך, ניט קיין אבר מן החי פארקערט פון רב אחא בר יעקב, „מסייע ליה לרב אידי בר אבין דאמר רב אידי אמר ר׳ יצחק בר אשיאן הרוצה שיבריא חותך כזית בשר מבית שחיטתה של בהמה ומולחו יפה יפה ומדיחו יפה יפה וממתין לה עד שתצא נפשה, אחד עובד כוכבים ואחד ישראל מותרין בו״, דאָס וועט זיין א ראיה צו רב אידי בר אבין וואָס האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יצחק בר אשיאן, אז איינער וויל שטארקער ווערען זאָל ער אָפּשניידען אשטיקעל פלייש פון דער בית השחיטה און אויסזאַלצען גוט גוט און אויסשווענקען גוט גוט, און צוווארטען ביז די בהמה שטערבט אָפּ, סיי א גוי סיי א יוד מעגען עסען די פלייש: „מתניי, השוחט בהמה חיה ועוף ולא יצא מהן דם כשרים ונאכלין בידים מסואבות״, אז איינער שעכט א בהמה א חיה אָדער א געפליגעל און עס איז פון זיי ניט ארויס קיין בלוט זענען זיי כשר, און זיי מעגען ווערען געגעסען אלס געבראָטען מיט ניט קיין גע׳טובל׳טע הענד, „לפי שלא הוכשרו בדם״, ווייל זיי זיינען ניט צוגעגרייט געוואָרען מיט׳ן בלוט, עס זאָל זיך קענען צוקלעפּען צו זיי א טומאה, די חכמים האָבען גוזר געווען אויף הענד זיי זאָלען ווערען א צווייטע טומאה, און אויב די פלייש ווערט ניט באנעצט מיט׳ן בלוט, ווערט זי ניט טמא פון הענד, די גמרא וועט ווייטער פרעגען א שני קען דאָך זאָ־ווי־זאָ ניט מאכען קיין שלישי ביי חולין, וואָס דען מיינט דאָ די משנה, דער דין איז נאָר א קלער פאר איינעם וואָס עסט חולין בטהרה, „ר׳ שמעון אומר הוכשרו בשחיטה״, חאָטש די פלייש איז ניט באנעצט געוואָרען מיט קיין בלוט, ווערט אָבער די פלייש צוגעגרייט אלס אן עסענוואַרג פון דער שחיטה, ווייל אזוי ווי די שחיטה נעמט איהר דאָך ארויס פון אלס אבר מן החי און מאכט איהר נעהנטער צו קענען עסען, מאכט זי איהר שוין גלייך ווי זי וואָלט שוין געווען גרייט אלס אוכל און עסענווארג דארף דאָך ניט קיין הכשר: „גמ׳״ פרעגט די גמרא, „טעמא דלא יצא נזהן דם,

מהן דם, הא יצא מהן דם אין נאכלים בידים מסואבות, אמאי, וידים שניות הן, ואין שני עושה שלישי בחולין? וממאי דבחולין עסקינן דקתני חיה, דאילו קדשים, חיה בקדשים מי איכא? ותו אי בקדשים כי לא יצא מהן דם כשרה, הוא עצמו לדם הוא צריך? ותו אי בקדשים כי יצא מהן דם מי מכשיר, והאמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן מניין לדם קדשים שאינו מכשיר? שנאמר (דברים י"ב) על הארץ תשפכנו כמים, דם שנשפך כמים מכשיר, שאינו נשפך כמים אינו מכשיר? ותו אי בקדשים כי לא יצא מהם דם לא מתתכשרי, ליתכשרי בחיבת הקדש? דקיימא לן חיבת הקדש מכשרתן? אמר רב נחמן אמ'

---

הא יצא מהן דם, אין נאכלין בידים מסואבות, אמאי? ידים שניות הן, ואין שני עושה שלישי בחולין"? לויט דער משנה קומט אויס, דאָס גוט איז וואָס די בלוט איז ניט ארויס אָבער ווען די בלוט געהט יאָ ארויס, טאָרען זיי ניט ווערען געגעסען מיט אומגע'טובל'טע הענד, ווארום? הענד זענען דאָך נאָר א צווייטע טומאה, און א צווייטע קען דאָך ניט מאַכען קיין דריטע ביי חולין? איי וועסטו אפשר זאָגען, „וממאי דבחולין עסקינן"? פון וואנען ווייסטו אז דאָ שמועסט אויסשליסליך נאָר ביי חולין? איז דאָך אָבער דאָס קענטיג פון דער משנה? „דקתני חיה, דאילו בקדשים, חיה מי איכא"? ער לערנט דאָך אין דער משנה חיה, און איז דען פאַראַן חיה ביי קדשים? „ותו אי בקדשים, כי לא יצא מהן דם כשרה, הוא עצמו לדם הוא צריך"? און נאָך איינס, אויב דו וועסט זאָגען דאָס וועניגסטענס די בהמה שמועסט ביי קדשים, איז דאָך שווער וואָס ער זאָגט אז די בלוט איז ניט ארויס איז זי כשר, ווי איז דאָס מעגליך, דער גאַנצער קרבן איז דאָך בלויז פאַר'ן בלוט געברויכט פאַר דער זריקה, אויב ניט איז דאָך די פלייש ניט ערלויבט? „ותו אי בקדשים כי יצא מהן דם מי מכשיר? והאמר ר' חייא בר אבא אמר ר' יוחנן מנין לדם קדשים שאינו מכשיר? שנאמר על הארץ תשפכנו כמים"? און נאָך א פראַגע, אויב ביי קדשים אז די בלוט איז יאָ ארויס, קומט דאָך אויס לויט דער משנה איז זי יאָ מכשיר, איז דען בלוט פון קדשים מכשיר, ר' חייא בר אבא האָט דאָך געזאָגט אין נאָמען פון ר' יוחנן פון וואנען נעם איך דאָס דם קדשים איז ניט מכשיר? דער פסוק זאָגט ביי בשר תאוה וואו מען געהט עסען פלייש ניט דורך קיין קרבן, וואו מען שפּרענגט די בלוט, נאָר בלויז ווייל עס גליסט זיך צו עסען פלייש, דאָס די בלוט זאָלסטו אויסגיסען ווי וואסער, צו לאָזען הערען דאָס אזא בלוט וואָס ווערט אוועקגעגאָסען ווי וואסער איז מכשיר אָבער ניט קיין קדשים, דען איידער מען האָט געמעגט עסען פלייש האָט קיין בלוט ניט מכשיר געווען דען אלעס איז דאָך געווען דם קדשים און די בלוט פון א חיה און אן עוף האָט מען דאָך געמוזט צודעקען, איז דאָך דם קדשים ניט מכשיר? „ותו אי בקדשים כי לא יצא מהן דם לא מתכשרי, ליתכשרי בחיבת הקודש? דקיימא לן חיבת הקודש מכשרתן"? און נאָך א פראַגע אויב דאָ שמועסט ביי קדשים און אויב די בלוט געהט ניט ארויס ווערען זיי ניט מוכשר, זאָלען זיי ווערען מוכשר דורכ'ן חיבת הקודש צו הייסען

רבה בר אבוה הכא בחולין שלקחן בכסף מעשר עסקינן, ודלא כרבי מאיר, דתנן (דף ל"ג ע"ב) כל הטעון ביאת מים מדברי סופרי', מטמא את הקדש, ופוסל את התרומה, ומותר בחולין ובמעשר, דברי רבי מאיר, וחכמים אוסרים במעשר, מתקיף לה רב שימי בר אשי ממאי? דלמא עד כאן לא פליגי רבנן עליה דרבי מאיר, אלא באכילת מעשר, אבל בנגיעה דמעשר ואכילה דחולין לא פליגי, והא נגיעה היא מדקתני נאכלין בידים מסואבות, מי לא עסיקינן דקא ספי ליה חבריה,

---

אלס אוכל, דען עס איז דאך אן אויספיהרליכע זאך דאס די ליבשאפט פון קדש איז עס מכשיר ווי גליך עס וואלט שוין זיין א צוגעגרייטער אוכל צו עסען, וואס איז מקבל טומאה אהן באנעצונג? (דער באגריף פון חבת הקודש איז דאס דער קודש איז באליבט ווי א צוגעגרייטער אוכל,) היינט ווי קען דא מיינען די משנה אז זיי קענען ווערען געגעסען מיט ידים מסואבות? „אמר רב נחמן אבר רבה בר אבוה הכא בחולין שלקחן בכסף מעשר עסקינן ודלא כרי מאיר", די היגע משנה שמועסט האט רב נחמן געזאגט ביי חולין וואס מען האט געקויפט פאר מעשר שני געלד און עס קומט אויס געגען ר' מאיר, „דתנן כל הטעון ביאת מים מדברי סופרים מטמא את הקודש ופוסל את התרומה ומותר בחולין ובמעשר דברי ר' מאיר", דען מיר האבען געלערנט אין א משנה יעדע זאך וואס דארף קומען אין וואסער דורך א טומאה וואס איז נאר דרבנן ווי א שטייגער הענד און כלים וועלכע זענען טמא געווארען אין משקים וועלכע זענען געזאגט ביי די אכטצען זאכען אין ערשטען פרק פון שבת, האבען די חכמים גוזר געווען טומאה אויף זיי אלס א צווייטע טומאה צו קענען מאכען ביי קודש אויך א דריטע טומאה און זי זאל פסל'ען א פירטע און ביי תרומה בלויז א דריטע און זי איז מותר ביי חולין און ביי מעשר, אזוי האלט ר' מאיר, „וחכמים אוסרין במעשר", און די חכמים אסור'ן ביי מעשר, קומט די משנה דא אויס ווי די חכמים, דאס די חולין דא וואס איז געקויפט געווארען פאר מעשר געלד און געווארען אלס מעשר ווערט זי טמא פון א שני קומט דא די משנה צו ערצעהלען דאס פון זייער שחיטה אויב עס געהט ניט קיין בלוט מעג מען זיי עסען מיט אומריינע הענד, ווייל זיי האבען ניט קיין הכשר, „מתקיף לה רב שימי, ממאי, דילמא עד כאן לא פליג רבנן עליה דרי מאיר אלא באכילת מעשר, אבל בנגיעה דמעשר ואכילה דחולין לא פליג"? האט רב שימי בר אשי א קשיא געפרעגט פון וואנען נעמסטו אז מעשר ווערט פסול פון א צווייטער טומאה פון בארירונג, פיליכט קריגען די רבנן ניט אויף ר' מאיר נאר ביים עסען דעם מעשר, אז א שני טאר ניט עסען קיין מעשר, צוליב הארבקייט פון די חכמים, אבער אנרירען דעם מעשר און עסען די חולין קריגען זיי גארניט און האלטען גליך דאס מען מעג? „והא נגיעה היא, מדקתני נאכלין בידים מסואבות? מי לא עסקינן דקא ספי ליה חבריה"? און די משנה דא איז דאך וועגען בארירונג, ווען איך זעה ער לערנט „נאכלין" אז זיי ווערען געגעסען מיט אומריינע הענד, אויב קיין בלוט איז ניט פאראן צו מכשיר זיין, מיינט עס דאך דאס אויב ווען

אלא אמר רב פפא הכא בידים תחילות עסיקינן, ורבי שמעון בן אלעזר היא, דתניא אין ידים תחילו' לחולין, ר' שמעון בן אלעזר אומר משום רבי מאיר ידים תחילות לחולין, ושניות לתרומ', תחילות לחולין אין, לתרומה לא? הכי קאמר תחילות אף לחולין שניות לתרומה אין, לחולין לא, ומי איכא ידים תחילות? אין, דתניא הכניס ידיו לבית המנוגע, ידיו תחילות דברי רבי עקיבא, וחכמים אומרים ידיו שניות, דכולי עלמא ביאה במקצת לא שמה ביאה, והכא בגזירה

---

בלוט איז יאָ מכשיר, ווערען זיי ניט גענעסען מיט אומריינע הענד צוליב באַרירונג, און איך קען דאָך ניט זאָגען, דאָס די משנה מיינט אפילו אָהן באַרירונג, דען עס וואָלט דאָך דאַרפען שטעהן אוכלין בידים מסואבות, אז זיי מעגען עסען אפילו ווען זיי האָבען אומריינע הענד, צו דרינגען דערפון, דאָס אויב בלוט איז יאָ מכשיר טאָרען זיי ניט עסען, אויב זיי האָבען אומריינע הענד, צוליב די חכמים האָבען הארבער געמאַכט ביי מעשר, אָבער ניט צוליב זיי וועלען אָנרירען די מעשר, און די משנה זאָגט דאָך ניט אוכלין נאָר נאכלין אז זיי ווערען גענעסען מיט אומריינע הענד, איז עס דאָך זיכער אַ פראַגע וועגען באַרירונג, און אויב אזוי, איז דאָך די קשיא „מי לא עסקינן דקא ספי ליה חבריה"? שמועסט דען ניט די משנה אויך וואו אַן אנדערער דערלאַנגט איהם אין מויל, וואו עס פאַלט אוועק די פראַגע פון באַרירונג, און פונדעסטוועגען איז ביי הכשר פון די פלייש אסור פאַר איהם, איז עס דאָך צוליב הארבקייט, היינט ווארום זאָגט זי, אז זיי ווערן גענעסען מיט אומריינע הענד? וואָס מיינט נאָר צוליב באַרירונג? „אלא אמר רב פפא הכא בידים תחלות עסקינן ורי שמעון בן אלעזר היא, דתניא אין ידים תחלות לחולין, רי שמעון בן אלעזר אומר משום רי מאיר ידים תחלות לחולין ושניות לתרומה", אלא האָט רב פפא געזאָגט די משנה דאָ וואָס דו דרינגסט פון איהר, דאָס דער דם איז מכשיר, פסל'ען די הענד די פלייש, שמועסט ניט ביי ידים אלס אַ צווייטע טומאה נאָר אַן ערשטע, און עס קומט אוים ווי ר' שמעון בן אלעזר, דען מיר האָבען געלערנט אין אַ ברייתא דאָס ידים אלס ערשטע טומאה איז ניט פאַראַן צו חולין, נאָר ביי קודש און תרומה ר' שמעון בן אלעזר זאָגט אין נאָמען פון ר' מאיר דאָס ידים אלס תחלות איז יאָ פאַראַן צו חולין און אלס שניות צו תרומה, פרעגט די גמרא, „תחלות לחולין אין, לתרומה לא"? הענד אלס ערשטע טומאה צו חולין יאָ און צו תרומה ניט? ענטפערט די גמרא, „הכי קאמר תחלות אף לחולין שניות לתרומה אין, לחולין לא", אזוי מיינט ער צו זאָגען, הענט אלס ערשטע איז אויך פאַראַן צו חולין און אלס צווייטע טומאה צו תרומה יאָ, צו חולין ניט, פרעגט די גמרא, „ומי איכא ידים תחלות"? איז דען פאַראַן אַן ערשטע טומאה אויף הענד? ענטפערט די גמרא „אין", יאָ, „דתניא הכניס ידיו לבית המנוגע ידיו תחלות דברי רי עקיבא, וחכמים אומרים ידיו שניות", דען מיר האָבען געלערנט, אז איינער וואָס האָט ריינע הענד, אז ער האָט אריינדערלאַנגט זיי אין אהויז וואָס איז טמא צוליב אַ נגע, ווערען זיי אַן

ידיו אטו גופו קא מיפלגי, מר סבר ידיו כגופו שוינהו רבנן, ומר סבר ידים כידים דעלמא שוינהו רבנן, ולוקמה כרבי עקיבא דאמר ידיו תחילות הויין? דילמא כי קאמר רבי עקיבא הני מילי בתרומה וקדשים דחמירי, אבל לחולין שניות הויין, וליהויין נמי שניות דהא שמעינן ליה לרבי עקיבא דאמר שני עושה שלישי בחולין? דתנן בו ביום דרש רבי עקיבא (ויקרא י״א) וכל כלי חרש וגומר יטמא טמא לא נאמר, אלא יטמא, לטמא אחרים, לימד על ככר שני שהוא עושה

---

ערשטע טומאה אזוי האלט ר׳ עקיבא און די חכמים זאָגען זיינע הענד זענען א צווייטע טומאה, „דכולי עלמא ביאה במקצת לא שמה ביאה, והכא בגזירה ידיו אטו גופו קא מיפלגי, מר סבר ידיו כגופו שוינהו רבנן, ומר סבר ידים כידים דעלמא שוינהו רבנן״, אלע האלטען דאָס דער קומען פון א טייל פון מענטשענ׳ס גלידער אין א בית המנוגע, הייסט ניט קיין קומען, איי וואָס דען זענען די הענד טמא? נאָר דאָ קריגען זיי אין דער גזירה וואָס די חכמים האָבען ארויפגעלייגט אויף די הענד צוליב׳ן קערפער, ר׳ עקיבא האלט דאָס די חכמים האָבען גוזר געווען טומאה אויף די הענד און געמאכט זיי ווי דעם גוף אליין, פונקט ווי דער גוף איינגאנצען אז ער געהט אין א נגע הויז, ווערט ער אן ערשטע טומאה אזוי אויך די הענד, און איינער האלט אז די חכמים האָבען געמאכט די הענד אלס צווייטע טומאה ווי ערגעץ אנדערש, וואו די חכמים האָבען גוזר געווען אויף סתם הענד אלס שניות, פרעגט די גמרא, „ולוקמא כרי עקיבא דאמר ידיו תחלות הויין״? זאָל מען איינזעצען די משנה דאָ ווי ר׳ עקיבא וועלכער זאָגט אז ידים זענען אלס ערשטע טומאה, די מעהרסט משניות זענען דאָך געלערנט לויט ר׳ עקיבא? ענטפערט די גמרא, „דילמא כי קאמר ר׳ עקיבא הני מילי בתרומה וקדשים דחמירי, אבל לחולין שניות הויין״, איך קען ניט איינזעצען ווי ר׳ עקיבא, ווייל פילייכט ווען זאָגט ר׳ עקיבא די רייד? נאָר ביי תרומה און קדשים וואָס זענען הארב, אָבער צו חולין קען זיין ער האלט אויך, דאָס די הענד זענען נאָר אלס שניות, פרעגט די גמרא, „וליהויין נמי שניות, דהא שמעינן ליה לרי עקיבא דאמר שני עושה שלישי בחולין״? זאָל זיין ווען נאָר אפילו אלס שניות, וועט דאָך אויך אויסקומען גוט, דען מיר האָבען דאָך געהערט פון איהם דאָס ער האלט אז א שני מאַכט א שלישי ביי חולין, אז א צווייטע טומאה מאַכט א דריטע? „דתנן בו ביום דרש ר׳ עקיבא וכל כלי חרש יטמא, טמא לא נאמר אלא יטמא לטמא אחרים״, דען מיר האָבען געלערנט אין א משנה אין סוטה דאָס אין דעם זעלבען טאָג ווען מען האָט געמאַכט ר׳ אלעזר בן עזריה אלס א נשיא האָט ר׳ עקיבא גע׳דרש׳ענט דער פסוק זאָגט וכלי חרש אשר יפול מהם אל תוכו, כל אשר בתוכו יטמא, יעדע ערדענע כלי וואו עס וועט אריינפאלען א טייל פון שרצים, איז אלעס פון עסענווארג וואָס געפינט זיך אין דער כלי טמא, עס שטעהט ניט כל אשר בתוכו טמא נאָר יטמא ער זאָל זיין טמא, דאָס דרינגט מיר די עסענווארג וואָס איז טמא געוואָרען אין דער כלי איז טמא צו קענען מטמא זיין נאָך אנדערע, ווי אזוי עס איז גערדינגען, איז

שלישי בחולין? דילמא הני מילי בטומאה דאורייתא אבל בדרבנן לא, אמר רבי אלעזר אמר רבי הושעיא הכא בחולין שנעשו על טהרת הקדש עסקינן, ודלא כרבי יהושע דתניא ר׳ אליעזר אומר האוכל אוכל ראשון ראשון, שני שני, שלישי שלישי, רבי יהושע אומר האוכל

---

נאָך אַ גוטען זוכען געפונען געוואָרען, דען מיר זעהען דאָס איבעראַל וואו די תורה נוצט דעם צוקונפט וואָרט יטמא אָדער וטמא וואָס איז איבער־געקערט דורך דער וי״ו פון אָנפאַנג פון אַ פאַרגאַנגענהייט אויף אַ צוקונפט וואָרט, און זיי טייטשען זיך ער זאָל זיין טמא — זענען זיי פון אַזאַ טומאה וואָס איז פעהיג צו מטמא זיין אַנדערע, לויט אַ גרונדליכען באַגריף וואָס מיינט טמא, דען אַנדערש רופען שוין די חכמים דאָס אַלס פסול, אָבער אין פסוק איז אויך פאַראַן דער נאָמען טמא אויף אַ פסול, אָבער נאָר אין געשטאַלט פון אַ נאָמען ווי אַ שטייגער טמא הוא, קומט צומאהל אויף אַ פסול, אָדער אויף אומווירדיגקייט אָדער דאָס פאַרקערטע פון קדושה, ווי אַ שטייגער ביי די חיות וועלכע זענען טמא וואס מען טאָר ניט עסען אָדער ותטמא הארץ לא תתן שכבתך לטמאה, ביי די אַלע נוצט קיינמאָהל ניט דער פסוק דאָס וואָרט יטמא, אויף דעם גרונד האָט ר׳ עקיבא געבויט זיין געביידע דאָס אַ צווייטע מאַכט אַ דריטע אַ ניט וואָלט שטעהן כל אשר בתוכו טמא, ר׳ עקיבא האָט געדענקט אַלע יטמא׳ס אין דער תורה ווי זיי זענען גענוצט נאָר אַלס טומאה צו מטמא זיין אַנדערע, ניט אַזוי איז דער וואָרט טמא ער איז שוין גענוצט פאַרשידען, צוריק צום ענין, קען דאָך די משנה אויסקומען לויט ר׳ עקיבא, דאָס וואו דער דם איז מכשיר, טאָרען הענד וועלכע זענען שניות ניט באַרירען די פלייש וועלכע קען ווערען אַ שלישי? ענטפערט די גמרא, „דלמא הני מילי בטומאה דאורייתא, אבל בדרבנן לא״, פיליכט זענען די רייד פון ר׳ עקיבא נאָר געזאָגט ביי אַ טומאה וואָס איז דאורייתא, ווי ביי כלי חרס, אָבער ביי אַ טומאה וואָס איז נאָר דרבנן ווי אַ שטייגער וואו די חכמים האָבען גוזר געווען אויף סתם הענד זיי זאָלען זיין שניות, דאָרט קען זיין האַלט אויך ר׳ עקיבא דאָס ידים שניות קענען ניט מאַכען קיין שלישי, „אמר ר׳ אלעזר אמר ר׳ הושעיא הכא בחולין שנעשו על טהרת הקודש עסקינן ודלא כרי יהושע״, ר׳ אלעזר האָט געזאָגט אין נאָמען פון הושעיא דאָס אונזערע משנה דאָ, וואָס זאָגט וועגען מעגען עסען מיט טמא הענד שמועסט ביי חולין וועלכע ווערען צוגעגרייט אין ריינקייט פון קודש, פאַר אַ מענש וואָס איז געוויינט צו עסען קודש, און ער וויל אָפּהיטען דעם וועג אויך ביי חולין, ער זאָל ניט אַראָפּפאַלען פון זיין שטייגערי, און זי איז געלערנט געגען ר׳ יהושע, „דתניא ר׳ אליעזר אומר האוכל אוכל ראשון, ראשון, שני שני, שלישי, שלישי״, דען מיר האָבען געלערנט דאָס ר׳ אליעזר זאָגט אַז איינער עסט אַן עסען וואָס איז אַן ערשטע טומאה, ווערט ער אַן ערשטע טומאה ווי די עסען אַליין, און אַזוי אַ צווייטע און אַ דריטע טומאה, דער שיעור פון דעם עסען איז אַ חצי פרס וואָס מיינט אַ האַלבע שטיק און אַ שטיק מיינט פיער אייער די גרויס, אַז ער עסט דעם שיעור פון צוויי ביצים, ווערט

אוכל ראשון ושני, שני, שלישי שני לקדש, ואין שני לתרומה, ובחולין שנעשו על טהרת תרומה, על טהרת תרומה אין, על טהרת הקדש לא, קסבר חולין שנעשו על טהרת הקדש לית בהו שלישי, ולוקמה (דף ל"ד ע"א) בחולין שנעשו על טהרת תרומה ור' יהושע? לא ס"ד דקתני בשר דאי בתרומה בשר מי איכא? אלא מאי בקדשים, חיה

---

ער טמא ווי די עסען אליין חאטש פון בארירונג ווערט ער ניט טמא ווייל א מענש אדער כלים ווערט ניט טמא פון אן אב הטומאה, „ר' יהושע אומר האוכל אוכל ראשון ושני שני, שלישי שני לקודש, ואין שני לתרומה". ר' יהושע זאגט אז איינער עסט אן עסען וואס איז אן ערשטע אדער א צווייטע טומאה, ווערט ער א צווייטע טומאה צו קענען מאכען א דריטע, ער האלט דאס דער מענש ווערט ניט די זעלבע טומאה ווי די עסען, די גמרא וועט ווייטער פרעגען ווארום פון א שני ווערט ער אויך א שני? און אויב ער עסט א שלישי, ווערט ער א שני צו מטמא זיין קודש אלס שלישי און די שלישי מאכט אויך א פערטע ביי קודש, און אלס א צווייטע טומאה אז ער בארירט תרומה ווערט זי ניט פסול אלס א שלישי, אבער עסען די תרומה טאר מען ניט, דען זי מאכט פארט דעם מענש וואס עסט איהר אלס שלישי, „בחולין שנעשו על טהרת תרומה", דעם אוכל אלס ערשטע צווייטע אדער דריטע טומאה וואס רעדט זיך דא ביי חולין, וואס פאר אן אוכל קען דא מיינען, חולין קען דאך קיין דריטע ניט ווערען? נאר עס מיינט חולין וועלכע ווערען געטועז אויף ריינקייט פון תרומה, און ביי תרומה, איז שוין יא פאראן א שלישי, „על טהרת תרומה אין, על טהרת הקודש לא", זעהסט דאך גוט, דאס נאך ר' יהושע נאך, אויף ריינקייט פון תרומה יא. אבער אויף ריינקייט פון קודש ניט, „קא סבר חולין שנעשו על טהרת הקודש לית בהו שלישי", ווייל ר' יהושע האלט דאס חולין געפיהרט אויף ריינקייט פון קודש, איז ניט פאראן דערביי קיין שלישי, ווייל זיין דעה אפהיטענדיג די חולין אזוי ווי קודש ווערט בטל און צונישט לגבי די וועלט, און עס נעמט ניט אן דעם נאמען טהרת הקודש, אבער טהרת תרומה וואס איז נעהענטער צו חולין איז יא דער שטייגער, זעהען מיר דאס די משנה וועט ניט אויסקומען ווי ר' יהושע נאר ווי ר' אליעזר וואס רעדט אויך פון א שלישי, און ווארשיינליך ביי חולין געטועז אויף טהרת הקודש, ווי ר' אלעזר בר הושעיא זעצט איין, פרעגט די גמרא, „ולוקמה בחולין שנעשו על טהרת תרומה ור' יהושע"? זאל ער איינזעצען די משנה ביי חולין וואס ווערט געטועז על טהרת תרומה און ווי ר' יהושע, ביי די חולין איז דאך אויך פאראן א שלישי, וואס דעריבער ביי הכשר פון בלוט, טארען זיי ניט ווערען געגעסען מיט אומריינע הענד, זיי זאלען ניט מאכען די פלייש וואס איז חולין על טהרת חולין, אלס שלישי? ענטפערט די גמרא, „לא סלקא דעתך דקתני בשר דאי בתרומה בשר מי איכא"? עס קען ניט ארויף אויפ'ן געדאנק עס זאל שמועסען ביי טהרת תרומה ווייל די משנה לערנט דאך וועגען בשר און אויב טהרת תרומה, איז דען פאראן פלייש ביי תרומה? „אלא מאי בקדשים חיה בקדשים

בקדשים מי איכא? בשר בבשר מיחלף, בשר בפירי לא מיחלף, אמר עולא הבריא אמרין בחולין שנעשו על טהרת הקדש, ודלא כרבי יהושע, ואנא אמינא ר׳ יהושע היא ולא מיבעיא קאמ׳, לא מיבעיא חולין שנעשו על טהרת קדש, דחמירי, דאית בהו שלישי אלא אפילו חולין שנעשו על טהרת תרומ׳ נמי אית בהו שלישי מאן חבריא רבה בר בר חנה דאמר רבה בר בר חנה א״ר יוחנן מאי אהדרי ר״א ורבי יהושע להדדי? אמר לו ר״א לרבי יהושע מצינו אוכל חמור מן האוכל דאילו נבלת עוף טהור בחוץ לא מטמא, ואילו אוכלה מטמא בגדים

---

מי איכא״? היינט וואָס דען ווערסטו גיכער איינזעצען די משנה ביי טהרת הקודש, איז דאָך ווידער דאָ חיה אין דער משנה, איז דען פאַראַן חיה ביי קודש? ענטפערט די גמרא, „בשר בבשר מיחלף, בשר בפירי לא מיחלף״, פלייש מיט פלייש בייט אַ מענש איבער, דעריבער אַז אַ מענש וועלכער איז געוועהנט צו עסען קדשים און ער וויל זיך האַלטען ביי דער פיהרונג אום ניט צו קומען צו קיין בזיון פון קדשים, קען ער די זעלבע פיהרונג אויך אָנהאַלטען ביי בשר חיה, אַ נישט, קען דער איבערריים ביי בשר חיה, ווירקען אויף איהם, דאָס ער זאָל זיך פאַרגעסען אין דער אָפּהיטונג אויך ביי קדשים ווייל פלייש מיט פלייש בייט אַ מענש איבער אין געדאַנק, אָבער פלייש מיט פרוכטען בייט אַ מענש ניט איבער, קען דעריבער טהרת תרומה ביי פלייש גאָרניט ווירקען צו זיין געוואָרענט ביי תרומה, ווייל ביי איהר איז ניט פאַראַן קיין פלייש נאָר פרוכטען, און פלייש אָפּהיטענדיג אויף טהרת תרומה האָט קיין שום איינפלוס ניט אויף תרומה אַליין וואָס איז אויסשליסליך פרוכט, דען אַ מענש בייט זיי ניט איבער אין זיין געדאַנק, „אמר עולא חבריא אמרין בחולין שנעשו על טהרת הקודש ודלא כרי יהושע, ואנא אמינא רי יהושע היא ולא מיבעיא קאמר, לא מיבעיא חולין שנעשו על טהרת הקודש דחמירי, דאית בהו שלישי״, עולא האָט געזאָגט די חבריא האָבען געזאָגט אַז די משנה שמועסט ביי חולין וועלכע ווערען געפירט אויף טהרת הקודש און געגען ר׳ יהושע, און איך זאָג אַז עס קומט יאָ אויס ווי ר׳ יהושע, נאָר ער זאָגט עס נאָכגעפאָלגט נאָך אַ זאַך וואָס איז ניט געברויכט צו זאָגען אַלס רבותא, דאָס ניט אַזוי חולין וועלכע זענען געמאַכט אויף ריינקייט פון קודש וואָס איז ניט געדאַרפט צו זאָגען, ווייל זיי זיינען האַרב און אַ שני מאַכט זיכער אַ שלישי, „אלא אפילו חולין שנעשו על טהרת תרומה נמי אית בהו שלישי״, נאָר אפילו חולין וועלכע ווערען געפיהרט לויט ריינקייט פון תרומה, האָט אויך אַ שלישי, וואָס דעריבער אויב דם איז מכשיר צו קענען מקבל טומאה זיין, טאָר די פלייש ניט געגעסען ווערען מיט אומריינע הענד, ווייל זיי קענען איהר מאַכען אַלס אַ שלישי, „מאַן חבריא? רבה בר בר חנה היא דאמר רבה בר בר חנה אמר רי יוחנן מאי אהדורי רי אליעזר ורי יהושע להדדי״? וועמען מיינט ער דאָס די חבריא? רבה בר בר חנה, דען ער האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יוחנן, וואָס האָבען זיך ר׳ אליעזר און ר׳ יהושע אָפּגעפרעגט איינער דעם אַנדערן, „אמר לו רי אליעזר לרי יהושע מצינו

אבית הבליעה, ואנו היאך לא נעשה אוכל כמאכל, ורבי יהושע? מנבלת עוף טהור לא גמרינן, דהידוש הוא, אלא מצינו שהמאכל חמור מן האוכל, דאילו מאכל בכביצה, ואוכל עד דאכיל כחצי פרס, ואנו היאך נעשה אוכל כמאכל, ור"א טומאה משיעורין לא גמרינן ועוד לדבריך שאתה אומר על ראשון שני, יפה אתה אומר, שני שני למה? אמר לו מצינו שהשני עושה שני ע"י משקין, אמר לו והא משקין נמי תחילה הוו, דתנן כל הפוסל בתרומה מטמא משקין להיות

---

אוכל חמור מן האוכל, דאילו נבלת עוף טהור בחוץ לא מטמא, ואילו אוכלה מטמא בגדים אבית הבליעה", ר' אליעזר האָט געזאָגט צו ר' יהושע, מיר געפינען דאָך אַן עסער וואָס איז הארבער ווי די עסענוואַרג געגען אַ טומאה, (דער ערשטער וואָרט אוכל מיינט דער עסער, און דער צווייטער די עסען) דען אַן עוף פון די כשר'ע עופות אַלס נבלה, איז אויסענווענינ ניט מטמא דורך אַ בערירונג, און אויב ער עסט איהר, ביי דערגרייכענדיג אין זיין שלינג איז זי מטמא די קליידער אויף איהם, זעהסטו דאָך דעם גרויסען אונטערשייד פון בארירונג ביז צום עסען די טומאה, „ואנו היאך לא נעשה אוכל כמאכל"? היינט ווי אזוי זאָלען מיר ניט מאַכען דעם עסער גלייך צום עסענוואַרג, וואו מיר זעהען ווי ווייט דאָס אויפעסען איז האַרבער פון באַרירונג? „ורי יהושע"? וואָס ענטפערט ער דערויף? „מנבלת עוף טהור לא גמרינן דחידוש הוא", פון אַן עוף טהור קען מען ניט אַרויסלערנען ווייל דאָס איז אַ נייעס, און אַ נייעס וואו די תורה זאָגט איז ניט מעהר נאָר פאַר דאָרט, „אלא מצינו שהמאכל חמור מן האוכל דאילו מאכל בכביצה, אוכל עד דאכיל כחצי פרס", נאָר מיר קענען יאָ דרינגען אויף פאַרקערט, ווייל מיר געפינען דאָס ביי טומאה איז די עסען הארבער פונ'ם עסער, דען עסענוואַרג ווערט טמא פון אַ טמא עסענוואַרג די גרויס ווי אַן איי, און דער עסער ווערט ניט טמא ביז ער עסט אַ טמא עסען די גרויס פון צוויי ביצים, וואָס הייסט אַ האַלבער פרס, „ואנו היאך נעשה אוכל כמאכל"? היינט ווי אזוי קענען מיר מאַכען איהם גלייך טמא ווי די עסענוואַרג אַליין? „ורי אליעזר טומאה משיעורין לא גמרינן", און ר' אליעזר וואָס מאַכט יאָ דעם עסער ווי די עסען אַליין, ער ענטפערט אויף דעם, דאָס טומאה פון שיעורין קען מען ניט אַרויסלערנען, ווייל אַ שיעור ווי גרויס, האָט גאָרניט צו טוען מיט דער האַרבקייט פון דער זאַך, „ועוד לדבריך שאתה אומר על ראשון שני, יפה אתה אומר, שני שני למה"? און נאָך האָט ר' אליעזר געזאָגט צו ר' יהושע, נאָך דיינע רייד נאָך, וואָס דו זאָגסט אויף אַן ערשטע טומאה אַז אַ מענש עסט ווערט ער אַ צווייטע, זאָגסטו גוט לויט דיין סברה, אָבער עסענדיג אַ צווייטע ווערט ער אויך אַ צווייטע, וואַרום? „אמר לו מצינו שהשני עושה שני על ידי משקין", האָט ער איהם געענטפערט מיר געפינען, דאָס טמא עסען אַלס צווייטע טומאה מאַכט די אַנדערע עסען אויב וואַסער רינט פון איהר, אויך פאַר אַ צווייטע טומאה, ווייל די משקין וואָס רינט פון איהר ווערט אַן ערשטע, און מאַכט די עסען באַלד פאַר אַ צווייטע טומאה, „אמר לו והא משקין נמי תחילה הוא"? האָט ר' אליעזר

תחילה חוץ מטבול יום, ועוד שלישי שני למה? אמר לו אף אני לא אמרתי אלא בתרומה שטהרתה (דף ל"ד ע"ב) טומאה היא אצל הקדש, אמר רבי זירא א"ר אסי א"ר יוחנן א"ר ינאי, האוכל שלישי של חולין שנעשו על טהרת הקדש, נעשה גופו שני לקדש, איתיביה רבי זירא לרבי אסי שלישי שני לקדש, ואין שני לתרומה, בחולין שנעשו על טהרת תרומה, על טהרת תרומה אין, על טהרת הקדש לא? א"ל לא

---

צו איהם געזאָגט אויב דו לערנסט ארויס פון משקין, זיי ווערען דאָך אויך אן ערשטע, זאָל דער מענש וואָס עסט טמא עסען אויך ווערען אן ערשטע טומאה? „דתנן כל הפוסל בתרומה, מטמא משקין להיות תחילה, חוץ מטבול יום"? דען מיר האָבען דאָך געלערנט אין א משנה יעדע זאך וואָס פסל'ט תרומה, איז מטמא משקין צו ווערען אלס ערשטע טומאה אויסער א טבול יום וואָס דאַרף זיך טובל'ען פאַרקערענדיג מיט זיין פרוי, אָדער אזוי פון א טרעפונג ביינאכט, חאָטש ער פסל'ט תרומה, טוט ער פונדעסטוועגען ניט מאכען קיין משקין אלס ערשטע, „ועוד שלישי שני למה"? און נאָך איינס האָט ר' אליעזר געפרעגט, פון א דריטע ווארום זאָל ער ווערען א צווייטע, געגען מטמא זיין קודש? „אמר לו אף אני לא אמרתי אלא בתרומה שטהרתה טומאה היא אצל הקודש", האט ר' יהושע געענפערט, איך האָב טאַקע אויך ניט געזאָגט דאָס, נאָר ביי תרומה, דהיינו אזא חולין וואָס ווערט געמאַכט אין ריינקייט ווי תרומה, ווי איך האָב עס ריין ארויסגעזאָגט אויבען, אזא חולין אלס א שלישי מאכט דעם עסער אלס א שני געגען מטמא צו זיין קודש, ווייל די ריינקייט פון תרומה איז א טומאה ביי קודש, ווי עס איז געזאָגט אין חגיגה דף יח בגד אוכלי תרומה מדרס לקודש, דאָס די קליידער אויף די עסער פון תרומה, ווערן גערעכענט ווי א מדרס א קלייד אויף וועלכער א זב האָט געטראָטען, זעהען מיר דאָך דאָס די היטונג ביי תרומה איז ניט פאררעכענט ביי קודש, אזוי אויך דאָ ווערט דער שלישי פון תרומה געהאַלטען אלס שני ביי קודש, זעהסט דאָך גוט דאָס רבה בר בר חנה איז דאָס דער וואָס האלט דאָס נאָר ביי חולין געמאַכט אויף טהרת תרומה האלט אזוי ר' יהושע, דאָס זיין גוף ווערט א שני צו קודש ווייל איהר ריינקייט איז נאָך ניט גענוג פאַר קודש, מוז דאָך די משנה דאָ וואָס ווערט איינגעזעצט ביי טהרת הקדש, זיין געגען ר' יהושע, אָבער עולא האָט דעם גאַנצען ויכוח צווישען ר' אליעזר און ר' יהושע ניט אנערקענט אלס ריכטיג איבערגעגעבען, און ער גהעט זיך לויט זיין אייגענע סברה אין זייער מחלוקת, „אמר רי זירא אמר רי אסי אמר ר' יוחנן אמר ר' ינאי האוכל שלישי של חולין שנעשו על טהרת הקודש נעשה גופו שני לקודש", ר' זירא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' אסי און ער אין נאָמען פון ר' יוחנן וועלכער האָט עס געזאָגט אין נאָמען פון ר' ינאי, דאָס אז איינער עסט א שלישי פון חולין געמאַכט אויף ריינקייט פון קודש ווערט זיין קערפּער א שני געגען קודש, „איתיביה ר' זירא לר' אסי שלישי שני לקודש ואין שני לתרומה, בחולין שנעשו על טהרת תרומה, על טהרת תרומה אין, על טהרת הקודש לאי"? האָט ר' זירא א קשיא געפרעגט צו ר' אסי, מיר האָבען געלערנט

מיבעיא קאמר, והא אף אני לא אמרתי אלא בתרומה קאמר? אמוראי נינהו ואליבא דרבי יוחנן, אמר עולא האוכל שלישי של חולין שנעשו על טהרת תרומה נפסל גופו מלאכול בתרומה, מאי קמ״ל? תנינא שלישי שני לקדש ואין שני לתרומה, בחולין שנעשו על טהרת תרומה, שני הוא דלא הוי, הא שלישי הוי? אי מההיא הוה אמינא לא שני הוי, ולא שלישי הוי, ואיידי דאמר שני בקדש, אמר נמי אין

---

דאס א שלישי ווערט א שני צו קודש אבער ניט קיין שני צו תרומה, דאס איז ביי חולין געמאכט אויף טהרת תרומה, זעהסט דאך גוט דאס ער זאגט דאס אויף טהרת תרומה יא, אויף טהרת קודש ניט? „אמר ליה, לא מיבעיא קאמר, האט ער צו איהם געזאגט, דאס ר׳ יהושע וואס זאגט דאס, מיינט צו זאגען א רבותא דאס ניט אזוי אויף טהרת קודש וואס איז הארב נאר אפילו אויף טהרת תרומה אויך, פרעגט די גמרא, „והא אף אני לא אמרתי אלא בתרומה קאמר״? ר׳ יהושע האט דאך געענטפערט ריין ארויס, דאס איך האב דאס ניט געזאגט נאר ביי טהרת תרומה, און רבה בר בר חנה האט דאך דאס געזאגט אין נאמען פון ר׳ יוחנן, קומט דאך אויס דאס ר׳ יוחנן איבעראיינשטימט ניט מיט זיך אליין? ענטפערט די גמרא, „אמוראי נינהו ואליבא דרי יוחנן״, עס זענען צוויי אמוראים נאך ר׳ יוחנן, רבה בר בר חנה האט געהערט דעם אף אני לא אמרתי פון ר׳ יוחנן און רב אסי אנערקענט ניט דעם ענטפער אלס ריכטיג איבערגעגעבען, ווייל עס שטימט ניט לויט זיין סברה, ווי ער האט געהערט פון ר׳ יוחנן, „אמר עולא האוכל שלישי של חולין שנעשו על טהרת תרומה נפסל גופו מלאכול בתרומה״, עולא האט געזאגט אז איינער עסט א שלישי פון חולין וועלכע זענען געמאכט אויף ריינקייט פון תרומה, ווערט זיין קערפער פסול פון צו עסען תרומה, פרעגט די גמרא, „מאי קא משמע לן, תנינא שלישי שני לקודש, ואין שני לתרומה בחולין שנעשו על טהרת תרומה, שני הוא דלא הוי, הא שלישי הוי״? וואס לאזט מיך דא עולא הערען, מיר האבען דאך דאס שוין געלערנט אין דער ברייתא ערשט אויבען געבראכט? אז א שלישי איינער עסט ווערט ער א שני צו קודש, אבער ניט קיין שני צו תרומה, דאס שמועסט ביי חולין געמאכט אויף טהרת תרומה, זעהסטו דאך פון דאנען, דאס נאר א שני קען ער ניט ווערען צו תרומה, אבער א שלישי ווערט ער יא, דעריבער טאר ער ניט עסען קיין תרומה ווייל מיידאך דער עסער ווערט טמא ווי די עסען אליין, איז דאך געוויס אז די עסען וואס קומט אין זיינע געדערים זאל ווערען טמא ווי דער עסער, און דאס קען זיין איז ר׳ יהושע אויך מודה ווייל ער האלט דאך, דאס די עסען איז הארבער פון עסער געגען צו נעמען א טומאה, איז דאך דאס גלייך ווי דער מענש וואלט עסען תרומה טמאה, האבען מיר דאך דאס שוין געלערנט? ענטפערט די גמרא, „אי מההוא הוה אמינא לא שני הוי ולא שלישי הוי,״ אויב פון דער ברייתא פון ר׳ יהושע צו דרינגען דאס, וואלט איך זאגען, ער איז ניט, ניט קיין שני און ניט קיין שלישי און ער מעג דעריבער יא עסען תרומה, איי וואס ר׳ יהושע כאפט אן, אז ער איז ניט קיין שני? ווייל „ואיידי דאמר שני בקודש

שני בתרומה, קמ"ל, איתיביה רב המנונא לעולא הראשון שבחולין טמא, ומטמא, והשני פוסל ואינו מטמא, והשלישי נאכל בנזיד הדמע, ואי אמרת נפסל גופו מלאכול בתרומה, ספינן ליה מידי דפסיל ליה לגופיה? אמר ליה הנח לנזיד הדמע (דף ל"ה) ע"א) דליכא כזית בכדי אכילת פרס, א"ר יונתן א"ר האוכל שלישי של תרומה עצמה, אסור

---

אמר נמי אין שני בתרומה", ווייל ער זאָגט ער ווערט א שני צו קודש, זאָגט ער שוין אויך דעם זעלבען לשון, אז ער איז ניט קיין שני צו תרומה, אָבער לעולם מיינט ער, דאָס ער איז אויך ניט קיין שלישי צו תרומה, דעריבער „קא משמע לן", לאָזט מיך עולא הערען דאָס א שלישי איז ער יאָ און ער טאָר ניט עסען קיין תרומה, „איתיביה רב המנונא לעולא, הראשון שבחולין טמא ומטמא, והשני פוסל ואינו מטמא והשלישי נאכל בנזיד הדמע", האָט רב המנונא א קשיא געפרעגט צו עולא, מיר האָבען געלערנט אז אַן ערשטע טומאה פון חולין איז טמא און איז מטמא אנדערע תרומה, און א צווייטע אז זי באַרירט תרומה פסל'ט זי איהר נאָר, אָבער ניט מטמא, (פסול מיינט וואו זי קען מעהר ניט מטמא זיין קיין אנדערע) און א דריטע קען ווערען נעגעסען אלס געקאָכט אין וועלכער ער ווערט אריינגעמישט א געשמילץ פון תרומה, „ואי אמרת נפסל גופו מלאכול בתרומה, ספינן ליה מידי דפסיל ליה לגופו"? און אויב דו ווערסט זאָגען אז פון א דריטע טומאה ווערט זיין גוף פסול צו עסען תרומה, וועלען מיר איהם דערלויבען א זאך וואָס פסל'ט זיין גוף מיט א צומיש פון תרומה, און דאָ שמועסט דאָך פון חולין וואָס איז אויף טהרת תרומה, ווען ניט וואָלט דאָך עס ניט זיין א דריטע, זעהסט דאָך גוט, דאָס פון א דריטע מעג ער יאָ עסען תרומה? „אמר ליה הנח לנזיד הדמע דליכא כזית בכדי אכילת פרס", האָט ער צו איהם געזאָגט לאָז אָפּ וועגען נזיד הדמע, ווייל אין דעם געקאָכטס איז דאָך ניט פאַראַן מעהר ווי א געשמילץ וואָס האָט ניט אין זיך קיין כזית די גרויס פון תרומה, עסענדיג איהם אין א ווײלע וויפיל עס נעמט צו עסען א פרס וואָס ענטהאַלט פיר אייער די גרויס, דען צו עסען תרומה אלס טמא איז מען ניט חייב נאָר ביי א כזית די גרויס, און זי נעמט זיך ניט צוזאַמען מיט אנדערע זאכען צו פאַרפולען דעם שיעור, און מען איז אויך ניט חייב, סיידען דער עסען גדויערט וויפיעל עס נעמט אויפצועסען א גאַנצען פרס, דען אזוי האָט די תורה געגעבען דעם שיעור פון עסען אין א טמא הויז דורך א נגע צו מטמא זיין אויף זיך די קליידער, און אין דעם געקאָכטס איז דער געשמילץ פון תרומה וועניג, און אז ער עסט פון גאַנצען א פרס, האָט ער נאָך פון דער תרומה אלץ קיין כזית ניט געגעסען, סיידען ער עסט פיל מעהר פון א פרס, און ביי א לענגערע צייט, נעמען זיך ניט צוזאַמען די ביסעלאך תרומה פון צווישען דער אכילה אויף א כזית, איז דאָך ניטאָ קיין עסען תרומה אין דער טומאה, אבער א ראשון און א שני טאָר מען ניט עסען אין געקאָכטע מיט א צומיש פון תבלין תרומה ווייל דער פסול הגוף עסענדיג א ראשון אָדער א שני איז שוין דאורייתא און מדאורייתא איז אסור אפילו א האלבער שיעור, „אמר ר' יונתן

לאכול, ומותר ליגע, ואיצטריך דעולא ואיצטריך דר׳ יונתן, דאי מדעולא הוה אמינא ה״מ בחולין שנעשו על טהרת תרומה, אבל תרומה בנגיעה נמי אסור, איצטריך דרבי יונתן, ואי מדר׳ יונתן הוה אמינא ה״מ תרומה, אבל חולין באכילה נמי שרי, צריכי, יתיב רב יצחק בר שמואל בר מרתא קמיה דר״נ ויתיב וקאמר האוכל שלישי של חולין שנעשו על טהרת הקודש טהור לאכול בקודש, שאין לך דבר שעושה רביעי בקדש אלא קדש מקודש בלבד, מתיב רמי בר חמא שלישי שני לקדש ואין שני לתרומה, בחולין שנעשו על טהרת תרומה, אמאי, הא לאו

---

אמר רבי האוכל שלישי של תרומה עצמה אסור לאכול ומותר ליגע", ר׳ יונתן האט געזאגט אין נאמען פון רבי אז איינער עסט א דריטע טומאה פון תרומה אליין טאר ער ניט עסען קיין תרומה אבער אנרירען איהר מעג ער יא, דער דין איז אונגעפער ווי עולא׳ס דין, זאגט די גמרא, „ואיצטריך דעולא ואיצטריך דרי יונתן, דאי מדעולא הוה אמינא הני מילי בחולין שנעשו על טהרת תרומה, אבל תרומה בנגיעה נמי אסור, איצטריך דרי יונתן", איך מוז האבען עולא׳ס דין און איך מוז האבען ר׳ יונתן׳ס דין, דען פון עולא וואלט איך זאגען דאס נאר ביי חולין אפגעהיט ווי תרומה איז דער דין אזוי, אבער פון תרומה אליין איז די בארירונג צו תרומה אויך אסור דעריבער איז געדארפט צו הערען פון ר׳ יונתן, „ואי מדרי יונתן הוה אמינא הני מילי תרומה, אבל חולין באכילה נמי שריי", און אויב פון ר׳ יונתן אליין וואלט איך זאגען דאס די רייד זענען גילטיג נאר אז ער עסט א שלישי פון תרומה אליין, אבער ווען ער עסט א שלישי פון חולין געמאכט אויף טהרת תרומה מעג ער אדערע תרומה ריינע, אפילו אויך עסען, „צריכיי", דעריבער זענעןביידע געדארפט צו לאזען הערען, „יתיב רב יצחק בר שמואל בר מרתא קמיה דרב נחמן ויתיב וקאמר האוכל שלישי של חולין שנעשו על טהרת הקודש טהור לאכול בקודש", רב יצחק בר שמואל דער אייניקעל פון מרתא איז געזעסען פאר רב נחמן און ער האט געזאגט, אז איינער עסט אשלישי פון חולין וועלכע איז אפגעהיט אויף טהרת הקדש, איז ער ריין צו מעגען עסען קודש, „שאין לך דבר שעושה רביעי בקודש אלא קודש מקודש בלבד", ווייל דו האסט ניט קיין זאך עס זאל קענען מאכען א רביעי ביי קודש נאר קודש פון קודש אליין, דאס הייסט אז א דריטע קען ניט פסל׳ען קיין קודש, סיידען די דריטע טומאה איז אויך קודש, „מתיב רמי בר חמא, שלישי שני לקודש ואין שני לתרומה בחולין שנעשו על טהרת תרומה, אמאי, הא לאו קודש מקודש הוא"? האט רמי בר המא א קשיא געפרעגט מיר האבען געלערנט א ברייתא ערשט געבראכט אויבען אין נאמען פון ר׳ יהושע דאס א שלישי אז איינער עסט ווערט ער א שני צו קודש, אבער ניט קיין שני צו תרומה, דאס שמועסט ביי חולין געפירט אויף ריינקייט פון תרומה, איז דאך די קשיא ווארום זאל דער שלישי נאך דערצו איהם מאכען פאר א שני, עס איז דאך ניט קיין קודש פון קודש, און אפילו א פערטע דארף דאך דער שלישי ניט קענען מאכען, דען די טומאה איז דאך נאר א מעלה וואס די חכמים האבען געמאכט ביי קודש, און זיי

קדש מקודש הוא? א״ל הנח לתרומה שטהרתה טומאה היא אצל הקדש, ומנא תימרא דתנן בגדי עם הארץ מדרס לפרושין, בגדי פרושין מדרס לאוכלי תרומה, בגדי אוכלי תרומה מדרס לקדש, אמר רבא מדרסות קאמרת שאני מדרסות, (דף ל״ה ע״ב) שמא תשב עליהן אשתו נדה, אבל בפירי לא אמרינן, ורבי יצחק בפירי נמי אמר, מתיב רבי ירמיה מדיפתי ומי אמרינן בפירי, והתנן אם אמר הפרשתי לתוכה רביעית קדש נאמן, ולא קא מטמא ליה תרומה לקדש, ואי אמרת

---

האבען געמאכט די מעלה נאר ביי קודש פון קודש, (איי וואס עס איז פאראן א קל וחומר? איז דאך דער קל וחומר ניט דאורייתא, ווייל פון א שלישי ביי תרומה פון וואנען דער קל וחומר איז געמאכט שטעהט אויך ניט ריין ארויס אין דער תורה נאר עס איז בלויז אנגעלעהנט) „אמר ליה הנח לתרומה שטהרתה טומאה היא אצל הקודש", האט ער צו איהם געזאגט לאז אפ תרומה, ווייל איהר ריינקייט איז נאך אלץ א טומאה ביי קודש איז דעריבער א שלישי ביי תרומה אלס א שני ביי קודש, פרעגט די גמרא, „ומנא תימרא? דתנן בגדי עם הארץ מדרס לפרושין, בגדי פרושין מדרס לאוכלי תרומה בגדי אוכלי תרומה מדרס לקודש", און פון וואנען זאגסטו דאס? דען מיר האבען נעלערנט אין א משנה אין חגיגה דאס די קליידער פון א פראסטען וואס קען ניט לערנען און ווייסט ניט ווי אפצוהיטען די ריינקייט, זענען א מדרס פאר די פרושין וועלכע זענען אפגעשיידט פון טומאה, און עסען חולין מיט ריינקייט, א מדרס מיינט וואו א זב האט געטראטען דערויף וואס איז מטמא א מענש, און די קליידער פונ׳ם עם הארץ זענען אויך מטמא דעם פרוש מדרבנן, און די קליידער פון פרושין זענען א מדרס פאר די עסער פון תרומה און זייערע קליידער זענען א מדרס צו קודש, אזוי אויך דא איז דער שלישי ביי תרומה א שני לגבי קודש, „אמר רבא מדרסות קאמרית? שאני מדרסות שמא תשב עליהן אשתו נדה אבל בפירי לא אמרינן", האט רבא געזאגט דו רעדסט וועגען מדרסות? מדרסות זענען אנדערש ווייל עס איז א קלעהר טאמער איז געזעסען אויף זיי זיין פרוי אלס נדה, אבער ביי פירות איז זייער אפהיטונג ביי תרומה פון דער זאך וואס זי איז געהיטען, אויך גילטיג פאר קודש ווייל די טומאה ביי זיי איז ניט אזוי אפט, ווארים אניט וואלט דאך ריינע תרומה אויך געדארפט טמא מאכען קודש, „ורי יצחק בפירי נמי אמר", און ר׳ יצחק וואס גלייכט יא פירות צו מדרסין האלט ער טאקע די סברה אויך ביי פירות, „מתיב רבי ירמיה מדיפתי ומי אמרינן בפירי, והתנן אם אמר הפרשתי לתוכה רביעית קודש נאמן, ולא קא מטמא ליה תרומה לקודש", רבי ירמיה פון דיפתי האט א קשיא געפרעגט אויף ר׳ יצחק, זאגען מיר דען אזוי אויף פירות אלס תרומה אז איהר ריינקייט איז טומאה געגען קודש, מיר האבען דאך געלערנט אין חגיגה דף כד אז אין דער פראווינץ יהודה זענען די עמי הארץ באגלויבט אויף די ריינקייט פון די וויינען פאר נסכים צו מזבח, דאס מיינט אויף קודש וואס איז הארבער זענען זיי באגלויבט א גאנצען יאהר, אבער אויף תרומה זענען זיי ניט באגלויבט נאר אין צייט ווען מען מאכט זיי

טהרתה טומאה היא אצל הקדש, תטמא תרומה לקדש? א״ל טומאה בחיבורין קאמר? טומאה בחיבורין שאני, דמגו דמהימן אקדש, מהימן נמי אתרומה, מתיב רב הונא בר נתן השני שבחולין מטמא משקה חולין, ופוסל אוכלי תרומה, והשלישי מטמא משקה קדש, ופוסל אוכלי קדש? בחולין שנעשו על טהרת הקדש תנאי היא, דתניא חולין שנעשו על טהרת קדש הרי הן כחולין, ר״א בר צדוק אומר הרי הן כתרומה לטמא שנים, ולפסול אחד: ר״ש אומר הוכשרו בשחיטה: אמר רב אסי

---

ווען מען טרעט די וויינטרויבען און אוילבירטען, נאך דער צייט אז דער עם האריץ ברייגנט א פאס וויין פון תרומה טאר דער כהן ביי איהם ניט צונעמען, אז ער האט געזאגט איך האב אפגעשיידט א פערטעל קווארט וויין אין דעם פאס פאר נסכים צו גיסען אויפ׳ן מזבח, איז ער שוין באגלויבט אויפ׳ן גאנצען און דער כהן מעג צונעמען און טרינקען פון דעם וויין, און די תרומה איז ניט מטמא דעם קודש דערין, „ואי אמרת טהרתה טומאה היא אצל קדש, תטמא תרומה לקודש״? או אויב דו זאגסט אז די ריינקייט פון תרומה הייסט נאך אליץ א טומאה פאר׳ן קודש, זאל די תרומה מטמא זיין דעם קודש? „אמר ליה טומאה בחיבורין קא אמרת, טומאה בחיבורין שאני, דמגו דמהימן אקודש מהימן נמי אתרומה״, האט ער צו איהם געזאגט דו זאגסט וועגען א טומאה ביי א זאך וואס איז צוזאמען אויסגעמישט אין איין כלי, אזא טומאה איז אנדערש, ווייל איך זאג אזוי ווי ער איז שוין באגלויבט אויפ׳ן קודש איז ער אויך שוין באגלויבט אויף דער תרומה, דען אויף יעדען ביסעל קען מען דאך זאגען אז דאס זאל זיין די נסכים, „מתיב רב הונא בר נתן, השני שבחולין מטמא משקה חולין ופוסל אוכל תרומה, והשלישי מטמא קדש ופוסל אוכלי קודש בחולין שנעשו על טהרת הקודש״? האט רב הונא בר נתן א קשיא געפרעגט מיר האבען געלערנט אז א צווייטע טומאה ביי חולין איז מטמא משקין פון חולין צו ווערען אן ערשטע טומאה, און דער שני פסל׳ט די עסער פון תרומה, אויב א כהן עסט דעם שני טאר ער ניט עסען קיין תרומה, און א דריטע טומאה איז מטמא משקה פון קודש און פסל׳ט די עסער פון קודש, די דריטע טומאה שמועסט ביי חולין געמאכט אויף טהרת הקודש און ער לאזט הערען דאס די דריטע קען מאכען א פערטע ביי קודש, איז דאך א קשיא אויף ר׳ יצחק בר שמואל ער זאגט דאך דאס א פערטע ביי קודש קען ניט ווערען נאר פון קודש, און אין דער ברייתא איז דאך געזאגט דאס א דריטע פון חולין געמאכט אויף טהרת הקודש פסל׳ט יא די אוכלי קודש? ענטפערט די גמרא „תנאי היא, דתניא חולין שנעשו על טהרת הקדש הרי הן כחולין, רבי אלעזר ברבי יצחק אומר הרי הן כתרומה לטמא שנים ולפסול אחד״, עס קריגען אין דער סברה תנאים, האט שוין רב יצחק א תנא אויף זיין זייט, דען מיר האבען געלערנט חולין געמאכט אויף טהרת הקודש, זענען ווי חולין וועלכע קענען ניט ווערען קיין שלישי, ר׳ אלעזר ברבי צדוק זאגט אז זיי זענען ווי תרומה צו קענען מטמא זיין צוויי און פסל׳ען איינעם, דאס מיינט צוויי הייסען טמא, ערשטע טומאה און צווייטע טומאה, און די דריטע הייסט שוין

אומר היה ר"ש שחיטתו מכשרת ולא דם, לימא מסייע ליה ר"ש אומר הוכשרו בשחיטה, מאי לאו בשחיטה ולא בדם? לא אף בשחיטה, ת"ש אמר להן ר"ש וכי הדם מכשיר והלא שחיטה מכשרת? ה"ק להן וכי דם בלבד מכשיר, אף שחיטה נמי מכשרת, ת"ש ר"ש אומר דם המת אינו מכשיר, מאי לאו? הא דם שחיטה מכשיר? לא הא דם חללים מכשיר, אבל דם שחיטה מאי? לא מכשיר? לישמעינן דם שהיטה וכ"ש

---

ניט טמא נאר פסול, מיינענדיג צו זאגען דאס די חולין געמאכט אויף טהרת הקודש, קען ניט מאכען קיין פערטע, און ווי דער תנא האלט ר' יצחק בר שמואל און די ברייתא פון וועלכער דו פרעגסט אויף רב יצחק קריגט אויף דער ברייתא דא: „ר' שמעון אומר הוכשרו בשחיטה: אמר רב אסי אומר היה ר' שמעון שחיטתו מכשרת ולא דם", האט רב אסי געזאגט דאס ר' שמעון פלעגט זאגען, דאס נאר שחיטה איז מכשיר צו קענען צו קלעפען א טומאה, ווייל זי מאכט איהר פאר אן עסענווארג אבער ניט די בלוט, זאגט די גמרא, „לימא מסייע ליה? ר' שמעון אומר הוכשרו בשחיטה, מאי לאו בשחיטה ולא בדם"? צי מוזען מיר זאגען אז די משנה דא וועט זיין א ראיה צו רב אסי, דען אין דער משנה זאגט דאך ר' שמעון אז די פליישען באקומען א הכשר דורך דער שחיטה, וואס? מיינסטו דען ניט, אז ר' שמעון מיינט דאס בלויז מיט שחיטה ניט מיט די בלוט ווערען זיי מוכשר? ענטפערט די גמרא, „לא" ניין, „אף בשחיטה", ער מיינט צו זאגען דאס אויך מיט שחיטה ווערט די פלייש מוכשר, זאגט די גמרא „תא שמע", איך וועל דיר א קשיא פרעגען מיר האבען געלערנט „אמר להן ר' שמעון וכי הדם מכשיר, והלא שחיטה מכשרת"? ר' שמעון האט צו זיי געזאגט איז דען די בלוט מכשיר, די שחיטה איז דאך מכשיר? זעהסט דאך גוט דאס ר' שמעון מיינט דאס בלויז די שחיטה איז מכשיר? ענטפערט די גמרא „הכי קאמר להן וכי דם בלבד מכשיר, אף שחיטה נמי מכשרת", אזוי האט ער געמיינט מיט די ווערטער, זאגענדיג צו זיי, איז דען בלויז די בלוט מכשיר, די שחיטה איז דאך אויך מכשיר, „תא שמע ר' שמעון אומר דם המת אינו מכשיר, מאי לאו הא דם שחיטה מכשיר"? איך וועל דיר א קשיא פרעגען ר' שמעון זאגט דאס דם פון א טויטען איז ניט מכשיר, וואס? מיינסטו דען ניט, אז מען קען דרינגען פון דאנען דאס אבער דם שחיטה איז יא מכשיר, זעהסט דאך גוט דאס ר' שמעון האלט אז נאר דם שחיטה איז מכשיר אבער די שחיטה אליין איז ניט מכשיר? ענטפערט די גמרא, „לא" ניין, „הא דם חללים מכשיר", דו דארפסט אזוי דרינגען פון ר' שמעון דאס אבער די בלוט פון א דערשלאגענעם איז יא מכשיר, יעצט איז דער געדראנג א גלייכער פון מענש אויף מענש, פרעגט די גמרא „אבל דם שחיטה מאי? לא מכשיר, לישמעינן דם שחיטה וכל שכן דם המת"? אבער ווי האלט ר' שמעון ביי דם שחיטה? ער איז ניט מכשיר, ווען איך זעה ער רעכענט איהם ניט, איז דאך די קשיא זאל ער לאזען הערען וועגען דם שחיטה אנשטאט דם המת דאס ער איז ניט מכשיר, און איך וועל זאגען דאס געוויס דם פון א טויטען איז ניט מכשיר? ענטפערט די גמרא „דם המת איטריכא

דם המת? דם המת אצטריכא ליה, ס"ד אמינא מה לי קטליה איהו, מה לי קטליה מלאך המות? קמ"ל, ת"ש ר"ש אומר דם מגפתו אינו מכשיר, מאי לאו הא דם שחיטה מכשיר? לא הא דם חללים מכשיר, אבל דם שחיטה מאי? לא מכשיר? לישמעינן דם שחיט' וכ"ש דם מגפתו? דם מגפתו איצטריכא ליה, ס"ד אמינא מה לי קטליה כולה מה לי קטליה פלגא? ומאי שנא דם חללים דמכשיר, דכתיב (במדבר כ"ג) דם חללים ישתה, דם שחיטה נמי כתיב (דברים י"ג) על הארץ תשפכנו כמים? ההוא למישרי דמן דפסולי המוקדשין בהנאה הוא דאתא,

---

ליה, סלקא דעתך אמינא מה לי קטליה איהו מה לי קטליה מלאך המות"? דם פון אַ טויטען איז גיכער נעדאַרפט צו לאָזען הערען, ווייל איך וואָלט מיינען צו זאָגען, וואָס מאַכט דען מיר אַן אונטערשייד, צו ער האָט געטויטעט צו דער מלאך המות האָט איהם געטויטעט, „קא משמע לן". לאָזט ער מיר הערען דאָס נאָר דם המת איז ניט מכשיר אָבער דם פון אַ דערשלאָגענעם איז יאָ מכשיר, „תא שמע ר' שמעון אומר דם מגפתו אינו מכשיר, מאי לאו הא דם שחיטה מכשיר"? איך וועל דיר פרעגען ר' שמעון זאָגט דאָס דם פון אַ פאַרוואונדעטום איז ניט מכשיר, וואָס? מיינסטו דען ניט אַז מען קען דרינגען פון איהם דאָס אָבער דם פון שחיטה איז יאָ מכשיר? זעהסט דאָך גוט דאָס ר' שמעון האַלט, דאָס בלויז דם שחיטה איז מכשיר? ענטפערט די גמרא „לאָ" ניין, „הא דם חללים מכשיר", דרינג בעסער פון מענש צו מענש, דאָס אָבער דם פון אַ דערשלאָגענעם איז יאָ מכשיר, פרעגט די גמרא, „אבל דם שחיטה מאי? לא מכשיר, לישמעינן דם שחיטה וכל שכן דם מגפתו"? אָבער וועגען דם וואָס ער רעכענט גאָרניט ווי איז דער דין? וואַרשיינליך דאָס ר' שמעון האַלט ער איז ניט מכשיר, זאָל ער בעסער לאָזען הערען דאָס דם שחיטה איז ניט מכשיר און איך וועל שוין וויסען דאָס נעווים אַז בלוט פון אַ וואונד איז ניט מכשיר? ענטפערט די גמרא, „דם מגפתו איצטריכא ליה, סלקא דעתך אמינא מה לי קטליה כולה מה לי קטליה פלגא"? דם פון אַ פאַרוואונדעטעם איז גיכער נעדאַרפט צו לאָזען הערען, דען איך וואָלט מיינען צו זאָגען, וואָס מאַכט דען אַן אונטערשייד צי ער האָט איהם געטויטעט אינגאַנצען צו נאָר האַלב, לאָזט ער מיר הערען דאָס פון אַ פאַרוואונדעטעם איז ניט מכשיר אָבער פון אַ געטויטעטען איז יאָ מכשיר, פרעגט די גמרא, „ומאי שנא דם חללים דמכשיר? דכתיב ודם חללים ישתה, דם שחיטה נמי כתיב על הארץ תשפכנו כמים"? וואָרום איז אַנדערש, וואָס דם פון אַ געטויטעטען איז יאָ מכשיר? ווייל דער פסוק זאָגט ביי נקמה דאָס בלוט פון דערשלאָגענע אָנשטאָט וואַסער, וועט ער טרינקען, דאָס פונקט ווי וואַסער איז מכשיר אַזוי אויך בלוט, איז דאָך פון שחיטה אויך אַזוי, דער פסוק זאָגט דאָך, אויף דער ערד זאָלסטו אויסגיסען דעם דם ווי וואַסער, ער זאָל מכשיר זיין ווי וואַסער? ענטפערט די גמרא, „ההוא למישרא דמן דפסולי המוקדשין בהנאה הוא דאתא", דער פסוק קומט אונז לערנען, צו ערלויבען די בלוט פון פסולי המוקדשין פאַר הנאה מען זאָל מעגען מיט די בלוט מיסטיגען די

(דף ל"ו ע"א) ס"ד אמינא הואיל ואסירי בגיזה ועבודה, דמן ליבעי קבורה? קמ"ל, תנא דבי ר' ישמעאל (במדבר כ"ג) ודם חללים ישתה פרט לדם קילוח, שאינו מכשיר את הזרעים, ת"ר השוחט והתיז דם על הדלעת, רבי אומר הוכשר, רבי חייא אומר תולין, א"ר אושעיא מאחר שרבי אומר הוכשר ורבי חייא אומר תולין, אנו על מי נסמוך? באו ונסמוך על דברי ר"ש, שהיה ר"ש אומר שחיטה מכשרת ולא דם, א"ר פפא הכל מודים היכא דאיתיה לדם מתחילה ועד סוף, כ"ע

---

פעלדער, פסולי מוקדשין מיינט, קדשים וועלכע זענען פסול געוואָרען דורך באקומען א פעהלער, און זענען געגעבען צו מעגען זיי אויסלייזען פאר חולין, דער פסוק שטעהט דאָרט ביי דעם פסוק וועלכען דער ספרי דרש'ענט אויף פסולי המוקדשין, „סלקא דעתך אמינא הואיל ואסירי בגיזה ועבודה, דמן ליבעי קבורה? קא משמע לן", דען איך וואָלט מיינען צו זאָגען, אזוי ווי די פסולי מוקדשין זענען דאך ווייטער נאָך אלץ אסור פאר שערען זייער וואָל און צו ארבעטען מיט זיי, צוליב דעם גוף קדשים וואָס איז נאָך פאראן אין זיי (אויסער דעם גוף חולין) וואָלט איך מיינען דאָס זייער בלוט זאָל דארפען ווערען באגראָבען? לאָזט מיר הערען דער פסוק דאָס ער זאָל איהם אויסגיסען ווי וואסער, פונקט ווי פון וואסער מען מעג הנאָה האָבען, אזוי אויך פון דעם בלוט, (עס איז שווער הארב, עס שטעהט דאָך נאָכאמאָהל ביי בשר תאוה על הארץ תשפכנו כמים וואָס ווערט גע'דרש'ענט אויף הכשר?) "תנא דבי ר' ישמעאל ודם חללים ישתה פרט לדם קילוח שאינו מכשיר את הזרעים, דבי ר' ישמעאל האָט געלערנט דער פסוק זאָגט ביי נקמה, דאָס ער וועט די בלוט פון די דערשלאָגענע אָנשטאָט וואסער טרינקען (עס מיינט ניט ממש טרינקען נאָר די נקמה דערלעבען אין זייער בלוט) דאָס נעמט ארויס און ממעט דעם דם וואָס שפּאָרט ארויס מיט קראַפט, דען אָן דעם בלוט איז דאָס לעבען אָפּהענגיג, און זאָ לאַנג די בלוט שפּריצט נאָך מיט קראַפט, איז עס נאָך פאררעכענט אלס לעבען, און דם חללים מיינט דאָך די שפּעטערע דם, וואָס געהט שוין פאַמעלאַכער, ווען ער הייסט שוין א חלל פאררעכענט אלס טויט, דעריבער איז דם חללים ממעט דעם דם וואָס געהט נאָך מיט א שטראָם, נאָר די רעשט דם איז מכשיר אויב זיי באַנעצען זאָמען וואָס מיינט אויך אלע פרוכטען, זיי זאָלען צונעמען א טומאה, „תנו רבנן השוחט והתיז דם על הדלעת, רבי אומר הוכשר רי חייא אומר תולין", די רבנן האָבען געלערנט אז איינער שעכט און עס טוט א שפּריץ די בלוט אויפ'ן דלעת פון תרומה, (דלעת איז אזא גרינס) רבי זאָגט דאָס דער דלעת איז מוכשר און ר' חייא זאָגט תולין, די גמרא וועט דאָס ווייטער באשיידען, „אמר רי אושעיא מאחר שרבי אומר הוכשר ורי חייא אומר תולין, אנו על מי נסמוך"? האָט ר' אושעיא געזאָגט אז רבי זאָגט הוכשר און ר' חייא זאָגט תולין, מיר אויף וועמען קענען זיך פארלאָזען? האָט ער געזאָגט „באו ונסמוך על דברי רי שמעון שהיה רי שמעון אומר שחיטה מכשרת ולא דם" קומט לאָמיר זיך פארלאָזען אויף די רייד פון ר' שמעון, דען ער האָט געזאָגט דאָס שחיטה אליין איז

לא פליגי דמכשיר, כי פליגי? בנתקנח הדם בין סימן לסימן, רבי סבר ישנה לשחיטה מתחילה ועד סוף, והאי דם שחיטה הוא, ר׳ חייא סבר אינה לשחיטה אלא בסוף, והאי דם מכה הוא, ומאי תולין? תולין הדבר עד גמר שחיטה, אי איתיה לדם בסוף שחיטה מכשיר, ואי לא, לא מכשיר, ומאי באו ונסמוך על דברי ר״ש? לר״ש לא מכשיר, לרבי חייא מכשיר? בנתקנח מיהו אשוו להדדי, מר לא מכשיר ומר לא מכשיר, הוה ליה רבי חד, ואין דבריו של אחד במקום שנים, רב אשי אמר תולין, לעולם משמע, ונתקנח לרבי חייא ספוקי מספקא ליה, אי ישנה לשחיטה מתחילה ועד סוף, או אינו לשחיטה אלא בסוף,

---

מכשיר ניט די דם, „אמר רב פפא הכל מודים היכא דאיתיה לדם מתחילה ועד סוף, כולי עלמא לא פליגי דמכשיר, כי פליגי? בנתקנה הדם בין סימן לסימן", האָט רב פפא געזאָגט אַלע זענען מודה און איינשטימיג, וואו די בלוט וואָס האָט פאַרשפּריצט די דלעת איז אויף איהר פון אָנפאַנג שחיטה ביז׳ן סוף, דאַמאָלסט קריגט קיינער ניט, אַז די בלוט איז מכשיר, נאָר וויסטו וואו זיי קריגען? וואו די בלוט איז אָפּגעווישט געוואָרען פון דער דלעת צווישען איין סימן און דעם צווייטען סימן, „רבי סבר ישנה לשחיטה מתחילה ועד סוף, והאי דם שחיטה הוא", רבי האַלט אַז שחיטה הייסט שחיטה פון אָנפאַנג ביז דער ענד, איז דאָך דער דם פון אָנפאַנג שחיטה שעכטענדיג דעם ערשטען סימן, אַ רעכטער דם שחיטה, און איז מכשיר „ר׳ חייא סבר אינה לשחיטה אלא בסוף והאי דם מכה הוא, ומאי תולין? תולין הדבר עד גמר שחיטה, אי איתיה לדם בסוף שחיטה מכשיר, ואי לא, לא מכשיר", ר׳ חייא האַלט אַז שחיטה איז ניט פאַררעכענט אַלס נאָר ערשט ביי דער ענד, איז דאָך די בלוט ווערענד שעכטענדיג דעם ערשטען סימן, נאָר בלוט פון אַ קלאַפּ, און וואָס מיינט ער מיט׳ן וואָרט תולין? ער מיינט מען וואַרט מיט דער זאַך אָפּהענגיג ביז ענדע פון דער שחיטה, איז נאָך פאַראַן די בלוט אויף די דלעת אין נאַסען צושטאַנד ביי דער ענד שחיטה, איז ער מכשיר, און אויב ניט, איז ער ניט מכשיר, „ומאי באו ונסמוך על דברי ר׳ שמעון? לר׳ שמעון לא מכשיר לר׳ חייא מכשיר", און וואָס מיינט ר׳ אושעיא קומט לאָמיר זיך פאַרלאָזען אויף ר׳ שמעון? ער מיינט צו זאָגען, דאָס נאָך ר׳ שמעון איז די בלוט אינגאַנצען ניט מכשיר, נאָך ר׳ חייא איז די בלוט יאָ מכשיר, „בנתקנח מיהו אשוו להדדי, מר לא מכשיר ומר לא מכשיר, הווה ליה רבי חד, ואין דבריו של אחד במקום שנים", אָבער וואו די בלוט איז אָפּגעווישט געוואָרען פונ׳ם דלעת צווישען ערשטען סימן און צווייטען סימן, דאַמאָלסט ווענינגסטענס גלייכען זיי זיך אויס, דער זאָגט די בלוט איז ניט מכשיר און דער זאָגט זי איז ניט מכשיר, קומט דאָך אויס, דאָס רבי איז דאָ איינער אַליין, ווערענד זיי זענען צוויי, און די רייד פון איינעם אין אַ פּלאַץ געגען צוויי, זענען זיינע רייד ניט גילטיג, „רב אשי אמר תולין לעולם משמע, ונתקנח לרי חייא ספוקי מספקא ליה אי ישנה לשחיטה מתחילה ועד סוף או אינה לשחיטה אלא בסוף", רב אשי זאָגט דאָס תולין וואָס ר׳ חייא זאָגט מיינט ער פאַר אימער, דאָס

ומאי תולין? לא אוכלין ולא שורפין, ומאי באו ונסמוך על דברי ר"ש? לר"ש לא מכשיר, לרבי חייא ספיקא, לעניין שריפה מיהו שוו להדדי, מר לא שרפיה ומר לא שרפיה, הוה ליה רבי הד, ואין דבריו של אחד במקום שנים, וה"ק כגון זאת תולין לא אוכלין ולא שורפין, בעי ר"ש בן לקיש צריך של מנחות מונין בו ראשון ושני, או אין מונין בו ראשון ושני? כי מהניא חיבת הקדש לאפסולי גופיה, למימנא ביה ראשון ושני לא, או דילמא לא שנא? א"ר אלעזר ת"ש (ויקרא י"א) מכל האוכל אשר יאכל וגו' אוכל הבא במים הוכשר, אוכל שאינו בא

---

די פראַגע צי דם שחיטה איז מכשיר בלייבט הענגען פאַר אימער ביז אליה' וועט ענטשיידען, און אויב די בלוט איז אָפּגעוואַשט געוואָרען פון דלעת נאָכ'ן ערשטען סימן, איז צו ר' חייא אַ ספק געווען אין דער סברה צי איך זאָג אַז די שחיטה הייסט שחיטה פון אָנפאַנג ביז ענד, צי נאָר ביי דער ענד, אויב נאָר ביי דער ענד, האָט זיך די דלעת באַנעצט פון ערשטען סימן און באַלד אָפּגעוואַשט איז קיין הכשר ניט, „ומאי תולין? לא אוכלין ולא שורפין, ומאי באו ונסמוך על דברי ר' שמעון? לר' שמעון לא מכשיר, לר' חייא ספיקא, לענין שריפה מיהו שווי להדדי, מר לא שרפיה ומר לא שרפיה", און וואָס מיינט ער מיט תולין? עס הענגט אין דער לופט, מען עסט ניט און מען פאַרברענט ניט די תרומה, וואָס איז טמא געוואָרען נאָך דער באַנעצונג, און וואָס מיינט ער מיט די ווערטער לאָמיר זיך פאַרלאָזען אויף ר' שמעון? לויט ר' שמעון איז די באַנעצונג ניט מכשיר און לויט ר' חייא איז עס אַ צווייפעל, אָבער גגען פאַרברענען זענען זיי וועניגסטענס ביידע גלייך, ניט ער הייסט פאַרברענען, ניט ער הייסט עס פאַרברענען, „הוה 'ליה רבי חד, ואין דבריו של אחד במקום שנים, והכי קאמר כגון זאת תולין, לא אוכלין ולא שורפין", איז דאָך רבי איינער, און איינער געגען צוויי איז ניט גילטיג, און אַזוי האָט ר' אושעיא געמיינט צו זאָגען אַזאַ שטייגער ווי די דאָזיגע תרומה איז דער דין תולין, דאָס מען עסט ניט און מען פאַרברענט ניט, „בעי ר' שמעון בן לקיש צריד של מנחות, מונין בו ראשון ושני, או אין מונין בו ראשון ושני"? ר' שמעון בן לקיש האָט אַ פראַגע געפרעגט, פאַרהאַרטעוועטע שטיקלעך אין די מנחות, וואו די אויל האָט ניט דערגרייכט אין געניגענדער מאָס, זענען ביסעלאַך צוזאַמענגעבאַלטע מעהל פאַרטריקענט געוואָרען, צי צעהלט מען ביי זיי אַן ערשטע און צווייטע טומאה, צי ניט, אויב אַזאַ פאַרטריקענטע שטיקעל איז טמא געוואָרען צי קען ער מטמא זיין אַנדערע, צי ניט? „כי מהניא חבת הקדש לאפסולי גופיה למימנא ביה ראשון, ושני לא, או דלמא לא שנא"? צי זאָג איך אַז דער חבת הקדש העלפט נאָר צו פסל'ען דעם שטיקעל אַליין אַלס ערשטע טומאה אָבער אַ צווייטע קען ער ניט מאַכען, אָדער פיליכט איז קיין אונטערשייד ניט? „אמר ר' אלעזר תא שמע מכל האוכל אשר יאכל וכוי אוכל הבא במים הוכשר אוכל שאינו בא במים לא הוכשר", האָט ר' אלעזר גיזאָגט קום איך וועל דיר אויפקלערען דער פסוק זאָגט ביי הכשר דורך וואַסער, דאָס פון אַלע עסענס וואָס ווערט געגעסען, קומענדיג

במים לא הוכשר, אטו ר"ש בן לקיש לית ליה אוכל הבא במים? ר"ש בן לקיש הכי קמיבעיא ליה, חיבת הקדש כאוכל הבא במים דמי, או לא? ר"א נמי מיתורי קראי קאמר מכדי כתיב (שם) וכי יותן מים על זרע, מכל האוכל אשר יאכל למה לי? (דף ל"ו ע"ב) לאו למעוטי חיבת הקדש? לא חד בטומאת מת וחד בטומאת שרץ, וצריכי, דאי אשמועינן טומאת מת, התם הוא דבעי הכשר, משום דלא מטמא בכעדשה, אבל שרץ דמטמא בכעדשה, אימא לא ליבעי הכשר, ואי אשמוענן שרץ משום דלא מטמא טומאת שבעה, אבל מת דמטמא טומאת שבעה, אימא לא ליבעי הכשר, צריכא, מתיב רב יוסף, ר'

---

דערויף וואסער זאָל זיין טמא, טייטש איך די עסענס וועלכע זענען צוגעגרייט מיט וואסער, די האָבען א הכשר, און וועלכע ניט, ניט, ווייל די עסענס וועלכע ווערען געגעסען, מיינט דאָך שוין צוגעגרייט צום עסען, דורך וואסער, פרעגט די גמרא, „אטו רי שמעון בן לקיש לית ליה אוכל הבא במים? רי שמעון בן לקיש הכי קא מיבעי ליה, חיבת הקדש כאוכל הבא במים דמי או לא"? האלט דען ר' שמעון בן לקיש ניט וועגען אוכל וואָס קומט מיט וואסער, אז זי האָט א הכשר, ניט מעהר איהם איז אזוי צו פראגע געווען צי חיבת הקדש האָט א כח מכשיר צו זיין ווי אוכל מיט וואסער, צי ניט? ענטפערט די גמרא, „רי אלעזר נמי מיתורי קראי קאמר, מכדי כתיב וכי יותן מים על זרע, מכל האוכל אשר יאכל למה ליי"? ר' אלעזר אויך ענטפערט טאקע דאָ פון איבעריגע פסוקים, דען עס שטעהט דאָך שוין אז עס וועט ווערען געגעבען וואסער אויף זרעים וואָס מיינט דאָך עסענווארג, צו וואָס שטעהט נאָך דער פסוק מכל האוכל אשר יאכל? „לאו למעוטי חבת הקודש"? איז דען דאָס ניט געמיינט צו ממעט זיין און ארויסנעמען חבת הקודש, דאָס נאָר דורך וואסער איז הכשר ניט דורך חבת הקודש? ענטפערט די גמרא „לא" ניין „חד בטומאת מת וחד בטומאת שרץ וצריכי"", איין פסוק קומט אויף א טומאה פון א מת און איין פסוק אויף א שרץ, און זענען ביידע נעדארפט, „דאי אשמעינן טומאת מת, התם הוא דבעי הכשר, משום דלא מטמא בכעדשה, אבל שרץ דמטמא בכעדשה אימא לא ליבעי הכשר", ווארים ווען ער וואָלט מיך לאָזען הערען בלויז דעם פסוק וכי יותן מים על זרע וואָס איז געלערנט וועגען הכשר צו קענען צונעמען א טומאה פון א מת, וואָלט איך זאָגען, נאָר דאָרט דארף האָבען פריהער הכשר, צוליב די טומאה איז ניט אזוי הארב, דען זי איז ניט מטמא אלס די גרויס ווי א לינדז, איהר שיעור צו קענען מטמא זיין מוז זיין א כזית אָבער א טומאה פון א שרץ איז דאָך מטמא אלס די גרויס פון א לינדז, איז זי דאָך הארב, וואָלט איך מיינען זי זאָל ניט דארפען קיין הכשר, „ואי אשמעינן שרץ משום דלא מטמא טומאת שבעה, אבל מת דמטמא טומאת שבעה אימא לא ליבעי הכשר, צריכא", און ווען ער וואָלט מיך לאָזען הערען בלויז שרץ וואָלט איך זאָגען, נאָר א טומאה פון א שרץ דארף האָבען פריהער הכשר, ווייל זי איז ניט אזוי הארב, דען זי איז ניט מטמא מען זאָל דארפען רייניגען זיבען טעג, אָבער א טומאה פון א מת וואָס

שמעון אומר הוכשרו בשחיטה, הוכשרו ואפי' למימני בהו ראשון ושני, אמאי? והא לאו אוכל הבא במים הוא? א"ל אביי עשאוהו כהכשר מים מדרבנן, אמר ר' זירא ת"ש הבוצר לגת שמאי אומר הוכשר, הלל אומר לא הוכשר, ושתיק ליה הלל לשמאי, אמאי? והא לאו אוכל הבא במים הוא? אמר ליה אביי עשאוהו כהכשר מים מדרבנן, א"ל רב יוסף אמינא ליך אנא הוכשרו בשחיטה, ואת אמרת לי עשאוהו כהכשר מים, ואמר לך רבי זירא ואמרת ליה עשאוהו כהכשר מים, לר"ש בן לקיש נמי עשאוהו כהכשר מים. אמר ליה אטו ר' שמעון בן לקיש לתלות

---

איז יאָ מטמא אויף זיבען טעג, וואָלט איך מיינען זי דאַרף ניט קיין הכשר, דעריבער איז דער פסוק געצוואונגען צו לאָזען הערען ביידע, „מתיב רב יוסף ר' שמעון אומר הוכשרו בשחיטה הוכשרו ואפילו למימני בהו ראשון ושני, אמאי והא לאו אוכל הבא במים הוא"? האָט רב יוסף אַ קשיא געפרעגט, ר' שמעון זאָגט אין דער משנה דאָס בהמה חיה ועוף זענען מוכשר פון דער שחיטה, מיינט דאָך דאָס, דאָס דער הכשר איז גילטיג אַז די טומאה זאָל אויך קענען מאַכען אַ צווייטע טומאה, דען געגען זיך אַליין אַלס חולין איז דאָך דאָ ניט געווענדעט, איז דאָך די קשיא וואָרום? עס איז דאָך ניט קיין הכשר דורך וואַסער? אַזוי אויך קען זיין דורך חבת הקודש? „אמר ליה אביי עשאוהו כהכשר מים מדרבנן", האָט אַביי צו איהם געזאָגט די חכמים האָבען געמאַכט דעם הכשר פון שחיטה ווי דורך וואַסער, נאָר מדרבנן, „אמר רבי זירא תא שמע הבוצר לגת שמאי אומר הוכשר, הלל אומר לא הוכשר, ושתיק ליה הלל לשמאי, אמאי? והא לאו אוכל הבא במים הוא"? האָט ר' זירא געזאָגט, איך וועל דיר אַ קשיא פרעגען פון דאַנען, מיר האָבען געלערנט אַז איינער שנייד וויינטרויבען פאַר די וויינערי, זאָגט שמאי די וויינטרויבען האָבען געקראָגען הכשר, צוליב די צוקוועטשטע וואָס טריפען אַרויף אויף די אַנדערע, חאָטש איהם איז ניט ניחא די באַנעצונג ווייל די זאַפט געהט דאָך צו גרונד, האָבען אָבער די חכמים גוזר געווען אויף די משקה, ווייל צומאָהל קען ער אַריינקלייבען אין גוט געקלעפּטע קאַסטענס, וואו ער איז שוין צופרידען פון דער זאַפט, און הלל זאָגט די וויינטרויבען האָבען ניט קיין הכשר, און הלל האָט געשוויגען צו שמאי ניט דעבאַטירענדיג ווי זיין שטיינער, איז דאָך די קשיא וואָרום, עס איז דאָך ניט קיין עסען וואָס קומט מיט וואַסער, און די משקה איז דאָך ניט צו זיין צופרידענהייט, אַפילו ווען אין גוטע קאַסטענס צוליב דער באַמיהונג? „אמר ליה אביי עשאוהו כהכשר מים מדרבנן", האָט אַביי צו איהם געזאָגט מען האָט דעם הכשר געמאַכט גלייך ווי הכשר מים נאָר מדרבנן, „אמר ליה רב יוסף אמינא לך אנא הוכשרו בשחיטה ואת אמרת לי עשאוהו כהכשר מים, ואמר לך רי זירא ואמרת ליה עשאוהו כהכשר מים, לרי שמעון בן לקיש נמי עשאוהו כהכשר מים"? האָט רב יוסף צו איהם געזאָגט אַז איך זאָג דיר פון דער משנה פון הוכשרו בשחיטה, ענטפערסטו מיר אַז די חכמים האָבען געמאַכט דעם הכשר ווי מים, האָט דיר ר' זירא געבראַכט פון הבוצר לגת, האָסטו איהם אויך דעם זעלבען ענטפער

קמיבעיא ליה? כי קא מיבעיא ליה? לשרוף, מכלל דחיבת הקדש דאורייתא מנא לן? אילימא מדכתיב (ויקרא ז) והבשר אשר יגע בכל טמא, האי בשר דאתכשר במאי? אילימא דאתכשר בדם, והאמר רבי חייא בר אבא א"ר יוחנן מנין לדם קדשים שאינו מכשיר? שנאמר (דברים י"ג) לא תאכלנו על הארץ תשפכנו כמים, דם הנשפך כמים מכשיר, שאינו נשפך כמים אינו מכשיר, אלא דאיתכשר במשקי בית מטבחיא, והא א"ר יוסי בר חנינא משקי בית מטבחיא לא דיין שהן דכן, אלא שאין מכשירין, וכי תימא תירגמא אדם? והא משקי קאמר, אלא לאו דאתכש'

---

געגעבען, קענסטו דאך צו ר' שמעון בן לקיש אויך דעם ענטפער געבען אז מדרבנן מאכט די שחיטה הכשר ווי מים אויף צו מאכען א שני? „אמר ליה אַטו ר' שמעון בן לקיש לתלות קא מיבעי ליה, כי קא מיבעי ליה? לשרוף", האָט ער צו איהם געזאָגט איז דען ריש לקיש צו פראגע געווען וועגען תולין, גענגען עסען די תרומה אלס שני פון דעם ראשון, געוויס דאָס ער האלט אז מדרבנן טאָר מען ניט עסען דעם שני, נאָר ווייסטו וואָס איהם איז צו פראגע געווען? געגען צו פארברענען דעם שני צי מען מעג? פרעגט די גמרא, :מכלל דחבת הקדש דאורייתא מנא לן"? ווען איך זעה דאָס ריש לקיש האלט אז חבת הקודש איז מכשיר און ראשון איז זיכער פסול, איז דאָך געדרינגען דאָס חבת הקודש איז מכשיר מדאורייתא, פון וואנען איז דאָס געדרינגען? (חבת הקודש מיינט די ליבשאפט פון קודש האָט א כח אלעם מכשיר צו זיין אום מען זאָל מעהר אכטען די קודש און היטען זיי פון טומאה) „אילימא מדכתיב והבשר אשר יגע בכל טמא, האי בשר דאיתכשר במאי? אילימא דאיתכשר בדם, והאמר ר' חייא בר אבא אמר ר' יוחנן מנין לדם קדשים שאינו מכשיר? שנאמר לא תאכלנו על הארץ תשפכנו כמים"? זאָל איך זאָגען אז עס איז געדרינגען פון דעם פסוק וואָס זאָגט, און די פלייש וואָס וועט אָנרירען אין וועלכער עס איז טומאה, און די פלייש דארף אויך האָבען הכשר, פון וואנעט האָט זי איהם געקראָגען? זאָל איך זאָגען פון דם, האָט דאָך ר' חייא בר אבא געזאָגט אין נאָמען פון ר' יוחנן, פון וואנען איז געדרינגען דאָס דם קדשים איז ניט מכשיר? דער פסוק זאָגט ביי בשר תאוה זאָלסט ניט עסען דעם בלוט, אויף דער ערד זאָלסטו אים אויסגיסען ווי וואסער, „דם הנשפך כמים מכשיר, שאינו נשפך כמים אינו מכשיר", טייטש איך דאָס אזא בלוט וועלכע ווערט פארגאָסען ווי וואסער איז מכשיר, אָבער א בלוט וועלכע ווערט ניט פארגאָסען ווי וואסער, דהיינו קדשים וואָס מען שפרענגט די בלוט אויפ'ן מזבח, איז ניט מכשיר? „אלא דאיתכשר במשקי בית מטבחיא, והא אמר ר' יוסי ברבי חנינא משקי בית מטבחיא לא דיין שהן דכן אלא שאין מכשירין"? אלא וועסטו דאך וועלען זאָגען דאָס דער הכשר איז געקומען פון די משקין אין שלאַכטהויז וואו מען האָט געוואשען די פלייש, האָט דאָך ר' יוסי ברבי חנינא געזאָגט, דאָס משקי פון שלאַכטהויז איז ניט גענוג וואָס זיי זענען ריין, נאָר זיי זענען אפילו ניט מכשיר? „וכי תימא תרגמא אידם, והא משקי קאמר"? איי וועסטו אפשר זאָגען אז דאָס וואָס ר' יוסי

בחיבת הקדש, ודלמא כדרב יהודה אמר שמואל, דאמר רב יהודה אמר שמואל כגון שהיתה לו פרה של זבחי שלמים והעבירה בנחל, שחטה ועדיין משקה טופח עליה, אלא מסיפא והבשר לרבות עצים ולבונה, עצים ולבונה בני אכילה נינהו? אלא חיבת הקדש מכשרא להו ומשויא להו אוכל, הכא נמי חיבת הקדש מכשרתן, (דף ל״ז ע״א) מאי? כי מהניא חיבת הקדש לפסולא דגופיה, אבל למימנא ביה ראשון ושני לא, או דילמא לא שנא? תיקו: מתני׳ השוחט את המסוכנת רשב״ג אומר עד שתפרכס ביד וברגל, ר״א אומר דיה אם זינקה, אמר ר״ש השוחט

---

זאגט, איז באשייד געווארען אויף בלוט, דאס ער מיינט מיט׳ן ווארט משקי אויפ׳ן בלוט, זאגט ער דאך משקי מיט א יו״ד צולעצט וואס מיינט מעהר־צאהל, דאס אלע משקין דארט זענען ניט מכשיר? „אלא לאו דאתכשר בחבת הקודש״, נאר מוז זיין ניט אנדערש דאס די פלייש פון קדשים ווערט מוכשר דורך חבת הקודש, פרעגט די גמרא, „ודלמא כדרי יהודה אמר שמואל דאמר כגון שהיתה לו פרה של זבחי שלמים והעבירה בנחל, שחטה ועדיין משקה טופח עליה״, פיליכט ווייל עס קומט פאר, ווי רב יהודה האט געזאגט אין נאמען פון שמואל, אז איינער האט א פרה פאר שלמים און די פעל פון שלמים באלאנגט דאך צו די באלעבאטים און ער וויל האבען א ריינע פעל און זאל זיך גוט שינדען, פיהרט ער איהר דורך א טייך, און באלד שעכט ער איהר, וועהרענט די וואסער פליסט נאך אויף איהר, קען דאך זיין דער הכשר? אלא זאגט די גמרא, „מסיפא והבשר לרבות עצים ולבונה״, עס איז געדרינגען פון ענדע פסוק פונ׳ם ווארט והבשר וואס קומט מרבה זיין אלעם וואס קומט צום קרבן אפילו די האלץ און די ווארץ, איז דאך די קשיא „עצים ולבונה בני אכילה נינהו? אלא חבת הקודש מכשרא להו ומשויא להו אוכל הכא נמי חבת הקודש מכשרתה״, זענען דען עצים און לבונה עסבאר? נאר מוזט דאך זאגען דאס חבת הקדש איז זיי מכשיר און גרייט זיי צו פאר דעם און מאכט זיי גלייך ווי זיי וואלטען זיין אן אוכל, אזוי דא איז די חבת הקודש מכשיר די פלייש אלס אוכל לויט דעם פרעגט ריש לקיש, „מאי כי מהניא חבת הקודש לפסולא דגופיה, אבל למימנא ביה ראשון ושני לא, או דלמא לא שנא״? ווי איז דער דין, צי זאג איך אז דער חבת הקודש העלפט נאר צו פסל׳ען אליין, אבער צו קענען צעהלען פון איהר זי אלס ראשון און זאל נאך קענען מאכען א שני, דאס ניט, אדער פיליכט איז קיין אונטערשייד, און דער ראשון דורך הכשר פון חבת הקודש קען אויך מאכען א שני? די באג־רינדונג פון דער דרשה והבשר איז באשייד אין פסחים דף כ״ד דעם צווייטען עמוד דען דארט איז דער גאנצער פסוק גע׳דרש׳ענט: „מתניי, השוחט את המסוכנת, רישמעון בן גמליאל אומר עד שתפרכס ביד וברגל״, אז איינער שעכט א קראנקע בהמה וואס איז צום אויסגעהן, ר׳ שמעון בן גמליאל זאגט זי איז אנדערש ניט כשר, ביז זי גיט א וואָרף מיט׳ן פראנט און הינטער פוס, אניט, איז א סברה, דאס זי איז אויסגעגאנגען בעפאר ענדיגענד די שחיטה, „רי אליעזר אומר דיה אם זינקה״, ר׳ אלעזר זאגט עס איז גענוג אז זי הארכעלט

בלילה ולמחר השכי׳, ומצא כתלים מלאים דם, כשרה שזינקה, וכמדת ר״א, וחכ״א עד שתפרכס או ביד או ברגל, או עד שתכשכש בזנבה, אחד בהמה דקה ואחד בהמה גסה, בהמה דקה שפשטה ידה ולא החזירה פסולה, שאינה אלא הוצאת נפש בלבד במה דברים אמורי׳ שהיתה בחזקת מסוכנת, אבל אם היתה בחזקת בריאה, אפי׳ אין בה אחד מכל הסימני׳ הללו כשירה: גמ׳ מסוכנת ממאי דשריא? וממאי תיסק אדעתין דאסירא? דכתיב (ויקרא י״א) זאת החיה אשר תאכלו, חיה אכול, ושאינה חיה לא תאכל, והא מסוכנת אינה חיה? מדאמר

---

מיט׳ן האלז און די בלוט לויפט שנעל, „אמר ר׳ שמעון השוחט בלילה, ולמחר השכים ומצא כתלים מלאים דם, כשרה, שזינקה וכמדת ר׳ אלעזר״, האט ר׳ שמעון געזאגט אז איינער שעכט ביינאכט אזא מסוכנת און ער האט ניט געזעהן צו זי ווארפט מיט די פיס, און צו מארגענס האט ער געפערדערט צו זעהן, און ער האט געטראפען, דאס די ווענד ארום זענען געווען פארשפריצט מיט בלוט איז די שחיטה כשר, ווייל זיכער זי האט געבארכעלט און פאר־שפריצט דערמיט די ווענד, אזוי ווי די מאס וואס ר׳ אלעזר גיט, „וחכמים אומרים עד שתפרכס או ביד או ברגל או עד שתכשכש בזנבה, אחד בהמה דקה ואחד בהמה גסה״, און די חכמים זאגען ביז זי ווארפט זיך מיט א האנד אדער א פוס אדער זי קלאפט מיט׳ן עק, דער דין איז סיי ביי קליינע בהמות סיי ביי גרויסע בהמות, „בהמה דקה שפשטה ידה ולא החזירה פסולה שאינה אלא הוצאת נפש בלבד״, א קליינע בהמה אז זי שטרעקט אויס דעם פארענט פוס און נעמט איהם ניט צוריק איז די שחיטה פסול, ווייל דער אויסשטרעקען מיינט בלויז דאס דער נפש איז ארויס בעפאר מען האט געענדיגט די שחיטה, „במה דברים אמורים? שהיתה בחזקת מסוכנת אבל אם היתה בחזקת בריאה, אפילו אין בה אחד מכל הסימנין הללו כשרה״, וועגן זענען די רייד געזאגט? אז זי איז אין דער חזקה אלס מסוכנת, אבער אז מען האט איהר געהאלטען אלס געזונד, אפילו זי האט קיין איינעם פון די אלע סימנים ביי דער שחיטה, איז די שחיטה אלץ כשר: „גמ׳״, פרעגט די גמרא, „מסוכנת ממאי דשריא?״ פון וואנען ווייסטו אז מסוכנת איז מותר? ענטפערט די גמרא מיט א צוריק פראגע, „וממאי תסיק אדעתין דאסירא״? און פון וואנען קענסטו דען ארויסנעמען אז מסוכנת זאל זיין אסור? „דכתיב זאת החיה אשר תאכלו חיה אכול ושאינה חיה לא תאכל, והא מסוכנת אינה חיה״? אז מסוכנת זאל זיין אסור, קען מען דרינגען פון דעם פסוק, דער פסוק זאגט די חיה איז וואס איהר מעגט עסען, פון אלע בהמות אויפ׳ן לאנד, איז דאך דער ווארט החיה איבריג דען עס האט געדארפט שטעהן וזאת אשר תאכלו מכל הבהמה אהן דעם ווארט החיה? דען בהמה מיינט אויך חיה אדער פארקערט, טייטשען די חכמים אונזערע דאס דער ווארט חיה איז אויך מרמז אויף געזונדקייט דאס די בהמה אדער די חיה וואס איז געזונד און קען לעבען, די זאלט איהר עסען, אבער ניט קיין מסוכנת וואס איז צום אויסגעהן, זי קען דאך ניט לעבען? ענטפערט די גמרא, „מדאמר רחמנא נבלה לא תאכל מכלל

רחמנא (דברים י״ד) נבלה לא תיכול, מכלל דמסוכנת שריא, דאי ס״ד מסוכנת אסירא, השתא מחיים אסירא, לאחר מיתה מיבעיא? ודלמא היינו נבלה היינו מסוכנת? לא ס״ד דכתיב (ויקרא י״א) וכי ימות מן הבהמה אשר היא לכם לאכלה, הנוגע בנבלתה, לאחר מיתה הוא דקריה רחמנא נבלה, מחיים לא אקרי נבלה, ודלמא לעולם אימא לך היינו נבלה היינו מסוכנת, מחיים בעשה, לאחר מיתה בלאו, אלא מדאמר רחמנא (שמות כ״ב) טרפה לא תאכל, מכלל דמסוכנת שריא, דאי ס״ד מסוכנת אסירא, השתא מסוכנת דלא מחסרא אסירא, טרפה מיבעיא? ודלמא היינו טרפה היינו מסוכנת, לעבור עליו בעשה ולא

---

דמסוכנת שריא, דאי סלקא דעתך מסוכנת אסירא, השתא מחיים אסירא, לאחר מיתה מיבעיא״? פון דעם וואס די תורה זאגט, מען זאל קיין נבלה ניט עסען, איז געדרינגען אז אבער א מסוכנת מעג מען יא עסען, ווארים אויב דו וועסט זאגען אז א מסוכנת איז אסור, וועט דאך שווער זיין, מיידאך ביים לעבען איז זי געוועזן אסור, איז דאך נאכ׳ן טויט געוויס אז זי איז אסור וואס דען דארף די תורה זאגען וועגען נבלה? פרעגט די גמרא, „ודלמא היינו נבלה היינו מסוכנת״? פיליכט נעמט נבלה אויך ארום מסוכנת, מען זאל איהר ניט עסען אפילו מיט שחיטה? ענטפערט די גמרא, „לא סלקא דעתך דכתיב וכי ימות מן הבהמה אשר היא לכם לאכלה הנוגע בנבלתה, לאחר מיתה הוא דקרייה רחמנא נבלה מחיים לא איקרי נבלה״, עס קען אזא זאך ניט ארויף אויפ׳ן געדאנק, דען דער פסוק זאגט אז עס וועט שטארבען איינע פון די בהמות, וואס איז פאר אייך צום עסען, איז דער דין אז איינער רירט אן דער נבלה, אזוי און אזוי, זעהסטו דאך אז נאכ׳ן טויט, דאמאלסט רופט איהר די תורה מיט׳ן נאמען נבלה, אבער ביים לעבען ניט, פרעגט די גמרא „ודלמא לעולם אימא לך היינו נבלה היינו מסוכנת, מחיים בעשה, לאחר מיתה בלאו״? פיליכט זאג איך אימער דאס דער נאמען נבלה נעמט אויך ארום מסוכנת, איי וואס נבלה איז עקסטרא גע׳אסור׳ט? דאס איז ווייל ביים לעבען איז בלויז אן עשה פון זאת החיה אשר תאכלו און נאכ׳ן טויט קומט נאך צו אויך א לאו? אלא זאגט די גמרא, „מדאמר רחמנא טרפה לא תאכל מכלל דמסוכנת שריא, דאי סלקא דעתך מסוכנת אסירא, השתא מסוכנת דלא מחסרא אסירא, טרפה מיבעיי״? פון דעם וואס די תורה זאגט זאלסט ניט עסען קיין טרפה, איז געדרינגען אז מסוכנת איז מותר, ווארים אז דו וועסט זאגען מסוכנת איז אסור, איז דאך שווער, מיידאך מסוכנת וואו עס פעהלט ביי איהר נארניט אלע גלידער און ארגאנען זענען גאנץ, פונדעסטוועגען איז זי אסור, איז דאך א טריפה וואס פעהלט יא עפעס אין איהר, געוויס אסור? וואס דען האט די תורה געזאגט וועגען טרפה? נאר מוז זיין אז מסוכנת איז מותר, פרעגט די גמרא, „ודלמא היינו טרפה היינו מסוכנת ולעבור עליו בעשה ולא תעשה״, פיליכט נעמט ארום דער נאמען טרפה אויך מסוכנת, איי וואס איז געדארפט צו ווידערהאלען דעם נאמען טרפה? עס איז גע־דארפט צו מאכען עובר זיין אויף אן עשה פון זאת החיה אשר תאכלו דאס

תעשה? א"כ נבלה דכתב רחמנא ל"ל? ומה מחיים קאי עלה בלאו ועשה, לאחר מיתה מיבעיא? ודלמא היינו נבלה היינו טרפה היינו מסוכנת, ולעבור עליו בשני לאוין ועשה? אלא מהכא (ויקרא ז') וחלב נבלה וחלב טרפה יעשה לכל מלאכה ואכל לא תאכלוהו, ואמר למאי הלכתא אמרה התורה יבא איסור נבלה ויחול על איסור חלב, יבא איסור טרפה ויחול על איסור חלב, (דף ל"ז ע"ב) ואי סלקא דעתך טרפה היינו מסוכנת, ליכתוב רחמנא חלב נבלה יעשה לכל מלאכה, וחלב טרפה לא תאכלוהו, ואנא אמינא ומה מחיים אתי איסור טרפה חייל אאיסור חלב, לאחר מיתה מיבעיא? אלא מדכתב רחמנא (ויקרא ז)

---

נאר א געזונדע מעג מען עסען און א לאו טריפה לא תאכל, זאלסט ניט עסען קיין טריפה? ענטפערט די גמרא, „אם כן נבלה דכתב רחמנא למה לי? ומה מחיים קאי עלה בלאו ועשה, לאחר מיתה מיבעיא"? אויב אזוי אז טרפה קומט צו מחייב זיין נאך אויף א לאו, וואס ווידער האט די תורה געדאפט זאגען וועגען נבלה, מיידאך ביים לעבען איז ער עובר אויף א לאו און עשה, איז דאך נאכ'ן טויט געווים אזוי, וואס דען איז געדארפט ווידער נבלה? נאר מוז זיין צו לאזען הערען דאס מסוכנת איז מותר, פרעגט די גמרא „ודלמא היינו נבלה היינו טריפה היינו מסוכנת ולעבור עליו בשני לאוין ועשה"? פיליכט זענען אלע דריי איינס, איין שטאם איסור, נאר זענען באזאנדער ארויסגעזאגט אויף צו מעהרען די לאווין אויף דער עשה? אלא זאגט די גמרא, „מהכא וחלב נבלה וחלב טרפה יעשה לכל מלאכה ואכל לא תאכלוהו, ואמר מר למאי הלכתא אמרה תורה? יבא איסור נבלה ויחול על איסור חלב יבא איסור טרפה ויחול על איסור חלב", פון דאנעט איז געדרינגען, דער פסוק זאגט, דאס חלב פון נבלה און פון טרפה מעג ווערען גענוצט צו יעדער מלאכה נאר עסען איהם טארט איהר ניט, און דער האר תנא האט אויף דעם געזאגט, צו וואס פאר א צוועק האט די תורה דא געזאגט מען זאל דעם חלב ניט עסען עס איז דאך שוין געזאגט אין זיין פלאץ נאך בעפאר? נאר די תורה האט דא געמיינט צו זאגען דאס דער איסור נבלה זאל חל זיין און קענען צוקומען צום איסור חלב, און דער איסור טרפה זאל אויך קענען צוקומען צום איסור חלב, אניט וואלט איך זאגען איין איסור איז ניט חל אויפ'ן צווייטען איסור, „ואי סלקא דעתך טרפה היינו מסוכנת לכתוב רחמנא חלב נבלה יעשה לכל מלאכה וחלב טרפה לא תאכלוהו, ואנא אמינא ומה מחיים אתי איסור טרפה חייל אאיסור חלב לאחר מיתה מיבעיא"? און אויב דו וועסט נעמען אויפ'ן געדאנק אז טרפה איז דאס זעלבע וואס מסוכנת, האט דאך די תורה געזאלט שרייבען אז חלב נבלה מעג ווערען גענוצט פאר יעדער מלאכה און חלב טרפה זאלט איהר ניט עסען, און איך וואלט זאגען, מיידאך ביים לעבען קומט דער איסור טרפה און איז חל אויפ'ן איסור חלב צו חייב זיין פארביידע, איז דאך נאכ'ן טויט געווים אזוי, היינט צי וואס זאגט דער פסוק דער איסור נבלה זאל חל זיין אויפ'ן חלב? „אלא מדכתב רחמנא נבלה מכלל דטרפה לאו היינו מסוכנת", און ווען איך זעה די תורה האט יא געשריבען אויך

נבלה, מכלל דטרפה לאו היינו מסוכנת, מתקיף לה מר בר רב אשי ודלמא לעולם אימא לך היינו טרפה היינו מסוכנת, ודקאמרת נבלה דכתב רחמנא ל"ל? להך נבלה דלא אתיא מכח מסוכנת, והיכי דמי? שעשאה גיסטרא, התם נמי א"א דלא הויא מסוכנת פורתא, מקמי דליפסוק לרובא, ואיבעית אימא א"כ לימא חלב נבלה וטרפה, חלב חלב למה לי? זו היא שאין הלבה חלוק מבשרה, ויש לך אחרת שחלבה

---

נבלה, דאָס זי איז חל אויפ'ן איסור חלב, איז געדרינגען דאָס טרפה איז ניט דאָס זעלבע וואָס מסוכנת, און מסוכנת איז מותר, און נבלה פון א מסוכנת, איז געדארפט צו שרייבען, דאָס זי איז חל אויפ'ן איסור חלב, דען איך וואָלט ניט קענען ארויסלערנען מיט א קל וחומר פון טריפה, ווי אויבען ער זאָגט עס, ווייל טרפה איז חל אויפ'ן חלב, צוליב עס פעהלט ביי די אָרגאַנען נאָך ביים לעבען, „מתקיף לה מר בר רב אשי ודלמא לעולם אימא לך היינו טרפה היינו מסוכנת, ודקא אמרת נבלה דכתב רחמנא למה לי? להך נבלה דלא אתיא מכח מסוכנת והיכי דמי? שעשאה גיסטרא", האָט מר בר רב אשי א קשיא געפרעגט פילייכט זאָל איך אימער זאָגען דאָס טרפה איז דאָס זעלבע וואָס מסוכנת, איי וואָס דו פרעגסט צו וואָס האָט די תורה געשריבען, דאָס נבלה איז חל אויפ'ן איסור חלב? זי האָט געשריבען נבלה, נאָר אזא נבלה וואָס קומט ניט פון א מסוכנת, און ווי אזוי איז עס געמיינט? עס איז געמיינט וואו ער האָט איהר געמאַכט אלס גיסטרא איבערשניידענדיג דעם גאַנצען האַלז אָדער איבערשניידענדיג די בהמה אין צוויי העלפטען וואו זי וואַרפט זיך נאָך, לאָזט ער מיך הערען דערמיט דאָס זי הייסט באַלד א נבלה און איז חל אויפ'ן איסור חלב, פרעגט די גמרא, „התם נמי אי אפשר דלא הוי מסוכנת פורתא מקמי דליפסק לרובא"? דאָרט אויך ביי א גיסטרא איז דאָך ניט מעגליך אז זי זאָל ניט האָבען געווען א קליינע ווייַלע אלס מסוכנת, און אין דער צייט, איידער דער איבערהאַקען האָט דערגרייכט דעם מעהרהייט קערפּער איז זי דאָך שוין געווען א מסוכנת? ענטפערט די גמרא, „ואיבעית אימא אם כן לימא חלב נבלה וטרפה, חלב חלב למה לי? זו היא שאין חלבה חלוק מבשרה", אז דו ווילסט קען איך דיר אזוי זאָגען, אויב אזוי, מיינענדיג אויב איך זאָל זאָגען אז מסוכנת איז אָסור, האָט דער פסוק געדאַרפט זאָגען בלויז איינמאָהל חלב, וחלב נבלה וטרפה, דאָס זיי זענען חל אויפ'ן איסור חלב, צו וואָס וחלב נבלה וחלב טרפה? צו לאָזען הערען דאָס נאָר די ביידע זענען די, וואָס זייער חלב איז ניט אָפּגעטיילט פונ'ם פלייש, דאָס פּונקט ווי זיי אליין זענען אסור, אזוי אויך איז דער איסור חלב אויף זיי חל, ניט אָפּטרעטענדיג פון זיי, „ויש לך אחרת שחלבה חלוק מבשרה, ואיזו? זו מסוכנת", עס איז אָבער פאַראַן אַן אנדערע וואו איהר חלב איז יאָ אָפּגעטיילט פון איהר פלייש, און ווער איז זי? זי איז א מסוכנת, איהר פלייש איז מותר און דער חלב איז אסור, דאָס איז ממעט דער וואָרט חלב וואָס איז ארויסגעזאָגט ביי יעדען באַזונדער, דאָס נאָר די חלב פון נבלה און די חלב פון טרפה זיי געהען צוזאַמען מיט'ן פלייש אלס אסור, ניט אזוי איז מסוכנת, ביי איהר געהט

חלוק מבשרה, ואיזו? זו מסוכנת, ואיבעית אימא מהכא (יחזקאל ד') ואומר אהה ה' אלקים הנה נפשי לא מטומאה ונבלה וטרפה לא אכלתי מנעורי ועד עתה, ולא בא בפי בשר פגול, הנה נפשי לא מטומאה שלא הרהרתי ביום, לבא לידי טומאה בלילה, ונבלה וטרפה לא אכלתי מנעורי, שלא אכלתי בשר כוס כוס מעולם, ולא בא בפי בשר פגול, שלא אכלתי מבהמה שהורה בה חכם, משום ר' נתן אמרו שלא אכלתי מבהמה שלא הורמו מתנותיה, אי אמרת בשלמא שריא, היינו רבותיה דיחזקאל, אלא אי אמרת אסירא מאי רבותיה דיחזקאל? ה"ד מסוכנת

---

דער איסור חלב ניט צוזאמען מיט'ן פלייש, איהר פלייש אויב מען שעכט איהר איז מותר, „ואי בעית אימא מהכא ואומר אהה ה' אלקים הנה נפשי לא מטומאה ונבלה וטרפה לא אכלתי מנעורי ועד עתה, ולא בא בפי בשר פגול„, און אז דו ווילסט וועל איך דיר זאגען פון דאנעט דער פסוק זאגט ביי יחזקאל וואו ער האט אויסגעשריען וועה איז מיר אה ג-ט, מיין נפש איז נאך ניט פאראומרייניגט געווארען און קיין נבלה און טרפה האב איך נאך פון מיין יוגענד אן ביז יעצט ניט געגעסען, און עס איז נאך אין מיין מויל קיין פלייש וואס איז שלעכט ארויסגעזאגט דערביי — ניט געקומען, טייטשט די גמרא איין „הנה נפשי לא מטומאה שלא הרהרתי ביום לבא לידי טומאה בלילה, ונבלה וטרפה לא אכלתי מנעורי שלא אכלתי בשר כוס כוס מעולם ולא בא בפי בשר פגול שלא אכלתי מבהמה שהורה בה חכם", דאס מיין ליב איז ניט טמא געווארען האט ער געמיינט צו זאגען דאס איך האב ניט געטראכט בייטאג צו קומען צו א טרעפונג ביינאכט, און קיין נבלה און טרפה האב איך קיין מאהל ניט געגעסען האט ער געמיינט איך האב קיין מאהל ניט געגעסען אזא פלייש פון א בהמה וואו מען האט געזאגט שעכט שעכט שנעל איידער זי ווערט א נבלה, און עס איז ניט געקומען אין מיין מויל קיין בשר פגול, אזא פלייש וואס א חכם האט שוין געהאט גע'פסק'עט אויף טרפה נאר עס איז נאכהער אריין א צווייפעל אין דין, ביז מען האט געמוזט אנקומען צו אן אנדערען חכם אויף א היתר, „משום ר' נתן אמרו שלא אכלתי מבהמה שלא הורמו מתנותיה", פון ר' נתן וועגען האט מען געזאגט דעם טייטש פון פיגול דאס יחזקאל האט געמיינט צו זאגען, דאס איך האב ניט געגעסען פון דער בהמה פון וועלכער מען האט ניט אפגעשיידט די מתנות פאר'ן כהן, האטש ער איז געווען א כהן, האט ער דאך געקענט נעמען די מתנות אום אפגעשייד, פונדעסטוועגען האט ער ניט געגעסען, און דער ווארט פיגול מיינט דא לויט דעם, אז דער באלעבאס האט אין זינען געהאט ניט אפצושיידען די מתנות אט צוליב דער מחשבה האט שוין יחזקאל ניט געוואלט עסען די פלייש פון די מתנות, יעצט צום פונקט, „אי אמרת בשלמא שריא היינו רבותיה דיחזקאל, אלא אי אמרית אסירא מאי רבותיה דיחזקאל"? אנדערש אז דו ועסט זאגען אז א מסוכנת איז ערלויבט צו עסען און פונדעסטוועגען האט יחזקאל ניט געגעסען, איז עס א רבותא, א גרויסקייט פון יחזקאל, אבער אז דו וועסט זאגען אז א מסוכנת איז אסור גליך ווי

אמר רב יהודה אמר רב כל שמעמידין אותה ואינה עומדת, רב חנינא בר שלמיא משמי' דרב אמר אפי' אוכלת בקעיות, רמי בר יחזקאל אמר אפי' אוכלת קורות, בסורא מתני הכי, בפומבדיתא מתני הכי, היכי דמיא מסוכנת? אמר רב יהודה אמר רב כל שמעמידין אותה ואינה עומדת, ואפי' אוכלת בקעיות, רמי בר יחזקאל אמר אפילו אוכלת קורות, אשכחינהו שמואל לתלמידי דרב אמ' להו, מאי אמר רב במסוכנת? א"ל הכי אמר רב (דף ל"ח ע"א) גועה והטילה ריעי, וכשכשה באזנה, ה"ז פירכוס, אמר להו אצטריכא ליה לאבא לאזוזי

---

א נבלה אָדער אַ טרפה, וואָס איז די רבותא וואָס ער האָט ניט געגעסען? זעהסטו דאָך גוט דאָס אַ מסוכנת איז מותר, אַיי פון דער סברה וואָס זי געהט שטאַרבען זאָל זי הייסען אַ טרפה דאָס איז קיין סברה ניט, דען ביי אַ געזונדע קען זיך אויך מאַכען דער פאַל זי זאָל אוועקפאַלען פון עפּעס אַ צופאַל, אָבער טרפה איז הלכה למשה מסיני אַלס אסור, פרעגט די גמרא, „היכי דמי מסוכנת? אמר רב יהודה אמר רב כל שמעמידין אותה ואינה עומדת", ווי אַזוי מיינט מען דאָ מסוכנת? האָט רב יהודה געזאָגט אין נאָמען פון רב אַז מען שטעלט איהר אויף און זי קען ניט שטעהן הייסט זי אַ מסוכנת, „רב חנינא בר שלמיא משמיה דרב אמר אפילו אוכליי בקעיות", רב חנינא בר שלמיא זאָגט אין נאָמען פון רב אַפילו ווען זי עסט שפּענדלעך און האָט נאָך אַזא שטאַרקייט צום עסען נאָר זי קען זיך ניט שטעלען הייסט זי אַ מסוכנת, „רמי בר יחזקאל אמר אפילו אוכלת קורות", רמי בר יחזקאל זאָגט אַפילו ווען זי גריזשעט די בעלקעס פון די ווענד הייסט זי אַליץ אַ מסוכנת, זיי ביידע פאַרשטאַרקען רב יהודה'ס רייד דאָס דער הויפּט סימן איז צו זי קען שטעהן, „בסורא מתני הכי, בפומבדיתא מתני הכי, היכי דמי מסוכנת אמר רב יהודה אמר רב כל שמעמידין אותה ואינה עומדת ואפילו אוכלת בקעיות, רמי בר יחזקאל אמר אפילו אוכלת קורות", אין סורא האָט מען אַזוי געלערנט ווי ערשט געזאָגט מיט דער מיטבאַטיילונג אויך פון רב חנינא, און אין פומבדיתא האָט מען אַזוי געלערנט אָהן ר' חנינא, און דאָס איז דער טעקסט ווי מיינט מען דאָ מסוכנת? האָט רב יהודה געזאָגט אין נאָמען פון רב, אַז מען שטעלט איהר און זי שטעהט ניט, און אַפילו ווען זי קען גריזשען שפּענער הייסט זי אַליץ אַ מסוכנת, רמי בר יחזקאל גיט צו אַפילו ווען זי קען גריזשען די ווענד, „אשכחינהו שמואל לתלמידי דרב, אמר להו מאי אמר רב במסוכנת? אמרו ליה הכי אמר רב גועה והטילה ריעי", שמואל האָט אָנגעטראָפען די תלמידים פון רב, האָט ער צו זיי געזאָגט וואָס האָט רב געזאָגט דעם סימן ביי מסוכנת? האָבען זיי צו איהם געזאָגט אַזוי האָט רב געזאָגט אַז זי שרייט און מעקעט ווערענד זי לאָזט די מיסט הייסט זי אַ מסוכנת, „וכשכשה באזנה הרי זה פירכוס", און אַז זי וואַרפט מיט'ן אויער נאָך דער שחיטה, הייסט דאָס שוין אַז זי וואַרפט זיך אַלס אַ סימן אויף דער שחיטה, „אמר להו איצטריכא ליה לאבא לאזוזי אוניי"? האָט ער געזאָגט צו רב'ס תלמידים, (רופענדיג רב'ן מיט'ן נאָמען פאָטער אין געגענוואַרט פון זיינע תלמידים)

אוני, שאני אומר כל שאינו מדברים שהמיתה עושה, מאי נינהו דברים שהמיתה עושה? א"ר ענן לדידי מפרשא לי מיניה דמר שמואל היתה ידה כפופה ופשטתה, דבר שהמיתה עושה, פשוטה וכפפה דברים שאין המיתה עושה, מאי קמ"ל? תנינא בהמה דקה שפשטה ידה ולא החזירה פסולה, שאינה אלא הוצאת נפש, הא החזירה כשרה, אי ממתני' הוה אמינא דוקא דכייפה ופשטה והדר כייפה לה, אבל פשוטה וכפפתה לא, קמ"ל, מיתיבי רבי יוסי אומר היה ר"מ אומר גועה בשעת שחיטה אין זה פירכוס, ר"א ברבי יוסי אומר משמו אפי' הטילה ריעי וכשכשה בזנבה אין זה פירכוס, קשיא גועה אגועה קשיא ריעי אריעי? גועה

---

האט דער פאטער געדארפט אנקומען צו דעם סימן וועגן ווארפען מיט'ן אויער, דאס איז דאך א צו גרויסער פירכוס? „שאני אומר כל שאינו דברים שהמיתה עושה", דען איך זאג אז יעדע וואס איז פרכוס איז גוט, אבי עס איז ניט פון די זאכען וואס איז אן אנצייג, דאס איהר אפשטארבונג מאכט אזוי, „מאי נינהו דברים שהמיתה עושה"? וועלכע זאך איז דאס וואס צייגט אויף איהר מיתה, ניט אויף דער שחיטה? „אמר רב ענן לדידי מפרשא לי מיניה דמר שמואל, היתה ידה כפופה ופשטתה דבר שהמיתה עושה, פשוטה וכפפה, דברים שאין המיתה עושה", האט רב ענן געזאגט צו מיר איז באשייד געווארען פון מר שמואל, אז אויב איהר האנד איז געווען איינגעבויגען, און זי האט איהר אויסגעשטרעקט, איז דאס א זאך וואס די מיתה טוט, ניט די ווירקונג פון דער שחיטה, און אויב אויסגעשטרעקט און זי האט איהר איינגעבויגען, איז דאס פון די זאכען וואס ניט די מיתה באווירקט דאס, נאר די שחיטה, פרעגט די גמרא, „מאי קא משמע לן, תנינא בהמה דקה שפשטה ידה ולא החזירה פסולה, שאינה אלא הוצאת נפש, הא החזירה כשרה"? וואס פאר א נייעס לאזט ער מיך הערען דערמיט, עס איז דאך שוין געלערנט אין דער משנה אז א בהמה דקה (פון די קליינע מינים בהמות) האט אויס־געשטרעקט איהר האנד און ניט צוריקגענומען, איז די שחיטה פסול, ווייל דאס איז נאר אן אנצייג, דאס איהר לעבען איז ארויס, דאס צייגט אז אבער זי האט יא צוריקגענומען איז די שחיטה כשר, ווייל דאס איז א פירכוס פון דער שחיטה, האבען מיר דאך שוין דאס געלערנט? ענטפערט די גמרא, „אי ממתניתן הוה אמינא דוקא דכייפה ופשטה והדר כייפה לה, אבל פשוטה וכפפתה לא? קא משמע לן", אויב נאר פון דער משנה, וואלט איך זאגען דאס זי מיינט אז זי האט איינגעבויגען און אויס געגלייכט און נאכהער נאך אמאהל איינגעבויגען דאמאלסט איז די שחיטה כשר, אבער אז איהר האנד איז געווען אויסגעגלייכט און בלויז איינמאהל צוריק איינגעבויגען, איז די שחיטה ניט כשר? לאזט מיר רב ענן הערען דאס די משנה מיינט נאר איינמאהל און די שחיטה איז כשר, ווייל דאס איז א פירכוס פון דער שחיטה, זאגט די גמרא, „מיתיבי ר' יוסי אומר, היה ר' מאיר אומר גועה בשעת שחיטה אין זה פירכוס, ר' אלעזר ברבי יוסי אומר משמו אפילו הטילה ריעי וכשכשה בזנבה אין זה פירכוס, קשיא גועה אגועה קשיא ריעי אריעי"? איך וועל דיר א קשיא

אגועה לא קשיא, הא דעבי קלה, הא דעמי קלה, ריעי אריעי נמי לא קשיא, כאן בשותתת, כאן במתרזת, אמר רב הסדא פירכוס שאמרו בסוף שחיטה, מאי בסוף שחיטה? באמצע שחיטה, לאפוקי תחילת שחיטה דלא, אמר רב הסדא מנא אמינא לה? דתנן בהמה דקה שפשטה ידה ולא החזירה פסולה, אימת? אילימא בסוף שחיטה, כל היכי תיחי ותיזיל? אלא לאו באמצע שחיטה, א"ל רבא לעולם בסוף שחיטה, שאני אומר כל שאינה עושה כן בסוף שחיטה, בידוע שנשמתה נטולה הימנה קודם לכן, ר"נ בר יצחק אמר פירכוס שאמרו בתחלת

---

פרעגען, ר' יוסי זאָגט דאָס ר' מאיר האָט געזאָגט אויב די בהמה מעקעט אין צייט פון שחיטה הייסט ניט קיין פרכוס, ר' אלעזר ברבי יוסי זאָגט אין פאָטער'ס נאָמען דאָס אפילו ווען זי לאָזט די מיסט און וואַרפט מיט'ן אויער הייסט אויך ניט קיין פירכוס, איז דאָך אַ קשיא פון גועה אויף גועה, און פון ריעי אויף ריעי, די תלמידים פון רב זאָגען דאָך אין זיין נאָמען דאָס די זאַכען הייסען יאָ פרכוס? ענטפערט די גמרא „גועה אַגועה לא קשיא הא דעבי קולה הא דעמי קולה", פון גועה אויף גועה איז ניט שווער ווייל רב זאָגט עס הייסט פירכוס שמועסט וואו דער קול איז גראָב און שטאַרק איז עס אַ סימן אויף געזונדהייט, איז עס אַ פירכוס פון שחיטה און ר' יוסי שמועסט וואו דער קול איז שוואַך און שטימפיג איז עס ניט קיין סימן, „ריעי אַריעי נמי לא קשיא כאן בשותתת כאן במתרזת", און ריעי אויף ריעי איז אויך ניט קיין קשיא, דאָ וואו עס איז געזאָגט אַלס ניט קיין פירכוס שמועסט וואו זי לאָזט אַרויס די ריעי פון גאָר נאָהענט, ניט זי שטופּט עס אַרויס מיט קראַפט, און רב וואָס זאָגט עס הייסט יאָ פירכוס שמועסט וואו זי פּרעסט אַרויס די ריעי מיט קראַפט ביז עס פאַלט אַביסעל ווייטער אַוועק, „אמר רב חסדא פירכוס שאמרו בסוף שחיטה, מאי בסוף שחיטה? באמצע שחיטה לאפוקי תחילת שחיטה דלא", רב חסדא האָט געזאָגט אַז פירכוס וואָס די חכמים האָבען געזאָגט ביי אַ מסוכנת, האָבען זיי געמיינט ביים סוף שחיטה און וואָס מיינט סוף שחיטה? עס מיינט אין דער מיט'ן שחיטה, איי וואָס איז געזאָגט סוף שחיטה? איז עס נאָר געמיינט צו אַרויסנעמען אָנפאַנג שחיטה אַז דאַמאָלסט איז עס ניט קיין פירכוס, „אמר רב חסדא מנא אמינא לה דתנן בהמה דקה שפשטה ידה ולא החזירה פסולה", האָט רב חסדא געזאָגט פון וואַנען קען איך דאָס זאָגען אַז עס מיינט אין דער מיט'ן שחיטה? דען מיר האָבען געלערנט אין אונזער משנה אַז אַ בהמה דקה האָט אויסגעשטרעקט איהר האַנד און ניט צוריקגענומען איז די שחיטה פסול, „אימת? אילימא בסוף שחיטה, כל היכי תיחי תיזל? אלא לאו באמצע שחיטה", ווען מיינט דאָס די משנה אַז זי האָט אויסגעשטרעקט? זאָל איך זאָגען ביי ענד שחיטה, איז דאָך די קשיא אַזוי לאַנג ווילסטו זי זאָל לעבען און נאָך קענען צוריק איינבויגען דעם פוס? נאָר מוז זיין אַז זי מיינט אין מיטען דער שחיטה, „אמר ליה רבא לעולם בסוף שחיטה, שאני אומר כל שאינה עושה כן בסוף שחיטה, בידוע שנשמתה נטולה הימנה קודם לכן", האָט רבא צו איהם געזאָגט, לעולם מיינט עס ביי ענד שחיטה,

שחיטה, אמר ר"נ בר יצחק מנא אמינא להּ? דתנן אמר ר"ש השוחט בלילה ולמחר מצא כתלים מלאים דם, כשרה, שזינקה וכמידת ר"א, ואמר שמואל כותלי בית שחיטה שנינו, אי אמרת בשלמא בתחלת שחיטה שפיר, אלא אי אמרת בסוף שחיטה, ליחוש דלמא בתחילת שחיטה זינקה, ודילמא שאני זינוק דעדיף, ומי עדיף? והתנן ר"א אומר דייה אם זינקה? קל מדר"ג, ועדיף מדרבנן, אמר רבינא אמר לי סמא

---

דען איך זאָג די בהמה וואָס טוט ניט אזוי ביי ענד שחיטה איז באוואוסט דאָס דער לעבען איז נאָך ארוים פון איהר פאַר דעם, „רב נחמן בר יצחק אמר פירכוס שאמרו בתחילת שחיטה", רב נחמן בר יצחק זאָגט אז דעם פירכום מיינען די חכמים אָנפאַנג שחיטה, „אמר רב נחמן בר יצחק מנא אמינא להּ? דתנן אמר ר' שמעון השוחט בלילה ולמחר מצא כתלים מלאים דם כשרה, שזינקה וכמדת ר' אלעזר, ואמר שמואל כותלי בית שחיטה שנינו", האָט רב נחמן געזאָגט פון וואַנען קען איך דאָס דרינגען אויף אָנפאַנג שחיטה? דען מיר האָבען געלערנט אין אונזער משנה דאָס ר'שמעון זאָגט אז איינער שעכט ביינאַכט און צומאָרגענס קומט ער אַ קוק טוען און ער טרעפט די ווענד פול מיט בלוט, איז די שחיטה כשר ווייל זי האָט געבאָרכעלט, און דער דין קומט אויס ווי ר' אלעזר, און שמואל האָט אויף דעם געזאָגט אז מיר האָבען געלערנט די משנה אז זי מיינט די ווענד פון שחיטה פלאַץ, וואו די בלוט האָט אריבערגעשפריצט אויף די זייטען פון דער שחיטה, „אי אמרת בשלמא בתחילת שחיטה שפיר, אלא אי אמרת בסוף שחיטה, ליחוש דלמא בתחילת שחיטה זינקה", אנדערש אז דו וועסט זאָגען עס מיינט אָנפאַנג שחיטה איז רעכט, אָבער אז דו וועסט זאָגען, עס מיינט צו ענד שחיטה, אָבער אָנפאַנג הייסט ניט קיין פירכום איז דאָך די קשיא אויב עס מיינט די זייטען פון שחיטה ווי שמואל זאָגט איז דאָך צו באַזאָרגען טאָמער האָט זי געבאָרכעלט צו דער אָנפאַנג שחיטה איז זי דאָך פסול? נאָר מוז זיין אז פירכום מיינען די חכמים אויף אָנפאַנג שחיטה, דער געדראַנג מוז דאָ איינגעלערנט ווערען לויט די סברה פון שמואל, דען ווען איך זאָל איינלערנען אויף די ווענד פונ'ם שלאַכטהויז, וואָלט דאָך קענטיג זיין ווען זי האָט געבאָרכעלט, דען פון אָנפאַנג שחיטה וואָלטען די בלוט שפּריצען געהן פיל ווייטער, העכער אביסעל אויף די ווענד, פרעגט די גמרא „ודלמא שאני זינוק דעדיף"? פיליכט איז זינוק אנדערש פון אנדערע פירכום, ווייל זינוק איז אַ שטאַרקער סימן איז ער אָנפאַנג אויך גילטיג אָבער אנדערע פירכום קען זיין מוז זיין צו ענד אָדער אין מיטען דער שחיטה? פרעגט די גמרא צוריק „ומי עדיף? והתנן ר' אלעזר אומר דייה אם זינקה"? איז דען זינוק אַ בעסערער סימן, עס איז דאָך געלערנט אין דער משנה דאָס ר' אלעזר זאָגט עס איז גענוג אז זי כאָרכעלט? זעהסט דאָך גוט אז זינוק איז גאָר גרינג דען ער זאָגט דאָך עס איז גענוג? ענטפערט די גמרא, „קל מדרבן גמליאל ועדיף מדרבנן", זינוק איז גרינגער פון דעם וואָס רבן גמליאל זאָגט אז דער פירכום דאַרף זיין מיט אַ האַנד און מיט אַ פוס, זינוק איז אָבער אַ בעסערער סימן פון דעם וואָס די רבנן זאָגען זיי זאָגען

בר חילקאי אקשי בה אבוה דבר אבוברם, ואמרי לה אחוה דבר אבוברם, ומדרבנן מי עדיף? והא תנן וחכ״א עד שתפרכס או ביד או ברגל, רבנן אהייא קיימי? אילימא אדר״ג, כיון שפירכסה מיבעי ליה? אלא פשיטא אדר״א, ואי עדיף מאי עד? רבא אמר פירכוס שאמרו בסוף שחיטה, אמר רבא מנא אמינא לה? דתניא שור (דף ל״ח ע״א) (ויקרא כ״ב) או כשב פרט לכלאים, או עז פרט לנדמה, כי יולד פרט ליוצא

---

אָדער א האנד אָדער א פוס אָדער ווארפען מיט׳ן עק, אמר רבינא אמר לי סמא בר חלקאי אקשי בה אבוה דבר אבוברם ואמרי לה אחוה דבר אבוברם ומדרבנן מי עדיף"? רבינא האָט געזאָגט סמא בר חלקאי האָט מיר געזאָגט, עס האָבען געפרעגט אין דער זאך דער פאָטער פון בן אבוברם, (זיי האָבען נאָר געקענט דעם זוהן פון אבוברם און איהם אליין ניט, דעריבער האָבען זיי אזוי גערופען אויפ׳ן זוהנ׳ס נאָמען) און טייל זאָגען דער ברודער פון בר אבוברם, און פון די רבנן איז דען יאָ בעסער דער סימן זינוק? „והא תנן וחכמים אומרים עד שתפרכס ביד או ברגל, רבנן אהייא קיימו? אילימא אדרבן גמליאל, כיון שפירכסה מיבעי ליה"? מיר האָבען דאָך געלערנט דאָס די חכמים זאָגען ביז זי ווארפט זיך מיט א האנד אָדער מיט א פוס, היינט אויף וועמען באציהען זיך די חכמים? זאָל איך זאָגען אויף רבן גמליאל, איז דאָך די קשיא אויב זי האָט געוואָרפען מיט א האנד און מיט א פוס ווי רבן גמליאל זאָגט, דארפען זיי עפּעס זאָגען אויף מעהר, זיי זאָגען דאָך אויף וועניגער, „אלא פשיטא אדרי אלעזר ואי עדיף מאי עד"? נאָר מוז דאָך זיין אז זיי באציהען זיך אויף ר׳ אלעזר וואָס זאָגט זינוק, און אויב איך זאָל זאָגען דאָס זינוק איז א בעסערער סימן, איז דאָך די קשיא וואָס זאָגען זיי דעם וואָרט „עד" אז עס הייסט ניט קיין פרכוס ביז זי ווארפט מיט א האנד אָדער א פוס אָבער זינוק ניט? נאָר מוז זיין אז זינוק איז גרינגער און פונדעסטוועגען איז זי נענוג אין אָנפאָנג שחיטה, „רבא אמר פירכוס שאמרו בסוף שחיטה, אמר רבא מנא אמינא לה? דתניא שור או כשב פרט לכלאים או עז פרט לנדמה כי יולד פרט ליוצא דופן", רבא זאָגט דאָס פירכוס מיינען די חכמים ביי דער ענד שחיטה, האָט רבא געזאָגט פון וואנען קען איך עס זאָגען? דען מיר האָבען געלערנט דער פסוק זאָגט שור או כשב או עז כי יולד והיה שבעת ימים תחת אמו, אז א שור אָדער א שעפּס אָדער א ציג עס וועט געבוירען ווערען זאָל ער זיין זיבען טעג ביי דער מוטער און ערשט דעם אכטען טאָג איז ער באוויליגט פאָר א קרבן, פון ערשטען „או" דרש׳נען די חכמים צו ממעט זיין פון אלס קרבן א געמישטע זאך פון צוויי מינים און פון אנדערן „או" איז ער ממעט אזא וואָס איז געראָטען גלייך צום קאלב אָדער שעפּס, די דרשה איז באגרינדעט, דען אין שבועות דף כ״ז איז באשייד, דאָס אימער באנוצט זיך דער פסוק ביי עטליכע געגענשטאנדען צו טיילען זיי מיט א וו״אָו ניט מיט׳ן וואָרט או, אויסער אין א פּלאץ וואו די וי״ו קען ברייננען צו אַן אירטום צו מיינען אלס צו־זאמען, אזוי האָט דאָ געדארפט שטעהן שור וכשב ועז? ניט מעהר, דאָ קען די זאך קומען צו אַן אירטום, דאָס כשב ועז זאָל מיינען אום צו ממעט זיין

און ארויסנעמען די כלאים, און אזוי אויך פון די ערשטע ווערטער שור או כשב איז דא א מיעוט, ווייל ווען עס וואלט שטעהן שור וכשב, וואלטען מיר געטייטשט אזא וואס איז געראטען גלייך צום קאלב אדער שעפס, דעריבער זאגט דער פסוק או כשב פרט לנדמה, איי וואס די ברייתא זאגט דעם טעקסט פארקערט, אז שור או כשב איז ממעט כלאים און דער אנדערער או איז ממעט נדמה? דאס איז געמיינט, ווייל דאס אויב ער וועט ממעט זיין נדמה אין ערשטען גאנג, וואלט דאך שוין ניט געדארפט זיין צו ממעט זיין כלאים, דען מיידאך א געראטענע איז פסול, איז דאך א קענטיגע כלאים געוויס פסול? דעריבער זאגט די ברייתא אז פון איין או איז מען ממעט כלאים, און אזוי ווי כלאים מוז דאך ווערען ארויסגענומען פון צווייטען או, ווייסען מיר שוין גוט אז דער ערשטער או איז ממעט נדמה, אזוי געפינט מען א סאך אין חז״ל, אין בבא קמא דף עז ביי טבח און מכר וואו ער גנב׳ט און שעכט אדער ער פארקויפט עס, וואו ער דארף באצהלען פיר אדער פינף צו איינס, זאגט דארט דער פסוק או שה זאגען די חז״ל אז עס קומט מרבה זיין כלאים, דאס אפילו פאר א געמישטע זאך דארף ער אויך באצאהלען פיר אדער פינף, פרעגט דארט די גמרא, פון דער ברייתא דא, מיר האבער דאך געלערנט דאס או כשב איז גאר ממעט כלאים? האט רבא גענטפערט עס איז אן אונטערשייד אין די פסוקים, דארט זעהט זיך פון ענין אין פסוק אז עס איז ממעט, און דא זעהט זיך אז עס איז מרבה, דען ביי גניבה שטעהט דאך שור או כשב, און עס איז דאך ניט מעגליך, דאס פון א שור און א שה זאל קענען ארויסקומען א כלאים, דען די צוויי מינים פארען זיך ניט, איז ניט אנדערש נאר דער או איז מרבה כלאים, דאס אפילו א געמישטע זאך אז ער גנב׳עט איז ער אויך חייב, אבער ביי קדשים שטעהט כשב או עז און די מינים פארען זיך דאך, איז דער או ריכטיג מרמז און ציינט אן, דאס ער טאר ניט זיין נאר א כשב אדער אן עז, ניטביידע אין איינעם, און ווען עס וואלט שטעהן מיט א וי״ו כשב ועז, וואלט עס מרמז זיין, דאס די ביידע מינים אינאיינעם איז יא כשר, אויף דעם פרעגט דארט ווייטער די גמרא ביי קדשים שטעהט דאך אויך שור או כשב? וועלכע פארען זיך ניט, ווארום ביזטו פון דעם או אויך ממעט? ענטפערט די גמרא אזוי ווי דער צווייטער או איז ממעט, איז שוין דער ערשטער אויך ממעט, פרעגט דארט ווידער די גמרא עס איז דאך פארקערט די סברה אזוי ווי אנפאנג פסוק וואס מיינט דער ערשטער או איז דאך גיכער אויף מרבה צו זיין, אזוי זאל דער צווייטער או אויך מרבה זיין? ענטפערט די גמרא אזוי וואס פאר א פערגלייך איז דאס? אנדערש אז איך נוץ דעם פסוק פאר ממעט צו זיין, איז רעכט וואס איך דארף צוויי מעוטים, דען האטש איך בין ממעט פון איינעם כלאים דארף איך נאך אלץ ממעט צו זיין נדמה, אבער אז דו ועסט זאגען אויף מרבה צו זיין, וואס דארף איך האבען צוויי ריבויים עס איז דאך גענוג איין ריבוי, דען מיידאך כלאים וואס איז קענטיג איז ער מרבה, איז דאך נדמה געוויס גלייך צו די מינים צו כשר זיין פאר א קרבן? נאר מוז זיין דאס זיי זענען ממעט, און אלס מיעוט פאלט אימער די ערשטע סברה אויף כלאים, ווייס איך דאך נאך אלץ ניט צו א נדמה

איז ניט כשר, מוז איך אויך האָבן דעם צווייטען או אויף ממעט צו זיין, די לאָגיק דערפון איז אזוי, דער וואָרט או קומט מעהרסטענטייל צו אָפּזונדערן איינס פון אנדערן ווי א שטייגער מן התורים או מן בני היונה דאָס אָדער תורים אָדער בני יונה ניט געמישט א תור מיט א בן יונה, און אין א פּלאַץ וואו מען קען ניט קומען צו אַן אירטום צו מיינען צוזאמען, ווי א שטייגער מכל כלי עץ או בגד או עור או שק, דאָס פון יעדער האָלצענער כלי אָדער קלייד אָדער א זאַק זענען מקבל טומאה, וואָלט דאָך קענען שטעהן ווי"ן אנשטאַט אווי"ן? דאָרט איז אַן אַנדערער כלל דערביי, דאָרט קומט דער וואָרט „או" אויף סאָרטירען די מינים אָדער דער מין, און ביי אזא פּאַל איז יעדער נאָהענטער מין צוגערעכענט צו זיין מין, דען ער קען דאָך ניט אויסרעכענען אַלע סאָרטען און מינים פון דער וועלט, דעריבער כאַפּט דער פּסוק אַן די הויפּט מינים, עס זאָל שוין ארומנעמען זייערע נאָהענטע, אָט דעריבער מיט דעם וואָס דער פּסוק זאָגט כשב או עז, וואו מען קען אוסמאָהלען א געמישטע זאַך פוןביידע וואָס איז כלאים קומט דער וואָרט או צו ארויסציהען פון דעם, דאָס נאָר אָדער כשב אָדער עז ניט קיין כלאים פון ביידע, אָבער מיט דעם פּסוק כי יגנוב שור או שה, אז איינער וועט גנב'נען אַן אָקס אָדער א לאַם, דאָרט קען ניט זיך פאַרשטעלען אַלס געמישט ווייל א שור מיט א שה פּאָרען זיך דאָך ניט? דאָרט קומט דער וואָרט או אויף אַפּזאָדערען די מינים אין אַלגעמיין, מיינענדיג דאָס יעדער סאָרט גלייך צו זיי האָט דעם זעלבען דין ווי זיי, און ער נעמט ארום אויך כלאים, פּונקט ווי דער פּסוק איז מרבה פון או בגד או עור, יעדע זאַך וואָס איז גלייך צו א מין בגד אָדער א מין עור, אָבער ביי קדשים איז דאָך דער צווייטער „או" באַווייזליך צו ממעט זיין כלאים ווי שוין אויבען געזאָגט, און פון כי יולד איז מען ממעט א קינד וואָס ווערט ארויסגענומען פון בויך דורך דער זייט, ווייל יולד מיינט געבוירען אין געוויינליכען וועג, חאָטש אין ברייטערען זין הייסט דאָס אויך געבוירען, איז אָבער דער גאַנצער וואָרט יולד דאָ איבריג, דען עס איז דאָך באַוואוסט אז ער רעדט דאָ פון ערשט געבוירען, נאָר עס איז געמיינט אויף פּינקטליכקייט, געבוירען אויפ'ן געוועהנליכען וועג ,און וואָס דער פּסוק זאָגט תחת אמו אונטער דער מוטער, איז עס ממעט א יתום, דאָס אָהן דער מוטער איז די קינד פּסול, די זאַך האָט באַשייד ר' יוסי הגלילי אין ספרא, ווייל ביי בכור זאָגט דער פּסוק שבעת ימים יהי' עם אמו דאָס זיבען טעג זאָל ער זיין מיט זיין מוטער, קען איך דאָך שוין ניט טייטשען דעם תחת אמו פּינקטליך אונטער דער מוטער, אַזוי מוז איך טייטשען דעם וואָרט תחת אין פּלאַץ פון זיין מוטער, ווי א שטייגער תחת אבותיך יהיו בניך דאָס אַנשטאַט עלטערן זאָלען אין פּלאַץ זיין דיינע קינדער, אויפצוהאַלטען דעם שטאַם, און אום צו אויסגלייכען ביידע פּסוקים, עם אמו און תחת אמו, מוז זיין דאָס די מוטער זאָל אַביסעל לעבען געבוירענדיג דאָס קינד, עס זאָל אַביסעל זיין מיט דער מוטער און פאַרטרעטען איהר פּלאַץ, ווי איהר זעהט דרש'ענט ר' יוסי הגלילי היופּטזעכליך פון עם אמו, און דער תנא דאָ פון תחת אמו, אז דאָס קינד זאָל הויערן

דופן, שבעת ימים פרט למחוסר זמן, תחת אמו פרט ליתום, האי יתום ה"ד? אילימא דילידתיה אמיה, והדר מתה, לעולם תיהי ותיזיל? אלא דמתה והדר ילידתיה מכי יולד נפקא? אלא פשיטא זה פירש למיתה וזה פירש לחיים, אי אמרת בשלמא בעינן חיותא בסוף לידה, היינו דאיצטריך קרא למעוטי, אלא אי אמרת לא בעינן חיותא בסוף לידה, למה ליה מכי יולד נפקא, אמר רבא והלכתא כי הא מתניתא, בהמה דקה שפשטה ידה ולא החזירה פסולה, במה דברים אמורים ביד, אבל ברגל בין פשטה ולא כפפה, בין כפפה ולא פשטה כשרה, בד"א בדקה,

---

אונטער דער מוטער אין צייט פון געבוירען, אויסגענומען איז, אז אין דער זעלבע צייט שטארבט די מוטער און דאס קינד קומט ארויס צום לעבען, וואו זייער לעבען קומען זיך געגצליך ניט צוזאמען, דער שיעור איז קלענער פן ר' יוסי הגלילי, עס זענען פאראן נאך תנאים נאר דא איז ניט דער פלאץ, צוריק צום ענין, „האי יתום היכי דמי? אילימא דילדתיה אמיה והדר מתה", דעם יתום וואס ער איז דא ממעט, וואס פאר א יתום איז דא געמיינט? זאל איך זאגען א די מוטער האט איהם געהאט און דערנאך געשטארבען איז דאך די קשיא „לעולם תיהי ותיזול"? ווילסטו זאגען אז דער פסוק מיינט, די מוטער זאל כסדר לעבען, אז ניט איז דאס קינד פסול פאר א קרבן? „אלא דמתה והדר ילדתיה, מכי יולד נפקא"? ווערסטו דאך וועלען זאגען דאס די מוטער איז פריהער געשטארבען און נאכהער האט מען דאס קינד ארויסגענומען דורכ'ן בויך, איז דאך די קשיא דאס קענסטו דאך ארויסנעמען פון כי יולד דאס נאר געבוירען אין נאטירליכען וועג איז כשר, היינט וואס דארף איך האבען דעם תחת אמו? „אלא פשיטא זה פירש למיתה וזה פירש לחיים", נאר געווים אז עס מיינט, ווערענדיג געבוירען שטארבט די מוטער און דאס קינד שיידט זיך צום לעבען, „אי אמרת בשלמא בעינן חיותא בסוף לידה, היינו דאיצטריך קרא למעוטי, אלא אי אמרת לא בעינן חיותא בסוף לידה, למה ליה"? אנדערש אז דו ווערסט זאגען אז געבוירען ביים מוטערס לעבען, מיינט נאר אויב זי לעבט ביים ענד געבורט, איז רעכט וואס עס איז געדארפט א בעזונדערער פסוק צו ממעט זיין אויב זי שטארבט אין מיטען דער געבורט, ווייל פון כי יולד קען איך דאס ניט ממעט זיין, דען עס איז דאך א נאטירליכער געבורט, אבער אז דו ווערסט זאגען אז אין מיטען געבורט הייסט אויך שוין ביי דער מוטער'ס לעבען, איז דאך די קשיא צי וואס איז געדארפט דער תחת אמו? „מכי יולד נפקא"? עס קען דאך ווערען ארויסגעלערנט פון יולד, עס איז דאך גלייך ווי מען זאל דאס קינד ארויסנעמען דורך דער זייט, עס איז דאך ניט קיין נאטירליכער געבורט? נאר מוז זיין אז עס רעכענט זיך נאר די ענד געבורט, אזוי אויך דא ביי פירכום איז געמיינט נאר צו דער ענד, „אמר רבא הלכתא כי הא מתניתא בהמה דקה שפשטה ידה ולא החזירה פסולה, במה דברים אמורים ביד אבל ברגל בין פשטה ולא כפפה, בין כפפה ולא פשטה כשרה", רבא האט געזאגט די הלכה איז ווי די ברייתא דאס די קליינע בהמות אז זי

אבל בגסה בין ביד בין רגל, בין פשטה ולא כפפה, בין כפפה ולא פשטה, כשרה, ועוף אפי' לא רפרף אלא גפו ולא כשכש אלא זנבו, ה"ז פירכוס, מאי קמ"ל? כולהו תנינא, בהמה דקה שפשטה ידה ולא החזירה פסולה, שאינה אלא הוצאת נפש, יד אין, רגל לא, דקה אין, גסה לא, עוף איצטריכא ליה דלא תנן: מתני' השוחט לכותי שחיטתו כשרה ור"א פוסל, אמר ר"א אפילו שחטה לאכול לכותי מחצר כבד שלה, פסולה, שסתם מחשבת כותי לעכו"ם, א"ר יוסי ק"ו הדברים, ומה במקום שהמחשבה פוסלת במוקדשין, אין הכל הולך אלא אחר

---

שטרעקט אויס איהר האנד ווערענד דער שחיטה און נעמט איהר ניט צוריק איז די שחיטה פסול, ווען זענען די רייד געזאגט? נאר מיט דער האנד, אבער מיט'ן פוס, איז סיי זי שטרעקט אויס און בויגט איהר ניט צוריק איין, און סיי זי האט איינגעבויגען און ניט צוריק אויסגעשטרעקט איז אלץ די שחיטה כשר, „במה דברים אמורים? בדקה אבל בגסה בין ביד בין ברגל, בין פשטה ולא כפפה, בין כפפה ולא פשטה כשרה", אויך ווען זענען די רייד געזאגט? ביי די קליינע בהמות, ווייל זייער שטייגער איז אזוי, אבער די גרויסע ,איז סיי מיט'ן פארענט פוס און סיי מיט'ן הינטער פוס, סיי אויס־געשטרעקט ניט איינבויגענדיק איהם צוריק, סיי איינגעבויגען און ניט אויסשטרעקענדיג איהם צוריק, איז אלץ די שחיטה כשר, „ועוף אפילו לא רפרף אלא גפו ולא כשכש אלא זנבו, הרי זה פרכוס", און א געפליגעל וואס איז א מסוכנת, אפילו ווען זי ווארפט ניט, נאר אביסעל מיט'ן פליגעל און זי קלאפט ניט נאר אביסעל מיט'ן וויינדעל, הייסט עס אויך א פירכוס, פרעגט דיגמרא „מאי קא משמע לן כלהו תנינא, בהמה דקה שפשטה ידה ולא החזירה פסולה שאינה אלא הוצאת נפש", וואס לאזט ער אונז דא הערען, עס איז דאך געלערנט שוין אין אונזער משנה וועלכע איז א סתם משנה וואס מיינט שוין אויך אז די הלכה איז ווי זי? אז א בהמה דקה אויב זי האט אויסגעשטרעקט איהר האנד און ניט צוריקגענומען איז די שחיטה פסול, ווייל דאס איז ניט אנדערש נאר א צייכען פון איהר אויסגעהן? „יד אין, רגל לא, דקה אין, גסה לא"? און די משנה זאגט דאך דאס מיט דער האנד יא, און פוס ניט, און קליינע בהמות יא און גרויסע ניט? ענטפערט די גמרא „עוף איצטריכא ליה דלא תנן", ער האט געדארפט לאזען הערען וועגען עוף וואס איז ניט געלערנט אין דער משנה, און אין איינוועגס האט ער שוין וועגען פירכוס געזאגט וועגען אלע אלס פסק הלכה: „מתני', השוחט לעובד כוכבים שחיטתו כשרה ורי אלעזר פוסל", אז איינער שעכט פאר א גוי, איז זיין שחיטה כשר, ר' אלעזר פסל'ט, „אמר רי אלעזר אפילו שחטה לאכול לעובד כוכבים מחצר כבד שלה פסולה, שסתם מחשבת עובד כוכבים לעבודת כוכבים", האט ר' אלעזר געזאגט אפילו ווען ער שעכט איהר, דער גוי זאל בלויז עסען די הויט־הילע פון דער לעבער איז אויך די שחיטה פסול, ווייל די בהמה איז דאך דעם גוי'ס און זיין סתם מחשבה איז געווענדעט צו דער עבודה זרה, „אמר רי יוסי קל וחומר הדברים ומה שהמחשבה פוסלת במוקדשין אין הכל

העובד, מקום שאין מחשבה פוסלת בחולין, אינו דין שלא יהא הכל הולך אלא אחר השוחט: גמ׳ הני תנאי אית להו דר׳ אליעזר ברבי יוסי, דתניא א״ר אליעזר ברבי יוסי שמעתי שהבעלים מפגלין, מיהו ת״ק סבר אי שמעיניה דהשיב אין, אי לא לא, סתם מחשבת כותי לעכו״ם לא אמרינן, ור״א סבר אע״ג דלא שמעיניה דהשיב, סתם מחשבת כותי לעכו״ם אמרינן, ואתא ר׳ יוסי למימר אע״ג דשמעיניה

---

הולך אלא אחר העובד,מקום שאין מחשבה פוסלת בחולין אנו דין שלא יהא הכל הולך אלא אחר השוחט״, האט ר׳ יוסי געזאגט עס איז דאך א קל וחומר די זאך דער גוי זאל ניט קענען פסל׳ען מיט זיין געדאנק, דען מיידאך אין פלאץ וואו די מחשבה פסל׳ט יא דהיינו ביי קדשים, פונדעסטוועגען גערט ניט אלעס נאכ׳ן באלעבאס פונ׳ם קרבן נאר נאכ׳ן טוער פונ.ם קרבן, היינט אין א פלאץ וואו די מחשבה פסל׳ן ניט, דהיינו ביי חולין איז דען ניט קיין געווים עס זאל ניט געווענדעט זיין אן דעם באלעבאס דעם גוי, נאר אן דעם שוחט: „גמ׳״, זאגט די גמרא, „הני תנאי אית להו דרי אליעזר ברבי יוסי״, די תנאים דאס הייסט דער ערשטער תנא און ר׳ אלעזר האלטען ווי די סברה פון ר ׳אליעזר ברבי יוסי, „דתניא אמר רי אליעזר ברבי יוסי שמעתי שהבעלים מפגלים, מיהו תנא קמא סבר אי שמעינה דחשיב אין, אי לא לא״, דען מיר האבען געלערנט אין א ברייתא דאס ר׳ אליעזר ברבי יוסי האט געזאגט איך האב געהערט פון מיינע רבי׳ס דאס די באלעבאטים פון א קרבן קענען מפגל זיין איהם, דאס הייסט אויב ווערענד דער שוחט שעכט אדער דער כהן שפרענגט די בלוט, אדער דער באלעבאס טראכט, דאס די עבודות זאלען זיין פאר׳ן צוועק איך זאל עסען די פלייש איבער זיין צייט אדער ניט אין זיין געהעריגען פלאץ איז דער קרבן פסול, ווייל עס שטעהט והקריב המקריב דאס דער געגעהנער זאל געגעהנען, איז דאך דער באלעבאס פון קרבן אויך פאררעכענט אלס א מקריב, און ביי פיגול שטעהט דאך המקריב לא יחשב דאס דער געגעהנער זאל ביי איהם ניט געטראכט ווערען וועגען פיגול, עס זאל ווערען גענעסען ניט אין זיין צייט אדער זיין פלאץ, אניט הייסט עס פיגול, ניט מעהר דער ערשטער תנא וואס איז יא מכשיר די שחיטה ער האלט דאס אויב מיר וואלטען הערען פון גוי דאס ער טראכט איבער דעם יוד׳ס שחיטה, זאגענדיג די שחיטה זאל זיין פאר דער עבודה זרה, וואלט טאקע די שחיטה יא געווען אסור, ווייל דעם באלעבאס מחשבה ווירקט אויך אויף יענעמ׳ס עבודה אזוי ווי ר׳ אלעזר ברבי יוסי זאגט, און אויב מיר הערען ניט, איז ניט, „סתם מחשבת עובד כוכבים לעבודת כוכבים לא אמרינן״, ווייל מיר זאגען ניט דאס סתם מחשבה פון א גוי איז צו דער עבודה זרה, נאר סיידען מיר הערען דאס פון איהם, „ורי אליעזר סבר אף על גב דלא שמעיניה דחשיב, סתם מחשבת עובד כוכבים לעבודת כוכבים אמרינן״, און ר׳ אליעזר האלט, דאס חאטש מיר הערען ניט פונ׳ם גוי, ער זאל טראכטען איבער יענעם׳ס עבודה, איז אויך די שחיטה פסול, ווייל מיר זאגען דאס סתם מחשבה פון גוי איז צו דער עבודה זרה, „ואתא רבי יוסי

דחשיב, זה מחשב וזה עובד לא אמרינן, איכא דאמרי בדשמעיניה דחשיב פליגי, ת״ק סבר כי אמרינן זה מחשב וזה עובד ה״מ בפנים, אבל בחוץ לא, חוץ מפנים (דף ל״ט ע״א) לא ילפינן, ואתא ר׳ אליעזר למימר ילפינן חוץ מפנים, ואתא ר׳ יוסי למימר אפילו בפנים נמי, זה מחשב וזה עובד לא אמרינן, איתמר השוחט את הבהמה לזרוק דמה לעכו״ם, ולהקטיר חלבה לעכו״ם, רבי יוחנן אמר פסולה, ר״ש בן לקיש אמר מותרת, רבי יוחנן אמר פסולה מחשבין מעבודה לעבודה,

---

למימר אף על גב דשמעיניה דחשיב, זה מחשב וזה עובד לא אמרינן״, אויף דעם קומט ר׳ יוסי און זאָגט דאָס חאָטש מיר הערען, דער גוי טראַכט איבער יענעמ׳ס עבודה, איז דאָך די שחיטה כשר, איי וואָס שטעהט והקריב המקריב? איז עס ניט געמיינט דער באַלעבאָס זאָל האָבען דעם דין פון א מקריב אַלס טוער פון קרבן, ווייל מיר זאָגען ניט איינער זאָל קענען טראַכטען און מפגל זיין די עבודה וואָס יענער טוט, דאָס הייסט דער זאָל טוען און דער זאָל טראַכטען צו מפגל זיין, דאָס זאָגען מיר ניט, „איכא דאמרי בדשמעיניה דחשיב פליגי, תנא קמא סבר כי אמרינן זה מחשב וזה עובד? הני מילי בפנים״, טייל זאָגען אַזוי צו איינלערנען זייער מחלוקת, דאָס זיי קריגען אפילו וואו מען הערט ווי דער גוי טראַכט איבער יענעמ׳ס עבודה, דער ערשטער תנא האַלט, דאָס ווען זאָגען מיר איינער קען טראַכטען און א צווייטער זאָל טוען? די רייד זענען נאָר געזאָגט ביי א קרבן אינעווענינ, „אבל בחוץ לא, חוץ מפנים לא ילפינן״, אָבער אויסער׳ן בית המקדש דהיינו וואו מען שעכט חולין, קען איינער ניט טראַכטען און מפגל זיין אויף יענעמ׳ס טוען, און א אויסער׳ן זאַך קען איך ניט אַרויסלערנען פון אן אינעווענינסטע עבודה אין בית המקדש, „ואתא ר׳ אליעזר למימר ילפינן חוץ מפנים״, און אויף דעם קומט ר׳ אליעזר און זאָגט דאָס מיר לערנען יאָ אַרויס חוץ פון פנים דעריבער איז די שחיטה פסול, „ואתא ר׳ יוסי למימר אפילו בפנים נמי זה המחשב וזה עובד לא אמרינן״, און אויף דעם קומט ר׳ יוסי און זאָגט דאָס אפילו אינעווענינ ביי עבודה זאָגען מיר אויך ניט, דאָס איינער זאָל קענען טראַכטען און מפגל זיין און דער אַנדערער זאָל זיין דער טוער פון דער עבודה, „אתמר השוחט את הבהמה לזרוק דמה לעבודת כוכבים, ר׳ יוחנן אומר פסולה ר׳ שמעון בן לקיש אומר מותרת״, מיר האָבען געלערנט אז איינער שעכט א בהמה צום עסען, ניט מעהר ער האָט געטראַכט אויף די בלוט און די חלב, אום צו שפּריגען איהר בלוט צו דער עבודה זרה, און צו דעמפען איהר חלב צו דער עבודה זרה, זאָגט ר׳ יוחנן די שחיטה איז פסול און ר׳ שמעון בןלקיש זאָגט זי איז מותר, „ר׳ יוחנן אומר פסולה מחשבין מעבודה לעבודה וילפינן חוץ מפנים״, ר׳ יוחנן זאָגט זי איז פסול, ווייל ער האַלט מען קען מפגל זיין פון איין עבודה אויף א צווייטער עבודה, דאָס מיינט אז ווערענד ער טוט די עבודה פון שעכטען קען ער מפגל זיין מיט זיין מחשבה אויף דער עבודה ביים בלוט מיט׳ן חלב צו שפּרענגען און דעמפען, ניט אין זיין צייט אָדער געהעריגען פּלאַץ, און מיר לערנען

וילפינן חוץ מפנים, ר״ל אמר מותרת, אין מחשבין מעבודה לעבודה, ולא גמרינן חוץ מפנים ואזדו לטעמייהו דאיתמר שחטה לשמה לזרוק דמה שלא לשמה, ר׳ יוחנן אמר פסולה, ר״ש בן לקיש אמר כשרה, ר׳ יוחנן אמר פסולה, מחשבין מעבודה לעבודה, וגמרינן ממחשבת פיגול, ר״ש בן לקיש אמר כשרה, אין מחשבין מעבודה לעבודה, ולא גמרינן ממחשבת פיגול, וצריכא, דאי איתמר בהא, בהא קאמר רשב״ל, משום דחוץ מפנים לא ילפינן, אבל פנים מפנים אימא מודי ליה לר׳ יוחנן ואי איתמר בהך, בההיא קאמר רבי יוחנן, אבל בהא אימא מודי

---

ארויס חוץ פון פנים דורך א מה מצינו, פונקט ווי מיר געפינען אינעגוועניג ביי קדשים, דאָס מען קען מפגל זיין פון עבודה צו עבודה, אזוי אויך אויסענוועניג ביי חולין קען ער טראַכטען ווערענד דער שחיטה צו שפּרענגען און דעמפּען צו דער עבודה זרה, און די בהמה ווערט אסור, „ריש לקיש אמר מותרת אין מחשבין מעבודה לעבודה, ולא גמרינן חוץ מפנים", ריש לקיש וואָס זאָגט אַז די בהמה איז מותר, ער האַלט, דאָס די מחשבה ביי איין עבודה ווירקט ניט אויף דער צווייטער עבודה, און ווען אפילו יאָ, לערנען מיר ניט ארויס חוץ וואָס מיינט די מחשבה פון עבודה זרה, פון פנים ביי קדשים, „ואזדו לטעמייהו דאתמר שחטה לשמה לזרוק דמה שלא לשמה ר׳ יוחנן אמר פסולה ריש לקיש אמר כשרה ר׳ יוחנן אמר פסולה מחשבין מעבודה לעבודה וגמרינן ממחשבת פיגול", און די ביידע תנאים געהען נאָך זייער סברה נאָך, דען מיר האָבען געלערנט אַז איינער שעכט אַ חטאת פאר׳ן נאָמען חטאָת און ער טראַכט דערביי, אום צו שפּרענגען איהר בלוט ניט פאר איהר נאָמען, זאָגט ר׳ יוחנן דער חטאת איז פסול, און ריש לקיש זאָגט ער איז כשר, ר׳ יוחנן וואָס זאָגט דער חטאת איז פסול, איז ווייל ער האַלט דאָס מען קען טראַכטען פון איין עבודה אויף דער צווייטער און מיר לערנען דאָס ארויס פון אַ מחשבה ביי פיגול וואו די תורה זאָגט ריין ארויס, אזוי אויך וועגען לשמה, קען די עבודה ביי שחיטה ווירקען אויך אויף זריקה, „ריש לקיש אמר כשרה אין מחשבין מעבודה לעבודה, ולא גמרינן ממחשבת פיגול", ריש לקיש וואָס זאָגט דער חטאת איז כשר, ער האַלט דאָס אַ מחשבה ביי איין עבודה ווירקט ניט אויף אַ צווייטער עבודה, און אויב אפילו יאָ קען עס נאָר זיין ביי אַ רעכטען פיגול, און מיר לערנען ניט ארויס אַ פסול פון שלא לשמה פון אַ פסול ביי פיגול, „וצריכא דאי איתמר בהא, בהא קאמר ריש לקיש משום דחוץ מפנים לא ילפינן, אבל בפנים מפנים אימא מודי ליה לרי יוחנן", און עס איז געדאַרפט צו לאָזען פון זיי ביידע מחלוקת אי ביי עבודה זרה אי ביי חטאת, דען ווען ער וואָלט מיך לאָזען בלויז די ערשטע ברייתא ביי חוץ, וואָלט איך זאָגען, דאָס נאָר דאָ זאָגט ריש לקיש אזוי, ווייל חוץ פון פנים לערנען מיר ניט ארויס אָבער ביי חטאת וואָס איז אויך פנים וואָלט איך מיינען צו זאָגען דאָס ריש לקיש איז מודה צו ר׳ יוחנן, אַז פנים פון פנים לערנען מיר יאָ ארויס לאָזט ער מיר אויך הערען ביי חטאת דאָס ריש לקיש אפילו פנים פון פנים לערנט אויך ניט ארויס, „ואי איתמר בהך, בההיא קאמר

ליה לר"ש בן לקיש, צריכא, מתיב רב ששת א"ר יוסי ק"ו הדברים ומה במקום שמחשבה פוסלת במוקדשין, אין הכל הולך אלא אחר העובד, מקום שאין מחשבה פוסלת בחולין, אינו דין שלא יהא הכל הולך אלא אחר השוחט, מאי אין מחשבה פוסלת בחולין? אילימא דלא פסלה כלל, אלא זביחה דעכו"ם דמיתסרא היכי משכחת לה? אלא פשיטא מעבודה לעבודה וה"ק, ומה במקום שמחשבה פוסלת במוקדשין מעבודה לעבודה, אין הכל הולך אלא אחר העובד, מקום שאין מחשבה פוסלת בחולין מעבודה לעבודה, אלא באותה עבודה, אינו דין שלא יהא הכל הולך אלא אחר השוחט, פנים קשיא לר"ש בן לקיש, חוץ קשיא לרבי

---

רי יוחנן, אבל בהא אימא מודה ליה לריש לקיש", און ווען עס וואלט בלויז געווען געלערנט זייער מחלוקת ביי חטאת וואלט איך זאגען, דאס נאר ביי חטאת אסור'ט ר' יוחנן, אבער ביי עבודה זרה איז ר' יוחנן מודה צו ריש לקיש, „צריכא", דעריבער זענען נעדארפט ביידע, „מתיב רב ששת אמר רי יוסי קל וחומר הדברים ומה במקום שמחשבה פוסלת במוקדשין אין הכל הולך אלא אחר העובד, מקום שאין מחשבה פוסלת בחולין אינו דין שלא יהא הכל הולך אלא אחר השוחט", האט רב ששת א קשיא געפרעגט פון דער משנה ר' יוסי זאגט די זאך איז דאך א קל וחומר, מיידאך ביי מוקדשין וואו די מחשבה פסל'ט, פונדעסטוועגן געהט עס ניט און איז ניט געווענדעט נאר נאכ'ן טוער פונ'ם קרבן, אין א פלאץ וואו מחשבה פסל'ט ניט ווי ביי חולין, איז דען ניט קיין געוויס, עס זאל זיך ניט ווענדען נאר אן שוחט, ניט אן באלעבאס? איז דאך צו פרעגן, „מאי אין מחשבה פוסלת בחולין? אילימא דלא פוסלת כלל, אלא זביחה דעבודת כוכבים דמיתסרא היכי משכחת לה"? וואס אייגענטליך איז דא געמיינט אז מחשבה פסל'ט ניט ביי חולין? זאל איך זאגען אז עס פסל'ט איינגאנצען ניט, איז דאך די קשיא, ווי איז מעגליך אז שעכטענדיג צו דער עבודה זרה זאל זיין אסור? „אלא פשיטא מעבודה לעבודה, והכי קאמר ומה במקום שמחשבה פוסלת במוקדשין מעבודה לעבודה, אין הכל הולך אלא אחר העובד, מקום שאין מחשבה פוסלת בחולין מעבודה לעבודה אלא באותה עבודה, אינו דין שלא יהא הכל הולך אלא אחר השוחט"? אלא איז דאך געוויס דאס ר' יוסי מיינט אז ביי חולין פסל'ט ניט קיין מחשבה פון איין עבודה אויף דער צווייטער, און אזוי מיינט ער צו זאגען זיין קל וחומר, מיידאך אין א פלאץ וואו מחשבה פסל'ט יא, פון עבודה צו עבודה, דהיינו ביי קדשים, פונדעסטוועגן איז עס ניט געווענדעט נאר אן טוער, היינט אין א פלאץ ביי חולין וואו מחשבה פסל'ט ניט פון איין עבודה צו דער צווייטער, נאר ביי דער זעלבער עבודה, איז דען ניט קיין געוויס, עס זאל אויך ניט געווענדעט זיין נאר אן שוחט, „פנים קשיא לריש לקיש? חוץ קשיא לרי יוחנן"? איז דאך פנים א קשיא אויף ריש לקיש, מיר הערען דאך פון איהם אויבען אז ער האלט דאס אפילו אינענווייניג פסל'ט אויך ניט די מחשבה פון איין עבודה אויף דער צווייטער, און פון ר' יוסי הערען מיר דאך דא דאס פנים פסל'ט יא

יוחנן? בשלמא פנים לר״ש בן לקיש לא קשיא, הא מקמי דשמעה מרבי יוחנן, הא לבתר דשמעה מרבי יוחנן, אלא חוץ קשיא לרבי יוחנן? הוא מותיב לה והוא מפרק לה בארבע עבודות, וה״ק ומה במקום שמחשבה פוסלת במוקדשין בארבע עבודות, אין הכל הולך אלא אחר העובד, (דף ל״ט ע״ב) מקום שאין מחשבה פוסלת בחולין, אלא בשתי עבודות, אינו דין שלא יהא הכל הולך אלא אחר השוחט, תניא כוותיה דר׳ יוחנן השוחט את הבהמה לזרוק דמה לעכו״ם, ולהקטיר חלבה לעכו״ם, הרי אלו זבחי מתים, שחטה ואח״כ חישב עליה,

---

די מחשבה פון איין עבודה צו דער צווייטער? און חוץ איז דאָך אַ קשיא אויף ר׳ יוחנן, דען אויבען הערן מיר דאָך פון איהם וואו אַ ישראל שעכט חולין אויף צו שפּרענגען צו דער עבודה זרה איז אָסור ווייל ער האַלט אַז מחשבה פּסול׳ט פון עבודה צו עבודה אפילו ביי חולין, און פון ר׳ יוסי הערען מיר דאָך פּאַרקערט דאָס ביי חולין איז זיכער אַז עס פּסל׳ט ניט פון עבודה צו עבודה? זאָגט די גמרא, „בשלמא פנים לריש לקיש לא קשיא הא מקמי דשמעה מרי יוחנן הא לבתר דשמעה מרי יוחנן", אנדערש ביי פּנים קען מען נאָך פּאַרענטפערען עס זאָל ניט שווער זיין אויף ריש לקיש, דען דאָ וואו ריש לקיש זאָגט אַז אפילו אינענווענינ פּסל׳ט ניט קיין מחשבה פון עבודה צו עבודה, דאָס איז געווען איידער ער האָט געהערט די סברה פון ר׳ יוחנן זיין רבי׳ן, אָבער נאָכהער ווי ער האָט געהערט פון ר׳ יוחנן דאָס מחשבה פּסל׳ט יאָ אינענווענינ פון עבודה צו עבודה, האָט ער נאָכגעגעבען, „אלא חוץ קשיא לרי יוחנן", אָבער חוץ בלייבט דאָך אַלץ שווער אויף ר׳ יוחנן? „הוא מותיב והוא מפרק לה בארבע עבודות, והכי קאמר ומה במקום שמחשבה פוסלת במוקדשין בארבע עבודות, אין הכל הולך אלא אחר העובד". רב ששת האָט געפרעגט און ער האָט פּאַרענטפערט אַז דער קל וחומר פון ר׳ יוסי אין משנה געהט אויף די פיער עבודות שחיטה, און קבלה אַריינגעמען די בלוט אין אַ מזרק, און הולכה צופיהרען צום מזבח און זריקה שפּרענגען די בלוט, און אַזוי האָט ר׳ יוסי געמיינט צו זאָגען זיין קל וחומר, מיידאָך וואו די מחשבה פּסל׳ט יאָ ביי די פיער עבודות ביי קדשים, פונ־דעסטוועגען איז עס ניט געווענדט נאָר אין דעם טוער, „מקום שאין מחשבה פוסלת בחולין אלא בשתי עבודות, אינו דין שלא יהא הכל הולך אלא אחר השוחט"? היינט אין אַ פּלאַץ וואו די מחשבה פּסל׳ט ניט ביי חולין נאָר בלויז ביי צוויי עבודות שחיטה און זריקה, איז דען ניט קיין געוויס עס זאָל ניט געווענדט זיין נאָר אָן שוחט? ביי עבודה זרה געפינען מיר שענדונג אין פּסוק נאָר ביי צוויי עבודות זובח לאלהים יחרם, ווער עס שעכט צו דער עבודה זרה זאָל ווערען פּאַרוויסטעט און אויף זריקה איז געזאָגט אין פּסוק בל אסיך נסכיהם מדם איך זאָל ניט גיסען זייער גיעסונג פון בלוט ווי זיי טוען עס ביי עבודה זרה, „תניא כוותיה דרי יוחנן הרי אלו זבחי מתים", מיר האָבען געלערנט אַזאַ גלייכונג פון ר׳ יוחנן, אַז איינער שעכט אַ בהמה אויף צו שפּרענגען איהר בלוט צו דער עבודה זרה, און צו מקטיר

זה היה מעשה בקיסרי ולא אמרו בה לא איסור ולא היתר, אמר רב הסדא לא אמרו בה איסור משום כבודן דרבנן, לא היתר משום כבודו דרבי אליעזר, ממאי? דילמא עד כאן לא קאמרי רבנן התם, אלא דלא שמענא דחשיב, אבל הכא דשמענא דחשיב, הוכיח סופו על תחילתו, אי נמי ע״כ לא קאמר ר״א התם אלא גבי כותי, דסתם מחשבת כותי לעכו״ם, אבל ישראל הוכיח סופו על תחילתו לא אמרי׳, אלא אמר רב שיזבי

---

זיין איהר חלב צו דער עבודה זרה, הייסט דאָס זבחי מתים, (זבחי מתים מיינט, פונקט ווי א מת האָט קיין הילף ניט, אזוי אויך די עבודה זרה) וואָס איז אסור פאַר הנאָה, „שחטה ואחר כך חישב עליה זה היה מעשה בקיסרי ולא אמרו בה לא איסור ולא היתר", אז ער האָט איהר שוין געהאַט געשאָכטען און נאכהער געטראַכט אויף איהר צו שפרענגען די בלוט און מקטיר זיין דעם חלב פאַר דער עבודה זרה, איז די זאַך פאָרגעקומען אין קיסרא, און די חכמים האָבען דערביי ניט געזאָגט ניט קיין איסור און ניט קיין היתר, „אמר רב חסדא לא אמרו בה איסור משום כבודו דרבנן, לא היתר משום כבודו דרי אליעזר", האָט רב חסדא געזאָגט זיי האָבען דערביי ניט געזאָגט קיין איסור צוליב דעם כבוד פון די רבנן וואָס זאָגען, אז מיר זאָגען ניט דאָס סתם א דינער צו עבודה זרה איז זיין מחשבה אימער צו עבודה זרה, און דער חאָטש ער צייגט אַרויס זיין וואונש צו איהר נאָכ׳ן שעכטען, פונדעסטוועגען זאָגען מיר ניט דאָס ווערענד דער שחיטה האָט ער אויך אזוי געטראַכט און קיין היתר האָבען זיי אויך ניט געזאָגט צוליב׳ן כבוד פון ר׳ אליעזר וואָס זאָגט דאָס זיין מחשבה איז יאָ אימער צו דער עבודה זרה, פרעגט די גמרא, „ממאי דלמא עד כאן לא קאמרי רבנן התם אלא דלא שמענא דחשיב, אב׳ל הכא דשמענא דחשיב הוכיח סופו על תחילתו"? פון וואַנעט ווייסטו אז זיי האָבען ניט געזאָגט קיין איסור צוליב׳ן כבוד פון די רבנן ווייל זיי זענען מתיר, פיליכט האָבען זיי נאָר אזוי געזאָגט דאָרט, וואו מיר האָבען ניט געהערט זיין מחשבה צו דער עבודה זרה, אָבער דאָ האָבען מיר דאָך געהערט — צוואַר נאָכ׳ן שעכטען — אָבער דאָך געהערט ווי ער טראַכט פאַר דער עבודה זרה, איז עס דאָך א בעוויז דאָס ער האָט געטראַכט אזוי ווערענד דער שחיטה? „אי נמי עד כאן לא קאמר רי אליעזר התם אלא גבי עובד כוכבים דסתם מחשבת עובד כוכבים לעבודת כוכבים, אבל ישראל הוכיח סופו על תחילתו לא אמרינן"? און אז ווילסט קען איך אויך איבערפרעגען וואָס אָנבעלאַנגט ר׳ אליעזר פיליכט זאָגט ער אויך ניט דאָ קיין איסור אויף נאָך דער שחיטה, ווייל איך קען דאָך זאָגען, דאָס ווען זאָגט ר׳ אליעזר אזוי נאָר אין דער משנה וואו די בהמה בעלאַנגט צום גוי, זאָגען מיר טאַקע, דאָס סתם מחשבה פון א גוי איז צו דער עבודה זרה ,אָבער די ברייתא דאָ שמועסט דאָך ביי א ישראל, וואָס האָט נאָך די חזקה אַלס גוטער איד, און ביי א ישראל זאָגען מיר ניט, דאָס די ענד זאָל באַווייזען אויפ׳ן אָנפאַנג, חאָטש ער האָט געטראַכט נאָכ׳ן שעכטען, איז אַלץ ניט קיין באַוויז, דאָס ער האָט געטראַכט ביים שעכטען, ווייל פיליכט

**לא אמרו בה היתר משום כבודו דרשב״ג, הי רשב״ג? אילימא רשב״ג דגיטין, דתנן הבריא שאמר כתבו גט לאשתי, רצה לשחק בה, ומעשה בבריא שאמר כתבו גט לאשתי, ועלה לגג ונפל ומת, אמר רשב״ג דאם מעצמו נפל ה״ז גט, ואם הרוח דחפתו אינו גט, והוינן בה מעשה לסתור? חסורי מיחסרא והכי קתני, אם הוכיח סופו על תחילתו, ה״ז גט, ומעשה נמי בבריא, שאמר כתבו גט לאשתי ועלה לגג ונפל ומת,**

---

איז ער ערשט יעצט קאַלע געוואָרען, היינט וואָס דען זאָגסטו דאָס צוליב זייער כבוד האָבען זיי ניט אויסגעדריקט ניט קיין היתר ניט קיין איסור? „אלא אמר רב שיזבי לא אמרו בה היתר משום כבודו דרבן שמעון בן גמליאל", אלא האָט רב שיזבי געזאָגט זיי האָבען ניט געזאָגט קיין היתר צוליב'ן כבוד פון ר' שמעון בן גמליאל, פרעגט די גמרא „הי ר' שמעון? אילימא ר' שמעון בן גמליאל דגיטין", פון וועלכען פלאַץ מיינסטו דאָ ר' שמעון בן גמליאל? זאָל איך זאָגען פון דער משנה אין גיטין, „דתנן הבריא שאמר כתבו גט לאשתי רצה לשחק בה", דען מיר האָבען געלערנט אז א געזונדער האָט געזאָגט צום בית דין שרייבט א גט צו מיין ווייב, נאָר ער האָט ניט געענדיגט דעם וואָרט „ותנו" און גיבט איהר דעם גט, זאָג איך אז ער האָט ניט געמיינט צו גט'ן נאָר ער האָט בלויז געמיינט צו שפּעטען פון איהר, און דער בית דין קען ניט זיין קיין שליח פאַר דעם גט, „ומעשה בבריא שאמר כתבו גט לאשתי ועלה לגג ונפל ומת, אמר ר' שמעון בן גמליאל אם מעצמו נפל הרי זה גט ואם הרוח דחפתו אינו גט", און עס האָט פּאַסירט ביי א געזונדען וועלכער האָט געזאָגט שרייבט א גט צו מיין פרוי נאָר ער האָט ניט געענדיגט „ותנו" און ער איז נאָכהער ארויף אויפ'ן דאַך און ארונטערגעפאַלען און געשטאָרבען, האָט ר' שמעון בן גמליאל געזאָגט אויב ער איז פון זיך זעלבסט ארונטערגעפאַלען איז א בעוויז דאָס ער האָט געמיינט צו גט'ן צוליב ער האָט אין זינען געהאַט צו שטאַרבען, און צוליב דעם טאַקע האָט ער פאַר־געסען צו ענדיגען דעם וואָרט „ותנו", און דער גט איז כשר, אויב אָבער א ווינד האָט איהם ארונטער געשליידערט איז דער גט ניט קיין גט, ווייל נאָר ביי א געפעהרליך קראַנקען זאָגען מיר, דאָס צוליב זיין געפאַר איז ער צוטומעלט און פאַרגעסט צו ענדיגען דעם וואָרט „ותנו", אָבער ביי א געזונדען אָהן דעם וואָרט ותנו, האָט ער גאָרניט געמיינט צו גט'ן, „והוינן בה מעשה לסתור"? האָבען מיר דאָרט געפרעגט אויף דער משנה די פּאַסירונג וואָס זי ברייגנט ציגט דאָך אויף פאַרקערט, ערשט זאָגט די משנה אז אָהן „ותנו" איז גאָרניט און באַלד ברייגנט זי די פּאַסירונג אויף יאָ? האָט דאָרט געענטפערט די גמרא, „חסורי מחסרא והכי קתני אם הוכיח סופו על תחילתו הרי זה גט ומעשה נמי בבריא", אז עס פעהלט א פּאַל וואָס איז ניט ארויסגעזאָגט אין דער משנה, אזוי האָט די משנה געמיינט צו לערנען דאָס אָהן „ותנו" איז טאַקע גאָרניט, נאָר אויב די ענד ציגט איבער אויפ'ן אָנפאַנג, איז דער גט יאָ א גט, און עס האָט טאַקע פּאַסירט ביי א געזונטען וואו ער איז נאָכהער רונטער־געפאַלען פון דאַך און געשטאָרבען, האָט ר'

שאני התם דקאמר כתבו, אלא אמר רבינא משום כבודו דרשב״ג אמר רשב״ג אם מעצמו נפל, ה״ז גט, ואם הרוח דחתו אינו גט, ודלמא דהכא, דתניא הכותב נכסיו לאחרים והיו בהן עבדים, ואמר הלה אי אפשי בהן, אם היה רבו שני כהן, הרי אלו אוכלין בתרומה, רבן שמעון בן גמליאל אומר כיון שאמר הלה אי אפשי בהן, כבר זכו בהן יורשין, והוינן בה לת״ק אפילו עומד וצווח? אמר רבה ואיתימא רבי יוחנן בצווח מעיקרא, דכ״ע לא פליגי, דלא קנה, בשותק ובסוף צווח, דכ״ע לא פליגי דקנה, וכי פליגי שזיכה לו ע״י אחר, ושתק ולבסוף

---

שמעון בן גמליאל געזאָגט אויף דעם אויב ער איז אליין פון זיך אַרונטער־געפאַלען, ציינט עס איבער אויף זיין אַנפאַנג דאָס ער האָט געמיינט צו גט'ן, איז דער גט אַ גוטער גט, וועסטו אפשר זאָגען דעם ר' שמעון בן גמליאל פון יענער משנה, איז דאָך די קשיא „ודלמא שאני התם דקאמר כתבו"? פּיליכט איז דאָרט אַנדערש ווייל דאָרט האָט ער ריין אַרויסגעזאָגט שרייבט אַ גט פאַר מיין ווייב? ווייל כתבו איז אַ באַפעהל וואָרט וואָס מיינט ווי ער וואָלט זאָגען שרייבט און גיבט, „אלא אמר רבינא משום כבודו דרי שמעון בן גמליאל דהכא דתניא הכותב נכסין לאחרים, והיו בהן עבדים, ואמר הלה אי אפשי בהן, אם היה רבו שני כהן, הרי אלו אוכלין בתרומה", אלא האָט רבינא געזאָגט צוליב'ן כבוד פון ר' שמעון בן גמליאל פון דער ברייתא דאָ, דען מיר האָבען געלערנט אַז איינער שרייבט אָפּ זיינע פאַרמעגענס צו פרעמדע, און צווישען די פאַרמעגענס זענען אויך געוועזן גויאישע קנעכט, און דער האָט געזאָגט איך וויל ניט די קנעכט, איז דער דין, אויב דער צווייטער באַלעבאָס וואָס האָט געקראָגען די פאַרמעגענס איז אַ כהן, מעגען די קנעכט עסען תרומה, ווייל געגען זיין ווילען, זענען זיי דאָך געוואָרען זיינע קנעכט, „רבן שמעון בן גמליאל אומר כיון שאמר הלה אי אפשי בהן כבר זכו בהן יורשין", ר' שמעון זאָגט וויבאַלד ער האָט געזאָגט איך וויל זיי ניט, זענען זיי אויטאָמאַטיש אַריבער צו די יורשין, וואָס זענען ישראלים, און זיי האָבען זוכה געוועזן אין די עבדים טאָרען זיי דעריבער ניט עסען קיין תרומה, „והוינן בה לתנא קמא אפילו עומד וצווח"? האָבען מיר אויף דער ברייתא אַ קשיא געפרעגט, נאָך דעם ערשטען תנא נאָך וואָס זאָגט אַז זיי זענען צו איהם עבדים געגען זיין ווילען, איז אפילו ווען ער שטעהט און שרייט איך וויל זיי ניט? ווי קען דאָס זיין? „אמר רבה ואיתימא רבי יוחנן בצווח מעיקרא דכולי עלמא לא פליגי דלא קנה, בשותק ובסוף צווח דכולי עלמא לא פליגי דקנה, כי פליגי? שזיכה לו על ידי אחר ושתק ולבסוף צווח", האָט רבה געזאָגט און טייל זאָגען ר' יוחנן האָט עס געזאָגט, דאָס באַלד אין אַנפאַנג אַז ער שרייט, קריגט קיינער ניט אַז ער האָט טאַקע ניט קונה געוועזן די קנעכט, און אויב ער שווייגט אין אַנפאַנג און ערשט שפּעטער שרייט ער, קריגט אויך קיינער ניט, דאָס ער האָט יאָ קונה געוועזן די קנעכט, נאָר ווייסטו ווי זיי קריגען, וואו ער האָט איהם איבערגעגעבען די קנעכט דורך אַן אַנדערן און ער האָט געשוויגען און צו דער ענד האָט ער געשריען דאָס ער וויל

צווה, ת"ק סבר מדשתיק קננהו, והאי דקא צווח מיהדר קא הדר ביה, ורשב"ג סבר הוכיח סופו על תחילתו, והא דלא צווח מעיקרא, סבר כי לא אתי לידיה אמאי אצווח, אמר רב יהודה אמר שמואל הלכה כר' יוסי, הנהו טייעי דאתו לציקוניא, יהיב דיכרי לטבחי ישראל, אמרו להו דמא ותרבא לדידן משכא ובישרא לדידכו, שלחה רב טובי בר רב מתנה לקמיה דרב יוסף כי האי גוונא מאי? שלח ליה הכי א"ר יהודה אמר שמואל, הלכה כרבי יוסי א"ל רב אחא בריה דרב אויא לרב אשי לר"א יהיב ליה זוזא לטבח ישראל מאי? אמר ליה חזינן

---

זיי ניט, „תנא קמא סבר מדשתיק קנהו, והאי דקא צווח מיהדר קא מיהדר ביה", דער ערשטער תנא האלט פון דעם וואס ער האט געשוויגען האט ער זיי קונה געווען, איי וואס ער שרייט יעצט? ער וויל זיך צוריקציהען פון דער זאך אבער עס איז שוין פארפאלען, ער האט שוין דעם שטר אנגענומען און די עבדים קונה געווען, „ורי שמעון בן גמליאל סבר הוכיח סופו על תחילתו, והא דלא צווח מעיקרא? סבר כי לא אתי לידיה אמאי אצווח", און ר' שמעון האלט אז די ענד ציינט אויף זיין אנפאנג אז ער וויל זיי ניט, איי וואס ער האט ניט געשריען באלד אין אנפאנג? ער האט זיך געטראכט זא לאנג די קנעכט קומען ניט אין האנד, ווארום זאל איך שרייען? „אמר רב יהודה אמר שמואל הלכה כרי יוסי", האט רב יהודה געזאגט אין נאמען פון שמואל אז די הלכה איז ווי ר' יוסי, דאס עס איז ניט געווענדט די מחשבה נאר אן שוחט ניט אן באלעבאס אפילו ווען מיר הערען איהם ער טראכט פאר דער עבודה זרה, ווייל הויפטזעכליך איז דער טוער ביים קרבן. „הנהו טייעי דאתו לציקוניא יהיב דיכרי לטבחי ישראל, אמרי להו דמא ותרבא לדידן, משכא ובישרא לדידכו", עס זענען אנגעקומען ישמעאלים קיין ציקוניא און האבען איבערגעגעבען וויעדער (אילים) פאר שחיטה צו אידישע שוחטים, זאגענדיג צו זיי מיט דעם באדינג דאס די בלוט און חלב זאלען באלאנגען צו אונז און די פעל און פלייש פאר אייך, „שלחה רב טובי בר רב מתנה לקמיה דרב יוסף כי האי גוונא מאי? שלח ליה הכי אמר רב יהודה אמר שמואל הלכה כרב יוסי", האט רב טובי בר מתנה געשיקט פרעגען פאר רב יוסף, אזא שטייגער ווי איז דער דין צו קענען די ישמעאלים עפעס ווירקען מיט זייער מחשבה צו דער עבודה זרה? האט ער צוריק געשיקט צו איהם אזוי האט רב יהודה געזאגט אין נאמען פון שמואל דאס די הלכה איז ווי ר' יוסי דאס אויסשליסליך איז עס געווענט אין שוחט, „אמר ליה רב אחא בריה דרב אויא לרב אשי, לרי אליעזר יהיב ליה זוזא לטבח ישראל מאי"? האט רב אחא דער זוהן פון רב אויא געזאגט צו רב אשי, נאך ר' אליעזר נאך אז דער גוי גיט א דאלער צום אידישען שוחט, זאגענדיג צו איהם דאס נאך דער שחיטה זאלסטו מיר געבען א שטיקעל פלייש פאר דעם דאלער ווי איז דער דין? ר' אליעזר זאגט דאך, דאס אויב דער גוי האט עפעס שטעקען אין דער בהמה, קען זיין מחשבה וואס איז אימער צו דער עבודה זרה פסל'ען די שחיטה פון ישראל, פרעג איך דיך ביי אזא פאל, צי זאגען

אי איניש אלמא הוא דלא מצי מדחי ליה אסור, ואי לא א״ל רישיך והר: **מתני׳** השוחט לשם הרים לשם גבעות לשם ימים לשם נהרות לשם מדברות שחיטתו פסולה, (דף מ׳ ע״א) שנים אוחזין בסכין ושוחטין, אחד לשם אחד מכל אלו, ואחד לשם דבר כשר, שחיטתו פסולה: **גמ׳** פסולה אין זבחי מתים לא? ורמינהי השוחט לשום הרים לשום גבעות לשום נהרות לשום מדברות לשום חמה ולבנה לשום כוכבים ומזלות לשום מיכאל השר הגדול לשום שילשול קטן הרי אלו זבחי מתים?

---

מיר, דאָס ר׳ אליעזר זאָגט נאָר וואו דער גוי האָט עפּעס א שותפות פון אָנפאַנג אָן, אין דער בהמה, אָבער אין א פאַל ווי דאָ, קען דער גוי ניט פּסל׳ען, אָדער פיליכט איז קיין אונטערשייד ניט? „אמר ליה חזינן אי איניש אלמא הוא, דלא מצי מדחי ליה אסור, ואי לא, אמר ליה רישיך והר״, האָט ער איהם געענטפערט מיר מוזען זעהן איז דער מענש א שטאַרקער וועמען מען קען ניט אָוועקמאַכען, מען קען איהם ניט אָפּזאָגען איז די פליישׁ אסור ווייל צוליב דעם שותפות קען ער שוין מחשב זיין אויף דער שחיטה צו דער עבודה זרה ,און אויב ניט קען דער שוחט זאָגען צום גוי דו האָסט א קאָפּ און דאָ איז א בארג שלאָג דיין קאָפּ אין בארג, און אַזוי ווי ער קען איהם — געגען זיין ווילען — צוריק געבען דעם דאָלער, קען ער ניט אסור׳ן אויף איהם, האָטש ביי א גוי איז דאָך דער דין דאָס געלד איז קונה פונדעסטוועגען קען דער יוד זאָגען דאָס אויף קאַלע מאַכען האָב איך ביי דיר ניט גענומען דעם דאָלער נאָר בלויז פאַר׳ן שטיקעל פליישׁ: מתני׳, השוחט לשם הרים לשם גבעות לשם ימים לשם נהרות לשם מדברות שחטתו פסולה״, אז איינער שעכט צום נאָמען פון גרויסע בערג, צום נאָמען פון קלענערע הויכען צום נאָמען פון גרויסע ימים צום נאָמען פון טייכען צום נאָמען פון מדבריות, האַלטענדיג זיי פאַר אָפּגעטער, איז זיין שחיטה פסול, „שנים אוחזין בסכין ושוחטין אחד לשם אחד מכל אלו, ואחד לשם דבר כשר שחיטתו פסולה„ אז צוויי האַלטען אָן איין מעסער פון ביידע עקען און שעכטען, איינער שעכט צו איינעם פון די גערעכענטע נעמען, און איינער שעכט פאַר א כשר׳ן צוועק, איז די שחיטה פסול: „גמ׳, פרעגט די גמרא, פסולה אין, זבחי מתים לא, ורמינהו, השוחט לשום הרים לשום גבעות לשום ימים לשום נהרות לשום מדברות לשום חמה ולבנה לשום כוכבים ומזלות לשום מיכאל השר הגדול, לשום שלשול קטן, הרי אלו זבחי מתים״? די משנה זאָגט בלויז פסולה, קומט דאָך אויס דאָס פסול יאָ, אָבער קיין זבחי מתים הייסט עס ניט עס זאָל זיין אָסור פאַר הנאה? וועל איך דיך פאַר איינאַנדער פרעגען פון אַברייתא, (שעכטען צו דער עבודה זרה הייסט די שעכטונג צו טויטע וואָס האָט קיין ממש און זי איז אָסור בהנאה ווי די טויטע עבודה זרה אַליין, דאָס ווערט אַרויסגעלערנט אין עבודה זרה דף כט פון פסוק ותמת שם מרים דורך א גזרה שוה פון עגלה ערופה וואו עס שטעהט אויך דער וואָרט שם, זיי האָבען מקבל געווען דאָס די צוויי גלייכע ווערטער צייגען אויף דעם גלייכען ענין ביי ביידע, דאָס זיי זענען גלייך אָסור

**אמר אביי לא קשיא, הא דאמר להר, הא דאמר לגדא דהר, דיקא נמי דקתני דומיא דמיכאל שר הגדול, ש״מ, אמר רב הונא היתה בהמת חבירו רבוצה לפני עכו״ם, כיון ששחט בה סימן אחד אסרה, סבר לה כי הא דאמר עולא אמר רבי יוחנן אף על פי שאמרו המשתחוה לבהמת חבירו לא אסרה, עשה בה מעשה אסרה, איתיביה ר״נ לרב**

---

פאר הנאה) מיר האבען דאך געלערנט אין א ברייתא אז איינער שעכט דינענדיג דערמיט צו בערג צו בערגלאך צו ימים צו טייכען צו מדברות צו דער זון און לבנה און מזלות (מזלות מיינט די שטערן וועלכע נעמען א נאהענטען אנטייל פון אונזער ערד) צום מלאך מיכאל דעם גרויסען שר, (דער נאמען איז דער שר ישראל צו אויפהאלטען דעם כח און קיום ישראל, צוליב כבוד ישראל הייסט ער מיט'ן נאמען הגדול) אדער דינענדיג צו א קליין ווערמעל, זענען די שעכטונגען זבחי מתים און אסור פאר הנאה, איז דאך א קשיא אויף אונזער משנה וואס זאגט בלויז אלס פסול? „אמר אביי לא קשיא הא דאמר להר הא דאמר לגדא דהר, דייקא נמי דקתני דומיא דמיכאל שר הגדול", האט אביי געזאגט עס איז ניט קיין קשיא די משנה וואס זאגט בלויז פסולה מיינט זי אז ער שעכט צום בארג אליין און א בארג אלס באהאפטען צו דער ערד קען ניט ווערען קיין עבודה זרה, דען די גמרא לערנט ארויס פון פסוק את אלהיהם על ההרים, די אפגעטער אויף די בערג, אבער די בערג אליין זענען ניט קיין אפגעטער, איז דעריבער די שעכטונג ניט קיין זבחי מתים, אבער וועניגסטענס פסול יא, ווייל עס איז גלייך ווי א גוי זאל געוועןן שעכטען, און די ברייתא שמועסט וואו ער שעכט צום מלאך וועלכער איז דער שר און ממונה אויף בערג, דו קענסט דיר אויך דרינגען דאס פון דעם ווי די ברייתא לערנט עס אין איין רייהע מיט'ן מיכאל שר הגדול, „שמע מינה" איז גוט גענדרונגען, אמר רב הונא היתה בהמת חבירו רבוצה לפני עבודת כוכבים, כיון דשחט בה סימן אחד אסרה", רב הונא האט געזאגט, אז זיין חבר'ס בהמה איז געלעגען פאר דער עבודה זרה וויבאלד ער האט אין איהר עפעס געשאכטען, האט ער איהר גע'אסור'ט, האטש די בהמה איז ניט זיינע און חאטש לעבענדע זאכען ווערען ניט אסור צוליב עבודה זרה, ווען איך זעה די תורה מוז זיי ערשט אסור'ן פאר'ן מזבח, מוז דאך זיין דאס פאר'ן אלגעמיינעם געברויך זענען זיי מותר, פונדעסטוועגען טוענדיג אין זיי עפעס א מעשה, ווי א שטייגער דא. ער שעכט אין איהר עפעס, ווען אפילו נאר א האלבען סימן (רב הונא כאפט נאר אן אזוי א סימן לויט עולא, אלס ניט קיין גאנצע שחיטה) ווערט זי שוין אסור, און אפילו אין ליגענדען צושטאנד, דען אויב זי שטעהט און ער הויבט איהר אויף און לעגט איהר אוועק, איז ער דאך איהר קונה דערמיט, וואלט זי דאך געוויס זיין אסור, נאר אפילו ווען זי ליגט שוין פון פריהער, ווערט זי אויך אסור פון דער מעשה, „סבר לה כי הא דאמר עולא אמר ר' יוחנן אף על פי שאמרו המשתחוה לבהמת חבירו לא אסרה, עשה בה מעשה אסרה", ער האלט ווי די זאך וואס עולא האט געזאגט אין נאמען פון ר' יוחנן, דאס

**הונא השוחט חטאת בשבת בחוץ לעכו״ם, חייב שלש חטאות, ואי אמרת כיון ששחט בה סימן אחד אסרה, אשחוטי חוץ לא ליחייב? (דף מ׳ ע״ב) מחתך בעפר הוא? א״ר פפא הכא בחטאת העוף עסקינן, דכולהו בהדי הדדי קאתי, מכדי רב הונא כמאן אמרה לשמעתי׳? כעולא, ועולא מעשה כל דהו קאמר אלא באומר בגמר זביחה הוא**

---

האָטש די חכמים האָבען געזאָגט אז איינער בוקט זיך צו זיין חבר׳ס בהמה האָט ער איהר דערמיט ניט גע׳אסור׳ט, פונדעסטוועגען טוענדיג אין איהר עפּעס אַ מעשה אסור׳ט ער איהר, „איתיביה רב נחמן לרב הונא השוחט חטאת בשבת בחוץ לעבודת כוכבים חייב שלש חטאות״, האָט רב נחמן אַ קשיא געפרעגט צו רב הונא מיר האָבען געלערנט אז איינער שעכט אַ חטאת אין שבת אויסער׳ן בית המקדש און צו דער עבודה זרה, איז ער חייב דריי חטאות איין חטאת פאַר חלול שבת און איינעם פאַר שחוטי חוץ און איינעם פאַר עבודה זרה, די אַלע זענען לאוין וואָס קומט פאַר זיי כרת, טוענדיג גערנווילינ, און אומגערן אַ קרבן חטאת, און געגען שבת איז עס אַ גוטע מלאכה צו חייב זיין ווייל פאַר אַ בן נח איז די שחיטה אויך גוט, פאַררענכטענדיג די פלייש פון אבר מן החי, דען פון אַ לעבענדע זאַך טאָר דאָך קיין בן נח אויך ניט עסען, דעם חטאת וואָס רעדט זיך דאָ, דאָס די באַלעבאַטים שעכטען איהם באַלאַנגט דאָך שוין צום הימעל איז עס גלייך ווי זיי וואָלטען שעכטען יענעם׳ס, גלייך צו רב הונא׳ס דין, „ואי אמרית כיון ששחט בה סימן אחד אסרה אשחוטי חוץ לא ליחייב״? און לויט ווי דו זאָגסט, אז שעכטענדיג אין איהר אביסעל האָט ער איהר שוין גע׳אסור׳ט, איז דאָך די קשיא זאָל ער ניט חייב זיין צוליב שחוטי חוץ? „מחתך בעפר הוא״? אזוי ווי ער פאַנגט נאָר אָן צו שעכטען איז זי דאָך שוין אסור, און אוים קדשים, היינט איז דאָך די רעשט שחיטה גלייך ווי ער וואָלט שניידען די ערד, וואָרום זאָל ער חייב זיין פאַר איהר? „אמר רב פפא הכא בחטאת העוף עסקינן דכולהו בהדי הדדי קאתי״, האָט רב פפא געזאָגט אז דאָ שמועסט ביי חטאת העוף וואו עס איז גענוג איין סימן, קומען דאָך דאמאָלסט אַלע אסורים צוזאַמען, דען שעכטענדיג איין סימן איז די שחיטה שוין פערטיג צו חייב זיין אויף שחוטי חוץ און אין דער זעלבער צייט איז ער חייב צוליב עבודה זרה דורך דעם איינעם סימן, (ער באַזירט דאָס לויט רב הונא׳ס אויסזאָגען פון איין סימן) פרעגט די גמרא, „מכדי רב הונא כמאן אמרה לשמעתיה? כעולא, ועולא מעשה כל דהו קאמר״? רב הונא ווי ווער זאָגט ער דען זיין הלכה? ער זאָגט דאָך ווי עולא, און עולא זאָגט דאָך, דאָס נאָר אַפילו עפּעס ווען ער טוט אסור׳ט ער איהר שוין, איז דאָך ווייטער שוועהר וואָרום זאָל ער חייב זיין פאַר שחוטי חוץ, באַלד ביי דער אָנפאַנג שחיטה ווערט זי דאָך שוין אסור און אוים קודש, און דער איסור שחוטי חוץ קומט דאָך ערשט שעכטענדיג דעם מעהרהייט סימן? (חטאת העוף קומט דאָך מליקה, נאָר שחוטי חוץ געהט ניט אָן נאָר ביי שחיטה אפילו ביי אַן עוף לויט אדרשה) „אלא״ זאָגט די גמרא „באומר בגמר זביחה הוא עובדה״, עס קען

**עובדה, אי הכי מאי איריא חטאת, לישמעינן זבח? אלא אמר מר זוטרא משמיה דרב פפא הכא במאי עסקינן? כגון שהיה חצי קנה פגום, והוסיף עליו כל שהוא וגמרו, דכולהו בהדי הדדי קאתיין, א״ר פפא אי לאו דאר״ר הונא סימן אחד, לא הויא חטאת תיובתיה, מאי מעשה? מעש׳ רבה. וא״ר פפא אי לאו דאר״ר הונא בהמת חבירו, לא**

---

אפילו שמועסען ביי א בהמה, איי ווי אזוי קומען צוזאמעןביידע איסורים? איז דער ענטפער אז עס שמועסט וואו ער זאגט ארוים, דאס איך וויל דינען די עבודה זרה נאר מיט דער ענד שחיטה, ווערט זי דאך שוין ניט אסור און אויך ניט אוים קדשים פון דער אנפאנג שחיטה, און ביי דער ענד קומען דאך ביידע אסורים צוזאמען, פרעגט די גמרא „אי הכי מאי איריא חטאת, ליאשמעינן זבח״? אויב דו לערנסט צוריק איין ביי א בהמה, קען מען דאך פרעגן וואס עפעס כאפט ער אן חטאת, ער קען דאך די זעלבע זאך רעדען פון יעדען קרבן? אנדערש אז איך לערן איין וועגן חטאת העוף איז רעכט דער נאמען חטאת, ווייל אן עולה ביי עופות קומט דאך די מליקה מיט ביידע סימנים, אבער ביי א בהמה מאכט דאך קיין אונטערשייד ניט צי חטאת צי אן אנדער קרבן ביי אלע איז דאך ביידע סימנים? „אלא אמר מר זוטרא משמיה דרב פפא הכא במאי עסקינן? כגון שהיה חצי קנה פגום והוסיף עליו כל שהוא וגמרו, דכולהו בהדי הדדי קאתיין״, אלא האט מר זוטרא געזאגט אין נאמען פון רב פפא, ווייסטו ווי דא שמועסט? עס שמועסט טאקע ביי אן עוף און אז א האלבער קנה איז געווען געש־פאלטען, און ער האט צו־געשאכטען אביסעל צו מאכען פערטיג א מעהרהייט שחיטה ביי דעם סימן, אזוי ארום קומען שוין אלע אסורים צוזאמען, ער איז חייב צוליב שחוטי חוץ, ווייל אזא גאהל שחיטה אינענווייניג אין בית המקדש איז כשר, און איז חייב צוליב עבודה זרה מיט דעם ביסעל, און איז חייב אוועקנעמענדיג דעם לעבען צוליב שבת, „אמר רב פפא אי לאו דאמר רב הונא סימן אחד, לא הויא חטאת תיובתיה, מאי מעשה? מעשה רבה״, האט רב פפא געזאגט ווען רב הונא וואלט ניט געווען זאגען איין סימן, וואלט מען פון דער ברייתא פון חטאת ניט געקענט פרעגען אויף איהם, ווייל מיר וואלטען איינלערנען דער חטאת מיינט חטאת בהמה, און וואס עולא זאגט אז מיט א מעשה אסור׳ט ער איהר, מיינט ער מיט א גרויסע מעשה, דאס הייסט אז ער שעכט א מעהרהייט פון ביידע סימנים דאמאלסט ערשט אסור׳ט ער איהר מאכענדיג איהר אוים קודש, אזוי ארום קומען אלע אסורים צוזאמען, איי וואס די ברייתא כאפט אן חטאת? האט עס ניט צו טוען מיט רב הונא, איז עס א קשיא אין פאר זיך אויף דער ברייתא, אבער אז רב הונא כאפט אן סימן אחד איז דאך שוין שווערער אויף איהם פון דער ברייתא השוחט חטאת, ווייל איך קען דאך שוין ניט איינלערנען דאס ער אסור׳ט איהר ערשט ביי רוב שנים, רב הונא זאגט דאך סימן אחד, איבערהויפט אז איך מוז איינלערנען אז ער מיינט אפילו אביסעל פונ׳ם סימן לויט עולא, „ואמר רב פפא אי לאו דאמר רב הונא בהמת

הויא הטאת תיובתיה, מאי טעמא דידיה מצי אסר, דחבריה לא מצי אסר, פשיטא? מהו דתימא כיון דקני ליה לכפרה, כדידיה דמיא, קמ"ל, (נעץ סימן) ר"נ ורב עמרם ורב יצחק אמרי אין אדם אוסר דבר שאין שלו, מיתיבי השוחט הטאת בשבת בחוץ לעכו"ם חייב שלש חטאות, ואוקימנן בחטאת העוף, ובחצי קנה פגום, טעמא דחטאת העוף הוא דכולהו בהדי הדדי קאתיין, (דף מ"א ע"א) אבל זבח לא, ואי אין אדם אוסר דבר שאינו שלו מאי אריא חטאת העוף? אפילו חטאת

---

חבירו, לא הויא חטאת תיובתיה, מאי טעמא? דידיה מצי אסר, דחבריה לא מצי אסרי", נאך האט רב פפא געזאגט, ווען רב הונא וואלט ניט געווען זאגען, אז ער שמועסט װעגען יענעמ'ס בהמה, וואלט מען פון דער ברייתא השוחט חטאת אויך ניט געקענט פרעגען אויף איהם, וואס איז די סברה? מיר וואלטען זאגען, דאס זיינס קען א מענש אסור'ן מיט א מעשה אבער יענעמ'ס ניט דעריבער איז ער חייב ביי דעם חטאת צוליב שחוטי חוץ, ווייל דער חטאת אלס קדשים איז דאך ניט זיינע, קען ער איהר מיט קיין מעשה ניט אסור'ן, אבער אז רב הונא כאפט אן דאס אפילו יענעמ'ס קען ער אסור'ן מיט א מעשה, איז דאך שוין די ברייתא פון חטאת געגען איהם, און די גמרא איז געצוואונגען פאר אנדער ענטפער'ס, פרעגט די גמרא, „פשיטא? מהו דתימא כיון דקנה ליה לכפרה, כדידיה דמיא? קא משמע לן", עס איז דאך א געווים דאס יענעמ'ס קען א מענש ניט אסור'ן און וואס וואלט ער דא אויפטאן דערמיט, און צוליב דער פראגע וואלט איך זא־ווי־זא געמוזט קומען דערצו און איינלערנען אזוי ווי מיר האבען איינגעלערנט צוליב דער קשיא אויף רב הונא? ענטפערט די גמרא איך וואלט מיינען צו זאגען, וויבאלד ער איז קונה דעם חטאת פאר פארגעבונג דען די כפרה טוט דאך דער הטאת פאר איהם, איז גלייך ווי ער וואלט זיין זיינס? לאזט די ברייתא הערען, (אדער בעסער געזאגט זי וואלט לאזען הערען דערמיט) דאס ער קען ניט אסור'ן דעם חטאת און מאכען איהם אויס קודש, ווייל זי געהער ניט צו איהם נאר צום הימעל, און דעריבער איז ער חייב ביי ענד שחיטה אויך צוליב שחוטי חוץ, „רב נחמן ורב עמרם ורב יצחק אמרי אין אדם אוסר דבר שאינו שלו", די אמוראים זאגען דאס א מענש קען ניט אסור'ן א זאך וואס איז ניט זיינ'ס, זאגט די גמרא „מיתיבי השוחט חטאת בשבת בחוץ לעבודת כוכבים חייב שלש חטאות", איך וועל אייך א קשיא פרעגען מיר האבען געלערנט אז איינער שעכט א חטאת אין שבת און אויסער דעם בית המקדש און צו דער עבודה זרה איז ער חייב דריי חטאות, „ואוקמינן בחטאת העוף ובחצי קנה פגום, טעמא דחטאת העוף הוא דכולהו בהדי הדדי קאתיין", און מיר האבען דאך איינגעזעצט די ברייתא צוליב דער קשיא אויף עולא, דאס זי שמועסט ביי חטאת עוף מיט א האלבען קנה אלס איבערגעהאקט, לויט דעם טייטש איז רעכט ווייל אזוי ארום קומען אלע דריי אסורים צוזאמען, ווי שוין אויבען ערקלערט, „אבל זבח לא, ואי אין אדם אוסר דבר שאינו שלו מאי איריא חטאת העוף אפילו חטאת

בהמה נמי, כיון דקניא ליה לכפרה כדידיה דמיא. תא שמע שנים אוחזין בסכין ושוחטין אחד לשום אחד מכל אלו, ואחד לשום דבר כשר שחיטתו פסולה? הכא במאי עסיקינן דאית ליה שותפות בגוה, ת״ש המטמא, והמדמע, והמנסך, בשוגג פטור, במזיד חייב? הכא נמי

---

בהמה נמי״? אָבער אַן אַנדער קרבן ניט, ווייל ער מוז דאָך האָבען ביידע סימנים, און אויב איהר זאָגט אַז אַ מענש קען ניט אסור׳ן וואָס איז ניט זיינס איז דאָך די קשיא וואָס איז ער דען געגויט אַנצוכאַפּען חטאת, איך זאָל אַריינטייטשען חטאת העוף, אפילו חטאת בהמה איז דאָך אויך אַזוי, דען בעפאָר ער ענדיגט די שחיטה קען ער דאָך איהר ניט אסור׳ן, און אַז ער ענדיגט איז דאָך שוין חל דער איסור פון שחוטה חוץ, און ווען איך זעה מען זעצט יאָ איין ביי חטאת העוף, מוז דאָך זיין דאָס מיט אַ מעשה קען מען יאָ אסור׳ן יענעמ׳ס, איז דאָך אַ קשיא אויף די דריי אמוראים? ענטפערט די גמרא, „כיון דקניא ליה לכפרה כדידיה דמיא״, אַזוי ווי דער באַלעבאָס איז קונה דעם חטאת פאַר אַ כפרה איז ער גלייך ווי ער וואָלט זיין זיינער, דעריבער טאַקע כאַפּט ער אָן חטאת, „תא שמע שנים אוחזין בסכין ושוחטין, אחד לשום אחד מכל אלו, ואחד לשום דבר כשר שחיטתו פסולה״? איך וועל אייך אַ קשיא פרעגען די משנה זאָגט אַז צוויי שעכטען מיט איין סכין, איינער האָט אין זינען פאַר איין נאָמען פון די אויסגערעכנטע, און איינער פאַר אַ כשר׳ע זאַך איז די שחיטה פסול, זעהסט דאָך גוט דאָס אַ מענש קען יאָ אסור׳ן יענעמ׳ס? ענטפערט די גמרא „הכא במאי עסקינן דאית ליה שותפות בגוה״, ווייסטו ווי דאָ שמועסט אַז דער צווייטער וואָס שעכט מיט האָט אַ שותפות אין דער בהמה, „תא שמע המטמא והמדמע והמנסך בשוגג פטור במזיד חייב״? איך וועל דיר אַ קשיא פרעגען, מיר האָבען געלערנט אַז איינער איז מטמא יענעמ׳ס טהרות אָדער ער מישט צוזאַמען יענעמ׳ס חולין מיט תרומה וואו ער מוז פאַרקויפען זיי פאַר ביליג צו אַ כהן אָדער ער גיסט יענעמ׳ס וויין צו דער עבודה זרה, איז דער דין דאָס אומגערען דהיינו ער האָט ניט געוואוסט אַז עס איז תרומה און ער האָט ער געוואוסט דאָס ניסענדיג אַביסעל פונ׳ם וויין ווערט ער אָסור, אָדער ער האָט געמיינט דער וויין איז זיין אייגענער, איז ער פטור פון צו באַצאָהלען, צוואַר אַ שעדיגער אפילו אומגערן דאַרף באַצאָהלען ווייל אַ מענש איז פאַרנטוואָרטליך, דאָ איז ער אָבער פטור ווייל דער שאָדען איז ניט קענטיג דאָס ווערט גערופען היזק שאינו ניכר, ולא שמיה היזק און ער הייסט ניט קיין שאָדען, אָבער מזיד איז ער חייב צו בצאָהלען ווייל די חכמים האָבען איהם גע׳שטראַפירט, און חאָטש ער איז חייב מיתה צוליב עבודה זרה, איז ער פונדעסטוועגען ניט פטור פון צו באַצאָהלען, ווייל אויפהויבענדיג דעם וויין מיט׳ן צוועק פאַר דער עבודה זרה האָט ער איהם שוין גע׳אסור׳ט און איז באַלד חייב פאַר באַצאָהלונג, און מיתה ווערט ער ערשט חייב וועהרענד ער גיסט, און דאָ איז דאָך יענעמ׳ס, זעהסט דאָך גוט דאָס אַ מענש קען יאָ אסור׳ן יענעמ׳ס זאַך מיט אַ מעשה? ענטפערט די

דאית ליה שותפות בגוה, כתנאי עכו"ם שניסך יינו של ישראל שלא בפני עכו"ם אסרו, רבי יהודה בן בתירא ורבי יהודה בן בבא מתירין אותו, מפני שני דברים, אחד שאין מנסכין יין, אלא בפני עכו"ם, ואחד שיכול לומר לו לא כל הימנך שתאסור ייני לאונסי, ורב נחמן ורב עמרם ורב יצחק אמרי אפילו למאן דאמר אדם אוסר דבר שאינו שלו ה"מ כותי, אבל ישראל לצעוריה קא מיכוין, ת"ש שנים אוחזין בסכין ושוחטין אחד לשום אחד מכל אלו, ואחד לשום דבר כשר שחיטתו פסולה? הכא במאי עסיקין בישראל מומר, ת"ש המטמא, והמדמע, והמנסך, בשוגג פטור, במזיד חייב? הכא נמי בישראל מומר, אמר

---

גמרא, „הכא נמי דאית ליה שותפות בגוה", דאָ שמועסט אויך אז ער האָט עפּעס אַ שותפות דעריין, זאָגט די גמרא „כתנאי עובד כוכבים שניסך יינו של ישראל שלא בפני עבודת כוכבים אסרו, ר' יהודה בן בתירא ור' יהודה בן בבא מתירין אותו מפני שני דברים", וועגען אסור'ן יענעם'ס קריגען אין דעם תנאים, דען מיר האָבען געלערנט אז אַ גוי האָט מנסך געווען אַ יוד'ס וויין, ניט אין געגענוואַרט פון עבודה זרה, דהיינו ער האָט איינגעשוואָנקט זיי האַנד אין וויין אַלס צוגרייטונג פאַר עבודה זרה, האָט ער איהם דערמיט גע'אסור'ט, ר' יהודה בן בתירא און ר' יהודה בן בבא זענען איהם מתיר צוליב צוויי זאַכען, „אחד שאין מנסכין יין אלא בפני עבודה זרה, ואחד שיכול לומר לו, לא כל הימנך שתאסור ייני לאונסי", איין זאַך איז זיי זענען ניט מנסך קיין וויין נאָר אין געגענוואַרט פון עבודה זרה, די צווייטע זאַך איז דער יוד קען צו איהם זאָגען, ניט אַלעס איז אין דיין האַנד צו קענען אסור'ן מיין וויין נעגען מיין ווילען, איי איז דאָך די קשיא אויף די דריי אמוראים, וואָס פאַר אַ נייעס טוען זיי אויף דערמיט, זאָגענדיג דאָס אַ מענש קען ניט אסור'ן יענעם'ס, עס קריגען דאָך אין דעם תנאים? נאָר „ורב נחמן ורב עמרם ורב יצחק אמרי אפילו למאן דאמר, אדם אוסר דבר שאינו שלו, הני מילי כותי אבל ישראל לצעוריה קא מכוין", זיי קענען אַזוי ענטפערען, אפילו נאָך דעם תנא וואָס זאָגט אז אַ מענש קען יאָ אסור'ן יענעם'ס, איז וועו איז דאָס געזאָגט נאָר ביי אַ גוי, אָבער אַ ישראל זאָג איך דאָס ער מיינט ניט די עבודה זרה נאָר צו פאַרשאַפען איהם צער דערפון, „תא שמע שנים אוחזין בסכין ושוחטין אחד לשם אחד מכל אלו, ואחד לשום דבר כשר שחיטתו פסולה"? איך וועל דיר אַ קשיא פרעגען מיר האָבען געלערנט אין אונזער משנה אז צוויי שעכטען מיט איין סכין, איינער האָט אין זינען פאַר עבודה זרה און איינער פאַר אַ כשר'ע זאַך איז די שחיטה פסול איז דאָך די קשיא עס קען דאָך זיין, דאָס זיין מיין איז גאַרניט געווען פאַר עבודה זרה נאָר פאַר מצער זיין איהם? ענטפערט די גמרא, „הכא במאי עסקינן? בישראל מומר", ווייסטו ווי דאָ שמועסט? עס שמועסט ביי אַ ישראל וואָס איז אַ באַוואוסטער מומר צו דינען די עבודה זרה, ער איז אין האַלטונג זיכער פאַר עבודה זרה, און אַלס אַ שותף אסור'ט זיין שחיטה די בהמה לויט ווי די גמרא ענטפערט באַלד אויבען, „תא שמע המטמא והמדמע והמנסך בשוגג פטור במזיד חייב"? איך וועל דיר פרעגען מיר האָבען געלערנט

ליה רב אחא בריה דרבא לרב אשי אתרו בו וקבל עליו התראה, מאי? אמר ליה התיר עצמו למיתה קאמרת? אין לך מומר גדול מזה: מתני' אין שוחטין לא לתוך ימים ולא לתוך נהרות ולא לתוך כלים, אבל שוחט הוא לתוך עוגה של מים, ובספינה ע"ג כלים, אין שוחטין לגומא כל עיקר, אבל עושה גומא בתוך ביתו בשביל שיכנס הדם לתוכה ובשוק לא יעשה כן, שלא (דף מ"א ע"ב) יחקה את הצדוקים: גמ' אין שוחטין לא לתוך וכו' מאי שנא לתוך ימים דלא, דאמרי לשרא דימא קא שחיט, לתוך עוגה של מים נמי, אמרי לבבואה קא שחיט?

---

אז איינער איז מטמא יענעם'ס טהרות אָדער ער מישט אוים יענעם'ס חולין מיט תרומה אָדער ער מאכט יענעם'ס וויין אלס נסך, אויב בשוגג איז ער פטור און במזיד איז ער חייב, ווי שוין באשייד אויבען, איז דאָך די קשיא, עס קען דאָך זיין דאָס ער האָט גאָרניט געמיינט די עבודה זרה, נאָר מצער צו זיין איהם? ענטפערט די גמרא „הכא נמי בישראל מומר", דאָ שמועסט אויך ביי א ישראל וואָס איז אַ מומר צו עבודה זרה, „אמר ליה רב אחא בריה דרבא לרב אשי התרו בו וקבל עליו התראה מאי"? האָט רב אחא דער זוהן פון רבא געזאָגט צו רב אשי אויב מען האָט איינעם ביי אזא פאַל, פריהער געוואָרענט און ער האָט אָנגענומען די התראה און בעפאָר דעם איז ער ניט באוואוסט געוועזען אלס מומר ווי איז דער דין? „אמר ליה התיר עצמו למיתה קאמרית אין לך מומר גדול מזה", האָט ער איהם געענטפערט, דו רעדסט פון אַ פאַל וואו אַ מענש גיט זיך נאָך צו דער וואָרנונג, עס איז ניט פאַראַן קיין גרעסערער מומר פאַר דעם, און זיכער דאָס ער האָט געמיינט עהרענסט מיט דער עבודה זרה: „מתניי, אין שוחטין לא לתוך ימים ולא לתוך נהרות ולא לתוך כלים, אבל שוחט הוא לתוך עוגה של מים, ובספינה על גבי כלים", מען טאָר ניט שעכטען אין ים אריין ניט אין טייכען אריין און ניט אין כלים אריין, מען זאָל ניט חושד זיין, דאָס ער שעכט צום שר פון די ימים אלס אַן עבודה זרה, אין די כלים נעמט ער די בלוט פאַר די עבודה זרה, אָבער ער מעג יאָ שעכטען אין אַ גריבעל מיט וואסער און אין אַ שיף מעג ער שעכטען אויף כלים וואָס מאַכען לויפען די בלוט אין וואסער אריין אום ניט צו פאַרשמוצען די שיף, „אין שוחטין לגומא כל עיקר, אבל עושה גומא בתוך ביתו, בשביל שיכנוס הדם לתוכה", מען טאָר אינגאנצען ניט שעכטען אין אַ גריבעל אריין, אָבער ער מעג מאַכען אַ גריבעל אין זיין הויז, די בלוט זאָל אריין דערין, „ובשוק לא יעשה כן, שלא יחקה את הצדוקים", און אין דער גאס זאָל ער אזא גריבעל פאַר שחיטה ניט מאַכען, אום ער זאָל ניט דעמאָנסטרירען דעם געזעץ פון די צדוקים וועלכע גלויבען ניט אין תורה און מאַכען גריבלאָך פאַר שחיטה צו דער עבודה זרה: „גמ', אין שוחטין לא לתוך וכו'": פרעגט די גמרא, „מאי שנא לתוך ימים דלא, דאמרי לשרא דימא קא שחיט, לתוך עוגה של מים נמי אמרי לבבואה קא שחיט"? ווארום איז אנדערש, דאָס אין ימים אריין זאָל ער ניט שעכטען, ווייל מ'וועט זאָגען ער שעכט צום שר פון ים, און אַ גרוב מיט וואסער, קען מען דאָס אויך זאָגען, דאָס ער שעכט צום בילד וואָס צייגט זיך געגען איהם?

אמר רבא בעכורים שנו: אין שוחטין לגומא וכו': והא אמרת אין שוחטין לגומא כלל? אמר אביי רישא בגומא שבשוק, אמר ליה רבא והא מדקתני סיפא ובשוק לא יעשה כן, מכלל דרישא לאו בשוק עסיקינן? אלא אמר רבא הכי קאמר אין שוחטין לגומא כל עיקר, והרוצה לנקר חצרו, כיצד הוא עושה? עושה מקום חוץ לגומא, ושוחט, ודם שותת ויורד לגומא, ובשוק לא יעשה כן, שלא יחקה את הצדוקים, תניא כוותיה דרבא היה מהלך בספינה ואין לו מקום בספינה לשחוט, מוציא ידו חוץ לספינה ושוחט, ודם שותת ויורד על דופני הספינה, ואין שוחט לגומא כל עיקר, והרוצה לנקר חצרו כיצד הוא עושה? עושה מקום חוץ לגומא ושוחט ודם שותת ויורד לגומא, ובשוק לא

---

„אמר רבא בעכורים שנו", האָט רבא געענטפערט אז די משנה איז געלערנט ביי בלאָטיגע וואסער וואו עס זעהט זיך ניט קיין בילד: „אין שוחטין לגומא וכו'": פרעגט די גמרא, „והא אמרית אין שוחטין לגומא כלל? אמר אביי רישא בגומא שבשוק", דו זאָגסט דאָך ערשט אין דער רישא, דאָס מען שעכט איינגאַנצען ניט אין א גריבעל אריין? האָט אביי געזאָגט דאָס די רישא שמועסט ביי א גריבעל אין גאַס, „אמר ליה רבא והא מדקתני סיפא ובשוק לא יעשה כן מכלל דרישא לאו בשוק עסקינן"? האָט רבא צו איהם געזאָגט פון דעם וואָס איז געלערנט איז דאָך געדרינגען דאָס אין דער רישא שמועסט גאָרניט ווענען אין גאַס? „אלא אמר רבא הכא קאמר אין שוחטין לגומא כל עיקר, והרוצה לנקר חצרו כיצד הוא עושה? עושה מקום חוץ לגומא ודם שותת ויורד לגומא", נאָר האָט רבא געזאָגט אזוי האָט די משנה געמיינט צו זאָגען מען שעכט אין גרוב אריין איינגאַנצען ניט, ניט מעהר אז איינער וויל האלטען זיין חצר ריין, ווי אזוי זאָל ער טוען? מאַכט ער א פלאַץ אין דרויסען נעבען גריבעל און שעכט און די בלוט לויפט אריין אין גריבעל, „ובשוק לא יעשה כן שלא יחקה את הצדוקים", אבער אין גאַס זאָל ער אזוי ניט טוען אום ער זאָל ניט נאָכטוען די צדוקים (די צדוקים זענען א סעקטע ווי די קראים וואָס גלויבען ניט אין תורה שבעל פה זייער ערשטער הויפט האָט געהייסען צדוק, רופט מען שוין אויך אזוי די מינים צו עבודה זרה( און דער טייטש אין משנה געהט אזוי, „אבל עושה גומא בתוך ביתו בשביל יכנס הדם לתוכה", אָבער ער מעג מאַכען א גריבעל אין הויז מיינענדיג אין חצר, און שעכטען אין א פלאַץ נעבען גרוב, אום די בלוט זאָל אריינגעהן אין גרוב, „תניא כוותיה דרבא היה מהלך בספינה ואין לו מקום בספינה מוציא ידו חוץ לספינה ושוחט ודם שותת ויורד על דופני הספינה, ואין שוחט לגומא כל עיקר", מיר האָבען געלערנט א גלייכונג צו רבא אז איינער איז געגאַנגען מיט א שיף און ער האָט ניט געהאַט קיין פלאַץ וואו צו שעכטען, זאָל ער ארויסדערלאַנגען זיין האַנד ארויס פון דער שיף און שעכטען, און די בלוט זאָל ארויף גיסען זיך אויף די ווענט פון דער שיף, און אין א גריבעל אריין זאָל ער איינגאַנצען ניט שעכטען, „והרוצה לנקר חצרו כיצד הוא עושה? עושה מקום חוץ לגומא ושוחט, ודם שותת ויורד לגומא", און דער וואָס וויל זיין חצר

יעשה כן משום שנאמר (ויקרא י"ח) ובחוקותיהם לא תלכו, ואם עשה כן צריך בדיקה אחריו: מתני' השוחט לשם עולה לשם זבחים לשם אשם תלוי לשם פסח לשם תודה שחיטתו פסולה, ורבי שמעון מכשיר, ושנים אוחזין בסכין ושוחטין, אחד לשם אחד מכל אלו ואחד לשום דבר כשר, שחיטתו פסולה, השוחט לשם חטאת לשם אשם ודאי לשם בכור לשם מעשר לשם תמורה שחיטתו כשרה זה הכלל כל דבר שנידר

---

האלטען ריין, ווי אזוי זאָל ער טוען? ער מאכט א פלאַץ אין דרויסען נעבען גריבעל און ער שעכט, און די בלוט גיסט זיך אריין אין גריבעל, „ובשוק לא יעשה כן משום שנאמר ובחוקותיהם לא תלכו, ואם עשה כן, צריך בדיקה אחריו", און אין גאס זאָל ער אזוי ניט טוען, צוליב דער פסוק זאָגט אין די געזעצען פון די גוים זאָלט איהר ניט געהען, און אויב ער האָט יאָ אזוי געטוען, דאַרף מען אונטערזוכען נאָך איהם צי ער איז ניט געגוייגט נאָך דער עבודה זרה ווי די צדוקים טוען עם דעם מנהג: „מתני', השוחט לשם עולה לשם זבחים לשם אשם תלוי לשם פסח לשם תודה שחיטתו פסולה, ור' שמעון מכשיר", אז איינער שעכט חולין צום נאָמען עולה אָדער זבחים וואָס מיינט שלמים, אָדער אַלס אשם תלוי וואָס קומט אויף אן איסור פון כרת, וואו ער איז אין ספק צי ער האָט דעם איסור געטוען, דהיינו ער האָט געגעסען א שטיק פון צוויי שטיקער אויף וועלכען עדות זאָגען דאָס איינער פון די ביידע איז געווען חלב, וואָס קומט כרת, דאַרף ער דאָך ברינגען אן אשם תלוי פאַר דערווייל ביז ער ווערט געוואָר, האָט ער געשאָכטען צו דעם נאָמען, איז זיין שחיטה פסול, האָטש דער דין איז דאָך, דאָס חולין אויב ער שעכט צום נאָמען פון קדשים איז גאַרניט, פונדעסטוועגען איז אסור מדרבנן, ווייל זעהענדיג דאָס, וועט מען זאָגען דאָס ער האָט יעצט מקדיש געווען די חולין אַלס נדבה און זיי געשאָכטען, און דאָס איז דאָך שוין אן איסור כרת פון שחוטי חוץ אויסער דער עזרה, די גמרא וועט ווייטער פרעגען, אשם תלוי קומט דאָך ניט אַלס נדבה, סיידען עס פאַסירט ביי איהם אזוי, ווערט עס דאָך א בעוואוסטע זאַך, דאָס דער און דער איז מחויב געוואָרען אן אשם, און אויב ער שעכט זיינע חולין צו דעם נאָמען, ווייסט דאָך יעדער אז עס איז ניטאָ קיין איסור, דאָס זעלבע וועט די גמרא פרעגען אויך וועגען פסח, און ר' שמעון איז מכשיר, ער באַזאָרגט ניט וועגען מראית עין, דאָס טאָמער וועט יענער זעהן און אזוי זאָגען, „שנים אוחזין בסכין ושוחטין, אחד לשם אחד מכל אלו, ואחד לשום דבר כשר שחיטתו פסולה", אז צוויי שעכטען מיט איין סכין איינער פאַר דעם נאָמען און איינער פאַר א נאָמען וואָס איז כשר, איז די שחיטה פסול, „השוחט לשם חטאת לשם אשם ודאי לשם בכור לשם מעשר לשם תמורה שחיטתו כשרה", אז איינער שעכט צום נאָמען חטאת וואָס א מענש ווערט פאַרפליכטעט צו ברייננען, אָדער אן אשם ודאי וואָס מען ברייננט אויף פאַרלייקנען יענעם געלד און אָפּשווערען (דער וואָרט וודאי איז דאָ אויסגעשפּראָכען געגען וואָרט תלוי, וואָס מיינט דער איסור הענגט דערווייל אין לופטען ביז ער ווערט געוואָר, און ודאי איז א זיכערער

ונידב השוחט לשמו אסור, ושאינו נידר ונידב השוחט לשמו כשר: גמ' השוחט לשם עולה וכו' אשם תלוי בר נידר ונידב הוא? אמר רבי יוחנן הא מני ר' אלעזר היא, דאמר מתנדב אדם אשם תלוי בכל יום, פסח בר נידב ונידר הוא? זימנא קביעא ליה? אמר ר' אושעיא שאני פסח הואיל והפרשתו כל השנה כולה, א"ר ינאי לא שנו אלא תמימים, אבל בעלי מומין מידע ידיע, ור' יוחנן אמר אפילו בעלי מומין נמי, זימנין דרמי ליה מידי אמומא ולא ידיע: השוחט לשם חטאת: א"ר יוחנן לא

---

פראָמינענטער קרבן אשם פאַר אַ געוויסע זינד) אָדער צום נאָמען בכור צום נאָמען מעשר אָדער תמורה וואָס איז אויסגעביטען פאַר קדשים, פאַר די אַלע נעמען איז די שחיטה כשר, ווייל יעדער ווייס זיין ליגענד דאָס ער האָט גאַרניט אין באַזיטץ די אַלע קרבנות, און עס איז ניט דאמאָלסט די צייט פון זייער אָפּשיידונג, „זה הכלל כל דבר שנידר ונידב השוחט לשמו אסור, ושאינו נידר ונידב השוחט לשמו כשר", דאָס איז דער רעגעל דערביי, יעדע זאַך וואָס ווערט גע'נדר'ט אָדער גע'נדב'ט אַלס געשאַנק צום מזבח, אַז ער שעכט צו דעם נאָמען איז די שחיטה אסור, ווייל מען קען איהם חושד זיין דאָס ער האָט עס יעצט געשאָנקען און מקדיש געווען און געשאָכטען אַלס שחוטי חוץ, אָבער די זאַך וואָס איז ניט געשאָנקען, נאָר אַלס חיוב אַז ער שעכט צו דעם נאָמען איז עס כשר, ווייל קיין חשד דערביי איז ניטאָ, יעדער ווייס דאָס ער האָט ניט קיין קדשים ביי זיך: „גמ', השוחט לשם עולה אשם תלוי וכו'", פרעגט די גמרא, „אשם תלוי בר נידר ונידב הוא? אמר ר' יוחנן הא מני רבי אלעזר היא דאמר מתנדב אדם אשם תלוי בכל יום", און אשם תלוי קומט דען אַלס געשאַנק? האָט ר' יוחנן געזאָגט ווייסטו ווי ווער ווערט דאָס אויסקומען? ווי ר' אלעזר וואָס זאָגט אַז אַ מענש קען שענקען אַן אשם תלוי אַלס נדבה יעדען טאָג, פרעגט די גמרא, „פסח בר נידב ונידר הוא, זימנא קביעא ליה? אמר ר' אושעיא שאני פסח הואיל והפרשתו כל השנה כולה", און פסח קומט דען אַלס נדר אָדער נדבה, ער האָט דאָך זיין באַשטימטע צייט? האָט ר' אושעיא געזאָגט פסח איז אַנדערש ווייל מען קען איהם אָפּשיידען אַ גאַנץ יאָהר און אויב מען שעכט איהם, ניט אין זיין צייט איז ער דאָך שלמים, קען מען איהם שוין חושד זיין דאָס ער האָט איהם מקדיש געווען און געשאָכטען אַלס שלמים וואָס איז שחוטי חוץ, „אמר ר' ינאי לא שנו אלא תמימים, אבל בעלי מומין מידע ידיע", האָט ר' ינאי געזאָגט דאָס די חכמים האָבען דאָס ניט געלערנט אין משנה אַז מען טאָר ניט שעכטען אויף די נעמען, נאָר ביי גאַנצע אָהן אַ פעהלער, אָבער בהמות מיט אַ פעהלער ווייסט יעדער איינער אַז עס איז חולין ניט קיין קדשים, און ער זאָגט נאָר אַזאַ ליגען, „ור' יוחנן אמר אפילו בעלי מומין נמי זימנין דרמי ליה מידי אמומא ולא ידיע", און ר' יוחנן זאָגט אַפילו פעהלער־האַפטיגע טאָר מען אויך ניט שעכטען אויף די נעמען, ווייל צומאהל איז אַרויפגעוואָרפען עפּעס אַ זאַך אויפ'ן פעהלער וואָס מען דערזעהט ניט, מיינט מען עס איז אָהן אַ פעהלער און מען איז איהם חושד: „השוחט לשם

שנו אלא שאינו מחוייב חטאת, אבל מחוייב חטאת אימא לשום חטאתו הוא עושה, והא לא קאמר לשם חטאתי? א״ר אבהו באומר לשם חטאתי: לשם תמורה: אר״א ל״ש אלא שאין לו זבח בתוך ביתו, אבל יש לו זבח בתוך ביתו, אימא אמורי אמיר ביה, והא לא קאמר לשם תמורת זבחי א״ר אבהו באומר לשם תמורת זבחי: זה הכלל: לאתויי מאי? לאתויי עולת נזיר, דמהו דתימא הא לא נדר, אימר נדר בצינעא, ושאינו נידר ונידב לאתויי עולת יולדת, א״ר אלעזר לא שנו אלא שאין

---

חטאת וכו׳ אמר ר׳ יוחנן לא שנו אלא שאינו מחוייב חטאת אֲבל מחוייב חטאת, אימא לשום חטאתו הוא עושה", אויף חטאת האָט ר׳ יוחנן געזאָגט דאָס די חכמים האָבען עס ניט געלערנט אין משנה, נאָר דאָ וואו ער איז ניט פארפליכטעט געווען צו אַ חטאת, אָבער וואו ער איז מחוייב געווען אַ חטאת, קען מען זאָגען דאָס ער טוט עס אַלס חטאת, פרעגט די גמרא, והא לא קאמר לשם חטאתי? אמר ר׳ אבהו באומר לשם חטאתי", ער האָט דאָך ניט אַרויסגעזאָגט דאָס איך שעכט עס צום נאָמען פון מיין חטאת, היינט ווי אַזוי קען מען איהם חושד זיין? האָט ר׳ אבהו געזאָגט עס שמועסט טאָקע אַז ער האָט געזאָגט צום נאָמען פון מיין חטאת: „לשם תמורה: אמר ר׳ אלעזר לא שנו אלא שאין לו זבח בתוך ביתו, אבל יש לו זבח בתוך ביתו אימא אמורי אמיר ביה", אויף תמורה האָט ר׳ אלעזר געזאָגט, דאָס די חכמים האָבען תמורה ניט געלערנט אין משנה, נאָר דאָ וואו ער האָט ניט קיין אַנדער קרבן אין הויז, אָבער אַז ער האָט יאָ אַ זבח אין הויז, קען איך זאָגען אַלס חשד דאָס ער האָט געביטען די חולין אויפ׳ן זבח, און ער שעכט איהר אַלס קדשים וואָס איז שחוטי חוץ, פרעגט די גמרא, „והא לא קאמר לשם תמורת זבחי? אמר ר׳ אבהו באומר לשם תמורת זבחי", ער האָט דאָך ניט אַרויסגעזאָגט דאָס די תמורה איז וואָס איך האָב אויס־געביטען אויף מיין זבח? האָט ר׳ אבהו געזאָגט עס שמועסט טאָקע וואו ער האָט אַרויסגעזאָגט דאָס די תמורה איז אויסגעטוישט אויף מיין זבח: „זה הכלל": פרעגט די גמרא, „לאתויי מאי"? וואָס קומט דער כלל מרבה זיין, איז דען דאָ נאָך אַ זאַך וואָס דער כלל נעמט אַרום? ענטפערט די גמרא, „לאתויי עולת נזיר, דמהו דתימא הא לא נדר? אימר נדר בצינעא", עס קומט מרבה זיין אַן עולה וואָס אַ נזיר ברייננט, דען איך וואָלט מיינען צו זאָגען, ער האָט דאָך אויף זיך קיין נזירות ניט גענומען? קען איך אָבער זאָגען דאָס אין דער שטיל האָט ער אויף זיך גענומען נזירות און דאָס איז די עולה וואָס ער שעכט דעריבער טאָר מען ניט, „ושאינו נידר ונידב לאתויי עולת יולדת", און וואָס ער זאָגט אינ׳ם כלל, אַז דאָס אָבער וואָס קומט ניט דורך קיין נדר אָדער אַ נדבה, איז די שחיטה יאָ כשר, קומט מרבה זיין אַן עולה פון אַ געווינערן, דאָס אויב ער זאָגט אַז ער שעכט צו דעם נאָמען, איז פונדעסטוועגען די שחיטה כשר, „אמר ר׳ אלעזר לא שנו אלא שאין לו אשה אבל יש לו אשה, אימר לשמה הוא עושה", האָט ר׳ אלעזר געזאָגט אויף דעם, דאָס די משנה האָט ניט געמיינט, וואו ער האָט ניט קיין ווייב,

לו אשה, אבל יש לו אשה אימר לשמה הוא עושה והא לא קאמר לשם עולת אשתי? א"ר אבהו באומר לשם עולת אשתי, פשיטא? (דף מ"ב ע"א) מהו דתימא אם איתא דילדה קלא הוה ליה קא משמע לן אמר אפולי אפיל:

## הדרן עלך השוחט

---

ווייסט דאך יעדער איינער אז עס איז א ליגען דאס שעכטען אויפ'ן נאמען פון אן עולה פאר א געווינערין, אבער אז ער האט יא א פרוי קען טאקע זיין דאס ער טוט עס פאר זיין פרוי די געווינערן, פרעגט די גמרא „והא לא אמר לשם עולת אשתי? אמר ר' אבהו באומר לשם עולת אשתי", ער האט דאך ניט ארויסגעזאגט דאס איך שעכט די עולה פון מיין פרוי? האט ר' אבהו געזאגט אז עס שמועסט וואו ער זאגט ארויס צום נאמען פון מיין פרוי, פרעגט די גמרא, „פשיטא"? עס איז דאך א געוויס אזוי, דאס אויב ער האט א ווייב און ער זאגט ארויס, דאס די עולה איז פאר איהר, אז עס איז אסור צוליב חשד? ענטפערט די גמרא, „מהו דתימא אם איתא דילדה קלה הוה ליה"? איך וואלט מיינען צו זאגען, אויב ריכטיג דאס זי האט געוואונען א קינד, וואלט זיך עס געהערט און געווארען באוואוסט? אזוי ווי מען ווייסט ניט, וואלט מען איהם ניט חושד זיין אויף שחוטי חוץ, זאל זיין די שחיטה כשר? „קא משמע לן אימר אפולי אפיל", לאזט אונז ר' אלעזר הערען דאס אויב ער האט א ווייב און ער זאגט, דאס שעכט ער איהר'ס אן עולה איז די שחיטה פסול וויל מען קען איהם חושד זיין אויף שחוטי חוץ, דען מען קען זאגען, דאס האט זיין ווייב מפיל געווען און א מאפלען האט ניט קיין קול, איז דאך מעגליך דאס די עולה איז געווען אפגעשייד פאר איהר:

**הדרן עלך השוחט**

# פירוש מלבי"ם - חולין - וכפי דרכו

### דף ג' ע"א: בחלל חרב הרי הוא כחלל.

**הפסוק** בחלל חרב או במת, ואי נפקא מינה בין חלל חרב ובין אם הרגו בעץ או באבן, וע"כ פירשו חז"ל שבפירוש הנוגע בחלל חרב, שנוגע בו בעת שהורג אותו בחרב שאז נוגע בו ע"י החרב, ולמדנו מזה שהחרב טמא טומאת שבעה והאדם הנוגע בחרב טמא טומאת שבעה. וז"ש בחלל חרב, חרב הרי הוא כחלל, ר"ל נגיעתו בחרב דומה כאילו נוגע בחלל עצמו. ובפרשת מטות אמר כל הורג נפש וכל נוגע בחלל תתחטאו ביום השלישי וביום השביעי וכבסתם בגדיכם ביום השביעי, שמ"ש כל הורג נפש בודאי פירושו שהרג על ידי חרב ונגע ע"י החרב, שאם פירוש שנגע בהמת עצמו א"כ היינו נוגע בחלל.

### חולין דף ה' ע"א: מכם בכם חלקתי ולא באומות.

**משמיע** בזה דהנה לקמן מרבה מאיש איש עכו"ם דנודרים נו"נ כישראל, ואי מחלקינן גם בעכו"ם בין מומר לשאינו מומר הוה מוקמינן ליה לאיש איש לעכו"ם שאינו מומר ומן הבהמה לעכו"ם מומר, דאינם קרוים אדם כדמפרש במאמר הבא, אבל השתא דנשמע ממכם דאין חילוק בין עכו"ם לעכו"ם ונתרבו כולם, אייתר מן הבהמה לפושעי ישראל.

### דף ה' ע"א: מן הבהמה להביא בני אדם שדומים לבהמה מכאן אמרו וכו'.

**ומי** לא יתפלא על מאמר זה שידרשו חז"ל על הקרבן שהוא מן הבהמה על פושעי ישראל המקריב, וביותר נפלא הפלפול אם בהמה מעליא אם בהמה גריעותא, אולם כל דבריהם כגחלי אש. ועתה אחי שמע לי, כבר אמרנו כי שם אדם נבדל מן שם איש במה שמורה על גדרו המיוחד מצד שהוא אדם לא מצד שהוא יש ונמצא כיתר בעלי חיים שע"ז מורה שם איש שפרשו „יש", ויקרא בשם אדם לפעמים מצד גופו כמו שיבדלו המינים שור או כשב או עז, איל צבי ויחמור, מצד בנין גופם שלפיהו כל אחד בשם מיוחד יקרא, כן יקרא אדם מצד גופו שהוא בעל שתי ידים ניצב הקומה שיבדל בזה מיתר בעלי חיים, ולפעמים יקבוהו בשם אדם מצד עצמות צורתו ונפשו האלקית שבו ישכיל לעשות טוב יצדק שמצד זה יקרא אדם באמת, כי מצד גופו הוא בהמה בתואר אדם כמו שכתוב בתורה כי מותר האדם הוא מותר הבהמה. (עיין נדה דף מ"ד).

**ועתה** בכל הצווים שבתורה שפרטה שם אדם, כמו גבי צרעת וטומאת מת וסוכת שמן המשחה וכדומה, יפול ספק אם בא שם אדם בהבנתו המדויקת וכיון רק על מי שהוא אדם באמת, או בא בהבנה מורחבת כל שאינו בהמה דהיינו מין האדם, אולם בזה כבר שמנו חק ולא יעבור כי התורה לא תתמה דבריה, ומסתם נאמר שדברה בדיוק ור"ל אדם באמת ולכן גדרו חז"ל אתם קרואים אדם ואין עכו"ם קרואים אדם וכו׳, אולם כל זה אם כתיב אדם סתם אבל אם כתיב האדם ב"ה, הידיעה כמו כי לא יראני האדם וחי מוכח מן הכתוב שהוא על מין האדם, או אם כתוב בני אדם ג"כ על מין האדם, או אפילו אם כתיב אדם אם הוא נרדף עם בהמה דהיינו שמונה מינים שונים מובן מעצמו שהוא על מין האדם, וכלל זה באורהו רבותינו בעצמם (ביבמות ס"א ובכריתות ו׳) מקשה על הכלל דאין עכו"ם בכלל אדם, והא כתיב ונפש אדם ט"ז אלף, תרין משום בהמה וכו׳, וזה אשר כתבתי כששם אדם נרדף עם מינים אחרים. והשתא נבוא אל הבאור שאחר שכתיב אדם כי יקריב מן הבהמה אדם נרדף עם בהמה, דהיינו מין אדם שירצה להתכפר ע"י בהמה, ממילא משמע אפילו פושעי ישראל, מכאן שמקבלים קרבנות מפושעי ישראל, וע"ז מקשה וכל היכא דכתיב בהמה גבי אדם גרוע וגם פושעי ישראל בכלל. והא כתיב אדם ובהמה תושיע ה׳ ואמר ר"י אמר רב וכו׳ ותירץ שבהמה מפרש שם אדם דהיינו אדם באמת ומשים עצמו כבהמה כמו מבעה והבער מאי מבעה הבער, או יין ושכר, יין המשכר, נבלה וטרפה נבלה שיש במינה טרפה. ומקשה הפסוק וזרעתי את בית ישראל זרע אדם וזרע בהמה ג"כ נימא כן. ומתרץ התם חלקיה קרא זרע אדם לחוד וזרע בהמה לחוד דהיינו אדם מלד גופו אפילו לא קרא ולא שנה, (ולפ"ז יקשה לכתוב רחמנא איש כי יקריב מכם וכו׳ וממילא משמע גם פושעי ישראל, ע"ז התריץ דצריך לכתוב שם אדם לדרוש ממנו מה אדם לא הקריב מן הגזל אף אתם לא תקריבו מן הגזל (עיין סוכה דף ל׳) ומה שדרשו מכם ולא כלכם, כי המילה מכם נעתקה ממקומה וצורת הכתוב היה צריך להיות איש מכם כי יקריב קרבן לה׳ מן הבהמה, כמו איש איש מבית ישראל, איש מזרעך לדורותם, איש איש מזרע אהרן, כי ה"מ" צרך לכתוב תכף אחר נושא המאמר, איש מכם הוא נושא המאמר, כי יקריב נשוא המאמר, ונעתקה מלת מכם ממקומה לעשותה נשוא המאמר ר"ל כי יקריב (יהיה) מכם ולא כלכם).

### דף ה׳ ע"ב: מעם הארץ פרט למומר וכו׳.

**כבר** כתבתי שבא הכתוב מסורס שהי׳ צריך לומר ואם נפש אחת מעם הארץ תחטא. ודריש לה שמ"ש מעם הארץ הוא נשוא המאמר בכללו שנפש אשר תחטא צריך שתהיה מעם הארץ לא מומר שנבדל מן העם וכן דריש בחולין (דף ה׳) על אדם כי יקריב מכם פרט למומר, שממה שלא אמר אדם מכם כי יקריב כדין הלשון כי מלת מכם תואר לאדם כמו איש איש מזרעך, איש איש מבית ישראל, ואז יהיה מכם

וצרף לנושא המאמר כי יקריב, ור"ל המקריב יהי' מכם ולא מומר. ושם הבאתי דרשים רבים כמו אלה, וכבר כתבתי בהמאמר ההוא שדרש מזה שם דרשה אחרת, אך סתמא דספרא שהוא ר"י דס"ל יחיד שעשה בהוראת ב"ד פטור לדידיה א"צ לדרשה דשם ור"ש לשטתו דסבר דיחיד שעשה בהוראת ב"ד חייב וכמו שמבואר בשבת (דף ל"ג) לגי' רש"י שם וצריך הפירוש לדרוש מעם הארץ אפילו רובו ואפילו כולו, ולמד למעט מומר ממ"ש אשר לא תעשינה בשגגה ואשם או הודע, שרק אם הידיעה חידש אצלו חרטה ותשובה כמ"ש או הודע לא המומר. מגיר' הספרא היושב משמע שדרש מן בשגגה, שפי' לא אם היה עושה זאת גם במזיד, (ובגמרא שבת דף ס"ט והוריות דף ב' י"א, ופה ה' ע"ב, יומא דף פ') גרים השב מידיעתו ודריש מן או הודע כנ"ל.

**דף ו' ע"א: אמר רב נחמן דמות יונה מצאו להן בראש הר גריזים שהיו עובדין אותה.**

**כי** הכותים הם הגוים אשר הושיב מלך אשור בארץ ישראל אחר שהגלה את השבטים והיו אריות אוכלים אותם, ומפחד זה כמה וכמה מהם מתגיירים ונתערבו בישראל, אבל רובם את ה' היו יראים ואת אלוהיהם היו עובדים ומזה נתהוה המחלוקה אם הם גרי אמת או גירי אריות, ובאמת אף שכמה וכמה מהם היו שומרי מצות מכל מקום היו דבוקים בעבודה זרה שלהם ומתפחדים תמיד פן יהיו לשן אריות, ועיצו עיצה מה לעשות ומצאו דכנסת ישראל נמשלה ליונה, וחשבו בזה לפי דמיונם לעשות דמות יונה ולעבוד אותה, ובזה יצאו ידי חובתם לאלקי ישראל, כי לא נמצא בשום מקום שיעבדו העכו"ם אל הכרובים, ואם היה כן לא היה צוה ה' לעשות כרובים במקדש, רק מנהגם היה לעבוד אל כחות הטבע ועשו טלמסאות אליהם, וגם הם לא עשו את הדמות יונה לעיקר עבודה זרה שלהם, כי אלהיהם שהביאו עמהם היו עובדים, ועבדו גם אל הדמות יונה כדי לשכך הכעס שלא ישלח עליהם את האריות, ויהיו פטורים ממצות התורה מכל וכל, והעמידוה על ראש הר גריזים נגד הקללה ארור אשר לא יקום.

**דף י' ע"ב: והתנן בית אפל אין פותחין בו חלונות לראות את נגעו.**

**דבנגעים** כתיב כנגע נראה לי בבית ויש הבדל בין הפעל ראיתי שיראה בכוונה לראות, ובמקום אפל ידליק נר ויפתח חלון ובין הנפעל נראה לי שהנפעל נעשה מעצמו מבלי שהכין א"ע לראות מזה הוכיחו פה שבית אפל אין פותחין בו חלונות פירוש שיראה מעצמו לא ע"י הכנת אור וכו'.

**בזה הדף: ויצא הכהן מן הבית יכול ילך לתוך ביתו ויסגיר ת"ל אל פתח הבית וכו'.**

**אם** יאמר ויצא מן הבית נאמר שיצא לכל מקום שירצה, כמו ויצא האחד מאתו, והאנשים יצאו (יהושע ב') לכן אמר אל פתח הבית, ואם יאמר ויצא אל פתח הבית נפרש אל תחת המשקוף כמו והוא יושב פתח האהל, ונצבו איש פתח אהלו, לכן אמר ויצא מן הבית שהיא היציאה לגמרי, שהגם שתחת המשקוף אינו בכלל בית כמ"ש בנדרים (דף נ"ו) הנודר מן הבית מותר מן האגף ולחוץ בכ"ז אינו רשות בפ"ע שיצדק עליו יציאה, וכבר התבאר שאין מדרך הלשון לחזור השם בכל פעם והיל"ל והסגירו בכינוי ופירשו חז"ל שאם יאמר והסגירו יהי' הכל משפט אחד מדובק שיצא אל פתח הבית ויסגיר ואם הלך לביתו והסגיר אין מועיל משא"כ והסגיר את הבית הוא משפט בפ"ע נפרד מהקודם, לכתחלה יצא מן הבית אל פתח הבית ובדעיבד והסגיר את הבית בכל אופן.

**דף י"א ע"א: אר"א אתיא מרישא של עולה דאמר קרא ונתח אותה לנתחיה אותה לנתחיה ולא נתחיה לנתחים.**

**איכות** הדרוש: „ל" לנתחיה הוא „ל" החלוקה כמו למשפחותיהם, לגבולותיה, למינהו, לבנותיה, למחלוקותיה, ויש הבדל בין אם בא השם בכינוי שאז מורה על כלל החלקים הנמצאים בו, ובין אם בא בלא כינוי, כמו ויקרב את ביתו לגברים (יהושע ז') ולהעמיד את העם למשפחות (נחמי' ד') ר"ל משפחה אחר משפחה, אבל כשאומר למשפחותיו ר"ל כל המשפחות הנמצאות, וכן כשאומר לנתחיה היינו לכל הנתחים הנמצאים בבן הבקר, ובכל זה עדיין לא נדע איך וכמה ינתח, כי פעל נתח נמצאהו על גוף הניתח לנתחים גדולים, כמו וינתחה לעצמיה לשנים עשר נתחים (שופטים י"ט), ועל נתחים קטנים הנעשים לקדרה, אסוף נתחיה אליה (יחזקאל כ"ד) וגדר פעל נתח והבדלו מריעיו על החלוקה הנעשית על איזה סדר מיוחד, אם חלוקת בע"ח לאיבריו כמו שיעשו הטבחים והרופאים, אם חלוקת הנתחים הגדולים לקטנים כמו שיעשו המבשלות, והכל נכנס בכלל לנתחיה וז"ש יכול ינתח נתחיה לנתחים ת"ל אותה, ובאורו, כי בעל הלשון יציין גוף הפעול, לפעמים ע"י כינוי כמו והקריב הכהן אל המזבח, ולפעמים יציינו ע"י כינוי הדבק אל מלת את, כמו והקריבו אותו ושחט אותו וחלילה לחשוב שתהי' לשון תורתינו כעיר פרוצה אין חומה שידבר פעם כך ופעם כך כפי השלות, והי' לחכמינו הנאמנים בזה יסוד חזק שעליו בנו דרושים רבים מאוד, שכ"מ שירמוז גוף הפעול סתם ירמזהו ע"י כינוי, והקטירו, ושוחטו, והביאה, וכדומה, אבל במקום שרוצה לדייק שמכוין על גוף הפעול בדוקא אז יציינהו ע"י הכינוי הדבק אל מלת את, וזה יהי' בשני פנים אם שירצה לומר שהפעל יתפרש על כל עצמותו של גוף

הפעול בכולו, שממ"ש ונתח אותה, פי' את הבהמה בעצמה לא נתחיה, או שיכוין למעט שאין הפעל משתרע על עצם אחר רק על הפעול לבדו, אותה ולא זולתה, זבחים (דף פ"ה), וזה הוציאו ממ"ש שנית בעולת צאן ונתח אותו לנתחיה וכבר בארנו שכל הדברים שנכפלו בבן צאן הם למותר ותז"ל דרשום כאלו כתובים בפ' בעולת בקר, כן דרך הספרא כשבא לפסוק אחד שנכתב כמה פעמים ידרוש על פסוק ראשון הדרשות של כל הפסוקים למספריו וכן פה דרש אותו שהוא הכשר שממנו מדבר, אבל זולתו, שהוא הפסולה שנשחטה במחשבת פיגול וכדומה א"נ הפשט וניתוח, אף שדינם שכל הפסולים אם עלו לא ירדו בכ"ז תקרב כמות שהוא, וצריך לומר שם בזבחים (דף פ"ה) ונתח אותו לנתחיו אמר רחמנא אותו כשרה ולא פסולה. והברייתא דספרא (ויקרא) דריש שני הדרשות אלו על פסוק ראשון דבעלת בקר ונתח אותה לנתחיה וכן נקט הגמרא לשון של הפסוק הראשון אף דבאמת יוציא זאת מפסוק שני דבעולת צאן.

דף י"א ע"א: ולקח את שני השעירים שיהא שניהם שוים

**כבר** התבאר שבשם הבא בלשון רבים א"צ להוסיף בו מספר שנים, כי מן הסתם נדע שאין לשון רבים פחות משנים אם לא במקום שיש לטעות, דברים הבאים דרך ספור ויקח לו למך שתי נשים, ויעש אלקים את שני המאורות, וליוסף יולד שני בנים, שאם יאמר ויקח למך נשים לא נדע שהם רק שנים אבל בהציוי אין צריך לפרט מספר שנים כן מן הסתם נתפוס המעוט דמעוט רבים שנים, ולכן אמר הכתוב השם בלשון רבים סתם ברוב המקומות, כמו וערכו עצים, שני גזירי עצים, חלצו את האבנים, שני אבנים, קדש הילולים, שתי ברכות, נפשות מת, משני מתים וכו' במכילתא וספרי וש"ס במקומות לא תקר, ולכן במקום שבא מספר שני אל שם הרבים יש בו דרוש תמיד והראו בחכמתם שהיה מקום לטעות. אמנם פה פירשו שלכן אמר מספר שני שבא להורות שיהיו שוים, והוא מיוסד על כלל שהיה לחז"ל להבדיל במספר שני שנים בין כשבא בצורת הסמוכות שני שתי ובין כשבא בצורת הנפרד שנים שתים, שכשאומר שני מקפיד על שיווי הממנים והתדמותם זה לזה. ולא כן כשאמר שנים שתים לא יקפיד על השיוי, וע"ז אמרו פה שני שעירי עזים שיהיו שוים ובספרא מצורע ולקח שתי צפרים מיעוט צפרים שתים מת"ל שתי שיהיו שוים וכן שם על שני כבשים ובאמור על שני עשרונים שבגי להם"פ וכן בספר בהעלותך גבי שתי חצוצרות, הרי ביאר תחלה צורך מלת המספר שבא להוציא מטעות שיוכל לעשות יותר משתים ואח"כ ביאר מה שבא בצורת הסמוכות שתי שבא להורות על השיוי, ומ"ש בספרא אמור לחם תנופה שתים שיהיו שוות הוציא מן המתואר עצמו שבא בלשון יחיד תנופה לא תנופות, שהגם שלחם לא יתרבה, ונתנו לך שתי לחם (ש"א י"ד) ולקחת בידך עשרה לחם (ד"א

י"ד) מ"מ תוארין באו בלשון רבים, לחם העצבים לחם כזבים (משלי כ"ג) לחם עצלות (שם ל"א) וכן רבים, וכן היל"ל לחם תנופות, לכן הוכיח שיהיו שוות עד שיהי' דומה כלחם א' בצורתו, ועל פי החק הזה תמצא ידך להבין כמה שנוים במקרא ועשית שנים כרובים זהב, ועשה שני כרובים זהב כי הכרובים בעשייתם היו דומים ככל הזוגות שבמעשה המשכן שהיו דומים וככתב בכולם מלת שני שתי בסמוכות שני אדנים, שתי ידות, שתי טבעות, שתי עבותות, שני לוחות, אבל בסודם והוראם היו מעורים כדמות זכר ונקבה משפיע ומקבל והיו מובדלים זה מזה לפי סודם שע"ז העיד השם שיהיו שנים כרובים ר"ל מחולקים בטעמם וצורתם הרוחנית, ובדה"ב (ג' י') ויעש כרובים שנים ובמלכים (ו' כ"ג) ויעש שני כרובים וזה מובן עפמ"ש ב"ב (דף צ"ט) כתיב ופניהם איש אל אחיו וכתיב ופניהם אל הבית, ל"ק כאן בזמן שישראל עושים רצונו של מקום כאן בזמן שאין ישראל עושין רצונו ש"מ, וא"כ במלכים מדבר בזמן שעושין רצונו ש"מ שמטעם זה אמר במלכים ולא יוסיפו בני עולה לענותו ובד"ה אמר לכלותו. מפני שבד"ה מדבר אחר שחטאו כמ"ש רבא בברכות (דף ז') והיו פניהם איש אל אחיו כתיב שני כרובים שהיו שוים לטובה, אבל (בד"ה שמדבר בזמן שאין עושים רצונו ש"מ שלכן כתיב ופניהם אל הבית הם שנים כרובים מובדלים ומחולקים בעניינם, אצל הקדשים אמר תמיד מספר שנים בנפרד כי הקדשים אינם דומים אחד מלא ואחד חסר, וכן רוב הזוגות שראו הנביאים במראה בא המספר בצורת הנפרד שנים שולחנות שתים אמות שתים דלתות, שנים פנים לכרוב, שנים זתים, שתים נשים יוצאות, כי המחזה הנביאות לא השקיפה על הכמות הגשמי והשינוי במציאות רק על הנמשל והמכוון שע"פ רוב היה לכ"א מהזוג הוראה מובדלת, ובקידושין (דף ס"ח) אחת מצרית וא' עברית שתי נשים מעם אחד בעינן ר"ל כיון דכתיב כי תהיינה לאיש שתי נשים מורה על השיוי, ובזה יתבאר לך הגמ' דיומא דף ס"ב שהביא הברייתות שדרש גבי מצורע וגבי שעירי יוהכ"פ שיהיו שניהם שוים ומקשה א"כ תמידין נמי לימא כבשים מיעוט כבשים שנים מת"ל שנים שיהיו שוים, ומשני התם מבע"ל שנים ליום כנגד היום כילד תמיד של שחר היה נשחט על קרן צפונית מערבית וכו', מוספים של שבת ודאי צריכים שיהיו שניהם שוים, והתוס' הקשה על פירש"י שפי' שמה שמקשה אי הכי גבי תמידין נמי שהקושי' הוא מפני שלא מצאו כן בברייתא וא"כ איך אומר דמוספים של שבת ודאי צריך שיהיו שוים הלא גם שם לא נמצא זאת בברייתא ותירוצם דחוק. אך בזאת אחר שכלל בספרא דכ"מ שנאמר שני צריך שיהיו שוים ממילא הוא כלל כולל כ"מ אף במקום שלא זכרו זאת בספרא במקומו, כמו ביולדת ובמצורע, וכן השני כבשים דמוספים ושני עשרנים שנזכר בכ"מ בתורה, רק קושי' הגמ' א"כ גבי תמידין נמי, הוא משום דבתמיד הא כתיב שנים בצורת הנפרד, ור"ל אחר שהוכחת מיעוט כבשים שנים ומת"ל שני, הלא הוכחה זאת שייכה גם בתמיד תשאל ג"כ מיעוט כבשים שנים ומת"ל שנים, ותרצה להשיב שיהיו

שוים, ושם הא כתיב שנים שמורה שהם בלתי שוים, ומשיב דגבי תמיד צריך שנים לדרשא אחריתא שנים ליום כנגד היום, (עיין תמיד דף ל"א ע"ב) ועז"א מוספים של שבת ודאי צריכי שיהיו שוים כי שם כתיב שני כבשים בצורת הסמוכות, ובב"ר וללבן שתי בנות כשתי קורות מפולשות מסוף העולם ועד סופו זו העמידה אלופים וזו העמידה אלופים, זו העמידה מלכים וזו וכו' ר"ל קשה לו איך אמר שתי בנות שמורה על השיוי, ואמר שם הגדולה לאה ושם הקטנה רחל ועיני לאה רכות ורחל היתה יפת תואר, לכן אמר שהשיוי הוא מצד העתיד שמצד זה דומים כשתי קורות שוות ע"י שמפולשות מסוף העולם ועד סופו שקורות בניהם ישוו יחדיו. ויש עוד בכלל זה, עיין עליו כריתות דף י'.

**חולין דף י"א ע"ב והתניא בריבי אומר לא הרגו נהרגין הרגו אין נהרגין וכו.**

**בפסוק** כאשר זמם לעשות לאחיו, פעל זמם מציין תמיד עומק המחשבה בדבר שיש בו מחשבה עמוקה, וכן שם מזימה מורה על עומק המחשבה, וכשבא לרע מציין שהעמיק במחשבתו איך לעשות רע לחברו, וכבר כתבתי זה כמה מקומות, ובאר בכאן שיענשם על עומק מחשבתם להרע לאחיהם לא על המעשה עצמו, שאם העידו עדות שקר ולא הוזמו ע"י עמנו הייתם אף שנתברר אח"ז שהיה הדבר שקר כיון שהיה שקר הרגיל אין עונשם גדול כ"כ, אבל בזה שהעמיקו סרה בדבר רחוק כזה לומר דבר שלא היה באותו המקום כלל חייבים עונש כזה לא על המעשה שעל זה היל"ל כאשר עשה לאחיו רק על המחשבה העמוקה ומעת שזממו לעשות אף שלא עשו חייבים וז"ש כבר נאמר ועשיתם לו כאשר זמם לעשות לאחיו והרי אחיו קיים, שאין הפירוש שמלת לאחיו מורה שקיים, שגם אחר מותו נקרא אחיו כמו להקים לאחיו שם, קרבו שאו את אחיכם רק ר"ל שהרי אומר שיענש על מה שזמם לעשות ובעוד שזמם לעשות ולא עשה עדיין היה אחיו קיים ואז נתחייב בעוד הנידון בחיים, אמנם מה שנאמר נפש בנפש שדעת הצדוקים שזה דומה עם מ"ש נפש תחת נפש שזה מציין שכבר הרג הנידון, השיבו חכמים שזה מציין שכבר נגמר הדין ודומה כאלו כבר לקחו את נפשו כי אחד שנגמר דינו, דינו כמת ואם קדם אחר והרגו פטור ועז"א נפש בנפש ולא אמר נפש תחת נפש כי מדבר שעדיין לא הרג ולא יצדק מלת תחת ובכ"ז היה דומה כאלו נהרג, וכן כשנגמר דינו לשלם דמי עין תחת עין דינו כאלו נעשה המשפט ויצדק עין בעין ולא יצדק עין תחת עין. וזה רק אם נגמר הדין לא משקבלו עדותם. אולם מ"ש תנא בריבי אומר לא הרגו נהרגים הרגו אין נהרגים, זה אין לו סמך במקרא שמן המקרא מבואר שחייבים על הזימום לעשות אף שלא נעשה מעשה ולא נוכל להוציא מזה שאם נהרג יפטורו שהלא אז כ"ש שיש לחייבם, וע"ז כתב הרמב"ם שדבר זה מקבלה כי כן קבלו בהלכה למ"מ, ויש על זה טעמים אם מצד שאחר שחוץ ממה שחייב מיתה על הזימום חייב עונש

על שנהרג על ידו אינו דין שיפטר במיתת ב"ד כי ענשו קשה יותר, או שאחר שנהרג ולא סבב ה' שעדים המזימים יקדימו לבא ולהזם טרם יהרג וידענו כי לא יאונה לצדיקים הסנהדרין עון כזה לשפוך דם נקי ידענו בבירור כי היה באמת ראוי למיתה וכדין נהרג וכמ"ש הכ"מ וכבר קדמוהו הר"ן בדרושותיו והרלב"ג ועוד טעמים רבים ומשפטי ה' אמת צדקו יחדיו.

**דף י"ג ע"ב: דתניא איש מת"ל איש איש לרבות את העכו"ם שנודרים נו"נ כישראל.**

**מבואר** תמיד שכ"מ שכפל שם איש איש בא לרבות כל איש ואיש שיהי', אמנם פה כבר ריבה כל מיני האנשים שבאומה נשים וגרים ועבדים, ממ"ש הגר בישראל, וכבר בארנו (יבמות דף מ"ח ע"ב) אופן למודים ע"פ משפטי הלשון (לבד שהם ובכ"מ כתוב הגר הגר וריבה נשים מן הפעל הגר (בקמ"ץ) וכאן כבר סמך על שיוי הלשון בכ"מ שכיון שבמ"ש תמיד הגר בישראל אינו שם זכר דוקא דתמיד אמר הגר (בקמ"ץ) ה"ה פה אינו שם זכר) ולפ"ז מה ירבה מאיש איש משיב שמרבה עכו"ם. והריבוי נכון דתפס הכתוב מבית ישראל בדבר ההווה דרוב הקרבנות מישראל ולא בא זה למעט עכו"ם, ואיש איש בא לכללות לרבות עכו"ם. ואף שנוכל לומר דברה תורה כלשון ב"א, מיהו פה כדי להציל מספק זה לא היה כפל שם איש דהתורה לא תחתום דבריה, ובודאי כפליה להשמיע דנודרים העכו"ם כישראל.

**דף י"ג ע"ב: דתניא מכם ולא כלכם מכם בכם חלקתי ולא באומות וכו', התבאר לעיל דף ה'.**

**דף ט"ז ע"ב: דתניא כי ירחיב ה' אלקיך את גבלך כאשר דבר לך ואמרת אוכלה בשר וגו', ר' ישמעאל אומר לא בא הכתוב אלא להתיר להם בשר תאוה וכו'.**

**לדעת** ר' ישמעאל בא להתיר בשר תאוה שלדעתו מ"ש ואל פתח א"מ לא הביאו כולל גם חולין שלא הקדישן כמ"ש הרמב"ן בפ' (אחרי) וכמו שנראה מדברי רש"י ולמד שבארץ מותר להם לשחוט, ור"ע ס"ל שבא לאסור בשר נחירה ועקר הדיוק מ"ש וזבחת מבקרך ומצאנך ר"ל שמעתה לא תאכל בשר נחירה רק אתה מחויב לזבוח, והנה לר' ישמעאל נכון מ"ש וזבחת מבקרך ומצאנך כי גם בתחלה לא היה אסור בשר תאוה רק בבקר וצאן דחזי להקרבה לא בחיה כמ"ש לעיל (דף י"ב) אבל לר"ע למה אומר מבקרך ומצאנך הלא גם חיה נאסר בה נחירה, ולדעת הרמב"ם (פ"ד מהל' שחיטה) שכתב לר"ע שבמדבר היה אסור לשחוט חולין בחוץ רק לאכלם ע"י נחירה היה מותר ופשיטא שחיה היה מותר לשחוט בחוץ גם בתחלה ואמר שאח"כ תזבח גם מבקרך ומצאנך, ויש לומר שראב"ע בא לפרש לדברי ר"ע שלכן אמר וזבחת מבקרך ומצאנך ללמד עוד בדברים אחרים

שלא יאכל בשר אלא לתאבון ורק בקרך לא שתקח מן השוק ורק מבקרך ולא כל בקרך, ודברי ר"א בן עזריה סיום דברייתא זו מובא לקמן (דף פ"ד ע"א.

**דף ט"ז ע"א: יתיב רב אחוריה דר' חייא ור' חייא קמיה דרבי ויתיב רבי וקאמר מנין לשחיטה שהיא בתלוש שנאמר ויקח את המאכלת לשחוט.**

**ואמר** רב לר' חייא מאי קאמר רבי, ואמר לו שרבי דבר מן הוי"ו הכתוב על לוח מלא נקבים רצה לומר הוא אומר דבר שאינו כן, ואמר לו רב הא קרא קאמר? אמר לו ר' חייא הקרא זירוזיתיה דאברהם קא משמע לן שלא סמך עצמו למצוא גור או מה שהוא מחובר לשחוט בו, רק לקח עמו גם את המאכלת, אבל עוד אין ראיה שבמחובר פסול לשחוט בו, דרשה זו מיוסדת, דהיה לו לכתוב ויהי אך שלח ידו לשחוט, ויקרא אליו מלאך ה' מן השמים כמו שכתוב אצל יעקב ויהי אך יצא יצא יעקב ויבא עשו, ומדוע אמר ויקח את המאכלת? סבירא ליה לרבי שבודאי דרך אגב כיוון להשמיע שהסכין יהיה בתלוש, ועל זה אמר ר' חייא שהוא כוי"ו הכתוב על בלימה, דעל זה לא היה לו לומר לשחוט את בנו, דשחיטה בתלוש שייך בשה לא בבנו, ובודאי דזה מוסב למעלה שאמר ויקח בידו את האש ואת המאכלת וילכו שניהם יחדיו, דשם מאכלת יש לומר שהוא העץ השומן שאוחז האש ומאכילו או על האבנים שעושים האש, דיצחק שואלו הנה האש והעצים ואיה שה לעולה, מדוע לא אמר הנה האש והעצים והמאכלת ואיה השה לעולה, ונוכל לומר לפי הנ"ל שיצחק באמרו הנה האש והעצים כלל גם את המאכלת המאכיל את האש, ומשום זה חזר הכתוב באמרו ויקח את המאכלת לשחוט את בנו שהמאכלת הוא הסכין וגם בו היה נזהר להביא אתו ולא סמך על איזה דבר מחובר שימצא לשחוט בו, אף שמותר לשחוט גם במחובר והיכן הראייה של רבי בפסוק זה?

**חולין דף י"ז ע"א: ובתים מלאים כל טוב ואמר ר' ירמי' בר אבא אמר רב כתלי דחזירי.**

**ר"ל** דהוא מאמר מקייב ומלת כל משמע הכל וסמיך ליה ואכלת ושבעת, ומשמע ליה כשתבא לכבוש את ארץ ישראל תמצא שם בתים מלאים כל טוב וכו' ואכלת ושבעת, ר"ל מותר לך לאכול הכול מה שנמצא בבתיהם.

**דף י"ט ע"ב: מה"מ דת"ר ממול ערפו מול הרואה את העורף וכן הוא אומר והוא יושב ממולי וכו'.**

**גדר** מלת מול והבדלו מן נגד עומת נוכח וכיוצא, שמציין את השטח הסמוך לאיזה דבר באורך בענין שקרוב אליו ורואה אותו כמ"ש בסוטה (דף ל"ג) מול הגלגל סמוך לגלגל ופירש התוס' שמשם ראו את הגלגל, ולכן אמר שם והלא לא ראו את הגלגל, ואמר אל מול פני

המגנפת יהי' והצי' היה על המצח למטה, וכן אל מול פני המנורה, ומול מחזה אל מחזה (מ"א ז') ועיין בירושלמי (פ"ק דסנהדרין ה"ג) וז"ש מול הרואה את העורף שאם יאמר אצל ערפו, יהי' גם בצדדי העורף למעלה, אבל מול הוא השטח באורך שהוא הצואר המכוון נגד העורף.

**דף כ"א סוף ע"א: דתניא ואת השני יעשה עולה כמשפט, כמשפט חטאת בהמה א"א כמשפט ח"ב או אינו אלא כמשפט חטאת העוף כשהוא אומר והקריבו חלק הכתוב בין חטאת העוף לעולת העוף ומה אני מקיים כמשפט וכו'. עד דף כ"ב ע"א.**

**כפי** הפשט היינו כמשפט עולת נדבה המפורש בראש (ויקרא) וכן פרש"י בחומש, אולם לפי"ז מלה זו מיותרת, שאם יאמר סתם ואת השני יעשה עולה נדע שיעשה כמו שהתבאר משפט עולת העוף במקומו, כמ"ש תמיד סתם ולקחה שתי תורים וכו' אחד לעולה ואחד לחטאת, ואם שרצה ללמד שאע"פ שהיא עולת חובה משפטה כמשפט עולת נדבה הי"ל כמשפטו או כמשפט העולה, וכן על מ"ש בפ' (שמיני) ויקרב את העולה ויעשיה כמשפט פי' חז"ל (ביצה דף כ') כמשפט עולת נדבה שצריך סמיכה, אבל הלוא באמת כבר למד בעולת חובה (במכילתא דחובה פ"ה) מן וסמך ידו על ראש העולה, ולא הוצרך ללמד רק דאף שהיה עולת צבור סמך עליו כמשפט שסמך על עולתו שהקריב תחלה ועמ"ש התוס' שם, ומה שידעינן שסמך על עולתו זה כבר למד מן ראש העולה דחובה ונדבה שוים, וע"כ אמר כמשפט סתם כי כבר נזכר שעשה עולה שטעון סמיכה, אמנם פה איך אמר כמשפט סתם לכן פירשו רבותינו שפירוש כמשפט הקודם הנזכר בפרשה ופי' הת"ק כמשפט של חטאת בהמה שהיא בזה חליפתו לענין שיהי' בחולין וביום ובידו הימנית ואמר דביום כדי נסבא ובפרק התודה (דף פ"ג) אמר דגם ידו הימנית כדי נסבה, ור' ישמעאל ס"ל כמשפט חטאת העוף לענין שהי' המליקה ממול עורף כי בעולת העוף כתוב ומלק את ראשו ולא כתוב ממול ערפו. ורא"ש ס"ל כמשפט חטאת העוף שהוא אוחז בראש ובגוף ומזה, ופי' שהראש יהי' מחובר בגוף בעת הזיה, ובמ"ש כשהוא אומר והקריבו חלק הכתוב עולה מן החטאת חשבו המפורשים שמן כינוי ה"ו" הקריבו למד זה והתוס' נתקשו דצריך כינוי ה"ו" לדרשא אחרת דאפילו פרידה אחת יביא. אמנם לדעתי לא ממלת והקריבו למד רק מכל הפסוק, וכמ"ש בספרא מכילתא דנדבה (פרשה ז') אי מה מליקה האמורה להלן מולק ואינו מבדיל אף מליקה האמורה כאן מולק ואינו מבדיל ת"ל ומלק את ראשו וכו' מולקו כדרך הקטרתו וכו', מובא זבחים (דף ס"ה ע"ב) עיין שם, ופרשנו שם דכתיב ומלק את ראשו והקטיר המזבחה ונמצא דמו שהוא הקטרת הראש, כי אחר זה אומר שם שנית והקטיר על הקטרת הגוף, וא"א לומר שיקטיר הראש קודם מציית הדם כמ"ש והקטיר

וכמלה דאין לך דבר נקטר קודם מתן דמו, וע"כ פירוש והקטיר שיהי' הראש ראוי להקטרה היינו שבעת המליקה יפרידנו מן הגוף ז"ש מולקו כדרך הקטרתו, ומזה מבואר נגלה שבעולת העוף מולק ומבדיל, אמנם מה שתפס מלת והקריבו ולא תפס הלימוד מן ומלק והקטיר נכון מאוד, כי יש מקום לדחות שגם עולת העוף דומה כחטאת העוף שבעת המליקה אינו מבדיל הראש מן הגוף ומ"ש ומלק את ראשו והקטיר המזבח היינו שאחר שגמר המליקה בעת שרוצה להקטיר יפריד הראש מן הגוף והקטירו בפ"ע, ואין לומר שא"כ היה לו לכתוב ומלק ומצה דמו והקטיר כיון שמוצה דמו תחלה י"ל שרצה ללמד שהמליקה תהיה בראש המזבח ומורה לנו בשינוי הסדר שמלת המזבחה מוסב לשני הפעלים ומלק והקטיר שגם המליקה תהי' בראש המזבח, לכן תפס מלת והקריבו שמן והקריבו הכהן על המזבח ומלק למדנו שתהי' המליקה בראש המזבח, וא"צ והקטיר המזבחה ללמד על שהמליקה במזבח דא"כ היל"ל ומלק ומצה והקטיר המזבח והייתי מלמד ג"כ היקש זה וא"כ מוכרח מן ומלק והקטיר שצריך להבדיל הראש מן הגוף בעת המליקה.

**וזה** כוונת הגמרא שתחלה אמר או אינו אלא כמשפט חטאת העוף כשהוא אומר והקריבו חלק הכתוב בין חטאת העוף לעולת העוף וכו', אי מה להלן ברוב שנים אף כאן ברוב שנים ת"ל ומלק והקטיר מה הקטרה הראש לעצמו והגוף לעצמו אף מליקה הראש לעצמו וכו', ומקשה ות"ק וכי מאחר דנפק"ל מן ומלק והקטיר והקריבו למה לי, אי לא והקריבו ה"א מה כמשפט, כמשפט חטאת העוף שאינו מבדיל, ואי משום ומלק והקטיר ה"א מה הקטרה בראשו של מזבח אף מליקה בראשו של מזבח, השתא דכתב רחמנא והקריבו דריש ביה נמי הא, ר"ל דהשתא דכתיב והקריבו הכהן אל המזבח ללמד שהמליקה בראשו של מזבח אין צריך ומלק והקטיר המזבח ללמד זאת, וע"כ שמ"ש ומלק והקטיר היינו שבעת המליקה יהי' ראוי להקטרה שיהי' הראש נפרד לעצמו, וע"כ תפסו כולם מלת והקריבו, ר"ל והקריבו הכהן אל המזבח, שממנו עקר ההוכחה שומלק והקטיר המזבחה לא בא על הכוונה שתהי' המליקה במזבח לבד רק ללמד ג"כ שתהי' המליקה הראש לעצמו ראוי להקטרה, וראב"ש ס"ל ג"כ דמ"ש ומלק והקטיר היינו שמלקו כדרך הקטרתו, רק אחר שס"ל דכמשפט חטאת העוף דאותו בראש ובגוף ומזה לכן מפשר ביניהם שבעת המליקה יחתוך הסימנים ומולה ואז חותך הראש ומקטירו, ולמ"ש בזבחים דס"ל לראב"ש ולא יבדיל אין צריך להבדיל, ובארנו (זבחים דף ס"ה) שהוציא זה משום דבעולה נוה להבדיל, ה"א שה"ה בחטאת לכן אמר שבחטאת אינו צריך להבדיל, ואין פירוש להבדיל הראש מן הגוף דלדידיה בין בחטאת בין בעולה צריך להזות כשהראש והגוף ביחד רק פירוש אין צריך להבדיל הסימנים שזה נקרא הבדלה לשיטתו, ובזה מיושב מה שהקשה התוס' ואכ"מ להאריך יותר.

**דף כ"ב ע"א: ת"ר תורין גדולים כשרים קטנים פסולים, בני יונה קטנים כשרים גדולים פסולים נמצא כשר בתורין פסול בבני יונה, כשר בבני יונה פסול בתורין, ת"ר וכו', והלא דין הוא וכו',**

**מן** התורים או מן בני היונה הם שני משפחות נפרדות ממין הזה כמ"ש לקמן (דף ס"ב) תסיל פסיל משום תורין וכשר משום בני יונה, דאליפי וכו', עיין שם כי יש בין היונה כשבעים משפחות, היונה היא נוחה להכנע לא כן התור הוא חפשי התור נוסע בחורף כמ"ש ותור וסוס ועגור שמרו את עת בואנה (ירמי' ח') וקול התור נשמע בארצנו, לא כן היונה. והנה מלת בני מציין הצעירים, בן בקר, בן אתונות, בן ראמים, בני צאן, בני נשר, ומדוע תפס אצל קרבנות תמיד בני יונה ותורים ולא תפס לפעמים בני תורים ויונה, מזה נלמד דבני יונה דוקא קטנים ותורים דוקא גדולים, ובאמת הדיוק מן לשון בני יונה מוכרח בלשון, אבל מן לשון תורים אינו מוכרח, כי שם תורים כולל גדולים וקטנים, כמו כבשים ועזים, ובגמרא שאלו באמת, אימא בני יונה דכתיב בהו בני קטנים אין גדולים לא, תורים אי בעי גדולים ליתי אי בעי קטנים ליתי ומשני דומיא דבני יונה מה ב"י קטנים ולא גדולים אף תורים גדולים ולא קטנים. נראה שהגם שתורים כולל גם קטנים, פה כיון על הגדולים בהכרח, כי מבואר אצלנו שיסוד מוסד בדרכי הלשון שידבר תמיד בדרך לא זו אף זו ולא בהפך, וממה שהקדים תמיד תורים לבני יונה מבואר שתור גדולים, ויאמר שמביא תורים גדולים ואף בני יונה שהם קטנים ג"כ יכול להביא, ממילא ראוי לומר שכמו שבשם בני יונה כיון רק על קטנים, שבזה הוסיף רבותא על תורים, כן בשם תורים כיון רק על גדולים שבזה חדושו פחות מחידוש בני יונה לכן כתוב תמיד קודם, ועמ"ש בפ' (תזריע) על בן יונה או תור לחטאת. והנה שמות אלה כפולים בתורה כמה פעמים, ותמיד דייק לכתוב תורים ובני יונה (ומלאכו גבי מצורע עני כפל שמות אלה שני פעמים בפרשה אחת) ומשיב בברייתא שהוכרח לכפול זאת תמיד, כי הייתי למד מדרך ק"ו שיוכשרו תורים קטנים או שיוכשרו בני יונה גדולים, והייתי אומר שרק בעולת עוף ובמקום שגלתה התורה בפירוש יש קפידה לא במקום שסתם הכתוב, לכן הוכרח לדייק ולבאר זאת בכל פעם, כן נראה והוא הדרך הקצרה ליישב כל קושי' התוס' והמפורשים שהאריכו בסוגיא זו דחולין.

**דף כ"ב ע"ב: ת"ר יכול יהו כל התורים וכל בני היונה כשרים ת"ל מן התורים ולא כל התורים מן בני היונה ולא כל בני היונה פרט לתחילת הציהוב שבזה ושבזה שפסול מאימתי התורים כשרים משיזהיבו מאימתי בני יונה פסולים משיצהיבו וכו'.**

**כבר** הזכרתי בבא קמא (דף מ') שיש הבדל בין אם יזכיר שם המין בלא „ה" הידיעה שיכוון על כלל המין יהיה מי שיהי',

ובין כשיזכיר ב"ה" הידיעה עם מלת מן, שאז בא למעט תמיד שלא כל המין כשר, שבא למעט תחילת הציהוב במתחילים כנפיהם לצהב סביב צוארם, שאז יצאו מכלל קטנות ולכלל גדולים לא באו, ופסולים לתורים ובני יונה, והנה מסיק דתחילת הציהוב ספיקא הוא ולא צריך קרא ושהכתוב ממעט נרבע ונעבד, דיליף להו בבהמה לר' ישמעאל מן כי משחתם בהם מום בם וה"א דבעוף שאין מום פוסל גם הני אין פוסלין. אמנם הברייתא דפה אזיל לשיטתו שממעט נרבע ונעבד מן, מן הבהמה, מן הבקר וזה דלא כר' ישמעאל כמ"ש בתמורה (דף כ"ח) וזה שלא כדברי התוספות (ד"ה כי משחתם).

**חולין דף כ"ג ע"א: ואמר ר' יוחנן או לאיל לרבות את הפלגס וכו'.**

**הפסוק** ככה יעשה לשור האחד או לאיל האחד או לשה וכו' מלמדני שהשיעור שני עשרונים שוה בכל איל אף באיל בין ארבע שנים ולא תחשוב שיש לענין נסכים שני מיני אילים וכן היא בגמר' מנחות דף צ"א ע"ב ומרבה בזה את הפלגס.

**דף כ"ד ע"א: דת"ר זאת אשר ללוים מת"ל לפי וכו'.**

**כבר** בארתי שמלת זאת מציין תמיד, או נרמז קרוב או התיחדות, זה ולא אחר ובא למעט שאין מום פוסל בלוים.

**דף כ"ה ע"א: ויהיו כל הכלים מיטמאין מאוירן מק"ו וכו' אמר קרא תוכו של זה ולא תוכו של אחר.**

**הפסוק** וכל כלי חרש אשר יפול מהם אל תוכו, ולמעלה הפסוק וכל אשר יפול עליו מהם במותם יטמא מכל כלי עץ וכו', ומבואר אצלנו תמיד יסוד נאמן וקים שכ"מ שיקדים השם אל הפעל יורה היפוך וסתירה וחלוקה מהקודם. והנה אם היה הדין שגם שאר כלים מטמאים מתוכם, ואין הבדל בין כלי חרש ליתר כלים רק שכל הכלים יטמא מתוכם ומגבם וכ"ח רק מתוכו ולא מגבו, היה ראוי לומר, ואשר יפול אל תוך כלי חרש שבזה יודע שכ"ח נבדל מכל הכלים שרק תוכו טמא והם טמאים גב ותוך, אבל במה שהקדים השם וכלי חרש אשר יפול אל תוכו נודע שרק כ"ח מטמא מתוכו לא יתר הכלים, והם מובדלים מהפוך להפוך כדת הלשון, ורש"י ז"ל פירש דהיל"ל וכלי חרש אשר יפול אל תוך, וזה לא יאות לפי דרכינו דהלא יהי' חסרון בלשון, איזה תוך, והלא כפי הדקדוק מוכרח לכתוב תוכו בכינוי רק פירוש שהיה ראוי לכתוב הפעל קודם ואשר יפול אל תוך כלי חרש, ה"ש תוך תוכו, תוכו של זה ולא תוכו של אחר (ר"ל שאר כלים הנכתב קודם). וממ"ש אשר יפול אל תוכו, ואמר כל אשר בתוכו יטמא, כדי ללמוד גז"ש דמטמא מאויר כמבואר פה (כ"ד ע"ב)

והדרוש לגופיה ממ"ש כל אשר בתוכו יטמא לטמא אוכלין מאויר, והדרוש הרביעי תוכו ולא תוך תוכו, כל משכיל בלשון יודע שלא יצדק כינוי תוכו אם הוא תוך כלי אחר הנתון תוך כלי זה, דאז אינו תוכו רק תוך כלי הפנימית. ועוד במה שאמר כל אשר בתוכו יטמא גם כן לא אשר בתוך תוכו, שאם היה הכוונה שגם זה יטמא הי"ל כל אשר בתוך יטמא בלא כינוי להורות כל תוך שיהי'.

**דף כ"ה ע"ב: דתניא רבי ישמעאל בשריבב"א מת"ל וכל מעשה עזים תתחטאו להביא דבר הבא מן העזים וכו'.**

**דס"ל** דעזים שם הדוגמא ר"ל דבר הנעשה מעצמות בהמה הדומה לעזים לאפוקי עופות.

**דף כ"ז ע"א: אמר רב כהנא מנין לשחיטה שהיא מן הצואר? שנאמר ושחט את בן הבקר, ממקום ששח חטהו.**

**הוא** מביא הפסוק ראשון דקדשים מפני שבהם נצטוו על השחיטה בראשונה, הנה חכמינו ז"ל היו עוד קרובים אל המקור הלשון לשון הקודש ושלשלת הקבלה היה עוד בידם, והיו יודעים מקור המלות ופעלים איך נתהוו, כל אחד כפי אשר קיבל מרבותיו, ואמר רב כהנא שמלת שחט נצטרף משתי מלות שח חט, שבמקום ששח והוא הצואר משם חטהו, והענין שאף שהדרשות היו מקובלות עד משה, מכל מקום על ידי הגליות וצרות שונות נשתכחו כמה וכמה דרשות עד שנתהוו מחלוקות בין התנאים, וזה אמר כך בשם רבותיו וזה אמר כך, הנה פעל שחט מצאנו בירמיה קפיטל ט' חץ שחוט לשונו מרמה דבר, שפירושו כמו חץ שאם ישלח איש מקשתו והוא יוצאת משוך ושח עד שימצא את קרבנו, כן הבעל לשון הרע לשונו מרמה דבר על בני אדם להרע להם וישיגם, (החץ הולך משוך ושח משום כובד האויר לכן כל רובע קשת מגביהו מעט למעלה כידוע) הפעל שחט שרשו שח והטי"ת נוספת לעשותו פעל מג' אותיות, ומצינו גם כן זהב שחוט על זהב זך וטהור, כי הזהב אם הוא זך, הוא רך ויושח בקל, ומקשה ואימא מזנבו? כי כפי המקור של פעל שחט שהוא שח וחט נוכל להסב הכוונה שהשחיטה מתחלת מן תחת הזנב ויחתוך שם בגוף עד שתצא נפשה, ואם כן הפירוש של שח וחט אינו מיוחד אל הצואר, ויכול להיות שהקבלה היתה על מקום אחר בגוף לענין שחיטה, ובאמת אינו שואל שישחוט מזנבו, אך רוצה לבאר הקבלה על שורש הפסוק, כי התורה אינה סומכת על הקבלה לבדה ותמיד מרמזת בפסוק עד שנשען הדין על פסוק סברה וקבלה ואז הוא חוט המשולש שלא ינתק, ומתרץ שח מכלל שזקוף בעינן, והא שח ועומד הוא, ר"ל הזנב שח ועומד כך בתמידות, ובכן בודאי מוסב על הצואר שהוא זקוף ושח, על זה שאל אימא מאזנו שהוא גם כן זקוף ושח? ומתרץ בעינן

דם הנפש וליכא שדם אם יחתוך אינו יוצא דם הנפש, ותו שהייה דרסה חלדה הגרמה ועיקור מנלן? אלא גמרא, מן הצואר נמי גמרא, וכן על דרך זה אמר רב ייתר מן פסוק וזבחת שהוא מצורף מן זב חת במקום שהדם זובת, שם חת ר"ל שם תשחוט.

**דף כ"ז ע"א: ותנא מייתי לה מהכא דתניא ר' חייא אמר מנין לשחיטה מן הצואר שנאמר וערכו בני אהרן הכהנים את הנתחים שאין ת"ל וכו', ברייתא.**

**הנה** במ"ש והפשיט את העולה ונתח אותה לנתחיה צוה ג' דברים, שיפשיט את העור, שלא יתחיל לנתח שום אבר עד כלות ההפשטה כמ"ש והפשיט את העולה ונתח והג' שלא ינתח הנתחים לנתחים ומן הלשון הזה היינו אומרים שגם הראש בכלל כל אלה כמו ואותו בפלגשי ואנתחיה לשנים עשר נתחים (שופטים י"ט) שהיה החלוקה בין הגוף השלם עם ראשו, אבל ההלכה מלמדנו שהראש נבדל מן הגוף בשני דברים שאין צריך הפשטה, שיסיר אותו קודם ההפשט, ודומה לו בדבר אחד שאסור לנתח אותו כמו שכתוב לעיל (דף י"א) וכי תימא דלייף לה ובדיק לה והכתיב אותה לנתחיה ולא נתחיה לנתחים, וזה למדנו ממ"ש בעולת בקר וערכו את הנתחים את הראש ואת הפדר שמבואר שבמ"ש והפשיט ונתח לא נכלל הראש שאל"כ הלא הוא בכלל נתחים, וז"ש מלמד שאין הראש והפדר מהנתחים ולכן אין שייך בו הפשט, וכן מתיז אותו תחילה, ששני התנאים שלמדנו מפסוק והפשיט את העולה ונתח אותה לנתחיה לא שייך בו, ור' חייא באר הטעם שזה מפני שהראש הותז בשחיטה ואינו בכלל הנתחים שמנתח אחר השחיטה, ומזה הוציא שהשחיטה מן הצואר ומ"ש בעולת הבקר ואת הפדר, מפני שצריך לפרוש הפדר על בית השחיטה והוא טפל אל הראש.

**דף כ"ז ע"ב: דתניא זאת תורת הבהמה והעוף וכי באיזה תורה שוותה בהמה לעוף וכו'.**

**והנה** בפרשה בא הסדר, חית הארץ, דגי הים, עוף, שרצים, ולמה שינה פה את הסדר והקדים עוף לדגים, וע"כ מפני שיש איזה דימוי לעוף עם הבהמה וע"ז מקשה באיזה תורה שוותה בהמה לעוף וכבר בארנו שבמלת תורה מכנים דברים רבים תחת לימוד אחד, וראוי שיסדר הדברים הדומים בתורה זאת, ומה דימוי לעוף עם בהמה יותר מדגים עם בהמה עד ששינה את הסדר, פרשו חז"ל שיש להם דימוי בשחיטה, ולפ"ז מה שסיים להבדיל בין הטמא וכו' הוא עולה על מ"ש זאת תורת הבהמה והעוף, שהוא להבדיל בין הטמא ובין הטהור בשחיטה בין נשחט רובו של קנה לנשחט חציו, עיין התוה"מ סוף (שמיני), עיין גם באורך סנהדרין (דף ע"ח ד"ה) בכנו.

דף ל' ע"ב: תנא דבי רבי ישמעאל ושחט אין ושחט אלא ומשך וכן הוא אומר זהב שחוט (מלכים א' י') ואומר חץ שחוט (ירמי' ט').

יש הבדל בין שחט, טבח, זבח. טבח וזבח יציינו מעמד הבע"ח אחר השחיטה, ונבדלים זה מזה במה שזבח מציין שמזבח לצורך מיוחד והוא לצורך שמחה וקרואי' או לזבח לשם הקדש, וטבח לא יציין רק שהוכן לאכילה (וכבר רמזתי זה בפי' ישעי' סימן ל"ד פ"ו) ונבדל בזה מן יתר שמות או פעלים שבאו על ההמתה כמו הריגה, מיתה והכאה וכדומה, במה שהטביחה היא לצורך (ומה שבא על טביחת בני אדם הוא דרך שאלה) רק הטביחה לצורך כללי והזביחה הוא לצורך פרטי, אבל פעל שחט יציין איכות הטביחה באופן ידוע שהיה אז מקובל בידם להכשיר החי לאכילה, ואמר פה שמשתתף עם חץ שחוט לשונם מענין משיכה, על שמושך הסכין ועושה עמו הולכה והובאה, ור' ישמעאל לשיטתו דס"ל לעיל (דף י"ז) דבשר נחירה לא איתסרי כלל אבל לר"ע (שם) מפרש הצאן ובקר ישחט להם נחירתן זו הוא שחיטתן לא ס"ל פירוש זה, והגם שלא נזכר בחולין שיצטרכו שחיטה לא מצאנו בשום מקום לשון אחר על הכשר החי לאכילה כמו הריגה והכאה, כמו שיאמר בתוכחה הרוג בקר (ישעי' כ"ב) צאן ההרגה (זכרי' י"א) ובמ"ש טבח טבח והכן לקמן (דף נ"א) אינו מציין פעולת ההמתה רק הגילוי שיפרע בית השחיטה, לעומת זה נמצא תמיד לשון שחיטה גם בחולין, אותו ואת בנו לא תשחטו ובקבלה וישחטו ארצה, וגם דייק הכתוב ברוב מקומות שהזכיר שחיטת קדשים תפס שם החי הנשחט לא שם הקרבן כמו ושחט את בן הבקר, ושחט את הפר ולא תפס ושחט את העולה או החטאת כמו שאמר בסמיכה ודומיהם ללמד שהשחיטה מחויב מצד שהוא בן הבקר או פר, ויתר הלכותיו נמסרו בתורת הפה למשה מסיני.

דף ל"א ע"ב: וכיבס שנית מת"ל שנית מקיש תכבוסת ראשונה לתכבוסת שניה.

דע שיש הבדל בין כשידבר במלת עוד ובין כשידבר במלת שנית, כי במקום שאינו מקפיד על המספר ועל שינוי הזמנים יתפוס מלת עוד, כמו ויאמר ה' לו עוד הבא נא ידך בחיקך, ויוסף עוד בלק שלוח שרים, אבל במקום שמקפיד על המספר או על שיווי הזמנים יתפוס לשון שנית, ויישן ויחלום שנית, שחלם לו ב' פעמים בלילה אחת והיה חלום שנשנה כמ"ש ועל השנות החלם פעמים משא"כ בחלום יוסף אמר ויחלום עוד וכן פה הוא שמקפיד על המספר.

דף ל"א ע"א: השוחט צריך שיתן עפר למטה ועפר למעלה שנאמר ושפך את דמו וכסהו בעפר וכו'. התבאר לקמן דף פ"ח:

**דף ל"ג ע"ב: דתנן בו ביום דרש ר"ע וכלי הרש אשר יפול מהם אל תוכו כל אשר בתוכו יטמא אינו אומר טמא אלא יטמא לטמא אחרים וכו'.**

**אחרי** העיון והחיפוש ראינו שכל מקום שבא פעל טמא בלשון ציווי עתידי בדרך הפעל יטמא או ע"י וא"ו המהפכת וטמא עד הערב כולם הם מטמאים לזולתם, כי זה גדר הטומאה שיוצאה אל הנוגע בה ומתדבקת בו, ודבר שאינו מטמא זולתו אינו טמא רק פסול, וחכמים בלשונם הבדילו בין המטמא אחרים לבין הבלתי מטמא בשם טמא ופסול, ובלשון המקרא כשיבא שם טמא בדרך השם, טמא הוא יבא לפעמים על הפסול או על טומאה שפתרונה מענין שיקוץ וגיעול או הפוך הקדושה כמו טמאים הם שכתוב בחית הארץ ודגי הים האסורים לאכילה, וכן ותטמא הארץ לא תתן שכבתך לזרע לטמאה בה לא בא פעל ציוי עתידי והוא טומאה הפך הקדושה וסיימו קישור הבי"ת שאחריו, ועל יסוד זה בנה ר"ע קרית עוז שהשני עושה שלישי ממ"ש כל אשר בתוכו יטמא, בנוי, בהכרת האוכל מטמא אחרים שאל"כ היל"ל אשר בתוכו טמא בדרך השם, והנה גם לשון טומאה שבא בנפעל יורה ג"כ לפעמים על הפסול כמו בגלולי מצרים אל תטמאו ונסתרה והיא נטמאה, ובזה אם נגרוס אינו אומר יטמא (בפתח) אלא יטמא ג"כ נכון שפעל יטמא בקל מורה שהוא טמא לא פסול ומטמא אחרים, וריב"ז לא מצא את החק הזה המיוסד בלשון ובימיו היו מטמאין השלישי מק"ו ובדרך למודי המדות שיש מקום לפרכא כמו שפלפלו בגמרא וכשגלה ר"ע כלל זה אמר ר' יהושע מי יגלה עפר מעיניך וכו' וברוך שבחר בהם ובמשנתם.

**דף לח ע"ב: שור או כשב או עז פרט לכלאים פרט לנדמה, ר"ל דמלת או לחלק שיהי' שור או כשב לאי כלאים משני מינים.**

**כבר** התבאר שבועות (דף כ"ז) באורך שהכתוב ישמש תמיד ב,,ו" החילוק לא במלת או אם לא במקום דיש לטעות שהוא ,,ו" החיבור, וכן היל"ל שור וכשב ועז, רק שיש לטעות שהפירוש כשב ועז ביחד והיינו כלאים הבא משני המינים, ולכן אמר או עז להוציא כלאים, וכן במ"ש שור או כשב משום שאם אמר שור וכשב כפרש בנדמה לעגל וכשב. ולכן אמר או כשב להוציא נדמה, ומ"ש בהפך שור או כשב פרט לכלאים פירוש שאם ימעט נדמה ברישא א"צ מיעוט לכלאים דכ"ש הוא. ועז"א שמן מיעוט א' לבד נמעט רק כלאים, וע"י שנתמעטו כלאים מן או עז ידעינן שמ"ש או כשב או פרט לנדמה, וכדומה לזה רבות בלשון הספרא, ובב"ק (דף ע"ז) גבי טובח ומוכר או שה לרבות הכלאים, מקשה והתניא שור או כשב פרט לכלאים, אמר רבא התם מענינא דקרא, והכא מענינא דקרא, גבי גניבה דכתיב שור או שה שא"א יכול להוציא כלאים מביניהם או לרבות גבי קדשים דכתיב כשב או עז שאתה יכול

להוציא כלאים ומכניסם או למעט, ומקשה גבי קדשים נמי כתיב שור או כשב ונרבה, מדסיפא למעט רישא נמי למעט, אדרבא מדרישא לרבות סיפא נמי לרבות, הא׳ מאי אא"ב למעט היינו דאיצטריך תרי מעוטי דאע"ג דאימעיט כלאים צריך למעט נדמה, אבל אי אמרת לרבות תרי רבוים ל"ל השתא כלאים איתרבי נדמה מבעי. עכ"ד והכי פירושא, כי מלת או בא לרוב להוציא החיבור כמו מן התורים או מן בני היונה, ובמקום שאין לטעות שה„ו" הוא „ו" החיבור כמו מכל כלי עץ או בגד או עור או שק, בא מלת או על חלוקה המינית ללמד שמחלק בין המינים ומודיע דין כ"א, ובזה כל קרוב למין ומין יכנס בגדרו, דלא יכול לחשוב כל מינים שבעולם, (כמ"ש באה"ש כלל רי"ד) ובכ"מ, ולכן במ"ש כשב או עז שיש לצייר החיבור והוא כלאים הבא משניהם בא מלת או להוציא כלאים, אבל במ"ש כי יגנוב שור או שה שא"א לצייר החיבור, בא על החלוקה המינית להודיע הבדל הדין בין המינים וכל הקרוב אל מין שור או שה נכנס בגדרם ומרבה כלאים, כמו שמרבה מן או בגד או עור כל הקרוב אל מין בגד ואל מין עור, ועל מה שאלו שהלא גם בקדשים כתוב שור או כשב שאין לטעות בו על החיבור, השיבו שע"כ בא על כוונת המיעוט שבזה צריך תרי מיעוטים למעט נדמה וכלאים, משא"כ אם בא על כוונת החלוקה המינית ולרבות, אין צריך שני ריבוים ועיין בתוס׳ חולין (דף ע"ח ד"ה או) ומ"ש כי יולד פרט ליוצא דופן כבר באר‍נו כי בהרחבה גם יוצא דופן בכלל לידה אבל כשידבר בדיוק אינו בכלל ופה כי יולד מיותר שמובן שמדבר בעת לדתו וא"כ בא בדיוק דוקא לידה גמורה והתוספות פה כתבו שגמר לידה מבכור, ומה שאמר תחת אמו מפרש פרט ליתום ודבר זה פירש ריה"ג בספרא לפי שבבכור כתוב שבעת ימים יהי׳ עם אמו, וא"כ אא"ל תחת אמו ממש דהא כתב עם, וע"כ פירוש תחת אמו במקום אמו, כמו והכהן המשיח תחתיו, תחת אבותיך יהיו בניך, ר"ל שימלא מקום אמו בקיום המין, וזה אם מתה אמו אחרי לידה ונשאר היא תחתה, ולקיים שני הפסוקים עם אמו ותחת אמו צריך שתהיה אמו קצת אחר הלידה שהיה קצת עם אמו וקצת מהז׳ ימים תחתיה ובמקומה, אולם מן הלשון שדרש פרט ליתום מן תחת אמו שלריה"ג עקר הדרוש מן עם אמו, משמע שהת"ק מפרש שיהי׳ רובץ תחת אמו בעת הלידה, ולמעט אם זה פירש למיתה וזה לקיים שלא היה תחתיו כלל, וכמ"ש בחולין (דף ל"ח ע"ב) ובתוס׳ ד"ה אלא. שת"ק אינו ריה"ג, וכן במכילתא פ׳ (משפטים) שני דעות, ת"ק ס"ל תחת אמו פירוש עם אמו ור"כ ס"ל תחת אמו בא להדרש אחר אמו פירוש אם מתה ונשאר אחריה במקומה וכריה"ג עיי"ש. ור׳ ישמעאל בנו של ריב"ב ס"ל דלשון תחת שהוא זר בא לגז"ש עם מ"ש במעשר תחת השבט שאם מיעוט טריפה שאינה עוברת (רש"י בחולין קל"ו תמורה כ"ט) ופירש כגון נחתכו רגליה והתוס׳ גמגמו בזה. אבל במנחות (דף ה׳) פירש כין שאין לה חיות לא חשוב עוברת, ור"ל

הטריפה אין מעבירה תחת שבטו כיון שאין סופה לחיות, וה"ה פה לא חשוב תחת אמו ובמקומה שאין ראוי להתקיים וכן גמרינן מעשר מפה.

**חולין דף ל"ו ע"ב: והבשר לרבות עצים ולבונה.**

**הפסוק** והבשר אשר יגע בכל טמא לא יאכל באש ישרף והבשר כל טהור יאכל בשר, מבואר אצלנו שאינו מדרך המליצה לחזור השם בכל פעם. והיה ראוי לומר והבשר אשר יגע בכל טמא וכו' כל טהור יאכלנו, ועוד שהיה לו לומר הטמא לא יאכלנו, כי אינו ציווי שכל טהור יאכלנו ועוד האיך מרבה מכאן שני דברים עצים לבונה, לכן נראה שהפירוש והבשר כל טהור ר"ל שיהיו הכול טהור אף העצים והלבונה השייכם לו דלא נוכל לומר על הבשר לבד שיהיה כולו טהור ובודאי שנכללו גם העצים והלבונה לעבור עליהם ונתרבו שניהם מטעם כל ומריבוי מלת בשר מרבה בפסחים דף כ"ד את האימורין שנכתב בלא ה' הידיעה שמורה שאינו זה עצמו הבשר שנכתב קודם לו רק אימורין שנכלל ג"כ בשם בשר וזה מגלה על מלות כל טהור שכולל גם את האימורין אם יאכלם כשאינם טהורין אף שאינם ראוים לאכילה כמו עצים ולבונה. והכי פירושו. והבשר. שאמרתי לך אשר יגע בכל טמא לא יאכל. כל טהור יאכל בשר ר"ל יהיה כל טהור אף העצים והלבונה ואף האימורין אם יאכל בשר יהיו טהורין. ובספרא בו סימן קכ"ט דורש שיאכל כל מי שיקראוהו הבעלים לאכול מזבחם ור"ל כל טהור יאכל בשר ברשות הבעלים.

**דף מ"ב ע"א: גמ', א"ר שמעון בן לקיש רמז לטרפה מן התורה מנין וכו' מכלל דטרפה אינה חיה מנלן.**

**דהיל"ל** זאת מן החיה אשר תאכלו מכל הבהמה אשר על הארץ, וכן דרך הכתוב בכ"מ לציין בשמוש ה„מ" למקצת ולא כל, ודריש פה כוונה שניה זאת החיה דהיינו שאינה טרפה, אשר תאכלו, ומ"ד טרפה חיה כאידך תדר"י בין החיה הנאכלת ובין חיה אשר לא תאכל והדרוש הוא דלשון הבדלה נופל בעצם על דברים השוים והוא מבדיל ביניהם אם ע"י צורתם ומעלתם כמו בין קודש לחול אם ע"י מחילה דקה מבדלת, לא כן דברים נפרדים לגמרי כמו בין חמור לפרה מה שייך הבדלה וע"כ דריש על דבר שאינו אלא הבדל דק במיני טריפות מה המותר ומה האסור שתלוי לפעמים כחוט השערה, בספרא סוף (שמיני) שמשם ברייתא זו, אחרים פליגי וס"ל דבא לתת אזהרה לחיה, כי כבר אמר בספרא למעלה אין לי אלא בעשה בל"ת מנין, ולמד לא תעשה של חיות ובהמות טמאות שאינם מפרים ומעלה גרה מק"ו, ואחרים ס"ל דאין עונשים מן הדין אף שיש שם עשה דלא כסברת הרב המגיד, רק שממ"ש בין החיה אשר לא תאכל יש לא תעשה, ומכאן תשובה לכל המון הקושיות שהקשו על דברי הרב המגיד מסוגיות בתלמוד, דיש לומר דאתיא כדעת אחרים.

**ובמשנה** תורה סמך הטרפיות שמ"ש שנית את זה לא תאכלו ממעלי הגרה וממפריסי הפרסה השסועה, מלמד שיש במעלי הגרה ומפריסי פרסה שאי אתה אוכל והם הטרפות. ונראה שסמך לה עמ"ש השסועה, שקיי"ל כרב דמפרש לה בנדה (דף כ"ד) שמ"ש רב חנן שהיא ברי' שי"ל ב' גבין וב' שדראות ברי' בעלמא ליתא וכי אגמריה רחמנא למשה במעי אמה אגמריה וכן תרגם יונתן ברם ית דין לא תיכלון ממסקי פשרי' ומסדיקי פרסתא שלילא דליה תרין רישין ותרין שדראין הואיל ולית בזיניה חזי למתקיימא. ולפ"ז טעם האיסור משום שאין מינו מתקיים, וכלל בזה שה"ה כל הטרפיות הבלתי ראוין לחיות, ובשמיני ת"י ברם ית דין לא תכלין ממינא דמסקי פשרא וסדיקי פרסתא דאיתיליד ממסאבתא, הרי מפורש טהור הנולד מן הטמא, וממ"ת נדרש הבלתי מתקיים שעליו סמך לאסור כל שאין כמוה חיה. ובזה יתיישב מדוע אמר השסועה במ"ת ולא בתו"כ כי בתו"כ פתח זאת החיה אשר תאכלו, שכלל בשם חיה רק הראוי לחיות לא הטרפה, וכן ת"י וממלל ה' עם משה וכו' דיתפרשין מסואבות תמני סרי טריפין, שע"כ כיון על כת' הסומך זאת החי' לכן לא הזכיר השסועה, ובמ"ת שלא הזכיר זאת החיה סמך את הטרפיות עמ"ש שלא יאכלו ממעלי הגרה, ומ"ש במשנה לקמן (דף כ"ח) יכול אפילו אכלה הרדופני וכו' ר"ל אע"פ שאינה חיה היא בת קיום מצד עצמה רק המאכל עתיד להמיתה והוא בכלל מסוכנת ועיין מ"ש בפרי תואר יור"ד (ס' ס').

**דף מ"ב ע"א: דתנא דבי ר' ישמעאל זאת החיה אשר תאכלו מלמד שתפס הקב"ה מכל מין ומין והראה לו למשה ואמר לו זאת אכול וזאת לא תיכול.**

**כבר** בארנו כי כינוי הרומז זה, זאת, אלה, מורה תמיד על נרמז קרוב שהוא למראה עינינו, ובמקום שבא על דבר בלתי מצוי לפנינו דרשוהו חז"ל שהיה הענין אז למראה עינים כמ"ש במנחות (דף כ"ט) ומכילתא (בא) מד"ר (בא) ומדרש (בהעלותך) ג"ד נתקשה משה מנורה ר"ח ושרצים והראהו ה', וזה מעשה המנורה, החודש הזה, וזה לכם הטמא, והנה פה אמר מלמד שתפס הקב"ה מכל מין והראה למשה ובספרא (שמיני) שכן הראה משה לישראל ומשני המקומות משמע שנתקשה בכל המינים וסותר למה שהזכרנו בשם חז"ל שלא נתקשה רק בשרצים, וכבר הקשו בתוס', אולם דבריהם שגגו מאוד שבכל המינים הראה ה' למשה ומשה הראה לישראל, ומצאנו שכולם נשנו במשנה תורה לבד משרצים לא נשנו, כי כל המינים לא נתקשה בם, וספר פה מה שהראה ה' למשה ובמ"ת חזר והראה להם לישראל, לבד משרצים שנתקשה בם ולא יכול להראותם לישראל לכן לא נשנו במ"ת.